STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00191

HIML UN ERD

Note Lurye

Permanent preservation of this book was made possible by
Robert, Judith & Alex Weiss
in memory of
their grandparents

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נאָטע לוריע

הימל און ערד

ראָמאַן

פאַרלאַג «סאָוועטסקי פיסאַטעל»
מאָסקווע · 1965

ערשטער
טייל

קאַפּיטל איינס

אַרום נײַן אזייגער אין אָוונט, ווען ס'האָט זיך פאַרענדיקט די באראטונג פון די פאָרגעשריטענע בריגאַדירן פונעם הולײַפּאָליער ראיאָן, איז שעפּטל קאָבילעץ אינײַנעם מיטן טומלדיקן עולם ארויס עטוואָס אַן אופגערודערטער פונעם נײַ־אויסגעבויטן קולטור־הויז.

אינעם בלוילעכן דרויסן האָט געאָטעמט מיט פרישקײַט. די בריגאַדירן זײַנען זיך צעגאַנגען איבער דער אויסגעברוקירטער גאַס: ווער צום געראַמען קאָלווירטישן אײַנפאָר־הויף, וואָס האָט זיך געפונען אַפן סאַמע ראָג לעבן קינאָ־טעאַטער, ווער צו באַקאַנטע אַף די דערבײַיִקע גאַסן, ווו אין די גרויסע קילע הויפן זײַנען געשטאַנען זייערע וועגענער, לײַכטע בעדאַרקעס אַף רעסאָרן און אויסגעזאָטלטע פערד, אַף וועלכע זיי זײַנען זיך צונויפגעפאָרן אַהער, קיין הולײַפּאָליע, פון די נאָענטע און ווײַט־פאַנאַנדערגעוואָרפענע קאָלווירטן פונעם ראיאָן.

די באַראַטונג האָט זיך פאַרצויגן אַ סאַך מער, ווי זיי האָבן געהאַט אויסגערעכנט, און אויף וויפֿל ס׳איז געווען סאַמע ערעוו שניט־צײַט, האָט יעדערער פֿון זיי געײַלט נאָך היינט זיך אומקערן אַהיים. נאָר שעפּטל קאָבילעץ האָט פֿעסט געהאַט באַשטימט צו פֿאַרהאַלטן זיך, אויסנוצן די געלעגנהייט, וואָס ער איז דאָ, אין הולייפּאָליע, קעדיי זיך זען מיט עלקען.

נאָך מיט עטלעכע כאָדאָשים צוריק, אָנהייב אַפּרעל, ווען דער סעקרעטאַר פֿונעם ראַיאָנעם פּאַרטיי־קאָמיטעט מיקאָלע סטעפּאַנאָוויטש איוואַשטשענקאָ האָט באַזוכט שעפּטלס בריגאַדע, האָט ער אים דערציילט, אַז עלקע האָט זיך אומגעקערט מיט איר טעכטערל קיין הולייפּאָליע, אַז פֿאַר די יאָרן, וואָס זי איז ניט געווען דאָ, איז איר אויסגעקומען אַ סאַך איבערצולעבן. אין אַ צוזאַמענשטויס אויף דער גרענעץ מיט מאַנטשזשוריע איז אומגעקומען איר ברודער, און ביכלאַל איז אויף איר גורל זייער אַ סאַך אויסגעפֿאַלן. דאָך איז זי פֿאַרבליבן ענערגיש, ווי פֿריִער, און אַרבעט אַלס שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם דירעקטאָר אין ראַיאָנעם פּונקט פֿון „זאַגאָטזערנאָ“.

פֿון זינט שעפּטל האָט זיך דערוווּסט, אַז עלקע האָט זיך אומגעקערט קיין הוליי־פּאָליע, האָט אים ניט געלאָזט צורו דער נאָגנדיקער פֿאַרלאַנג צו זען זיך מיט איר.

לעבנדיק העכער אַכט יאָר מיט זעלדען, וועלכע האָט אים געבוירן פֿיר קינדער־לעך, איינס גראַטעגער פֿונעם אַנדערן, האָט ער איצט שוין זיכער ניט געהאַט צו עלקען יענע ערשטע געפֿיל, וואָס אַמאָל, ווען ער איז ניט געשלאָפֿן קיין נעכט צוליב איר און געטרוימט, אַז זי וועט זײַן די באַלעבאָסטע בײַ אים אין שטוב. נאָר דאָך איז אים עלקע פֿאַרבליבן נאָענט און טײַער, ווי אין איר זאָל זײַן פֿאַרבאָרגן אַ וועזנטלעכער טייל פֿון זײַן אייגן לעבן. און כאָטש ס׳איז שוין אַכט יאָר, ווי זיי האָבן זיך ניט געזען, זײַנען ביז היינט מיט עלקען פֿאַרבונדן זײַנע בעסטע געפֿילן.

ער האָט דעריבער לאַנג געזוכט אַ געלעגנהייט אַראָפּצוכאַפּן זיך קיין הוליי־פּאָליע. נאָר עס איז גראָד געווען די הייסע צײַט פֿון פֿעלד־אַרבעטן און ער האָט זיך ניט געקאָנט פֿאַרגינען איבערלאָזן די בריגאַדע אַפֿילו אויף איין טאָג.

איצט אָבער, זײַענדיק אויף דער באַראַטונג, האָט ער באַשטימט זיך זען מיט איר. בײַ אים האָט ערגעץ אַפֿילו געטליִעט אַ האָפֿענונג, אַז, דערוויסנדיק זיך וועגן דער באַראַטונג, וועט זי אַליין קומען אַהער. יעדעס מאָל, ווען ס׳האָט זיך געעפֿנט די טיר, האָט ער אַ באַאומרויִקטער זיך אומגעקוקט. נאָר אומזיסט, די באַראַטונג איז שוין געגאַנגען צום סאָף און עלקע איז ניט געקומען. גיין צו איר אויף דער אַרבעט, ווו ס׳איז שטענדיק פֿול מיט מענטשן, האָט זיך אים ניט געוואָלט, בעסער צוגיין צו איר אַהיים.

באַטאָג, אין צײַט פֿון איבעררײַס, איז שעפּטל ניט געגאַנגען מיט די בריגאַדירן עסן מיטיק אין דער ראַיאָנער „אידאַלניע“, נאָר ער האָט אַוועקגעײַלט אין ראַיויס־פּירקאָם און דאָרט זיך דערוווּסט עלקעס אַדרעס. זי האָט געוווינט גאַנץ ווײַט פֿון צענטער, נאָך דער הילצערנער בריק, אינעם ניט לאַנג צוריק אויסגעבויטן צווישטשאַקיקן הויז.

אויפֿן וועג צום ראַיויספּירקאָם האָט שעפּטל זיך אַרײַנגעכאַפּט אין ראַיאָנעם

אוניוועדמאג און, איבערקלײַבנדיק די קינדער־שפּילכלעך, באַטראַכטנדיק די פּרײַזן, זיך לאַנג פֿאַרהאַלטן, ביז ער האָט, סאַפּקאָלסאַף, געקויפֿט א רויט־בלויע פּילקע, א פֿײַפֿעלע, א מויל־האַרמאָניק און נאָך עטלעכע קלייניקײַטן פֿאַר זײַנע קינדער און א פֿאַרביק פּושקעלע מיט מאַנפּאַסיע פֿאַר עלקעס טעכטערל. די מאַטאַ־נעס, אײַנגעוויקלטע אין א גרויס געל פּאַפּיר, האָט ער אָפּגעטראָגן אין קאָלווירטישן אײַנפֿאָר־הויז, באַהאַלטן אין בעדאַרקע אונטער דער זיצלקע. דאָס פּושקעלע מיט מאַנפּאַסיע האָט ער געגומען מיט זיך אין קעשענע.

און אָט איצט, ווי נאָר די באַראַטונג האָט זיך פֿאַרענדיקט, האָט ער זיך געלאָזט גיין אַרוף גאַס. ער האָט ניט באַוויזן אָפּגיין ביזן ראָג, ווי ס׳האָט אים דעריאָגט דער בריגאַדיר פֿונעם שכיינעסדיקן וועסיאָלאָקוטער קאָלווירט.

— קאַבילעץ, — האָט ער אים אַ רוף געטאָן, — מיר פֿאָרן אהיים?

— איך וועל נאָך... איך דאַרף זיך נאָך פֿאַרהאַלטן א ביסל, — האָט שעפּטל פֿאַרלוירן געענטפֿערט.

— נו, איז גיב פֿאַרייכערן.

שעפּטל האָט שווײַגנדיק אַרויסגעשלעפּט פֿון דעם גלאַט־אויסגעפּרעסטן ווײַסן לײַנענעם פּידזשאַק אַן ערשט אָנגעהויבן פּעקל ניט טײַערע פּאַפּיראָסן און דער־לאַנגט אים.

— איז פֿאַרסטו איצט ניט? — האָט דער וועסיאָלאָקוטער בריגאַדיר ערנסט א פֿרעג געטאָן, צורייכערנדיק דעם פּאַפּיראָס. — נ־נו, נו, זע נאָר, — האָט ער, פֿאַרזשמורענדיק עטוואָס אַן אויג, א זאָג געטאָן, — זע נאָר, אז נאָך דעם, ווי מע האָט דיך געלויבט אויף דער באַראַטונג, זאָלסטו מיר...

ער איז נאָך א ווײַלע געשטאַנען און נאָכגעקוקט שעפּטלען. ער האָט אים גוט געקענט, שעפּטלען, נאָך ניט געווען אזא פֿאַל, אז עמעצער פֿון די בריגאַדירן פֿון די אַרומיקע שכיינעסדיקע קאָלווירטן זאָל אײַנפֿירן עפּעס א נײַס בא זיך אין בריגאַדע און שעפּטל זאָל זיך גלײַך ניט דערוויסן וועגן דעם און ניט אַראָפּקומען צו זיי אויף די קוקורוזע־לאַנקעס, צי אויף די ווייץ־פֿעלדער, אָדער אויף די בורעקעס־פּלאַנטאַציעס און נאָכגיין פֿוסטריט, צו אַלץ זיך צוקוקן, דערגרונטעווען זיך ביז יעדער קלייני־קײַט, קעדיי איבערנעמען דאָס בײַע גלײַך צו זיך אין בריגאַדע אַרײַן. ער האָט גוט געוווסט, אז שעפּטל געהערט ניט צו יענע, וועלכע וועלן זיך גלאַט אזוי, אָן א וויכ־טיקער סיבע, פֿאַרהאַלטן אפֿילע אויף אַן איבעריקער מינוט. מיסטאָמע האָט ער זיך דערוווסט, אז מע קאָן דאָ עפּעס קריגן פֿאַרן קאָלווירט פֿון די בײַע מאַשינעס, און וויל פֿאַרלויפֿן דעם וועג, קאָלזמאַן קיינער ווייסט נאָך ניט וועגן דעם.

די הויפּט־גאַס איז שוין געווען העל באַלויכטן מיט עלעקטרישע לעמפּעלעך און שטאַרק באַלעבט. פֿון פּאַרק האָט זיך דערטראָגן מוזיק, און ווי שטענדיק אין דער צײַט, ערעוו דעם אָפּרו־טאָג, איז די יוגנט א פֿאַרפּוצטע אַרויס אויף שפּאַציר.

שעפּטל איז מיט ברייטע טריט געגאַנגען אונטער די פֿאַנאַנדערגעוואַקסענע אַקאַציעס באַם סאַמע זײַט טראָטואַר, ניט אומקוקנדיק זיך אויף די פֿאַרבײַגייענדיקע,

ווי ער וואָלט מוירע האָבן, אַז עמעצער פון די באַקאַנטע אין ראַיצענטער זאָל אים ניט באַגעגענען און ניט פאַרהאַלטן איצט.

אַנטקעגן דעם ראַיוויספּירקאָם האָט ער איבערגעשניטן דעם צענטראַלן פּלאַץ, ווו אין די זונטיק־טעג פּלעגן זיך אויסשטעלן גרויסע זייער טומלדיקע קאָלווירטישע מערק, זיך פאַרנומען אָף דער גרינגער לאַנגער גאַס, וואָס האָט געפירט צו דער הילצערנער בריק, און, אויסמײַדנדיק זי, ענדלעך פאַרקערעוועט מיט דעם נײַעם, נאָך ווייניק באַגרינטן געסל.

שעפּטל האָט נאָך פונדערווײַטן דערזען דאָס צווישטאָקיקע הויז און דערפילט, אַז דאָס האַרץ האָט בא אים מיטאַמאָל אָנגעהויבן אומרויִק קלאַפּן.

„אין אָט דעם הויז לעבט זי... ווי וועט זי אים באַגעגענען"...

פון די געדאַנקען זײַנען די טריט בא אים געוואָרן ניט זיכער און ער האָט א טראַכט געטאָן: „עפּשער אומקערן זיך, אײַנשפּאַנען די בעדאַרקע און הײַדאַ אַהיים... אין דער היים וועט מען דאָך שוין באַנאַכט וואַרטן אָף אים"... נאָר ער האָט געפילט, אַז ער קאָן זיך שוין ניט אומקערן, און וואָס עס זאָל ניט זײַן, וועט ער סײַווי אַרײַנגיין צו איר.

לעבן דער קאַליטקע איז אין א געקווייטלטן כאַלאַט, אין שטעקשיך געשטאַנען א פולבלעכע פרוי און געקנאַקט קערלעך. שעפּטל האָט בא איר א פרעג געטאָן, ווו וווינט דאָ דער שטעלפאַרטרעטער פונעם דירעקטאָר פון „זאַגאָטזערנאָ". די פרוי האָט באַטראַכט שעפּטלען און אָנגעוויזן אים אָפן מיטלסטן פליגל פונעם ערשטן שטאָק.

פאַרבײַגייענדיק דאָס באַלויכטענע פענצטער, האָט שעפּטל צעטראָגן זיך אומגעקוקט. דורך דעם דינעם ווײַסן פאָרהענגל האָט ער באַמערקט עלקען.

דאָס האַרץ האָט בא אים אופגעצאַפּלט, ווי אַמאָל.

כאָטש שעפּטל האָט שוין עטלעכע כאַדאָשים אָף זיכער געוווּסט, אַז עלקע איז ווידער דאָ, אין הולײַפּאָליע, האָט זיך אים ביז איצט דאָך אַלץ עפּעס ניט געגלייבט, אַז זי איז אַזוי נאָענט פון אים.

און אָט — אָט שטייט ער לעבן איר טיר...

שעפּטל האָט עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד אויסגעווישט מיטן טיכעלע דעם שוויס, וואָס איז אַרויסגעטראָטן בא אים אָפן שטערן, א פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער דעם קאָלנער פון פידזשאַק און ניט דרייסט אָנגעקלאַפּט.

קיינער האָט ניט געענטפערט. פון צימער האָט זיך דערטראָגן א טומל. שעפּטל האָט גלײַך דערקענט עלקעס שטים. זי האָט הויך גערעדט, קימאַט געשריִען, קאַנטיק אָפן קינד: „וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, זאָלסט ניט טשעפּען דעם טינטער, נו, וואָס זאָל איך איצט טאָן מיט דיר"...

דאָס מיידעלע האָט וויינענדיק עפּעס געענטפערט. שעפּטל האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אָנגעקלאַפּט שטאַרקער.

— ווער איז?

— מע קאָן... מע קאָן אַרײַן?.. — האָט שעפּטל, א וויג טוענדיק זיך פון איין פוס אָף דעם אַנדערן, ניט מיט זײַן שטים א פרעג געטאָן.

אין צימער איז באַלד שטיל געוואָרן. דאָס מיידעלע האָט אופגעהערט וויינען. און שעפטל האָט, ווי עפּעס זייער איינגס, דערקענט עלקעס ענערגישע און לײַכטע טריט. עלקע האָט געעפנט די טיר און איז געבליבן שטיין עטוואָס פאַרלוירן אינעם העלן ציצענעם כאַלאַטל. אין קאָרידאָר, וווּ שעפטל איז געשטאַנען, איז געווען פינצטער, און זי האָט אים ניט דערקענט.

— צו וועמען דאַרפט איר? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

פון איר פראַגע האָט שעפטל זיך לאַכלוטן פאַרלוירן.

— מע קאָן... כ'מיין... ס'איז ניט שפּעט?.. — האָט ער, שווער איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, מיט דער הייזעריק־געוואָרענער שטים געפרעגט.

— צו מיר?.. וואָס האָט פּאַסירט?..

„זאָל זײַן, אַז זי דערקענט מיך ניט?” נאָר איצט זיך אויסדרייען און אוועקגיין פאַסט שוין ניט. זײַענדיק ניט געגרן מיט זיך, איז שעפטל מיט צעטומלטע שווערע טריט ניט זיכער אדורך דעם פירהויז און, פאַרטשעפּענדיק זיך אין דער שוועל, אַ צעשטרייטער אַרײַן אין גוט־באַלויכטענעם קליינעם צימערל. דאָ האָט עלקע זיך אויסגעדרייט צו אים, געבליבן אין רעגע שטיין, ווי זי וואָלט ניט גע־גלייבט די אייגענע אויגן, און מיטאַמאָל אויסגערופן:

— שעפטל?!..

זי האָט זיך געלאָזט צו אים מיט אויסגעשטרעקטע הענט, און ער, פון אומגע־ריכטקײַט, פון פאַרלוירנקײַט, פון צעטומלטקײַט, האָט איר בלויז דערלאַנגט די האַנט.

אף איין רעגע איז עלקע געבליבן אין פאַרלעגנהײַט, זי האָט אָבער זיך גלײַך באַהערשט, גענומען זײַן ברייטע באַקאַנטע האַנט און שטאַרק געדריקט.

— שעפטל... זע... דאָס ביסטו... ביסט געוואָרן... ביסט געוואָרן אַזאַ, אַז איך וואָלט דיך גאָר ניט דערקענט...

— טאַקע? — האָט שעפטל אַ פיר געטאָן מיטן אַקסל.

נייך, זי האָט זיך אים אַזוי בעשום־אויפן ניט פאַרגעשטעלט. ער האָט זיך איר פאַרגעדענקט אַזאַ, ווי זי האָט אים געזען דעמלט, ווען ער איז פאַרבליבן אַליין, דער לעצטער אינדיווידואַל אַפּן כוטאָר. שטענדיק, ווען זי האָט נאָר אַ טראַכט געטאָן וועגן אים, איז ער אופגעקומען פאַר אירע אויגן אין דעם אויסזען, ווי זי האָט אים געטראָפן דעמלט לעבן דעם פאַרשנייטן גאָרטן מיטן צעפּאָרענעם שליטן געשפּאַנט אין איין פערד, אין אַן אַלטן צעריסענעם פעלץ, אין אַן אָפּגעקראַכענער האָזענער הוט, אין צעפּאָרענע, מיט שטרוי פאַרשטעקטע וואַליקעס, און ס'האָט איר ווי געטאָן דאָס האַרץ פאַר אים.

איצט האָט עלקע געזען פאַר זיך גאָר אַן אַנדער שעפטל. ער האָט אַפילע אויס־געזען העכער, שטאַלטנער, און ס'האָט זיך געפילט אַ וועזנטלעכע ענדערונג אין זײַן האַלטן זיך, אין אַלץ. דאָס האָט זי דערפרייט, און זי האָט זיך אַפילע אין דער שטיל איבערגענומען, וואָס ער איז געוואָרן אַזאַ.

— גוט, זייער גוט, וואָס דו ביסט אַרײַן... און איך האָב געמיינט... גיי ווייס... איז וואָס זשע שטייסטו?

עלקע האָט פון לאַנג זיך געהאַט אויסגעבענקט נאָך אַ באַנענטן מענטשן, און איצט, דערזעענדיק אַזוי אומגעריכט אָט דאָ בײַ זיך אין צימער שעפּטלען, האָט זי זיך אַזוי דערפרייט, אַז זי האָט אין דער מינוט פאַרגעסן אין אַלע אירע דײַגעס און זאָרג.

— זייער גוט, וואָס דו ביסט אַרײַן, — האָט זי איבערגעכאַזערט, — כ'האָב שוין לאַנג... — און מיטאַמאָל זיך אַליין איבערגעשלאָגן: — פּונקט אַזאַ אומאָרדענונג אין צימער... דאָס האָט סוועטקע, די טאָכטער מײַנע, דעם טינטער איבערגעקערט, — עלקע האָט זיך אומגעקוקט אַף דעם פאַרשולדיקטן מיידעלע, וואָס איז אַ בלייכינקע געשטאַנען אין ווינקל אין אויסגעטראָטענע סאַנדאַלן און מיט פאַרווייינטע אויגן פאַרכידעשט געקוקט אַף שעפּטלען.

— דאָס איז דײַן טעכטערל? — האָט שעפּטל געפרעגט און זיך פאַרקוקט אַפן קינד.

— דאָס איז אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג... נו, זעץ זיך, וואָס שטייסטו... אַזאַ גאַסט... ווען איך ווייס פריער... אַנטשולדיק מיר... איין מינוט. איך וועל כאַטש עטוואָס צו־קלײַבן, — זי האָט מיט גיכע באַוועגונגען גענומען אויפראַמען אַפן טיש, — אַזאַ גאַסט, — האָט זי נאָך אַלץ, ניט קומענדיק צו־זיך, איבערגעכאַזערט, — ווען ביסטו געקומען?.. און אין כוטאָר?.. וואָס טוט זיך בײַ דיר אין דער היים?.. וואַרט צו... איין מינוט... וועסט מיר באַלד אַלץ, אַלץ דערציילן. — עלקע האָט פלינק פאַרשפּרייט אַ ריינעם גלאַט־אויסגעפּרעסטן טישטעך און, דערמאָנענדיק זיך, אַז זי איז אין כאַ־לאַט, פאַרלוירן זיך, גיך פאַרכאַפּט עפּעס מיט זיך פון טשעמאָדאַן און אַ פאַרטראָ־גענע, מיט לײַכטע טריט אַרויס אין פירהויז.

שעפּטל האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט און באַטראַכט דאָס געמיין־אויסגעשטאַטע צימערל: „קאַנטיק, אַז ניט גרינג לעבט זיך איר דאָ".

אין דעם ווײַס אויסגעקאַלכטן צימערל איז בײַ דער וואַנט געשטאַנען אַ שמאָ־לער דיוואַן, אַרומגעצויגן מיט העל־בלוילעכן ציץ, אַנטקעגן אַ זויבער־ריין פאַרבעט בעט און אַ הילצערן קינדעריש בעטעלע. אינמיטן — אַ קליין פירקאַנטיק פּאַניר־טישל מיט צוויי בענקלעך. איין ווינקל, לעבן פענצטער, האָט פאַרנומען אַן עטאַ־זשערקע מיט ביכער. דער צווייטער ווינקל איז געווען ליידיק. אַף דער וואַנט איבער דער עטאַזשערקע איז געהאַנגען סטאַלינס באַרעליעף און דערבײַ, אײַנגעפּאַסט אין אַן אויסגעשניצט ראַמל, אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ מיליטערמאַן.

שעפּטל האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז אָט דער פּאָלקאָווניק מיטן אָפענעם, פריילעכן און גוטמוטיקן פּנים איז עלקעס מאַן.

— קום צו מיר, — האָט ער אַ רוף געטאָן צו זיך דאָס פאַרווייינטע מיידעלע, צוזעצנדיק זיך אַפן בענקל.

דאָס מיידעלע איז אַ ווײַלע נאָך געשטאַנען אומבאַוועגלעך און מיטאַמאָל, אַנט־שליסנדיק זיך, צוגעלאָפן צו אים.

— און דאָס איז מײַן טאַטע...— האָט זי אים מיט קינדערשן שטאָלץ געזאָגט, אָנווײַזנדיק אױף דער פאָטאָגראַפיע.

שעפטל האָט איצט באַמערקט, אַז זי איז זייער ענלעך אױפן טאַטן, — בײַ איר זײַנען אױך שײנע בלױע אױגן, — און ער האָט לײַכט אַ גלעט געטאָן מיט זײַן ברייטער שווערער האַנט איר קעפּל מיט די װײכע לײַנענע האָר.

— ווי רופט מען דיך? — האָט שעפטל געפרעגט, בעמענדיק זי צו זיך אױף די קני.

— סוועטע.

— און די פאַמיליע דײַנע?

— אָרעשינאַ, — האָט זי מיט אַ װײנענדיקער שטים געענטפערט, — און איך בין ניט שולדיק, וואָס דער טישטעך האָט זיך פאַרליאַפּעט.

— נו, פאַרשטייט זיך, — האָט שעפטל זי אונטערגעהוידעט אױף די קני, — ווי־באַלד דער טישטעך האָט זיך פאַרליאַפּעט, איז דער טישטעך מיסטאָמע אַליין שולדיק...

— ניין, ניט דער טישטעך. שולדיק איז דער טינטער. ער האָט זיך אַליין איבער־געקערט.

— אַליין? טאַקע? אָט האָסטו דיר!.. וויאַזוי האָט ער עס אַליין גענומען און זיך איבערגעקערט?

— דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געוואָלט שטיין אױף איין פיסל, — האָט זי זיך פלוצלינג צעלאַכט.

— אָט ווי!..— האָט שעפטל הילכיק אַ קנאַק געטאָן מיט דער צונג, — און דו קאָנסט שפרינגען אױף איין פיסל?

— אפילע ביזן סאַמע פענצטער.

— נו, אויב אַזוי, קומט דיר טאַקע אַ מאַטאָנע, — שעפטל האָט אַרויסגענומען פון קעשענע די פאַרביקע פושקע מיט מאָנפּאַסיע און געגעבן סוועטען.

— אױ, סאַראַ שיין פושקעלע, — האָט סוועטע אױסגעשריִען. זי איז אַראָפּ־געשפּרונגען פון שעפטלס קני און אוועקגעלאָפן אנטקעגן עלקען, וועלכע איז, פאַרלכטנדיק די האָר, אַרײַן.

— מאַמע, זע!..— האָט זי פריילעך געקלונגען מיט דעם בלעכענעם פושקעלע.

עלקע איז געווען איבערגעטאָן אין אַ ציכטיק ווײַס קאָפטעלע און אין אַ בלאָוו שעוויאָטן קליידל, וואָס האָבן שיין אַרומגענומען איר שלאַנקן קערפּער.

— איך זע, איר האָט זיך שוין באַפרײַנדעט, — האָט זי אומעטיקלעך אַ שמייכל געטאָן, — איין מינוט נאָר, שעפטל... סוועטע, צײַט שלאָפן, — האָט זי שטרענג געזאָגט און גענומען באַלייגן דאָס קינד אין דעם אויסגעבעטן בעטעלע.

„ווי וווּל זי איז", — האָט שעפטל פון דער זײַט געקוקט אױף איר. וויפל יאָר אַדורך, און זי איז פאַרבליבן די זעלבע שיינע און שלאַנקע עלקע... דער גאַנג, ווי דעמלט... די האָר באַגילדעטע, ווי דעמלט... זיי זײַנען איצט נאָר אַ ביסל לענגער, פון אונטן געקרײַזלט און דערגרייכן קימאַט ביז אירע אַקסלען. ס'האָט פון איר געעטעמט מיט פרישקײַט, מיט זויבערקײַט.

עלקע האָט אוועקגעלייגט דאָס קינד שלאָפן, צוגעגאַנגען צום טיש און באַמערקט, אַז שעפטל נעמט ניט אַראָפּ די אויגן פון איר.

— וואָס, איך האָב זיך שטאַרק געענדערט? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— פאַרקערט... איך... איך האָב דיך פאַרגעדענקט אָט אַזאַ... אַזאַ, ווי איך האָב דיך דערזען דאָס ערשטע מאָל...

— און איצט זעסטו פאַר זיך גאָר אַן אַנדער עלקע, הא, שעפטל?

— פאַרוואָס?.. — האָט ער, קוים איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, אַרויסגערעדט און דערפילט אין דער זעלבער רגע, אַז ער איז רויט געוואָרן.

עלקע האָט לויט איר אַלטער געוווינהייט לייכט פאַרוואָרפן די האָר אַהינטער.

— אוי, שעפטל, וויפל איך האָב פאַר אָט דער צייט איבערגעלעבט, — האָט זי טרויעריק געזאָגט, — פרעג בעסער ניט...

שעפטל האָט פאַרזיכטיק אַ קוק געגעבן אויף דער פאָטאָגראַפיע, וואָס איז געהאַנגען איבער דער עטאַזשערקע. ער האָט ניט געוווּסט, וועגן וואָס עלקע רעדט, נאָר פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז מיט איר מאַן געשען.

— ווען דו ווייסט, סאַראַ מענטש ס׳איז אַלעקסיי. — זי האָט גיך, ווי זי וואָלט ניט וועלן, אַז שעפטל זאָל באַמערקן, אַ וויש געטאָן מיט דעם טיכעלע די פייכט־געוואָרענע אויגן. — און פאַר וואָס?.. און מיין ברודער שמערלען געדענקסטו? אומגעקומען בײַ דער גרענעץ... אומשולדיק, — האָט זי מיטאַמאָל זיך אַ כאַפּ געטאָן, — זיך פאַרעדט... ניט פאַר יעדן איינעם וועסטו אויסריידן דאָס האַרץ.

— דערצייל פריער דו, — האָט זי זיך אומגעקוקט אויפן קינד, וואָס איז נאָך ניט געשלאָפן, — וואָס מאַכסטו?.. אַ ביסל ווייס איך. איוואַשטשענקאָ האָט מיר דערציילט. וואָס מאַכט זעלדע? נאָך אַזוי שיין, ווי געווען?

שעפטלען איז אָנגענעם געווען, וואָס עלקע רעדט אַזוי וועגן זעלדען.

— איך וואָלט זי זייער וועלן זען, און די קינדערלעך... איך שטעל זיך פאָר, ווי פריילעך ס׳איז בײַ דיר אין שטוב. ווי אַלט זײַנען זיי?

— דעם עלטערן, שמועלקען, איז שוין געוואָרן זיבן יאָר, אַ פאָלנער פאַרעבאָק... און די איבעריקע קאָמאַנדע — אויף צוויי יאָר יינגער איינס פונעם אַנדערן. עסטערקען איז פינף, טײַבעלען — דרײַ, און דעם סאַמע קלענסטן, שאָלעמקען, איז אָקאָרשט, פּונקט פאַראַכטאָגן שאַבעס, געוואָרן אַ יאָר... ס׳איז יענע כאַפּטע, סאַקאַנעס־נעפאַשעס, דער סאַמע קלענסטער איז גאָר אַ באַרדאַס...

— געראָטן מיסטאַמע אין דיר, — בײַ עלקען האָט זיך באַוויזן אַ קוים באַמערקבאַרער שמייכל אויף די ליפּן.

— ניין, דאַפקע ניט. די מיידלעך זײַנען נאָך אַ ביסל ענלעך אויף מיר, נאָר די יינגלעך איבגאַנצן אויף דער מאַמען, אויף זעלדען.

— יאָ, און די מאַמע דײַנע... וואָס?

— די מאַמע, דאַנקען גאָט, שוין בײַ די זיבעציק. נאָר נישקאָשע, זי העלפט נאָך אַ ביסל אין שטוב.

— מיך, מיסטאַמע, געדענקט זי שוין ניט...

— פארוואָס? אָט דאָ ניט לאנג, ווען איוואשטשענקאָ האָט דערציילט וועגן דיר, האָט זי זיך אפילע דערמאָנט, ווי דו ביסט ארײַן צו אונדז אין הויף און געהאָלפן צודעקן דעם וואָרעך...

— טאקע? — האָט עלקע זיך דערפרייט. — ריכטיק. כ׳האָב טאקע צוגעדעקט. ס׳האָט זיך געקליבן אף א רעגן. און דו ביסט ניט געווען. באנאכט נאָכדעם האָט מען מיך פארווונדעט. דוכט זיך, ערשט ניט לאנג איז עס געווען, און שוין אזויפיל יאָרן אדורך...

— און דו האָסט זיך אפילע ניט פארבענקט... וויפל ביסטו שוין דאָ אין הוליי־פּאָליע? דרײַ כאָדאָשים... וויאזוי כאפסטו זיך ניט אראָפּ צו אונדז א קוק טאָן כאָטשבי, ווי עס זעט אויס דער כוטאָר, דער קאָלווירט?.. דו האָסט דאָך אים אָרגאַ־ניזירט... ווערסט איצט ניט דערקענען בוריאַנאָווקע...

— זיך שוין לאנג געקליבן, נאָר פרעג, צי האָב איך געהאט א פרײַע מינוט. איצט, עמעס, איז שוין גרינגער. איך וועל אומבאדינגט צופאָרן. א שפּאן האָבן מיר אן אייגענעם. א בריטשקע מיט צוויי ריסאקעס...

— מאמע, איך וויל אויך פאָרן, — האָט סוועטע זיך אופגעזעצט אין בעטל, האלטנדיק דאָס פּושקעלע מאָנפּאסיע אין האנט.

— פארוואָס שלאָפסטו ניט? — עלקע האָט זיך אופגעהויבן און איז צוגעגאנגען צו איר.

— איך וויל ניט שלאָפן, — האָט סוועטע זיך צעווײנט, — איך וויל אויך פאָרן.

— נאָר ניט געוויינט!..

— מע דארף ניט וויינען, — האָט שעפּטל זיך אויך אופגעהויבן, — ווילסטו פאָרן, איז וואָסי דאָ צו וויינען? קום פאָרן מיט מיר. ווילסט?

— איך וויל, — האָט זי געזאָגט, צעשמירנדיק מיטן פויסטל די טרערן אפן פּאָנעם, — און... און מיט וועמען וועל איך זיך דאָרט שפּילן?

— אָ, בא מיר איז פאראן א מיידעלע, ווי דו, און א ייִנגעלע א ביסל עלטער, און א מיידעלע א ביסל ייִנגער, און נאָך א ייִנגעלע — שאָלעמקע, א קלייניקער... אהאָ, מיט וועמען זיך צו שפּילן ווערסטו האָבן, און א קאץ איז בא אונדז פאראן, און א הונט, און טויבן א פולער בוידעם...

— און וואָס נאָך?

— און אף דער פערמע זײַנען פאראן אינדיקעס — האָלדער־האָלדער, און קאטשקעלעך, און גענדז...

— און וואָס נאָך?

— און כאזיירימלעך, און קעלבעלעך, און לאָשיקעס... רײַטנדיק קענסטו פאָרן?

— רײַטנדיק?

— יאָ, רײַטן אף אן עמעסן פערד. ניין? וועל איך דיך אויסלערנען.

— אן עמעס, מאמע? — האָט זי זיך אומגעקוקט מיט די בלויע אויגן אף עלקען.

— דריי זיך אויס מיטן פּאָנעם צו דער וואנט און שלאָף. אז איך וועל פאָרן, וועל איך דיך מיטנעמען, גוט?

— גוט, — האָט סוועטע א שאָקל געטאָן מיטן קעפּל, — נאָר זאָל דער דיאַדיע ניט אוועקגיין, הא, מאַמע... זאָל דער דיאַדיע בלײַבן בא אונדז...

— דעק זיך שוין צו און שלאָף, — האָט עלקע אינדערעמעסן זיך א בייזער געטאָן, — שוין שפּעט... דיר איז שוין לאַנג צײַט שלאָפן.

— א טײַער טעכטערל בא דיר, — האָט שעפּטל אין א ווײַלע ארום שטיל געזאָגט.

עלקע האָט אָנגעצונדן דאָס קליינע טישלעמפּל, וואָס איז באַדעקט געווען מיט א גרינעם אַבאַזשור, און אויסגעלאָשן דעם גרויסן לאָמפּ. אין צימער איז געוואָרן טינקעלער און אפילע אָנגענעמער.

— צו דער שײַן איז זי געוווינט, — האָט עלקע ניט הויך געזאָגט.

עלקע האָט געעפנט דאָס פענצטער. דאָס לײַכטע פאָרהענגל האָט זיך א וויג געטאָן, און ס׳האָט פון דרויסן א צי געטאָן מיט פרישער לופט. ערגעץ ווײַט, קאָנ־טיק אין פּאַרק, האָט נאָך געשפּילט מוזיק, און ס׳האָבן זיך דערטראָגן אהער עט־וואָס פאַרטויבטע קלאַנגען פון א באַקאַנטן וואַלס.

זיי זײַנען געזעסן, געקוקט איינער אפן אַנדערן און געשוויגן.

— דו ווייסט, שעפּטל... — עלקע האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר זיך פאַר־כאַפּט. — וועל איך בוריאַנאָווקע טאַקע ניט דערקענען? און וואָס מאַכט כאַנציע? יאָ... און קאַלמען זאַהאַט?...

— וואָווען זײַנעם געדענקסטו? געווען בא דיר אין פּיאָנערן־אָטריאַד.

— כ׳געדענק, פאַרשטייט זיך.

— שוין א כאָסנבאָכער. דער בעסטער טראַקטאָריסט בא אונדז. שפּאַצירט מיט כאַנציעס טעכטערל, מיט נעכאַמקען. געוואָרן א שיין מיידל, ווי גאָלד. אַרבעט בא מיר אין בריגאַדע. אין האַרבסט, ווײַזט אויס, וועלן מיר הוליען אף זייער כאַסענע...

— וואַרט צו... און ווער האָט עס געוווינט אַנטקעגן יודל פּיסקובען, אפן סאַמע עק גאַס?

— אַנטאָן סלאָבאָדיאַן מיינסטו? דער מעכאַניקער אף דער עלעקטראָסטאַנציע... געדענקסט, ווו ס׳איז געווען די ווינטמיל? דאָרט שטייט איצט די עלעקטראָ־סטאַנציע...

— און די הרעבליע איז געבליבן? — האָט זי שטיל געפרעגט.

שעפּטל האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זיי זײַנען לאַנג געזעסן אזוי איינער אַנט־קעגן אַנדערן און געשוויגן.

מיטאַמאָל האָט עלקע פאַרוואָרפן די האָר און ווידער גענומען אים אויספרעגן וועגן יעדן איינעם, וועגן יעטווידער קלייניקײַט. נאָר וועגן דעם, וואָס האָט געהאַט א שײַכעס צו זיי ביידן, — וועגן דעם האָבן זיי מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט.

— זאָג מיר, און וואָס מאַכט דאָדיע בורלאַק, — האָט זי פאַרטראַכט א פרעג געטאָן, — ער וווינט, דוכט זיך, פונקט אַנטקעגן דיר, איבער דער גאַס...

— פונקט אַנטקעגן... מאָרגן פראַוועט מען בא זיי די גאָלדענע כאַסענע... — שעפּטל איז אַנשוויגן געוואָרן און נאָכדעם שטיל זיך אָנגערופן:

— נו, און וואָסי באַ דיר?..

— וואָס זאָל איך דיר דערציילן? — דאָס פּאָנעם באַ עלקען האָט זיך געענ־דערט. — מיך האָט געטראָפן איין קלאַפּ נאָכן אַנדערן. פֿריִער דער ברודער... נאָכ־דעם אַלעקסיי... און אָט בין איך פֿאַרבליבן אַליין מיטן קינד... שוין באַלד פֿיר יאָר... פֿיר יאָר, ווי אַלעקסיי איז ניטאָ מיט אונדז... איך ווייס אַפֿילע ניט, ווו ער איז... צי ער לעבט... ער איז ניט שולדיק, אַלעקסיי... ניט שולדיק...

— אין וואָס? — האָט שעפּטל דערשראָקן געפֿרעגט.

— אין גאָרנישט... איך האָב געשריבן בעריאַן. פֿיר בריוו אים אוועקגעשיקט. ענטפֿערט מען ניט.

שעפּטל איז געזעסן אַנטקעגן איר מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם און זיך אַפֿילע קיין ריר ניט געטאָן.

— אין אַכצעטן יאָר איז ער דאָך שוין געווען אין פּאַרטיי... זיך געשלאָגן קעגן די ווײַסע, דרײַ מאָל פֿאַרווונדעט געוואָרן... און איצט... פֿאַר וואָס?.. אַ באַוווסטער קאָנסטרוקטאָר... אינזשעניער־פּאָלקאָווניק פֿון אַוויִאַציע... נו, אָט... איך האָב דאָ ניט לאַנג געשריבן מאָלאָטאָוון... און דערווײַל איז קיין ענטפֿער ניטאָ. נאָר איך גלייב, די פּאַרטיי וועט זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן... אַנדערש קאָן עס ניט זײַן.

— און וואָסי מיט דיר נאָכדעם געווען? — האָט שעפּטל מיט אַ געדריקטער שטים געפֿרעגט.

— נאָכדעם? — האָט עלקע זיך אָנגערופֿן. — כ׳האָב זיך גענוג אָנגעמאַטערט... אַפֿן ווײַטן מיזרעך. ס׳איז אַ סאַך צו דערציילן, שעפּטל... איך ווייס אַפֿילע ניט, וויִאַזוי מיקאָלע סטעפּאַנאָוויטש האָט מיך אָפּגעזוכט, אַרויסגערופֿן אַהער... און אָט... — זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס צוגעבן, נאָר מיטאַמאָל זיך אַ כאַפּ געטאָן און זיך גיך אופֿגעהויבן. — זע נאָר. ווילסט דאָך מיסטאָמע עסן... איין מינוט נאָר...

— מע דאַרף ניט, עלקע, — האָט שעפּטל געזאָגט, כאָטש ער האָט פֿון אינדער־פֿרי אָן גאָרנישט ניט געהאַט אין מויל, — איך בין ניט הונגעריק.

— קיין גרויסע מײַכאָלים האָב איך ניט, נאָר עפּעס־וואָס וועט זיך געפֿינען. — זי איז אַרויס אין פֿירהויז און אָנגעצונדן דאָרט דעם פּרימוס. באַלד האָט זי זיך אומגעקערט און אָנגעהויבן פֿלינק גרייטן צום טיש.

— אַז איך וויל ניט עסן...

— ווילסט מיך באַליידיקן? — עלקע האָט אוועקגעשטעלט אַפֿן טיש אַ טעלער סאַלאַט, זויערמילך, אַ גלעזערנע בלאָווע סאָליאַרקע מיט זאַלץ און איז אַרויס אין פֿירהויז. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זי זיך אומגעקערט מיט אַ פּײַנקאָכן, וואָס האָט נאָך געזאָדן אַף דער אָנגעגליטער סקאָווראָדקע. זי האָט אוועקגעשטעלט די סקאָווראָדקע אַף אַ טעלערל, זיך אַרומגעקוקט, ווי זי וואָלט זיך וועלן דערמאָנען, וואָס האָט זי נאָך צו דערלאַנגען צום טיש, און עטוואָס אַ מידע זיך געזעצט אַנטקעגן אים.

— ווען איך ווייס פֿריִער, וואָלט איך אַוודע צוגעגרייט עפּעס בעסערס.

— און ווי איז באַ דיר מיט ברויט? — האָט שעפּטל אַ פֿרעג געטאָן.

— זע נאָר, איבגאַנצן פאַרגעסן, — איז עלקע אופגעשטאַנען. זי האָט אַרײַנ־געטראָגן פון פירהויז א לעבל ווייצנברויט, אָנגעשניטן עטלעכע שטיקלעך און אווּעקגעלייגט אַנטקעגן שעפטלען.

— אָן ברויט איז בא מיר דער שענסטער מײַכל קיין מײַכל ניט.

ער האָט באַמערקט, ווי, שנײַדנדיק דאָס לעבל, איז בא עלקען פון אונטער די הענט אַראָפּגעפאַלן אָפן דיל א קליין שטיקל ברויט. שעפטל האָט א רוק געטאָן דאָס בענקל אין א זײַט און גענומען זוכן מיט די אויגן.

— זאָל זײַן... עס... איכ׳ל נאָכדעם צוקלײַבן.

נאָר שעפטל האָט שוין ניט געקאָנט רויק זיצן. ער האָט זיך אָנגעבויגן און, שאַרנדיק מיט דער האַנט, אָפּגעזוכט דאָס שטיקל ברויט, אופגעהויבן און אוועק־געלייגט באַזונדער, אין א זײַט, אָפן ברעג טיש.

עלקע האָט קוים באַמערקבאַר א שמייכל געטאָן.

— נו, עס, שעפטל... — האָט זי אים געבעטן, — פאַרזוך די רעטעכלעך... האָסט ליב?

— איך האָב ליב אַלץ, וואָס מע דערלאַנגט צום טיש... אין עסן בין איך ניט קיין איבערקלײַבער.

— און, פאַרשטייט זיך, נאָר מיט ברויט, — האָט עלקע זיך צעשמייכלט.

— נו, וואָס קאָן איך טאָן. אפילע קאַשע עס איך אויך מיט ברויט.

— זע, שיר ניט פאַרגעסן, — האָט עלקע זיך א כאַפּ געטאָן, — איך האָב דאָך וואַרעניע פון פרישע אַגרעסן.

— אײַ, מע דאַרף ניט.

נאָר עלקע איז שוין געווען לעבן פענצטער און פון צווישן דער צווייענדיקער ראַם אַרויסגעקראָגן א באַנקעלע מיט אַגרעסן, נאָכדעם האָט זי אַרײַנגעטראָגן דעם טשײַניק און אָנגעגאָסן טיי אין די גלעזער.

— טרינק מיט די אַגרעסן, צוקער שיט אויך אַרײַן.

— א דאַנק, איך האָב געשאָטן, — שעפטל האָט אָפּגערוקט די צוקער־פּושקע.

— שאַ, בא מיר איז דאָך פאַראַן האָניק.

— אַז מע דאַרף ניט.

נאָר זי האָט שוין ניט געקאָנט זיצן אָף אַן אָרט. זי האָט אויסגעשטעלט אָפן טיש אַלע מײַכאָלים, וועלכע זי האָט נאָר געהאַט, און זיך ניט באַרויִקט, ביז שעפטל האָט ניט פאַרזוכט פון יעדן מײַכל.

— פאַרייכערן קאָן מען בא דיר? — האָט שעפטל אין א ווײַלע אַרום א פרעג געטאָן, אומקוקנדיק זיך אָף דעם פאַנאַנדערגעעפנטן פענצטער.

— רייכער, — האָט זי עטוואָס פאַרזאָרגט געענטפערט, — אַלעקסיי פלעגט א סאך רייכערן...

שעפטל האָט זיך דערפילט שולדיק, וואָס ער האָט מיט זײַן פראַגע פאַרשאַפט איר אַגמעס־נעפעש. אים האָט זיך געוואָלט זאָגן איר עפּעס גוטס, נאָר וואָס קאָן ער איר זאָגן, אַז זי איז שטענדיק אין זײַנע אויגן געשטאַנען העכער פון אים.

— וואָס זשע רייכערסטו ניט? — האָט עלקע שפּעטער א ווײַלע א פרעג געטאָן. שעפּטל האָט געקוועטשט לאַנג דעם פּאַפּיראָס צווישן די פינגער און נאָכדעם א צעדריבלטן ארויסגעוואָרפן אים אינעם אָפענעם פענצטער.

— דעמלט האָסטו געררייכערט מאכאָרקע...

— איצט האָב איך אויך ליב... געדענקסט, האָסט מיר איינמאָל געבראַכט פון קאָוואַלעווסקער סעלפּאָ א פּעקעלע...

— דו האָסט דאָ נאָך וואָס צו טאָן, אין הולייפּאָליע? — האָט עלקע, טראַכטנדיק וועגן אירס, א פרעג געטאָן.

— ניין, גאָרניט... נו, איכ׳ל גיין, — האָט ער שטיל געזאָגט און זיך אופגעהויבן.

— וואָס איילסטו זיך?

— ס׳איז שוין שפּעט... די צוועלפטע שאָ...

עלקע האָט זיך אויך אופגעהויבן.

— ווו האָסטו זיך אָפּגעשטעלט?.. האָסט ווו צו נעכטיקן? — האָט זי פאַרזאָרגט אײַנגעהאַלטן געפרעגט.

— פאַרשטייט זיך!.. אין הויז פאַר קאָלווירטניקעס. ס׳וואַרט אף מיר א בעטל, — האָט שעפּטל צעטומלט געענטפערט, כאָטש ער האָט מיט אן אָרט צום שלאָפן ניט געהאַט זיך באַזאָרגט. דאָס קאָלווירטניקעס־הויז איז איבערפולט געווען מיט קור־סאַנטן, און קיין פרײַ בעטל איז דאָרט ביכלאָל ניט געווען. — אין קאָלווירטניקעס־הויז איז איצט א פאָלנע אָרדענונג. רייך, ציכטיק... זייער גוט, — האָט ער, אליין ניט וויסנדיק פאַרוואָס, צוגעגעבן.

— נו, איז וואַרט צו איין ווײַלינקע. איך וועל דיך באַגלייטן א ביסל.

בא דעם קליינעם שפּיגעלע, וואָס איז געשטאַנען אף דער עטאַזשערקע, האָט זי פאַרקעמט די האָר, ארופגעוואָרפן אף די אַקסלען א לײַכט שאַלכל, און שטיל, אף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צום קינדער־בעטל. סוועטע, עטוואָס א פאַרוויטלטע, איז געשלאָפן, ניט ארויסלאָזנדיק פון האַנט דאָס פושקעלע מאַנפּאַסיע.

שעפּטל איז אויך צוגעגאַנגען אף די שפּיץ פינגער צום בעטעלע, ווי ער וואָלט זיך שווײַגנדיק געזעגנט מיט איר. עלקע האָט אף אים זייער וואַרעם א קוק געטאָן, און, אויסלעשנדיק די שײַן, ארויס מיט אים אין הויף.

לעבן דער גרין־אָפּגעפאַרבטער קאַליטקע האָט עלקע פאַריכט דאָס שאַלכל, וואָס איז געווען איבערגעוואָרפן בא איר איבער די אַקסלען, און געבליבן שטיין. שעפּטל, וואָס האָט שוין געהאַט אָנגענומען מיט דער האַנט דאָס הילצערנע טירל, איז אויך שטיין געבליבן.

— נו, הייס מיר גיין, — האָט ער אין א ווײַלע ארום שטיל זיך אָנגערופן.

— סאַרא נאַכט!.. — האָט עלקע פאַרטראַכט געזאָגט. — קום, איך וועל דיך נאָך באַגלייטן א ביסל...

מיט פּאַמעלעכע טריט זײַנען זיי אוועק לענגויס דעם ערשט ניט לאַנג אַספאַל־טירטן טראָטואַר. זיי זײַנען געגאַנגען זייער נאָענט איינס לעבן אנדערן, שיר ניט אָנרירנדיק זיך מיט די הענט, און געשוויגן.

די בלוילעכע באנאכטיקע לופט איז געווען פריש און אָנגעזאַפּט מיט קאַלערליי מעכטיַיעדיקע רייכעס. ערגעץ דאָ דערביַי אינעם סעדל האָט געאָטעמט די פאַנאנדער־געבליטע זייער צאַרטע בלויינקע מאַטיאָלע, און דער דיגער דופט, וואָס זי האָט איצט, באַנאַכט, פון זיך ארויסגעגעבן, האָט זיך צונויפגעמישט מיטן גערוך פון ניט לאַנג אָפּגעשניטענעם היי, מיטן ביטערן פאָלין און מיט די שיקערנדיקע רייכעס פון פעלד־קוויטן, וועלכע האָבן זיך דערטראָגן אהער פונעם סטעפּ.

אַף דער הילצערנער בריק זיַינען זיי געבליבן שטיין. אונטן האָט מיט א שטיל געמורמל זיך געשלענגלט דאָס טיַיכל. דאָס פאַמעלעך־פליסנדיקע וואַסער האָט זיך ערטערוויַיז געפּאָלדעוועט און איז באַזילבערט געווען פון דער לעוואָנע־שיַין.

שעפטל האָט ניט געיַילט פאַרייכערט, זיך אָנגעשפּאַרט אין דער פּאַרענטשע פון בריק, געקוקט אַראָפּ אַפן פליסנדיקן וואַסער און געשוויגן. „אָט וועט זי באַלד אוועקגיין, עלקע, צו זיך, און ער... ער וועט אוועקפאָרן אין כוטאָר... און ס׳האָט דאָך געקאָנט זיַין אַנדערש... ווען זי גייט ניט דעמלט נאָך דער פאַרזאַמלונג איינע אַליין באַנאַכט מיט דער פינצטערער באַלקע קיין קאָוואַלעווסק, וואָלט מען זי דעמלט ניט פאַרוווּנדעט, זי וואָלט פאַרבליבן אין כוטאָר, און ס׳וואָלט דעמלט עפּשער אַלץ געווען אַנדערש“...

און עלקע איז געווען איַינגאַנצן באַצויבערט פון דער נאַכט.

— סאַראַ הימל... — האָט זי זייער שטיל געזאָגט און פאַרהויבן דעם קאָפּ צו די שטערן, טיף איַינגעטעמענדיק אין זיך די קילבלעכע לופט, — אַזעלכע נעכט דער־מאָנען מיר שטענדיק אָן בוריאַנאָווקע... מיר דוכט, ווען איך בין געווען דאָרט, זיַינען אַלע נעכט געווען אַזעלכע... עמעס, שעפטל? — זי האָט לייכט זיך אָנגערירט מיט אירע פינגער אָן זיַין האַנט.

— האַ? — האָט ער זיך א כאַפּ געטאָן. — האָסט עפּעס געזאָגט?..

— וועגן וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט, שעפטל?

שעפטל האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם ניט־דעררייכערטן פּאַפּיראָס מיטן נאָך גליִענ־דיקן פיַיערל אַראָפּ בריק אינעם קילבלעכן פליסנדיקן וואַסער אַריַין און גאָרנישט ניט געענטפערט.

— וועגן וואָס האָסטו אָקאָרשט געטראַכט? — האָט זי ווידעראַמאָל שטיל גע־פרעגט.

— אָן אַנדערשמאָל, עלקע...

פון ערגעץ וויַיט, קאָנטיק פון סאַמע עק דאָרף, האָט זיך דערטראָגן אהער א צעצויגן מיידלש געזאַנג און באַלד איז זיך אויך פאַרגאַנגען א האַרמאָניק.

— שעפטל... — עלקע האָט זיך אָנגעבויגן צו אים, ווי זי וואָלט אים וועלן עפּעס פרעגן, נאָר גליַיך אַפן אָרט איבערגעטראַכט.

— נו, גיי, גיי, שעפטל, — און דערלאַנגט איר וויכע וואַרעמע האַנט.

— עפּשער וועלן מיר נאָך שטיין א ביסל? — האָט ער ניט דרייסט געפרעגט.

— שוין שפּעט, שעפטל... א דאַנק, וואָס דו ביסט אַריַין... וואָס דו האָסט ניט פאַרגעסן... גריס זעלדקען... די קינדערלעך... נו, גיי...

— זונטיק... איבעראכטאָג זונטיק. וועל איך... וועלן מיר וואַרטן... וועסט קומען?
— יאָ, כ׳וועל קומען, — האָט עלקע, דערוויַיטערנדיק זיך, געענטפערט.
— ס׳ט ניט פאַרגעסן?
— ניט פאַרגעסן.
— איך וועל אַרויס צו דער הרעבליע דיך באַגעגענען!.. — האָט שעפּטל פונ־דערוויַיטן איר נאָכגעשריִען.

קאַפּיטל צוויי

פון פאַראיאָרן ווינטער, זינט בא כאַנציען, דעם קאָלווירט־פאָרזיצער, איז גע־שטאָרבן דאָס וויַיב, מיט וועמען ער האָט אָפּגעלעבט עטלעכע און צוואַנציק יאָר אָט דאָ אָפן כוטאָר, איז באַלעבאָסטע אין שטוב פאַרבליבן די ייִנגערע טאָכטער נעכאַמקע.

די עלטערע — קרוינע, וואָס איז געווען ניט אַזוי שיין און כיינעוודיק, ווי נעכאַמקע, האָט שוין דאָס צווייטע יאָר געלערנט אין דער וויַיטער שטאָט באַם ברעג יאַם. אין שטוב האָט מען זיך איבערגענומען מיט איר, ניט דאָס וואָס מיט דער ייִנגערער.

די ייִנגערע, נעכאַמקע, איז געווען דאַפקע שיין פון קינדוויַיז אָן, און וואָס א יאָר איז זי געוואָרן אַלץ שטאַלטנער און שענער. לערנען אָבער האָט זי ניט איבעריקס געוואָלט. זי איז אַרומגעלאָפן גאַנצע טעג איבער פּרעמדע הויפן, געשלאָגן זיך מיט די ייִנגלעך, געקראָכן אַף די ביימער און שטענדיק אַרומגעגאַנגען א צעדראַפּעטע.

נאָכן זיבעטן קלאַס האָט זי פאַרלאָזט די שול און איז אַוועק אַרבעטן צו שעפּט־לען אין בריגאַדע. זי האָט ליב געהאַט דעם היימישן סטעפּ פאַר זיַין ברייטקיַיט, פאַר זיַינע גערוכן, ווו מע קאָן זינגען אַפן גאַנצן קאָל און קיינער וועט דיר קיין וואָרט ניט זאָגן, ווו מע קאָן מיטיק־ציַיט, ווען די זון שטייט איבערן סאַמע קאָפּ, זיך אויסציִען אין דער גאַנצער לענג, פאַרוקן דאָס קליידל צווישן די נאַקעטע פיס און קיַיקלען זיך אַראָפּ בערגל איבער דעם אויסגעוואַרעמטן, ווייכן, שמעקנדיקן גראָז, וואָס גלעט דאָס פּאָנעם, קיצלט היַינטערן אויער, און לאַכן, וויפל דאָס האַרץ גלוסט.

און כאָטש זי האָט אין שטוב ווייניק געפאָלגט, איז אַף דער אַרבעט נעכאַמקע דאַפקע געווען צווישן די ערשטע, געטאָן אַלץ גיך און גוט, מיט אימפּעט, און ניט ווייַל עמעצער האָט איר געהייסן אָדער אונטערגעיאָגט, נאָר ווייַל איר אַליין האָט זיך אַזוי געוואָלט. שטענדיק איז זי געווען פריילעך, שטענדיק די ערשטע. ס׳איז איר געפעלן געווען, וואָס אפילע שעפּטל, דער שטרענגער בריגאַדיר, האָט זי גע־שעצט און זיך גוט באַצויגן צו איר. בא אַלע אומשטענדן האָט זי געקאָנט זיך פרייען מיט עפּעס, און אַז זי האָט געלאַכט, האָט זי געלאַכט פון פולן האַרצן, מיט א מאָד־נעם פאַרגעניגן, פאַרוואַרפנדיק דערביַי אהינטער דעם קאָפּ.

קאָלזמאַן די מאַמע האָט געלעבט, האָט נעכאַמקע אין שטוב קימאַט ווי גאָרנישט ניט געטאָן. געקומען מיטן זון־פּאַרגאַנג פּונעם סטעפּ, זיך אַרומגעוואַשן, אײַנגעריכט, שטייענדיק אַף איין פוס, אָפּגעגעסן, זיך איבערגעטאָן, פאַרפלאָכטן דעם לאַנגן צאָפּ, וואָס האָט איר דערגרייכט ביזן גאַרטל, און הײַדא... בא די קאָליטקעס, לעבן די פּאָליסאַדניקעס האָבן שוין געוואַרט אַף איר די כאַווערטעס און וואָווע זאַהאָט. יאָסקע פּיסקון, אַרומגערינגלט מיט כעוורע, האָט מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן געצויגן די האַרמאָניק...

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט מען שפּאַצירט, געצונדן דעם שוואַרצן טרוקענעם קורײַ הינטערן סטאַוואָק און געשפּרונגען הויך איבער די פלאַקערנדיקע שײַטערס, געשפּילט אין כאַפּערלעך, מיט א קוויטשערײַ און געלעכטער זיך געיאָגט איבער דעם אויסגעטראָטענעם גליטשיקן גראָז אײנער נאָכן אַנדערן, געזונגען די באַליבטע אוקראַיִנישע ליד „גאַליע“ און די ייִדישע פאָלקסליד „פּיטשײַעווער מיידעלעך“, געטאַנצט, און אַז קיינער האָט ניט געזען, האָט זי זיך געקושט מיט וואָווען...

קומען אַהיים פלעגט זי זייער שפּעט, א מידע, א פאַרפלאַמטע, א גליקלעכע, יעדעס מאָל א זיכערע, אַז קיין שענערער אָוונט, ווי הײַנטיקער, איז אַף איר לעבן נאָך ניט געווען. אויסטועענדיק לעבן שוועל די אויסגעטראָטענע טופליעס, פלעגט זי אַף די שפּיץ פינגער, שטילערהייט, אַרײַן אין שטוב, אַז דער טאַטע, פאַר וועמען זי האָט פון קינדווײַז אָן מוירע געהאַט, זאָל ניט הערן. א שמייכלענדיקע פלעגט זי זיך צולייגן אַף א פּאָר שאָ שלאָפן, צוטוליענדיק זיך מיטן קאָפּ צום קאַלטן קישן, און פאַרטאָג — שוין ווידער זײַן אַף די פיס; א פרישע, אַן איבערפולטע מיט פאַרגעניגנדיקע דערוואַרטונגען, אײַלן אפן אופוואַכנדיקן מיט טוי־באַדעקטן סטעפּ.

אין טיפן האַרבסט, ווען עס האָט אָן אופהער גערעגנט, און אויך אין די ווינטערדיקע כאַדאָשים, ווען אַרבעט אין קאָלווירט איז געווען ווייניקער, איז זי אין דער פרײַער צײַט מער געווען בא די כאַווערטעס און אין קלוב, ווי אין דער היים. זי פלעגט אַנטלויפן פון שטוב, ווײַל ס׳האָט זי געצויגן זײַן צווישן די כעוורע, און עפּשער אויך דערפאַר, וואָס עס האָט אַף איר געדריקט דעם טאַטנס באַשטענדיקע אָנגעכמורעטקײַט, זײַן שווער שווײַגן. צווישן מענטשן — אין קאָלווירט־הויף, אפן סטעפּ, אין קאָנטאָר — איז ער דאַפקע געווען באַריידעוודיק, פלעגט זיך אַפילע כאָכמענען, אונטערשמייכלען מיט דעם אײנציקן אויג. נאָר אין דער היים, זינט זי געדענקט אים, האָט ער ווייניק גערעדט, זעלטן ווען א שמייכל געטאָן, געווען פאַרזאָרגט, און איר האָט זיך געדוכט, אַז ער איז שטענדיק מיט עפּעס ניט צופרידן.

דעריבער האָט זי זיך געסטאַרעט זײַן אין שטוב וואָס ווייניקער און אַף אַזא אויפן זיך צוגעוווינט צו דעם, אַז זי האָט קימאַט אינגאַנצן ניט געהאָלפן דער מאַמען אין דער באַלעבאַטישקײַט.

נאָר אַלץ האָט זיך אומגעריכט געענדערט נאָכן פלוצלינגדיקן טויט פון דער מאַמען. נעכאַמקע איז פאַרבליבן אַליין מיטן טאַטן. פון דעמלט אָן האָט זיך אַרופּגעוואַלגערט אַף איר די גאַנצע זאָרג וועגן דער מיטאַמאָל פּוסט געוואָרענער שטוב און וועגן טאַטן, וואָס האָט אַף קיין האָר ניט געזאָרגט וועגן זיך. ער האָט געקאָנט

אוועקפאָרן אף א גאנצן טאָג אין סטעפּ, ניט איבערבײַסנדיק, קומען א מידער, א פארשטויבטער שפעט באנאכט און אזוי ווי ער שטייט און גייט זיך צולייגן אף דער הילצערנער הארטער קאנאפּע אין אָנטאָן און אָפּשלאָפן ביז אינדערפרי.

קומענדיק פארנאכט פון סטעפּ, האָט נעכאמקע געדארפט איצט ערשט נעמען קאָכן, וואשן, ראמען און ווארטן, ביז דער טאטע וועט קומען אָפּעסן.

שוין שפּעט אין אָוונט פלעגט זי מיט א פארבענקט הארץ צולויפן אין איבערגעפולטן קלוב, ווו וואָווע פלעגט געווײנלעך ווארטן אף איר.

מיט וואָווען האָט זי שפּאצירט פון פאראיאָרן פרילינג. ער איז געווען עלטער פון איר מער ווי אף פינף יאָר, און פארן פריזיוו האָט ער זיך אפילע ניט אומגעקוקט אף איר. באָר שוין אינעם ערשטן טאָג, ווען ער — דער יינגערער סערזשאנט פון טאנקען־מיליטער — האָט נאָכן אָפּדינען אומגעקערט זיך אהיים, אין כוטאָר, האָט ער אין אָוונט, אף דער באגעגעניש אין קלוב, וואָס דער היגער קאָמסאָמאָל האָט צונויפגערופן, זי גלײַך באמערקט. צווישן אלע מיידלעך, וואָס זײַנען געווען אין קלוב, האָט זי זיך אויסגעטיילט מיט איר באזונדערער שיינקײַט. אלץ אין איר איז געווען עפּעס מעכײַעדיק ליב: אי דער באהאלטענער כויזעק־בליק פון די ברענענדיקע שטיפערישע אויגן, אי דער שמייכל, וואָס האָט געשפּילט אף די ליפּן, אי דער שווארצער גלאנציקער צאָפּ, וואָס איז בא איר געפאלן איבערן אקסל, אי דער שטעל. יעדעס פעלדל אפן קאָפּטעלע און אפן קליידל האָט געשפּילט און געבעטן זיך: „גיב מיך א גלעט, ריר זיך צו מיר צו"... — און ס'איז אים זייער ווארעם געווארן אפן הארצן.

נעכאמקע האָט דעמלט גלײַך באמערקט, אז ער קוקט אף איר. און ס'איז איר אָנגענעם און פריילעך געוואָרן פון דעם.

פון יענעם וואונדערלעך־פרילינגדיקן אָוונט זײַנען אלע כעוורע פון כוטאָר מעקאנע געווען וואָווען, און די מיידלעך — נעכאמקען. זיי האָבן עס ביידע געפילט, און ס'איז זיי געפעלן געווען.

יעדן פרײַען אָוונט פלעגן זיי, ניט צונויפגערעדט, זיך טרעפן אין קלוב אף די טענץ, אָדער אינמיטן גאס אנטקעגן זאהאָן, ווו מע האָט זיך געקליבן רעדלעכווײַז און געזונגען, אָדער אינעם יונגן, ניט לאנג צוריק פארפלאנצטן גערטנדל לעבן דער נײַ־אויסגעבויטער געמויערטער שול, ווו יאָסקע האָט געשפּילט אף דער הארמאָניק, אָדער באם שײַטער הינטערן סטאוואָק...

און כאָטש ארום איז געווען פול מיט יאטן און מיידלעך, האָט זיי געדוכט, אז זיי זײַנען באָר אינצווייען, ווי זיי וואָלטן זײַן אין א וואלד צווישן רוישנדיקע ביימער און קיינער זעט זיי ניט, און קיינער ווייסט ניט, ווי גוט זיי איז, — שוין באָר פון דעם, וואָס זיי זעען זיך, וואָס זיי שטייען איינס לעבן אנדערן, וואָס פון צײַט צו צײַט רירן זיי זיך אָן אומבאמערקט מיט די הענט...

ער איז איר געווען זייער צום הארצן, וואָווע, אָט אזא ווי ער איז — מיט די קלײַען אפן הויכן שטערן, מיט דער עטוואָס פאריסענער נאָז, וואָס איז ארומגעברוינט געווען פון דער זון, מיטן לענגלעכן האלדז, מיט די קורץ אונטערגעשוירענע

האָר, מיט זײַן הויכן וווקס, מיטן שטענדיקן וויצלען זיך, מיט זײַן גוטסקײַט און מיט זײַן פּלוצלינגדיקן בייזערן זיך...

יעדעס מאָל, ווען ער האָט זי אָנגערירט און גענומען בײַ דער האַנט, איז בײַ איר אַדורך אַ הייסער מעכײַעדיקער שטראָם איבערן גאַנצן לײַב, זי האָט אויפגעפלאַ־טערט און פון אונטן אַרויף געקוקט אויף אים מיט עטוואָס דערשראָקענע און ליכטנדע אויגן, ווי זיי וואָלטן זאָגן: איך האָב דיך ליב... שטאַרק ליב...

זייער געבענקט האָט נעכאַמקע, ווען וואָווע איז אַוועקגעפאָרן אויף די דרײַכאַדאָ־שימדיקע קורסן קיין הולײַפּאָליע. נאָר דעמאָלט האָט נאָך געלעבט די מאַמע, צו וועמען זי האָט זיך געקאָנט צוטוליען. אָבער איצט? איצט איז אַפילו איין טאָג איר שווער געווען אָן אים.

עס זײַנען שוין אַדורך העכער דרײַ וואָכן, ווי וואָווע איז אין מטס[1]. ער רעמאָנ־טירט דאָרט די טראַקטאָרן צום שניט. פון יענעם טאָג, זינט וואָווע איז אַוועקגע־פאָרן, איז נעכאַמקע, קומענדיק פון סטעפּ, שוין אין ערגעץ ניט געגאַנגען — ניט אין קלוב אויף די טענץ, ניט אין גערטנדל אויפן שפּאַציר און ניט צום סטאַוואָק. זי האָט געוואַרט אויף וואָווען און פאַרגעניגן געהאַט שוין פון דעם אַליין, וואָס זי וואַרט אויף אים. זי האָט געציילט די טעג. יעדן טאָג האָט זי אָפּגעמערקט מיט אַ רינגעלע אויף אַ פּאַרבאַהאַלטענעם שטיקל פּאַפּיר. נעכאַמקע האָט אויסגעזוכט פאַרשיידענע אַרבעטן, קעדיי עס זאָל וואָס גיכער דורכגיין די צײַט: זי האָט אַרומגעשמירט די שטוב פון דרויסן, אויסגעקאַלכט זי צוויי מאָל נאָכאַנאַנד, אַרומגעפּירט די שטוב־ווינקלען און די נידעריקע פענצטער מיט סינקע און די פּריזבע מיט רויטער ליים (ערעוו מײַ, ווען אַלע קאָלווירטניצעס האָבן געקאַלכט זייערע שטיבער, האָט זי, די איינציקע, ניט געקאַלכט, ווײַל ס'איז דעמאָלט נאָך ניט אַדורך קיין האַלב יאָר נאָך דער מאַמעס טויט), אַרומגעגראָבן די עטלעכע ווײַנשל־ און עפּלביימער אין פּאַליסאַדניק, דורכ־געיעט די הויף־פּאַנאַנדערגעוואַקסענע געדיכט־בלײַענדע מאַלוועס און אַרום די געאָרגינעס אַנטקעגן פענצטער...

גאַנצפרי האָט נעכאַמקע זיך דערוווסט: דער קאָלווירטישער בריוטרעגער, דער אַלטער ראַכמיִעל, האָט עמעצן פון זייער פעלד־בריגאַדע געזאָגט, אַז הײַנט, שאַבעס, דאַרפן די טראַקטאָריסטן זיך אומקערן פון דער מטס. דעם גאַנצן טאָג האָט נעכאַמקע אין סטעפּ אַפילו זיך ניט צוגעזעצט, ניט אָפּגערוט. די זון האָט הייס געבאַקן, און זי האָט אויף אַ מינוט ניט אַרויסגעלאָזט פון די הענט די סאַפּקע, געיאָגט, געצײַלט וואָס גיכער אויסיעטן די קוקורוזע, קעדיי הײַנט פריִער קומען אַהיים. דאָך איז זי אַהיים געקומען אַ סך שפּעטער, ווי שטענדיק. דער בריגאַדיר, שעפּטל, האָט נאָך ניט געהאַט זיך אומגעקערט פון הולײַפּאָליע, פון דער ראַיאָנער באַראַטונג, און איר איז אויסגעקומען פאַרצייכענען, וויפל רייען האָט יעדעס פון די מיידלעך אויס־געיעט. זי האָט זייער געײַלט און דעריבער עטלעכע מאָל זיך פאַרפּלאָנטערט, און ס'איז איר אויסגעקומען אָנהייבן צײַלן פונדאָסנײַ. דאָס האָט אָפּגענומען אַ סך

[1] מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע.

צײַט, און זי איז שוין געווען אין קאַס אפן בריגאַדיר, וואָס ער האָט זיך פארהאלטן. פונקט הײַנט האָט דאָס געדארפט טרעפן בא אים.

אלע מיידלעך זײַנען שוין פון לאנג געווען אין כוטאָר, און נעכאמקע האָט זיך נאָך אלץ פארטראָגן ארומגעדרייט בא דער קוקורוזע.

ס'איז שוין געווען גוט טונקל, ווען זי איז א פארפלאמטע געקומען אהיים. זי האָט גיך זיך ארומגעוואשן, צעקעמט די האָר. אײַליק פארפלעכטנדיק דעם צאָפ, האָט זי אלע ווײַלע ארויסגעקוקט דורכן גאס־פענצטער. איר האָט זיך אלץ געדוכט, אז זי הערט טריט. נאָר קיינער איז ניט געגאנגען אהער. „וואָווע האָט שוין געקאָנט זײַן דאָ, ניט געטראָפן מיך און אוועק". נעכאמקע האָט א באומרויִקטע גיך אָנגעטאָן דאָס בלאָווע קאָפטעלע, וואָס האָט זייער געפאסט צו איר פארברוינטן פאָנעם, פאר־וואָרפן דעם צאָפ איבערן אקסל, א קוק געטאָן אף זיך אין שפיגעלע און א צופרי־דענע אליין זיך געוויזן א צונג.

פארגעסנדיק אויסלעשן די שײַן, איז זי ארויס אין בלויִלעכן דרויסן. זי איז ארײַן אין פאליסאדניק, זיך פארקליבן אפן נידעריקן פריסאָרטיקן עפלבוים, וואָס איז געוואקסן סאמע אנטקעגן דעם באלויכטענעם פענצטער, אָפגעריסן אן ערשט רײַף־געוואָרענעם ווײַס־אָנגעגאָסענעם עפל און באהאלטן אין קעשענע פאר וואָווען.

לעבן דער קאליטקע איז זי אין פארלעגנהײַט געבליבן שטיין, ניט וויסנדיק, צי זאָל זי גיין צו וואָווען אהיים אָדער גיין גלײַך אין קלוב, פונוואנען עס האָט זיך שוין פון לאנג דערטראָגן מוזיק. דורך דער אָוונטיקער בלויִקײַט האָט זי בא־מערקט עמעצן גיין ווײַט ארוף גאס. דאָס הארץ האָט בא איר אופגעצאפלט. נע־כאמקע האָט זיך געלאָזט לויפן מיט דער סטעזשקע. נאָר ס'איז געווען ניט וואָווע. זי האָט זיך אומגעקערט און איז מיט גיכע טריט אוועק אין קלוב. „וואָווע איז מיסטאמע שוין דאָרט. ער קער שוין פון לאנג ווארטן אף איר".

א פארויטלטע, א שמייכלענדיקע איז זי ארײַן אין דעם פולגעפאקטן קלוב, ווי אף אירן א יאָמטעוו, און צווישן דעם טומלדיקן אוילעם גלײַך דערזען וואָווען. זי איז געבליבן שטיין לעבן טיר מיטן שפילנדיקן שמייכל אף די ליפן, גרייט אָט־אָט זיך באגעגענען מיט זײַן בליק. נאָר וואָווע האָט זיך אפילע ניט אומגעקוקט.

„איצט איז זי געקומען... און ווו איז זי ביז איצט געווען?.. א גאנצן פארנאכט געווארט אף איר. און זי? זי האָט דאָך געוווסט, אז איך דארף הײַנט קומען, איז צוליב וועמען האָט זי זיך עס פארהאלטן ביז איצט?.."

אָנגעטאָן אין א ווײַס העמדל, איז ער געשטאנען ארומגערינגלט מיט יאטן און מיידלעך, זיך געסטארעט ניט ארויסווײַזן זײַן אופגערעגטקײַט, און זיך געוויצלט.

נעכאמקע האָט מיט אומגעדולד געווארט. זי האָט זיך אי געוווּנדערט, אי באליי־דיקט, וואָס ער קוקט זיך ניט אום צו איר. „כאָכמעט זיך... צוליב וועמען כאָכמעט ער זיך?" נעכאמקע האָט מיטאמאָל באמערקט לעבן אים די נײַ־צוגעשיקטע לע־רערן. דאָס הארץ האָט אָנגעהויבן קלאפן גיך־גיך. זי האָט זיך פארלוירן און שוין ניט געוווסט וואָס צו טאָן: צוגיין צו זיי אָדער אינגאנצן אוועקגיין. „און וואָס וועט זײַן, אז זי וועט אוועק? פארוואָס זאָל זי אוועק? וווהין?.."

אין דער זעלבער רעגע האָט זי באמערקט לעבן סטענד מיט די עקספּאָנאטן פון דער פּאראיאָריקער לאנדווירטשאפטלעכער אויסשטעלונג זיאמען פונעם שכיינעסדיקן קאָלווירט, וועמעס פּאָטאָגראפיע עס איז געווען אָפּגעדרוקט באנאנד מיט אירער אין דער ראיאָנער צייטונג.

מיט אן איבערגעטריבענער פרייד האָט זי א צעשטרייטע זיך געלאָזט צו אים.

— זיאמע! — האָט זי זייער הויך אויסגערופן. — וויאזוי?.. ווען?..

זיאמע האָט, רויט ווערנדיק, עפּעס געענטפערט, און נעכאמקע האָט זיך הויך צעלאכט. זי האָט אים געדריקט די האנט, צופרידן געווען, וואָס זי האָט אים דאָ געטראָפן. די אויגן האָבן בא איר געפינקלט, ווי שווארצע ווייַנשל נאָך א רעגן.

נעכאמקע האָט אים נאָך עפּעס־וואָס א זאָג געטאָן און זיך ווידער הויך צעלאכט. נאָר ארום וואָוועז איז נאָך אלץ געשטאנען א פריילעכער טומל און ער האָט זיך ניט אומגעקוקט אהער.

„צי דען הערט ער ניט?" — איר האָט זיך פארוואָלט א קלאפּ טאָן מיטן פוס אין פּויק, וואָס איז געשטאנען בא דער וואנט, אָדער... זי האָט אליין ניט געוווסט וואָס. זי האָט א כאפּ געטאָן זיאמען אונטערן אָרעם און, ניט אופהערנדיק אים עפּעס צו דערציילן און לאכן דערביַי, געבליבן שטיין מיט אים אינמיטן זאל. „פארוואָס קוקט ער זיך ניט אום, פארוואָס גייט ער ניט צו?" — האָט נעכאמקע ניט פארשטאנען. אן אופגערודערטע האָט זי זיך אָנגעבויגן, געזאָגט עפּעס זיאמען אפן אויער, און, פארווארפנדיק דעם קאָפּ אהינטער, זיך צעלאכט אפן גאנצן זאל. וואָווע האָט האסטיק זיך אומגעקוקט און פון אומגעריכטקייַט דערפּילט, ווי מע וואָלט אים אָפּגעפּליוכעט מיט א קאלטן עמער וואסער. „ווי קומט אהער זיאמע?" ער האָט געוווסט, אז זיאמען געפעלט זייער נעכאמקע. און אויב ער איז געקומען אהער, איז עס צוליב איר... געמיינט, קאָנטיק, אז ער, וואָווע, איז נאָך אין דער מטס. וואָס זשע לאכט זי אזוי?.. ער האָט זי נאָך קיינמאָל ניט געזען אזוי שיין... וואָווע האָט גיך פארייכערט א פּאפּיראָס און שוין געוואָלט צוגיין צו איר. „רויִק, דעריקער רויִק"... נאָר ער האָט מיטאמאָל דערזען, ווי זי האָט אָנגעכאפּט זיאמען פאר דער האנט. עס האָט אים א ברי געטאָן, ווי זי וואָלט אים א שטאָך געטאָן מיט א ווילע אין סאמע הארצן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז אלע האָבן באמערקט, ווי נעכאמקע האָט א דריק געטאָן זיאמען די האנט, און זיי קוקן איצט אלע אף אים. ניין, ער וועט צו איר ניט צוגיין... וויבאלד אזוי... ניין. בעשום־אויפן ניט.

ס'האָט אָנגעהויבן שפּילן די מוזיק. וואָווע האָט אוועקגעוואָרפן דעם פּאפּיראָס, צעטומלט זיך ארומגעקוקט און מיטאמאָל אונטערגעכאפּט די לערערן, וועלכע איז א פארטרוימטע געשטאנען דערביַי, און מיט אימפּעט, פילנדיק, ווי עס קאָכט אין אים דאָס בלוט, זיך פארדרייט, פארוויכרעוועט מיט איר אין האסטיקן וואלס.

נעכאמקע האָט זיך אָנגעצונדן. זי האָט עפּעס א זאָג געטאָן זיאמען און זיך האסטיק אויסגעדרייט צום פענצטער. זי האָט ניט געקאָנט זען, ווי ער, וואָווע, טאנצט מיט דער לערערן. זיאמע האָט זיך אויך אויסגעדרייט. ער איז געווען צעטומלט פון גליק, וואָס זי שטייט לעבן אים. ער האָט איר עפּעס געענטפערט, נאָר זי האָט ניט

געהערט וואָס. זי האָט גאָרנישט ניט געהערט. זי האָט איצט נאָר געהערט, ווי מע שארט מיט די פיס איבערן דיל, און, ניט אומקוקנדיק זיך, האָט זי געפילט מיט דער פלייצע, מיט דעם אָפענעם האלדז, מיט איר גאנצן וועזן, אז, דרייענדיק זיך אין וואלס, דערנעענטערט זיך וואָווע מיט דער לערערן אהער, אלץ מער צו איר, און איר האָט אין דער מינוט זיך געדאכט, אז זי שטייט מיט באָרוועסע פיס אף שארפע שטיקלעך גלאָז.

„זאָלן זיי טאנצן אפילע ביז אינדערפרי!" — ס'האָט זי געקימערט איצט נאָר איינס: אז ניט וואָווע און ניט די לערערן זאָלן גאָרנישט ניט באמערקן אין איר. זי האָט דעריבער די גאנצע צײַט אָן אופהער גערעדט צו זיאמען. זי ווייסט אליין ניט, וואָס זי האָט גערעדט. גערעדט און געלאכט. און טיף אין הארצן האָט זי דאָך גע־האָפט, אז, דערנעענטערנדיק זיך, וועט וואָווע איבערלאָזן די לערערן און צוגיין צו איר. אָט־אָט וועט ער צוגיין. נאָר זיי האָבן אין גיכן וואלס זיך דורכגעדרייט סאמע לעבן אירע אקסלען און אוועק ווײַטער, ווײַטער...

נעכאמקע האָט ביז ווייטעק פארביסן די ליפן. זי האָט פלוצלינג, גאָרנישט ניט זאָגנדיק, איבערגעלאָזט זיאמען און, אופפראלנדיק די טיר, ארויסגעלאָפן פון קלוב. אין הויף האָט זי אין דער טונקל אָנגעטראָפן אף דעם מילבער־בוים און זיך צוגעטוליעט צו אים. איר יונגע, ניט גרויסע ברוסט האָט זיך האסטיק באוועגט אונטער דעם שטײַף־אָנגעצויגענעם קאָפטל. נעכאמקע האָט צוגעמאכט די אויגן. זי האָט מיט א פארטײַעטן אָטעם זיך צוגעהערט... עפשער גייט ער? נאָר אין קלוב האָט אלץ געשפילט די מוזיק, מע האָט געטאנצט, און קיינער איז ניט ארויס צו איר.

— איך האָב אים פײַנט... איך דארף אים ניט!.. — זי האָט מיט פארדראָס זיך געלאָזט גיין מיט דער אויסגעטראָטענער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט לענגויס די פאליסאדניקעס. זי איז געגאנגען, אליין ניט ווויסנדיק וווהין. און דאָס הארץ איז צעריסן געוואָרן פון ווייטעק. „ניט צוגעגאנגען אפילע... די לערערן איז אים געפעלן געוואָרן... אין מטס האָט ער מיסטאמע אויך געהאט עמעצן... און אין דער ארמיי אויך... און אז ער איז געווען אף די קורסן אין הולײַפּאָליע... אומעטום... אומעטום האָט ער געהאט..." נעכאמקע איז איצט גרייט געווען זאָגן וועגן אים דאָס ערגסטע.

ס'האָט זי שוין אָנגעהויבן פארדריסן, וואָס זי איז אוועק פון קלוב. די מיידלעך האָבן געוויס באמערקט. מע קאָן שוין לאכן פון איר: „אנטלאָפן"... זי איז שוין גרייט געווען זיך אומקערן. מאלע וואָס זי איז ארויס אף א ווײַלע. אין קלוב איז הייס, זי האָט געוואָלט א ביסל עטעמען מיט פרישער לופט. וואָסי, מע טאָר שוין ניט ארויס אף א ווײַלע?..

נאָר מיטאמאָל האָט זי דערהערט הינטער זיך גיכע, זייער פעסטע טריט. זי האָט אופגעציטערט. זײַנע טריט. יאָ, ס'איז ער... און ס'האָט אין איר נאָך מער, ווי פריער, אופגעפלאמט דער פארדראָס אף אים. זי האָט זיך געלאָזט גיכער גיין. זאָל ער זי רופן, זאָל ער בעטן, זי וועט סײַווי זיך ניט אומקוקן, זי וועט סײַווי זיך ניט אָפּשטעלן. זי איז געגאנגען אלץ גיכער און גיכער, שיר ניט געלאָפן, און דאָס הארץ איז אויסגעגאנגען, ער זאָל זי דעריאָגן, ארומכאפן מיט די שטארקע הענט, צודריקן

זי צו זיך און בעטן זי, בעטן... ער האָט דאָך געוואָרט אַף איר... ער האָט זי ליב... ער האָט זי זייער ליב... און זי — ניין!.. איינמאָל ניין, און גאָר. זי וויל אַפילע ניט הערן. און ער ציט זי צו זיך, ער גלעט איר די האָר. נאָר זי שטופּט אים אָפּ מיט אַלע קויכעס: „גיי... לאָז... גיי פון מיר!..״ זי רײַסט זיך אַרויס פון זײַנע אָרעמס... „ניין, ניין!.. ריר זיך ניט צו צו מיר!..״ — און ס׳איז איר גוט. ס׳איז איר גוט פון דעם, וואָס ער בעט זיך בא איר און וויל זי אַרומנעמען, און נאָך מער, וואָס זי גיט זיך ניט אונטער...

נאָר מיטאמאָל דערפילט נעכאַמקע אַ מאָדנע שוואַכקײַט אין די פיס. די טריט הינטער איר האָבן אומגעריכט פאַרקערעוועט גאָר ערגעץ אין אַ זײַט. זי האָט דערשראָקן זיך אומגעקוקט. ס׳איז גאָר ניט וואָוועע. ס׳איז גאָר איינער פון די אָנגעפּאָרענע געסט אַרײַן צו דאָדיע בורלאַקן אין הויף.

זי איז געבליבן שטיין, ווי אָן אָפּגענאַרטע, ביז וויטעק געדרייט אַרום האַנט דעם צאָפּ און געביסן זיך די ליפּן. וואָס טאָן? וווהין גיין איצט? צוריק אין קלוב? ניין, ניין. אַהיים? אויך ניט. צו וועמען? זי וויל איצט קיינעם ניט זען, זי וויל זײַן אַליין.

מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ האָט זי זיך געלאָזט גיין מיט דער גאַס, אופהייבנדיק אַ בידעריקן שטויב מיט די טופליעס. זי האָט זיך דערפילט מיד און איז פּאַמעלעך געטראָטן. און די לעוואָנע איז איר שטיל נאָכגעגאַנגען. זי גייט מיטן ווײַס־אויסגעפּאָרענעם וועג, און די לעוואָנע שפּרינגט איבער די דעכער. פון איין דאָך אַפן צווייטן. די שטרויענע און טשערעפּענע דעכער זײַנען ערטערווײַז באַהעלט פון דער לעוואָנע־שײַן. און פון די טונקעלע קוימענס, וואָס סטאַרטשען אַרויס צום הימל, גייט אַ רויך... ניין, זי טראַכט מער ניט וועגן וואָווען. סאַראַ געדיכטער רויך עס קנוילט פון די קוימענס...

קאַפּיטל דרײַ

און דער כוטאָר האָט זיך געגרייט צו דער מאָרגנדיקער סימכע, צו דאָדיעס און כאַנע־איטקעס גאָלדענער כאַסענע. די ווײַבער האָבן זיך געייסעקט אין די קיכן, געהייצט די אויוונס, געבאַקט, געבראָטן, געקאָכט, געפּרעגלט. יעדע באַלעבאָסטע האָט געקאָכט אירס אַ באַזונדער מײַכל, איר באַזונדער געריכט צו דער סימכע. און יעדע איינע האָט געוואָלט און זיך געסטאַרעט, אַז איר געריכט זאָל באַזונדערס אויסנעמען. העניע־ריוועס קאַלמען זאָהאָטס האָט געמאַכט אַ געבלעטערטן קוגל אַף געלכלעך, איבערגעשאָטן מיט שאַרפן צימערינג און פאַרגאָסן מיט גענדזן־שמאַלץ; זעלדע האָט געקאָכט אַ גאָלדענע יויך מיט מאַנדלען; גיטע ליפּע זאַיִקעס האָט פאַרוקט אין אויוון אַ טשאָלנט פון פרישע קאַרטאָפל מיט געפילטע העלדזעלעך; סלאָבאָדיאַניכע — אַ געבראָטענעם אינדיק; דאָבע יודל פּיסקונס — אַ מערן־צימעס מיט ראָזשינקעס... איניקע האָבן געגרייט פאַרן גאַנצן עולם געבראָקטע אייער, איבערגעמישט מיט יונגע ציבעלעס און הינער־שמאַלץ, אַנדערע געהאַקטן לעבער,

אָנגעריבענעם רעטעך מיט גריבענעס... מע האָט צוגעשטעלט אין די אויוונס אי א לאָקשן־קוגל, אי עסיקפלייש, אי פּאַסאָליעס־צימעס, אי געפילטע פיש, פאַרשיידענע געבעקסן — טייגלעך מיט ביס, האָמענטאַשן, וועדטוטלעך, שטרודלען, כרעמזלעך... מע האָט געפּרעגלט גענדז, קאַטשקעס און הינער... קאַטערינע כאָמע טראַסקונס האָט פאַרזשאַרעט אין אויוון א יונג כאַזערל... אין יעדער שטוב, אין יעדן הויף האָט געשמעקט מיט אן אנדער מײַכל.

פאַרנאַכט־צו האָט צו בורלאַקן זיך שוין געהאַט צונויפגעפאָרן קימאַט די גאַנצע מישפּאָכע — פיר זין, אַלע הויכע, ברייטפּלייציקע, שוואַרץ־אויגיקע, ווי דער טאַטע, מיט פאַרפּאַליעטע פון דער זון ווײַבער און קינדערלעך, דרײַ טעכטער און איידעמס; אייניקלעך און אוראייניקלעך, פּלעמעניקעס, שוועסטערקינדער, פעטערס און מומעס... דער גרעסטער טייל פון זיי האָט געלעבט אין די דערבײַיקע דערפער און כוטאָרס. דאָס זײַנען געווען באַרימטע מעלקערנס, שמידן, פּיציכטלער, קאָמבײַנערס, גאָרטנ־ציכטלער, קאָניוכעס, ברינדזאַרעס, בינענציכטלער און געוויינלעכע קאָלווירטניקעס און קאָלווירטניצעס — געזונטע האָרעפּאַשנע יידן און ווײַבער מיט גרויסע עטוואָס פאַרגרעבטע הענט און מיט פאַרוווינטיקטע, שטאַרק פאַרברוינטע, גוטמוטיקע פּענע־מער... מע איז געקומען פון די נאָענטסטע קליינע סטאַנציעס, ווו אייניקע פון דער מישפּאָכע האָבן געאַרבעט אויף די עלעוואַטאָרס און אויף דער אײַזנבאַן־ליניע, און אויך פון ווײַטערע שטעטלעך און שטעט. פון זאַפּאָראָזשיע איז אַראָפּגעקומען די גרויסאַרטיק פאַרפּוצטע טאָכטער מאַריאַשע מיט דעם זייער גערעאָטענעם איידעם, דעם קאָנסטרוקטאָר פון קאָמבײַנען־זאַוואָד; פון הינטער מאַקײַעווקע — דער יינגסטער זון אויזער, אן אָרדענטרעגער, א טעכניקער אויף א שאַכטע; פון הולײַפּאָליע איז געקומען די מומע פּערל — די דעפּוטאַטקע פון ראַיסאָוועט, מיט צוויי אייניקלעך — סטודענטקעס פון פּיצוכט־טעכניקום, און אַזש פון הינטער דווינסק, פון דער סאַמע גרענעץ, איז געקומען צו פליִען אויף צוויי וואָכן אין אורלויב דאָס עלטסטע אייניקל, דער שטאַלטנער לייטענאַנט זאָרעך מיט דעם בלאָנדן זייער שיינעם ווײַבל קסעניע און דרײַיאָריקן מיידעלע.

באַלד ווי מע איז געקומען, האָבן די זין און טעכטער, די איידעמס און שניר זיך גענומען פאַר דער אַרבעט. די מענער האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פּידזשאַקעס און אין אייגנע העמדער געזועגט ברעטער, געטעסעט סלופּעס, געגראָבן גריבלעך. אינמיטן הויף, צווישן דער קלוניע און ברונעם, אויף זעלבן אָרט, ווו מע האָט מיט פופציק יאָר צוריק געפּראַוועט דאָדיעס און כאַנע־איטקעס כאַסענע, האָט מען גע־בויט א גרויסן, זייער גערעאַמען באַלאַגאַן מיט לאַנגע טישן און בענק, אַז עס זאָל ניט זײַן דושנע און ס'זאָל קלעקן אָרט פאַר יעדן איינעם, וואָס וועט אָנטאָן דעם קאָוועד און קומען אהער ווי א ליבער גאַסט אויף דער מישפּאָכע־סימכע.

די ווײַבער — עלטערע, יינגערע און גאָר יונגע — האָבן מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל זיך געײַסעקט אין קיך און אין די העל־באַלויכטענע צימערן. ווער עס האָט געשניטן דעם שמעקנדיקן האָניק־לעקעך, ווער ס'האָט פאַנאַנדערגעגאָסן די גוט־אָנגעקנאָבלטע פּעטשאַ, ווער ס'האָט גערעדלט די אייער־מאַצעלעך.

אף דעם גאָר ברייטן און לאַנגן טיש, ווו ס׳פלעגט אמאָל ארום טאטע־מאמע זיך אויסזעצן די גאנצע מישפּאָכע, די פיר זין און דריַי טעכטער, דער זיידע, די באָבע און עלטערבאָבע, — אף אָט דעם שווערן געזעצטן טיש, וואָס איז געשטאנען אינמיטן צימער אף די קיַילעכדיקע אויסגעשניצטע פיס, האָט מען אין גרויסע בלוי־עמאלירטע שיסלען איבערגעוואשן דאָס געפעס: א וועלט מיט פארשיידענע פּאָרצעלייַענע און איינפאכע טעלער, טיפע און פלאטשיקע, באזוימטע מיט בלויע און גריַנלעכע קאנטן, באמאָלטע מיט פעלד־בלימעלעך, און גלאט וויַיסע, גרינגע און שווערע, און שאָלן, און שעלכלעך, און פּאָלומעסעקס, קאָלערליי גאָפל און לעפל, פּאָשעטע, אליומינעווע און אלטמאָדישע פראזשירטע, באזילבערטע, וואָס כאנע־איטקע האָט אנטליִען בא אלע היגע באלעבאָסטעס, פון איין ברעג כוטאָר ביזן צווייטן.

בא א צווייטן טיש, לעבן דעם גאס־פענצטער, האָבן די טעכטער און שניר געשיַיערט מיט קריַיד די זילבערנע בעכערלעך, אויסגעווישט מיט האנטעכער די געשליפענע, לענגלעכע קעלישעקלעך, די בלויִנקע, ראָזלעכע און מאטאָווע פייסעך־קויסעס, די קידעש־ און האוודאָלע־ריוויעסלעך, וואָס האָבן זיך נאָך פארהיט בעיערושע פון די זיידעס און עלטערזיידעס, פון די ערשטע קאָלאָניסטן...

אין דערבייַיקן לענגלעכן צימער, ווו הינטער דעם געקווייטלטן פאָרהענגל איז שוין געשלאָפן די אכט־און־ניַינציקיאָריקע עלטערבאָבע, די טויבע ציפּוירע, האָבן קסעניע מיט מאריאשען געפרעסט די אָנגעקראכמאליעטע טישטעכער צו פארשפרייטן די טישן אין דעם אפגיך אויסגעבויטן לופטיקן און געראמען באלאגאן.

אלע זייַנען געווען פארפלאמט, פארהאוועט, פארטראָגן. מע האָט זיך איבערגעוואָרפן מיט ווערטער, פארשאָטן מיט פראגעס און אויסדערציילט איינער דעם אנדערן אלע ניַיס, וואָס יעדערער פון זיי האָט געבראכט מיט זיך.

און די באלסימכעס אליין — ער, דער גראָוער ברייטפּלייציקער דאָדיע בורלאק, אָנגעטאָן אין א זויבער וויַיס העמד און אין יאָמטעוודיקן סורדוט, און זי — כאנע־איטקע, „דער טראקטאָר“, ווי מע האָט זי גערופן אפן כוטאָר, נאָך א קרעפטיקע, הויך־ריידנדיקע יידענע, — האָבן געהאט צו טאָן מיט די אייניקלעך און אורייניקלעך.

זיי אלע, די געפערלעכע שטיפער, וואָס זייַנען מיט טאטע־מאמע זיך צונויפגעפאָרן פון פארשיידענע דערפער, שטעט און כוטאָרס און פאר דעם איינעם טאָג זיך אזויפיל אָנגעזען, אז עס האָט געשפּאָרט פון זיי, — זיי אלע האָבן גלייַך באוויזן צו באקאנען זיך איינער מיטן אנדערן און פארפילט די העל־באלויכטענע שטוב, די הייס־אָנגעהייצטע קיך, דעם טונקעלן פירהויז, דעם אויסגעשטערנטן הויף און דעם שאָטנדיקן פאליסאדניק מיט א פריילעך געפילדער, ווי אלץ דאָ און די גאנצע וועלט ארום, די ערד און דער הימל, וואָלט געהערט נאָר צו זיי...

ס׳איז שוין ניט פרי געווען, ווען דאָדיע און כאנע־איטקע האָבן קוים מיט צאָרעס זיי באלייגט שלאָפן אף ווייכע פוכיקע גענדזן־פערענעס, אויסגעבעט אף דער ערד: די מיידלעך אין איין כיידער, די יִנגלעך — איבעם צווייטן.

נאָך דעם, ווי מע האָט באַלייגט די קינדער, האָט כאַנע־איטקע מיט די טעכטער גענומען אויסבעטן פאַר אַלע איבעריקע — ווען מען איז שטוב, ווען מען איז פירהויז, ווען מען איז באַלאַגאַן און ווען מען גאָר אפן גראָז אין הויף אונטער דעם וואַרעמען הימל, אָדער אָף דעם פרישן נאָך ניט צוגעלעגערטן היי לעבן דער קלוניע.

קאַפּיטל פיר

נעכאַמקע האָט ניט באַמערקט, ווי זי איז אַדורך פאַרביי דעם פּוסטן זאַהאָן, פאַרביי די אָנגעשטעלטע וועגענער און שנייד־מאַשינעס לעבן דער נידעריקער קוזניע און אַרויס אויסער דעם כוטאָר. אָף דער באַלויכטענער הויך־אָנגעשאָטענער הרעבליע איז זי געבליבן שטיין. פון דעם באַנאַכטיקן סוידעספּולן סטעפּ האָט זיך אַהער דערטראָגן אַן אומופהערלעכע גרילצערײַ פון צירקונען און זייער אַ ווײַט האַרציק־צעצויגן מיידלש געזאַנג. ערגעץ הינטער די מאָהילקעס האָט אומעטיק און איינזאַם געקוקעט אַ קוקאַווקע; פון מאָל צו מאָל האָט זיך דערטראָגן אַהער אַ בענקענדיק הירזשען פון אַ יונגער לאָשיצע אָף דער פּאַשע און אַ פּאַרטויבט בילן פון אַ הונט אפן בּרעג כוטאָר. צווישן דעם הויכן און געדיכטן אָטשערעט האָבן געקוואַקעט די פּראָשן, ווי זיי וואָלטן זיך איבערגערופן מיט דער קוקאַווקע: קוואַ־קוואַ... קו־קו...

די נאַכט איז געווען פול מיט קלאַנגען, וווּנדערלעכע מעכײַעדיקע קלאַנגען. גוט, וואָס עס הירזשעט ערגעץ אָף דער היי־לאָנקע די לאָשיצע; ווען זי וואָלט ניט געהירזשעט, וואָלט עפּעס געפעלט אין דער נאַכט; גוט, וואָס עס בילט דער הונט, וואָס עס סקריפּעט דער קאָלאָוואָראָט בײַ אַ ברונעם, וואָס עס הודעט די עלעקטראָ־סטאַנציע, וואָס עס שפּילן, ווי אָף הונדערטער דינע פײַפעלעך, די נאַכט־צירקונען...

אַלץ אַרום איז פאַרפולט געווען מיט רירנדיקער שײַנקײַט — דער זייער בלויער הימל, און די ווײַטע פינקלדיקע שטערן, וואָס האָבן זיך פריילעך אָפּגעשפּיגלט אין גלאַטן רויִקן סטאַוואָק, און דער גרין באַזילבערטער אָטשערעט, און דער ברייט אויסגעפאָרענער וועג, וואָס האָט זיך שטיל געשלענגלט אַרויף־באַרג, און די פּיצינקע עלעקטרישע פײַערלעך, וואָס שעמערירן און ווינקען אַהער אַזש פון קאָוואַלעווסק, און די הויך־אָנגעשאָטענע הרעבליע אַליין, אַ באַגאַסענע מיט לעוואָנע־שײַן... פון סטאַוואָק טראָגט מיט קילקײַט, מיט פרישקײַט. פון סטעפּ — מיט געדיכטן גערוך פון צײַטיק־ווערנדיקע טוועעס... „סאַראַ נאַכט... און אָט גייט זי אַוועק... און זי וועט זיך דאָך שוין מער ניט אומקערן... קיינמאָל... אַזאַ נאַכט... און אַלץ צוליב אים...״ — נעכאַמקע האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אין דעם ווײַסן נאַליוו, וואָס זי האָט אָפּ־געריסן פון בוים פאַר וואָוועז. זי האָט אַרויסגענומען דעם קילבלעכן עפּל פון קעש־שענקע, צוגעדריקט אים צו דער הייסער באַק. עס האָט שאַרף געשמעקט פון אים מיט ווײַניקײַט, ווי געווײַנלעך פון אַן ערשט רײַפווערנדיקער פּרוכט. „צוליב וואָס האָט זי אים אָפּגעריסן... וואָס טראָגט זי אים?..״

זי האָט פארהויבן די האנט און א שלײַדער געטאָן דעם זאפטיק־ווײַסן עפל אין סטאוואָק ארײַן. ערגעץ ווײַט האָט זיך דערטראָגן א פליעסק איבערן וואסער און עס האָבן זיך באלד באוויזן באזילבערטע פון דער לעוואָנע־שײַן דינע רינגען. צו־ביסלעך זײַנען די רינגען זיך פאנאנדערגעגאנגען אלץ ברייטער און ברייטער, ביז זיי האָבן שטיל־שטיל זיך אָנגערירט אָן דער הרעבליע...

נעכאמקע האָט געקוקט אף די קרײַזן, און אירע אויגן זײַנען פארלאָפן געוואָרן מיט טרערן. „איצט איז אויס... אויס...” די אקסלען האָבן בא איר אונטערגעציטערט. מיטן שווארצן גלאנציקן צאָפ האָט זי זיך געווישט די פײַכטע באקן און געכליפעט. עפשער וואָלט איר ניט אזוי ווי געטאָן, ווען די נאכט וואָלט כאָטש ניט געווען אזוי שיין. ווי אפצולאָכעס, אזא נאכט. און דאָרט, אין קלוב... דאָרט שפילט נאָך אלץ די מוזיק... און ער... ער איז דאָרט מיט אַן אנדערער...

— —

נאָר וואָווע איז שוין אין קלוב ניט געווען. ווי נאָר ער האָט פארענדיקט טאנצן דעם וואלס מיט דער לערערן, האָט ער צעטראָגן זיך ארומגעקוקט און גלײַך באמערקט, אז נעכאמקע איז אין זאל ניטאָ. דאָס ערשטע — ער האָט א זוך געטאָן מיט די אויגן זיאמען. זיאמע איז אויך ניט געווען. וואָווען איז מיטאמאָל שטארק הייס געוואָרן. דאָס ווײַסע זעפירענע העמדל האָט זיך צוגעקלעפט צו דער פלייצע. נאָר ער האָט געלאסן ארויסגענומען א פאפיראָס, זיך אנטשולדיקט פאר דער לערערן — „מע דארף פארייכערן” — און מיט אײַנגעהאלטענע, געמאָסטענע טריט זיך געלאָזט גיין צווישן דעם זאָרגלאָז־טומלדיקן אוילעם. באם דערנעענטערן זיך צו דער טיר זײַנען די טריט געוואָרן אומרויִקער: „אוועק מיט אים... נו, גוט... ער וועט, אויב אזוי, זיי באלד דאפקע פאקן”...

א צעהיצטער איז ער ארויס אין דרויסן, אָפגעגאנגען עטלעכע שפאן, אומקוקנדיק זיך אין אלע זײַטן, און מיטאמאָל פארלוירן א פינטל געטאָן מיט די אומרויִקע אויגן. עטוואָס אין א זײַט, אונטער אן אקאציע־בוים, איז אף דער לאנגער הילצערנער באנק געזעסן זיאמע... זיאמע און יאָסקע פיסקון. זיי האָבן גערייכערט און, איבערשלאָגנדיק איינער דעם אנדערן, פארכאפט גערעדט וועגן דער ראיאָנער ספארטאקיִאדע.

וואָווע האָט זיך דערפילט מיטאמאָל ווי שולדיק פאר זיאמען און אומבאמערקט ארויס אין גאס. אף דער ברייטער און שטילער גאס איז ער א פארזאָרגטער געבליבן שטיין און זיך אומגעקוקט. „וווהין האָט זי געקאָנט אוועקגיין... זיך באליידיקט, וואָס ער האָט געטאנצט מיט דער לערערן”. — ס'האָט אים שוין אויך באנק געטאָן. — „צוליב וואָס האָט ער עס באדארפט. מאלע־וואָס זי האָט זיך פארהאלטן. די מיידלעך האָבן דאָך געזאָגט, אז זי איז נאָך אין סטעפ. נו, איז וואָס, אז זיי האָבן זיך געוויצלט דערבײַ... און ער האָט זיך שוין אָנגעצונדן, ניט צוגעגאנגען צו איר. נו, איז וואָס, אז זי איז געשטאנען מיט זיאמען... נו, האָט זי געלאכט. דעריבער... אָט זיצט זיאמע גאָר מיט יאָסקען. און זי איז אוועק אליין”...

וואָווע האָט אויסגעריבן עטלעכע שוועבעלעך, ביז ער האָט צוגערייכערט דעם פּאַפּיראָס. ער האָט זיך עטלעכע מאָל נאָכאנאַנד שטאַרק פאַרצויגן און זיך געלאָזט גיין אראָפּ־גאס. אים האָט זיך געוואָלט איצט איין זאך — טרעפן זי אין דער היים. פונדערווייַטן נאָך האָט ער באַמערקט, אַז די פענצטער זייַנען דאָרט ליכטיק. ער האָט זיך דערפרייט: „זי איז אין דער היים". ער האָט געוווּסט, אַז כאַנציע איז פארנאכט נאָך אוועקגעפאָרן אַפן פּלענום פון דאָרפראַט און דאַרף זיך אומקערן ערשט מאָרגן. „הייסט עס, אַז זי איז אין דער היים".

וואָווע איז אַרייַן אין הויף. דאָס אייינציקע פענצטער פון נעכאַמקעס צימערל איז געווען פאַנאַנדערגעעפנט. ער האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן — א רוף טאָן זי אָדער שטילערהייט צוגיין. אויב ער וועט צוגיין אומגעריכט, קאָן זי נאָך דערשרעקן זיך. ער האָט געמאַכט א פּאָר טריט צום אָפענעם פענצטער און שטיל א רוף געטאָן:

— נעכאַמע...

פון אונטער דער סטריכע איז צעפּודזשעט אַרויסגעפלויגן א שוועלבעלע.

אייַנהאַלטנדיק דעם אָטעם, האָט וואָווע ווידער שטיל א רוף געטאָן:

— נעכאַמע...

ער האָט געוואַרט, אָט וועט זי ענטפערן. זי וועט אַרויסקוקן דורכן פענצטער. נאָר קיינער האָט ניט געענטפערט. „זאָל זייַן, אַז זי שלאָפט שוין?.." ער איז מיט גיכע טריט צוגעגאַנגען צום סאַמע פענצטער און פאַרהויבן דאָס ווייַסע פאָרהענגל.

— נעכאַמע!..

קיינער איז אין שטוב ניט געווען. דאָס איז פאַר אים געווען אינגאַנצן אומדערווארט. ער האָט א מידער זיך אוועקגעזעצט אַף דער נידעריקער פּריזבע און אַרויסגענומען פון קעשענע די פּאַפּיראָסן. „אָט א געשיכטע... גיי ווייס... אַזא פאַרדרייעניש... און צוליב וואָס? ער ווייסט אַליין ניט, צוליב וואָס... ער דאַרף דאָך מאָרגן פאָרן צוריק אין דער מטס און זי ווייסט אַפילע ניט. וויַאַזוי וועט ער אוועקפאָרן, אויב ער וועט זי הייַנט ניט זען?" אַפן האַרצן איז אים געוואָרן זייער שווער, ווי מע וואָלט אַרופגעקייַקלט אַף אים דעם דרעשׁשטיין, וואָס וואַלגערט זיך בא זיי הינטער דער שטוב. ער וויל אים אַראָפּקייַקלען, נאָר ער קאָן ניט. דאָס אייינציקע, וואָס אים איז געבליבן, איז — פאַררייכערן. ער האָט גערייכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן. עס ענדיקן זיך שוין באַלד די פּאַפּיראָסן, און זי איז נאָך אַלץ ניטאָ...

אין קלוב האָט אופגעהערט שפּילן די מוזיק, און דער אוילעם האָט זיך אַרויסגעשאָטן אין דרויסן. וואָווע האָט געהערט, ווי מע האָט כאָפּטעסווייַז געשפּאַנט איבער דער באַנאַכטיקער גאס, הויך גערעדט, געלאַכט און, איבערופנדיק זיך איינער מיטן אַנדערן, זיך צעגאַנגען איבער די הויפן.

אַפן כוטאָר איז פון מאָל צו מאָל געוואָרן טינקעלער. עס האָט זיך אָנגעהויבן לעשן די שייַן אין די פענצטער — פריִער אין איין שטוב, באַלד אין א צווייטער, אין דער אַנטקעגנדיקער, אין מיט כוטאָר, אַראָפּ צו דער הרעבליע, אַפן סאַמע עק גאס... אין א קורצער ווייַלע האָט זיך אויסגעלאָשן די שייַן קימאַט אין אַלע שטיבער. עס האָט זיך נאָך קוים באַמערקבאַר געלויכטן פון שעפּטלס שטוב, וואָס איז

באהאלטן געווען אינעם געדיכטן געבלעטער פון די ביימער אין פאליסאדניק. זעלדע איז נאָך, קאָנטיק, ניט געשלאָפן, געוואַרט אף שעפטלען, וואָס האָט געדארפט זיך שוין אָט־אָט אומקערן פון דער ראיאָנער באראטונג, פון הוליַיפּאָליע.

און וואָווע איז אלץ געזעסן אף דער פריזבע, געררייכערט און צוגעהערט זיך צו יעדן שאָרך. עפשער גייט זי. ער איז געווען אין קאס סיַי אף איר, סיַי אף זיך, וואָס זיי דערגייען זיך אומזיסט און אומנישט די יאָרן.

„פארוואָס איז עס אזוי? — האָט ער מיט פארביטערונג געטראכט. — פארוואָס זאָלן די סאמע נאָענטע מענטשן פארשאפן איינער דעם אנדערן אזויפיל פארדראָס?.. פארוואָס טאָן איינער דעם אנדערן אפצולאָכעס?.. ער האָט זיך קוים ארויסגעריסן פון מטס אף איין מעסלעס, אף איין אָוונט, קעדיי זען זי, זיַין מיט איר... און אָט... ס׳גייט שוין דורך די נאכט, און זי איז ניטאָ... בארויגעז געוואָרן. און צוליב וואָס... צוליב גאָרנישט. צוליב א נארישקיַיט...“

אנטקעגן אפן גראָז איז געפאלן א בלאסע שיַין פון פענצטער. מיטאמאָל איז געוואָרן פינצטער. די שיַין אין נעכאמעס פענצטער האָט זיך אויסגעלאָשן.

וואָווע איז אופגעשפרונגען. נאָר איידער ער האָט באוויזן זיך דערנעענטערן צום פענצטער, האָט עס עמעץ האסטיק פארמאכט פון איַנווייניק.

„געקומען“, — ער האָט צעטומלט פאנאנדערגעשפיליעט דעם קאָלנער און צוגעשפארט זיך מיטן פּאָנעם צו דער בלויער קילבלעכער שויב.

— נעכאמע...

ער האָט א וויַילע אָנגעשטרענגט געוואַרט. זי האָט ניט געענטפערט. אין צימער איז געווען פינצטער, און ער האָט דורך דער שויב גאָרנישט ניט געזען. ער האָט נאָר געהערט, ווי עס האָט א סקריפּע געטאָן עפּעס א בענקל צי דאָס בעטל...

— נעכאמע... — האָט ער ווידעראמאָל א רוף געטאָן.

א דארער, א הויכער, איז וואָווע אומבאהאָלפן געשטאנען לעבן דעם פארמאכטן פענצטער. ער האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. ווען זי ענטפערט אים כאָטש מיט איין וואָרט. זאָל זי אים זידלען, זאָל זי אים זאָגן דאָס ערגסטע, נאָר ניט שוויַיגן.

— נעכאמע... איך וואַרט דאָך שוין עפשער דריַי שאָ אף דיר... נו, וואָס שוויַיגסטו?.. ווילסט, איך זאָל אוועקגיין?.. נו, זאָג... זאָג... וועל איך אוועק...

נאָר וויפל ער האָט ניט גערעדט, האָט זי ניט געענטפערט. זי איז געלעגן אויסגעצויגן מיטן פּאָנעם אראָפּ אף דעם שמאָלן איַיזערנעם בעטל אין דעם אָנטאָן און אין די טופליעס, אזוי ווי זי איז אָקאָרשט א צעבראָכענע געקומען פון דער הרעבליע, און דאָס הארץ איז בא איר צעריסן געוואָרן אף שטיקער פון פארדראָס.

„פארוואָס קומט עס איר?.. פארוואָס?.. דערפאר, וואָס זי האָט אזוי געוואַרט אף אים... דערפאר, וואָס זי איז פאר דער גאנצער ציַיט, ווען ער איז ניט געווען, אפילע קיין איין מאָל אין קלוב ניט אריַין... דערפאר, וואָס זי האָט אין ערגעץ ניט געמאכט קיין טראָט אָן אים... און ער... אזוי פּיַיניקן זי... אזוי דערגיין איר די יאָרן... ארויסשטעלן פאר אלעמען צום געלעכטער... און נאָך דעם אלעמען איז ער איצט נאָך

געקומען אהער?" — זי איז אופגעשפרונגען, צוגעלאָפן צום פענצטער און מיט קאַס אראָפגעלאָזט דאָס פאָרהענגל.

בא וואָוען איז ארויסגעטראָטן א געדיכטער שווייס אפן שטערן. ער האָט א זוך געטאָן מיט דער האנט אין קעשענע. ווו זײַנען די פּאַפּיראָסן? ער האָט גאָר פאַרגעסן, אז ער האָט אויסגערייכערט אלע ביז איינעם. וויאזוי האָט ער עס גאָרנישט איבערגעלאָזט? אזא פארדרייעניש. גיי ווייס... דער רועך האָט אים געטראָגן טאנצן מיט דער לערערן.

— נעכאמע... נו, זײַ ניט בארויגעז... נו, איך בין שולדיק... איך... נו, גוט?.. איך בין דאָך... איך בין גלײַך ארויס... גלײַך נאָך דיר... געזוכט... געווארט דאָ... נעכאמע, נו, גיי צו אהער... איך דארף דיר עפּעס זאָגן... איך פאָר דאָך מאָרגן אוועק... דו הערסט?.. איך פאָר אוועק...

„זאָל ער פאָרן, זאָל ער פאָרן!" — האָט זי פארביסן געטײַנעט אין זיך. די אלע רייד זײַנע האָבן זי איצט ניט גערירט. איצט האָט זי געוואָלט נאָר איינס: ער זאָל זידלען די לערערן. ער זאָל זאָגן, אז ער קאָן זי ניט אָנקוקן.

און כאָטש וואָוע האָט פארשטאנען, אז דאָס איינציקע מיטל אף איבערבעטן איצט נעכאמען איז זידלען די לערערן, נאָר טאָן דאָס האָט ער ניט געקאָנט. ניט ווײַל די לערערן איז אים געפעלן געווען, זי איז אים אינגאנצן ניט אָנגעגאנגען, און דעריבער טאקע האָט ער וועגן איר קיין איין שלעכט וואָרט ניט געקאָנט זאָגן. וואָס האָט ער צו דער לערערן? זי איז איינע אליין. אן עלנטע. און וואָס איז זי שולדיק?..

— נעכאמע! — איז ער מיטאמאָל אין קאַס געוואָרן. — דו ענטפערסט, צי ניט?.. דו הערסט? איך פרעג ס'לעצטע מאָל... ניין... ענטפערסט ניט?.. איז גיי איך אוועק... הערסט?.. — האָט ער אָנגעקלאפּט אין פענצטער. — איך גיי אוועק... נאָר געדענק. מער וועסטו מיך דאָ ניט זען... דו הערסט? קיינמאָל ניט!..

נעכאמקע האָט אפילע קיין ריר ניט געטאָן מיט קיין אייווער. ניט געענטפערט. זי איז זיכער געווען, אז ער וועט ניט אוועק. ער וועט ווידער אָנקלאפּן. דאָס, וואָס ער האָט ביז איצט געזאָגט, איז פאר איר געווען ווייניק. זי האָט נאָך אלץ געווארט, אז ער זאָל זאָגן וועגן דער לערערן עפּעס שלעכטס, מיט עפּעס זי אויסלאכן, דערנידעריקן. דעמלט וועט איר גרינגער ווערן אפן הארצן. דעמלט וועט זי אים עפּשער ענטפערן. נאָר ער האָט מער ניט אָנגעקלאפּט. הינטערן פענצטער איז געווען שטיל. זי איז אָבער איבערצײַגט געווען, אז ער איז ניט אוועק. זיצט אף דער פריזבע. זי האָט אפילע פארגעניגן געהאט פון דעם, וואָס ער זיצט אָט איצט איינער אליין בא איר הינטערן פענצטער, ווי זי וואָלט מיט דעם זיך אָפּגערעכנט מיט אים. נאָר פארוואָס שווײַגט ער אזוי לאנג? דאָס האָט זי אָנגעהויבן פארדריסן. זי האָט שטילערהייט זיך אופגעהויבן, איז פאָרזיכטיק, אף די שפּיץ פינגער צוגעגאנגען צום פענצטער און פארהויבן דאָס פאָרהענגל.

אין דרויסן האָט שוין קאָנטיק נאָרוואָס אָנגעהויבן שארײַען. די שויבן האָבן זיך קאלט געבלויט אינעם שטילן, זייער שטילן און פרישן פארטאָג. פארבײַ האָט מיט

א דינעם זשום זיך דורכגעטראָגן א נאכט־זשוקל, עס האָבן א שורכע געטאָן מיט די בלעטער די געאָרגינעס.

וואָווע איז ניט געווען.

„טאקע אוועק...— אין איר האָט מיט דער פריערדיקער קראפט זיך אָנגעצונדן דער קאס אף אים. — אויב אזוי... זאָל ער מיך זוכן..."

זי האָט ארופגעוואָרפן אפן קאָפּ דאָס טיכל, וואָס איז פארבליבן פון דער מאמען, גיך ארויס אינעם נאָך עטוואָס פארנעפלטן קילבלעכן דרויסן און מיט די גערטענער, אז קיינער זאָל ניט באמערקן, א פולע מיט פארדראָס, איילִיק אוועק פארביי דער טרוקענער באלקע אין סטעפּ ארײַן. זי איז געגאנגען איבער דעם עטוואָס ווײַסלעכן מיט טוי־באדעקטן גראָז, וואָס האָט געשווענקט און געוואשן אירע טופליעס, און זי האָט זיך געקילט דאָס הארץ: זאָל ער זי איצט זוכן איבערן גאנצן כוטאָר... זאָל ער ניט וויסן אפילע, ווו זי איז אהינגעקומען... און זי וועט זײַן אפן סטעפּ... אין דער קוקורוזע... אין די סאָנעשניקעס... א גאנצן טאָג, ביז פינצטער. זאָל ער זוכן... הײַנט איז דאָך זונטיק, אן אָפּרו־טאָג. קיינער וועט אויסער איר ניט זײַן אפן סטעפּ... זייער גוט. זי וויל קיינעם ניט זען. קיינעם... „ער פאָרט אוועק", האָט ער געזאָגט. ער וועט זי ניט איבערשרעקן. זי קאָן אויך אוועקפאָרן. נו, יאָ, זי וועט טאקע פאָרן. קיין הולײַפּאָליע אף די אגראָקורסן. דער קאָמסאָמאָל האָט איר פאָרגעלייגט. זי האָט פריִער זיך אָפּגעזאָגט. ניט געוואָלט פאָרן. צוליב אים. און איצט וויל זי. איצט וועט זי דאפקע שוין יאָ פאָרן... לייע זאיקעס לערנט זיך דאָרט... טעמע שמועל־דאָווידס, מארפע דרויאנס... מיט וואָס איז זי ערגער פון זיי?.. א יאָר צײַט וועט זי זײַן אין ראיצענטער, אין הולײַפּאָליע. מיט וואָס איז שלעכט? א סטיפּענדיע, א צוזאמענ־וווינונג... און אז זי וועט ענדיקן די קורסן, וועט זי בעטן, אז מע זאָל זי שיקן אין אן אנדער קאָלווירט... ווּהין מע וויל, נאָר ניט אהער. זאָל ער וויסן...

נעכאמקע איז שוין געווען אף יענער זײַט טרוקענער באלקע. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער סטעפּ. ארום און ארום אף די נאָך גרויע מיט טוי־אָפּגעפּרישטע פעלדער האָט גערוט א דורכזיכטיקע שטילקײַט. נאָר פון כוטאָר האָט זיך פון מאָל צו מאָל דערטראָגן אָט א נאָענטער און אָט א ווײַטער האָנענקריי. די זאָרגלאָזע הענער האָבן פריילעך, ווי שטענדיק, זיך איבערגערופן, באגעגענענדיק דעם קלאָרן זון־אופגאנג...

קאפּיטל פינף

באלד נאָך דעם, ווי שעפּטל איז אוועקגעפאָרן אף דער ראיאָנער באראטונג קיין הולײַפּאָליע (אוועקגעפאָרן איז ער פארנאכט, קעדיי אינדערפרי זײַן דאָרטן), האָט זעלדע שוין אָנגעהויבן זיך גרייטן צו זײַן אומקערן זיך. זי האָט אראָפּגענומען די פאַרהענגלעך פון די פענצטער, דעם טישטעך פון טיש, די סאלפעטקעלעך, וואָס זײַנען געווען פארשפּרייט אפן קאָמאָד, און אײַנגעוויקלט אף נאכט א פולע מולטער מיט וועש. שעפּטל האָט ניט ליב געהאט זײַן אין שטוב, ווען מע וואשט גרעט, און זי האָט דעריבער געוואָלט עס אָפּטאָן ביז זײַן אומקערן זיך.

אומקערן זיך האָט ער באַדאַרפֿט מאָרגן אין אָוונט. און איר האָט זיך געוואָלט צו שעפּטלס קומען צוראַמען די שטוב, אויסוואַשן די פֿענצטער און די טירן, איבערציִען די געלעגערס, אַז אַלץ זאָל זײַן ריין, אופֿראַמען אין הויף, אַרום שטאַל, לעבן ברונעם, אין פּאַליסאַדניק, קעדיי שעפּטל זאָל טרעפֿן אַלץ אין פֿולסטער אָרדענונג און ער זאָל זײַן צופֿרידן.

שוין אַכט יאָר, ווי זיי האָבן געלעבט צוזאַמען, און בא איר האָט זיך פֿאַרהיט צו אים יענץ געפֿיל, ווי אין די ערשטע טעג, ווען זי איז געוואָרן זײַן ווײַב. שעפּטל איז איר געווען ליב מיט זײַן איבערגעגעבנקייט, מיט זײַן זאָרג פֿאַר דער מישפּאָכע, פֿאַר די קינדערלעך, מיט זײַן ערלעכקייט — זי איז זיכער געווען, אַז פֿאַר די אַכט יאָר האָט ער איר קיין ליגן ניט געזאָגט, — ער איז איר ליב געווען מיט זײַן גוורע און אַפֿילע מיט זײַן שטרענגקייט... אין איר באַציִונג צו אים האָט עפּשער זיך אויך געלאָזט פֿילן דאָס, וואָס ער האָט פֿאַרנומען אַלץ אַ מער אָנגעזעען אָרט אין קאָלווירט, געווען גערימט צווישן די בריגאַדירן, מע האָט זיך מיט אים גערעכנט, געשיצט, און אַפֿילע די אַלטע קאָלווירטניקעס האָבן זיך צוגעהערט צו זײַנער אַ מיינונג. בא די לעצטע וואַלן האָט מען אים אויסגעקליבן אַלס מיטגליד פֿון קאָלווירט־פֿאַרוואַלטונג. אַלע האָבן געשטימט פֿאַר אים. קיינער האָט ניט געהאַט אַזויפֿיל שטימען, וויפֿל ער. זעלדע האָט אין דער שטיל זיך אויך געגרייסט מיט דעם, וואָס זײַן בילד איז שוין דאָס צווייטע יאָר נאָכאַנאַנד געווען אויסגעהאַנגען אַפֿן סטענד לעבן קלוב, און ווען זי איז ניט פֿאַרבײַגעגאַנגען, האָט זי עטוואָס פֿאַרהאַלטן די טריט און מיט פֿאַרגעניגן זיך אומגעקוקט אַהין.

וואָס זעלדע האָט זיך ניט געקליבן טאָן, האָט זי פֿריִער געגעבן אַ טראַכט: „און וואָס וועט זאָגן שעפּטל?..“ ווען זי האָט געגרייט עפּעס אַ מײַכל, האָט זי שטענדיק איבערגעלעבט, צי ס׳וועט געפֿעלן ווערן שעפּטלען; אַז זי האָט זיך געקליבן באַקן ברויט, האָט זי זיך באַומרויִקט, אַז ס׳זאָל גוט אופֿגיין דאָס טייג צו שעפּטלס קומען; אַז זי האָט געראַמט די שטוב, האָט זי זיך געסטאַרעט אוועקשטעלן אַלץ צוריק אַפֿן אָרט, אָט אַזוי ווי שעפּטל איז געוווינט צו דעם. זי האָט קיינמאָל זיך ניט געקלאָגט, אַז ס׳איז איר עפּעס שווער, ניט פֿאַרמאַסערט פֿאַר אים די קינדער, וועלכע זײַנען איר ניט ווייניק דערגאַנגען די יאָרן מיט זייער ניט פֿאָלגן. זי האָט געוווּסט, אַז ער קומט אַהיים אַ מידער, דאַרף מען אים מיט גאָרנישט ניט דערקוטשען, ניט אָפּעסן דאָס האַרץ. ווען אַ קינד האָט צעבראָכן אַ גלאָז, האָט זעלדע גיך צוגעראַמט און גלײַך געקויפֿט אַ נײַע; האָט שמועלקע, קריכנדיק אַפֿן ווײַנשלבוים, געמאַכט אַ גוואַלדריס אַף דעם נײַעם העמדעלע, האָט זי עס גלײַך פֿאַרנייט, אַז שעפּטל זאָל עס אַפֿילע ניט באַמערקן; האָבן דער שכיינעס הינער צערויעט די ציבעלעס אַפֿן גאָרטן, האָט זי זיי שטיל אַרויסגעטריבן און געמאַכט אַ שווײַג. שעפּטלען פֿלעגט זי שטענדיק באַגעגענען אַ צופֿרידענע, אַ רויִקע, אַן אופֿגעלייגטע.

אופֿשטיין פֿלעגט זעלדע יעדן טאָג אַפֿילע פֿריִער פֿאַר שעפּטלען, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען פֿינצטער. זיך ספּראַוועט אין שטאַל, אָנגעפֿויעט און אויסגעמאָלקן די בעהיימע, אײַנגעהייצט דעם אויוון, צוגעגרייט עסן פֿאַר אַלעמען, און ווי נאָר

עס האָט אָנגעהויבן שאַריען, געלאָפן מיטן מעלקשעפל אַף דער פערמע, אויסגעמאָלקן די צוועלף בעהיימעס, וועלכע זי האָט באַדינט, און געאיילט צוריק אַהיים, ווו אַרבעט האָט קיינמאָל ניט אויסגעפעלט. אין עטלעכע שעה אַרום איז זי ווידער געגאַנגען הינטערן סטאַוואָק אַף דער פערמע. אַזוי דרייַ מאָל א טאָג. איבערלאָזן די שטוב אַף דער שוויגער האָט מען ניט געקאָנט. מע האָט זי אַליין געדאַרפט באַדינען. פאַר א גאַנצן טאָג פלעגט זעלדע זיך ניט צוזעצן. די קאָלווירטניצעס האָבן זי באַוואונדערט און מעקאַנע געווען אַף איר אומדערמידלעכקייט. דאָס האָט איר האַנאָע געטאָן. זי האָט שווער געהאָרעוועט און זיך געפילט גליקלעך.

באַזונדערס האָט זעלדע אַרומגעהאָוועט הייַנט, גרייטנדיק זיך צו שעפטלס קומען.

פאַרטאָג שוין האָט זי אויסגעוואַשן די מולטער גרעט און אויסגעהאַנגען טריקענען. בא טאָג, ווען זי האָט זיך צוגעכאַפט אַהיים, איז דאָס גרעט שוין געווען טרוקן, — זי האָט א העלפט פון דעם אויסגעפרעסט, און איצט, ווען זי האָט זיך ספראַוועט אַף דער פערמע, האָט זי, ניט פאַרהאַלטנדיק זיך, אָוועקגעאייַלט אַהיים, ווו עס האָט נאָך געוואַרט אַף איר א וועלט מיט אַרבעט.

פריער פאַר אַלץ האָט זי אָנגעהאָדעוועט די קינדער, וואָס זייַנען זי באַפאַלן פון אַלע זייַטן, — די אייגענע און אויך דעם זעקסיאָריקן קורטן, וועמען עלזא, די שכיינע זייערע, האָט איבערגעלאָזט בא איר אַף עטלעכע טעג, ווען זי איז אָוועקגעפאָרן אין שפיטאָל. ווען די קינדער האָבן זיך באַרויִקט, האָט זי אייַנגעהייצט דעם אויוון, אָנגעוואַרעמט וואַסער און צוגעלייגט פריפאַרקעס דער שוויגער, וועמען ס׳האָבן געבראָכן די לענדן. נאָכדעם האָט זעלדע אָוועקגעשטעלט קאָכן. זי האָט אַכטונג געגעבן אַף די טעפ אין אויוון און אין דער זעלבער צייַט, דאָ דערבייַ, אַפן רייַן צוגעקליבענעם טיש אין קיך, געפרעסט דאָס איבעריקע גרעט. ווען זי האָט פאַרענדיקט פרעסן, האָט זי אָנגעצויגן ריינע ציכן אַף די קישנס, פאַרשפרייט פרישע לייַלעכער, אופגעהאַנגען די פאָרהענגלעך. זי האָט עס געטאָן פלינק, עטוואָס געאייַלט, ווי זי וואָלט מוירע האָבן, אַז אָט־אָט וועט אָנפאָרן שעפטל און אין שטוב וועט נאָך ניט זייַן אַלץ צוגעקליבן.

שוין שפעט אין אָוונט, ווען זעלדע האָט, סאָפקאָלסאָף, זיך ספראַוועט מיט אַלע אַרבעטן, האָט זי אַרויסגעצויגן פון ברונעם עטלעכע עמער וואַסער, מיטן אַרומגעסמאַליעטן ראָהאַטש אַרויסגעשלעפט פון אויוון די גרויסע טשוהונענע טעפ אָקרעפ, פאַנאַנדערגעפירט דאָס הייסע און קאַלטע וואַסער אין דער הילצערנער מולטער און אויסגעבאָדן פריער די מיידלעך, נאָכדעם די ייִנגלעך. קורטן האָט זי אויך אויסגעבאָדן, כאָטש ער האָט געוויינט און בעשום־אויפן ניט געוואָלט. זעלדע האָט אַלעמען אָנגעטאָן רייַנע העמדלעך און זיך גוט אָנגעמאַטערט, ביז זי האָט זיי באַלייגט אין די בעטלעך. שמועלקע און עסטערקע האָבן ניט געוואָלט זיך לייגן שלאָפן, ביז דער טאַטע וועט ניט קומען צו פאָרן. זעלדע האָט געמוזט זיי צוזאָגן, אַז ווי נאָר זי וועט דערהערן, אַז דער טאַטע פאָרט, וועט זי זיי אופוועקן. דעמאָלט ערשט האָבן

זיי זיך באַרויִקט און, מידע פון א גאַנצן טאָג ארומלויפן אונטער דער בלענדנדיק־הייסער זון, אײַנגעשלאָפן.

זעלדע האָט פאַרהאַנגען די פענצטער, פאַרשפאַרט אף יעדן פאַל די טיר, אז קיינער זאָל ניט אַרײַן, אויסגעצוואָגן די האָר, נאָכדעם אויסגעטאָן זיך נאַקעט און זיך אויסגעבאָדן. זי האָט זיך דערפרישט, דערפילט זיך לײַכטער און מיט פאַר־געניגן אָנגעטאָן א זויבער־וױַיס פריש־שמעקנדיק העמד. דאָס העמד איז געווען לאַנג, געפאַלדעוועט זיך און בוילעט אויסגעטיילט איר פולבלעכע מוטערלעכע ברוסט.

זעלדע האָט פאַרקעמט די האָר, פאַרבונדן זיי מיט דער קאָסינקע, אָנגעטאָן א ריין קלייד. נאָכדעם האָט זי פאַרשפרייט א וױַיס טישטעכל אפן קיך־טיש, אָנגע־שניטן ברויט, אוועקגעשטעלט די סאָליאַרקע מיט זאַלץ, און, א באַרויִקטע, זיך צוגעשפּאַרט אף דער ניט־אויסגעבעטער האַרטער קאַנאַפּע. זי איז געווען צופרידן, וואָס זי האָט אַלץ אָפּגעטאָן און צוגעגרייט ביז שעפטלס קומען. לויט איר כעזשבן האָט ער שוין אינגיכן געדאַרפט זײַן אין דער היים. איר האָט זיך שוין געוואָלט וויסן, וואָס פאַר א נײַס ער פירט מיט זיך, וואָס איז דאָרט געווען אף דער באַראַ־טונג, וואָס האָט מען דאָרט גערעדט וועגן זײַן בריגאַדע. ערשט הײַנט איז דאָך געווען אין צײַטונג וועגן אים... מיסטאָמע האָט ער זיך געזען מיט איוואַשטשענקאָן... געדאַרפט דערמאָנען שעפטלען, ער זאָל זיך דערוויסן וועגן עלקען. ווי לעבט זי? וואָס איז מיט איר? זי איז דאָך געווען אמאָל איר פּיִאָנער־וואָזשאַטע. איר קאָן איצט זײַן ניט גרינג אַליין מיטן קינד...

זעלדע האָט אײַנגעדרעמלט. אין שטוב איז געווען זייער וואַרעם, קימאַט הייס פון דעם אויוון. דורך דעם אָפענעם פענצטער האָט געצויגן מיט קילער פרישקײַט. אין דרויסן איז געווען שטיל. זייער שטיל. נאָר מיטאַמאָל האָט א צווײַג פונעם ווײַנשלבוים א שאָרכע געטאָן און זיך אָנגערירט אין דער שויב. זעלדע האָט זיך אופגעכאַפּט. ס'האָט בא איר אָנגעהויבן פרײַלעך קלאַפּן דאָס האַרץ. זי איז אופגע־שפּרונגען פון דער קאַנאַפּע און, פאַרגעסנדיק אָנטאָן עפּעס אף די פיס, א באָרוועסע ארויסגעלאָפן אין הויף.

— שעפטל!.. — האָט זי אויסגערופן, אײַנקוקנדיק זיך אין דער בלויער טונקל־קײַט.

קיינער האָט ניט געענטפערט. קיינער איז ניט געווען. די לעוואָנע איז איינע אַליין, עטוואָס א בלייכע, געשטאַנען איבערן כוטאָר.

„ס'איז שוין שפּעט, — האָט זעלדע א באַמרויִקטע א טראַכט געטאָן, — ער האָט דאָך שוין געדאַרפט קומען“... זי איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, געבליבן שטיין אינמיטן הויף און זיך צוגעהערט, צי עס סקריפּען ניט ערגעץ אפן באַנאַכטיקן שליאַך די רעסאָרן פון שעפטלס בעדאַרקע, צי עס הירזשעט ניט דער הינגסט[1]. נאָר פונעם שליאַך האָט זיך אהער ניט דערטראָגן קיין מינדסטער קלאַנג, וואָס זאָל

---

[1] אַן אָגער.

דערמאָנען, אַז עמעץ פאָרט. עס האָט זיך נאָר געהערט, ווי עס קוואַקען די פרעש ערגעץ צווישן דעם אָטשערעט אין סטאַוואָק, ווי עס גרילצן די צירקונען.

„נאָך גוט, וואָס עס איז אַ ליכטיקע נאַכט, — גיט אַ טראַכט זעלדע, — ס׳איז שעפּטלען פרייליכער צו פאָרן. מע זעט, וווּ עס איז אַ בערגל, וווּ אַ ריוווטשאַק, וווּ אַ בריקל... ששאַ... דוכט זיך, עס הערט זיך אַ קלאַפּן פון רעדער... ניין, ס׳האָט זיך איר אויסגעדאַכט...“

קאַנטיק פון דעם, וואָס זי האָט זיך געבאָדן און געווען לייַכט אָנגעטאָן, אָדער עפשער אויך פון מידקייַט, האָט זעלדען אָנגעהויבן עטוואָס פיבערן דאָס לייַב. ס׳איז איר געוואָרן קאַלט. זי איז אַרייַן צוריק אין צימער, וווּ ס׳האָט געדיכט געשמעקט מיט פרישן גראָז. דאָ איז געווען מעכייַעדיק וואַרעם. הינטערן אויוון איז געשלאָפן די שוויגער, אין די קורץ־געוואָרענע בעטלעך — די עלטערע קינדער: עסטערקע און טייַבעלע אין איין בעטל, שמועלקע דערבייַ אין אַ צווייט; אַף צונויפגעשטעלטע בענקלעך — קורט. זיי האָבן אין שלאָף שטיל געאָטעמט. שאָלעמקע איז געלעגן אין פאַריסענעם העמדעלע איבגאַנצן אַן אָפגעדעקטער מיט פאַנאַנדערגעוואָרפענע הענטלעך אין וויגעלע, וואָס איז געשטאַנען לעבן דעם נייַעם ניקלנעם בעט. דאָס ברייטע בעט מיט די בליאַסקענדיקע רערלעך באַ די זייַטן איז געווען ציכטיק אויסגעבעט אַף צוויי קישנס און געוואַרט אַף שעפּטלען.

זעלדע איז שטיל צוגעגאַנגען צום קאָמאָד און אַ קוק געטאָן אָפן זייגער — שעפּטלס פרעמיע צום אָקטיאַבער־יאָמטעוו. ס׳האָט זיך גאָרנישט ניט געזען. זי האָט גענומען דעם זייגער צום פענצטער און אַ קוק געטאָן אַנטקעגן דער לעוואָנע. ס׳איז שוין געווען נאָך צוועלף. באַ זעלדען האָט אַ ציטער געטאָן די האַנט. ס׳איז איר מיטאַמאָל געוואָרן ניט רויִק אָפן האַרצן. „שוין אַזוי שפּעט, און ער איז נאָך ניטאָ... צי האָט כאַס־וועכאָלילע עפּעס ניט געטראָפן מיט אים?..“

זי איז ווידער אַרויס אין דרויסן און אַ בלייַכע געבליבן שטיין לעבן דער פריזבע. ווען ער זאָגט איר, אַז ער וועט זיך נאָך דער באַראַטונג דאָרט פאַרהאַלטן, וואָלט זי זיך איבגאַנצן ניט באַומרויִקט. נאָר ער האָט איר דאָך גאָרנישט ניט געזאָגט. און וואָס האָט ער דאָרט צו טאָן, אַז מאָרגן איז אַן אָפּרו־טאָג? ס׳האָט איר ווידער אָנגעהויבן פיבערן, און זי איז צוריק אַרייַן אין שטוב. זי האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אָפן זייגער. עפשער האָט זי אַ טאָעס געהאַט. ניין. דער זייגער איז שוין געווען באַלד איינס.

שטיל טרעטנדיק איבערן גראָז, מיט וועלכן ס׳איז געדיכט באַשאָטן געווען דער דיל, איז זעלדע צוגעגאַנגען צום וויגעלע, פאַריכט דאָס העמדעלע אַף שאָלעמקען, אויפגעהויבן די קאָלדרע און צוגעדעקט קורטן. זי האָט געזוכט נאָך וואָס צו טאָן, נאָר ניט געפינענדיק וואָס, איז זי צוגעגאַנגען צום פאַנאַנדערגעעפנטן פענצטער און זיך אָנגעשפאַרט מיטן הייסן קאָפּ צום בייַשטידל. זי האָט זיך אייַנגעקוקט דורך דער נאַכט־בלויקייַט ווייַט אַהין, וווּ הינטערן סטאַוואָק, אַרוף־באַרג, שלענגלט זיך צווישן די צייַטיק ווערנדיקע טוועס דער הוליַפּאָליער שליאַך, און, ניט אַ ריר טוענדיק זיך פון אָרט, מיט אַ פאַרטייַעטן אָטעם זיך צוגעהערט. זי איז אַזוי לאַנג

געשטאנען, און וואָס מער צײַט ס'איז אדורך, האָט אַלץ אָפּטער און שטארקער געטיאַקקעט בא איר דאָס הארץ. יעדע מינוט איז זי געוואָרן אַלץ אומרויִקער און זי האָט שוין ניט געוווסט, וואָס איבערצוטראכטן. „צוליב וואָס האָט ער זיך דאָרט פארהאַלטן?.. פארוואָס האָט ער איר ניט געזאָגט וועגן דעם?..“

נאָר ווען דער זייגער איז שוין געווען נאָך צוויי, האָט זי פארגעסן אין אַלע טײַ־נעס צו אים, זי איז אים אַלץ מוחל געווען, זי האָט געוואָלט נאָר איינס — ער זאָל קומען א געזונטער אהיים... פארן אוועקפאָרן אף דער בּאראטונג איז ער דאָך די נאכט ניט געשלאָפן, געווען אפן סטעפּ בא די טראקטאָרן, באטאָג אויך ניט אָפּגע־רוט, אוועקגעפאָרן א מידער און געקאָנט אפן וועג אנשלאָפן ווערן... ער איז דאָך געפאָרן באנאכט, איינער אַליין... ווער ווייסט, וואָס מיט אים איז געשען... אפן זינען זײַנען איר געקומען פארשיידענע געדאנקען, איינער שרעקלעכער פונעם אנדערן, אָט זעט זי, ווי אנטקעגן דער בעדארקע יאָגט מעשוגענערווײַז א מאשין, שעפּטל שלאָפט, ער באווײַזט ניט אָפּקערן פון וועג, און די מאשין פאָרט ארויף אף דער בעדארקע... זי זעט אים ליגן א צעמאַזיקטן אפן וועג...

בא זעלדען האָט דאָס הארץ געטיאַכקעט אַלץ שטארקער, געקלאפּט ווי מיט א האמער.

אין וויגעלע האָט א וויין געטאָן שאַלעמקע. קוים איבערשטעלנדיק די פיס, איז זעלדע צוגעגאנגען, א וויג געטאָן, ער זאָל ניט אופוועקן די איבעריקע קינדער. לעבן דעם טיש האָט זי זיך פארטשעפעט אָן א בענקל. עס איז אומגעפאלן. שמועלקע האָט זיך אופגעכאפּט.

— דער טאטע איז געקומען? — האָט ער פארשלאָפן א פרעג געטאָן.

— נאָך ניט... שלאָף, — האָט זעלדע זייער שטיל געזאָגט, — אז ער וועט קו־מען, וועל איך דיך אופוועקן.

— און פארוואָס איז ער נאָך ניטאָ?

— ער פאָרט נאָך, — איר שטים האָט א ציטער געטאָן.

— און פארוואָס פאָרט ער אזוי לאנג?

— נו, וואָס ווילסטו נאָך פון מיר? — האָט זעלדע פארביטערט א זאָג געטאָן און איז ווידער צוגעגאנגען צום פענצטער. לעבן פענצטער איז זי געשטאנען, ניט א ריר טוענדיק זיך פון אָרט, ביז ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן. און אפן שליאך האָט זיך נאָך אַלץ ניט באוויזן די בעדארקע. שעפּטל איז נאָך אַלץ ניט געפאָרן...

קאפּיטל זעקס

שעפּטל איז נאָך געשטאנען אף דער הילצערנער בריק, וואָס איז באגאָסן געווען מיט לעוואָנע־שײַן, און נאָכגעקוקט עלקען, ביז זי איז ניט פארשוווּנדן אין דער טונקלקייט פון דעם זײַטיקן געסל. ער האָט זי שוין ניט געזען, נאָר אין דער נאכט־שטילקייט האָט זיך נאָך דערטראָגן אהער דער אָפּהילך פון אירע לײַכטע טופּליעס. שעפּטל האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. מיט אן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם האָט ער

זיך צוגעהערט צו אירע זיך דערוויַטערנדיקע טריט, ביז זיי זײַנען אינגאנצן ניט פארלוירן געגאנגען. דעמלט האָט ער פארזאָרגט זיך אומגעקוקט, פארייכערט א פאפּיראָס, זיך דורשטיק פארצויגן און זיך געלאָזט גיין. ניט געײַלט איז ער אדורך די בריק און זיך פארנומען מיט דער לאנגער, געדיכט־באגרינטער גאס, וואָס האָט געפירט צום צענטער, צום קאָלווירטישן אײַנפאָר־הויז.

ס'איז שוין געווען שפּעט. אף דער גאס, בא די קאליטקעס, לעבן די פּאליסאד־ניקעס האָט זיך קיינער ניט געזען. די שײַן איז קימאט אומעטום געווען אויסגע־לאָשן. אין די ארומגעצוימטע הויפן האָט געהערשט א באנאכטיקע שטילקײַט. נאָר פון איין באלויכטענעם פענצטער איז געפאלן א בלייכע שײַן אפן גרינעם געבלעטער פון די נידעריקע ווײַנשלבּיימער אין פאליסאדניק, און ס'האָבן זיך פון דאָרט, פון דעם פאנאנדערגעעפנטן פענצטער, דערטראָגן שטילע, זויבערע קלאנגען פון א פידל. עמעצן, עפּשער א פארליבטער, האָט זיך ניט געשלאָפן און זי האָט געהערט דעם באנאכטיקן קאָנצערט, וועלכן ס'האָט איבערגעגעבן די מאָסקווער ראַדיאָ.

שעפטל איז געגאנגען מיט פאמעלעכע טריט, ווי ער וואָלט מוירע געהאט צע־ווייען עפּעס אזויגס, וואָס האָט זיך געוואָרעמט בא אים לעבן הארצן, און געטראכט האָט ער וועגן עלקען. „וויפל האָט זי איבערגעלעבט פאר דער צײַט, וואָס זיי האָבן זיך ניט געזען!..“ — עס האָט אים ווי געטאָן פאר איר. „פארוואָס קומט עס איר! פיר יאָר אָן א מאן... ערגער פון אן אלמאָנע... און דאָס קינד אָן א טאטן... פארוואָס האָט בא איר זיך באקומען אזא אומגליקלעך לעבן?.. זי זאָגט, אז ער איז אין גאָר־נישט ניט שולדיק... איז פארוואָס האָט מען אים גענומען?.. הייסט עס, אז זי ווייסט ניט אלץ וועגן אים“... שעפטל האָט זיך פארטראכט. ער האָט ניט געקאָנט פאר־שטיין, וויאזוי האָבן געקאָנט אלטע קאָמוניסטן, וועלכע זײַנען נאָך אמאָל געזעסן אין די טורמעס, אָפּגעגעבן דאָס גאנצע לעבן דער רעוואָלוציע, ווערן מיטאמאָל סאָ־נים פון פאָלק... אָט, לעמאָשל, פּאָסטישעוו... צי קאָסיאָר... עס האָט זיך אים פּאָשעט ניט פּאַטויפּעט אין קאָפּ... ער האָט אפילע ניט אָנגעהויבן סאָפעקן. וויבאלד מע האָט זיי גענומען, זײַנען זיי שולדיק. נאָר וויאזוי זײַנען זיי דערגאנגען צו דעם?.. דאָס זײַנען דאָך געווען מיסטאמע קלוגע מענטשן, אָנפירער... און זיך ארויסגעוויזן פאר סאָנים פון פאָלק... און עלקעס מאן אויך...

ס'איז שוין געווען ארום צוויי אזייגער באנאכט, ווען שעפטל איז א מידער, א צעבויטעטער ארײַן דורך דעם ברייט־פאנאנדערגעעפנטן טויער אין קאָלווירטישן אײַנפאָר־הויז. דער גרויסער, פון אלע זײַטן ארומגעבויטער הויף איז געווען פוסט. די בריגאדירן זײַנען שוין פון לאנג זיך פאנאנדערגעפאָרן, איבערלאָזנדיק דאָ דאָס גערוד פון פרישן היי, פון דזעגעכץ און צוגעטריקנטן פערדנמיסט.

שעפטל איז צוגעגאנגען צו זײַן בעדארקע, וואָס איז געשטאנען אן איין־איינציקע אין סאמע טיף הויף, ווי א פארלאָזטע, און ער האָט זיך דערפילט ווי עפּעס שולדיק. אים האָט זיך מיטאמאָל פארוואָלט וואָס גיכער שפּאנען און פאָרן אהיים. ער האָט זיך שוין אפילע געלאָזט צו דעם גניאדן, נאָר זיך דערמאָנט, אז ער האָט זיך נאָך ניט צערעכנט מיטן קאָמענדאנט. שעפטל איז מיט גיכע טריט אוועק אין קאָנטאָר.

דער קאָמענדאַנט איז ניט געווען. די וועכטערן האָט אים געזאָגט, אַז דער קאָמענ־דאַנט איז שוין פון לאַנג אוועק און וועט קומען פיר אַזייגער פאַרטאָג, ווײַל צו פינף דערוואַרט מען אַ דעלעגאַציע פון זאַפּאַראָזשיער קאָמבײַנען־זאַוואָד.

שעפטל האָט זיך שוין ניט געקאָנט מוחל זײַן, וואָס ער האָט באַצײַטנס זיך ניט צערעכנט און איצט וועט אים אויסקומען נאָך צוויי שאָ ווארטן דאָ... ער איז אוועק צוריק אין הויף, אָנגעשעפּט עטלעכע עמער וואַסער אין ברונעם, אָנגעפּאָיעט דעם גניאַדן און אונטערגעשאָטן אים האָבער אין קאָרעטע, נאָכדעם זיך פאַרקליבן אַף דער דערבײַליגנדיקער קופּע היי און זיך צוגעשפּאַרט. ער האָט געוואָלט כאָטש אַף אַ ווײַל אַנדרעמלט ווערן, נאָר ניט געקאָנט. אין קאָפּ זײַנען אים געקראָכן פאַרשיי־דענע געדאַנקען, און זיי אַלע זײַנען געווען פאַרבונדן מיט עלקען. און פון דעם, וואָס עס האָט זיך געטראַכט וועגן איר, איז אים גוט געווען אַפן האַרצן. אים האָט זיך ניט געוואָלט צעשטערן אָט די געדאַנקען, דאָך האָט ער זיך עטלעכע מאָל אופגע־הויבן, פאַרייכערט און איז געגאַנגען אַ קוק טאָן דעם זייגער.

גייענדיק, האָט ער באַ זיך אונטערגערעכנט, אַז אויב ער וועט אַרויספאָרן פונ־דאַנען פיר אַזייגער, וועט ער זײַן אין דער היים אַזייגער צוועלף און באַווײַזן צו דאָדיע בורלאַקן אַף דער גאָלדענער כאַסענע. „מע וואָלט נאָך געדאַרפט צופאָרן קיין סוויאַטאָדוכאָווקע, אין שפּיטאָל, זען, וואָס איז מיט עלזען, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — שוין צוויי וואָכן, אַז זי ליגט דאָרטן און קיינער איז נאָך ניט געווען באַ איר... אַ שכיינע און אַן עלנטע דערצו... אַ ראַכמאָנעס סײַ אַף איר, סײַ אַפן קינד... נאָר ער וועט שוין הײַנטיקן זונטיק ניט באַווײַזן“.

פיר אַזייגער פאַרטאָג איז געקומען דער קאָמענדאַנט. שעפטל האָט זיך צע־רעכנט, אײַנגעשפּאַנט די בעדאַרקע, אָנגעלייגט ווייך, פריש־שמעקנדיק היי, עס זאָל זײַן בעסער צום זיצן, און, אומקוקנדיק זיך, צי ער האָט דאָ גאָרנישט ניט איבערגעלאָזט, איז ער ניט געײַלט אַרויסגעפאָרן אַף דער פאַרטאָגיק־שטילער נאָך גרוי־פאַרנעפּלטער גאַס.

דער הינגסט איז באַלד אוועק אין גיכן געלויף, פאַנאַנדערטראָגנדיק אַ הילכיקע צאָקערײַ פון די גוט־אונטערגעשמידטע קאָפּיטעס איבער דעם שטיינערנעם ברוק. ברייט פאַנאַנדערשטעלנדיק די פיס, האָט שעפטל זיך בעסער אײַנגעמאָסטעט אַף דער ווייכער זיצלקע, אָנגעצויגן די לייצעס און אײַנגעהאַלטן דעם גניאַדן, ווי ער וואָלט ניט וועלן צעשטערן די צויבערנדיקע שטילקײַט, וואָס האָט נאָך געהערשט אין די געדיכט־באַגרינטע הויפן, אין די פאַליסאַדניקעס און אַף דער גאַס, וווּ קיין מענטשן זײַנען נאָך ניט אַרומגעגאַנגען.

ערשט שפּעטער, ווען שעפטל האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך די אויסגעברוי־קירטע גאַס און איז שוין אויסערן דאָרף אַרויסגעפאָרן אַפן גלאַטן זאַמדיקן וועג, האָט ער אַ צי געטאָן די לייצעס. דער הינגסט האָט פרייליך אַ הירזשע געטאָן, ווי ער וואָלט שוין לאַנג געוואַרט אַף דעם, און, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ מיט דער שיינער גריווע, זיך לײַכט אוועקגעטראָגן איבער דעם באַקאַנטן גוט־אויסגעפאָרענעם וועג, וואָס האָט געפירט אַהיים, אין כוטאָר אַרײַן.

צוביסלעכווײַז האָט אָנגעהויבן ווערן ליכטיקער, דער מיזרעכדיקער ראַנד הימל איז באַגאָסן געוואָרן מיט ראָזקײַט. עס האָט אָנגעהויבן טאָגן.

וויפל מאָל איז שעפטל געפאָרן מיט אָט דעם וועג. ער האָט דאָ געוווּסט, דוכט זיך, יעדעס בערגל, יעדן ריוווטשאַק, יעדן אַרויף- און אַראָפ-באַרג. יעדער קוסט אַפילע, וואָס איז געוואַקסן דאָ און דאָרט בײַ דער זײַט וועג, איז אים געווען באַקאַנט. און דאָך איז איצט פאַר אים אַלץ געווען ווי עפעס נײַ. אומקוקנדיק זיך אַף דער גרענעצלאָזער שיינקײַט, וואָס האָט אים פון אַלע זײַטן אופוואַכנדיקן סטעפ אַרומגענומען, האָט ער געפילט, אַז דאָס האַרץ צאַפלט אין אים.

וויפל מאָל האָט שעפטל אַף זײַן לעבן געזען, ווי ס'גייט אוף אין אָט דער צײַט די זון, ווי ס'וואַכן אוף די געוויקסן. נאָר דאָך האָט ער עפשער נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ רירנדיקע, אַזאַ גרויסאַרטיקע שיינקײַט. אַלץ אַרום האָט, ווי קיינמאָל ביז איצט, געפרייט דאָס אויג: אי דער רײַף ווערנדיקער, מיט רויטקײַט באַגאָסענער ווייץ, וואָס האָט זיך אוועקגעכוואַליעט ווײַט-ווײַט, אַזש ביז די צווי איינזאַמע טאָפאָלן, אי די בליענדיקע הויכע זונרויזן אַרוף-באַרג, אי די זייער גראָטענע נאָך גרינע קוקורוזע לענגאויס דער צווייטער זײַט וועג, אי דער געדיכט-באַגילדעטער האָבער אין באַלקע... דער סטעפ האָט שטיל גערוישט, די געוויקסן האָבן געטעטעמט, זיך געצויגן אין דער הייך, געוואַקסן, געשורכעט מיט די זאַנגען, געפלאַטערט מיט די בלעטער, אָנגענומען זיך מיט קראַפט, מיט זאַפט פון דער גוט-באַמיסטיקטער און אויסגעוואַרעמטער שוואַרצערד, געפינקלט מיט דעם זייער קלאָרן קילבלעכן טוי, וואָס האָט געבליאַסקעט און זיך אָפגעשפיגלט אַנטקעגן דער צונטער-רויטער אופגייענדיקער זון, איבערגיסנדיק זיך אין קאָלערליי קישעף-פאַרבן.

די בעדאַרקע האָט זיך לײַכט אונטערגעהוידעט איבער דעם שטילן וועג, וואָס האָט זיך געשלענגלט צווישן די הויכע ברויטן. די קאַיאָריקע סטעפ-לופט, וואָס האָט אײַנגעזאַפט אין זיך אי די פײַכטקײַט פון דעם קילבלעכן טוי, אי די קוים-באַמערקבאַרע וואַרעמקײַט פון די ערשטע זונשטראַלן, האָט געפרישט שעפטלען דאָס פּאָנעם. „וואָס טוט איצט עלקע?.. — האָט ער מיט בענקשאַפט געטראַכט. — זי קער נאָך אוואַדע שלאָפן. אָדער מעגלעך, אַז זי שלאָפט שוין ניט. זי ליגט אין דעם קלאָר-ווײַסן בעט מיט די ווייכע צעשאָטענע האָר אַפן קישן און טראַכט עפשער וועגן דעם נעכטיקן אָוונט. סײַדן נאָך אַזאַ אָוונט איז מעגלעך שלאָפן? געוויס שלאָפט זי ניט...“

פון דעם געדאַנק קוועלט בײַ אים אָן דאָס האַרץ, ווי אַ קנאָספ אין פרילינג נאָך אַ גוטן וואַרעמען רעגן. ער דערמאָנט זיך מיטאַמאָל, ווי עלקע האָט אים אַ פרעג געטאָן: „נו, און מיט זעלדקען ביסטו גליקלעך?“ וואָס האָט זי געמיינט מיט דעם? מעגלעך, אַז מיט אָט דער פראַגע האָט זי געוואָלט עפעס זאָגן. אָדער זי האָט פּאָשעט גלאַט אַזוי געפרעגט. נײַן, עפעס האָט זי געמיינט מיט דעם. ער געדענקט אַפילע ניט, וואָס ער האָט איר געענטפערט. נאָכדעם האָט זי ווידער עפעס געפרעגט. און ווען זיי זײַנען געשטאַנען אַף דער בריק, האָט זי זייער וואַרעם אַ קוק געטאָן אים גלײַך אין די אויגן און אַף געוויס געוואָלט אים עפעס זאָגן, נאָר פלוצלינג איבער-

געטראכט. וואָס האָט זי דעמלט געוואָלט אים זאָגן? נאָך אין צימער בא איר האָט זי געזאָגט, אז ער איז געוואָרן אן אנדערער, אַף ניט צו דערקענען. וואָס האָט זי גע־מיינט מיט דעם? אוואדע, ווען איר זאָל זיין ניט אָנגענעם, וואָלט זי ניט געגאַנגען אים באגלייטן. ער האָט זי דאָך ניט גערופן. זי איז אליין געגאַנגען. און דאָס, וואָס זי האָט אים ניט געבעטן פארבלייבן נעכטיקן, איז בעסער. ער וואָלט סיי ווי ניט פארבליבן.

שעפטל האָט זיך געכאַפּט באַם געדאַנק, אז ער טראַכט די גאַנצע צייט נאָר וועגן עלקען, און ער האָט מיטאַמאָל זיך דערפילט ווי שולדיק פאַר זעלדען, פאַר די קינ־דערלעך. זעלדע שלאָפט שוין זיכער ניט. דאָס ווייסט ער שוין דאַפקע אַף געוויס, זי פאַרעט זיך שוין מיסטאַמע אין קיך, ראַמט, קאָכט און וואַרט, קוקט ארויס אַף אים... און ער?.. שעפטל האָט געפּרווט צווינגען זיך טראַכטן וועגן דער היים, וועגן דער מישפּאָכע זיינער, וועגן דעם אלעמען, וואָס עס דערוואַרט אים דאָרט בא זיך אין שטוב. נאָר די געדאַנקען האָבן אומבאַמערקט אים אוועקגעטראָגן צוריק צו עלקען, און ער האָט שוין ווידער געטראַכט וועגן איר, נאָר וועגן איר. עס האָט אים איצט אָנגעהויבן באַאומרויקן, צי וועט זי האַלטן וואָרט. זי האָט צוגעזאָגט קומען איבעראַכטאָג זונטיק. היינט איז דער צוויי־און־צוואַנציקסטער, הייסט עס, דעם נײַן־און־צוואַנציקסטן. א גאַנצע וואָך וואַרטן. און טאָמער וועט זי ניט קומען? זי קאָן עפּשער איבערטראַכטן אָדער פאַרגעסן. מאָלע וואָס עס קאָן בא איר טרעפן ביז איבעראַכטאָג זונטיק. פון דעם געדאַנק איז שעפטלען אזש הייס געוואָרן. אויב זי וועט איבעראַכטאָג זונטיק ניט קומען, וועט ער נאָכאַמאָל צופאָרן קיין הוליי־פּאָליע... ער דאַרף סיי ווי ניט שפּעטער, ווי אין א וואָך ארום, זיין דאָרט. מעגלעך, אז צו יענער צייט וועלן שוין אָנקומען אין מטס די קאָמביינען פון דער נײַער קאָנ־סטרוקציע. אים האָט זיך געוואָלט איצט איין זאַך, — אז עס זאָל שוין וואָס גיכער דורכגיין די וואָך. וואָס גיכער. צי דען האָט ער זי ליב? נאָך מער, ווי דעמלט?..

„פיר יאָר שוין, ווי זי לעבט אָט אזוי אן עלנטע, איינע אליין מיטן קינד און וואַרט אפן מאַן... ער וועט פון דאָרטן זיך דאָך שוין קיינמאָל ניט אומקערן...“

„טראַכסט ווידער וועגן איר“, — האָט שעפטל אומצופרידן א קנייטש געטאָן דעם שטערן. — „ניאָ, היידאַ!..“ — האָט ער א צי געטאָן די לייצעס און א טרייב געטאָן דעם הינגסט, ווי ער וואָלט וועלן אנטלויפן פון די געדאַנקען, וואָס האָבן אים פאַרפאָלגט.

אונטערוויגנדיק זיך אַף דער בעדאַרקע, וואָס האָט זיך לייכט געקייקלט איבער דעם גוט־אויסגעפאָרענעם וועג, האָט שעפטל פאַרקערעוועט פאַרביי די צוויי שלאַנקע טאָפּאָלן. אנטקעגן האָט מיט א הודערײַ, אופהייבנדיק א ווינט, זיך אָנגעג־טראָגן א דרייטאָנקע מיט אונטערטאַנצנדיקע בידאָנעס מילך. שעפטל האָט גלייך דערקענט דעם שאָפער פון הוליי־פּאָליער מילך־זאַוואָד. דער שאָפער האָט אים אויך דערקענט און אָפּגעשטעלט די מאַשין.

— פון הוליי־פּאָליע? — האָט ער א פרעג געטאָן שעפטלען, ניט ארויסגייענדיק פון דער קאַבינע. — וואָס הערט זיך דאָרט?

— גאָרניט. קיין שום נײַס.
— קיין רעגן איז ניט געגאַנגען?
— סײַדן דאָ איז געגאַנגען? — האָט שעפּטל געענטפערט מיט א פראַגע.
— באַנאַכט האָט זיך ערטערווײַז א ביסל געכמאַרעט, נאָר ס'האָט דורכגע־טראָגן פאַרבײַ.
— און דאָרט גאָרניט... ווער דאַרף איצט א רעגן, — האָט שעפּטל געוויזן אַף דעם הויכן זייער געראָטענעם ווייץ. — בא אונדז אין כוטאָר ביסטו ניט געווען?
— שפּעטער, מיטן צווייטן רייס וועל איך זײַן. בא אײַך איז, דוכט זיך, הײַנט א סימכע.
— אָ, הײַנט הוליען מיר! קום צו פאָרן.
— גוט. איכ'ל קומען. — דער בלאָנדער שאָפער האָט צופרידן א שמייכל גע־טאָן און אײַנגעשלאָסן דעם מאָטאָר.
ווען די מאַשין איז שוין געווען ארוף־בארג, האָט שעפּטל זיך אומגעקוקט. ער איז מעקאַנע געווען איצט דעם שאָפער פאר איין זאך — פאר דעם, וואָס ער וועט באלד זײַן אין הולײַפּאָליע און וועט דורכפאָרן איבער דער הילצערנער בריק און איבער דעם נײַעם געסל, וווּ זי, עלקע, וווינט...
אין סטעפּ איז נאָך געווען זייער שטיל. נאָר אין א ווײַלע ארום האָט זיך דער־טראָגן פון הינטערן בארג א ווײַטע טראַכקערײַ, וואָס האָט זיך צוביסלעך דער־נעענטערט. באלד האָבן אנטקעגן שעפּטלען אָנגעהויבן אָנפאָרן איינער נאָך דעם אנדערן פול־געלאָדענע וועגענער, וועלכע האָבן פרייליך אונטערגעקלונגען מיט די הוידענדיקע אָרטשיקעס, מיט די געקאָוועטע רעדער, מיט די אונטערגעבונדענע עמערס. די פורן האָבן געײַלט אפן זונטיק־מארק, קיין הולײַפּאָליע. פון אייניקע קאָלווירטן האָט מען געפירט אפן מארק ערשט אויסגעגראָבענע יונגע קארטאָפל, פרישע רעטעכלעך, ציבעלעס, מערעלעך, פון אנדערע — שטײַגן מיט יונגע אויפעס, קוישן מיט קארשן, פעסלעך מיט ברינדזע. די מערסטע פון די אנטקעגנפאָרנדיקע קאָלווירטניקעס און קאָלווירטניצעס, וואָס זײַנען געזעסן אָדער געלעגן אויסגע־צויגן אַף די הויכע אונטערוויִגנדיקע וועגענער, זײַנען געווען שעפּטלען באַקאַנט. דאָס זײַנען געווען אי קאָואָלעווסקער, אי נאַזאַרעוויטשער, אי סוויאַטאָדוכאָווקער, אי פון „וועג צום קאָמוניזם”. זיי אַלע, סײַ די באַקאַנטע, סײַ די אומבאַקאַנטע, האָבן אפן דאָרפישן שטייגער זיך פרײַנטלעך געגריסט, אָפּגעבנדיק שעפּטלען א גוט־מאָרגן, און, ניט פארהאַלטנדיק זיך, אוועקגעיאָגט.
אייניקע פורלעך, וואָס האָבן זיך אויסגעקליבן, קאָנטיק, א ביסל שפּעטלעך, אָדער וועמעס וועג ס'האָט זיך געצויגן פון ווײַטערע כוטאָרס און דערפער, האָבן באַזונדערס געטראַכקעט און געשטויבט מיט די רעדער. זיי האָבן געהאַלטן אין איין אונטעריאָגן, קעדיי ניט פארשפּעטיקן צום מארק.
יעדעס פארבײַפאָרנדיק פורל האָט געצווונגען שטארקער קלאַפּן דאָס הארץ בא שעפּטלען: עך, ווען ער קאָן פארקערעווען צוזאמען מיט זיי צוריק קיין הולײַפּאָליע און אַט אַזוי אומגעריכט ארײַנפאָרן צו עלקען אין הויף. „וואָס וואָלט זי געזאָגט,

עלקע?״ נאָר שעפּטל האָט אין ערגעץ ניט פאַרקערעוועט, פאַרקערט, ער האָט גענומען גיכער אונטערטרייבן דעם גניאַדן.

— ניאָ, היידאַ... היידאַ!.. — האָט ער אונטערגעפּייפט מיט דער בייטש.

וואָס ווייטער אַפן וועג, האָבן די פורן זיך געטראָפן אַלץ זעלטענער און זעלטענער, ביז שעפּטל האָט זיי אינגאַנצן אופגעהערט באַגעגענען.

די זון האָט דערווייל זיך געהאַט שוין אופגעהויבן סאַמע איבער די ראָזעווע ביימער־שפּיצן פונעם קליינינקן כוטאָר, וואָס איז געלעגן רעכטס פונעם וועג, אין דער טיף באַלקע, און אָנגעהויבן גוט אונטערוואַרעמען. ס'איז געשטאַנען אַ זעלטענער, לויטערער קאַיאָר. שעפּטל האָט עטוואָס אָפּגעלאָזט די לייצעס, פאַנאַנדערגעשפּיליעט די אייבערשטע קנעפּלעך פונעם פּידזשאַק און פאַרייכערט. עס האָבן שוין ניט געטראַכקעט קיין וועגענער. אַרום איז ווידער געווען באַגינענדיק־שטיל, און נאָר אין דער הייך, אינעם קלאָרן הימל, אין דער בלויקייט, האָט איבער שעפּטלען, איבערן סאַמע קאָפּ, ווי נאָכפליענדיק אים, געפלאַטערט אַ פּאָרל לאַרכן.

און דער סטעפּ, אַ דערוואַרעמטער פון די אינדערפריִיקע זונשטראַלן, איז אַלץ מער און געדיכטער פאַרפולט געוואָרן מיטן גערוך פון די צייטיק ווערנדיקע טוועס, מיטן שמעקנדיקן געבלי פון די געלבלעך־גאָלדענע זונרויזן, מיט דער זאַפטיקער פרישקייט פון דער גאָר יונגער פילבלעטערדיקער קוקורוזע. דערצו האָט פון די בעדאַרקע־רעדער געטראָגן מיטן פאַרגעניגנדיקן גערוך פון דזעגעכץ און פון דעם גוט־אויסגעשמירטן גלאַנציקן געשפּאַן מיט הייסן פערדן־שווייס. דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעמישט מיטן שאַרפן און דינעם גערוך פון די בלויִנקע פעלד־וואַסילקעס, פון די ווייסע פוכיקע ראָמאַשקעלעך, העל־ראָזע גלעקעלעך, געלן גרייפּלדיקן קאַטראַן און אַנדערע סטעפּ־קוויטן, וואָס זיינען געוואַקסן דאָ און דאָרט בײַ ביידע זייטן וועג אין די שמאָלע קאַנאַווקעס און אַף די דערבײיִקע קליינינקע בערגלעך.

שעפּטלען איז שוין לאַנג ניט געווען אַזוי גוט אַפן האַרצן, ווי איצט. אַלץ אַרום, ביז דעם קלענסטן גרעזל, האָט אים געפרייט. אַן אופגעלייגטער, אַ גוטמוטיקער, האָט ער זיך צוגעקוקט צו די געראָטענע ווייץ־פעלדער, וועלכע האָבן געהערט צום דערבײִיקן קאָלווירט, געפרווּוט זיי פאַרגלייכן מיט די בוריאַנאָווקער און געבליבן צופרידן פון דעם, וואָס בײַ אים אין בריגאַדע איז דער ווייץ נאָך בעסער, אַפילע אַ סאַך בעסער, ווי דאָ... ניט אומזיסט, קאָנטיק, האָט מען אַף דער ראַיאָנער באַראַטונג עטלעכע מאָל דערמאָנט פון טריבונע זיין נאָמען...

און שעפּטלען האָט עס האַנאָע געטאָן. אָט ווי אַמאָל האָט שעפּטל געוואָלט, אַז זיין הויף, זיין אייגענע באַלעבאַטישקייט זאָל זיין די בעסטע אַפן כוטאָר, אָט אַזוי האָט ער איצט געוואָלט, אַז זיין בריגאַדע זאָל זיין די בעסטע. ניט וויסנדיק פון קיין רו, האָט ער אַרומגעפאָדעט פון קאַיאָר ביז שפּעט אין אָוונט און געטאָן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען, קעדיי אַראָפּנעמען וואָס אַ העכערע געראַטעניש פון די פעלדער. באַטאָג און אויך אין די פינצטערע מאַראַקענדיקע נעכט האָט ער אין די שווערע קירזעווע שטיול, אין דער וואַטאָווער פופייקע, ניט קיין געגאָלטער, געשפּאַנט איבערן שוואַרצן סטעפּ, צווישן די האָנעס, נאָכגעגאַנגען נאָכן הודענדיקן

טראַקטאָר, אכטונג געגעבן, אז די ערד זאָל אופגעאַקערט ווערן אומעטום, סײַ ארויף־בארג, סײַ אראָפּ־באַלקע, אף דער נייטיקער טיף. ער האָט געזאָרגט וועגן ערשטסאָרטיקער זריִע, און אז די זריִע זאָל ערעוו דעם פארזיי זײַן גוט אָפּגערייניקט, אז עס זאָל באצײַטנס ארויסגעפירט ווערן אפן סטעפּ די באַמיסטיקונג, אז די פעלדער זאָלן שטענדיק זײַן ריין אויסגעיעט, אז קיין איין ווילדגרעזל, קיין איין פעלד־בלימל זאָל ניט זײַן אין דער טוווּע.

ארבעט האָט אים געקלעקט, און וואָס מער ער איז געווען פארנומען, וואָס מער ארבעט עס איז געווען, האָט ער זיך געפילט בעסער, טיכטיקער. דאָס האָט אים פארשאפט פארגעניגן, פון וועלכן ער האָט פריִער ניט געוווּסט. א גאנץ לעבן פלעגט שעפטל אופשטיין זייער פרי. נאָר זינט ער איז געוואָרן בריגאדיר, פלעגט ער זיך פעדערן פריִער פאר די פייגל. ער פלעגט שוין זײַן אף די פיס, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטער. ער האָט געײַלט צו זיך אין בריגאדע א קוק צו טאָן, צי דער רעמאנענט איז אין אָרדענונג, צי די פערד זײַנען גוט אונטערגעהאָדעוועט, צי דאָס געשפאן איז אפן אָרט. עס איז אים אָנגעגאנגען יעדע קלייניקײַט.

נעכטן, ווען ער איז געווען אף דער באראטונג, איז ער די גאנצע צײַט, פון אָנהייב ביזן סאָף, געזעסן אין זאָל אף איין און דעם זעלבן אָרט און זיך ניט פארגינט ארויסגיין אין פאָיע כאָטש אף עטלעכע מינוט אויסרייכערן א פּאפּיראָס, קעדיי ניט דורכלאָזן עפּעס. שעפטל האָט זיך גוט צוגעהערט צו דעם, וואָס די בריגאדירן האָבן דערציילט וועגן זייער דערפארונג, און ער האָט אָפּגעמערקט בא זיך אין זיקאָרן, וואָס ער האָט געפונען פאר נייטיק איבערצונעמען און אײַנפירן אויך בא זיך אין בריגאדע.

די זון איז שוין געשטאנען גאנץ הויך, ווען שעפטל האָט פונדערווײַטן דערזען די פעלדער פון זײַן קאָלווירט. דאָס האָט אים דערמאָנט, אז אָט באלד וועט ער שוין זײַן בא זיך אין דער היים. און ער האָט א קלער געטאָן, אז פון נעכטן אין אָוונט, זינט ער איז געווען בא עלקען, האָט ער ווייניק געטראכט וועגן דער שטוב, און ער האָט זיך דערפילט ווי עפּעס שולדיק.

— נו, וואָס האָב איך אזוינס געטאָן? — האָט ער זיך פארענטפערט פאר זיך אליין. — נו, זיך געזעסן מיט עלקען... צי דען האָב איך ניט געטאָרט ארײַנגיין צו איר... וואָס פאר אן אוולע בין איך באגאנגען מיט דעם? געזעסן א ווײַלע... גערעדט. מע טאָר שוין מיט א מענטשן ניט ריידן? צי עפשער איז זי ניט אזא מענטש, ווי עמעץ אנדערש?.. — נאָר ער האָט גלײַכצײַטיק טיף אין הארצן געפילט, אז ס'איז ניט אזוי, אז ער נארט זיך אליין, ווײַל עלקע איז פאר אים ניט אזא, ווי עמעץ אנדערש... אָט זינט ער האָט זיך ווידער באגעגנט מיט איר, גייט זי אים ניט ארויס פון קאָפּ. ער האָט אָבער געוואָלט זיך אײַנריידן, אז ס'איז גאָרנישט ניט געשען, און האָט זיך געסטארעט טראכטן וועגן זעלדען, ארויסרופן בא זיך א גוט געפיל צו איר. זי ווארט דאָך שוין אף אים, באומרויִקט זיך אוואדע, פארוואָס זשע קומט עס איר, אז ער זאָל זי באאוולען? זעלדע פארדינט עס ניט. ניין. זי איז א גוטע, א האָרע־

פּאַשנע, א געטרײַע, אַן איבערגעגעבענע. זי פֿאַרשטייט אים אָפּן ווונק, מישט זיך קיינמאָל ניט דאָרט, ווו מע דאַרף ניט, פֿאַרלויפֿט אים יעדן טראָט. ער האָט אַנומלטן אומזיסט און אומנישט געשריִען אָף איר, גענידלט זי. און ווען ס'האָט זיך אויסגע־לאָזט, אַז ער איז געווען ניט גערעכט, האָט זי אים מיט קיין האַלבן וואָרט ניט פֿאַרגעוואָרפֿן...

ער האָט איצט בעקיוון זיך געסטאַרעט איבערעכענען אַלע אירע מײַלעס, דער־מאָנען זיך נאָר דאָס גוטע וועגן איר. נאָר פֿאַר די אויגן איז אים געשטאַנען עלקע. ער האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, ווי ער איז אַרײַן צו איר אין צימערל.

„שעפּטל, דאָס ביסטו, שעפּטל?“ — האָט זי אויסגערופֿן און מיט די האַלב־אָנטבלויזטע אויסגעשטרעקטע הענט, א שלאַנקע, א שיינע, זיך געלאָזט צו אים, ווי זי וואָלט אים וועלן אַרומנעמען. ערשט איצט, אָפּפֿאַרנדיק שוין העכער דרײַסיק קילאָמעטער פֿון הולײַפּאָליע, האָט ער אָנגעהויבן פֿאַרשטיין, אַז זי האָט געוואָלט זיך צעקושן מיט אים, און ער האָט זיך אַזוי פֿאַרלוירן, אַז ער האָט ניט געוווסט, וואָס מיט אים טוט זיך, און אָנשטאָט דעם, ער זאָל זי אַרומנעמען, האָט ער דער־לאַנגט איר בלויז די האַנט... פֿונעם געדאַנק, אַז עלקע האָט געוואָלט אים אַרומנע־מען און עפּשער זיך צעקושן מיט אים, איז אים איצט געוואָרן זייער ווארעם און גוט אָפּן האַרצן. אין אָט דער מינוט האָט זיך אים געדוכט, שעפּטלען, אַז די גאַנצע וועלט איז זײַנע, דער הימל און די ערד, און די זון, וואָס בלענדט און באַקט איבערן סאַמע קאָפּ, און די טוועס, וואָס כוואַליען זיך, און דאָס געזאַנג פֿון די סטעפּ־פֿייגל, און די גרילצערײַ פֿון די צירקונען אין די שאָטנדיקע גראָזן, און דאָס גראָז אַליין, אַלע אינײנעם און יעדעס גרעזעלע, יעדעס בלימעלע באַזונדער...

שעפּטל האָט א ציאָסקע געטאָן צום הינגסט. דער גניאַדער האָט, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ, זיך אָוועקגעטראָגן נאָך שנעלער און פֿאַרקערעוועט פֿאַרבײַ די הולײַ־פּאָליער מאָהילקעס. מיטאַמאָל זײַנען פֿון דאָרט, פֿון הינטער א בערגל, מיט א פֿריילעכער קווישערײַ אַרויסגעשפּרונגען שעפּטלס עלטערע קינדער — שמועלקע און עסטערקע — און מיט א געשריי, באָרוועסע זיך געלאָזט לויפֿן נאָך דער בעדאַרקע.

— טאַטע, אָט זײַנען מיר...

— טאַטע...

דערזעענדיק אינגאַנצן אומגעריכט די קינדער, האָט שעפּטל צעטומלט־האַסטיק פֿאַרהאַלטן דעם גניאַדן און איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער בעדאַרקע.

— ווי קומט איר אַהער?.. וואָס טוט איר דאָ? — האָט ער שטרענג געפֿרעגט.

— מיר האָבן דאָ געוואַרט אָף דיר, — האָט שמועלקע געענטפֿערט, קוקנדיק אַראָפּ אָף די באָרוועסע פּיסלעך, ווי ער וואָלט זײַן אין עפּעס שולדיק, — אונדז האָט זיך פֿאַרוואָלט דיך באַגעגענען.

— און שוין לאַנג, אַז איר זײַט דאָ? — האָט שעפּטל, ניט קאָנענדיק אײַנהאַלטן דעם שמייכל, א פֿרעג געטאָן.

— פֿון זינט ס'איז געוואָרן אינדערפֿרי... פֿון סאַמע, סאַמע אינדערפֿרי, — איז

עסטערקע, אופכאפנדיק דעם טאטנס שמייכל, אונטערגעשפרונגען. — מיר זײַנען געלעגן פארבאהאלטן ווייסטו ווו? אָן דאָרט, הינטערן בערגל, אינעם פּירײ...

— און איך האָב דיך דער ערשטער נאָך פונדערווײַטן, נאָך גאָר־גאָר פונדערווײַטן דערזען, — האָט שמועלקע געזאָגט.

— און איך האָב דיך נאָכדעם אויך דערזען...

— און דו האָסט אונדז אינגאנצן ניט געזען...

— זאָגט אָקאָרשט, און די מאמע ווייסט, ווו איר זײַט?

— די מאמע אליין האָט דאָך געזאָגט... די מאמע האָט געזאָגט, אז מיר זאָלן לעבן דער הרעבליע ווארטן אף דיר, — האָט עסטערקע גיך געכאפּט די ווערטער, — און מיר... מיר זײַנען אוועק אזש ביז די בערגלעך, ווײַל ביז די בערגלעך איז נאָך בעסער... די מאמע האָט מיר אָנגעטאָן א ריין קליידעלע. זעסט, — האָט זי מיט ביידע הענטלעך א גלעט געטאָן דאָס ציצענע קליידעלע אין בלויע בלימעלעך, — און שמועלקען האָט די מאמע געגעבן דאָס ווײַסע העמדעלע, וואָס זי האָט איבערגענייט פון דײַנעם...

— נו, אויב אזוי, איז קריכט אף דער בעדארקע. — שעפטל האָט פריילעך אונטערגעכאפּט פריִער עסטערקען, נאָכדעם שמועלקען און אוועקגעזעצט זיי אף דעם צוגעפלעטשטן היי, מיט וועלכן ס'איז געווען אויסגעשפּרייט די זיצלקע. אליין האָט ער זיך געזעצט צווישן זיי, א גלעט געטאָן זיי מיט דער ברייטער האנט איבער די קעפּלעך, זיך אומגעקוקט, צי זיי זיצן גוט, און גענומען די לייצעס. דער הינגסט איז גלײַך אוועק, און די בעדארקע האָט זיך, עטוואָס אונטערוויגנדיק, אוועקגעקײַקלט, לײַכט אונטערקלינגענדיק מיט די רעסאָרן.

— נו, און וואָס טוט די מאמע? — האָט שעפּטל א פרעג געטאָן עסטערקען. ער האָט זי באזונדערס ליב געהאט פאר איר זשוואוועדיקײַט.

— די מאמע... די מאמע האָט געוואשן א סאך, א סאך גרעט, די לײַלעכער און די טישטעכער און די סאלפעטקעלעך און די האנטעכער, אלץ, אלץ האָט די מאמע געוואשן, און נאָכדעם האָבן מיר מיט דער מאמען געראמט דעם הויף און צוגעקליבן אין שטוב, געמאכט שיין, שיין, — האָט עסטערקע, זשמורענדיק די אויגן אנטקעגן דער זון, פארוואָרפן דאָס קעפּל מיט די קלייניגקע צעפּלעך און גיך גערעדט, — די מאמע האָט אופגעהאנגען די נײַע פאָרהענגלעך אף די פענצטער, און דעם נײַעם טישטעך מיט די באָמבלקעס האָט די מאמע פארשפּרייט אפן טיש, אלץ, אלץ האָט די מאמע אוועקגעלייגט ריינס, און נאָכדעם האָט די מאמע באנאכט געקאָכט און געבאקט, א קירבעס־צימעס האָט די מאמע אָפּגעקאָכט און אן עסיקפלייש און א קאלטן שטשאוועל־באָרשטש, און נאָך און נאָך, אלץ, וואָס דו האָסט ליב, האָט די מאמע אָפּגעקאָכט. די מאמע האָט געזאָגט, אז דו וועסט אָט־אָט קומען צו פאָרן, האָבן מיר געווארט אף דיר און געווארט, און דו פאָרסט ניט און פאָרסט ניט...

— פארוואָס עפּעס פאָר איך ניט? — האָט שעפּטל פארלוירן זיך אָנגערופן, א גלעט געבנדיק די קינדער, ווי ער וואָלט זיך פילן שולדיק פאר זיי. — אָט פאָר איך דאָך...

— איצטער פאָרסטו, אָבער פריִער ביסטו דאָך ניט געפאָרן, — האָט שמועלקע באַרויגעזלעך א קוק געטאָן אפן טאַטן, — אַלע זײַנען שוין פון לאַנג פאַרבײַגעפאָרן, און פאַרוואָס ביסטו פריִער ניט געקומען?

שעפטלען האָט זיך אין דער מינוט געדוכט, אז די קינדערלעך זײַנען, וואָס פאַרשטייען נאָך זייער ווייניק, פילן דאָך, מיט א באַזונדערן כוש קאָנטיק, אז ער האָט זיך פאַרהאַלטן אין הולײַפּאָליע ניט גלאַט אַזוי... דאָס האָט אים א קאַראָבע געטאָן, און אים האָט זיך פאַרוואָלט אָט איצט גלײַך, ניט וואַרטנדיק, ביז ער וועט קומען אַהיים, אָנטאָן זיי כאָטש א ביסל פאַרגעניגן. ער האָט פאַרהאַלטן דעם גניאַדן און, אופהייבנדיק דאָס דעקל, אַרויסבאַקומען פון אונטער דער זיצלקע דאָס פּעקל מיט מאַטאָנעס.

— אָט דאָס האָב איך אײַך געקויפט. אַנו, ווי? ס'געפעלט? — ער האָט פאַנאַנדערגענומען דאָס געלע פאַפּיר, אין וועלכן ס'איז געווען אײַנגעוויקלט די רויטינקע מויל־האַרמאָניק און דאָס בלויע פײַפל.

ווען די קינדער האָבן דערזען די האַרמאָניק און דאָס פײַפל, האָבן זיי אין אַלץ אף דער וועלט פאַרגעסן. זיי האָבן מיט כידעש באַקוקט פון אַלע זײַטן די שפּאָגלנײַע שיין־באַפאַרבטע מאַטאָנעס, און אין א ווײַלע אַרום האָבן זיי געגעבן א קאָנצערט, פון וועלכן ס'האָט אַזש געזשומעט אין די אויערן. שמועלקע האָט אָן אופהער, ווי ער וואָלט געטאָן א שווערע אַרבעט, געבלאָזן מיט די פּײַכטע ליפּן אין פײַפל, און עסטערקע האָט אַרויסגעבראַכט מעשונע־צעצויגענע קלאַנגען, פירנדיק הין און צוריק איבערן מויל מיט דער האַרמאָניק. באַלד איז די אונטערהוידענדיקע בעדאַרקע אַרופגעפאָרן אף דער הרעבליע, וועלכע האָט זיך געהויבן הויך איבער דעם פולוואַסערדיקן סטאַוואָק, און שעפטל האָט פונדערווײַטן, דורך דעם גרינס פון די פּאַליסאַדניקעס, דערזען, אז אַנטקעגן דאָדיע בורלאַקס הויף איז די גאַס פאַרפולט מיט מענטשן, מיט מענער, ווײַבער און קינדער, ווי דער גאַנצער כוטאָר וואָלט זיך צונויפגעזאַמלט. „זאָל זײַן, אז מע קלײַבט זיך שוין צו דאָדיע בורלאַקן אף דער סימכע?” נאָר מיטאַמאָל האָט ער דורך דעם טומל און געפּילדער, וואָס די קינדער האָבן מיט זייער שפּיל אופגעהויבן, דערהערט א געוויין, א געיאָמער פון ווײַבער, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון דאָרט.

— שאַ! וואַרט צו... — האָט ער א געשריי געטאָן צו די קינדער. — וואָסי דאָרטן געשען?.. — און אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט ער זיך דערמאָנט, אז פונקט אָט אַזוי איז זיך צונויפגעלאָפן דער גאַנצער כוטאָר און פונקט אַזא געוויין איז געשטאַנען, ווען סלאָבאָדיאַנס מיידעלע האָט זיך דערטרונקען אין סטאַוואָק.

שעפטל האָט אומגעדולדיק א שאַרפן צי געטאָן די לייצעס. דער הינגסט האָט פאַרביסן דאָס צײַמל און זיך אוועקגעטראָגן, שיר ניט איבערקערנדיק די בעדאַרקע. ווען די בעדאַרקע האָט שוין געהאַט פאַרקערעוועט פאַרבײַ דעם זאַהאָן, האָט שעפטל דערפילט, ווי ס'האָט זיך בא אים פלוצלינג אָפּגעריסן דאָס האַרץ. ער האָט דערזען, ווי זעלדע האָט זיך אָפּגעטיילט פונעם טומלדיקן אוילעם און, מיט שאָלעמקען אף די הענט, זיך געלאָזט לויפן אַנטקעגן אים.

אין דער מינוט איז בא שעפּטלען דורכגעפלויגן איין געדאנק ,געפּערלעכער פּו־נעם אנדערן, און ער האָט דערשראָקן זיך אומגעקוקט, געזוכט מיט די אויגן דאָס קלענסטע טעכטערל, טײַבעלען, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט, אַז עס האָט מיט איר עפּעס געטראָפן.

— אוי, שעפּטל... שעפּטל, — איז זעלדע כליפּענדיק געלאָפן אנטקעגן דער בעדארקע. די האָר זײַנען בא איר געווען פון פאַרנט צעשויבערט, דאָס טיכל אראָפּ־גערוקט אף דער פּאַטיליצע, די אויגן רויט. זי האָט אויסגעזען אומגליקלעך.

שעפּטל האָט מיטן גאנצן קויעך א צי געטאָן די לייצעס, פּארהאַלטן דעם הינגסט און אראָפּגעשפּרונגען איבער דער ראָד. ער האָט נאָך ניט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס איז געשען, נאָר לויט זעלדעס אויסזען האָט ער פארשטאנען, אַז עס האָט געטראָפן עפּעס זייער שרעקלעכס.

— אוי, שעפּטל... אזא אומגליק... און דו ביסט ניטאָ... קוים זיך דערוואַרט אף דיר...

— זאָג שוין... וואָסי?.. וואָס האָט געטראָפן? — האָט שעפּטל אויסגערופן.

— ווייסט ניט? — האָט זעלדע פארכידעשט אים אָנגעקוקט. — דו פאָרסט דאָך פון הולײַפּאָליע...

— נו, איז וואָס, אז איך פאָר פון הולײַפּאָליע? רייד שוין... זאָג, וואָסי געשען?..

— א מילכאָמע!.. — איז זי צוגעפאלן צו זײַן ברוסט און זיך שטארק צעוויינט.

קאַפּיטל זיבן

דאָס שרעקלעכסטע, וואָס בלויז פונעם געדאנק, אז ס'קאָן ווען־עס־איז געשען, האָט בא יעדן אופגעציטערט דאָס הארץ, — דאָס שרעקלעכסטע איז פלוצלינג, אומ־געריכט אויסגעבראָכן.

קיינעם פון די בוריאַנאָוועקער איז אין יענעם שטיל־זומערדיקן זונטיק אינדער־פרי אפילע אפן זינען ניט געקומען, אז אזוינס האָט געקאָנט געשען. אין סטעפּ איז מען ניט ארויס, יעדערער איז געווען פארנומען און פארטראָגן בא זיך אין הויף: ווער ס'האָט איבערגעדעקט דעם דאך, ווער ס'האָט פאריכט דעם אומגעוואלגערטן פּארקן, ווער ס'האָט געיעט דעם קארטאָפל־גאָרטן, ווער ס'האָט זיך געייסעקט בא די עטלעכע בינשטאָקן...

כאָטש דער קאָלווירט איז געווען גאנץ רײַך און יעדער פון די קאָלווירטניקעס איז שוין געווען נישקאָשעדיק באזאָרגט אי מיט ברויט, אי מיט צום ברויט, און מע האָט געוווסט, אז אויסער דער פּארוואלטונג איז פאראן נאָך עמעצער — אין ראיאָן, אין געגנט און אפילע נאָך העכער, — וואָס זאָרגט וועגן זיי, דאָך האָט יעדער איינער, אויסער כאָנציען און כאָמע טראסקונען, געהאַט לויט דער אלטער געוווינהײַט נאָך א קליינע בײַשטוביקע באלעבאַטישקײַט: ווער א בעהיימע, ווער א כאזער, ווער א פּאָר שאָף, ווער עטלעכע בינשטאָקן. און יעדערער האָט אויך הײַנט, ווי שטענדיק, געהאַט זײַנע דײַגעס ארום דעם.

שיִע קוקוי האָט זיך ארומגעקוקט, אז זײַן מילך־געבערן, דאָס נאָך גאָר יונגע דרײַיאָריקע בעהיימעלע איז פֿארבליבן א יאלעווע, ער האָט זיך אויסגעגעסן דאָס הארץ, וואָס ער האָט פֿארזען אזא זאך, און פֿארטאָג שוין געפֿירט זי א פֿארזאָרגטער אף א שטריק צום קאָלווירטישן בוהיַי אף דער פֿערמע.

ליפֿע זאיִקע איז גאנצפֿרי ארומגעלאָפֿן בא זיך אין הויף א צעקאָכטער, מיט א געשריי און זידלערײַ געטריבן פֿון זײַן בײַשטוביקן גאָרטן פֿרעמדע היגער און געוועזן אויסער־זיך, וואָס זיי האָבן בא אים אוועקגעפּאטערט עטלעכע בייטן.

דרויאַן איז געווען צערודערט, וואָס טשעמבערלעניכע — די כאזערטע זײַנע, וועלכע האָט זיך אָקאָרשט געהאט אָפּגעפּאָראָסיעט, האָט געבראכט ניט אכט כאזיירימלעך, ווי ער האָט געמיינט, נאָר אינגאנצן פֿינף...

דײַגעס זײַנען געווען אויך אנדערע, גאָר פֿארשיידענע. צו קאלמען זאָהאָטן איז די דײַגע פֿון דער העלער הויט געקומען, ווען ער האָט זיך געזעצט פֿרישטיקן. ער האָט ארײַנגעקוקט אין דער פֿרישער געגנטלעכער צײַטונג און באמערקט אף דער דריטער זײַט אן ארטיקל וועגן דער היגער, בוריאַנאָווקער, פֿערמע. אין ארטיקל האָט מען געלויבט די קאָלווירטניקעס, וועלכע האָבן וויניקער פֿאר אלץ געארבעט אף דער פֿערמע, און דאפֿקע אים, קאלמענען, וואָס האָט דאָרט אוועקגעלייגט דאָס גאנצע געזונט, האָט מען אפֿילע מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט. די הייסע קארטאָפֿל מיט זויערמילך און אפֿילע די בלינצעס זײַנען שוין געבליבן שטיין אפֿן טיש ניט גערירט.

דער אלטער ראכמיִעל איז אין דעם אינדערפֿרי ארומגעגאנגען דורכויס אין אגמעס־נעפּעש פֿון דעם, וואָס דער איינציקער אבריקאָסן־בוים אין פּאליסאדניקל האָט בא אים פּלוצלינג אָנגעהויבן דארן, און ריקליס איז געווען שטארק פֿארזאָרגט, וואָס פּונקט הײַנט, ווען בא בורלאקן איז אזא געהויבענע סודע מיט די שענסטע און בעסטע מײַכאָלים, דארף דאָס אים, ווי אפּצולאָכעס, שנײַדן אין בויך, ווי מיט מעסערס.

די באלעבאָסטעס האָבן געהאט זייערע דײַגעס — צי איז דער לעקעך גוט אופֿגעגאנגען, צי איז דער קוגל פֿון אלע זײַטן ארומגעברוינט, צי זײַנען די געפֿילטע פֿיש גוט אָנגעפּעפּערט, צי האָט דער טשאָלנט ניט צוגעברענט? צי זײַנען גענוג באטאמט די ווערטוטלעך, די כרעמזלעך, די זעמעלעך...

ניט געקוקט אָבער אף אָט די פֿארשיידענע זאָרגן, האָט אין כוטאָר זיך געפֿילט יאָמטעוודיק. שוין ארום צוועלף אזייגער באטאָג זײַנען, ארומגערינגלט מיט די קינדער, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעזאמלט פֿון דער גאנצער גאס, ארויפֿגעקומען צו בורלאקן אין הויף די אָרטיקע קלעזמער — דער סוטולעוואטער העניך מיט דער גרויסער, ערטערוײַז פֿארלאטעטער פּויק, דער עלטערער קאָניוך יויעל־סימכע מיטן קלארנעט און דער רויטער גאווריִעל, דער „קאפּעלמייסטער“, ווי מע האָט אים גערופֿן, מיט דעם פֿידל. כאנע־איטקע האָט ארויסגעטראָגן אף א טאַץ א ביסל היימישן ווישניק מיט לעקעך. די קלעזמער האָבן ביז וואָס־ווען געמאכט א לעכאיִם, אז „די סטרונעס זאָלן ניט פּלאצן“, און שוין עטוואָס בעגילופֿנדיק זיך אויסגעזעצט אין הויף, סאמע אנטקעגן די פֿאנאנדערגעעפֿנטע פֿענצטער. גאווריִעל דער קאפּעל־

מייסטער האָט אַ ווונק געטאָן צו די קלעזמער, פֿאַרהויבן דאָס שפּיציקע רויטע בערדל, צוגעמאַכט די וויִעס, ווי ער וואָלט זיך קלייַבן טפּילע טאָן, און אַ פּיר געטאָן מיטן סמיק. סימכע האָט זיך גלייַך גענומען פֿאַרן קלאַרנעט, העגעך פֿאַר דער פּויק, און דער הויף איז פֿאַרפֿולט געוואָרן מיטן באַקאַנטן און פֿון לאַנג באַליבטן ייִדישן פֿריילעכס.

אין כוטאָר האָט מען נאָר געוואַרט אַף דעם. די צוגעפּוצטע באַלעבאָסטעס האָבן זיך באַלד באַוויזן פֿון אַלע הויפֿן. זיי האָבן געטראָגן צוגעדעקט מיט וויַיסע האַנטעכער, ווי שאַלעכמאָנעס, די צוגעגרייטע מייַכאָלים צו בורלאַקן אין טומלדיקפֿריילעכן הויף אַריַין. דאָרט אינעם געראַמען באַלאַגאַן האָבן זיי, ניט אָן פֿאַרגעניגן, געוויזן איינע דער אַנדערער, וואָס יעדערע פֿון זיי האָט צוגעגרייט, פֿאַנאַנדערגעשטעלט די ביז גאָר פֿאַרשיידענע געריכטן אַף די לאַנגע טישן, אָנגעפֿילט דער אַרום מיט אָנגענעמע גערוכן פֿון די קאָלערליי באַטאַמטע מייַכאָלים.

בורלאַקס טעכטער און שניר זייַנען פֿאַרטראָגן אַרומגעלאָפֿן הין און צוריק, צעשטעלט אַף די פֿאַרשפּרייטע טישטעכער פֿאַרשיידענע טעלערלעך, קויסעס, פֿאַנאַנדערגעלייגט די גאָפּל און לעפֿל; און די זין און איידעמס האָבן אַרייַנגעקייַקלט אין באַלאַגאַן אַ גרויסע פֿאַס וויַין, ערשט פֿון קעלער. די פֿאַס מיט וויַין האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אין סאַמע מיט באַלאַגאַן, אַז דער סאַר־האַמאַשקע, דאָס עלטערע אייניקל, דער לייטענאַנט זאָרעך, זאָל קאָנען האָבן אין אויג אַלע טישן.

דאָדיע בורלאַק, אָנגעטאָן אין אַ וויַיס העמד און אין יאָמטעוודיקן שוואַרצן סורדוט, און כאַנע־איטקע, פֿאַרפּוצט מיט די בליאַסקענדיקע, דיבינקע קאַרעלן־שנירלעך, וואָס האָבן זיך באַ איר פֿאַרהיט נאָך פֿון דער כופּע, זייַנען אַרויס צום טויער און מיט לעקעך און בראַנפֿן, לויטן אַלטן שטייגער, באַגעגנט די געסט.

פֿון אַלע זייַטן כוטאָר זייַנען געגאַנגען אַהער אויסגעפּוצטע קאָלווירטניקעס, וויַיבער, יוגנט.

די קלעזמער האָבן אָן אופֿהער געשפּילט, די מיידלעך און יאַטן האָבן אָנגעהויבן טאַנצן, אַרום איז געשטאַנען אַ צעראַשטער טומל פֿון די קינדער. דער הויף איז שוין געווען פֿול. מע האָט נאָר געוואַרט אַף כאָנציען און כאָמע טראַסקונען, וועלכע האָבן זיך געדאַרפֿט אָט־אָט אומקערן פֿון דאָרפֿראַט, ווהין זיי זייַנען נעכטן אין אָוונט אוועקגעפֿאָרן אָפּן פּלענום. מע האָט געוואַרט אויך אַף שעפּטלען.

אייניקע געסט, וועלכע זייַנען געקומען שוין אַ ביסל אויסגעטרונקען, האָבן זיך אַרומגענומען מיט דאָדיע בורלאַקן, זיך געקושט מיט אים און ביז וואָס־ווען צוגעווינטשעוועט אים און כאַנע־איטקען אין פֿינף און צוואַנציק יאָר אַרום, אָט דאָ באַ זיך אין הויף, פּראַווען די בריליאַנטעווע כאַסענע. און מיטאַמאָל האָט עמעץ פֿריילעך אויסגעשריִען:

— כאָנציע... כאָנציע פֿאָרט!..

דער אוילעם, וואָס האָט שוין געוואָלט וואָס גיכער זיך זעצן צו די טישן, האָט, אַ דערפֿרייטער, זיך אומגעקוקט און דערזען, ווי איבערן כוטאָר יאָגט אַהער מעשונע ווילד אַף דער צעהוידעט־טראַסקענדיקער בעדאַרקע דער קאָלווירט־פּאָרזיצער.

שוין לויטן יאָגן, לויט דעם ווייַס־אָנגעשוימטן פערד, לויט כאָנציעס שטאַרק־צעטראָגענעם אויסזען, האָבן די קאָלווירטניקעס פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז עפּעס געשען. עפּעס האָט געטראָפן, צי מיט אים, צי מיט עמעצן אַנדערש. מע איז צערודערטע אַרויסגעלאָפן פון הויף און אויף דער מיט גאַס, אַנטקעגן דער סעלפּאָ־קלייט, אַרומגערינגלט כאָנציען און דערהערט פון אים דאָס שרעקלעכע וואָרט — „מילכאָמע“.

— אַ מילכאָמע... היטלער איז אָנגעפאַלן אויף אונדז...

די דאָזיקע בסורע האָט געטראָפן די בוריאַנאָוקער, ווי אַ דונער אין אַ העלן לויטערן טאָג. ס׳איז פאַר יעדן געווען אַזוי אומדערוואַרט, אַז אין דער ערשטער מינוט האָט זיך קיינעם פּאָשעט ניט געגלייבט. דער אוילעם איז געשטאַנען פאַרלוירן, נאָך ניט באַנעמענדיק ווי ס׳געהער צו זייַן, וואָס, ווען און וויאַזוי ס׳איז געשען, מע האָט געקוקט איינער אויפן אַנדערן, ניט אַרויסריידנדיק קיין וואָרט, ווי ס׳וואָלט בייַ אַלעמען אָפּגענומען די צונג.

און נאָר קאַלמען זאַהאָט האָט אין אַ היפּשער ווייַלע אַרום אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך אַליין:

— אָט דאָ איז היטלערס סאָף.

בייַ די ווערטער האָט העניע־ריווע, אַן אויסגעפּוצטע אין דעם זייַדענעם קלייד, דערזען דורכשטופּן זיך צווישן אוילעם זייער איינציקן זון, דעם יינגערן סערזשאַנט אין זאַפּאַס, וואָווען. ער האָט אַ שטאַרק צעטראָגענער זיך אומגעקוקט אין אַלע זייַטן, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט. זי האָט זיך געלאָזט צו אים און זיך אייַנגעקלאַמערט אין אים מיט אירע פאַרהאָרעוועטע הענט.

— איך וויל ניט... איך דאַרף קיין מילכאָמע ניט... — האָט זי דורך די טרערן אין האַלדז געטייַנעט.

די ווייַבער האָבן, קוקנדיק אויף איר, מיטאַמאָל אויפגעהויבן אַ געוויין, אַ געיאָמער, און באַלד נאָך זיי האָבן זיך צעווייַנט די קינדער.

אָט דעמאָלט איז עס אָנגעפאָרן שעפטל פון הולייַפּאָליע, וועלכער האָט נאָך ביכלאַל גאָרנישט ניט געוווסט, און שפּעטער האָט זיך אָנגעטראָגן אויף אַ צעהיצט פערד דער באַפולמעכטיקטער פון דאָרפּראַט כאָמע טראַסקון שוין מיט אַ פּעקל פּאָוועסטקעס אין האַנט. ער איז האַסטיק, אַזוי ווי אַמאָל, אין די יונגע יאָרן, ווען ער האָט פאַרטיזאַנעוועט, אַראָפּגעשפּרונגען פונעם פאַרשוויצטן פערד, עטוואָס אָנגעבויגן, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ שווערע לאַסט אויף דער פּלייצע, אַרויף אויף די הילצערנע טרעפּלעך פון דער דערבייַיִקער סעלפּאָ־קלייט און, בלעטערנדיק מיט די ציטערנדיקע פינגער די פּאָוועסטקעס, שווער־עטעמענדיק, אַ בלייכער, אויסגערופן:

— וואָווע שלוימע־קאַלמאַנאָוויטש זאַהאָט...

— יאָסיע יודעלעוויטש פּיסקון...

— אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש סלאָבאָדיאַן...

דער אוילעם האָט מיט פאַרשטאַרטע הערצער זיך צוגעהערט, ווי כאָמע טראַס־

קון האָט אויסגערופן אַלץ נײַע און נײַע נעמען. מע האָט געקוקט אױף די גרויזאַמע ראָזע פּאַפּירלעך, וואָס האָבן אין זיך אַזאַ אַנטשיידן־גוואַלדיקע קראַפט...

א פּאַרטראַגענער האָט כאַמע טראַסקון צעטיילט אַלע פּאַוועסטקעס, נאָכדעם מיד זיך ארומגעקוקט און מיט דער הייזעריק־געוואָרענער שטים געמאָלדן, אַז אַלע די, וואָס האָבן דערהאַלטן פּאַוועסטקעס, דאַרפן מאָרגן גאַנצפרי קומען אין הוליַפּאָליער ראַיאָנעם וואָיענקאָמאַט און דעריבער דאַרפן זיי באַצײַטנס אַרויספאָרן פונדאַנען.

שוין אַראָפּלאָזנדיק זיך פון די טרעפּלעך, האָט כאַמע דערזען דאָדיע בורלאַקן אין דעם ווײַסן העמד און אײנעם יאָמטעוודיקן סורדוט. כאַמע האָט זיך דערמאָנט אין דער טעלעגראַמע, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך, אַרויסגעשלעפּט זי פון דער אייבערשטער פּידזשאַק־קעשענע און דערלאַנגט דאָדיען. די טעלעגראַמע איז געווען פון דווינסק. מע האָט דרינגענד אַרויסגערופן דעם לייטענאַנט זאָרעך בורלאַק אין זײַן מיליטער־טייל.

„הייסט עס, אַז ס'איז אַן עמעס... אויב אַזוי, הייסט עס טאַקע אַ מילכאָמע...״ — האַלטנדיק די טעלעגראַמע אין האַנט, האָט דאָדיע בורלאַק ערשט איצט אָנגעהויבן גלייבן, אַז ס'איז קיין טאָעס ניט, ווי ער האָט אָקאָרשט נאָך געטראַכט.

— ווו איז ערגעץ כאַנע־איטקע? — האָט ער אומבאַהאָלפן און פאַרזאָרגט זיך ארומגעקוקט, פאַנאַנדערשפּיליענדיק דעם סורדוט. כאַנע־איטקע איז דאָ ניט געווען. קאַנטיק, אוועקגעלאָפן צוריק אין הויף, צו די קינדער. דער הויף, וואָס איז נאָך ערשט מיט א ווײַלע צוריק געווען פול מיט מענטשן און מיט פרייליכער יאָמטעוו־דיקײַט, איז איצט געווען אינגאַנצן ניט צו דערקענען. דורך די פאַנאַנדערגעעפנטע שטוב־פענצטער האָט זיך געטראָגן א געוויין, א כליפּען, א מעסוקן־צעפּאָלאָכעטער טומל, ווי ערעוו א שטורעם אָדער נאָך א שרעקלעכן האָגל. די זין, איידעמס, פלע־מעניקעס האָבן, איבערשרײַענדיק איינער דעם אַנדערן, אונטערגעטײַלט די צעטומל־טע און דערשלאָגן־פאַרוויינטע ווײַבער, זיי זאָלן זיך גיכער קלײַבן אין וועג ארײַן. יעדערער פון די מאַנצבלען, וועלכע זײַנען געקומען סײַ פון די שטעט און באַן־סטאַנציעס, סײַ פון די דערפער און כוטאָרס, האָבן געײַלט וואָס שנעלער זיך אומ־קערן צו זיך אהיים, ווו ס'האָט שוין געקאָנט וואַרטן א פּאַוועסטקע פון וואָיענקאָמאַט. און יעדערער פון זיי און אַלע צוזאַמען האָבן געהאַט איצט דעריקער איין זאָרג: ווי קלײַבט מען זיך ארויס פונדאַנען וואָס גיכער.

וועגן דאָדיע איז מיט א נידעריק־אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַרײַן צו זיך אין הויף, האָט מען אים אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן: ער דאַרף גלײַך צוגיין צום פאָרזיצער פון קאָלווירט. די צײַט וואַרט ניט. יעדע מינוט איז איצט טײַער...

א שווײַגנדיקער האָט ער זיך געלאָזט גיין. שוין פון יענער זײַט טויער האָט אים דעריאָגט דאָס אייניקל, דער יונגער לייטענאַנט זאָרעך. ער האָט אַרומגענומען דעם זיידן. ער ווייל זיך געזעגענען. ער קאָן ניט וואַרטן. קסעניע מיטן קינד בלײַבן דאָ. ווּהין זאָלן זיי איצט פאָרן?.. אױף דער סאַמע גרענעץ, אין פײַער ארײַן?.. און ער... ער וועט זיך לאָזן צופוס. אפשר וועט ער פאַקן א פור אָדער עפּשער גאָר א מאַ־שין. ער מוז וואָס גיכער קומען אין זײַן טייל... ער האָט זיך צעקושט מיטן זיידן און,

צוהאלטנדיק מיט דער האנט דעם פלאנשעט בא דער זײַט, אוועקגעלאָפן זיך זעגע־נען מיט אלע איבעריקע.

די ברייטע כוטאָר־גאס איז שוין געווען פוסט. אלע זײַנען געווען איצט בא זיך אין די שטיבער. די מאַמעס, ווײַבער, שוועסטער האָבן, צעשטעכנדיק זיך מיט די נאָדלען די פינגער, פארוויינטע געניית טאָרבעלעך, פאריכט דאָס גרעט און געגרייט עסן אין וועג ארײַן.

באָר העניע־ריווע האָט גאָרנישט ניט געקאָנט טאָן. צו וואָס זי האָט זיך ניט צוגערירט, איז אלץ בא איר געפאלן פון די הענט. זי האָט געפילט, אז זי עקט זיך מיטן לעבן. אָט באלד וועט מען זיך שוין דארפן געזעגענען, און וואָווע איז ניטאָ. זי וועט דאָך אפילע ניט באווײַזן זיך אָנקוקן אף אים.

— וואָס זיצסטו ווי א קאלטער מאלעך, — האָט זי, שלינגענדיק די טרערן, געטײַנעט צו שלוימע־קאלמענען, וואָס האָט שווײַגנדיק צוגענייט אויערלעך צו וואָוועס קירזעווע שטיוול, — ס'איז דאָך געבליבן עפשער ניט מער ווי א שאָ, ווײ איז מיר, ווו איז ער עס אהינגעקומען... ארויס פון שטוב, גאָרנישט ניט געזאָגט, און ניטאָ... גיי, גיב א קוק, ער קאָן זײַן בא איר מיסטאמע, בא נעכאמקען...

— שא... טומל ניט. ער גייט, — האָט קאלמען זאָהאָט געזאָגט, א קוק געבנדיק אין פענצטער, — אָן גייט ער...

וואָווע איז א מידער געגאנגען מיט דער סטעזשקע. ער איז שוין עטלעכע מאָל געווען בא נעכאמקען אין דער היים, בא אירע כאווערטעס, אויסגעווען אומעטום, ארײַנגעקוקט אין אלע הויפן, און ניטאָ. קיינער ווייסט ניט, קיינער האָט זי הײַנט אין ערגעץ ניט געזען.

„ווו קאָן זי זײַן? — האָט ער ניט אָנגעהויבן צו פארשטיין. — מע שפאנט שוין אפן קאָלווירט־הויף די פורן, און זי איז ניטאָ... ס'איז שוין האלב זעקס אזייגער... א האלב שאָ פארבליבן. מע קלײַבט זיך דאָך שוין. וואָס טוט מען?.. ווו האָט זי געקאָנט אהינקומען?.. ווו זוכן זי?.. וויִאזוי וועט ער אוועקפאָרן, אפילע ניט געזעגענענדיק זיך מיט איר... און די צײַט גייט...“ — ער האָט פונדערווײַטן, לעבן קאָלווירט־הויף, דערזען כאָנציען, דעריאָגט אים און, פלאָנטערנדיק מיט דער צונג, געפרעגט וועגן נעכאמקען.

— נעכאמקע?.. וואָסי?.. וואָס?.. — האָט כאָנציע ניט פארשטאנען, וואָס ער פרעגט. כאָנציע איז געווען צעטראָגן און האָט ניט געוווסט, וואָס פריִער צו טאָן. דאָ דארף מען באזאָרגן מיט טראנספאָרט און ארויסבאגלייטן דעם מאָבילייזירטן אוילעם, דאָ דארף מען געבן פורן פאר בורלאקס געסט, פונקט איצט זײַנען זיך עס צונויפגעפאָרן אזויפיל געסט. און ווו נעמט מען אזויפיל וועגענער, און אָנטרײַבער ווו נעמט מען? ער הייבט ניט אָן צו וויסן. דאָ דארף מען אוועקשטעלן נײַע מענטשן אָנשטאָט די, וואָס גייען אוועק אין דער ארמיי, מע דארף אָפקלײַבן און אָפפירן אפן זאמלפונקט די פארעגיסטרירטע פערד, און נאָך צענדליקער זאכן עגבערן אים איצט דעם מויעך, און דאָ נא דיר אזא געשיכטע — נעכאמקע... גיי וויים, ווו זי איז אהינגעקומען...

קאַפּיטל אַכט

און נעכאַמקע איז זיך רויִק געשלאָפֿן צווישן די בליִענדיקע זונרויזן. די הייסע שטראַלן פֿון דער צעגליטער זון האָבן ערטערווײַז זיך דורכגעקליבן דורך דעם געדיכטן גרינעם געבלעטער און געוואַרעמט איר די נאַקעטע פֿיס, וואָס זײַנען געווען אַנטבלויזט ביז איבער די קני. זי איז געלעגן אויף אַ זײַט, איין האַנט צוקאָפּנס, מיט דער צווייטער — ווי זי וואָלט אַרומגענומען דאָס יונגע זייער גרינע גראָז, און איבער איר האָבן מיט אַ דין צעצויגן זשומערײַ זיך געדרייט אינדערלופֿטן שטאַרק פֿאַרייסעקטע, ביז גאָר פֿאַרטראָגענע בינען. די בינען זײַנען איבערגעפֿלויגן פֿון איין פֿאַנאַנדערגעבליטער זונרויז צו אַ צווייטער, פֿון איין בלימל צום אַנדערן. אײַנזויגנדיק זיך מיטן ביז גאָר דינינקן שנאָבעלע אין די דורכזיכטיק־צאַרטע בלומען־קרײַגעלעך, האָבן זיי פֿון דאָרט, פֿון דער סאַמע טיף, געצויגן דעם זיסן נאַרהאַפֿטיקן נעקטאַר.

אַרום איז געווען זייער שטיל. זעלטן־ווען האָט ערגעץ אינעם גראָז אַ זונג געטאָן שפּרינגענדיק אַ צוויטערל, נאָך זעלטענער האָט, אַרויסרוקנדיק דאָס קעפּל פֿון אַ נאָרקע, אַ פּײַף געטאָן אַ סוסליק. און ווידער שאַ־שטיל.

נאָך דער פֿאַרדריסלעך־פֿאַרשטערטער נאַכט, וואָס האָט געבראַכט נעכאַמקען אַזויפֿיל האַרצווייטעק, האָט זיך איר איצט, אָט דאָ אויף דעם זאַפֿטיקן גראָז, אינעם קילבלעכן שאָטן פֿון די זונרויזן געשלאָפֿן זייער זיס. זי האָט טיף אײַנגעעטעמט די לײַכט־שיקערנדיקע לופֿט, וואָס איז פֿול געווען מיט די פֿרישסטע סטעפּ־גערוכן. אירע בוילעט אויסגעפֿורעמטע שטײַפֿע בריסט האָבן זיך באַוועגט אונטער דעם דינינקן קאָפֿטעלע רויִק און רעגלמעסיק. די ליפּן אירע האָבן צײַטנווײַז עטוואָס געשמייכלט, ווי ס׳וואָלט זיך איר געכאָלעמט עפּעס אַן אָנגענעם־ליבער כאָלעם. זי האָט פֿון שלאָף עטלעכע מאָל אַ פֿיר געטאָן מיט דער האַנט, אַראָפּגעשאַרט אַ מורעשקעלע, וואָס האָט זיך פֿאַרקליבן צו איר אויפֿן נאַקעטן האַלדז, אַראָפּגעטריבן אַ גרינע היישעריקל, וואָס האָט זיך געזעצט בײַ איר אויפֿן אויער, און מיט פֿאַרגעניגן, ניט פֿאַנאַנדערפֿירנדיק די וויִעס, זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זײַט.

די זון איז שוין געשטאַנען הויך אין העל־בלויען, לויטערן הימל, ווען נעכאַמקע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. זי האָט זיך גיך אויפֿגעזעצט, מיט עטוואָס פֿאַרזשמורעטע אויגן פֿאַרוווּנדערט אַרומגעקוקט זיך, ווי זי וואָלט ניט פֿאַרשטאַנען, וווּ זי איז, נאָר באַלד איז זי געקומען צו־זיך, פֿלינק זיך אויפֿגעהויבן, אָפּגעטרייסלט מיט ביידע הענט דאָס קליידל און, אײַנערלעך אַ באַרויִקטע, אַרויס אויף דער דערבײַיִקער לאָנקע. די בונט־באַפֿאַרבטע לאָנקע איז באַשפּרענקלט געווען מיט לענגלעכע בלוילינגלעך, מיט געלן שאַרפֿן קאַטראַן, מיט לופּטיקע אָדוואַנטשיקעס, מיט ראָזלינג־גלעקעלעך און מיט קאָלערלײַ אַנדערע פֿילקאָלירנדיקע פֿעלד־קווייטן... נעכאַמקע האָט איצט, ווי צום ערשטן מאָל, דערזען דאָס אַלץ אין אַן אויסערגעוויינלעכער פֿילפֿאַרביקײַט, אין אַן איבעראַשנדיקער פֿילבליִענדיקײַט, און זי איז פֿול געוואָרן מיט אַנציקונג פֿון דעם, וויִאַזוי די נאַטור שאַפֿט עס, וויִאַזוי זי וועבט עס אויס, וויִאַזוי זי מאָלט עס קונציק

אויס מיט די דינסטע, מיט די שענסטע און איידלסטע קאָלירן... יעדעס בלימל פאַרמאָגט זיך זײַנע פאַרבן, זײַן גערוך, און ווען מע נעמט עס אַף די ציין, האָט יעדעס בלימל, יעדער געוויקס א באַזונדערן טאַם... און גיי פאַרשטיי עס... גיי באַנעם עס... פונוואַנען נעמען זיך אָט די קאָלערליי פאַרשיידענע רייכעס, פונוואַנען נעמען זיך עס אָט די אַלע אויסטערלישע דינסטע פאַרבן?.. פון דער ערד?.. די ערד איז דאָך פאַר אַלע געוויקסן די זעלבע, און יעדער געוויקס האָט זיך זײַנס... מענטשן זײַנען אויך אַזוי, — טראַכט זי, — יעדער מענטש האָט זיך זײַנס... עפּעס אַזוינס, וואָס טיילט אים אויס פון אַלע אַנדערע... אָט וואָוע... ער איז ניט ענלעך אַף קיינעם. ער איז עפּעס גאָר אַן אַנדערער... זי ווייסט איצט אַליין ניט, צי ער איז אַן ערגערער, צי א בעסערער. מעגלעך, אַז אַפילע אַן ערגערער. פאַרוואָס זשע האָט זי אים אַזוי ליב? זי ווייסט אַליין ניט. זי וואָלט וועלן וויסן, פאַרוואָס האָט מען ליב?.. פאַרוואָס האָט מען ליב דאַפּקע דעם און ניט קיין אַנדערן?.. זי וואָלט אים עפּשער גאָר ניט וועלן ליב האָבן, נאָר סײַדן ס'איז געווענדט פון איר? ס'איז סײַדן דערפאַר, ווײַל זי וויל אַזוי? אָט וויל זי איצט ניט טראַכטן וועגן אים, זי וויל ניט, און זי טראַכט. זי איז פאַר זײַנע נעכטיקע געגנג אין קאַס אַף אים, און ס'טוט איר גלײַכצײַטיק ווי דאָס האַרץ, וואָס ער לעבט איבער צוליב איר: ער קער זי איצט זוכן, ער דאַרף דאָך אַוועקפאָרן צוריק אין דער מטס, ער זוכט זי, און זי איז ניטאָ, און קיינער, קיינער ווייסט ניט, ווו זי איז. זייער גוט, וואָס קיינער ווייסט ניט. זאָל ער טראַכטן, וואָס ער וויל זיך. זאָל ער זוכן... און זי וועט זײַן דאָ...

ס'איז שוין געווען ווײַט נאָך האַלבן טאָג, און נעכאַמקען האָט זיך שטאַרק פאַרוואָלט עסן. זי האָט אַפילע ניט געפרישטיקט. זי וואָלט איצט מיט פאַרגעניגן געגעסן פריש ברויט מיט קאַלטער סמעטענע אָדער א גרינעם באָרשטש מיט אוגערקעס. איר האָט זיך קיינמאָל ניט געוואָלט אַזוי עסן, ווי איצט. „זוכסט זיך א טערעץ צו גיין אַהיים, אין כוטאָר, ווײַל ער איז דאָרט", — האָט זי זיך אַליין פאָרגעוואָרפן. נאָר זי האָט מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און דאָך זיך געלאָזט פאַמעלעך גיין מיט דעם זײַטיקן שמאָלן וועג, וואָס האָט געפירט צום כוטאָר.

פון דער הייסער ערד האָט שאַרף געשמעקט מיט צאָמבער. אַזויפיל צאָמבער, ווי אַף די בערגלעך און אין די באַלקעס אַרום בוריאַנאָווקע, איז עפּשער אין ערגעץ ניט געווען, און זײַן שאַרף גערוך האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן ווײַט איבערן אַרום.

דערנענטערנדיק זיך צום כוטאָר, איז נעכאַמקע געוואָרן אַלץ אומרויִקער און אָנגעהויבן גיין גיכער, עס האָט זי מיטאַמאָל אָנגעהויבן שרעקן, טאָמער איז שוין וואָווע ניטאָ. ער האָט שוין געקאָנט אַוועקפאָרן אין דער מטס. וואָס וועט זי דעמלט טאָן? איר האָט שוין באַנק געטאָן, וואָס זי האָט זיך פאַרהאַלטן אַזוי לאַנג אין סטעפּ. צוליב וואָס איז זי אַוועק פון כוטאָר? פאַרקערט, געדאַרפט זײַן דאָרט. געדאַרפט צונויפקלײַבן אַרום זיך די מיידלעך און אַרומשפּאַצירן אַף דער גאַס, און זאָל ער פאַר אַלעמען אין די אויגן צוגיין צו איר. אָט אַזוי האָט זי געדאַרפט טאָן, פאַרשטייט זיך, און זי איז גאָר אַנטלאָפן אין סטעפּ, באַהאַלטן זיך צווישן די זונרויזן...

נעכאמקע האָט זיך פאַרנומען עטוואָס לינקס און איז אוועק מיט דער אויסגע־טריקנטער באַלקע. איצט האָט זיך איר ניט געוואָלט, מע זאָל זי זען. זי האָט אַליין קלאָר ניט געוווּסט, פאַרוואָס. עפשער דערפאַר, מע זאָל ניט וויסן, ווו זי איז געווען, אָדער זי האָט מוירע געהאַט, אַז מע וועט זי דערזען איצט גיין איינע אַליין פון סטעפּ, וועט מען לאַכן פון איר.

די באַלקע איז פון ביידע זייַטן געדיכט באַוואַקסן געווען מיט הויכער לעבעדע, מיט סורעפּקע און גרויען פּאַלין, און נעכאמקע האָט פונדאַנען זיך ניט אַרויסגעזען.

קעדיי גיכער קומען אַהיים, איז איר באַקוועמער געווען, אַרויסגייענדיק פון דער באַלקע, פאַרקערעווען פאַרבייַ ליפּע זאַיִקעס בלוי־אַרומגעקאַלכטער שטוב. נאָר אָט די שטוב, ווו ס׳האָט געלעבט די אָנגעפּאַרענע לערערן אין דעם געדונגענעם קליי־נעם צימערל, האָט זי פון נעכטן אין אָונט פייַנט געקראָגן, ווי מע קריגט פייַנט אַ מענטשן. נעכאמקע איז דעריבער בעקיוון אַרומגעגאַנגען ליפּע זאַיִקעס שטוב פונ־דערווייַטן, אָפּקערנדיק דעם קאָפּ צו די גערטענער, און מיטאַמאָל, אינגאַנצן אומ־געריכט, דערזען דאָרט לויפן צווישן דער יונגער קוקורוזע איבערגעטאָן אין זייַנע אַלטע מיליטער־קליידער, אָט אַזוי ווי ער איז דעמלט געקומען פון דער אַרמיי, וואָווען. אַ פאַרסאָפּעטער, אַ צעטראָגענער איז ער געלאָפן אין דער פאַנאַנדערגע־שפּיליעטער גימאַסטיאָרקע אַהער, גלייַך צו איר.

„אַהאַ, ניט אוועקגעפאָרן!״ — האָט נעכאַמקע פריילעך אַ טראַכט געטאָן און, ווי זי וואָלט אים אינגאַנצן ניט באַמערקט, פאַרקערעוועט עטוואָס רעכטס, אין אַ זייַט.

דער פאַרדראָס אָף אים האָט זיך אין איר ווידער דערוועקט. „ווען ער גייט אַרייַן אין קלוב און זי שטייט אַפילע מיט דער פלייצע צו אים, וואָלט זי סייַווי גלייַך דערפילט, אַז ער איז אַרייַן. זי וואָלט געפילט, אַז ער גייט, ווען ער וואָלט נאָך געווען אַפילע ערגעץ אין דרויסן, און ער...״

זי איז בעקיוון אוועק גיכער.

— נעכאמקע!.. — האָט וואָוועע הייזעריק זי אַ רוף געטאָן. — נעכאמע!..

זי איז גיך געגאַנגען, ניט אומקוקנדיק זיך. דאָס קליידל האָט זיך לייַכט געפּאַל־דעוועט און ווי בעקיוון אויסגעטיילט אירע שלאַנקע פיס. דעם קאָפּ האָט זי איצט, ווי קיינמאָל, געטראָגן שטאָלץ, פאַרהויבן עטוואָס אין דער הייך, ווי זי וואָלט גע־קוקט אָף די שפּיץביימער.

— נעכאמע!.. — וואָוועע האָט אַ צעדרודערטער זי קוים דעריאָגט אַרוף גאָרטן צווישן די טיקוועס. — נעכאמע... וואַרט צו... איך זוך דיך שוין אַזויפיל... די פורן שטייען דאָך שוין גרייט...

זי האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. זי האָט זיך ניט אומגעקוקט. זי האָט גאָרנישט ניט געענטפערט, ווי ער וואָלט גערעדט ניט צו איר.

— נעכאמע... שטיי... וואַרט צו! — האָט ער קימאַט ווי אויסגעשריען. — וואַרט צו... דו הערסט... איך דאַרף... הער, וואָס איך וועל דיר זאָגן... נעכאמע!..

— אַזוי?.. און איך וויל ניט הערן, — האָט זי אַרויסרופעריש געענטפערט, ניט אָפּשטעלנדיק זיך.

— איך פאַר דאָך אוועק... אַט באַלד...

— קאָנסט פאָרן?!..

— אַט אזוי רעדסטו?.. — האָט ער פארלוירן געפרעגט, נאָכגייענדיק איר פון הינטן.

— אַט אזוי ווי דו הערסט!..

— און אויב... ווער ווייסט... און אויב מיר וועלן זיך שוין ניט זען... האָסט א טראכט געטאָן וועגן דעם, נעכאמע?..

— נו, איז וואָס, אז מיר וועלן זיך ניט זען, — האָט זי איַינגעהאלטן, זייער רויק געענטפערט, — מיר איז עס איצט אַלציינס...

— אַלציינס?! — האָט ער דערשראָקן אויסגערופן.

— יאָ, אַלציינס!..

— נו, אויב אזוי... — ער איז געבליבן שטיין און פאנאנדערגעפירט פארלוירן די הענט. דאָס הארץ האָט אים ווייטעקדיק פארקוועטשט. „וואָס האָט ער, סאָפּקאָל־סאָף, איר געטאָן אזוינס, אז זי זאָל איצט, אין די לעצטע מינוטן, וואָס ער איז דאָ אפן כוטאָר, אזוי ריידן מיט אים, זי זאָל ארויסברענגען אזא שרעקלעך וואָרט: אַלציינס". ער האָט ניט אָנגעהויבן צו פארשטיין, וואָס איז געשען מיט איר. נאָר ער איז ניט געווען אין קאָס אף איר. פארקערט, עס האָט אים נאָך קיינמאָל אזוי ניט געצויגן צו איר, ווי איצט. זי האָט נאָך קיינמאָל ניט אויסגעזען אין זיינע אויגן אזוי שיין און מעכייַעדיק, ווי איצט. זי איז אים נאָך קיינמאָל, זינט ער באַגעגנט זיך מיט איר, ניט געווען אזוי טייַער, ווי איצט...

— נו, איז זייַ געזונט, — האָט ער א דערשלאָגענער פארזאָרגט איר נאָכגע־שריִען, — זייַ געזונט, נעכאמע!.. — ער האָט א ווייַלע צוגעוואַרט, עפשער וועט זי ענטפערן. נאָר זי האָט ניט געענטפערט. ער האָט זיך אויסגעדרייט און, שווער איבערשטעלנדיק די פיס, זיך געלאָזט גיין צוריק צו דער הרעבליע.

נעכאַמקע האָט פארקערעוועט צו זיך, נאָר מיטאמאָל האָט זי דערהערט א געוויין פון פרויען דאָ דערבייַ אינעם שכיינעסדיקן הויף, און אין פארלעגנהייַט, ניט פארשטייענדיק, וואָס האָט דאָרט געקאָנט געשען, זיך געלאָזט אהין.

אין עטלעכע מינוט ארום איז נעכאמע א צעראַשטע ארויסגעלאָפן פון שכיינעס־דיקן הויף, זיך געכאפט מיטביידע הענט פארן קאָפּ און, שרייַענדיק עפּעס אומ־קלאָר ניט מיט איר שטים, זיך געלאָזט לויפן מיט די פארוואקסענע גערטנער, אראָפּ צו דער הרעבליע. דער צאָפּ האָט זיך געוויגט און געשמיסן זי איבערן האַלדז, איבער די אקסלען, די ברוסט האָט זיך געהויבן אַלץ האסטיקער, און זי האָט פאר־שטיקט אין זיך געוויקעט, געוויינט אָן טרערן: „א מילכאָמע... אוי, א מילכאָמע..." זי האָט ניט באמערקט, ווי זי האָט פארלוירן פונעם אקסל דאָס טיכל, זי האָט ניט געפילט, ווי די שטעכיקע בודיקעס האָבן ביז בלוט צעדראפּעט די נאקעטע פיס, זי איז געלאָפן ווי א דולע.

בא דער סאמע הרעבליע, וווּ עס זייַנען שוין געשטאנען היפש פורן, ארומ־גערינגלט מיט מענטשן, האָט זי אים דעריאָגט.

— וואָווע!.. — האָט זי אויסגעשריִען, צופאַלנדיק צו זײַן ברוסט. — טײַערער... און איך וואָס?.. און איך?..

ארום איז געווען פול מיט קאָלווירטניקעס און קאָלווירטניצעס. נאָר נעכאמקען איז איצט גאָרנישט ניט אָנגעגאנגען. אויסער וואָווען, האָט זי איצט קיינעם ניט געזען. זי האָט ארומגעכאַפּט אים מיט ביידע הענט פארן האַלדז און זיך שטארק אײַנגעקלאַמערט אין אים, ווי זי וואָלט מוירע האָבן, אז ער וועט זיך אָט־אָט ארויס־רײַסן פון אירע אָרעמס.

— וואָווע!.. — האָט זי זיך געבעטן, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן. — איך האָב דאָך ניט געוווסט... איך האָב דאָך גאָרנישט געוווסט... געווען אין סטעפּ... זײַ ניט אין קאס אָף מיר, וואָווע... זײַ ניט אין קאס...

— איך בין ניט אין קאס, — האָט ער שטיל געזאָגט, א גלעט געבנדיק זי איבער די האָר, וועלכע האָבן אזוי געשמעקט, ווי זיי וואָלטן אײַנגעהיט אין זיך דאָס גערוך פון דער היי־לאָנקע.

נעכאמקע האָט ווי א פארשיקערטע מיט אימפעט אופגעהויבן זיך אף די שפּיץ פינגער און, פארזשמורענדיק די אויגן, צוגעפאַלן צו זײַנע דורשטיקע ליפּן. איר האָט זיך פארדרייט דער קאָפּ, און זי איז שיר ניט אומגעפאַלן. ער האָט זי אונטער־געכאַפּט, און זי האָט דעמלט נאָך שטארקער זיך אײַנגעקלאַמערט אין אים, געפירט מיט אירע הייסע ליפּן איבער זײַנע ניט געגאָלטע באקן, איבער די אויגן...

— וואָווע... וואָווע... — האָט זי פארשטיקט געשעפּטשעט.

ארום איז דער טומל געוואָרן גרעסער. מע האָט זיך אָנגעהויבן געזעגענען און אויסזעצן זיך אף די פורן. דאָ און דאָרט האָט זיך אופגעהויבן א געוויין, א געיאָמער. כאָנציע און כאָמע טראסקון זײַנען פארטראָגענע געגאנגען צווישן די וועגענער, עפּעס אָנגעזאָגט די אָנטרײַבער און זיך געזעגנט מיט די מאָבּיליזירטע. אף עטלעכע פורן האָבן זיך שוין געהאט אויסגעזעצט אויך בורלאקס געסט. דאָדיע בורלאַק, נאָך אַלץ אָנגעטאָן אינעם יאָמטעוודיקן סורדוט, איז געשטאַנען א שווײַגנדיקער צווישן די פורן און אף אַלע געזעגענונגס־ווערטער, וואָס זײַנען געווען געווענדט צו אים, געענטפערט מיט א מידן שאָקל פונעם גראָוון קאָפּ.

אין עטלעכע מינוט ארום האָבן אַלע מיט א טומל זיך שוין געהאט אויסגעזעצט אף די וועגענער. נאָר וואָווע איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט נעכאמקען. די אָנ־טרײַבער האָבן שוין גענומען די לייצעס אין די הענט. יאָסקע פּיסקון, אנטאָן סלאָ־באָדיאַן און די איבעריקע, וואָס זײַנען געזעסן אף א פור, האָבן געשריִען, גערופן וואָווען. א פארלוירן־צעטומלטער, האָט ער סאָפּקאָלסאָף אָפּגעלאָזט נעכאמקעס הענט און זיך אויסגעדרייט צו די פארזאָרגטע עלטערן.

— זײַ געזונט, טאַטע!..

— קער זיך אום געזונטערהייט, — האָט קאַלמען מיט זײַנע שווערע פארהאָרע־וועטע הענט ארומגענומען וואָווען, זיך צעקושט, אָפּגעקערט זיך און אָפּגעווישט מיטן ברעג ארבל פון פּידזשאַק א טרער. — געזעגן זיך מיט דער ערד, ווו דו ביסט געבוירן געוואָרן... דאָ ליגן דײַנע זיידעס און עלטערזיידעס... ס'איז הייליקע ערד...

זײַ געבענטשט, זון מײַנער... און שלאָג דעם סוינע, היטלערן, יִמאַך שמוֹ וזיכרוֹ, שלאָג די פֿאַשיסטן אָן ראַכמאָנעס!..

— אוי, ווי איז מיר!.. — האָט העניע־ריווע זיך צעוויינט הויך אױפֿן קאָל.

די פֿורן האָבן זיך גערירט.

— זעץ זיך אױפֿן וואָגן, — האָט זאַהאַטיכע געכליפּעט. — זעץ זיך מיטן פּאָנעם אַהער, צום כוטאָר... וועסטו זיך, אימײִרצעהאַשעם, אומקערן געזונטערהייט צו אונדז...

— גוט, גוט... זײַט געזונט... נאָכדעם... איך וויל אַ ביסל גיין צופֿוס, — האָט ער געשריִען, האַלטנדיק זיך בײַ דעם וואָגן.

דער אוילעם האָט זיך געלאָזט נאָך די פֿורלעך, וועלכע האָבן זיך שוין געצויגן איבער דער הויך־אָנגעשאָטענער הרעבליע, אָפּוואַרפֿנדיק פֿון זיך אַ שאָטן אױפֿן סטאַוואָק.

— זאָלסט שרײַבן, לעמאַנהאַשעם... — האָט זאַהאָטיכע מיט אַ וויינענדיקער שטים נאָכגעשריִען.

— גוט, גוט.

נעכאַמקע איז נאָכגעגאַנגען מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ. זי האָט ניט געקאָנט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט. „וואָס וואָלט געווען, אויב איך קום איצט ניט פֿון סטעפּ, — האָט זי מיט שרעק אַ טראַכט געטאָן. — זי האָט דאָך געקאָנט פֿאַרהאַלטן זיך ביז אָוונט. וואָס וואָלט מיט איר געווען, ווען זי קומט און טרעפֿט אים שוין ניט?..“

די וועגענער זײַנען ניט געײַלט דורכגעפֿאָרן די הרעבליע, זיך פֿאַרנומען מיטן הולײַפּאָליער שליאַך און, טראַסקענדיק מיט די רעדער, אַוועקגעיאָגט גיכער. דער אוילעם, וואָס האָט באַגלייט, איז נאָך אַ ווײַלע נאָכגעגאַנגען און צוביסלעכווײַז געבליבן שטיין אױף דער צווייטער זײַט סטאַוואָק, נאָך אַלץ מאַכנדיק מיט די הענט און אויסשרײַענדיק עפּעס. ס'האָבן גלײַכצײַטיק געשריִען אַזויפֿיל מענטשן, אַז מע האָט גאָרנישט ניט געקאָנט פֿאַנאַנדערקלײַבן.

נעכאַמקע האָט נאָכגעקוקט וואָווען, וואָס האָט געשפּאַנט אַרױף־באַרג בײַ דער זײַט פֿון וואָגן. פֿון מאָל צו מאָל האָט ער זיך עטוואָס אויסגעדרייט און אומגעקוקט אַהער, פֿאַרהייבנדיק די האַנט. ער איז געווען שוין ניט ווײַט פֿון די מאָהילקעס. „אָט־אָט וועט זיך פֿאַרנעמען דער אַראָפּ־באַרג און זי וועט אים שוין ניט זען“... פּונעם געדאַנק האָט זי אופּגעציטערט און זיך געלאָזט לויפֿן, אַריבעריאָגנדיק די פֿורן, וועלכע האָבן מיט אַ קלינגערײַ זיך געצויגן איינע נאָך דער אַנדערער.

אַ פֿאַרפֿלאַמטע האָט נעכאַמקע דעריאָגט וואָווען, אַרומגעכאַפּט אים און געקושט אים דאָס פּאָנעם, געגלעט אים די האָר אױפֿן קאָפּ.

— וואָווע, זײַ ניט אין קאַס אױף מיר... — האָט זי, שלינגענדיק די טרערן, זיך געבעטן בײַ אים, — זײַ ניט אין קאַס, — האָט זי זייער שטיל איבערגעכאַזערט און מיט ציטערדיקע פֿינגער פֿאַרשפּיליעט אים דעם קאָלנער פֿון דער גימנאַסטיאָרקע.

— זײַ געזונט, נעכאַמעלע...

דעריאָגנדיק אין אַ ווײַלע אַרום זײַן פֿור, האָט וואָווע זיך אָנגעכאַפּט אָן דער לושניע, איז פֿלינק אַרופֿגעשפּרונגען אין דער הייך, זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם

צו נעכאמקען און לאנג, לאנג געמאכט צו איר מיט דער האנט. וואָס ווײַטער, איז דער וואָגן אַלץ מער פאַרשוווּנדן הינטערן באַרג. וואָוען האָט מען שוין ניט געזען. דאָך איז נעכאמקע ניט אוועקגעגאַנגען. זי איז געשטאַנען בא דער זײַט וועג. איר פּאָנעם האָט אויסגעזען, ווי איבער דעם וואָלט נאָרוואָס אַדורך אַ רעגן. זי האָט, פאַרשטשעמענדיק די ליפּן, געקוקט אַהין אין דער ווײַט...

פאַרבײַ איר האָבן מיט אַ טראַסקערײַ פון די רעדער זיך געצויגן אָן אופהער אַלץ נײַע און נײַע פורן. זיי האָבן זיך פאַרנומען אַהער מיט פאַרשיידענע וועגן, וועלכע האָבן זיך געשלענגלט פון די אַרומיקע דערפער און כוטאָרס באַרג־אַרויף און דאָ זיך צונויפגעגאַנגען אפן ברייטן גוט־אויסגעפּאָרענעם הולײַפּאָליער שליאַך. אף אייניקע וועגענער האָט מען געזונגען. ערגעץ האָט געשפּילט אַ האַרמאָניק. אייניקע מאָביליזירטע האָבן עפּעס געשריִען צו איר, געמאַכט מיט די הענט, מיט די היטלען.

די זון האָט זיך שוין גענומען אַראָפּזעצן, פאַנאַנדערגיסנדיק אַ רויטקײַט אפן ראַנד הימל, איבער די זייער גראָטענע טוועס און איבער דעם שליאַך.

און נעכאמקע איז נאָך אַלץ געשטאַנען איינע אַליין בא דער זײַט וועג און מיט פאַרווײנטע אויגן געקוקט ווײַט, ווײַט אַרויף־באַרג, ווו עס זײַנען פאַרשוווּנדן די לעצטע פורן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ ראָזלעכן שטויב.

„זײַ ניט אין קאַס אף מיר... — האָט זי שטיל געשעפּטשעט, — כ׳וועל וואַרטן... כ׳וועל וואַרטן אף דיר...“

קאַפּיטל נײַן

נאָך דעם, ווי עלקע האָט זיך געזעגנט מיט שעפּטלען, איז זי אײַליק אַדורך די בריק און, ניט אומקוקנדיק זיך, פאַרקערעוועט מיט דער שמאָלער גוט־אויס־געטראָטענער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט אַראָפּ צו דעם נײַעם, נאָך ווייניק באַלעבטן געסל. זי איז געגאַנגען מיט לײַכטע טריט און געפילט מיט אַלע אירע כושים, אַז שעפּטל שטייט נאָך אַלץ דאָרט, אף דעם זעלבן אָרט, ווו זי האָט אים אָקאָרשט איבערגעלאָזט. מיט יעדן טראָט, וואָס זי האָט געמאַכט, האָט זיך איר אַלץ מער געוואָלט אומקוקן, נאָר זי איז זיך בײַגעקומען און אוועק גיכער.

אַרום איז געווען זייער שטיל. קיין שום קלאַנג — ניט פון אַ פאַרשפּעטיקטער פור, ניט פון אַן אווטאָמאַשין, ניט פון אַ מענטשלעכן טראָט — האָט ניט געשטערט די האַלבנאַכטיקע רויִקײַט. די שײַן אין די פענצטער פון די מיט טשערעפּיצע און בלעך געדעקטע שטיבער, וואָס זײַנען געשטאַנען טיף באַהאַלטן צווישן די יונגע פּאָליסאַדניקעס, איז שוין געווען פון לאַנג אויסגעלאָשן. דער ראַיצענטער איז ערעוו דעם אָפּרו־טאָג רויק געשלאָפן. עלקע האָט מיט עפּעס אַן אומקלאָר געפיל זיך אײַנגעהערט אין אָט דער רויִקײַט.

„עפּשער געדאַרפט אים זאָגן, ער זאָל בלײַבן נעכטיקן... פאַרוואָס האָט זי אים טאַקע ניט פאַרגעלייגט?.. זיי וואָלטן נאָך געקאָנט זיצן און ריידן. ער האָט איר דאָך קימאַט ווי גאָרנישט ניט דערציילט וועגן זיך“... אף איין רעגע האָט זי אַפילע אַ

טראַכט געטאָן: עפּשער זיך אומקערן און זאָגן אים, צוליב וואָס זאָל ער איצט — ס'איז דאָך שוין שפּעט — גיין אין קאָלווירטישן אײַנפּאָר־הויז... נאָר אין דער זעלבער מינוט האָט זי דערהערט וויַיטע טריט איבערן ברוק, דאָס האַרץ האָט בא איר אופּגעצאַפּלט. זאָל זיַין, אַז ער גייט אהער, צו איר?.. ניין. די טריט האָבן זיך דערוויַיטערט. ס'האָט זי אי פאַרדראָסן, אי זי איז צופרידן געווען. „אַזוי איז גליַיכער", — האָט זי א קלער געטאָן און עטוואָס פאַרוואָרפן די האָר אהינטער.

זי האָט אַליין ניט געוווסט, וואָס עס קומט מיט איר פאָר. שעפּטלס אומגעריכט קומען האָט זי אינגאַנצן אופּגערודערט און דערמאָנט איר אין די שענסטע טעג פון איר זיַין אפן כוטאָר.

סאַראַ טיַיערע ציַיט עס איז דעמלט געווען, — האָט עלקע מיט בענקשאַפט געטראַכט. — קיין שום זאַך איז איר דעמלט ניט שווער געווען... זי האָט גאָרנישט ניט געהאַט, און דאָס האָט זי לאַכלוטן ניט געקימערט. זי האָט געקאָנט איבערשלאָפן אַזוי ווי זי שטייט און גייט אין סטעפּ אָף א ביסל היי אָדער אין קאָענעס[1] אָף דער באַנק. זי האָט פאַרמאָגט אַרום און אַרום איין קליידל. זי איז אָפט אָפּגעקומען דעם טאָג מיט א פּאָר געבאַקטע קאַרטאָפל, און אַז זי האָט געדאַרפט קיין הוליַיפּאָליע, איז זי פון בוריאַנאָווקע געגאַנגען אהין צופוס א באָרוועסע. און געווען גליקלעך... אַלץ איז פאַר איר דעמלט געווען ביז גאָר פּאָשעט און קלאָר — אי די שטורמישע כוטאָרישע פאַרזאַמלונגען, אי דאָס אַנטבאַלעגופּעווען, אי דאָס אָרגאַניזירן דעם קאָלווירט... ניט קלאָר זיַינען נאָר פאַר איר דעמלט געווען אירע באַגעגענישן מיט שעפּטלען. וואָס האָט זי דעמלט געוואָלט?.. זי ווייסט אַליין ניט. און ער? זי האָט דעמלט אינגאַנצן ניט געטראַכט וועגן זיך. זי איז פולשטענדיק פאַרכאַפּט געווען מיט דער ברויזנדיקער פּאַרטיי־אַרבעט, וועלכע מע האָט איר, נאָך גאָר א יונגער קאָמוניסטקע, פאַרטרויט, און דאָס איז געווען פאַר איר דאָס גאַנצע לעבן. ס'האָבן קאָנטיק געדאַרפט אדורך אָט די שווערע יאָרן, וועלכע זי האָט איבערגעלעבט, אַז זי זאָל ערשט איצט אַזוי בוילעט דערזען און אַזוי שאַרף דורכפילן יענע שטורמישע ציַיט. זי האָט אַליין זיך געוווּנדערט און אפילע ווי ניט געגלייבט זיך: צי דען איז עס טאַקע אַזוי געווען?.. צי דען האָט זי עס טאַקע דעמלט — ס'איז איר דאָך געווען אינגאַנצן ניַינצן יאָר — געשאַפן אין דעם סאַמע פאַרוואָרפענעם און אָפּגעשטאַנענעם כוטאָר דעם קאָלווירט?.. צי דען האָט מען טאַקע אין דער קאָוואַלעווסקער באַלקע געשאָסן אין איר און שעפּטל האָט עס געפונען זי דאָרט ליגן א פאַרוווּנדעטע און גענומען צו זיך אפן וואָגן?..

דערמאָנענדיק זיך אין דעם, האָט עלקע קוים א שמייכל געטאָן. דאָס אַלץ האָט איר איצט אויסגעזען ווי זייער א וויַיטער און שיינער כאָלעם... „ווי ער האָט זיך פאַר דער ציַיט געביטן!.. אָך, ווי ער איז דעמלט איַינגעשפּאַרט געווען. זיך געהאַלטן מיט ביידע הענט אין זיַין מעזשע... נאָך וואָס איז ער איצט געקומען?.. פּאָשעט אריַין זיך זען?.. פאַרוואָס זשע האָט ער זיך אַזוי פאַרלוירן?.. וואָס האָט ער

---

[1] פונעם נאָמען ק.נ.ס. (Комитет незаможных селян — קאָמיטעט פון אָרעמפּויערים).

איר אזוינס געזאָגט, ווען זיי זײַנען געשטאנען אף דער הילצערנער בריק?.. צי דען וועלן זיי זיך טאקע באגעגענען איבעראכטאָג זונטיק?..“

עלקען ווערט פרײלעכער פון דעם. זי שטעלט זיך פאָר, ווי זי פאָרט שוין אף דער בריטשקע אראָפ מיטן שלענגלדיקן הולײַפּאָליער שליאך. אָן זעען זיך שוין די באקאנטע מאָהילקעס, די הויך־אָנגעשאָטענע און ארומגעשווענקטע הרעבליע, דער גרינער מיט אָטשערעט ארומגעוואקסענער סטאוואָק, און שעפטל שטייט דאָרט. ער באגעגנט זי... און ס׳כאפט זי ארום א נאָגנדיקע בענקעניש נאָכן כוטאָר, נאָך דער איין־איינציקער ברייטער און עטוואָס קרומלעכער גאס, נאָך די נידעריקע ווײַנשל־פאליסאדניקעס, נאָך די געדיכטע אלטע אקאציעס, וואָס ציִען זיך לענגאויס דער סטעזשקע, נאָך די קאָלערליי קאנאוועקעס און בערגלעך, באוואקסן מיט קאלאטשיקלעך און גרויען פאָלין, און נאָך שעפטלס כוטאָרישן הויף מיט דעם הויכן טאָפּאָל...

וויִאזוי איז זי דאָס טאקע ביז איצט ניט צוגעפאָרן אין די ליבע היימישע ערטער, א קוק טאָן, ווי זעט אויס דער כוטאָר, דער קאָלווירט, וועלכן זי האָט אָרגאניזירט, זיך זען מיט די בוריאנאָוועקער — מיט כאָנציען, מיט כאָמע טראסקונען, — אָ, וויפל זיי האָבן צוזאמען וואָס צו דערמאָנען; מיט קאלמען זאָהאָטן, — צי געדענקט ער, ווי זיי זײַנען שיר ניט פארפרוירן געוואָרן באנאכט אין סטעפ בעשאס דער זאוועָרוכע; זיך באגעגענען מיט אירע געוועזענע פּיאָנערן — מיט וואָווע זאָהאָטן, מיט נעכאמקען, מיט יאָסקע פיסקונען. צי וועט זי זיי דערקענען? און דער איקער — איר האָט זיך זייער געוואָלט זײַן בא שעפטלען אין שטוב, זען, ווי ער לעבט איצט...

א פארטראָגענע מיט די געדאנקען, האָט עלקע פארקערעוועט אפן טראָטואר. זי איז געגאנגען טראָט בא טראָט, ניט געײַלט, האָבנדיק פארגעניגן פון דער וווּנדערלעך־שיינער יוני־נאכט. אין דרויסן איז געווען זייער שטיל. די לופט איז געווען פריש און דורכזיכטיק בלוי. דער הימל ריין, אָן איין וואָלקנדל. די דעכער פון די דערבײַיקע שטיבער, די ביימער־שפּיצן און די פארקנס זײַנען באזילבערט געווען מיט דער בלאסער לעוואָנע־שײַן. פון די שיטערע פאליסאדניקעס האָט נאָך אלץ און אפילע שארפער געטראָגן מיט דעם דינעם גערוך פון דער בליִענדיקער מאטיאָלע, און פון דעם אלעמען איז עלקען איצט געווען לײַכט און גוט אף דער נעשאָמע. זי האָט עטוואָס פארוואָרפן דעם קאָפּ און, פארזשמורענדיק די אויגן, טיף אײַנגעעָטעמט אין זיך די בלוילעכע פרישקײַט. זי וואָלט אזוי געגאנגען און געגאנגען א גאנצע נאכט.

זײַענדיק שוין לעבן דער קאליטקע, האָט עלקע מיטאמאָל באמערקט אף דער מיט גאס, אנטקעגן זייער צויישטאָקיקן הויז, א טונקעלן „גאזיק“. „צו וועמען האָט מען עס געקאָנט קומען אזוי שפּעט?“ — האָט זי א טראכט געטאָן און זיך גענומען מיט דער האנט פארן טירל. אין דער זעלבער מינוט האָט די שײַן פון אן עלעקטרישן האנט־לאמטערן א שפּרונג געטאָן איר איבערן פּאָנעם און א בלענד געטאָן אין די אויגן.

פון אומגעריכטקײַט האָט עלקע אופגעציטערט, איז אָפּגעטראָטן אין א זײַט, זיך פארזשמורעט און, אָנכאפּנדיק זיך מיט איין האנט אינעם פארקן, אָנגעשטרענגט

זיך אײַנגעקוקט. בא דער אָפענער קאליטקע האָט זי דערזען פאר זיך א הויכן און דארן אומבאקאנטן מענטשן.

— אָרעשינא? — האָט ער מיט א הייזעריקלעכער שטים געפרעגט.

— יאָ... אָרעשינא... — האָט זי געענטפערט.

— שפעט... שפעט שפאצירט איר... — האָט ער ניט גוט א שמייכל געטאָן, — שוין באלד א שאָ, ווי איךווארט אף אײַך... איך וועל אײַך, זײַט אזוי גוט, בעטן זיך זעצן אין מאשין און צופאָרן מיט מיר אין דער ראַיאָנער פארוואלטונג פון נקווד. — ער האָט שארף א פיר געטאָן מיט דער האנט און געוויזן אפן „גאזיק“.

— וואָס? — האָט עלקע צעשטרייט געפרעגט. — וואָסי דען?..

— דאָס וועט מען אײַך זאָגן דאָרטן. ביטע, — האָט ער ווידער א פיר געטאָן מיט דער האנט.

עלקע איז געשטאנען א פארלוירענע און זיך ניט גערירט פון אָרט.

— נו, איך ווארט...

— ווי?.. אָט איצט?.. ס'קינד איז דאָך אליין, — האָט עלקע פארזאָרגט־צעטראָגן זיך אומגעקוקט אף דעם פענצטער פון איר צימער. — ווי קאָן איך לאָזן דאָס קינד אליין?..

— איר האָט דאָך עס איבערגעלאָזט און אוועק שפאצירן, — האָט ער מיט כויזעק א שמייכל געטאָן.

— איך בין ארויס באגלייטן א מענטשן... אף א ווײַל...

— נו, וועט געדויערן נאָך א ווײַל... ביטע, זעצט זיך. לאנג וועט מען אײַך דאָרט ניט פארהאלטן, — האָט ער געזאָגט מיט א באזונדערער זיכערקײַט, כאָטש ער האָט ניט אָנגעהויבן אפילע צו וויסן, צוליב וואָס דער מאיאָר פון נקווד, וואָס איז אראָפּ־געקומען פון געגנט, רופט זי ארויס. אים איז איצט אָנגעגאנגען נאָר איינס — וואָס גיכער ברענגען זי אין פארוואלטונג און מעלדן דעם נאטשאלניק, אז ער האָט זײַן אופגאבע אויסגעפילט.

ער האָט געעפנט דאָס הינטערשטע טירל פון דער מאשין, דורכגעלאָזט עלקען, נאָכדעם זיך אליין געזעצט און געהייסן דעם פארשלאָפענעם און אָנגעכמורעטן שאָ־פער, ער זאָל פאָרן.

עס האָבן זיך גלײַך אָנגעצונדן די פארעס, און צוויי בלאסע ליכט־פּאסן זײַנען געפאלן אפן זאמדיק־גרוילעכן וועג. מיט א הודערײַ האָט דער „גאזיק“ זיך א ריס געטאָן פון אָרט, זיך ארויסגעטראָגן פון געסל און, שטיל שורשענדיק מיט די היפּש אויסגעריבענע שינעס, דורכגעשניטן די הילצערנע בריק, זיך פארנומען מיט דער לאנגער געדיכט־באגרינטער גאס, וואָס האָט געפירט צום צענטער.

דער אָפערבאפולמעכטיקטער איז געזעסן ווי א פארגליווערטער און געשוויגן. עלקען האָט זיך זייער געוואָלט א פרעג טאָן, עפשער וועט ער איר פאָרט זאָגן, צו־ליב וואָס מע רופט זי ארויס, נאָר ער האָט אפילע ניט געקוקט אין איר זײַט. זי האָט באשטימט צוווארטן. זאָל געדויערן נאָך עטלעכע מינוט.

ווו ס'געפינט זיך די געביידע פון דער ראיאָנער פּאַרוואַלטונג פון נקווד, האָט זי ניט געוווּסט. איר איז דאָרט קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו זיין. נאָר מיט דעם נאַטשאַלניק, דעם יינגערן לייטענאַנט ניקאָלייענקאָ, איז זי געווען באַקאַנט.

אָפן מיי־אָוונט, ווען זי איז צום ערשטן מאָל געווען אין דעם ניי־אויסגעבויטן קולטור־הויז, איז ער צוגעגאַנגען צו איר, זיך באַקאַנט, און ווען די מוזיק האָט אָנגע־הויבן שפּילן, פאַרגעלייגט טאַנצן מיט אים א וואַלס. סיי מיט זיין אויסערלעכקייט, סיי מיט זיינע האַלטן זיך האָט ער געמאַכט אף איר ניט קיין שלעכטן איינדרוק, נאָר טאַנצן האָט זי זיך אָפּגעזאָגט, פאַרופנדיק זיך אף דעם, אז ס'טוט איר ווי דער קאָפּ. דער קאָפּ האָט איר ניט ווי געטאָן. דעם טערעץ האָט זי צוגעטראַכט. זינט מע האָט צוגענומען אלעקסייען, האָט זי ניט געטאַנצט. אף קיין שום יאָמטעוו, אף קיין שום סימכע.

דער יינגערער לייטענאַנט, זייער א שטאַלטנער, מיט געדיכטע גלאַט־פאַרקעמטע האָר אף ארוף, איז שפּעטער א וויילע נאָכאַמאָל צו איר צוגעגאַנגען, קאָנטיק שוין א ביסל אויסגעטרונקען, און ווידער זי איינגעלאַדן. זי האָט זיך ווידער אָפּגעזאָגט. ער האָט א באַרויגעזער זיך אויסגעדרייט און איז ארויס פון זאַל.

מער האָט זי אים ניט געזען.

און אָט רופט ער זי ארויס... צוליב וואָס? איצט? באַנאַכט?.. עפּשער עפּעס א גוטע יעדיע וועגן אלעקסייען... וויל ער וואָס פריער אָנזאָגן... זייער מעגלעך... מע האָט שוין געקאָנט איבערקוקן דעם איניען... עפּשער איז שוין אלעקסיי אף דער פריי... — דאָס האַרץ האָט בא איר אָנגעהויבן קלאַפּן שטאַרקער.

די מאַשין האָט זיך גיך געטראָגן, איז אונטערגעשפּרונגען אף דעם ניט גלייכן שטיינערנעם ברוק, געזשומעט, צעשטערנדיק די נאַכט־שטילקייט. שוין ניט ווייט פון קאָלווירטישן איינפאָר־הויז האָט עלקע, ווי זי וואָלט דערפילט עפּעס, זיך אומ־געקוקט און דורך דעם דורכזיכטיקן גלאָז דערזען פונדערווייטן שעפּטלען. ער איז איינער אליין שטיל געגאַנגען איבערן טראָטואַר, קאָנטיק שטאַרק פאַרטראַכט. די מאַשין האָט זיך האַסטיק דורכגעטראָגן פאַרביי אים און איז אָפּן צווייטן ראָג, דאָרט, ווו ס'איז אמאָל געווען די מיליציע, געבליבן שטיין אנטקעגן א טונקל־גע־פאַרבטן אייזערנעם טויער. דער שאָפער האָט עטלעכע מאָל צעצויגן א הודע גע־טאָן. ס'האָט דאָרט א קלונג געטאָן א קייט. דער טויער האָט מיט א סקריפּ זיך ברייט צעעפנט, די מאַשין איז אריינגעפאָרן אין א טיפן הויף און זיך אָפּגעשטעלט אנטקעגן א געמויערט איינשטאָקיק לענגלעך הויז, וואָס איז, קאָנטיק, ערשט ניט לאַנג אויסגעבויט געוואָרן.

דאָס הויז האָט געמאַכט אף עלקען א טרויעריקן איינדרוק מיט זיינע שמאָלע און הויכע פענצטערלעך. זי האָט געהערט, ווי דער טויער האָט זיך פאַרמאַכט, ס'האָט פון דאָרט ווידער זיך דערטראָגן א סקריפּען, א טעמפּ געקלאַנג, און ס'איז בא איר פאַרשטאַרבן געוואָרן דאָס האַרץ.

דער אָפּעראַפּאָלמעכטיקטער איז פלינק ארויסגעשפּרונגען פון מאַשין, געעפנט דאָס הינטערשטע טירל און געוויזן עלקען, זי זאָל גיין מיט אים. זיי האָבן זיך אופ־

געהויבן אױף עטלעכע צעמענטירטע טרעפּלעך און אַרײַן אין אַ שוואַך־באַלויכטענעם קאָרידאָר. באַם סאַמע אַרײַנגאַנג איז באַ אַ קליין טישל געזעסן אַ סערזשאַנט מיט זייער שמאָלע אויגן. דערזעענדיק דעם אָפּערבאַפּאָלמעכטיקטן, האָט ער גיך זיך אופגעהויבן און צוגעלייגט די האַנט צום דאַשעק.

דער אָפּערבאַפּאָלמעכטיקטער האָט שווײַגנדיק געוויזן עלקען, אַז זי זאָל זיך זעצן אױף דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען לעבן וואַנט צווישן צוויי טירן, און אַליין איז ער אוועק איבער דעם לאַנגן און שמאָלן קאָרידאָר. אין סאַמע סאָף קאָרידאָר האָט ער אָנגעקלאַפּט רעכטס אין אַ טיר און איז אַרײַן, קאָנטיק צום נאַטשאַלניק אין קאַבינעט. עלקע האָט מיט אומרויִקע פינגער צורעכט געמאַכט אַפּגיך די האָר און מיט אָנשטרענגונג געוואַרט, אַז אָט באַלד וועט מען זי אַ רוף טאָן. אין אַ ווײַל אַרום איז דער אָפּערבאַפּאָלמעכטיקטער אַרויס פון קאַבינעט, דורכגעגאַנגען פאַרבײַ עלקען און גאָרנישט ניט געזאָגט, ווי ער וואָלט זי ניט געזען. דער סערזשאַנט איז גלײַך נאָך אים אויך אַרויס.

אינעם לאַנגן שוואַך־באַלויכטענעם קאָרידאָר איז געווען זייער שטיל, און די ניט געוויינלעכע שפּעטנאַכטיקע שטילקייט האָט אָנגעהויבן דריקן אױף איר. זי האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס האָט מען זי געלאָזט איינע אַליין אין קאָרידאָר, פאַרוואָס רופט מען זי ניט אַרויס. זי האָט דאָך איבערגעלאָזט דאָס קינד אַליין. עלקע האָט זיך אופגעהויבן און צוריק זיך געזעצט. זי האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. וויפל קאָן זײַן דער זייגער?.. זי האָט אַפילע ניט באַמערקט, צי האָט ער פאַרשפּאַרט די טיר, צי געלאָזט אָפן?.. גוט, וואָס זי האָט ניט געבעטן שעפּטלען בלײַבן נעכטיקן... זאָל טאַקע זײַן, אַז מע האָט פאַנאַנדערגעקליבן אירע אָנקלאָגעס?..

קיינמאָל האָט זיך באַ איר אַזוי ניט געצויגן די צײַט, ווי איצט.

„מיסטאַמע איז ער פאַרנומען, — האָט זי זיך געוואָלט באַרויִקן, — זי וועט צוּוואַרטן נאָך אַ ווײַל... און עפּשער רופט מען זי אַרויס גאָר ניט וועגן אַלעקסייען... עפּשער האָט עס גאָר אַ שײַכעס צו איר אַרבעט... קאָן זײַן, אַז ער האָט פאַשעט פאַרגעסן אין איר... וואָס זשע טוט מען?.. אָנקלאַפּן אָדער נאָך צוּוואַרטן אַ ווײַל?..“ — זי האָט זיך געסטאַרעט ווי ווײַט מעגלעך זײַן רויִק, נאָר ס'האָט זיך איר ניט אײַנגעגעבן. אָן אָנגעשטרענגטע איז זי געזעסן אױף דער באַנק, פון וועלכער ס'האָט געשמעקט מיט קאַרבאָלקע, געקוקט אױף די גרויע ווענט, און יעדע מינוט, יעדע רעגע האָט איר אויסגעזען ווי אַן אייביקייט.

מיטאַמאָל האָט עלקע זיך אופגעהויבן, אַנטשיידן מיט גיכע טריט אוועקגעשפּאַנט איבער דעם שמאָלן און לאַנגן קאָרידאָר און אָנגעקלאַפּט אין טיר פונעם נאַטשאַלניקס קאַבינעט.

— אַרײַן... — האָט זיך דערטראָגן פון דאָרטן אַ שטים.

עלקע האָט געעפנט די טיר.

ביקאָלײַענקאָ, וואָס איז געשטאַנען באַם טיש אויסגעצויגן פאַר אַ מיטליאָריקן פליכעוואַטן מאַיאָר מיט אַ געל־קרענקלעך געזיכט, האָט זיך האַסטיק אומגעקוקט.

— אנטשולדיקט, — האָט ער, דערזעענדיק זי, העפלעך זיך אָנגערופן, — איר וועט מוזן באַך א ווײַל צוווארטן.

עלקע האָט זיך פארלוירן, איז אווּעק צוריק מיט מידע ניט זיכערע טריט און זיך ווידער אוועקגעזעצט אויף דער נימעס געוואָרענער באנק. זי איז איצט ביז ווייטעק מעקאנע געווען אלע די, וואָס געפינען זיך אויסער די ווענט פון אָט דעם איינשטאָקיקן מויערל, וואָס שלאָפן זיך רויִק יעדערער בא זיך אין זײַן היימישן געלעגער.

זי האָט דערהערט, ווי אין סאַמע קאָרידאָר האָט זיך געעפנט די טיר.

— ביטע, קומט אַרײַן, — האָט ביקאָלײַענקאָ פונדערווײַטן זי א רוף געטאָן.

זי האָט מיט דער האַנט אפגיך פאריכט די האָר און, סטארענדיק זיך זײַן רויִק, ניט געײַלט אַרײַן אין קאבינעט.

— זעצט זיך, — האָט ביקאָלײַענקאָ געזאָגט און געוויזן אפן בענקל לעבן וואנט.

עלקע האָט זיך אוועקגעזעצט און באטראכט דעם אומהיימלעכן קאבינעט.

אין קאבינעט האָט געשמעקט מיט פײַכטקײַט, און ס'האָט אויף איר געמאכט אן אײַנדרוק, ווי ס'וואָלט אהער קיינמאָל ניט אַרײַנגעקוקט די זון. ס'איז געווען שטארק אָנגערייכערט.

אויסער דעם טיש, בא וועלכן ס'איז געזעסן פארטאָן אין פאפירן דער מאיאָר מיט דעם געלבלעכן קרענקלעכן פּאָנעם, זײַנען בא דער זײַט געשטאַנען עטלעכע בענקלעך און אין א ווינקל א פײַערקאַסע. אויף די ווענט זײַנען געהאנגען איינער אנטקעגן אנדערן צוויי פּאָרטרעטן: סטאלינס און בעריאַס. סטאלינס פּאָרטרעט, וואָס איז געווען א סאך גרעסער, איז געווען אײַנגעפאסט אין א שווערער באגילדעטער ראַם. ער איז געשטאנען אין זײַן גאנצער וווקס, אין גלאנציקע שטיוול, מיט דער ליולקע אין האַנט.

— קלאָר? — האָט דער מאיאָר, ניט אופהייבנדיק דעם קאָפּ פון די פאפירן, אופגערעגט זיך געווענדט צו ביקאָלײַענקאָן. — אָט אזוי ווי איך האָב פאראָרדנט, אָט אזוי טוט... מיטן ראיקאָם איז ניטאָ וואָס צו קאָנטאַקטירן... אליין... פארשטאַנען? — ער האָט ארויסגענומען פון דער ווײַסער פרענטש־קעשענע א פעקל טײַערע פּאפּיראָסן, פארייכערט און, ניט פּאָרלייגנדיק ביקאָלײַענקאָן, צוריק פארבאהאלטן דאָס פּעקל אין קעשענע.

— שוין האלב דרײַ, — האָט ער א גענעץ געטאָן, א קוק געבנדיק אפן זייגער, — פינקטלעך פינף פאָרן מיר ארויס איבערן ראיאָן... — ער האָט א בלעטער געטאָן די פאפירן, וואָס זײַנען געלעגן אפן טיש, אייניקע ערטער אונטערגעשטראָכן מיט א רויטן בלײַפעדער, נאָכדעם אויסגעדרייט דעם פליכעוואטן קאָפּ מיט די גרויסע שפּיציקע אויערן און, ווי ער וואָלט ערשט איצט דערזען עלקען, עטלעכע רגעס זייער אופמערקזאם שווײַגנדיק זי באטראכט.

— אָרעשינא? — האָט ער מיט א טרוקענער שטים א פרעג געטאָן. — איר וועט אונדז מוזן אנטשולדיקן, וואָס מיר האָבן אײַך עטוואָס פארהאלטן... כ'מיין, אז די

צײַט איז בא איר אומזיסט ניט פארלוירן געגאנגען, — האָט ער זי דורכגענומען מיט זײַנע קלײנע שטעכיקע אויגן. — אָרעשינא איז אײַער מײדלשע פאמיליע?..

— נײן... לויטן מאן, — האָט עלקע מיט א געפאלענער שטים געענטפערט. לויטן טאָן פון זײַן רײדן האָט זי פארשטאנען, אז אף עפּעס גוטס איז ניטאָ וואָס צו האָפן.

— המ... און די מײדלשע? — האָט ער סארקאסטיש א פרעג געטאָן און מיט דער האנט געוויזן ניקאָלײַעבקאָן, אז ער זאָל זיך זעצן נעענטער צום טיש.

— מײַן מײדלשע פאמיליע איז רודנער.

— רודנער... רודנער...—האָט ער, קנײטשנדיק דעם שטערן, עטלעכע מאָל איבערגעכאזערט, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט אין עפּעס. — בא אונדז אין וואָלאָסט איז אמאָל נאָך פאר דער רעוואָליוציע געווען א מיל־ארענדאטאָר רודנער... ס'זײַנען צופעליק ניט געווען אײַערע עלטערן?

— מײַנע עלטערן זײַנען געווען אָרעמפּויערים... באטראקעס... דער טאטע איז געווען א פארטיזאנער און ווי א פארטיזאנער אומגעקומען, — האָט עלקע אופגע־רעגט ארויסגערעדט אין אײן אָטעם.

— אָט ווי!.. און מיט וואָס פארנעמט איר זיך?

— איך ארבעט. אין ראיאָנעם פונקט פון „זאגאָטזערנאָ“.

— אַן אומפארטײיִשע?

— א מיטגליד פון דער פארטײ פון 29־טן יאָר, — האָט זי מיט ווירדע גע־ענטפערט.

דאָס, וואָס זי האָט זיך געהאלטן אומאָפּהענגיק, האָט אים אָנגעהויבן פארדריסן. ער האָט זיך א קנײטש געטאָן, אראָפּגעלאָזט דעם פליכעוואטן קאָפּ, א בלעטער גע־טאָן די פאפירן און ווידער פארײכערט א פאפיראָס.

— מײַן פאמיליע איז דריוגין, — האָט ער אָנגעכמורעט געזאָגט, — עלט־סטער אויספאָרשער פון דער געגנטלעכער פּארוואלטונג... אָנקלאָגעס האָט איר געשריבן? — ער האָט פון אונטערן שטערן שטרענג א קוק געטאָן אף איר.

— געשריבן...

— וועמען האָט איר געשריבן? — האָט ער ניט געײַלט געפרעגט, קוקנדיק נאָך אַלץ פון אונטערן שטערן אף איר.

— בעריאַן... מאַלענקאָוון... און דאָ ניט לאנג מאָלאָטאָוון...

זי האָט מיט האָפענונג א קוק געטאָן אף סטאלינס פּאָרטרעט. זי איז אבסאָלוט זיכער געווען, אז מע האָט ארײַנגעזעצט אומשולדיקע, ערלעכע קאָמוניסטן.

— אף וועמען האָט איר זיך געקלאָגט? — באם מאיאָר האָבן זיך פארקרימט די דינע און בלײכע ליפּן. — מיט וועמען זײַט איר ניט צופרידן? מיט דער סאָוועטנמאכט?..

בא עלקען איז ארויסגעטראָטן א שווײס אפן שטערן. זי האָט געוואָלט אים אויס־ווישן מיט דעם טיכעלע, נאָר דריוגין האָט געקוקט גלײַך אף איר, און קעדײ ער זאָל עס ניט באמערקן, האָט זי באהאלטן דאָס טיכעלע צוריק אין קעשענע.

— איך האָב געבעטן איין זאַך, — האָט זי זיך געסטאַרעט רויִק ענטפערן, — אַז מע זאָל איבערקוקן מײַן מאַנס איניען.

— ווער זאָל איבערקוקן? בעריאַ? מאַלענקאָוו? אָדער עפּשער מאָלאָטאָוו?..

— איך האָב געבעטן אויספאָרשן, אַרויסרופן איידעס, אופשטעלן די גערעכטיקייט...

— וואָס, בא אונדז אין לאַנד איז פאַראַן אומגערעכטיקייט?.. — ער האָט גענומען דעם בלײַפעדער און עפּעס פאַרצייכנט.

— איך בין זיכער, אַז מײַן מאַן איז געווען און געבליבן אַן ערלעכער קאָמוניסט...

— קיין ערלעכע סאָוועטישע מענטשן נעמען מיר ניט, — האָט ער מיט בייזקייט זי איבערגעשלאָגן.

— פאַרוואָס זשע האָט מען אים גענומען?

— דערפאַר, — האָט ער שטיל געזאָגט, ווי ער וואָלט פאַרטרויען אַ סאָד, — ווײַל ער איז אַ סוינע פון פאָלק...

— פאַרוואָס זאָל ער זײַן אַ סוינע? — האָט זי מיט האַרץ אויסגערופן. — זײַנע עלטערן זײַנען געווען רעוואָליוציאָנערן... דער טאַטע אומגעקומען אַף קאַטאָרגע. די מאַמע האָבן די ווײַסע דערשאָסן... און ער אַליין... צו זיבעצן יאָר איז ער שוין פרײַווילליק אוועק אין דער רויטער אַרמיי, זיך געשלאָגן פאַר דער סאָוועטנמאַכט...

— דאָס אינטערעסירט אונדז ניט...

— פאַרוואָס? — איז זי געוואָרן נאָך מער אופגערעגט. — אויב איר קלײַבט פאַנאַנדער די אָנקלאָגע, דאַרף עס אײַך אינטערעסירן... דרײַ מאָל פאַרוווּנדעט געווען... אַן אָרדען באַקומען...

— דעם אָרדען האָט אים בליוכער געגעבן. כיטרעוועט ניט. אײַך איז דען ניט באַוווּסט, אַז ער פלעגט זײַן בא בליוכערן אין דער היים?!..

— נו, דעריבער איז וואָס?.. בליוכער איז דאָך געווען קאָמאַנדאַרם... מאַרשאַל פון סאָוועטנפאַרבאַנד... פאַרוואָס האָט ער דעמלט ניט געטאָרט זײַן בא בליוכערן?!.. נאָר וועגן בליוכערן ווייס איך ניט... כ'ווייס ניט... אָבער אַלעקסיי... קיינמאָל אין דער וועלט... ס'איז אַ שרעקלעכע פּראָוואָקאַציע... פאַרוואָס זאָל ער זײַן אַ סוינע?

— פאַרוואָס? — ער האָט אַרויסגענומען די פּאַפּיראָסן, ניט גענײַלט פאַררייכערט און אוועקגעלייגט דאָס פּעקל צוריק אין קעשענע. — וואָס מער מיר דערנענטערן זיך צום קאָמוניזם, האָט כאַווער סטאַלין געזאָגט, איז אַלץ שאַרפער דער קלאַסנקאַמף... — ער האָט אַרויסגעבראַכט יעדעס וואָרט באַזונדער. — אָט פאַרוואָס!.. קלאָר?.. און אײַער מאַנס איניען, קאָן איך אײַך זאָגן, האָב איך פּערזענלעך געפירט... אַזוי, אַז אײַך וועט זיך ניט אײַנגעבן מיך אָפּנאַרן.

— איר האָט געפירט זײַן איניען? — האָט זי דערשראָקן אים אָנגעקוקט.

— געהאַט דאָס פאַרגעניגן...

בא עלקען האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ. ס'איז איר געוואָרן ניט גוט. ווען זי

איז געקומען צו־זיך, האָט זי זייער מיד, קוים אַרויסברענגענדיק די ווערטער, געפרעגט:

— ווו איז ער, קאָנט איר מיר זאָגן?.. — מער איז איר איצט שוין גאָרנישט ניט אָנגעגאַנגען.

— און איר ווייסט ניט?.. איר באַקומט דאָך בריוו...

„פונוואַנען נעמט זיך באַ אים אַזויפיל שלעכטס?" — האָט עלקע מיט צאָרן אַ טראַכט געטאָן.

פאַר דער גאַנצער צײַט האָט זי געהאַט איין צופעליק בריוועלע. ס'איז געווען אין אַ יאָר אַרום, ווי מע האָט אַלעקסייען גענומען. דאָס בריוועלע איז באַשטאַנען פון צוויי שורעס: „ווייס. גלייב מיר. איך בין ניט שולדיק. לעבן זאָל סטאַלין!" דאָס דאָזיקע בריוועלע האָט ער אַרויסגעוואָרפן אַף דער אײַזנבאַן־ליניע, בעשאַס מע האָט אים געפירט מיטן עטאַפּ. אַ פּויערטע אַרום כאַבאַראָווסק האָט עס געפונען און אָפּגעשיקט לויטן אָנגעוויזענעם אַדרעס עלקען קיין טשיטאַ.

— איך בעט אײַך, זאָגט מיר, ווו איז ער, — האָט זי ווידער געפרעגט, איבער־כאַפּנדיק דעם אָטעם.

— ביטע. איך קאָן אײַך זאָגן פּינקטלעך. איר ווילט פאַרשרײַבן, צי איר וועט אַזוי פאַרגעדענקען?.. — דער מאַיאָר האָט זיך טיף פאַרצויגן און מיט פאַרגעניגן אַרויסגעלאָזט דעם רויך איבער דער פאַרהויבענער אונטערשטער ליפּ. — ער איז דאָרט, ווו די ווײַסע בערן...

ער האָט זיך ווידער טיף פאַרצויגן, געקנייטשט דעם שטערן, ווי ער וואָלט עפּעס באַטראַכט.

— איר ווילט אויסבעטן אײַער מאַן ווייך, נאָר זעט, אַז אײַך זאָל ניט זײַן האַרט צו שלאָפן... פאַרגעדענקט, די טויערן זײַנען באַ אונדז ברייט אַף אַרײַן, נאָר אַף אַרויס זײַנען זיי זייער שמאָל... פון דאָרט, ווו ער איז, האָט זיך נאָך קיינער ניט אומגעקערט...

ער האָט עס געזאָגט מיט אַ באַזונדער האַנאָע און פון אונטערן שטערן געקוקט אַף עלקען, וועלנדיק זען, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק זײַנע ווערטער האָבן געמאַכט אַף איר.

„און אָט דער נעפּעש לעבט עס צווישן אונדז... האָט אַ פרוי... אַ קינד..." — האָט עלקע אופגעהויבן די אויגן אַפן מאַיאָר דערריוגין.

— באַ מיר איז פאַרבליבן אין צימער דאָס קינד אַליין, — האָט זי שטיל געזאָגט, — דערלויבט מיר גיין...

— האָט צײַט... מיר דאַרפן פאַרפּראָטאָקאָלירן דאָס, וואָס איר האָט דאָ געזאָגט.

— ס'איז אַף לאַנג נאָך? — האָט עלקע צעטומלט געפרעגט.

— דאָס וועט שוין זײַן אָפּהענגיק פון אײַך, — האָט ער צווידײַטיק געזאָגט און אַ ווונק געטאָן ניקאָלײַענקאָן, ער זאָל זיך נעמען שרײַבן דעם פּראָטאָקאָל.

ניקאָלײַענקאָ, וואָס האָט די גאַנצע צײַט געשוויגן, האָט אוועקגעלייגט פאַר זיך

עטלעכע בויגנס פאפיר און גענומען די פען. ער האָט זיך געפילט ניט באקוועם, נאָר ער האָט גאָרנישט ניט געקאָנט טאָן אין דער אָנוועזנהייט פון מאיאָר.

„וואָס וועט ער שרייבן?" — האָט עלקע ניט פארשטאַנען. זי האָט געוואָלט שוין וואָס גיכער דאָס איבערקומען און זיך אומגעקוקט אויף דעם פענצטער. די שויבן זיינען שוין געווען וואסערדיק־בלוי. ס'איז איר פון דעם מיטאמאָל עפּעס גרינגער געוואָרן אפן הארצן. „אָט באלד וועלן זיך אופכאפן די מענטשן אין די שטיבער, מע וועט ארויס אין דרויסן, עס וועט אופלעבן ווי געוויינלעך די גאס, און ס'וועט זיך ענדיקן די שווידערלעכע נאכט..."

דער מאיאָר האָט זיך אופגעהויבן, איז דורכגעגאנגען דאָס צימער אויף די קורצע און קרומלעכע פיס, זיך צוריק געזעצט און מיט א נידעריקער שטים, פארשלאָפן אָנגעהויבן דיקטירן:

— פּראָטאָקאָל נומ... פארן 21־טן... ווארט אויס... ס'איז שוין, אייגנטלעך, דער 22־טער... שרייבט פארן 22־טן יון 1941 יאָר...

ער האָט ניט געאיילט, צעצויגן, ארויסברענגענדיק יעדעס וואָרט באזונדער, אָפּגעדיקטירט דעם אריינפיר צום פּראָטאָקאָל. נאָכדעם האָט ער זיך אָפּגעוואָרפן אפן ווענטל פון בענקל און צוגעוואַרט א ווייל, קעדיי געבן ניקאָלייענקאָן די מעגלעכקייט אלץ צו פארשרייבן.

— פּארטיק? — האָט ער אָנגעכמורעט א פרעג געטאָן. — שרייבט ווייטער. פּראגע. צווייפּונקט. אייך איז איצט באוווּסט וועגן דער פארברעכערישער קאָנטר־רעוואָליוציאָנערער טעטיקייט פון אייער מאן דעם סוינע פון פאָלק אלעקסיי איוואַ־נאָוויטש אָרעשין?

אין צימער איז געווען זייער שטיל. עלקע האָט נאָר געהערט, ווי עס האָט גע־סקריפּעט די פען. ניקאָלייענקאָ האָט, קאָנטיק, געשריבן זייער פּאמעלעך. ס'איז געווען דושנע. שטארק אָנגערייכערט. דער מאיאָר איז געזעסן מיט האלב־צוגע־מאכטע אויגן, ווי ער וואָלט געדרעמלט, נאָכדעם פארשלאָפן געפרעגט:

— פארשריבן?

ניקאָלייענקאָ האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

עלקע האָט זיך עטוואָס אופגעהויבן, גרייט ענטפערן אויף דער פראגע, נאָר דעריוגין האָט שטרענג א וויַיז געטאָן מיט דער האנט, זי זאָל זיצן און שווייגן. דאָס קרענקלעך געקנייטשטע געזיכט איז בא אים געוואָרן זייער בייז.

— שרייבט, — האָט ער כמורנע זיך אָנגערופן, — ענטפער. צווייפּונקט... יאָ. איצט איז מיר באוווּסט, אז מיין מאן האָט זיך ווירקלעך פארנומען מיט פארברע־כערישער קאָנטררעוואָליוציאָנערער טעטיקייט.

— וואָס שרייבט איר?! — האָט עלקע, זייענדיק אויסער־זיך, אויסגעשריען.

— רויק! היצט זיך ניט!.. — האָט דעריוגין זי דורכגעשטאָכן מיט די אויגן. — היצן זיך וועט איר אין אן אנדער אָרט. פארשריבן? — האָט ער אופגערעגט־בייז א פרעג געטאָן ניקאָלייענקאָן. — שרייבט ווייטער. פראגע. צווייפּונקט. פאר־

וואָס האָט איר, אויב אזוי, געשריבן אָנקלאָגעס אף מאָלאָטאָווס, מאַלענקאָווס און בעריאַס נאָמען? וואָס זײַט איר אויסן געווען מיט דעם?

עלקע האָט צעטומלט־פארכידעשט געקוקט אָט אף אים, אָט אף ניקאָלײַענקאָן, ניט אָנהייבנדיק צו פארשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר. „האָט גאָר קיין מוירע ניט?.. איך וועל וועגן דעם אומבאַדינגט שרײַבן סטאַלינען"...

דעריוגין האָט דערווײַל פּאַרזיכטיק אראָפּגעקלאַפּט דאָס אש פון פּאַפּיראָס און, ניט אומקוקנדיק זיך אפילע אף עלקען, באַפוילן צו שרײַבן ווײַטער.

— ענטפער. צווייפונקט. בעשאַס איך האָב געשריבן די אָנקלאָגעס, — האָט ער צעצויגן מאָנאָטאָן דיקטירט, — זײַנען מיר ניט באַוווסט געווען א ריי ווענזנטלעכע פאַקטן פון זײַן קאָנטררעוואָליוציאָנערער פארברעכערישער טעטיקײַט, וועלכע ער האָט פון מיר אויסבאַהאַלטן...

— פארשריבן? — האָט דער מאַיאָר געפרעגט ניקאָלײַענקאָן. — שרײַבט ווײַטער. פראַגע. צווייפונקט. און איצט זײַנען אײַך אַזעלכע פאַקטן באַוווסט?

ער האָט זיך ווידער אופגעהויבן, זיך ווידער דורכגעגאַנגען איבערן צימער, געבליבן שטיין אונטער דער ליוסטרע און פאַרגעזעצט דיקטירן:

— ענטפער. צווייפונקט. יאָ, איצט זײַנען מיר די פאַקטן באַוווסט.

דעריוגין האָט מיט א שוועבעלע זיך א פאָרקע געטאָן דעם באַקצאָן און באַשמעקט עס.

— פארשריבן? שרײַבט ווײַטער. די באַווײַזן זײַנען פארשריבן פּינקטלעך פון מײַנע רייד, וועלכע איך באַשטעטיק מיט מײַן אונטערשריפט.

ווען ניקאָלײַענקאָ האָט פארענדיקט שרײַבן, האָט דער מאַיאָר דעריוגין גענומען בא אים דעם פּראָטאָקאָל, איבערגעקוקט אים און זיך אונטערגעשריבן. נאָכדעם האָט ער דערלאַנגט דעם פּראָטאָקאָל עלקען.

— לייענט איבער און שרײַבט זיך אונטער, — האָט ער זייער העפלעך פאָרגעלייגט.

עלקע איז בלייך געוואָרן. מיט ציטערנדיקע הענט האָט זי גענומען דעם פּראָטאָקאָל, געפּרוווט לייענען, נאָר מיטאַמאָל פארמאַכט די אויגן.

ניקאָלײַענקאָ האָט באַמערקט, אַז ס'איז איר ניט גוט געוואָרן, ער האָט פון גראַפין אָנגעגאָסן וואַסער אין גלאָז און דערלאַנגט איר.

אין דער זעלבער רעגע האָט אפּן טיש אָנגעהויבן קלינגען דער טעלעפאָן. דעריוגין האָט גענומען דאָס טרײַבל.

— אַלאָ... יאָ... יאָ... זאַפּאָראָזשיע?.. זאַפּאָראָזשיע?.. יאָ, איך הער... איך הער... — האָט ער אַרײַנגעשריען אין טרײַבל. — יאָ... יאָ... מאַיאָר דעריוגין הערט... וואָס? וואָס?.. — ער איז געוואָרן מיטאַמאָל זייער בלייך, און דאָס טרײַבל האָט א ציטער געטאָן בא אים אין האַנט. — וואָס?.. הײַנט?.. פיר אזייגער פאָרטאָג... קיִעוו?.. וואָס רעדט איר?.. סעוואַסטאָפּאָל?.. אוי־אוי... שוין אַרויספאָרן?.. שוין?.. באַלד?.. וואָס? האָ?.. נו, גוט... גוט... איך פאָר שוין אַרויס, — האָט ער צעטראָגן איבערגעכאַזערט און אָנמעכטיק אַראָפּגעלאָזט זיך אפּן בענקל.

„צי דען וועט מען מאָביליזירן און אוועקשיקן אפֿן פראָנט?“ — ס׳איז אים זייער הייס געוואָרן. ער האָט ארויסגעשלעפּט פון קעשענע א צעקנייטשט טיכעלע און אָנגעהויבן זיך ווישן דעם שווייס פונעם פּאָנעם.

„עפּעס אן אומגליק געשען בא אים“, — האָט עלקע א טראכט געטאָן.

— איך וועל גאָרנישט ניט אונטערשרייבן, — האָט עלקע א זאָג געטאָן און אנטשיידן אוועקגעלייגט דעם פּראָטאָקאָל אפֿן טיש.

דעריוגין איז עטלעכע מינוט געזעסן מיט אן אָפּוועזנדיקן בליק, נאָכדעם, ווי ס׳וואָלט אים ווידער באפאלן עפּעס זייער א ביטערע מאכשאָווע, זיך פארקרימט, אופגעהויבן די צעטראָגענע אויגן און באמערקט דעם ניט אונטערגעשריבענעם פּראָטאָקאָל.

— גייט פונדאנען... ארויס!.. ארויס!.. — האָט ער, רויט ווערנדיק, זיך צע־שריִען אף עלקען און א קנאק געטאָן מיטן פויסט איבערן טיש.

ווען עלקע איז ארויס אין דרויסן, האָט זי דורשטיק איינגעאָטעמט אין זיך די פרישע קילבלעכע לופט און געלאָזט לויפן מיט דער פארטאָגיקער גאס אהיים. דער ראיצענטער האָט ערשט אופגעוואכט. אפֿן עק גאס האָט א קרייע געטאָן א האָן, ערגעץ האָט געסקריפּעט א קאָלאָווראָט פון א ברונעם, עס האָט א קלונג גע־טאָן א קליאמקע פון א טיר.

פון די הויפן האָבן זיך דאָ און דאָרט באוויזן איינצלנע נאָך האלב־פארשלאָ־פענע מענטשן, זיי האָבן מיט כידעש נאָכגעקוקט עלקען, וואָס איז א פארטראָגענע געלאָפן אראָפּ־גאס, ניט פארשטייענדיק, וואָס איז אין אזא פריִקער שאָ געשען מיט איר...

קאפּיטל צען

די זון האָט זיך שוין געהאט אראָפּגעלאָזט גאָר־גאָר נידעריק און איז פארשווונדן ערגעץ ווייִט אינעם פארנאכטיקן סטעפּ הינטער די הויכע טוווּעס. באלד האָבן זיך גענומען לעשן די זון־פלאמען אף די שויבן פון די ווייִס אויסגעקאלכטע שטיבער, ס׳איז פארשווונדן די קופּערנע רויטקייִט אף די שפּיצן פון די ביימער און צוביס־לעך האָבן זיך אָנגעהויבן פאנאנדערגייִן, ווי אין בלויען יאם־וואסער, די צונטער־רויטע און קאָלערליי ראָזלעכע פארבן אף די ביז גאָר לייַכטע און פּוכיקע וואָלקנדלעך.

דער ראנד הימל איז געוואָרן אָראנזשעווע און אין א קורצער ווייַלע ארום דורכויס בלוי.

איבער דעם ארומיקן שטיל־שורשענדיקן סטעפּ, איבער די אויסגעפּאָרענע, מיט שטויב באדעקטע ווייַסלעכע וועגן, איבער די בערגלעך און באלקעס, איבער דעם גרינעם סטאַוואָק און איבער דעם כוטאָר, וואָס האָט מיט דער איין־איינציקער ברייִ־טער גאס זיך צוגעטוליעט, ווי פארבאהאלטן זיך אין דער קרומלעכער באלקע, איז

אומבאמערקט צוגעפאַלן דער אָונט, און צוזאמען מיט אים — א נאָגנדיקער אומעט. קיין שײַן פון די פענצטער האָט אין ערגעץ ניט ארויסגעלויכטן. אין די פּאַליסאַד־ניקעס, אין די ארומגעצוימטע הויפן און אף דער מיט גראָז באוואקסענער גאס איז געוועזן פינצטער. אין ערגעץ האָט ניט געשפּילט קיין מוזיק. און ניט באם קלוב, ניט אינעם יונגן גערטנדל און ניט באם סטאוואָק האָבן ניט געזונגען די מיידלעך. נאָר ווי שטענדיק, און עפשער נאָך מער צעצויגן, האָבן צווישן דעם אָטשערעט, ווי ס׳וואָלט גאָרניט געשען אף דער וועלט, געקוואקעט די פרעש און ס׳האָבן אין דער געדיכטעניש פון די דופטיקע גראָזן דין געגרילצט די צירקונען.

די קאָלווירטניקעס און קאָלווירטניצעס האָבן טיף־פאַרצאָרנטע זיך געקליבן רעדלעכווײַז אין קאָלווירט־הויף, בא די הילצערנע טרעפּלעך פון סעלפּאָ און לעבן די טונקעלע פּאַליסאַדניקעס. קיינער האָט ניט געקאָנט איצט זיצן בא זיך אין דער ניט היימלעך געוואָרענער שטוב מיט די פאַרהאַנגענע פענצטער. ס׳האָט יעדן איי־נעם געצויגן איצט, ווי נאָך קיינמאָל ניט, צו זײַן צווישן מענטשן.

די מאַנצבלען — אמערסטן שוין עלטערע בערדיקע קאָלווירטניקעס — האָבן א סאך גערייכערט, גערעדט וועגן דער גרויזאמער אומגעריכטקייט פון דער מיל־כאָמע, וועגן דעם דײַטש, וועגן היטלערס אכזאָריעס אין פּוילן, וועגן זײַן שרעקלע־כער סינע צו ייִדן, וועלכע — ווי מע דערציילט — ער וויל אומברענגען ביז איי־נעם, און די ווײַבער האָבן געקרעכצט, געשעפּטשעט צווישן זיך און געווישט די פאַרוויינטע אויגן.

זעלדען האָט זיך אויך געוואָלט כאָטש אף א ווײַלע ארויס אין גאס א הער טאָן, וואָס מענטשן ריידן, און זען, ווו איז דאָרט ערגעץ שעפּטל. קומענדיק פון הולײַ־פּאָליע, האָט ער זיך ארײַנגעכאַפּט אין שטוב אף א רעגע און איז א צעטראָגענער, קימאט ווי ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט, באלד אוועק. ס׳האָט איר אזש גענאָיעט דאָס האַרץ, אזוי האָט זיך איר געוואָלט ארויסגיין און זײַן א ווײַלע צווישן מענטשן. נאָר זי האָט ניט געקאָנט איבערלאָזן די שוויגער, וועלכע האָט זיך געפילט שלעכט. פאַרנאכט, נאָך דעם, ווי די שוויגער האָט מיטן גאנצן אוילעם ארויסבאגלייט אף דער מילכאָמע די בוריאַנאָוועקער, און, דערמאָנענדיק זיך אין אירע צוויי ברידער, וואָס זײַנען נאָך אף דער פאַריקער מילכאָמע דערהארגעט געוואָרן, זיך גוט אויסגעוויינט, איז זי געקומען אהיים אינגאנצן א צעבראָכענע. זי האָט זיך פאַרקליבן צו זיך הינטערן ציצענעם פאַרהענגל אפן אײַזערנעם בעטל און ניט אופגעהערט קרעכצן.

זעלדע, א מידע און דערשלאָגענע פון דעם אַלעמען, וואָס איז געשען פאַרן טאָג, האָט זיך געזעצט ארום איר, געלייגט איר קאַלטע טיכלעך צו די שלייפן.

— נו, וואָס, שוויגער... וואָס געבן אײַך... עפשער וועט איר עפּעס עסן?

זעלדע האָט אָפּגעקאָכט אין א קליין פענדעלע א ביסל יויך, אופגעזאָדן מילך, נאָר די שוויגער האָט גאָרנישט ניט געוואָלט נעמען אין מויל, סײַדן עפשער א ביסעלע ווישניק.

שטעלנדיק זיך אף דער טאַבורעטקע, האָט זעלדע אראָפּגענומען פון דער שאַפע דעם גרויסן בוטל מיטן פאַרבלייבענעם נאָך פאַראַיאָריקן ווישניק, וועלכן מע האָט

געהיט מיט דעם מיין, אז „מע זאָל עס ניט באדארפן“, אָנגעגאָסן א קעלישעקל און אוועקגעשטעלט דערוויַיל דעם בוטל אפן קאָמאָד. מיטן פולינקן קעלישעקל איז זי אריַין הינטערן פאָרהענגל. די אלטע איז אנשלאָפן געוואָרן. זעלדע האָט פאָרזיכטיק אוועקגעשטעלט דאָס קעלישעקל אף דער לעזשאנקע, זיך איבערגעבויגן איבער דער אלטער און פאריכט די בײַקאָווע קאָלדרע. „זי שלאָפט. זייער גוט. זאָל זי כאָטש שלאָפן א ביסל“. שאָלעמקע, וועלכער האָט ביז ניט לאנג זיך געשפילט אין וויגעלע, איז שוין אויך געשלאָפן. די איבעריקע קינדער זײַנען ארומגעלאָפן אין הויף פארבײַ די פענצטער.

אהער צו זעלדען האָט זיך דערטראָגן קורטס שטיפעריש געלעכטער, און זי האָט א טראכט געטאָן, אז ס'איז פונדעסטוועגן ניט גוט, וואָס די מאמע זײַנע, עלזע, האָט זי אזוי אונטערגעפירט. נאָך מיט צוויי וואָכן צוריק איז עלזע, וועלכע האָט די לעצטע צײַט עפעס אונטערגעקרענקט, געקומען גאנצפרי א צעטראָגענע מיטן זעקסיאָריקן קורטן. זי האָט זיך שטארק געײַלט און געבעטן, מע זאָל נעמען בא איר דאָס קינד צו זיך אף א פאָר טעג. עס גייט פונקט א פור קיין סוויאטאָדוכאָווקע. עס ברענט איר אונטערן הארצן, זי וועט צופאָרן אין שפיטאָל, צום דאָקטער. די שוויגער האָט געוויזן מיט די אויגן אף „נייך“. נאָר וויאזוי האָט זעלדע געקאָנט אָפזאָגן? ס'איז דאָך א שכיינע און מע ארבעט צוזאמען אף דער פערמע. דערצו איז זי נאָך, עלזע, אזא עלנטע. שוין העכער א יאָר, ווי דער מאן דער שיקורניק האָט זי געוואָרפן און מיט אלע אירע זאכן פארשוווּנדן פון כוטאָר. ווען זי זאָל דאָ עמעצן האָבן, וואָלט געווען גרינגער, נאָר זי האָט דאָך קיינעם ניט. זעלדע האָט אפילע ניט געפרעגט בא שעפטלען, צי זי זאָל נעמען צו זיך דאָס קינד, צי ניט.

— מעגסט זײַן רויִק, — האָט זי געזאָגט עלזען, ארויסבאגלייטנדיק די שכיינע צו דער פור, — איך וועל אף אים אכטונג געבן. מיט די פאָר טעג, וואָס ער וועט בא מיר זײַן, וועט ער מיר ניט שווער מאכן...

און אָט גייט שוין די דריטע וואָך. עלזען, לאָזט זיך אויס, האָט מען גאָר אוועקגעלייגט אין שפיטאָל, און ווער ווייסט, וויפל זי וועט נאָך ליגן דאָרט. די שוויגער וואָרטשעט, זי קאָן ניט פארלײַדן קורטן, — ער קערט איבער די שטוב, אן אומרויִק קינד, — און זעלדען דוכט זיך, אז שעפטל איז שוין אויך ניט צופרידן... „זאָל ער שוין גיכער קומען, — האָט זעלדע פארזאָרגט א טראכט געטאָן, — אז מע ווייסט אליין ניט, אף וועלכער וועלט מע איז איצט“... זי האָט א קוק געטאָן, צי עס זײַנען גוט פארהאנגען די פענצטער, אז קיין שײַן זאָל ניט ארויסלײַכטן אין דרויסן. אף יעדן פאל האָט זי אופגעהאנגען אף דעם פענצטער, וואָס האָט ארויסגעקוקט צו דער גאס, נאָך שעפטלס אלטע בורקע און, פרײַער אָפּטעמענדיק, ארויס איבעם זייער וואָרעמען און שטילן אָוונטיקן דרויסן.

לעבן דער סאמע פריזבע האָט פארבײַ איר זיך דורכגעטראָגן אין דעם פאנאנדערגעשפיליעטן ווײַסן העמדעלע א פארפאליעטער, א פארסאָפּעטער קורט און, צופאלנדיק מיטן פאָנעם צו דער שטאל־טיר, מיט ביידע הענטלעך אָנגעקלאפט:

— דיר־דיר־דאָ, איך בין דאָ...איך בין דאָ!.. — האָט ער, אזש פארכליִנענדיק זיך, א גליקלעכער אויסגעשריִען.

גלײַך נאָך אים איז פון הינטערן ברונעם, ווי א האָז, ארויסגעשפרונגען שמועלקע, און איידער זוזיק, דער שכײנעס יינגל, וועלכער האָט איצט געזוכט, האָט זיך באַוויזן אומקוקן, איז שמועלקע שוין אויך געווען לעבן דער שטאָל־טיר.

זוזיק, לייע־דוואָסיעס יינגל, האָט אַף די לאַנגע דאַרע פיסלעך, ווי א צאַפּליע, זיך ארומגעיאָגט א צעפּודזשעטער אהין און אהער און קײנעם ניט געקאָנט „פאר־קלאַפּן". אלע האָבן אים אריבערגעיאָגט, אפילע טײַבעלע, און דערצו נאָך זיך גע־רייצט מיט אים, וואָס ער קאָן קיין ניט געפינען עסטערקען. זוזיק האָט זי געזוכט איבער גאָר דעם הויף, אי פון יענער זײַט שטאָל, אי הינטערן ברונעם, צווישן די ווײַנשל־ביימער, הינטער דער פרישער קופּע היי... נאָר עסטערקע איז געשטאַנען פארבאַ־האַלטן הינטער דער פירהויז־טיר, און די קינדער האָבן פאר פרייד, וואָס זוזיק זעט זי ניט, אזש אונטערגעטאַנצט.

„קינדער בליִבן קינדער, — האָט זעלדע אַ טראַכט געטאָן, ארויסגייענדיק צו דער קאַליטקע. — זײַן טאַטע, זוזיקס, איז ערשט הײַנט אוועק אַף דער מילכאָמע... יענעמס מאַמע ליגט אין שפּיטאָל... און זיי ווילן פון גאָרנישט ניט וויסן... שפּילן אין באַהעלטעניש..."

ווען זעלדע איז אָפּגעגאַנגען פון דער פריזבע, האָט זוזיק עפּעס באַמערקט, זיך פארגאַנווועט אַף די שפּיץ פינגער און אריַינגעקוקט אינעם טונקעלן פירהויז. עסטערקע איז פליִנק ארויסגעשפּרונגען פון הינטער דער טיר, אריַינגעלאָפן אין צימער און זיך באַהאַלטן הינטערן קאָמאָד.

— דיר־דיר... כ'האָב דיך געזען... דײַנע פיסלעך האָב איך געזען, — האָט זוזיק אויסגעשריִען, — גיי ארויס... כ'האָב דיך שוין סיִוויסײַ פארקלאַפּט...

נאָר עסטערקע איז געזעסן פארטײַעט הינטערן קאָמאָד און אפילע ניט געקליִבן זיך ארויסגיין. אַ באַרויגעזער האָט זוזיק זיך געלאָזט צו איר. ער האָט מיט קאַס אָנגעכאַפּט עסטערקען פאר די צעפּלעך און מיט ביידע הענט גענומען שלעפּן. זי האָט אופגעהויבן אַ קוויטשערײַ. קורט האָט דערהערט און אַ צעהיצטער אריַינגע־פליוגן אין שטוב.

— לאָז אָפּ... איר טוט דאָך וויי... אזוי שפּילט מען ניט... לאָז אָפּ... — האָט ער גענומען מיט די נעגל דראַפּען זוזיקן די הענט.

זוזיק האָט פאר ווייטעק זיך פארקרימט, אָפּגעלאָזט עסטערקעס צעפּלעך און זיך אַ וואָרף געטאָן אַף קורטן. ער איז געווען עלטער און אַף אַ קאָפּ העכער פון אים. זוזיק האָט מיט ביידע הענט אים אַ שטופּ געטאָן אין סאַמע האַרצן און דערבײַ זיך אויסגעגליטשט און אליין אומגעפאַלן אַפן קאָמאָד. דער קאָמאָד האָט זיך אַ שאָקל געטאָן, און דער בוטל מיט ווישניק איז מיט אַ טראַסק אראָפּגעפאַלן אַף דער ערד. זוזיק און עסטערקע זײַנען אין דער זעלבער מינוט איבערגעשראָקענע ארויסגעשפרונגען פון שטוב, און קורט איז איינער אליין, אַ פארלוירענער, גע־בליבן שטיין לעבן קאָמאָד אַ באַשפּריצטער מיט טונקל־רויטן קלעפּיקן ווישניק.

ווען זעלדע איז שוין געשטאַנען בא דער קאַליטקע, האָט זי דערהערט א קלאַפּ, ווי מע וואָלט אויסגעזעצט א שויב, און ניט טויט ניט לעבעדיק האָט זי זיך געלאָזט לויפן צוריק.

אף דער שוועל פון דעם שוואך באַלויכטענעם צימער איז זעלדע געבליבן שטיין א צעטומלטע, ניט פאַרשטייענדיק נאָך, וואָס איז געשען. די שוויגער אין דעם אונ־טערקלייד איז שוין געווען לעבן קאָמאָד און, טרייסלענדיק זיך מיטן אויסגעטריקנטן קערפּער, געשריִען אזוי, ווי מע וואָלט זי אָפּגעבריט מיט א טאָפּ אָקרעפּ.

— איַי, אן אומגליק... איַי, וואָס ער האָט צעבראָכן, צעבראָכן זאָל ער ווערן, ריבוינע־שעל־אוילעם...

קורט איז געשטאַנען א בלייכער, א שוויַיגנדיקער, דאָס בלאָנד־באַגילדעטע קעפּל אראָפּגעלאָזט און דערשראָקן געקוקט אף דער קאַליוזשע, וואָס איז זיך פאַ־נאַנדערגערונען איבער דעם לייִמיקן דיל.

— אזא שלאַק... — האָט די אַלטע זיך נאָך העכער צעשריִען, ווען זי האָט דער־זען זעלדען. — וואָס שטייסטו, א בראָך צו מיר... זע, וואָס ער האָט צעמאַכט, דער ניוווזניק, געגעזיקט זאָל ער ווערן...

זעלדע איז א מעווולבעלע צוגעלאָפן צום קאָמאָד און זיך געכאַפּט מיטביידע הענט פארן קאָפּ.

קורט איז געשטאַנען א באַשפּריצטער מיט ווישניק, און לעבן אים איז אין דער טונקל־רויטער קאַליוזשע געלעגן צעבראָכן דער בוטל, וועלכן זי האָט ערשט געהאַט אראָפּגענומען אף א וויַיל פון דער שאַפע.

— וואָסי דאָ געשען? — האָט זעלדע ניט מיט איר שטים פאַרצווייפלט אויס־געררופן. — אָט ערשט בין איך דאָך... אָט ערשט... די מינוט ארויס פון שטוב... וואָס פאַר א דונער האָט דאָ געטראָפן...

זי האָט צעטומלט זיך ארומגעקוקט, ניט ווִיסנדיק וואָס פריִער צו טאָן, און זיך געלאָזט צום וויגל, ווו שאַלעמקע איז פון דערשרעק זיך פאַרגאַנגען אין א געוויין. זעלדע האָט געכאַפּט דאָס קינד אף די הענט און, אונטערהייבנדיק עס, אוועק איבערן צימער. זי האָט זיך אויסגעגעסן דאָס האַרץ און זיך ניט געקאָנט מויכל זיַין, וואָס זי איז פונקט ארויס פון שטוב.

וועלכער ניט־גוטער האָט דאָס זי געשלעפּט אין דרויסן. ווען זי גייט ניט ארויס, וואָלט קורט ניט געקראָכן צום ווישניק און ניט אָנגעטאָן דעם שאָדן... וואָס האָט זי עס איבערגעלאָזט אפן קאָמאָד, געדאַרפט גליַיך אוועקשטעלן צוריק אף דער שאַפע... נאָר גיי ווייס... גיי ריכט זיך... און פונקט הייַנט, אין אזא טאָג, האָט עס באַדאַרפט טרעפן... זי האָט אַלע וויַילע זיך אומגעקוקט אף דער טיר, ווי זי וואָלט מוירע האָבן, אז באַלד וועט שעפטל אריַין.

— אוי, ווי איז מיר און ווינד איז מיר, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן... — די אַלטע האָט, איַינבייגנדיק זיך אינצווייען, קימאַט ווי זיך אויסגעצויגן אף דער ערד און קרעכצנדיק גענומען מיט א לעפל צונויפקליַיבן אין שיסל דעם פאַנאַנדערגעגאָסע־נעם ווישניק. — אזא אָנשיקעניש... אזא קעסטקינד אפן קאָפּ... ווישניק האָט זיך אים

פאַרוואָלט... אַזאַ טרייפֿענע קישקע... עס וואָלט נאָר געזויפֿט און געפֿרעסן, פֿרעסן זאָל מען אים... נעכטן ערשט אָנגעשאָטן אַ פֿולינקע סאַכאַרניצע מיט צוקער...

די אַלטע האָט פֿאַרגעסן אין אַלע אירע ווייטעקן, אויף וועלכע זי האָט אָקאָרשט זיך געקלאָגט, זי האָט געפֿויזעט אויף די געל־אויסגעדאַרטע ביינערדיקע קני און מיטן לעפֿל צונויפֿגעשאַרט, צונויפֿגעקליבן דאָס ביסל נאָך ניט איינגעזאַפּטן אין דער ליימיקער ערד טונקעלן ווישניק.

— איך האָב זיך דאָך געבעטן בא דיר... נעם אים ניט צו זיך אַפֿילע אויף איין טאָג... וואָס דאַרפֿסטו זיך זאָרגן וועגן דאָווראַכער... איך האָב קיין קויעך ניט פֿון די אייגענע, — האָט די אַלטע פֿאַרביטערט געטײַנעט, — ניין, פֿאָלגט מען מיך ניט... אַז אויף אַלעמען האָט זי ראַכמאָנעס, נאָר ניט אויף מיר... מיך לאָזט מען ניט אַפֿילע שטאַרבן רויִק...

זעלדע איז נאָך אַלץ מיט שאָלעמקען אויף די הענט אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער, זיך אומגעקוקט אויף קורטן, וועלכער איז געשטאַנען אַן איבערגעשראָקענער, ניט רירנדיק זיך פֿון אָרט. דאָס ייִנגל האָט מיט אַ פֿאַרטײַעט האַרץ געוואַרט, אַז זעלדע וועט זיך אײַנשטעלן פֿאַר אים. זי האָט דאָך הײַנט באַטאָג, ווען קיינער האָט ניט געוואָלט און ער האָט אײַנגעוויגט שאָלעמקען, געזאָגט, אַז זי האָט אים ליב דערפֿאַר, וואָס ער פֿאָלגט שטענדיק. פֿאַרוואָס זשע שווײַגט זי איצט? פֿאַרוואָס שטעלט זי זיך ניט אײַן פֿאַר אים?

נאָר זעלדע איז געווען אַזוי צעמישט פֿון אַלץ מיטאַנאַנדער, אַז זי האָט אַפֿילע ניט באַמערקט, מיט וואָס פֿאַראַ אומשולדיק־רירנדיקע שטיל־בעטנדיקע אויגן ער קוקט אויף איר.

זי האָט אין אַ ווײַלע אַרום אָוועקגעלייגט שאָלעמקען, וועלכער איז אײַנגעשלאָפֿן בא איר אויף די הענט, אין וויגל, און אַ פֿאַרזאָרגט־צעטראָגענע זיך גענומען צוראַמען די שטיקלעך גלאָז פֿון דער ערד.

— זעסט כאָטש, וואָס דו האָסט אָנגעטאָן, — האָט זי אויסגעדרייט זיך צו קורטן, — האָסט געוואָלט אַ ביסל ווישניק, האָסטו ניט געקאָנט בעטן? וואָס הייסט, דו קריכסט אַליין צום בוטל?

קורט האָט פֿאַרווּנדערט אויפֿגעהויבן אויף זעלדען זײַנע ברייט־פֿאַנאַנדערגעעפֿנטע דערשראָקענע אויגן. זי... זי שרײַט אויך אויף אים?.. ער האָט פֿאַרשטשעמעט די ליפּן, קעדיי זיך ניט פֿאַנאַנדערוויינען. זי פֿרעגט אַפֿילע ניט, צי דאָס האָט ער צעבראָכן. ער האָט זיך דאָך אַפֿילע צום קאָמאָד ניט צוגערירט. ער האָט אַפֿילע ניט געזען, אַז אויפֿן קאָמאָד שטייט ווישניק... איז פֿאַרוואָס שרײַט זי אויף אים?.. דערפֿאַר, וואָס זוזיק מיט עסטערקען זײַנען אַנטלאָפֿן און ער איז פֿאַרבליבן... דערפֿאַר איז ער שולדיק?.. זאָל זײַן... ער וועט סײַווי אויף זוזיקן ניט זאָגן. זײַן טאַטע איז הײַנט אַוועק אויף דער מילכאָמע... אָבער עסטערקע... פֿאַרוואָס איז זי אַנטלאָפֿן? ער האָט זיך דאָך פֿאַר איר אײַנגעשטעלט. אויב אַזוי, איז זאָל זי זיך שפּילן מיט זוזיקן און ער וועט דאָ מער ניט זײַן, ער וועט אַוועק בעסער צו דער מאַמען אין שפּיטאָל, און זאָל עסטערקע וויסן...

קורט האָט מיטאַמאָל זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— וווּהין איז?.. — האָט זעלדע שוין לעבן סאַמע שוועל אים פֿאַרהאַלטן.

ער האָט אײַנגעשפּאַרט מיט אַן אַראָפּגעלאָזט קעפּל זיך געפּרוּווט אַרויסרײַסן פֿון אירע הענט.

— דו ביסט נאָך אין כּעס?.. האַ?.. וואָס שווײַגסטו? קענסט שוין ניט ריידן?..

קורט האָט געשטופּט זיך צו דער טיר און אײַנגעשפּאַרט געשוויגן. דאָס העמ־דעלע איז אים געהאַנגען איבער די הייזלעך. ווען ער זאָגט כאָטש איין וואָרט, וואָלט ער זיך צעוויינט, און ער האָט ניט געוואָלט, אַז עסטערקע, וועלכע האָט געקאָנט שטיין הינטערן פֿענצטער, זאָל הערן, ווי ער וויינט.

זעלדע האָט אים מיט גוואַלד אויסגעטאָן, אַרומגעווישט מיט אַ פֿײַכט טיכלקע די הענט, די פֿיס און קוים באַלייגט אים שלאָפֿן אויף דער קאַנאַפּקע.

— ליג. וואַרף זיך ניט. אָנגעטאָן אַ העזעק און וואַרפֿט זיך נאָך... — זי האָט די קאַנאַפּקע אַרומגעשטעלט מיט בענקלעך, ווי זי וואָלט מורא האָבן, אַז ער זאָל ניט אַנטלויפֿן.

די אַלטע האָט שוין געהאַט צונויפֿגעקליבן דאָס לעצטע ביסל פֿאַרבליבענעם ווישניק פֿון דער ערד און קרעכצנדיק אָוועקגעשלעפּט זיך מיט דער שיסל אין קיך.

— זאָל אַפֿילע דונערן און בליצן, פּירסטו אים אָפּ מאָרגן אינדערפֿרי צו דער מאַמען זײַנער אין באָלניצע... איך וויל ניט מער לײַדן פֿון אים...

— נו, גוט, גוט, — האָט זעלדע זיך געסטאַרעט זי באַרויִקן, זי זאָל ניט וואָר־טשען, — לייגט זיך שוין...

— פּרוּוו אים נאָר ניט אָפּפֿירן... איך קען דאָך דיך... וועסטו שוין דאַפּקע זען, וואָס עס וועט זײַן... איך בין דאָ נאָך דערוויײַל אויך אַ שטיקל באַלעבאָסטע...

— נו, גוט... גוט... ווער זאָגט, כאָלילע... — זעלדע האָט אינדערגיך גענומען אויפֿראַמען. זי האָט מיט אַ שמאַטע גוט אויסגעווישט די ערד, קעדיי שעפּטל זאָל גאָרנישט ניט באַמערקן. ער איז אַזוי אויך הײַנט געגוג צערודערט. אַזאַ מילכאָמע... אַ האַלבן כוטאָר צוגענומען... און ווער ווייסט, וואָס עס וועט נאָך זײַן. און זעלדע האָט זיך אַליין פֿאַרווּנדערט, וואָס די זאָרג וועגן דעם צעבראָכענעם בוטל מיט ווישניק האָט פֿאַרשטעלט פֿון איר און געמאַכט פֿאַרגעסן וועגן דעם שרעקלעכן אומגליק, וואָס טוט זיך איצט אויף דער וועלט און וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויך איבער איר שטוב.

שעפּטל איז געקומען שפּעט. די קינדער, וועלכע האָבן אייִנציקווײַז אין דער שטיל זיך געהאַט אַרײַנגעשאַרט אין שטוב, זײַנען שוין געשלאָפֿן. די אַלטע איז געווען בײַ זיך הינטערן פֿאַרהענגל. זעלדע האָט, וואַרטנדיק אויף שעפּטלען, זיך נאָך געפּאָרעט אין קיך.

— דאַנקען גאָט! — האָט זעלדע זיך שטיל אָנגערופֿן, דערזעענדיק אים. — אין אַזאַ צײַט... און דו ביסט ניטאָ... וווּ גייסטו דאָס אַרום?.. ביסט דאָך מיד... האָסט דאָך גאָרנישט ניט געגעסן...

— כ׳וויל ניט עסן... — האָט שעפטל פאַרזאָרגט זיך אַראָפּגעלאָזט אף דער ברייטער באַנק.

— מע דאַרף אָפּעסן, — האָט זעלדע אים געבעטן און צוגעמאַכט די טיר, קעדיי ניט אופוועקן די קינדער.

— כ׳וויל ניט... כ׳קאָן ניט... — ער האָט פון דער זײַט, ווי מיט אַן אָפּגעפרעמדטן בליק א קוק געטאָן אף איר און באַמערקט, אז דאָס קלייד הענגט אף איר, די האָר זײַנען ניט פאַרקעמט און דער שטערן איז אין קנייטשן. „ווי זי האָט זיך געענדערט... פאַר איין מעסלעס... און אף אזויפיל עלטער געוואָרן...“ — האָט ער אומצופרידן א טראַכט געטאָן און שווער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— ס׳איז ניט גוט, — האָט ער געזאָגט, ווי צו זיך אליין, — ניט גוט און האָדיע!..

— וואָס, האַ? — האָט די אלטע זיך אַרויסגערוקט פון הינטערן פאַרהענגל, — וואָס?.. וואָס דערציילסטו?..

— וואָסי דאָ צו דערציילן?.. ס׳איז ניט פריילעך, — שעפטל האָט פאַרדײַגעט באַטראַכט די קיך, ווי ער וואָלט זיך געקליבן געזעגענען מיט דעם אלעמען, — די דײַטשן האָבן שוין הײַנט פאַרטאָג... שוין הײַנט געוואָרפן באָמבעס אף קיִעוו... מאָרגן קאָנען זיי אַראָפּוואַרפן א באָמבע אָט דאָ, איבער אונדזער שטוב...

— וואָס רעדסטו?! — האָט זעלדע אויסגערופן, כאַפנדיק זיך מיט ביידע הענט פאַרן האַרצן.

— אף זיי איז אלץ צו גלייבן...

— וואָסי, זיי זײַנען קיין מענטשן ניט?

— די דײַטשן?.. די היטלעראָוועצעס?.. — שעפטל האָט אופגעבראַכט, מיט בייזקײַט א קוק געטאָן אף זעלדען. — מענטשן?.. צעשיסן אומשולדיקע נאָר דערפאַר, ווײַל זיי זײַנען יידן... פּיצלעך קינדער אומברענגען... נאָר א דײַטש א פאַשיסט קאָן אזוינס טאָן...

— מאלע וואָס מע שרײַבט אין די בלעטער, — האָט זעלדע געזאָגט, — איך גלייב ניט... ס׳קאָן ניט זײַן...

— זי גלייבט ניט!.. — בא דער אלטער האָט ביטערלעך זיך פאַרקרימט דאָס פּאָנעם, — אלע אומגליקן, אלע פּוראָניעסן גייען דאָך נאָר פון זיי, נאָר פון די דײַטשן... צוויי ברידער מײַנע האָבן פון יענער מילכאָמע זיך ניט אומגעקערט, און דעם מאַן האָבן זיי צעקאַליעטשעט, געקומען אינגאַנצן א קראַנקער און איבערגעלאָזט מיך א וויסטע אלמאָנע...

— נו, שאַ... גענוג... — שעפטל האָט זיך שווער אופגעהויבן, געמאַכט א פּאָר טריט, געעפנט עטוואָס די טיר פונעם טונקעלן צימער און צוריק פאַרמאַכט.

— וואָס שמעקט עס מיט בראַנפן? — האָט ער א צי געטאָן מיט דער נאָז.

— דאָס קעסטקינד האָט זיך ספּראַוועט... דעם בוטל מיט ווישניק צעבראָכן, — האָט די אלטע געזאָגט אזוי, ווי זי וואָלט איצט, סאָפּקאָלסאָף, זיך אָפּגערעכנט מיט זעלדען פאַר דעם, וואָס זי האָט זי דעמלט ניט געפּאָלגט.

— דעם בוטל מיט ווישניק?

זעלדע האָט באמערקט, אז שעפטל איז רויט געוואָרן, און זי האָט, ווי שטענדיק, ווען ער ווערט אין קאַס, זיך געהיט אפילע קיין איין וואָרט ניט זאָגן.

— אליין זיך ניט פארגונען... געהיט פארן שעד, — האָט די אלטע זיך ניט געקאָנט בארויקן, — זאָל די מאמע זיַינע באַצאָלן...

— וואָס טוט זיך דאָ בא מיר אין שטוב? — איז שעפטל געוואָרן אופגעבראכט. — און ווו ביסטו געווען? — האָט ער זיך אויסגעדרייט צו זעלדען. — האָסט ניט געקאָנט אכטונג געבן?..

— איך בין פונקט ארויס אף א מינוט, געוואָלט א קוק טאָן, זען, ווו דו ביסט, — האָט זעלדע זיך פארענטפערט, — גיי ווייס, אז ער וועט קריכן צום ווישניק...

שעפטל איז א דערצאָרנטער זיך דורכגעגאנגען איבער דער קיך, ווידער באַטראכטנדיק אלץ מיט אזוינע אויגן, ווי ער וואָלט געפילט, אז ער וועט דארפן גאָר אינגיכן זיך זעגענען מיט דעם. אין סאמע ווינקל לעבן אויוון איז ער געבליבן שטיין און, קוקנדיק אין א זיַיט ערגעץ, זיך אָנגערופן:

— א שרעקלעכע געשיכטע האָט כאָמע אָקאָרשט דערציילט... א שרעקלעכע... אין א פוילישער שטאָט איז עס געווען... א יידיש מיידל, א זינגערן, האָט כאסענע געהאט פאר א דאָרטיקן דיַיטש. זי איז געווען זייער א שיינע. דאָס שענסטע מיידל אין שטאָט. זיי האָבן זיך זייער ליב געהאט, און זי האָט געהאט פון אים א קינד... ווען די היטלעראָווצעס זיַינען אריַין, האָט מען אים געגומען אף גראָבן אָקאָפּעס, נאָר ער האָט זיך באנאכט אומגעקערט און האָט דאָס וויַיב און קינד בא זיך אין שטוב דערשאָסן...

— וואָס רעדסטו, גאָט מיַינער, — האָט זעלדע אויסגערופן.

— מע דערציילט זיך אָן אזוינס... — שעפטל האָט געמאכט עטלעכע טריט און איז מיטאמאָל געבליבן שטיין.

— און וואָס איז מיט איר... מיט עלזען?.. — האָט ער אָנגעכמורעט געפרעגט.

— כ׳רעכן, זי דארף... זי האָט דאָך געזאָגט... מיסטאמע, מיין איך, וועט זי שוין עפשער מארגן קומען, — האָט זעלדע זיך פארלוירן.

די אלטע האָט ווידער געוואָלט עפעס זאָגן, נאָר שעפטל האָט אומצופרידן א מאך געטאָן מיט דער האנט.

— נו, גענוג, אָן עק... ציַיט שלאָפן...

ער האָט אויסגעטאָן די פארשטויבטע געלע ברעזענטענע טופליעס און געוואָלט אריַין אין צווייטן צימער, נאָר הינטערן פענצטער האָבן זיך דערהערט טריט און באלד האָט עמעץ אָנגעקלאַפּט אין דער דרויסן־טיר.

— ווער איז? — האָט ער א פרעג געטאָן.

— ס׳איז איך, גאווריליאָווגא... פון שפּיטאָל...

בא זעלדען האָט זיך אָפּגעריסן דאָס הארץ. און זי איז, אזוי ווי זי איז געשטאַנען, ארויסגעלאָפן אין דרויסן.

אין א וויַילע ארום האָט זי זיך אומגעקערט א בלייכע און געבליבן שטיין לעבן שוועל, ווי זי וואָלט מוירע האָבן מאכן א טראָט וויַיטער.

— וואָסי דאָרט? — שעפּטל האָט אָנגעשטרענגט געקוקט אף איר.

זעלדע האָט צוגעדריקט די ציטערנדיקע הענט צו דער פולבלעכער ברוסט און געשוויגן.

— רייד שוין. וואָסי געשען? — האָט ער געהעכערט די שטים.

— עלזע... עלזע איז געשטאָרבן... — האָט זי ארויסגעשטאַמלט.

— געשטאָרבן?.. — שעפּטל האָט זי אָנגעקוקט מיט אזעלכע אויגן, ווי ער וואָלט ניט געגלייבט, וואָס זי רעדט. — ווען געשטאָרבן?..

— שוין דריַ טעג...

— אוי, א דונער האָט מיך געטראָפן, — האָט די אלטע זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ, — ווי און ווינד איז מיר... און דאָס קינד?.. וווּ וועסטו איצט אהינטאָן דאָס דיַטשישע קינד?

שעפּטל האָט מיט פאָררוורף א קוק געטאָן אף זעלדען, נאָכדעם אף דער מאַמען, און, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, אָן אָנגעכמורעטער אוועק אין טונקעלן צימער, ווו עס זיַינען שוין פון לאנג געשלאָפן די קינדער.

— נעמען אליין און זיך אָנבינדן א שטיין אפן האלדז, — האָט די אלטע, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, ביטער א זיפץ געטאָן, — וואָס וועלן מיר איצט טאָן מיט אים, הא?..

— כ׳ווייס? — האָט זעלדע פאַרלוירן געענטפערט. — וווהין... וווהין זאָל איך אים אָפּפירן?

— וווהין דו ווילסט...

— נו, ווי רעדט איר אזוי, שוויגער... ס׳איז דאָך א קינד... איר הערט דאָך — די מאמע איז געשטאָרבן... איר האָט גאָר קיין ראכמאָנעס ניט?..

— ראכמאָנעס? — האָט די אלטע זיך אָנגעצונדן. — אף א דיַטש נאָך ראכמאָנעס האָבן!.. און זיי האָבן ראכמאָנעס?.. האָסט דאָך געהערט, וואָס עס טוט זיך... ניין, אף א דיַטש איז איצט ניטאָ וואָס ראכמאָנעס צו האָבן!..

— וואָס פאַר א דיַטש איז ער? א קינד... וואָס ווייסט ער?.. וואָס איז ער שולדיק?.. ווען האָט ער שלעכטס געטאָן?..

— ער וועט טאָן. ער וועט אויסוואקסן, וועט ער קוילען דיך מיט דיַינע קינדער... זיַין דוך זאָל דאָ ניט זיַין...

— אפן גאס וועל איך א קינד ניט ארויסטריַיבן, — האָט זעלדע מיטאמאָל זיך געענדערט אין פּאָנעם, — און אויב איר ווילט וויסן, זיַינען פאַר מיר אלע קינדער גליַיך... קינדער ווייסן גאָרניט. קינדער זיַינען אין גאָרנישט ניט שולדיק. און מישט זיך ניט... ס׳איז ניט איַיער אייסעק... אָט דאָ בא אונדז וועט ער לעבן... אָט אזוי פונקט ווי מיַינע קינדער, אָט אזוי וועט ער לעבן... און איך זאָג איַיך באָכאמאָל, מישט זיך בעסער ניט!..

בא זעלדען האָט פון אופרעגונג אזש פארכאפּט דער אָטעם, און זי איז האסטיק ארויס אין קילן דרויסן.

ווען זי האָט, עטוואָס אַ באַרויִקטע, זיך אומגעקערט, איז די אַלטע שוין געווען בא זיך הינטערן פּאַרהענגל. זעלדע איז עטלעכע מינוט געשטאַנען איינע אַליין אין קיך און נאָכדעם מיט שטילע טריט אַרײַן אין צימער. קיין פּײַער האָט זי ניט אָנגע־צונדן, נאָר אַראָפּגענומען פון די פענצטער די קאָלדרעס און די בורקע, און פון דער לעוואָנע־שײַן איז גלײַך ליכטיקער געוואָרן.

שעפּטל איז געלעגן אין בעט און, קאָנטיק, נאָך ניט געשלאָפן. זעלדע איז אָף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו קורטן, אים בעסער צוגעדעקט, געשטאַנען אַ ווײַל, געקוקט אָף אים און שטיל אַ זיפץ געטאָן. נאָכדעם איז זי ווידער אָף די שפּיץ פינ־גער צוגעגאַנגען צום בעט, זיך אויסגעטאָן און געלייגט זיך לעבן שעפּטלען. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים, ווי זי וואָלט לעבן אים זיך וועלן באַרויִקן. זי איז אים דאַנקבאַר געווען, וואָס ער האָט זיך ניט געבייזערט אָף איר צוליב קורטן, און אָפן האַרצן איז איר געוואָרן ווארעם פון דעם, וואָס ער איז דאָ מיט איר, מיט די קינ־דער. ווי וואָלט געווען, ווען מע נעמט אים הײַנט צו אָף דער מילכאָמע... ווען ער איז יינגער אָף איין יאָר, ווען אים איז ניט זעקס און דרײַסיק, נאָר פינף און דרײַ־סיק, וואָלט ער שוין איצט געווען ווו ווייסט ווו און זי וואָלט דאָ פאַרבליבן אַליין מיט די קינדער און מיט דער קראַנקער שוויגער. פונעם געדאַנק איז איר געוואָרן שרעקלעך. „ווער האָט עס צוגעטראַכט מילכאָמעס? צוליב וואָס? פאַרוואָס זאָלן מענטשן גיין הארגענען איינע די אַנדערע?" — האָט זי מיט פאַרביטערונג געטראַכט. פון דעם אַלעמען, וואָס זי האָט פאַרן טאָג איבערגעלעבט, האָט איר ווײי געטאָן דאָס האַרץ, און זי האָט זיך געטוליעט צו שעפּטלען, געוואַרט, ער זאָל איר עפּעס זאָגן. נאָר ער איז געלעגן ווי אײַנגאַנצן אַ פרעמדער. זי האָט גענומען זײַן האַנט און אַוועקגעלייגט צו זיך אָפן האַרצן, די האַנט האָט זיך אַראָפּגעגליטשט, ווי אַ פאַר־כאַלעשטע, און געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך.

— שעפּטל? — גיט זי שטיל אַ פרעג.

ער שווײַגט.

— שעפּטל, — כאַזערט זי איבער.

— נו, וואָסי?.. — ענטפערט ער אומצופרידן, ווי זי וואָלט אים שטערן שלאָפן.

— וועגן וואָס טראַכסטו?

— האַ? — ענטפערט ער פאַרשטיקט.

— דער קישן איז דיר ניט נידעריק?

— ניין... — גיט ער זיך עטוואָס אַ דריי אָפּ.

— עפּשער געבן דיר נאָך אַ קליין קישעלע?..

— מע דאַרף ניט.

— ווילסט שלאָפן?

— ממהם...

— וואָלסט עפּשער עפּעס געגעסן...

— כ'וויל ניט, — האָט ער געענטפערט, אויסדרייענדיק זיך צו איר מיט דער פּלייצע.

— ביסט אין קאַס?.. ווי האָב איך געקאָנט אַנדערש... מע איז דאָך מענטשן, ניט קיין כײַעס...

— שלאָף. אָן עק.

— ווילסט ניט ריידן?..

שעפּטל האָט אַ קרעכץ געטאָן. ער האָט עס ניט געקאָנט איבערטראָגן. זי איז נאָך קיינמאָל צו אים אַזוי ניט צוגעשטאַנען, ווי איצט. ס'איז אים שווער און דערווידער צו הערן. ער ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס. און נאָך שווערער איז אים געווען מיט איר צו ריידן. ס'איז אוואַדע ניט גוט אַזוי, ביפראַט איצט, נאָר ער האָט מיט זיך גאָרנישט ניט געקאָנט טאָן.

עס האָט זיך אים געוואָלט איצט איין זאַך: עס זאָל זײַן שטיל.

ער האָט געטראַכט: אָט ערשט נעכטן, נעכטן באַנאַכט איז אָט דער צײַט איז ער געווען אין הוליי־פּאָליע, געזעסן בא עלקען אין צימער, נאָכדעם געשטאַנען מיט איר אויף דער בריק, און ניט ער, און ניט זי, און קיינער האָט דעמלט גאָר אויף אַזויפיל ניט געוווּסט, ווי גוט ס'איז געווען, ווי גליקלעך מע איז געווען. ניט נאָר זיי, נאָר אַלע... אַלע מענטשן, אָן אויסנאַם, אַפילע די, וועלכע האָבן געמיינט, אַז זיי זײַנען ניט גליקלעך. און אָט איז איין מעסלעס אַדורך, און אַלץ האָט זיך איבערגעקערט, דאָס גאַנצע לעבן... הײַנט איז ער נאָך דאָ אין דער היים... נאָר לאַנג אַזוי קאָן מען ניט, בא אַזאַ מילכאָמע מיט היטלערן קאָן מען אין דער היים ניט זיצן...

— נו, שעפּטל, — האָט זעלדע זיך געבעטן, — דו האָסט דאָך מיר גאָרניט דערציילט, זינט דו ביסט געקומען פון הוליי־פּאָליע... וויאַזוי איז עס געווען... דו ביסט אַרויסגעפאָרן פון דאָרט און פון גאָרניט געוווּסט?..

— ניין... ניט געוווּסט.

— און וואָסי געווען דאָרט אויף דער באַראַטונג? איוואַשטשענקאָ האָסטו געזען?

— נו, לאָז שלאָפן, — האָט ער זיך אַ קנייטש געטאָן, ווי ער זאָל ניט וועלן, אַז זי זאָל נאָך וועגן עפּעס פרעגן.

— פאַרוואָס ווילסטו ניט ריידן מיט מיר?

— ניט געזען, — האָט ער, אײַנהאַלטנדיק די אופגערעגטקײַט, געענטפערט. — ניט געווען איוואַשטשענקאָ. נו, אַלץ...

ער האָט איין רעגע אַ קלער געטאָן, עפּשער זאָגן איר וועגן עלקען, נאָר איבערגעטראַכט. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און גלײַך אָנגעהויבן הויך עטעמען, ווי ער וואָלט שוין געשלאָפן.

זעלדע איז געלעגן לעבן אים אַ טיף פאַרזאָרגטע. אין אַ היפּשער ווײַלע אַרום האָט זי דערהערט, ווי ער כראָפּעט.

— שלאָף... שלאָף געזונטערהייט, — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן.

און שעפּטלען, וועלכער איז געלעגן צעוואָרפן, עטוואָס אין אַ זײַט, האָט אין דער מינוט זיך געכאָלעמט, ווי ער מיט עלקען פאָרן אויף דער בעדאַרקע, זיי זיצן איינס לעבן אַנדערן און די הוידענדיקע בעדאַרקע, אײַנגעשפּאַנט מיט דעם גניאַדן הינגסט, טראָגט זיך האַסטיק אַרויף־באַרג. עלקע האַלט די לייצעס, זי טרײַבט אָן, יאָגט

מעשוגענערווייז דאָס צעהיצטע פערד. ארום און ארום בלויז מאָן, פלאַטערנדיקער רויטער מאָן. פונעם הויכן, געדיכט פאַנאַנדערגעוואַקסענעם מאָן איז רויט דאָס פעלד, ס׳איז רויט די באַלקע, ס׳איז רויט דער ארויף־באַרג און אַפילו דער הימל איז רויט פון אים... דער וועג ארויף־באַרג הייבט זיך אַלץ העכער און העכער, ער ציט זיך איבער א הילצערנער בריק צו די וואָלקנס. עלקע יאָגט דאָס פערד, פייפט מיט דער בייטש, ציט די לייצעס, שמייסט איבער דעם פאַריסענעם האַלדז, און מיטאַמאָל דערהערט ער, ווי עמעצער שרייט. ער קוקט זיך אום, ס׳איז זעלדע. א בלייכע, א באָרוועסע לויפט זי נאָך דער בעדאַרקע ארויף־באַרג און שרייט עפּעס צו זיי, רופט, וויינט, בעט, אז זיי זאָלן צוּוואַרטן, נאָר עלקע הייבט אָן טרייבן דאָס פערד נאָך שטאַרקער און די בעדאַרקע טראָגט זיך אוועק נאָך געשווינדער, אז זי רירט זיך קוים אָן מיט די רעדער אין דער ערד...

זעלדע פאַלט אום. זי רופט שעפּטלען. ער וויל זאָגן עלקען, אז זי זאָל פאַר־האַלטן דאָס פערד, נאָר ער קאָן ניט, ווי עס וואָלט אים אָפּגענומען דאָס לאָשן. ער וויל שוין אַראָפּשפּרינגען, און דאָ פונקט רייסט זיך אויף איבערן קאָפּ א באָמבע, ווי א בוטל מיט ווישניק, און צעשיט זיך מיט פייערדיקע שפּליטערס איבערן וועג... זעלדע הייבט זיך אויף און לאָזט זיך ווידער לויפן, נאָר קורט שיסט אויס אין איר פון א פוגאַטש. זי כאַפּט זיך באַם האַרצן, פאַלט אום און קייקלט זיך אַראָפּ־באַרג. זי קייקלט זיך אַלץ נידעריקער און נידעריקער. און אונטן איז דער סטאַוואָק... אָט־אָט וועט זי ארייַנפאַלן און דערטרונקען ווערן...

שעפּטל הייבט אָן שווער צו עטעמען, שרייט עפּעס פאַרשטיקט פון שלאָף. זעלדע וועקט אים קוים אויף.

— שעפּטל... וואָסי, שעפּטל...

— האַ? — עפנט ער קוים אויף די אויגן און קוקט זיך צעטראָגן ארום.

— דיר האָט זיך עפּעס געכאָלעמט... שפּיי אויס, שעפּטל... נו, שפּיי אויס...

ער זעצט זיך אויף, קניטשט פון שלאָף דעם שטערן און שפּייט אויס.

— וואָסי, שעפּטל? — פרעגט זי א שטאַרק באַאומרויִקטע. — וואָס האָט זיך דיר געכאָלעמט?

ער שוויַיגט. אָטעמט שווער און שוויַיגט.

— וואָסי?.. האַ?.. שעפּטל?

ער קאָן נאָך אַלץ ניט קומען צו־זיך.

— וואָסי?

— גאָרניט, — גיט ער פאַרשטיקט א בורטשע און נעמט איר מיטאַמאָל ארום דעם קאָפּ.

זעלדע טוליעט זיך צו צו אים.

„נאָך גוט, וואָס זי האָט אים אופגעוועקט", — טראַכט ער.

שעפּטלען איז שווער אפּן האַרצן. ער סטאַרעט זיך פאַרגעסן אינעם כאָלעם, גלעט איר מיט דער האַנט דעם קאָפּ, נאָכדעם בייגט ער זיך מיטאַמאָל אָן צו איר און גיט איר מיט פאַרמאַכטע אויגן א קוש.

— שלאָף, זעלדע, שלאָף...

זעלדע ליגט א ווײַלע אומבאוועגלעך, עטעמט שטיל, ווי א בלאט, נאָכדעם רירט זי זיך אָן מיט אירע הענט אין זײַן פּאָנעם.

— וואָס וועט זײַן, שעפּטל?.. אזא מילכאָמע...

— וואָס קאָן מען טאָן?.. די צײַט וועט ווײַזן... שלאָף...

שעפּטל ווערט באלד ווידער אנשלאָפן, נאָר זעלדע שלאָפט ניט. זי איז פול מיט שרעק. זי ליגט לאנג, וויל און קאָן ניט אנשלאָפן ווערן. פאר אירע אויגן קומט אוף די הײַנטיקע געזעגעניש הינטער דער הרעבליע, זי זעט פאר זיך די נאָך יונגע סאָלדאטקעס, פּארגאָסענע מיט טרערן, זי זעט פאר זיך דעם גרויסן, זייער גראמען באלאגאן מיט די קאָלערלײַ געריכטן אף די פארשפרייטע טישן, צו וועלכע קיינער האָט זיך ניט צוגערירט. און דאָדיע בורלאקן זעט זי אין דעם יאָמטעוודיקן סורדוט, און כאנע־איטקען... און נעכאמקען, ווי זי לויפט מיטן וויגנדיקן צאָפּ נאָך די וועגע־נער, ווײנט און שרײַט עפּעס צו וואָוען... און דאָס אלץ האָט געמאכט היטלער... — גיט זי א טראכט און דערמאָנט זיך אָן עלזען. „געשטאָרבן עלזע... ניטאָ עלזע...“

זעלדע האָט צוגעמאכט די אויגן, קעדיי גיכער אנשלאָפן ווערן, נאָר זי האָט דערהערט א שטיל געוויין. זי איז פאָרזיכטיק, קעדיי ניט אופוועקן שעפּטלען, אראָפּ פון בעט און געבליבן א ווײַלע שטיין, זיך צוגעהערט.

ס׳האָט געוויינט קורט.

— וואָסי, — האָט זי שטיל געפרעגט, אײַנבייגנדיק זיך איבער אים און א גלעט טוענדיק אים איבערן קעפּל.

— איך בין ניט שולדיק... איך האָב ניט צעבראָכן... איך וויל צו דער מאמען, — האָט ער דורך די טרערן געשלונגען די ווערטער.

בא זעלדען האָט זיך אָפּגעריסן דאָס הארץ.

— נו, פארשטייט זיך, אז דו ביסט ניט שולדיק... שלאָף, קורט... שלאָף, טײַערינקער... מע דארף ניט וויינען... ווייסט דאָך, אז איך האָב דיך ליב...

זי האָט אים צוגעדעקט מיט דעם לײַלעך און ווידער א גלעט געטאָן אים איבערן קעפּל.

זעלדע האָט שוין געוואָלט גיין צום בעט, נאָר מיטאמאָל דערהערט אין דרויסן א זשומערײַ. זי האָט ארויסגעקוקט דורכן פענצטער און אופגעציטערט. נידעריק איבערן כוטאָר איז מיט א ווילד־דראָענדיק גערויש געפלויגן אן אעראָפּלאן, און איר האָט זיך געדוכט, אז ער האָט זיך פארנומען פונקט אהער, איבער זייער שטוב...

קאפּיטל עלף

ווען עלקע איז א מידע געקומען צו לויפן אהיים און מיט א טיאָכקענדיק הארץ ארײַן אינעם נאָך גרוילעכן צימער, האָט זי געטראָפן דאָס קינד שלאָפן אין בעטעלע מיט דעם פושקעלע מאָנפּאַסיע אין הענטל, אָט אזוי ווי זי האָט עס איבערגעלאָזט, ווען זי איז ארויס אף א ווײַל באגלייטן שעפּטלען.

סוועטקעס פּענעמל איז געווען פּארויטלט און געשמייכלט פון שלאָף, ווי ס'וואָלט זיך איר געכאָלעמט עפּעס זייער א גוטער כאָלעם.

עלקע האָט זיך אָנגעבויגן איבערן קינד, און ס'האָט איר מיטאמאָל, ווי מיט צוואנגען, פארקוועטשט דאָס האַרץ. זי איז גיך אָפּגעגאנגען אין א זייַט און זיך א וואלגער געטאָן אף דעם גלאט־פארבעטן געלעגער, אייַנהאלטנדיק זיך מיט אלע קויכעס ניט צו פאנאנדערוויינען זיך.

נאָך דעם אלעם, וואָס זי האָט איבערגעלעבט פאר דער נאכט, האָט איר איצט ווי געטאָן ניט אזוי פאר זיך, ווי פארן קינד, וואָס פארשטייט נאָך גאָרניט, שלאָפט זיך רויִק און ווייסט ניט, וואָס עס איז געשען מיט איר טאטן, ווען זי געדענקט אפילע ניט און וועט ווייסט, צי זי וועט אים ווען־עס־איז זען...

פאר עלקעס אויגן איז ווי א געשפּענסט נאָך אלץ געשטאנען דער מאיאָר דעריוו־גין מיטן קרענקלעך געלבלעכן פּאָנעם, מיט די פארביסענע דינע ליפּן און קאלטן שטעכיקן בליק. ס'האָט איר פון דעם אזש אָנגעהויבן שווידערן דאָס לייַב. זי האָט ערשט איצט פארשטאנען, וואָס עס איז געווים אויסגעקומען אויסצושטיין אלעק־סייען, וויבאלד אָט דער מאיאָר האָט געפירט די אויספאָרשונג. און זי האָט אָנגע־הויבן צווייפלען, צי וועט זיך איר, אויב אזוי, אייַנגעבן זיך דערשלאָגן, אז מע זאָל דעם איניען איבערקוקן.

מער פאר אלץ האָט זי מוירע געהאט צו פארלירן די האָפענונג, וואָס האָט אין די שווערסטע מינוטן געגעבן איר קויכעס איבערצוטראָגן אלע אירע ליידן...

עלקע האָט ניט געוואָלט איצט טראכטן וועגן דעם, — נאָר אנשלאָפן ווערן... זי האָט אייַנגעגנורעט דעם קאָפּ אין קישן, צוגעמאכט די אויגן, ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן. דאָס האַרץ האָט שרעקלעך ווי געטאָן. זי האָט מיט פארצווייפלונג א טראכט געטאָן, אז דאָס זעלבע קאָן זיך הייַנט איבערכאזערן, מע קאָן זי ווידער נעמען אהין, און ער וועט זי ווידער האלטן דאָרט א נאכט אינעם אָנגערייכערטן צימער. ס'איז איר דורך א קעלט איבער אלע גלידער, און זי האָט זיך צונויפגע־קאָרטשעט. נאָר באלד האָט זי זיך דערמאָנט אין דעם מאיאָרס געשפרעך אין טע־לעפאָן. ער האָט דאָך געזאָגט, אז ער פאָרט באלד ארויס.

א צעבראָכענע איז עלקע אופגעשטאנען פון בעט, ארויסגעקוקט דורכן פענצ־טער. אינעם אינדערפרייִקן דרויסן איז נאָך געווען שטיל. דער אוילעם איז, ווי געוויינלעך אין אן אָפּרו־טאָג, געשלאָפן שפּעטער.

עלקע האָט זיך אייַנגעוואשן, פארקעמט די האָר און א קוק געטאָן אין שפּיגעלע. איר פּאָנעם איז געווען בלאס, אונטער די אויגן — בלאָווע קרייַזן.

עס האָט א סקריפּע געטאָן דאָס הילצערנע בעטעלע, און עלקע האָט אופגעצי־טערט. איר האָט זיך ניט געוואָלט, אז דאָס קינד זאָל באמערקן די שפּורן, וואָס די שלאָפלאָזע נאכט האָט אף איר איבערגעלאָזט. זי האָט זיך אָנגעבויגן איבערן בעטעלע און מיט א פריילעך־געמאכטער שטים זיך אָנגערופן:

— אַך, דו קליינע פּעפערן מייַנע... וויפל קאָן מען שלאָפן, האַ?..

סוועטע האָט א רייַב געטאָן מיט די פויסטלעך די אויגן און זיך אופגעזעצט.

— און ווו איז דער דיאדיע? — האָט זי זיך ארומגעקוקט.

— וועלכער דיאדיע? — האָט עלקע, א פארטראָגענע, ניט פארשטאנען, וועגן וועמען דאָס קינד פרעגט.

— דער דיאדיע, וואָס האָט מיר געגעבן אָט דאָס־אָ... — האָט זי געוויזן דאָס פושקעלע מאַנפאַסיע.

— אַ?.. אוועקגעפאָרן, — האָט עלקע געזאָגט.

— פארוואָס איז ער אוועקגעפאָרן?

— אָט הייבט זיך אָן בא דיר: פארוואָס? פארוואָס?.. — האָט עלקע גוטמוטיק זיך א בייזער געטאָן. — שוין שפעט... שטיי אוף...

סוועטקע האָט ארופגעצויגן אף זיך דאָס קליידעלע, איז פריילעך אראָפּגע־שפרונגען פון בעטל און גענומען אָנטאָן די סאנדאלן. אָפּגעפרישטיקט, איז זי גלייך אוועקגעלאָפן אין טומלדיקן זוניקן הויף, ווו ס'האָבן זיך שוין געשפּילט קינדער.

עלקע איז פארבליבן אליין אין צימער. זי איז א ווײַלע פארזאָרגט געזעסן באם טיש אף דעם זעלבן בענקל, ווו נעכטן איז געזעסן שעפטל. באלד האָט זי זיך אופ־געהויבן, גענומען שפאנען איבערן צימער, ניט געפינענדיק זיך קיין אָרט. ווען זי קאָן איצט ארײַן צו עמעצן, צו א נאָענטן מענטשן, זיך אויסריידן דאָס הארץ, זיך מעיאשעוו זײַן. נאָר צו וועמען זאָל זי גיין? דער איינציקער מענטש, צו וועמען זי וואָלט געקאָנט ארײַנגיין — איוואשטשענקאָ, — איז גראָד איצט ניטאָ, אוועקגעפאָרן אף קוראָרט. און ווען ער איז אפילע דאָ, — גיט זי א טראכט, — וואָלט זי סײַוויי צו אים ניט געגאנגען. צוליב וואָס ארײַנמישן אים אין אזא איניען... אָט, ווען שעפּטל פאָרט ניט אוועק... נאָר שעפּטל קער שוין זײַן בא זיך אין כוטאָר און הייבט אפילע ניט אָן צו וויסן, וואָס מיט איר איז געשען.

א טראכט געבנדיק וועגן שעפּטלען, ווערט איר עטוואָס לײַכטער אף דער נע־שאָמע. איר ווערט גרינגער שוין פון דעם אליין, וואָס עס איז פאראן א מענטש, פאר וועמען זי קאָן אויסריידן דאָס הארץ.

עס איז איר דורכגעלאָפן א געדאנק — עפשער נאָך הײַנט צופאָרן צו אים אין כוטאָר. נאָר ווען וועט זי עס באווײַזן פאָרן. דער זייגער איז שוין נאָך צוועלף. און טאָמער וועט מען זי הײַנט ווידער ארויסרופן? ניקאָלײַענקאָ איז דאָך דאָ...

מע האָט א שטארקן קלאַפּ געטאָן אין דער טיר. עלקע האָט אופגעציטערט און א קוק געטאָן אין פענצטער, צי עס שטייט ניט אנטקעגן זייער הויז די באקאנטע מאשין.

ס'האָט זיך האסטיק געעפנט די טיר. א פארוויינטע האָט זיך ארײַנגעריסן די שכיינע פונעם אייבערשטן שטאָק און, פארברעכנדיק די הענט, אויסגעשרײַען מיט א געיאָמער:

— אוי, א צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אף אונדז, אזא אומגליק... אזא אומגליק... א מילכאָמע מיט היטלערן.

„א מילכאָמע... מיט היטלערן?"... עלקע האָט זיך אינגאנצן פארלוירן.

איצט האָט זי זיך דערמאָנט אָן דעם פּאַרטאָגיקן טעלעפאָן־קלונג אין ניקאָלײַען־קאָס קאַבינעט און פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דעריוגין איז אַזוי בלייך געוואָרן. מע האָט אים, קאָנטיק, שוין דעמלט געקלונגען פון זאַפּאָראָזשיע, אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע. עלקע האָט מיט אַ נעקאָמע־געפיל אַ טראַכט געטאָן, אַז ס׳וואָלט זייער גוט געווען, ווען מע נעמט אים גלײַך צו אָפּן פראָנט און מע שיקט אים אין סאַמע פײַער אַרײַן. זאָל ער גיין זיך שלאָגן קעגן היטלערן און ניט מאַכן אומגליקלעך ערלעכע מענטשן...

אַ צערודערטע פון דער נײַס, איז זי אַרויס אין דרויסן.

אויף דער באַזוניקטער גאַס איז פול געווען מיט מענטשן. מע האָט זיך געקליבן אין רעדלעך. ווײַבער האָבן געוויינט. מאַנצבלען האָבן אָן אויפהער גערייכערט און איבערדערציילט יעדערער אויף זײַן אויפן דאָס, וואָס מע האָט געהערט דורך ראַדיאָ.

קימאַט דעם גאַנצן טאָג איז עלקע געווען אין דער טומלדיקער גאַס, צווישן אוילעם. דער אומגליק, וואָס האָט געטראָפן און אַנגערירט אַלעמען, האָט אין אַ געוויסער מאָס אָפּגערוקט אין הינטערגרונט אירע פּערזענלעכע ליידן, און זי האָט אָנגעהויבן טראַכטן, אַז דאַפקע איצט וועט איר עפּשער זײַן גרינגער זיך דערשלאָגן, מע זאָל איבערקוקן אַלעקסייס איניען. אַלעקסיי איז דאָך אַן אינזשעניער־פּאָלקאָווניק, אַ קאָנסטרוקטאָר פון אַוויִאַמאָטאָרן. מע וועט זיך איצט נייטיקן אין אַזעלכע, ווי ער.

אינעם וואַרעמען דרויסן איז געוואָרן אַלץ טינקעלער. עלקע האָט אין הויף צווישן די קינדער אָפּגעזוכט סוועטקען.

אַ פאַרפלאַמטס איז דאָס קינד מיט אַ פרייִלעכער קוויטשערײַ געשפּרונגען הין און צוריק אויף איין פיסל. עלקע האָט זי גענומען פאַרן הענטל, אוועקגעפירט אין צימער און געלייגט שלאָפן. ווען סוועטקע האָט אײַנגעדרעמלט, איז עלקע ווידער אַרויס אין דרויסן. זי האָט, קוים שטייענדיק אויף די פיס, געוואַרט, ביז מע האָט איבערגעגעבן די לעצטע נײַס.

געלייגט האָט זי זיך שפּעט, און, כאָטש זי איז געווען זייער מיד, האָט זי אײַנשלאָפן ניט געקאָנט. פאַר די אויגן איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען אַלץ, וואָס זי האָט איבערגעלעבט פאַר דעם מעסלעס, — שפּעטל, דער אָנגערייכערטער קאַבינעט... דעריוגינס שטעכיקער בליק...

נײַן, דעם פּראָטאָקאָל האָט זי ניט אונטערגעשריבן...

פאַרטאָג, ווי נאָר עלקע האָט זיך אופגעכאַפּט, האָט זי אַ צי געטאָן אין דרויסן. בא דער קאָליטקע, באַלויכטן פון די ערשטע זונשטראַלן, זײַנען געשטאַנען עטלעכע מענער און פרויען און באַהאַנדלט די לעצטע נײַס.

— די מילכאָמע וועט לאַנג ניט דויערן, — האָט איינער געזאָגט, — אין מעשעך פון עטלעכע וואָכן וועט אונדזער אַרמיי צעשמעטערן דעם סוינע...

אַ דערמונטערטע פון דעם, וואָס די דאָזיקע אומבאַקאַנטע מענטשן האָבן אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס זי האָט געטראַכט, האָט עלקע זיך געלאָזט אויף דער אַרבעט. זי האָט געוואָלט קומען הײַנט פריִער, צווישן מענטשן וועט איר זײַן לײַכטער.

ווען עלקע איז אריַין אין קאָנטאָר, האָט די ראדיאָ איבערגעכאַזערט די אינדערפריַיקע סוואָדקע פון פראָנט. אף עלקעס אָרט באם טישל איז געזעסן אן אומבאַקאַנטער פולבלעכער באַיאָרטער מאנצבל און פארטראָגן געבלעטערט א פעקל פאפירן. עלקע האָט אויסגעטאָן דאָס לייַכטע מאַנטעלע, אופגעהאַנגען עס, ווי שטענדיק, אפן הילצערנעם הענגער, צוגעגאַנגען צום טישל און געווארט, דער אומבאַקאַנטער זאָל איר אָפּטרעטן דאָס אָרט.

אין דער מינוט איז אריַין דער דירעקטאָר, זייער א פארזאָרגטער, מיט צעשויבערטע גראָווע האָר. אף עלקעס באַגריסונג האָט ער צעטראָגן א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט אויסגעשלאָסן די ראדיאָ, גענומען דאָס טעלעפאָן־טרייַבל און, שטארק נערווירנדיק זיך, אָנגעהויבן ארויסרופן די אייַזנבאַן־סטאנציע. די סטאנציע איז געווען פארנומען. ער האָט א שלייַדער געטאָן דאָס טרייַבל און, ווי ער וואָלט געווען מיט עפּעס ניט צופרידן, האָסטיק זיך אויסגעדרייט צום פולבלעכן מאנצבל.

— נו, דורכגעקוקט? אלץ קלאָר? הייַנט, מייַן איך, דארפט איר זיך באַשעפטיקן מיטן פינפטן סקלאַד.

יענער, ווי ער וואָלט נאָר געווארט אף דער פאַראָרדענונג, האָט זיך האָסטיק אופגעהויבן, גענומען די פאפירן און איז ארויס.

— ווער איז עס? — האָט עלקע א פרעג געטאָן.

דער דירעקטאָר האָט א קוק געטאָן אף איר מיט אן אומבאַהאָלפענעם צעשטרייטן בליק, א ווייַלע אין פארלעגנהייַט געשוויגן און שטיל געענטפערט:

—אף אייַער אָרט, כאַווערטע אָרעשינא.

עלקע האָט פארכידעשט אים אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט ניט פארשטאַנען, וואָס ער האָט געזאָגט.

—אף מייַן אָרט?.. און איך?..

— איר... — האָט ער אָנמעכטיק א פיר געטאָן מיט די הענט. — איר זייַט פון דער ארבעט באַפרייַט.

— באַפרייַט?.. ווער האָט מיך באַפרייַט?.. ווען?.. פארוואָס?..

— ניט איך... גלייבט מיר, אז ניט איך, — פאַראַן, צום באַדויערן, א פאַראָרדענונג... פון ראַיִוספּירקאָם...

עלקע איז ארויס פון קאָנטאָר און האָט זיך פארנומען מיט א זייַטיק געסל, קעדיי ניט באַגעגענען קיינעם פון די מיטארבעטער. נאָר מיטאַמאָל האָט זי זיך אין עפּעס דערמאָנט און אייַלנדיק זיך אומגעקערט.

— אנטשולדיקט, — האָט זי זייער שטיל א זאָג געטאָן, אריַינגייענדיק אין צימער. זי האָט אראָפּגענומען פונעם הילצערנעם הענגער איר מאַנטל און גיך ארויס.

עלקע האָט באַשטימט גיין גלייַך אין ראַיִוספּירקאָם.

די לאַנגע אויסגעברוקירטע גאַס, וואָס האָט געפירט צום צענטער, איז פיל־און־פול געווען מיט מענטשן. מע האָט באַגלייט די מאָביליזירטע, וועלכע האָבן גע־

שפּאַנט צום וואָקזאַל. עמעצער האָט געשפּילט אַף אַ האַרמאָניק. אין דער פאָדערשטער קאָלאָנע האָט מען, איבערשרײַענדיק אײנער דעם אַנדערן, געזונגען «Если завтра война»[1], קינדער זײַנען באָרוועסע נאָכגעלאָפן, פרויען האָבן געװײנט הויך אַף אַ קאָל, עלטערע מענטשן זײַנען געשטאַנען בײַ דער זײַט אונטער די געדיכט־צעגרינטע אַקאַציעס און טרויעריק געשאָקלט מיט די קעפּ.

עלקע איז געגאַנגען צווישן דעם עולם און געפילט זיך אַזוי, ווי איר וואָלט איצט געווען ערגער פון אַלעמען. זי האָט מיט קינאה געקוקט אַף די פאַרווײנטע פרויען, וואָס באַגלייטן זייערע מענער. זי וואָלט איצט אַליין געגאַנגען אין וואָיענקאָמאַט בעטן, מע זאָל זי שיקן אַפן פראָנט. נאָר סוועטע... אַף וועמען איבערלאָזן דאָס קינד?..

„צום מײַ־יאָמטעוו האָט דער ראַיויספּירקאָם מיר אַרויסגעטראָגן אַ דאַנק פאַר גוטער אַרבעט, — האָט זי ביטער אַ שמייכל געטאָן, — און מיטאַמאָל, נאַ דיר“...

מיט גיכע טריט איז זי אַרויף אַף די טרעפּלעך פונעם ראַיויספּירקאָם. די קאַבינעטן פונעם פאָרזיצער און זײַן שטעלפאַרטרעטער זײַנען געווען פאַרשלאָסן. דאָך איז זי ניט אַוועק. ביזן סאָף אַרבעטסטאָג האָט זי, אַ הונגעריקע, זיך אַרומגעדרייט אַף דער גאַס לעבן אויספּירקאָם. זי האָט געוואָלט נאָך הײַנט אויסקלאָרן איר לאַגע. נאָר ניט דער פאָרזיצער, ניט זײַן שטעלפאַרטרעטער איז ניט געקומען. ס'איז געווען דער צווייטער טאָג פון דער מילכאָמע, און דער גאַנצער אַפּאַראַט האָט זיך געפונען אין ראַיאָן.

אַף מאָרגן האָט זיך איבערגעכאַזערט דאָס זעלבע.

ערשט אַפן דריטן טאָג, ווען עלקע איז געקומען אין ראַיויספּירקאָם, האָט זי זיך דערוווּסט, אַז דער שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער איז בײַ זיך אין קאַבינעט, און זי איז גלײַך אַוועק צו אים.

יוכים כאַריטאָנאָוויטש גאָלדמאַן, דער שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער, איז געזעסן אָנגעבויגן בײַם טיש און, אונטערסאָפּענדיק, עפּעס געשריבן. דערהערט, אַז עמעצער איז אַרײַן, האָט ער אויפגעהויבן דעם שווערן קײַלעכדיקן קאָפּ זײַנעם מיטן נידעריקן שטערן, אַף וועלכן ס'זײַנען אַראָפּגעהאַנגען געדיכטע שוואַרצע פּאַסמעס האָר. דערזען עלקען, האָט ער אומצופרידן אָנגעצילט אַף איר אַ פּאָר קאַלטע אויסגעלאָפּעטע אויגן.

— ווער האָט אײַך דערלויבט אַרײַנגיין? — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט זי אײַנגאַנצן ניט געקענט. — איך נעם איצט ניט אויף...

עלקע האָט זיך פאַרלוירן, ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן, נאָר באַלד זיך באַהערשט.

— איך דאַרף צו אײַך...

— איר זעט דאָך, איך בין פאַרנומען, — האָט ער זיך צעשריִען, ווי ער וואָלט ניט וועלן אַפילע הערן, וואָס זי רעדט, — שטערט מיר ניט!..

---

[1] „אויב ס'איז מאָרגן אַ קריג“ (ווערטער פון אַ פּאָפּולערער ליד).

— וואָס שרײַט איר? — האָט עלקע שטיל געזאָגט, אָפּווישנדיק מיט א טיכעלע דעם שווייס פונעם שטערן, — איך בין געקומען ניט צו אײַך אהיים, איך בין אין ראיויספירקאָם...

— איר שטערט מיר ארבעטן!.. — האָט ער אופגערעגט זיך אופגעהויבן.

אינעם פרענטש און אין די שטיוול, פארלייגט די רעכטע האנט אף דער ברוסט, האָט ער ווי פאָזירט צו א פאָרטרעט.

עלקע איז אלץ געשטאנען בא דער טיר.

— איך וויל וויסן, — האָט זי געפרעגט, — פארוואָס האָט מען מיך אראָפּגע־נומען פון דער ארבעט?

— איר ווייסט.

— ניין, איך ווייס ניט.

— איר ווייסט זייער גוט, — האָט ער מיט א כויזעק־שמייכעלע געזאָגט, — און אהער האָט איר מער ניט וואָס צו גיין...

בא עלקען האָט פארכאפּט דער אָטעם און זי האָט מער ניט געקאָנט ארויס־ברענגען קיין וואָרט. זי איז א ווײַל געשטאנען א פארלוירענע, געקוקט אף אים און איז ארויס.

גיין אהיים האָט זי ניט געקאָנט. וואָס וועט זי טאָן איצט איינע אליין צווישן די פיר ווענט? זי איז פאמעלעך אוועק מיט דער זײַטיקער גאס, אליין ניט וויסנדיק, וווהין זי גייט. די צײַט האָט מיטאמאָל פארלוירן פאר איר די ווערט.

אפן ראָג, אנטקעגן דער אפטייק, האָט פונעם רופּאָר אפן טעלעפאָן־סלופּ געהילכט די ראַדיאָ. פארבײַגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט אף ביידע זײַטן גאס און פארזאָרגט געהערט די לעצטע נײַעס, די סוואָדקע פון סאָווינפאָרמביוראָ.

עלקע האָט זיך צוגעהערט, נאָר געטראכט האָט זי נאָך אלץ וועגן דעם, וואָס איז ערשט פאָרגעקומען מיט איר.

ס'האָט זי געוווּנדערט, ווי קומט עס, וואָס איצט, אין אזא צײַט, גייט איר אָן איר פערזענלעך לעבן מער, ווי דאָס לעבן פון לאנד, און זי האָט געהאט פארדראָס אף זיך. פלוצעם האָט עלקע זיך אומגעקוקט, אז זי שטייט איינע אליין אפן פּוסטן ראָג. „וווּהין גייט מען ווײַטער?“, — האָט זי א טראכט געטאָן און זיך דערמאָנט, אז ס'איז שוין צײַט נעמען סוועטקען פון קינדערגאָרטן.

א גאנצן אָוונט האָט דאָס קינד איבערגעקערט דאָס צימער, געשטיפט. שוין גאנץ שפּעט האָט זיך אײַנגעגעבן אוועקלייגן זי שלאָפן. א מידע האָט עלקע זיך צוגעזעצט אפן נידעריקן בענקעלע און, אָנשפּארנדיק זיך אפן טאבורעט, גענומען שרײַבן א בריוו צו סטאלינען.

זי האָט אין איין אָטעם פארשריבן עטלעכע זײַטלעך, דערציילט אלץ וועגן אלעקסייען, וועלכער איז — זי איז זיכער אין דעם — אומשולדיק, נאָכדעם וועגן דער אומגעהערטער אופירונג פון דעריוגינען, וועגן דעם, אז מע האָט זי אָן א שום סיבע אראָפּגענומען פון דער ארבעט... זי האָט ניט געצווייפלט, אז קוים וועט דער בריוו דערגיין צו סטאלינען, וועט אלץ זײַן גוט.

עלקע האָט זיך געלייגט, נאָר באַלד אופגעשטאַנען און איבערגעשריבן דעם בריוו אַף ריין, באַהאַלטן אים אונטערן קישן און זיך געלייגט שלאָפן.

„ווען דו ווייסט, אַליאָשע טײַערער, וואָס איך לעב איצט איבער"... — האָט זי געשעפּטשעט, אַרומנעמענדיק דעם קישן.

זי האָט אַ ווײַל זיך צוגעהערט צו סוועטעס רויִקן און שטילן אָטעם און האָט שוין געוומען אײַנדרעמלען. מיטאַמאָל האָט פון דער שפּעט־נאַכטיקער גאַס זיך דערטראָגן אַ צעצויגענע הודערײַ פון אַן אַוטאָמאָשין. די מאַשין האָט זיך אָפּגע־שטעלט אַנטקעגן הויז. בײַ עלקען איז פאַרקילט געוואָרן דאָס האַרץ. דער שטערן און דער האַלדז זײַנען בײַ איר נאַס געוואָרן. איר האָט זיך געדוכט, אַז עס האָט אַ סקריפּע געטאָן די קאַליטקע, זי הערט טריט אין הויף, און זי האָט גענומען אָנגע־שטרענגט וואַרטן, אַז אָט־אָט וועט מען אָנקלאַפּן אין טיר.

אַף דער גאַס האָט עמעצער זיך באַלד הויך אויסגעזידלט, עס האָט ווידער אָנ־געהויבן הודען די מאַשין און מיט אַ טומל זיך אַוועקגעטראָגן.

הינטערן פענצטער איז שטיל געוואָרן. עלקע איז אַראָפּ פון געלעגער אין דעם דינעם לאַנגן העמד, אַף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו סוועטען און גענומען דאָס שלאָפנדיקע קינד צו זיך אין בעט אַרײַן.

גאַנצפרי איז עלקע אַוועק אַף פּאָטשט אָפּשיקן דעם בריוו. אַף די גאַסן איז געווען טומלדיק. מענטשן האָבן געײַלט צו דער אַרבעט.

די פּאָטשט איז נאָך געווען פאַרמאַכט. עלקע האָט באַשלאָסן וואַרטן, ביז מע וועט עפענען. דעם בריוו מוז זי נאָך הײַנט אָפּשיקן.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט זי שוין געהאַלטן אין דער האַנט די קוויטאַנציע, אַף וועלכער ס'איז געווען אָנגעוויזן: „י. וו. סטאַלינען".

עלקע האָט עטלעכע מאָל איבערגעלייענט די קוויטאַנציע, זיך דערפילט ווי עפּעס זיכערער פון דעם און באַשטימט ווידער צוגיין אין ראַיוספּירקאָם, צום פּאָרזיצער.

דער פּאָרזיצער איז אָבער נאָך אַלץ ניט געווען. עלקע האָט זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן אַף עטלעכע טעג איבער די קאָלווירטן פון ראַיאָן. זי איז אַוועק צוריק אַהיים. אַ פאַרטראָגענע האָט זי פאַרקערעוועט צום יונגן סעדל און אומגעריכט דערזען פונדערווײַטן איוואַשטשענקאָן. עטוואָס אַ סטולעוואַטער, איז ער ניט געײַלט געגאַנגען צום ראַיפּאַרטקאָם.

„זיך אומגעקערט פון קוראָרט... פאַר דער צײַט..." — האָט עלקע אַ טראַכט געטאָן און גיך פאַרשוווּנדן צווישן די ביימלעך. איר האָט זיך ניט געוואָלט, ער זאָל זי זען.

נאָר איוואַשטשענקאָ האָט זי באַמערקט און הויך אַף אַ קאָל זי אַ רוף געטאָן.

עלקע האָט זיך פאַרלוירן, געבליבן שטיין.

שווער טרעטנדיק, איז איוואַשטשענקאָ אַריבערגעגאַנגען די גאַס, און אָנגע־כמורעטער צוגעגאַנגען צו איר.

— איך האָב דיך נאָך פון דאָרט דערזען, — האָט ער א ווײַז געטאָן אפן ראָג, — און דו מיינסט מיסטאמע, אז איך ווארעם זיך נאָך אף דער זון, באָד זיך אין יאם... נאָך נעכטן האָב איך זיך אומגעקערט, — האָט ער איר ווארעם א דריק געטאָן די האנט. — טאָמער, זעסטו, האָב איך איין מאָל זיך אויסגעקליבן אף קוראָרט, האָט היטלערן זיך פונקט פארוואָלט אָנהייבן א מילכאָמע... א שווערע מילכאָמע... — האָט איוואשטשענקאָ פארזאָרגט געזאָגט, ניט אראָפּנעמענדיק די אויגן פון איר. — נו, וועגן דיר... וועגן דיר ווייס איך. מע האָט מיר דערציילט... אָן ארבעט וועסטו ניט זײַן... און דערווײַל...

—א דאנק, מיקאָלא סטעפּאנאָוויטש, — האָט עלקע מיט טרערן אין קאָל גע־זאָגט, — מע דארף גאָרניט... איך נייטיק זיך דערווײַל אין גאָרנישט...

— נו, נו... — האָט ער זיך א בייזער געטאָן. — דאָס איז ניט דײַן זאך... אין אָוונט קום צו גיין, מיר וועלן ווארטן אף דיר. און סוועטקען נעם מיט. כ׳האָב זיך שוין פארבענקט נאָך איר.

— כ׳ווייס ניט, — האָט עלקע געזאָגט.

— אויב דו וועסט ניט קומען, וועט טאטיאנא גאווריליאָוונא זיך באליידיקן... הערסט?.. און איך אויך... מירן ווארטן מיט דער וועטשערע...

— ביין, ביין, ווארט ניט... איך בעט אײַך... איר זאָלט ניט ווארטן. — זי האָט באמערקט עמעצן אפן ראָג, גיך זיך געזעגנט, ווי זי וואָלט ניט וועלן, אז מע זאָל זי זען שטיין איצט מיטן סעקרעטאר פונעם ראיפּארטקאָם, און אײַלנדיק אוועק.

קאַפּיטל צוועלף

מיט יעדן טאָג איז דער כוטאָר אלץ פולער געוואָרן מיט אומרויִק־שווערע ידיעות פון די פראָנטן. די רויטע ארמיי האָט געהאלטן אין איין אָפּטרעטן. שוין דעם דרײַ־און־צוואנציקסטן יון — אפן צווייטן טאָג פון דער מילכאָמע — האָט זי פארלאָזט קאָונע, לאָמזשע, בריסק... דעם פיר־און־צוואנציקסטן — ווילנע... אין די סוואָדקעס פון סאָווינפאָרמביוראָ האָבן זיך באוויזן אלץ נײַע און נײַע ריכטונגען: שאוולער, באראנאָוויטשער, לוצקער, לוואָווער, בעסאראבער...

דער סוינע האָט אָנגעגריפן איבער דעם גאנצן פראָנט — פונעם באלטישן ביזן שווארצן יאם.

דאָס איז געווען אזוי אומדערווארט, קימאט אומגלייבלעך.

בא שעפּטלען האָבן די דאָזיקע ידיעות ארויסגערופן א פארלוירנקײַט. ער האָט פארשטאנען, אז בא אזא לאגע וועט מען גאר אינגיכן אויך זײַן יאָר רופן, און אים האָט זיך געוואָלט כאָטש ביז דעמלט ווי ווײַט מעגלעך זיך ספראווען מיט די וויכ־טיקסטע ארבעטן אין בריגאדע, אין דער ערשטער ריי אראָפּנעמען די גערעטעניש פון די פעלדער.

דער גרויסער ווייץ־מאסיוו, וואָס האָט זיך געצויגן פון הינטער די מאָהילקעס אזש ביזן האָריזאָנט, און דער גראָטענער הויכער און געדיכטער גערשטן אין דער

קאָוואַלעווסקער באלקע האָבן שוין געהאלטן אָט־אָט באַם רייַף ווערן, נאָך א פּאָר טעג, און מע וועט קאָנען צוטרעטן צום שניט.

שעפּטל האָט גוט געוווּסט, אַז אין שניט־צייַט איז יעדע רעגע טייַער, און ער האָט דעריבער זיך געסטאַרעט צוגרייטן די שנייַדמאַשינעס, די בעסטאַרקעס, די האַרבעס, דאָס געשפּאַן, עס זאָל דערנאָך קיין שום אָפּהאַלט ניט זייַן. עס זייַנען געווען נאָך אַרבעטן אין בריגאַדע, וועלכע מע האָט געדאַרפט איצט אָפּטאָן. מע האָט געמוזט פאַרענדיקן דורכיעטן די קוקורוזע אין דער קרומער באַלקע, אַראָפּפירן דאָס נאָך פאַרבליבענע היי פונעם סטעפּ און ערטערווייַז איבעראַקערן און איבערוואַלויטשען דעם שוואַרצברוך.

דערצו האָט שעפּטל געהאַט איצט אויך אַנדערע זאָרג.

ווען וואָווע קאַלמען זאַהאָטס איז אַוועק אויף דער מלחמה, האָט אים אויפן טראַקטאָר פאַרביטן דאָדיע בורלאַקס יונגע קורנאָסינקע שנור קסעניע, וואָס איז געקומען אַהער צוגאַסט פון דווינסק, פון דער סאַמע גרענעץ, און איז פאַרבליבן דאָ. זינט זי האָט געבוירן דאָס קינד — שוין דרייַ יאָר, — האָט זי אויפן טראַקטאָר ניט געאַרבעט, און דעריבער האָט מען די ערשטע צייַט געדאַרפט איר צוהעלפן, און שעפּטל האָט זיך אויך געמוזט פאַרנעמען מיט דעם, ווייַל סייַ כאַמע טראַסקון זייַנען איצט מער געווען אין דאָרפראַט, איידער אין קאָלווירט.

אומעטום, ווו מע האָט אַוועקגעשטעלט נייַע מענטשן — עלטערע פרויען און נאָך גאָר יונגע כעווריע — אויפן אָרט פון די, וואָס זייַנען אַוועק אין דער אַרמיי, האָט די אַרבעט זיך געטאָן ניט אַזוי, ווי שעפּטלען האָט זיך געוואָלט. דאָס האָט אים געעֶרגערט. פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט איז ער געווען אין בריגאַדע. מע האָט אים געקאָנט זען אָט בײַ דער קוזניע — זיך קריגן מיטן שמיד, ווייַל אים איז ניט געפעלן, וויאַזוי מע האָט אָנגעצויגן די שינעס אויף די רעדער פון דער נייַער בעסטאַרקע, — אָט הויך אויף א סטויג היי מיט א ווילע אין די הענט, אָט אין סטעפּ נאָכשפּאַנען נאָכן הודענדיקן טראַקטאָר אַרויף־באַרג צווישן די פייַכטלעכע האָנעס פונעם שוואַרצברוך און אָט אין דער קרומער באַלקע, באַגלייַך מיט די פאַרזאָרגטע ווייַבער און מיידלעך באַם יעטן די קוקורוזע... און ווי שעפּטל איז ניט געווען פאַרנומען מיט דער אַרבעט, האָט בײַ אים פון מאָל צו מאָל אומרויִק אופגעצאַפּלט דאָס האַרץ פון עפּעס א דערוואַרטונגס־געפיל, וואָס האָט אים ניט צורו געלאָזט זינט דער באַגעגעניש מיט עלקען. ער האָט פאַר דער לאַנגער און זייער אומרויִקער וואָך פיל מאָל איבערגעטראַכט וועגן דעם, צי וועט עלקע זונטיק קומען, ווי זי האָט צוגעזאָגט, צי ניין. ווען ניט די מלחמה, וואָלט זי זיכער געקומען. אָבער איצט... אין אַזאַ צייַט...

אים האָט זיך זייער געוואָלט, אַז זי זאָל קומען, און גלייַכצייַטיק האָט אים געמאַטערט דאָס געוויסן, וואָס טאַקע איצט, אין אַזאַ צייַט, ווען ער ווייסט ניט, וואָס מאָרגן וועט זייַן, וואָס וועט זייַן מיט זעלדען, מיט די קינדער, טראַכט ער גאָר וועגן איר, וועגן עלקען... ער האָט געפּרוּווט פאַרטרייַבן פון זיך די געדאַנקען וועגן איר, נאָר זיי זייַנען אים באַלד ווידער באַפאַלן, און ווי בינען: וואָס מער ער האָט זיי

געטריבן, האָבן זיי אַלץ מער פֿאַרפֿאָלגט אים. ער איז ניט בעקויעך געווען דערשטיקן אין זיך דאָס געפֿיל, וואָס האָט זיך, ווי אַ פֿרישער וועסנע־שטראָם, אַרײַנגעכאַפּט אין די אָדערן. ער האָט געוואָלט איינס — זען זי. איצט. באַזונדערס איצט, ווען קיינער, און אויך ער דעריך, האָט ניט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס מאָרגן וועט זײַן.

שעפּטלען האָט זיך ניט געגלייבט, אַז עלקע וועט איצט קומען, און דאָך האָט ער מיט אומגעדולד געוואַרט אויף איר.

נאָר פּונקט שאַבייסענאַכטס, נאָך דעם, ווי ס׳האָט אַ גאַנצע וואָך געפּאָליעט די זון און, באַזונדערס די לעצטע פּאָר טעג, שטאַרק געפּאַרעט, האָבן איבערן כוטאָר זיך אָנגעהויבן קלײַבן צעפּלאָכעטע שוואַרצע וואָלקנס. אין דער לופֿט האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט רעגן, און דאָס האָט נאָך מער צעבויטעט שעפּטלס געמיט.

שוין שפּעט אין אָוונט איז ער אַ מידער, שווער טרעטנדיק מיט די פֿאַרשטויבטע שיך, געקומען אַהיים.

זעלדע האָט זיך נאָך געפּאָרעט אין דער שוואַך־באַלויכטענער קיך און אָן אומרויִקע געוואַרט אויף אים.

פֿונעם ערשטן טאָג אָן, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, איז זעלדע געווען אין איינע שרעק — געציטערט, אַז מע זאָל ניט מאָביליזירן שעפּטלען. ס׳איז גענוג געווען, זי זאָל דערזען גיין עמעצן צו זייער שטוב, אַז באַ איר זאָל זיך אָפּרײַסן דאָס האַרץ — עפּשער טראָגט מען שוין אַ פּאָוועסטקע. זי האָט איבערגעלעבט פֿון דעם, וואָס שעפּטל פֿלעגט די לעצטע טעג קומען שפּעט אַהיים. פֿאַרשטאַנען אָבער האָט זי, אַז נאָך דעם, ווי אַ סאַך קאָלווירטניקעס זײַנען אוועק אויף דער מילכאָמע, איז שעפּטלען געוואָרן שווערער, און זי האָט זיך דעריבער געסטאַרעט מיט גאָרנישט ניט באַאומרויִקן אים. אויב פֿריִער פֿלעגט שעפּטל איר באַהילפֿיק זײַן — פֿאַרטאָג אַרײַנטראָגן עטלעכע עמער וואַסער פֿון ברונעם, פֿון צײַט צו צײַט צוראַמען אין שטעלכל, האָט זי די לעצטע וואָך געטאָן אַלץ אַלײן, אַפֿילע איצט, ווען ס׳האָט באַ איר אָנגעריסן אַ פֿינגער אויף דער האַנט. הײַנט אין אָוונט האָט זעלדע שוין גאָר ניט געוווּסט, וואָס איבערצוטראַכטן, — פֿאַרנאַכט האָט כאָנציע זייער אַ צעטראָגענער געזוכט שעפּטלען.

דערהערט שעפּטלס טריט אין הויף, האָט זעלדע אויפֿגעפֿלאַמט און אײַליק גענומען גרייטן צום טיש.

— אַך, ווי עס כמאַרעט, — האָט שעפּטל פֿאַרדײַגעט געזאָגט, אַרײַנגייענדיק.

שעפּטל האָט צוגעמאַכט די טיר, עס זאָל ניט פֿאַלן קיין שײַן אין פֿירהויז, ווו דאָס פֿענצטער איז ניט געווען פֿאַרהאַנגען, און מיד געפֿרעגט:

— נו, וואָס הערט זיך?

— גאָרניט. די מאַמע פֿילט זיך בעסער, — האָט זעלדע שטיל געזאָגט, — די קינדערלעך שלאָפֿן שוין. זיי האָבן לאַנג געוואַרט אויף דיר... און באַ דיר וואָס הערט זיך?.. — האָט זי מיט ציטער אַ פֿרעג געטאָן, ווי זי וואָלט מוירע האָבן פֿאַר זײַן ענטפֿער.

— גאָרניט. וואָס זאָל זיך הערן. איך בין זייער מיד.

שעפטל האָט זיך ארומגעקוקט, ווי ער וואָלט באטראכט, צי אין קיך איז אַלץ אין אָרדענונג, און גענומען אראָפּציִען פון זיך דאָס פארשטויבטע אָפּגעבליאקעטע העמדל.

פארקאטשעט די ארבל פון דעם ברייטן אונטערהעמד, האָט ער זיך אָנגעבויגן איבער דער שיסל מיט וואסער, וואָס איז געשטאנען צוגעגרייט אף א נידעריקן טאבורעט אין קיך־ווינקל.

זעלדע האָט פון דער זײַט געכאפּט אן אומרויִקן בליק אף אים. „וואָס איז ער אזוי אָנגעכמורעט?" צי האָט כאָנציע ניט געבראכט קיין נײַע פּאָוועסטקעס פון וואָיענקאָמאט? נאָר זי האָט אפילו מוירע געהאט צו פרעגן וועגן דעם.

שעפטל האָט זיך אויסגעווישט דאָס פּאָנעם מיטן גראָבן האנטעך און שווײַגנדיק זיך געזעצט אין איין העמד צום טיש.

זעלדע האָט באלד, קעדיי ניט לאָזן שעפטלען ווארטן קיין איבעריקע מינוט, אוועקגעשטעלט א טעלער גרינעם שטשאוועל, פּארווײַסט מיט סמעטענע, און א פּאָלומיסעק קארטאָפל־לאטקעס, גוט צוגעפרעגלט אף בוימל, ווי ער האָט ליב. אליין האָט זי זיך צוגעזעצט אנטקעגן אפן עק באנק און מיט אן איבערגעגעבענעם בליק געקוקט אף אים. זי האָט איצט, ווי נאָך קיינמאָל, געשעצט יעדע מינוט, וואָס שעפטל איז געווען מיט איר, מיט די קינדער.

שעפטל האָט געפילט אף זיך איר בליק, ער האָט א זופּ געטאָן עטלעכע לעפל און אָפּגערוקט די שיסל.

— פארוואָס עסטו ניט? — האָט זי ווי דערשראָקן געפרעגט.

— גענוג... כ'וויל ניט.

— וואָסי, ס'איז ניט געשמאק?.. עפשער צוגיסן נאָך סמעטענע? — האָט זי זיך אופגעהויבן.

— כ'וויל מער ניט.

זי איז געבליבן שטיין פארלוירן, ווי זי זאָל זײַן שולדיק, וואָס דער שטשאוועל איז אים ניט געפעלן.

— עס כאָטש די לאטקעס... האָסט דאָך גאָרניט געגעסן.

ער האָט אָן כיישעק גענומען א לאטקע און א טראכט געטאָן, צי זאָל ער איצט זאָגן זעלדען, אז מאָרגן, קאָן זײַן, וועט קומען אהער עלקע, אָדער צוווארטן ביז אינדערפרי.

פאר דער וואָך צײַט האָט שעפטל עטלעכע מאָל זיך געקליבן דערציילן זעלדען, אז ער האָט זיך געזען מיט עלקען, אז ער איז געווען בא איר אין דער היים און זי האָט צוגעזאָגט קומען אהער צוגאסט. נאָר יעדעס מאָל האָט ער אָט דאָס געשפּרעך אָפּגעלייגט אף שפּעטער.

נאָר מאָרגן האָט עלקע געקאָנט קומען, און דעריבער, ווילנדיק־ניט־ווילנדיק, האָט ער איצט, באצײַטנס, געדארפט כאָטש זאָגן זעלדען וועגן דעם.

— הער זיך צו... זעלדע... — האָט ער זיך אָנגערופן.

— הא, וואָסי, שעפּטל? — זי האָט צוגעדריקט די הענט צום הארצן, ווי זי וואָלט מוירע האָבן פאַר א שלעכטער בסורע. — ס׳האָט עפּעס געטראָפן? — האָט זי ניט מיט איר שטים געפרעגט.

— ס׳האָט גאָרנישט ניט געטראָפן, — האָט שעפּטל זיך א קנייטש געטאָן.

— איז וואָס האָט כאָנציע... וואָס האָט ער דיך געזוכט היינט פארנאכט?..

— ער האָט געבראכט דעם קאָמביין.

— דעם קאָמביין?.. צוליב דעם האָט ער דיך געזוכט?.. — בא זעלדען איז אראָפּ א שטיין פונעם הארצן. — אבי כ׳האָב שוין ניט געוווסט, וואָס איבערצוטראכטן... נו, דאנקען גאָט... פּונקט היינט געבראכט. שאבייסענאכטס... ס׳איז א גוטער סימען, שעפּטל, זאָל זיין א גוטע וואָך...

זעלדע איז קיינמאָל ניט געווען קיין גלוביקע, נאָר זינט ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, איז זי אומבאמערקט פאַר זיך אליין געוואָרן אָבערגלויבעריש.

— זאָל זיין א גוטע וואָך, — האָט זי א ברויקטע איבערגעכאזערט, — זאָל זיין א רויקע וואָך, שעפּטל...

— האלעווייַ... — האָט שעפּטל פארדייגעט געענטפערט. — דערווייל כמארעט אָבער... און דאָס ברויט... דער ווייץ...

— עס כמארעט ניט אף קיין רעגן, — האָט זעלדע אים בארויקט, — הערסט, ווי עס רוישן די ביימער?.. ס׳וועט פארבייטראָגן... ביז אינדערפרי וועט זיך אויס־לייטערן...

— מעגלעך, — האָט ער מיט באהאלטענער האָפענונג געזאָגט, ארויסגענומען פון קעשענע א פּאַפּיראָס און א שאר געטאָן מיט דער האנט אפן ביישטידל.

זעלדע האָט זיך אופגעהויבן, גענומען פון דער פּליטע די שוועבעלעך און דער־לאנגט אים.

— נו, וואָסי מיטן פינגער?

— גרינגער א ביסל, — האָט זי געזאָגט, קעדיי שעפּטלען ניט מעצאער זיין, כאָטש דער פינגער איז נאָך געשוואָלן געווען און גוט ווי געטאָן.

— איז מאָרגן וועסטו נאָך אף דער פערמע מיסטאָם ניט גיין, האָ? וואָלסטו עפּ־שער, אויב ס׳וועט דיר ניט זיין שווער, צוגערעמט א ביסל אין שטוב, הא, זעלדע... און דעם הויף וואָלט אויך ניט געשאט...

— איך האָב זיך שוין אליין געקליבן, נאָר זעסט דאָך... גוט, כ׳ל צוראַמען.

— זאָג די קינדער, זיי וועלן דיר העלפן...

— גוט, שעפּטל... — זעלדע איז צופרידן געווען פון דעם, וואָס אים ווילט זיך, אז אין שטוב זאָל זיין אָן אָרדענונג.

שעפּטל האָט שווער זיך אופגעהויבן און פארן גיין שלאָפן ארויס אין דרויסן. באלד האָט ער זיך אומגעקערט א ניט צופרידענער. דער הימל איבערן כוטאָר איז געווען געדיכט באדעקט מיט כמארעס.

— ס׳איז אויסגעבעט? — האָט ער א פרעג געטאָן און איז אוועק אין טונקעלן צימער. מיט שטילע טריט איז ער צוגעגאנגען צו די בעטלעך, וווּ ס׳זיינען געשלאָפן

די קינדער, און א ווײַלע געשטאנען לעבן זיי. די קינדער האָבן רויִק געעטעמט. נאָר קורט האָט עפּעס גערעדט פון שלאָף. שעפּטל האָט אים בעסער צוגעדעקט און זיך געלייגט שלאָפן.

באנאכט האָט שעפּטל זיך עטלעכע מאָל אופגעכאַפּט און זיך צוגעהערט, צי ס'גייט ניט קיין רעגן. ווי נאָר ס'האָט אָנגעהויבן שאַריִען אף טאָג, איז ער שוין געווען אף די פיס. א באַרוועסער איז ער ארויס אינעם נאָך פארנעפּלטן פרישן דרויסן. דער הימל איבערן כוטאָר האָט זיך געהאט א ביסל אויסגעלײַטערט, נאָר דער ארוף־בארג הינטערן סטאוואק און דער הולײַפּאַליער שליאך זײַנען געווען פינצטער פון די שווער־דראַענדיקע וואָלקנס, וואָס זײַנען גאָר נידעריק געשוואומען איבער די אָנגעכמורעטע טונקל־געוואָרענע פעלדער. ערגעץ דאָרט, נעענטער צו הולײַפּאָליע, האָט שוין, קענטיק, גערעגנט.

מיט א צעקאָלעמוטעט הארץ איז ער ארײַן אין שטוב, זיך אָנגעטאָן און, גאָר־נישט ניט זאָגנדיק זעלדען, זיך געלאָזט גיין.

— ווארט צו!.. — האָט זעלדע אים א רוף געטאָן. זי איז שוין געשטאנען לעבן דרײַפוס און געוואָרעמט די לאטקעס. — עס עפּעס אָפּ...

— כ'וויל ניט... — און איז ארויס פון שטוב.

— עפּשער געבן דיר עפּעס מיט זיך? — האָט זעלדע, ארויסקוקנדיק פון דער טיר, אים נאָכגעשריִען.

— מע דאַרף ניט... כ'ל שפּעטער... — האָט ער געענטפערט און מיט גיכע טריט זיך פארנומען צום ווירטשאפט־הויף, ווו ס'האָבן מיט סאפּקעס אין די הענט זיך שוין געזאמלט די קאָלווירטניצעס ארום נעכאמקען. שטילערהייט האָבן זיי גערעדט צווישן זיך, אז די לעצטע סוואָדקע פון סאָוויִנפאָרמביוראָ איז ווידער ניט קיין פריילעכע.

שעפּטל האָט זיך נאָכאמאָל אומגעקוקט צום הולײַפּאָליער שליאך און מיט פאר־דראָס א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. „ניין, בא אזא הימל וועט זי זיך ניט לאָזן אין וועג", — און באשטימט, קאָלזמאַן ס'האָט נאָך ניט אָנגעהויבן רעגענען, גיין מיט די קאָלווירטניצעס יעטן די קוקורוזע אין דער קרומער באלקע...

קאפּיטל דרײַצן

אין דער זעלבער צײַט, זונטיק דעם נײַן־און־צוואנציקסטן יון גאנצפרי, איז עלקע שוין געווען לעבן דער אלטער הולײַפּאָליער בריק און א פּארטראַגענע ארויס־געקוקט, עפּשער וועט זיך ווײַזן א מאשין, מיט וועלכער זי וועט קאָנען צופאָרן קיין בוריאַנאָווקע.

פאראכטאָגן שאבייסענאכטס, ווען זי האָט באגלייט שעפּטלען, האָט זי אים גע־זאָגט, אז זי וועט קומען צו פאָרן אף דער בריטשקע פון „זאגאָטזערנאָ". נאָר צום „זאגאָטזערנאָ" האָט זי איצט שוין קיין שום שײַכעס ניט געהאט.

דער פרימאָרגן האָט זיך אויסגעגעבן א קילבלעכער. דער הימל איז באדעקט געווען מיט וואָלקנס און אין דער לופט האָט געשמעקט מיט רעגן. דאָך האָט עלקע געהאָפט, אז קיין רעגן וועט ניט גיין. זי מוז צופאָרן אין כוטאָר צו שעפטלען, זי איז שוין מער ניט בעיעכוילעס געווען טראָגן אין זיך דאָס אלץ, וואָס זי האָט פאר דער וואָך איבערגעלעבט. זי האָט געמוזט סאָפקאָלסאָף פאר עמעצן אויסריידן דאָס הארץ, און דער עמעצער איז נאָר שעפטל.

די לעצטע פאָר טעג האָט עלקע שוין ניט געוווסט, ווו זיך אהינצוטאָן. דאָס ארומגיין ליידיק, אָן ארבעט, האָט אף איר געדריקט אזוי, אז זי האָט זיך געפילט אויס מענטש. פון קליינווייז אָן איז זי געווינט געווען צו ארבעט. צו צען יאָר האָט זי שוין געפּאשעט באם קאָוואָלעווסקער באלעגוף די טשעריטקע[1]... און נאָכדעם... נאָכדעם איז דער גאנצער זין פון איר לעבן געווען אין דער ארבעט. און איצט, ווען ס'גייט אזא מילכאָמע... איצט ארומגיין ליידיק!.. ס'איז איר א ביזאָיען געווען צו ווייזן זיך מענטשן אין די אויגן.

עלקע איז ווידער געווען אין ראיויספירקאָם, געקליבן זיך פאָדערן באם פאָר־זיצער ארבעט, און ווידער אים ניט געטראָפן. איוואשטשענקאָ באומרויִקן האָט זי ניט געוואָלט, געסטארעט זיך אים אויסמייַדן. אָבער אויסריידן זיך פאר עמעצן האָט זי געמוזט...

פונעם אָטשערעט, וואָס איז געדיכט געוואקסן אונטער דער בריק, האָט געצויגן מיט פייַכטקייַט. עלקע האָט פארשפיליעט דאָס מאנטעלע. באלד האָט זי דערהערט א שווערע הודערייַ פון א לאסטמאשין און זי האָט מיט האָפענונג זיך אומגעקוקט. לויט דער קלינגערייַ פון די פוסטע בידאָנעס, וואָס האָבן אונטערגעטאנצט אין קוזאָוו, האָט זי פארשטאנען, אז די מאשין איז פונעם ראיאָנעם פוטער־זאוואָד, און האָט אופגעהויבן די האנט.

די מאשין האָט זיך אָפּגעשטעלט סאמע לעבן בריק. דער עקספעדיטאָר, א גראָ־ווער און דארער אלטיטשקער, וועלכן עלקע האָט איצט געזען צום ערשטן מאָל, האָט איר פאָרגעלייגט זיך זעצן אָנשטאָט אים אין קאבינע. עלקע האָט זיך אָפּגע־זאָגט און איז ארופגעקראָכן אין קוזאָוו.

די מאשין איז פונקט געגאנגען פארבייַ בוריאנאָווקע צו די מיאדלער כוטאָרס. אפצוריקוועגס, אין א דרייַ־פיר שאָ ארום, האָט זי באדארפט נעמען אף דער בוריאַ־נאָווקער מילך־פערמע די סליוזקעס פארן פוטער־זאוואָד.

פאר עלקען איז עס געווען ווי אָנגעמאָסטן. מיט דער זעלבער מאשין טאקע וועט זי נאָך ביז אָוונט זיך אומקערן אהיים.

עלקע האָט זיך אוועקגעזעצט אף א ליידיק קעסטל פון פוטער, וואָס איז געשטאַ־נען צווישן די בידאָנעס, און אראָפּגערוקט נידעריקער דאָס טיכל איבערן שטערן.

די מאשין האָט זיך געטראָגן, געקלונגען מיט די בידאָנעס, און עלקע האָט מיט דורשטיקע אויגן געקוקט אפן באקאנטן סטעפּ, אף דער גראָטענער רייַפווערנדיקער

[1] א טשערעדע קעלבלעך.

טווע, וואָס האָט זיך געשפּרייט פוןביידע זייַטן. כאָטש זי איז שוין לאַנג דאָ ניט געווען, געדענקט זי נאָך מיט אַלע איינצלהייַטן דעם ברייטן הולייַפּאָליער שליאַך מיט די דערבייַיקע בערגלעך, מיט די צוויי טאָפּאָלן אַרוף־באַרג, מיט די ניט ווייַט פּאַנאַנדערגעוואָרפענע דערפער אין די באַלקעס... זי האָט דערשפּירט דאָס שאַרפע גערוך פון צאָמבער און בלייענדיקן קאַטראַן, וואָס איז איר פון קינדוווייַז אייַנגעבאַקן געווען אין האַרצן, און זיך דערמאָנט, ווי זי איז דעמלט, מיט צוועלף יאָר צוריק, געגאַנגען מיט אַט דעם זעלבן וועג צופוס, אַ באַרוועסע, קיין הולייַפּאָליע, דערביִוועזן זיך דעם ערשטן טראַקטאָר פאַרן נאַרוואָס אָרגאַניזירטן בוריאַנאָווקער קאָלווירט, ווי זי האָט לעבן די זונרויזן באַגעגנט שעפּטלען, ווי זי האָט זיך געזעצט צו אים אַפן וואָגן און ער האָט ווילד געטריבן די פערד.

מיט דעם זעלבן וועג האָט זי באַכדעם זיך אומגעקערט אַפן טראַקטאָר צוריק אין כוטאָר, און ווען זי איז אריבערגעפאָרן די הרעבליע און אָנגעצונדן די פאַרעס, זייַנען די בוריאַנאָווקער זיך צונויפגעלאָפן ווי אַף אַ בייזוווּנדער. ס'איז דאָך געווען דער ערשטער טראַקטאָר אין דער אומגעגנט...

...די מאַשין האָט זיך האַסטיק געטראָגן. פון ביידע זייַטן וועג האָט פאַרבייַגעשווינדלט דער הויכער ווייץ, די קוקורוזע, דער גערשטן... מיט אַ ראַשיק ווינטל איז די מאַשין טראַסקענדיק דורכגעפאָרן איבער דעם ערשט־אויסגעבויטן הילצערנעם בריקל אין דער טונקל־גרינער באַלקע און מיט אַ שווערער הודערייַ אָוועקגעיאָגט מיט דעם שלענגלדיקן וועג אַרוף־באַרג. פונדאַנען האָט עלקע בוילעט דערזען דאָס דייַטשישע דאָרף זאָבענטאַל, וואָס איז געלעגן לינקס, עטוואָס ווייַטער פונעם וועג, און דאָס האַרץ האָט באַ איר אַ צאַפּל געטאָן. „זאָבענטאַל?" ...אין סאַמע אָנהייב פון דער קאָלעקטיוויזאַציע — איר איז דעמלט געווען נייַנצן יאָר — איז זי געקומען אַהער דורכפירן אַ פאַרזאַמלונג, און די ווייַבער זייַנען זי באַפאַלן, צעריסן אַף איר דאָס קאָפּטל און פאַרוואָרפן מיט שטיינער... זי וואָלט זיכער אַנטלאָפן פון דאָרט, ווען עס זאָל ניט געווען פונקט אָנקומען אַף זייַן פערד מיקאָלאַ סטעפּאַנאָוויטש איוואַשטשענקאָ, וועלכער איז שוין דעמלט געווען סעקרעטאַר פונעם ראַיקאָם. „נאָר זיך ניט אונטערגעבן", — האָט ער איר געזאָגט.

עלקען ווערט מיטאַמאָל עפּעס פרייַלעכער אַפן האַרצן. „וואָס פלוצלינג? — גיט זי אַ טראַכט און כאַפּט זיך באַלד. — אַ... איוואַשטשענקאָ"... ס'איז איר גענוג זיך דערמאָנען אין אים, איר זאָל ווערן לייַכטער אַף דער נעשאָמע, זי זאָל זיך דערפילן פעסטער, זיכערער אין זיך.

עס האָט אָנגעהויבן מאַראַקען אַ רעגנדל. עלקע האָט זיך בעסער אייַנגעוויקלט אין מאַנטעלע. מיט אַלץ מער נייַגער האָט זי געקוקט אַפן היימישן סטעפּ. יעדעס בערגל, יעדע באַלקע האָט איר דערמאָנט אין עפּעס. אָן זעען זיך שוין די מאָהילקעס. דאָ הייבט זיך שוין אָן בוריאַנאָווקער ערד. אָן דאָרט ערגעץ, מע זעט זי נאָך ניט, איז די הינטישע באַלקע. דאָרט איז דאָך געווען שעפּטלס נאַכלע, זייַן שטיקל ערד... וויפל האָט זי זיך געשפּאַרט מיט אים, און איצט... אינגאַנצן ניט צו דערקענען... אָן אַנדער מענטש... נאָר וואָס פאַרט זי, אייגנטלעך, צו אים?..

דאָס רעגנדל האָט צוגעשלאָגן דעם שטויב אפן וועג און אופגעהערט. אף א ווײַל האָט זיך באוויזן די זון, ארויסגעקוקט פון צווישן די וואָלקנס און באלד ווידער זיך באהאלטן.

די מאשין האָט פארקערעוועט מיטן זײַטיקן וועג צו דער מילך־פערמע, וואָס האָט זיך געפונען אפן בארג, פון דער זײַט סטאַוואָק, און אָפּגעשטעלט זיך לעבן א לאנגער ארויסגעקאַלכטער שטאַל.

די מילך־פערמע איז אויסגעוואַקסן פאר דער צײַט, וואָס עלקע איז דאָ ניט געווען. זי איז געווען ארומגעבויט מיט א סאך לאנגע און הויכע שטאַלן, געדעקט מיט ווײַסער און רויטער טשערעפּיצע. פון הינטער די שטאַלן האָבן זיך ארויסגעזען עטלעכע סילאָס־טורעמס און ווײַטער א ביסל — לאנגע און נידעריקע קאַשאַרעס. אף דער וואַנט פונעם סקלאַד איז געהאנגען א רויט לײַוונט, אף וועלכן ס'איז געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע ווײַסע בוכשטאַבן: „אַלץ פארן פראָנט!"

דער אַלטיטשקער עקספּעדיטאָר האָט איבערגעלאָזט א טייל בידאָנען און געזאָגט עלקען, אז זיי וועלן דאָ זײַן אומגעפער אין א דרײַ־פיר שאָ ארום.

לעבן ארטעזיאַנישן ברונעם האָט עלקע דערזען עטלעכע קאָלווירטניקעס, און קעדיי זיי זאָלן זי ניט באמערקן, האָט זי זיך אויסגעדרייט און געלאָזט זיך גיך גיין אראָפּ צו דער הרעבליע.

מיט יעדן טראָט, וואָס זי האָט געמאכט, האָט איר אַלץ שטארקער געטיאָכקעט דאָס הארץ. „דער זעלבער סטאַוואָק... די זעלבע הרעבליע..." — איר האָט זיך געדוכט, אז דאָ, ארום סטאַוואָק, האָט זיך גאָרנישט ניט געענדערט, אַלץ איז אזוי ווי געווען, פּונקט ווי דעמלט... אָן דאָרט, לעבן דעם הויכן אָטשערעט, האָט זי געשווענקט דאָס קאָפּטל... און אָט דאָ, אראָפּ דער הרעבליע, איז אָנגעפאָרן שעפּטל... זי האָט מיט בענקשאפט געקוקט אף די נאָענטע און ליבע ערטער.

פון דער הרעבליע האָט דער וועג געפירט פארבײַ דער נידעריקער קוזניע, פארבײַ די אמבארן, וואָס זײַנען געשטאנען אף פונדאַמענטן פון גרויסע ווײַסע שטיינער, און פארבײַ דעם פּוסטן זאַהאָן צו דער ברייטער קרומלעכער גאַס. נאָר עלקע האָט ניט געוואָלט זיך ווײַזן איצט אין כוטאָר. זי האָט פארקערעוועט מיטן נידעריקן פײַכטן ברעג סטאַוואָק אף רעכטס און איז אוועק צווישן דעם הויכן גרויען פאָלין מיט די הינטערגערטענער.

זי איז איבערגעשפּרונגען די קאַנאַווע, וואָס איז געדיכט באוואַקסן געווען מיט פּאַסליאָן, און איז אוועק מיט דער שמאָלער סטעזשקע. די סטעזשקע האָט געפירט ארוף דעם גאָרטן גלײַך צו שעפּטלס הויף. פונדערווײַטן, צווישן דעם גרינעם געבלעטער פון פּאָליסאַדניק, האָט זיך געזען די ווײַס־ארומגעקאַלכטע שטוב מיט די העל־בלויע ווינקלען.

עלקע איז אָן אומרויִקע ארײַן אין הויף, אראָפּגענומען דאָס טיכל און פאריכט די האָר אפן קאָפּ.

פון שטוב איז א פארטראָגענע ארויס זעלדע אין אָן אָפּגעבליאַקעוועט קלייד,

מיט א פוסטן עמער אין האנט. זי האָט זיך געלאָזט גיין צום ברונעם און מיטאמאָל דערזען עלקען.

— כאווערטע רודנער... — האָט זי אויסגעשריִען, ארויסלאָזנדיק דעם עמער פון האנט. — איַי, סארא גאסט... קומט אריַין...

אָן איבערראשטע האָט זי אריַינגעפירט עלקען אין גערעמען צימער, וועלכן זי האָט אָקאָרשט פארענדיקט צוקליַיבן, און ניט געוווסט, וויאזוי בעסער זי אופ־צונעמען.

— טוט זיך אויס, — האָט זי געהאָלפן עלקען אראָפּנעמען דאָס מאנטעלע, — פילט זיך, ווי בא זיך אין דער היים... איר געדענקט... כאווערטע רודנער... איר זיַיט דאָך געווען מיַין פּיאָנער־וואָזשאטע... און איצט בין איך שוין, דאנקען גאָט, א מאמע פון פיר קינדערלעך... מיך איז מיסטאמע שווער צו דערקענען... און איר האָט זיך גאָרניט געענדערט... פּונקט ווי דעמאָלט... די זעלבע כאווערטע רודנער... — האָט זי מיט לויכטנדיקע אויגן באטראכט עלקען.

עלקע איז געווען אָנגעטאָן זייער באשיידן — אין א טונקל־בלוי קליידל און אין א וויַיס קאָפּטעלע, און אויסגעזען האָט זי ווירקלעך זייער שיין און שלאנק, א סאך יינגער פון אירע איין און דריַיסיק יאָר.

זעלדעס אופנעם האָט איר דערוואָרעמט די נעשאָמע.

— א דאנק. באומרויִק זיך ניט, זעלדע...

— זעצט זיך, וואָס זשע שטייט איר, — זעלדע האָט אויסגעווישט מיטן פאר־טעך א בענקל, וואָס איז אזוי אויך געווען ריין, — איר זיַיט דאָך אוואדע מיד פון וועג... עפּשער וועט איר אויסטרינקען דערוויַיל א גלאָז מילך... אזא גאסט... ווען שעפּטל וויסט...

עלקע האָט געוואָלט א פרעג טאָן, ווו איז ער, שעפּטל, צי וועט ער אינגיכן קו־מען, נאָר זעלדע איז שוין אין צימער ניט געווען. „אָט דאָס איז יענע זעלדקע?“ עלקע האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז זי דארף אויסזען אינגאנצן אנדערש — ניט אזא פולבלעכע און א סאך א שענערע.

עלקע האָט באטראכט דאָס צימער, דאָס ברייטע ניקלנע בעט, וואָס איז גע־שטאנען אין ווינקל און געווען פארשפּרייט מיט א ראָזלעכער קאָפּע. באם צוקאָפּנס זיַינען געלעגן וויַיס־אָנגעצויגענע קישנס. די קינדערשע בעטלעך און די קושעטקע זיַינען אויך געווען צוגעקליַיבן.

אפן טיש — אָן אָנגעקראָכמאלעטער טישטעך, אפן קאָמאָד — אויסגענייטע סאל־פעטקעלעך.

אפן ערשט ניט לאנג אויסגעשמירטן דיל זיַינען געלעגן לאנגע פארביקע רעד־נעס. אין צימער האָט געשמעקט מיט פריש־געבאקענעם ברויט און יונגן צאָמבער. אף דער וואנט, צווישןביידע גאס־פענצטער, זיַינען געהאנגען עטלעכע גראמאָטעס און שעפּטלס א גרויסער פּאָרטרעט, אויסגעשניטן פון א ציַיטונג. אין ווינקל איז אף א טשוועקל געהאנגען דער וויַיסער פּידזשאק, אין וועלכן זי האָט דאָס לעצטע מאָל געזען שעפּטלען. עלקע האָט אים באמערקט און דערפילט זיך פון דעם היימלעכער.

„ווּ זשע איז ער?.. ער האָט דאָך געזאָגט, אַז ער וועט זי באַגעגענען...“
עלקע האָט אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער. נאָר אויף דער שטילער פּאַרוואָלקנטער גאַס האָט מען קיינעם ניט געזען. זי האָט דערקענט דאָדיע בורלאַקס שטוב. און וואָס איז דאָס?.. דאָרט איז דאָך געווען סימכע בערעזינס הויף... קאַנטיק, אַ קלוב — אַ שיינע הויכע געבײַדע מיט גרויסע פֿענצטער. און ווידער אַ נײַע געבײַדע... און דאָרט אויך... אַהאָ, וויפֿל מע האָט אויסגעבויט...
עלקע קוקט מיט כידעש אויף דער ברייטער עטוואָס קרומלעכער גאַס מיט די קאַנאַוועס און זאַהאַטיעס. צי דען איז זי איבער אָט דער גאַס געגאַנגען אַמאָל?.. און צי דען האָט זי מיט אָט דער גאַס געפֿירט דעמלט נאָך זיך די אויפֿגערודערט־צעפּאָלאָכעטע פֿויערים צו יאַנקעוו אָקסמאַנס ברעג־כוטאָרישן הויף, אַנטבאַלעגופּעווען אים?.. דאָס אַלץ האָט איר אויסגעזען איצט אַזוי ווײַט, אַזוי ווײַט...
— פּאַרצײַעט מיר, כאַווערטע רודנער, — איז זעלדע אַרײַנגעקומען מיט אַ גרויס קריגל אין איין האַנט און מיט אַ ריינער גלאָז — אין דער צווייטער. — טרינקט דערווײַל אויס אַ גלאָז מילך, ביז ס׳וועט פֿאַרטיק ווערן דער מיטיק... איך האָב שוין אָוועקגעשטעלט... ער קאָכט זיך שוין... טרינקט, איך בעט אײַך. ס׳איז ערשט פֿון קעלער.
— אַ דאַנק... באַ אײַך איז דאָ אַזוי גוט, — האָט עלקע שטיל געזאָגט.
— ס׳וואָלט געווען אַוואַדע גוט, ווען ניט די מילכאָמע, — האָט זעלדע, צונויפֿלייגנדיק די הענט אויף דער הויכער ברוסט, אַ זיפֿץ געטאָן. — וואָס וועט עס זײַן, כאַווערטע רודנער... איר דאַרפֿט דאָך וויסן...
— איך ווייס, זעלדע, פּונקט ווי דו...
— נו, וואָס רעדט איר!..
זעלדע האָט פֿאַרהיט צו עלקען דאָס זעלבע געפֿיל, וואָס זי האָט געהאַט צו איר נאָך דעמלט, ווען זי איז געווען אַ פּיאָנערקע.
זי האָט אַמאָל געהערט פֿון עמעצן, אַז עלקע איז געווען פֿאַרליבט אין שעפּטלען, נאָר אין אירע אויגן האָט עלקע אויסגעזען צו גרויס, זי זאָל גלייבן, אַז באַ זיי אויפֿן כוטאָר זאָל זיך געפֿינען אַזאַ מענטש, וועלכער זאָל עלקען געפֿעלן ווערן. אַפֿילע שעפּטל.
— נו, וואָס זשע טרינקט איר ניט, — האָט זי צוגערוקט צו עלקען נעענטער די גלאָז קאַלטע מילך, — איך בעט אײַך...
— אַ דאַנק... — עלקע האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי זי וואָלט זיך ניט געפֿונען קיין אָרט, — און ווּ זײַנען די קינדערלעך? — האָט זי אַ פֿרעג געטאָן.
— זיי שפּילן זיך אין דרויסן... און שאַלעמקע איז אַנשלאָפֿן געוואָרן באַ דער שוויגער... אָט וועל איך זיי אַ רוף טאָן. — און מיטאַמאָל, ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט אָן עפּעס, האָט זי פֿאַרזיכטיק געעפֿנט די טיר פֿון דעם זײַטיקן צימערל.
— שוויגער... איר שלאָפֿט ניט?.. זעט, סאַראַ גאַסט מיר האָבן...
אין אַ צעקנייטשט קלייד איז קרעכצנדיק אַרײַן די שוויגער און זיך צוגעזעצט אויף אַ בענקל.

— אַ גאַסט זאָגסטו? — האָט זי, ושמורענדיק די אויגן, באַטראַכט עלקען. זי האָט זי ניט דערקענט און זיך אויסגעדרייט צו זעלדען.

— ווער איז דאָס מיידל? — האָט די אַלטע געפרעגט, פּאַריכטנדיק מיט די הענט דאָס ווײַסינקע געפינטלטע טיכל אויפן גראָוון קאָפּ.

— סײַדן איר דערקענט ניט, שוויגער? — האָט זעלדע זיך פאַרווונדערט. — קוקט זיך גוט צו...

— ניין... איך דערקען ניט, — האָט די אַלטע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— ס'איז דאָך די כאַווערטע רודנער... עלקע רודנער...

— ווער זאָגסטו?.. עלקע רודנער?.. וועלכע עלקע?.. אָט די, וואָס איז געווען דאָ? — האָט די אַלטע פאַרכידעשט געפרעגט.

— יענע... יענע... — האָט עלקע געזאָגט. — וואָס מאַכט איר? ווי פילט איר זיך?

— אַ דאַנק פאַרן פרעגן, — האָט די אַלטע געענטפערט, — האָב אויף מיר קיין פאַריבל ניט. נאָר איך זע שוין שוואַך... ביסטו דאָס טאַקע יענע עלקע?.. דאָס האָט מען דעמלט אין דיר געשאָסן אין דער קאָוואַלעווסקער באַלקע?.. נו, און איצט וואָס?.. ביסט שוין לאַנג ניט געווען דאָ... פאַרנעמסט מיסטאָמע גאָר אַ געהויבענע שטעלע... ביסט איצט וואָס — אַ סעקרעטאַרשע צי אַ פּרעדסעדאַטעל?.. האָסט כאַסענע געהאַט? האָסט שוין אַוואַדע קינדערלעך...

— אַ מיידעלע.

— זאָל זי לאַנג לעבן בײַ דיר, ווי אַלט איז זי?

— דאָס זעקסטע יאָר.

— פאַרוואָס האָט איר זי ניט גענומען מיט זיך, כאַווערטע רודנער, — האָט זעלדע באַדויערט. זי האָט גענומען אַ קישן פון גרויסן בעט, אַ לײַלעך פון קאָמאָד און אויסגעבעט אויף דער קושעטקע.

— לייגט זיך צו. רוט זיך אָפּ. באַלד וועט קומען שעפטל... מירן עסן מיטיק... — זי האָט גענומען אין ווינקל אַ טעפּל מיט גענדזנשמאַלץ און אוועקגעשטעלט אין קיך.

עלקע איז פאַרבליבן מיט דער אַלטער.

— און דער מאַן איז בײַ דיר מיסטאָמע אויך אַ גרויסער מענטש, — האָט די אַלטע געהאַלטן אין איין פאַנאַנדערפרעגן, — וואָס איז ער, אַ דירעקטאָר מיסטאָמע... אויף דער מילכאָמע האָט מען אים כאָטש ניט גענומען?.. און וואָס ביסטו געקומען.. אין קאָלכאָז?.. וועסט מיסטאָמע אַרויסטרעטן אויף אַ סאָבראַניע... ווען איך האָב קויעך, וואָלט איך אויך געגאַנגען אַ הער טאָן... ווּעסט מיסטאָמע ריידן וועגן דער מילכאָמע... מע האָט שוין דאָ אַ האַלבן כוטאָר צוגענומען... מע זאָל כאָטש ווײַטער ניט נעמען... איך שלאָף די נעכט ניט... איך־איינציקער זון.

די שוויגער, וואָס איז געזעסן מיטן פּאָנעם צום פענצטער, האָט ניט באַמערקט, ווי ס'האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַרײַן קורט. אַ באַרוועסער, אין אַ ווײַס העמדעלע און קורצע בלויע סאַטינענע הייזלעך אויף שלייקעלעך, איז ער ניט דרייסט אַריבערגעטראָטן די שוועל און דערזען די אַלטע. נאָך דער געשיכטע מיטן בוטל ווישניק האָט ער זי ניט געקאָנט אָנקוקן און געוואָלט גלײַך אַרויסלויפן צוריק.

— קום אהער, — האָט עלקע אים א רוף געטאָן, — סאַרא שיין יִנגעלע... ס'איז דער עלטערער אוואדע... ווי רופט מען דיך?.. נו, קום... קום אהער... קום צו מיר...

אונטער דער אלטער האָט אַ סקריפּע געטאָן דאָס בענקל, זי האָט זיך אויסגע־דרייט, דערזען קורטן.

— טפו אַף מײַנע סאָנימס קעפּ, — האָט זי אויסגעשפּיגן, — גיב נאָר א קוק, ער איז שוין דאָ... שוין דערשמעקט עפּעס... גיי... גיי פונדאנען... גיי!.. — האָט זי זיך צעשריִען.

קורט איז בלייך געוואָרן, דערשראָקן א קוק געטאָן אַף עלקען און איז ארויסגעלאָפן.

— וואָס האָט איר צום קינד, — האָט עלקע פאַרגעוואָרפן דער אלטער, — אזא וויל אייניקל.

— וואָס פאַר אַן אייניקל? א צוגאָב צו די צאָרעס... א דײַטשל...

די אלטע איז זיך מעכײַע געווען. סאָפּקאָלסאַף האָט זי געפּאַקט א מענטשן, פאַר וועמען זי האָט געקאָנט אויסריידן דאָס האַרץ. זי האָט אײַלנדיק, ווי זי וואָלט מוירע האָבן, אז עלקע זאָל ניט אוועקגיין, זיך צוגעזעצט נענטער צו איר און אָנגעהויבן גיך אויסדערציילן די גאנצע געשיכטע מיט קורטן.

— אז זעלדע איז אליין שולדיק. לעכאטכילע ניט געדאַרפט אים נעמען צו זיך. אז נאָר זי האָט ראכמאָנעס... אַף וועמען איז דאָ ראכמאָנעס צו האָבן?.. אַף א דײַטשל?.. זיי, דערציילט מען, קוילען אויס יעדן ייִדן... און אז ער וועט אויסוואקסן, וועט ער אויך זײַן אזוי, ווי זיי...

זעלדע האָט ארומגעוואשן די קינדער, אָנגעטאָן זיי ריינע העמדעלעך. זי האָט געוואָלט אויך ארומוואשן און איבערטאָן קורטן, נאָר ער איז א באַרויגעזער אנט־לאָפן און זיך באהאלטן אין הויף הינטער דער סקירדע. ער האָט זיך טיף פארגראָבן אין היי, צוגעמאכט מיט ביידע הענט די אויערן, קעדיי ניט הערן, ווי זעלדע רופט אים. זעלדע איז מיט די קינדער ארײַן צו עלקען.

— אָט, כאווערטע רודנער, אָט דאָס איז מײַן פּארמעגן, — די אויגן אירע האָבן געלויכטן מיט מוטערלעכן גליק. — אָט דאָס איז שמועלקע, ער דאַרף שוין הײַנ־טיקס יאָר גיין אין שול, און דאָס איז עסטערקע. און די הייסט טײַבעלע... און דער מיזיניק, שאָלעמקע, שלאָפט...

האלטנדיק זיך פאַר די הענט, זײַנען די קינדער געשטאנען איינס לעבן אנדערן און מיט ברייט־פאנאנדערגעעפנטע שווארצע פּאסליאַן־אויגן מיט נײַגער געקוקט אַף עלקען, וועלכע זיי האָבן געזען צום ערשטן מאָל. עלקע האָט א גלעט געטאָן איבערן קעפּל טײַבעלען, וואָס איז איינגאנצן ענלעך געווען אַף שעפטלען.

זי האָט מיטאמאָל זיך געכאַפּט, אז פאַר די קינדער האָט זי גאָרנישט ניט גע־בראכט, און זיך דערפילט ניט באקוועם. זי האָט א רוף געטאָן זעלדען אין א זײַט און איר אָפּנהארציק געזאָגט וועגן דעם. עפּשער קאָן מען דאָ עפּעס קויפן. נאָר זעלדע האָט אפילע ניט געוואָלט הערן.

— מע דאַרף גאָרנישט ניט קויפן... שוין גענוג, אז איר האָט אונדז אָנגעטאָן אזא

קאָוועד, כאָוווערטע רודנער, און געקומען צו אונדז צוגאַסט... און פאַר די קינדער זאָרגט זיך ניט... ס'וועט פאַר זיי קלעקן...

זי האָט ארויסגענומען פונעם אייבערשטן שופלאָד א פאַרביקע בלעכענע פושקע מיט קאָנפעטן און געגעבן די קינדער.

— אָט האָט איר אַ מאַטאַנע... פון דער טיאָטיע עלקע... — האָט זי געזאָגט.

דערזען די פאַרביקע פושקע, האָבן בא די קינדער זיך צעפינקלט די אויגן, זיי האָבן אַלע אויסגעצויגן צו איר די הענטלעך.

— אנו, ווייַזט כאָטש דער באָבען אויך, וואָס מע האָט אייַך געבראַכט, — האָט די אַלטע זיך אָנגערופן.

נאָר די קינדער האָבן געכאַפּט די פושקע און ארויסגעלאָפן אין דרויסן.

— איר זאָלט ניט פאַרגעסן קורטן אויך געבן, — האָט זעלדע דורכן פענצטער זיי נאָכגעשריִען.

— נאָך אַ וווּנדער, וואָס זי הייסט ניט אים אינגאַנצן אוועקגעבן, — האָט די אַלטע אַ בורטשע געטאָן. זי האָט קרעכצנדיק זיך אופגעהויבן און אָן אומצופרידענע אוועק צו זיך אינעם זייַטיקן צימערל.

— אָן עלטערער מענטש... מע דאַרף קיין פאַריבל ניט האָבן, — האָט זעלדע שטיל געזאָגט, ווען די אַלטע האָט פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. — איר קערט שוין אוואדע וועלן עסן...

— ניין, ניין... איך וויל גאָרנישט ניט, — האָט עלקע זיך אופגעהויבן. — איך וועל זיך דורכגיין...

— איר וועט אין ערגעץ ניט גיין... איך וועל אייַך ניט לאָזן, — האָט זעלדע אויסגערופן, — באַלד וועט שוין שעפטל קומען... ווייסט איר וואָס?.. — זי האָט מיטאמאָל געכאַפּט דאָס טיכל, ארופגעוואָרפן עס אפן קאָפּ. — איכ'ל צולויפן אין סטעפּ, צו דער קוקורוזע...

— מע דאַרף ניט, — האָט עלקע זי אָנגענומען פאַר דער האַנט.

— ער ווייסט דאָך ניט, אז מיר האָבן אזא גאַסט... איך וועל איינס און צוויי...

— ניין, ניין...

זעלדע, ווי זי וואָלט דערהערט עפּעס, איז צוגעלאָפן צום פענצטער. מיטן אויס־געפּאָרענעם שטויביקן וועג האָט זיך, אונטערהוידענדיק, אראָפּ־גאַס געטראָגן אהער די בעדארקע, געשפּאַנט מיטן גניאַדן. זעלדע האָט פונדערווייַטן דערזען שעפּטלען.

— אָט פאָרט ער, — האָט זי אַ צופרידענע אויסגערופן, — איר וועט אים, כאָ־ווערטע רודנער, ניט דערקענען איצט... שטאַרק כוישעך געוואָרן... באזונדערס פאַר די לעצטע טעג... וויפל, אז איר האָט אים ניט געזען?..

— וויפל?.. א וואָך...

— א וואָך? — זעלדע האָט פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט עלקען, ווי זי וואָלט ניט פאַרשטאַנען, וואָס זי רעדט.

— נו, נאָך אַ טאָג... הייַנט איז זונטיק... און ער איז געווען בא מיר פאַראַכטאָגן שאַבעס.

— פאראכטאָגן? — זעלדע האָט געפילט, ווי דאָס האַרץ איז בא איר פאַרקילט געוואָרן.

— וואָסי... ער האָט דיר ניט דערציילט?

— פאַרוואָס עפּעס... דערציילט... פאַרשטייט זיך, דערציילט... נו, יאָ, פאַראכטאָגן שאַבעס איז ער דאָך געווען אין הוליַיפּאָליע... — און קעדיי עלקע זאָל אָף איר גאָר־נישט ניט באמערקן, האָט זי געפּרווווט א שמייכל טאָן. — נו, כ'ל גיין גרייטן צום טיש. איין מינוט, כאַווערטע רודנער... מירן שוין עסן מיטיק. — און ארויסגעלאָפן אין קיך. זי האָט געפילט אין דער מינוט, ווי אין איר האָט זיך אַלץ איבערגעקערט. „פאַראכטאָגן שאַבעס... געווען בא איר... דאָרט אין הוליַיפּאָליע... און גאָרנישט ניט דערציילט, ניט געזאָגט אפילע, אז ער האָט זי געזען. ארויסבאהאַלטן פון מיר“...

איצט פאַרשטייט זי, פאַרוואָס ער האָט זיך אומגעקערט ניט באנאכט, ווי אנדערע בריגאדירן, נאָר אָף מאָרגן ערשט נאָך האַלבן טאָג...

דאָס איז געווען פאַר איר אינגאַנצן אומדערוואַרט, און דעריבער האָט עס אויס־געזען באזונדערס שרעקלעך. ס'האָט זיך איר פאַרדרייט דער קאָפּ, ווי די ערד וואָלט זיך א וויג געטאָן אונטער אירע מיטאמאָל אָפּגעשוואכטע פיס.

לעבן הויף האָט שעפּטל פאַרהאַלטן דעם גניאדן, צוגעבונדן די לייצעס צום פּאַרקן. א פאַרזאָרגטער, האָט ער אָפּגעטרייסלט דעם שטויב פון דער אָפּגעבליאקע־ווער קורטקע און א פאַרטראָגענער אוועק צו דער שטוב.

— פאַראן עפּעס עסן?.. הא, זעלדע?.. — האָט ער מיד א פרעג געטאָן, עפענענ־דיק די טיר. — כ'דאַרף באַלד פאָרן צוריק... — ער האָט אָנגעהויבן פאנאנדערשפּי־ליען די קורטקע, מיטאמאָל געבליבן שטיין א געפּלעפּטער.

— עלקע?! — האָט ער פאַרוואונדערט ארויסגערופן. לויט זײַן אויסזען האָט מען ניט געקאָנט פאַרשטיין, צי ער האָט זיך דערפרייט, צי דערשראָקן. — אין אזא פּאָ־גאָדע?.. — ער האָט זיך ארומגעקוקט, ניט וויסנדיק פון אומגעריכטקײַט וואָס צו טאָן, א טאָפּטשע געטאָן זיך אומבאהאָלפן אָפן אָרט, זיך ווידער ארומגעקוקט און ניט זיכער א דריק געטאָן עלקעס האנט.

— ביסט ניט צופרידן, וואָס איך בין געקומען? — האָט עלקע עטוואָס פאַרלוירן געפרעגט.

— פאַרוואָס... איך האָב פּאָשעט זיך ניט געריכט... אזעלכע וואָלקנס... — האָט שעפּטל ווי זיך פאַרענטפערט. ער האָט באמערקט, אז פאַר דער וואָך צײַט, וואָס זיי האָבן זיך ניט געזען, איז עלקע אָפּגעצערט געוואָרן און זעט אויס נאָך שענער, ווי פריִער, רירנדיק־שיין, און זיך דערשראָקן פאַר דעם.

— און ווו איז זעלדע?.. זי האָט דיך שוין געזען? — האָט ער צעטומלט א פרעג געטאָן.

— זי איז ערשט ארויס...

שעפּטל האָט געכאַפּט א קוק, צי איז אין צימער כאָטש צוגעקליבן.

— און איך האָב געמיינט... גיי ווייס... ס'האָט נאָך נעכטן צו נאכט־צו שטאַרק

זיך געכמארעט... געטראכט, אז דו וועסט ניט קומען... אזא הימל אינדערפרי געווען... און ווו איז דײַן טעכטערל?

— איבערגעלאָזט.

— געדארפט נעמען מיט זיך.

— כ׳האָב זי ניט געקאָנט נעמען, — האָט עלקע מיט א געפאלענער שטים געזאָגט. — ווען ביסטו, שעפטל, דעמלט אוועקגעפאָרן פון הוליַיפאָליע?..

— באגינען...

— און וועגן דער מילכאָמע ווען האָסטו זיך דערוווּסט?

— באטאָג ערשט. שוין אין כוטאָר. זעלדע האָט מיך באגעגנט מיט אָט דער נייַעס...

ער האָט א קוק געטאָן איר גלײַך אין די אויגן, ווי ער וואָלט זאָגן: „ווען מיר זײַנען געשטאנען מיט דיר אַף דער בריק, האָבן מיר דעמלט זיך ניט געריכט אַף דעם... און ס׳איז דאָך געווען אינגאנצן מיט צוויי שאָ איידער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן...“

— גיי ווייס... — ער האָט ארויסגענומען א פאפיראָס און פארייכערט, — פאר אָט דער וואָך האָבן מיר א שיין ביסל איבערגעלעבט... און הײַנט איז ווידער ניט קיין גוטע סוואָדקע...

שעפטל האָט פארזאָרגט געעפנט די טיר און א רוף געטאָן זעלדען.

— באלד... — האָט זיך שוואך דערטראָגן פון קיך זעלדעס שטים.

ער האָט די טיר ניט צוגעמאכט, געלאָזט זי אָפן. אים האָט זיך ניט געוואָלט, אז זעלדע זאָל אים טרעפן איצט מיט עלקען זאלבעצווייט בא א פארמאכטער טיר. ער האָט ניט געוווּסט, צי האָט עלקע דערציילט זעלדען, אז ער איז געווען בא איר, און דאָס האָט אים געקימערט און ער האָט זיך געפילט דעריבער, ווי אין קלעם.

— פארוואָס איז אָפן די טיר? — האָט זעלדע געפרעגט, אריַינגייענדיק מיט א הויכן לאבן ברויט און מיט טעלער אין די הענט. זי האָט פאָרזיכטיק אוועקגעשטעלט די טעלער דערוויַיל אַפן קאָמאָד, ארויסגענומען א פרישן טישטעך מיט פרענדז און געגומען גרייטן צום טיש. זי האָט זיך געסטארעט ניט ארויסוויַיזן דאָס, וואָס עס טוט זיך בא איר אַפן הארצן. ס׳איז איר געווען א ווייטעק און א ביזאָיען דערצו.

— זעצט זיך, זיַיט אזוי גוט, אהער, כאוועריטע רודנער, — האָט זי געוויזן עלקען אַפן אויבנאָן. — איך דערלאנג שוין דעם באָרשטש... — און גענומען פאנאנדערשטעלן די טעלער.

— זעלדע... נו, ווי... דו האָסט עלקען גלײַך דערקענט? — האָט שעפטל, צורוקנדיק דאָס בענקל, א פרעג געטאָן, פילנדיק, אז ער דארף איר איצט עפעס זאָגן. — און וואָס איז בא דיר, זעלדע, מיטן פינגער... הא, זעלדע?..

איר האָט זיך ניט געוואָלט אים ענטפערן, נאָר בײַקומענדיק זיך, האָט זי אוועקגעשטעלט א טעלער אנטקעגן אים און שטיל געזאָגט:

— גאָרניט... וואָס זאָל זײַן...

— נאָר ס׳טוט שוין ניט אזוי ווי, האַ, זעלדע?.. עפּשער, זעלדע... עפּעס העלפן דיר...— ער האָט עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד איבערגעכאַזערט איר נאָמען, ווי ער וואָלט זיך געפּילט שולדיק פאַר איר.

— מע דאַרף מיר ניט העלפן... כ׳ל אַליין.— זי איז צוגעגאַנגען צום קאָמאָד און גענומען שניַידן ברויט.

שעפטל האָט פון דער זײַט געכאַפּט א קוק אויף איר, ניט ווילנדיק פאַרגלײַכט זי מיט עלקען און זיך פאַרוואונדערט. זעלדע, וועלכע איז געווען אויף פינף יאָר ייִנגער פון עלקען, האָט אויסגעזען עלטער פון איר.

— וואָס איז בײַ דיר מיטן פינגער? — האָט עלקע א פרעג געטאָן זעלדען.

— גאָרנישט... טאָמער טוט ווי א ביסל, איז אויך אָן סאַקאָנעס...— זי האָט זיך געקסטאַרעט אײַנהאַלטן דעם ציטער אין די הענט, צונויפגעלייגט דאָס אָנגעשניטענע ברויט אין א טעלער און ארויס אין קיך נאָכן באָרשטש.

פון דרויסן האָט זיך דערטראָגן א געראויש פון א מאַשין. עלקע האָט זיך האַסטיק אומגעקוקט צום פענצטער, און דערזעענדיק, אז ס׳איז ניט די מאַשין פונעם הויַיפאָליער מילך־זאַוואָד, זיך צוריק אוועקגעזעצט.

— שעפטל...— האָט זי מיטאמאָל אײַליק זיך אָנגערופן, ווי זי וואָלט זיך וועלן באַנוצן מיט דער מינוט, וואָס זיי זײַנען פאַרבליבן אינצווייען.— איך וויל... איך דאַרף, שעפטל, מיט דיר זיך דורכריידן... מיט דיר אַליין... פאַרשטייסט... צוליב דעם בין איך געקומען אהער...

שעפטל האָט באַמערקט, ווי זי האָט זיך געענדערט אין פּנים, און, נאָך ניט פאַרשטייענדיק, וועגן וואָס זי וויל ריידן מיט אים, זיך פאַרלוירן.

— כ׳מיין... עפּשער... האַ?.. וועסט פריִער עפּשער אָפּעסן?.. — האָט ער א זאָג געטאָן, אומקוקנדיק זיך אויף דער טיר.

— ניין, איך אײַל זיך. עס קאָן באַלד קומען די מאַשין,— האָט זי זיך אופגעהויבן.— ס׳איז שוין שפּעט... איך דאַרף זיך מיט דיר דורכריידן, שעפטל... ס׳איז מיר איצט זייער שווער...— האָט זי שטיל געזאָגט. איר האָט זיך ניט געוואָלט, אז אפילו זעלדע זאָל וויסן וועגן איר לאַגע.

— וואָסי... ס׳האָט עפּעס געטראָפן? — האָט שעפטל דערשראָקן א פרעג געטאָן.

— קום ארויס... איך בעט דיך...

שעפטל האָט פאַרזאָרגט זיך אופגעהויבן און מיטאמאָל דערזען זעלדען שטיין לעבן דער שוועל מיט דעם טאָפּ זודיקן באָרשטש אין די הענט.

זי האָט, קאָנטיק, אַלץ געהערט.

שעפטל האָט אין פאַרלעגנהײַט זיך אומגעקוקט אויף איר און נאָכדעם אויף עלקען און ניט געוווסט וואָס צו טאָן.

— מירן באַלד אַרײַן, זעלדע,— האָט ער א זאָג געטאָן און מיט א ניט רויִק האַרץ ארויס נאָך עלקען אין הויף.

לעבן דער פריזבע איז ער געבליבן שטיין, ארויסגענומען א פּאַפּיראָס און פאַרריכערט.

— קום אהין, — האָט עלקע א ווײַז געטאָן צום גאָרטן.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין. עלקע האָט געשוויגן, שעפּטל אויך. ער האָט געוואַרט, זי זאָל אָנהייבן ריידן.

זיי זײַנען שוין ארויס פונעם הויף, געגאנגען איבער דעם גאָרטן, וואָס האָט זיך אראָפּגעלאָזט צום סטאוואָק, און נאָך אַלץ געשוויגן.

— מע דאַרף שוין אראָפּנעמען דאָס ברויט, — האָט שעפּטל הייזעריק, ניט מיט זײַן קאָל געזאָגט, — עס כמארעט ווידער... זעסט, וואָס עס טוט זיך...

עלקע האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל. גאָרנישט ניט געזאָגט. זי האָט אַליין ניט געוווּסט, וואָס עס קומט פאַר מיט איר. אז זי איז געפאָרן אהער, האָט זיך איר געדוכט, אז עס וועט איר ווערן גרינגער, ווען זי וועט זיך אויסריידן פאַר אים. און אָט איז זי אין כוטאָר, ער גייט לעבן איר, און זי ווייסט ניט, פון וואָס אָנצוהייבן... און וואָס וועט זײַן, אייגנטלעך, אז זי וועט אים שוין יאָ דערציילן... מיט וואָס קאָן ער איר העלפן?..

זיי זײַנען אומבאמערקט פאַר זיך אַרײַן אין דער הויכער פריש־שמעקנדיקער קוקורוזע. עלקע, א שלאַנקע, אין דעם ווײַסן קאָפּטל מיטן לײַכטן טיכל אויף די ווייכע בלאָנדע האָר, איז געבליבן שטיין און טיף אײַנגעעטעמט דאָס פרישע גערוך פון דער ערד. עלקע האָט אָפּגעריסן א קוקורוזע־בלאַט און זיך געלאָזט ווײַטער גיין. שעפּטל איז אוועק נאָך איר. איר שווײַגן האָט געדריקט. ער האָט שוין געוואָלט וויסן, וואָס איז געשען מיט איר.

ער האָט ניט געוווּסט, וואָס צו זאָגן, האָט ער זי געפרעגט:

— ווו שטייט די בריטשקע?

— וועלכע בריטשקע?

ניט ווײַט פון דער קוקורוזע, אונטן, האָט זיך געפּליעסקעט דער טונקל־בלויער סטאוואָק און ס׳האָט זיך קוים־קוים געוויגט דער הויכער אָטשערעט.

— האָסט דאָך געזאָגט, אז דו וועסט קומען אויף דער בריטשקע פון „זאַגאָט־זערנאָ“...

עלקע האָט זיך אויסגעדרייט צו אים, א קוק געטאָן אים גלײַך אין די אויגן און שטיל געזאָגט:

— איך אַרבעט שוין דאָרט ניט... שוין א וואָך, ווי איך אַרבעט אין ערגעץ ניט...

— וואָס הייסטו?.. — האָט ער זי פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט. — ס׳איז עפּעס געשען?

— געשען... — זי האָט פאַרביסן די ליפּ. — מע האָט מיך... מע האָט מיך ארויסגערופן אין בקווד... וועגן אַלעקסייען... אוי, שעפּטל...

זי איז אומגעריכט פאַר אים מיטאמאָל צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צו זײַן ברוסט און זיך צעוויינט.

צווייטער טייל

קאפּיטל אײנס

אלעקסײ איוואנאָוויטש אָרעשין, עלקעס מאַן, איז שוין בא דרײַ יאָר געוועזן אין א לאַגער פאַר באַזונדערס שווערע פאַרברעכער. דער לאַגער האָט זיך געפונען עטלעכע הונדערט קילאָמעטער צאָפנדיקער פון מאַגאַדאַן, אָף דער העכסטער סאָפּקע פון דער אומגעגנט. די „ווײַסע סאָפּקע", ווי מע האָט זי גערופן, איז א קײַלעכדיק יאָר געוועזן באַדעקט מיט שניי. דאָ איז גאָרנישט ניט געוואַקסן, אפילע קיין פויגל איז אהער קיינמאָל ניט פאַרפלויגן. שטענדיק האָבן געבלאָזן קאַלטע שטעכיקע ווינטן. אָפטמאָל פלעגט דער ווינט אזוי בושעווען, אז מענטשן פלעגן פאַלן פון די פיס.

אָף דער מיט סאָפּקע, צווישן די הויכע הורבעס שניי, זײַנען געשטאַנען עטלעכע נידעריקע הילצערנע באַראַקן, אַרומגעצאַמט מיט שטעכיקן דראָט. פאַרטאָג פלעגט מען פון די באַראַקן אַרויספירן די „זעקא"[1] אָף אַרבעט אויסער דער זאָנע און פאַר־נאַכט פאַרקאָלייעטע ברענגען צוריק.

[1] אַרעסטאַנטן.

אַלעקסיי האָט זיך געפּילט שוואַך, און מע האָט אים איבערגעלאָזט אַרבעטן לעבן דער זאַנע. זײַן אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט באַדאַרפט מיט נאָך איינעם, שוין אַן עלטערן מענטשן, שלעפּן אַף אַ שליטן שטיינער פון קאַריער. לעבן דעם קאַריער האָבן זיי אָנגעלאָדן די שטיינער, נאָכדעם זיך אײַנגעשפּאַנט, אָנגעטאָן די שטריק אַף די אַקסלען און געשלעפּט דעם שווערן שליטן באַרג־אַרויף.

דער „נאַפּאַרניק"[1] זײַנער איז געווען אַ רויִקער מענטש. אים איינעם האָט דער נאַטשאַלניק פון לאַגער דערלויבט טראָגן אַ באָרד, און אַלע האָבן אים מיט אַפּשײַ גערופן „באַטיאַ"[2]. דער אַלטער האָט ווייניק גערעדט, געאַרבעט שווײַגנדיק, געטאָן יעדע זאַך אַקוראַט, מיט פאַרשטאַנד, און האָט מיט דעם געמאַכט אַף אַלעקסייען אַ גוטן אײַנדרוק. פאַר וואָס יענער זיצט, האָט ער ניט געפרעגט. אַלעקסיי האָט שוין געוווּסט דאָס ניט געשריבענע געזעץ: אויב מע דערציילט אַליין ניט, דאַרף מען ניט פרעגן.

אַף דער אַרבעט האָט זיי מער פאַר אַלץ געמאַטערט די קעלט. דער פראָסט האָט דורכגענומען אַף דורך און דורך, דערצו האָט דער ווינט געשמיסן מיטן שניי אין פּאָנעם, זיך פאַרקליבן אונטערן בושלאַט, אין די אַרבל, אין קאַלנער. דער אַלטער האָט געקראָגן אַ פּאָר שטיקלעך געוואַנט, אופגעניייט פאַר זיך און פאַר אָרעשינען נאָז־בענדלעך. אין די בושלאַטן, אין די שמאַטאָווע היטלען, אַראָפּגערוקטע איבער די ברעמען, מיט די נאָז־בענדלעך אַף די נעזער, האָבן זיי אויסגעזען ווי סטראַשידלעס.

אַלעקסיי האָט ראַכמאָנעס געהאַט אַף דעם אַלטן, געשאַנעוועט אים און געסטאַרעט זיך די שווערערע אַרבעט טאָן אַליין. באַם אָנלאָדן די שטיינער פלעגט ער אופהייבן די גרעסטע, קעדיי דעם אַלטן זאָל זײַן גרינגער. ער האָט אפילע אָפּגעשפּאָרט פון זײַן קנאַפּער פּײַקע און צוגעשאַרט דעם אַלטן אַן איבעריקן ביסן. דער אַלטער האָט ליב געהאַט געזאַלצנס, און אַלעקסיי פלעגט שוין ניט עסן דאָס שטיקל הערינג, וואָס ער פלעגט צומאָל באַקומען, נאָר אָפּגעבן עס דעם „באַטיאַ". דאָס, וואָס ער האָט דאָ עמעצן געהאָלפן, האָט אים פאַרשאַפט אַ ביסל מענטשלעכע פרייד.

דער אַלטער פלעגט אַמאָל פאַר אים אויך עפּעס אָפּשפּאָרן — אַ ציגײַער מאַכאָרקע אָדער אפילע אַ שטיקל צוקער, וואָס ער האָט אויסגעביטן פאַר עפּעס.

אַף דער אַרבעט האָט מען געמוזט די גאַנצע צײַט זיך באַוועגן, אַנדערש וואָלטן זיי דערפרוירן געוואָרן.

שלעפּנדיק דעם שליטן אַרויף־באַרג, האָט אַלעקסיי איינמאָל זיך אויסגעגליטשט, אומגעפאַלן און שטאַרק צעקלאַפּט אַ פוס. דער אַלטער האָט אים געהאָלפן זיך אופהייבן, און זיי האָבן ווײַטער געשלעפּט דעם פול־אָנגעלאָדענעם שליטן.

— נעם זיך ניט אַזוי צום האַרצן, — האָט דער אַלטער מיט מיטגעפיל געזאָגט אָרעשינען, — עס וועט שוין לאַנג ניט דויערן.

---

[1] דער, וואָס האָט געאַרבעט מיט אים אין פּאָר.
[2] אַזוי רופט מען אַן עלטערן מענטשן.

„וועגן וואָס רעדט ער?" — האָט אַלעקסיי אָף אים אַ קוק געטאָן.

— דער דאָזיקער יאַריד וועט לאַנג ניט דויערן... עס מוז פּלאַצן... — האָט דער אַלטער מיט סינע געזאָגט. — וויפל האָסטו באַקומען?

— צען.

— פאַר וואָס?

— פאַר וואָס? פאַר גאָרניט.

— פאַר גאָרניט זעצט מען ניט. פאַר מיר האָסטו ניט וואָס מוירע צו האָבן, — ער האָט זיך אומגעקוקט צו דער בודקע, ווו ס'האָט זיך געוואַרעמט דער קאָנוואָיִר, — איך האָב זיי פֿײַנט, ווי סאַם... ניט לאַנג שוין געבליבן צו וואַרטן... די דײַטשן, די יאַפּאָנער וועלן אונדז באַפרײַען... אינגיכן... גאָר אינגיכן וועלן זיי זײַן דאָ... אָט דאָ... — האָט ער אַ טאָפּטשע געטאָן מיטן פוס אָפן שניי.

— וואָס רעדט איר?! — האָט אַלעקסיי דערשטוינט אויסגערופן. — איר הערט, וואָס איר רעדט? איר זײַט דאָך אַ רוסישער מענטש...

— און דו ביסט וואָס? געווען עפּשער באַ זיי אַ קאָמוניסט?

— איצט אויך אַ קאָמוניסט, — האָט אַלעקסיי בייז און מיט ווירדע געזאָגט.

דער אַלטער האָט פֿײַנטלעך אָף אים אַ קוק געטאָן. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס יענער רעדט. איצט, אײַנגעשפּאַנט, ווי אַ פערד, אין שליטן, איז ער אַ קאָמוניסט? ער מאַכט כויזעק, אָדער ער איז געווירט פון די געדאַנקען.

— אַפילע דאָ האָסטו אויך מוירע, — האָט דער אַלטער אַ צישע געטאָן, — און איך האָב ניט וואָס מוירע צו האָבן. איך ווייס, פאַר וואָס איך זיץ. איך האָב זיי געשאָסן און וועל נאָך מיט די אייגענע הענט שינדן די הויט פון זיי... ניט לאַנג געבליבן צו וואַרטן...

באַנאַכט, ווען אַלעקסיי איז געלעגן אָף דער אייבערשטער נאַרע, האָט ער זיך פאַנאַנדערגערעדט מיטן שאָכן, דעם געוועזענעם סעקרעטאַר פון אירקוטסקער געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי, און זיך דערוווסט, אַז דער אַלטער איז געווען אַ באַלעגוף, ער האָט דערשאָסן דעם פאָרזיצער פון דאָרפסאָוועט, זײַן ווײַב און צוויי פּיצלעך קינדער.

פון אָט דעם טאָג אָן האָט אַלעקסיי דערפילט אַ שרעקלעכע סינע צום אַלטן. אים איז אומדערטרעגלעך שווער געוואָרן דאָס, וואָס ער דאַרף צוזאַמען מיט אָט דעם נעפעש שלעפּן דעם שליטן, זען אים, האָבן אים אַ גאַנצן טאָג לעבן זיך, הערן, ווי ער אָטעמט, ווי ער הוסט, ווי ער סאָפּעט.

„„מיט וועמען בין איך דאָ?"... — ער האָט מיט דעם אַלטן ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. ער האָט אָף יעדן שריט און טריט אויסגעדריקט זײַן פאַראַכטונג, זײַן עקל צו אים.

געאַרבעט האָבן זיי שווײַגנדיק, שווײַגנדיק אָנגעלאָדן, שווײַגנדיק זיך אײַנגעשפּאַנט אין דעם שליטן. נאָר דער קאָנוואָיִר האָט, פּונקט ווי פריִער, געקוקט אָף זיי און אַ בורטשע געטאָן פון מאָל צו מאָל:

— נו, דאַווײַ, קאָנטרא.

אַלעקסיי האָט איצט געוואָלט נאָר איינס: מע זאָל אים שיקן אָף אַן אַנדער אַרבעט, זאָל זײַן אָף אַ שווערערער, אַפילו אָף דער שווערסטער, נאָר ער זאָל ניט דאַרפֿן מיט אַט דער כּײַע זײַן אין איין שפּאַן...

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, ווען זיי האָבן שווײַגנדיק אָנגעלאָדן דעם שליטן, איז אַ נאַדזיראַטעל געקומען נאָך אַלעקסייען.

אַלעקסיי האָט ניט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, וואָס דאָס זאָל באַטײַטן. אין אַ האַלב שעה אַרום איז ער שוין געזעסן אין אַ וואָראָנאָק[1]. די שוואַרצע מאַשין האָט זיך באַלד געריסן פֿון אָרט. וווּהין פֿירט מען אים? זאָל זײַן, אַז אין אַן אַנדער לאַגער? פֿאַר־וואָס פּלוצלינג? און פֿאַרוואָס נאָר אים? צוליב וואָס? מעגלעך, אַז מע האָט באַשטימט אים אויסנוצן לויט זײַן ספּעציאַליטעט. אַט דאָס וואָלט געווען גוט. אַ גליק פֿאַר אים. ער האָט זיך אַזוי אויסגעבענקט נאָך זײַן אַרבעט, נאָכן וואַטמאַן־פּאַפּיר, נאָך דער לאָגאַריטמישער ליניייקע. ער וואָלט געאַרבעט טאָג און נאַכט און געשאַפֿן עפּעס ווערטפֿולס, עס וואָלט דאָך־געבראַכט נוצן דעם לאַנד...

אינעם וואָראָנאָק האָט מען געבראַכט אַלעקסייען קיין מאַגאַדאַן, און פֿון מאַגאַ־דאַן האָט מען אים אָפּגעשיקט מיטן עטאַפּ אָף דער שיף, וואָס איז געגאַנגען צום קאָנטינענט. געזאָגט האָט מען אים גאָרנישט: ניט וווּהין מע פֿירט אים, ניט צוליב וואָס.

אין עטלעכע טעג אַרום איז ער שוין געזעסן אין אַ „סטאָליפּין־וואַגאָן" אָף דער סטאַנציע בא דער בוכטע וואַנינאַ. דער וואַגאָן האָט געטראָגן אַזאַ נאָמען נאָך פֿון יענע צײַטן, ווען דער צאַרישער מיניסטער סטאָליפּין האָט אים אײַנגעפֿירט אָף שיקן מיטן עטאַפּ פֿאַרמישפּעטע. דער „סטאָליפּין־וואַגאָן" איז געווען אין גרונט געבויט ווי אַ קופּירטער וואַגאָן. אַ קאָרידאָר און באַזונדערע קופּעען. נאָר יעדע קופּע האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַקטיש אַ טפֿיסע־קאַמער. די קופּעען האָבן אינגאַנצן ניט געהאַט קיין פֿענצטער. די טיר איז באַשטאַנען פֿון גראַטעס, דורך וועלכע דער קאָנוואָיר, וואָס האָט געטראָגן די וואַך אין קאָרידאָר, האָט געקאָנט שטענדיק זען אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין דער אָדער יענער פֿאַרשפּאַרטער און פֿאַרשלאָסענער קופּע־קאַמער. אין קאָרידאָר זײַנען יאָ געווען פֿענצטער, שמאָלע, פֿון ניט דורכזיכ־טיקן מאַטעווען גלאָז, פֿאַרגראַטעטע.

דעם וואַגאָן האָט מען צוגעטשעפּעט צום סאָף פֿון אַ פּאַסאַזשיר־צוג, און אינגיכן האָט אַלעקסיי דערפֿילט, אַז דער צוג פֿאָרט. אין קאָפּ זײַנען געקראָכן פֿאַרשיידענע געדאַנקען. עפּשער קיין טשיטאַ? עפּשער האָט מען באַשטימט איבערקוקן זײַן איניען? ווידער טורמע, ווידער דעריוגין? ניין, דעריוגין קער שוין אין טשיטאַ ניט זײַן. ער האָט נאָך דעמלט, בייס דעם פֿאַרהער, געזאָגט עמעצן אין טעלעפֿאָן, אַז אינגיכן בײַט ער דעם קלימאַט, מע פֿירט אים אַריבער אָף דאַרעם... אויב מע האָט איבערגעגעבן דעם איניען אַן אַנדער אויספֿאָרשער, קאָן ער האָפֿן, אַז אַלץ וועט נאָך

---

[1] אַן אויטאָמאָביל, אין וועלכן מע פֿלעגט פֿירן די אַרעסטירטע.

זײַן גוט. ער האָט, עמעס, ניט געהערט, מע זאָל עמעצן האָבן ארויסגערופן אַף איבערקוקן אַן איניען און באפרײַען, נאָר פארוואָס זאָל אזוינס ניט זײַן מעגלעך?

אַלעקסיי האָט אויסגעשפּרייט אַף דער פּאָלקע דעם בושלאט, צוקאָפּנס אוועקגעלייגט דאָס טאָרבעלע, ווו ס'האָט זיך געפונען זײַן טײַערסטער פארמעגן — דאָס אַלטע היימישע גרעט, שקארפּעטקעס, א נאָזטיכל; ער האָט זיך אויסגעצויגן אַף דער פּאָלקע און גענומען זיך אויסמאָלן, ווי וועט עס זײַן, אויב מע וועט אים טאקע באַפרײַען. ער וועט ארויס פון טורמע־הויף אַליין, אָן א וואך, אוועקשפּאנען, און איבער דער גאס וועלן פרייליך אָפּהילכן זײַנע טריט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט: ער קלאַפּט אָן שטיל אין טיר, און עלקע, אַן איבעראשטע, באגעגנט אים, דאָס קינד דערפרייט זיך און לאָזט זיך לויפן אים אנטקעגן.

אין קאמער איז געווען שטיל, עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס קלאַפּן פון די רעדער און די שווערע טריט פון קאָנוואָיר, וואָס האָט געשפּאנט הין און צוריק איבערן קאָרידאָר.

יעדעס מאָל, ווען דער קאָנוואָיר פלעגט פארבײַגיין אלעקסייס קאמער, פלעגט ער זיך אַף א ווײַלע פארהאַלטן און קוקן אַף אלעקסייען מיט אזא אָנגעכמורעטן און בייזן בליק, ווי ער וואָלט זיכער געווען, אז ער היט א שרעקלעכן פארברעכער. פון אָט דעם קוק איז אלעקסייען שווער געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן טראכטן, אז דערויף, מע זאָל אים באפרײַען, איז ניטאָ אפילע וואָס צו האָפן. ווער ווייסט, עפּשער האָט עפּעס פּאסירט מיט עלקען... דאָס האָט אים געשראָקן מער פאר אַלץ, ער האָט מוירע געהאט אפילע צו טראכטן וועגן דעם. ווען ער האָט כאָטש מיט וועמען אויסצורײדן א וואָרט.

ער האָט זיך צוגעשפּארט מיטן אויער צום הילצערנעם ווענטל און מיט א פאַרטײַעטן אָטעם זיך צוגעהערט, צי איז עמעצער ניט פאראן פון יענער זײַט. ניין, קאָנטיק, דאָרט איז קיינער ניטאָ. ער הערט ניט קיין מינדסטן שאָרך. ער הערט אויך ניט, אז דער קאָנוואָיר זאָל זיך אָפּשטעלן לעבן די דערבײַיקע קאמערן. און טאקע ווען דער קאָנוואָיר האָט אים געפירט זיך וואשן, האָט ער געכאַפּט א קוק און זיך איבערצײַגט, אז ער איז דאָ דער איינציקער, און דער קאָנוואָי באוואכט נאָר אים.

אָרעשינען איז נאָך טרויעריקער געוואָרן. קעדיי זיך פארגעסן א ביסל, האָט ער זיך געסטארעט אריבערטראָגן אין די געדאנקען אין יענער ווײַטער וווּנדערלעכטײַערער צײַט, ווען ער איז, א זיבעצניאָריקער יאט, ארײַנגעטראָטן אין קאָמסאָמאָל און פרײַוויליק אוועק אין דער רויטער ארמיי זיך שלאָגן קעגן קאָלטשאקן... עס זײַנען אופגעקומען אין זיקאָרן פארשיידענע בילדער פון זײַן שפּעטערדיקן רוישיקן לעבן, ווען ער האָט געלערנט אין דער אקאדעמיע, געארבעט אין וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט. ער האָט זיך דערמאָנט מיט אַלע איינצלהײַטן, ווי ער האָט אין מאָסקווע אפן רויטן פּלאץ נאָך דער מײַ־דעמאָנסטראציע זיך באקענט מיט עלקען, ווי ער איז געקומען צו איר קיין הולײַפּאָליע. און אָט פאָרן זיי קיין טשיטא. זיי זײַנען זאלבעצווייט אין קופּע; ס'איז מײַ, אַלץ בליט. און זיי איז אזוי גוט...

אלעקסיי האָט אַ מעוואָלבעלער אופגעפנט די אויגן, זיך אומגעקוקט און אומגעריכט, אנטקעגן אין קאָרידאָר־פענצטער, אין דעם מאַטעווון ניט דורכזיכטיקן גלאָז, באמערקט אן אויסגעריבן קרײַזעלע, עטוואָס גרעסער פון א פיאַטאַק. ער האָט זיך אופגעהויבן אף די שפיץ פינגער און דערזען פונדאנען א גרינע לאָנקע מיט בונטע קווייטן. ער איז, ווי א פארקישעפטער, געשטאנען, ניט רירנדיק זיך פון אָרט, און געקוקט מיט דורשטיקע אויגן. עס האָבן פארבײַגעשווינדלט וועלדלעך, לאָנקעס. ער האָט דערזען א בעהיימע צווישן גראָז, גענדז אף א סאזשלקע, א וואָגן אפן וועג. ער האָט דאָך שוין קימאט געהאט פארגעסן, אז אזוינס איז גאָר פאראן. און אָט אף א הילצערן בריקל שפילן זיך קינדער... וויפל יאָר איז אדורך, אז ער האָט זײַן טעכטערל ניט געזען...

אין קאָרידאָר האָבן זיך דערהערט טריט פונעם קאָנוואָיר, און אלעקסיי האָט זיך אוועקגעזעצט. נאָר זיצן האָט ער שוין ניט געקאָנט. אים איז אײַנגעפאלן — אויב ער זאָל זיך לייגן אף דער מיטלסטער פאָלקע, וועט ער פון דאָרט קאָנען דורך דעם שטיקעלע רייִנעם גלאָז זען די וועלט. דעם גאנצן טאָג איז ער געלעגן און זיך ניט גערירט פון אָרט... ווי גרויס עס איז דאָס לאנד, ווי שיין עס איז, וויפל נײַע הײַזער מיט ליכטיקע פענצטער ארום די וואָקזאלן. וויפל אווטאָמאשינעס אף די וועגן, טראַקטאָרן אף די פעלדער. ער האָט פריִער גאָר אזויפיל ניט געזען. און אנטקעגן זײַנען געגאנגען עשעלאָנען — אף די פלאטפאָרמעס הייבקראנען, מאָטאָרן, קאָמבײַנען, אווטאָמאָבילן... דאָס לאנד לעבט, דאָס לאנד בויט, ס׳האָט אים געפרייט און גלײַכצײַטיק ווייטעקדיק באנק געטאָן, וואָס ער האָט איצט אין דעם קיין בײַלעק ניט.

יאָ, דאָס לאנד לעבט.

אָט האָט דער צוג זיך אָפגעשטעלט לעבן א סטאנציע. אפן פעראָן — אויסגעפוצטע מענטשן, פיל פון זיי מיט קווייטן אין די הענט. ווער עס באגעגנט, ווער עס באגלייט. מע פרייט זיך. מע לאכט. און קיינער פון זיי שטויסט זיך אפילע ניט אָן, אז ער, אן אומשולדיקער, זיצט דאָ פארשפארט אינעם באוואכטן „סטאָליפּין־וואגאָן". מיליאָנען מענטשן לעבן, ארבעטן און טראכטן געוויס, אז אויב מע פירט עמעצן אין אזא וואגאָן, איז עס א פארברעכער. ער האָט דאָך אויך אזוי געטראכט, ביז מע האָט גענומען בליוכערן און, דעריקער, ביז מע האָט אים גענומען...

עס איז, קאָנטיק, געווען א גרויסע סטאנציע. דער צוג איז לאנג געשטאנען. אלעקסיי האָט אלץ געקוקט און איז ביז ווייטעק מעקאנע געווען די מענטשן, וועלכע האָבן פרײַ שפאצירט אף דער פלאטפאָרמע. אָט גייען זיי וווּהין זיי ווילן, געוויס האָט יעדערער פון זיי זײַנע זאָרגן, נאָר זיי ווייסן גאָר ניט, ווי גליקלעך זיי זײַנען.

אָן גייט א כאָפּטע יוגנט. איינער שפילט אף א הארמאָשקע, צווייען טאנצן. קיינער פון זיי קוקט זיך ניט אום אהער. מיטאמאָל דערזעט ער, ווי צוויי מיטליאָריקע פרויען שטעלן זיך אָפּ פונדערווײַטן, קוקן אף דעם וואגאָן מיט די שמאָלע פארגראטעטע פענצטער און שאָקלען פארזאָרגט מיט די קעפּ.

מיט ראש האָט זיך פאַרבײַגעטראָגן אַ לאַנגער פּראָכטצוג. ווידער פּלאַטפאָרמעס מיט דיזעלן, מיט הייבקראַנען, מיט אויטאָמאָבילן, מיט טראַקטאָרן, מיט ווערק־שטעלן...

יעדן אינדערפרי האָט מען אים אַרויסגעגעבן אַ פּײַקע ברויט, עטלעכע גע־טריקנטע פישלעך, אַ קליין מעסטעלע צוקער און אַ קענדל אָקרעפּ. ער האָט עס געגעסן זייער שפּאָרעוודיק. גוט אויסגעזויגן יעדעס ביינדל פון די דאַרע פישלעך, נאָר איצט האָט ער גאָרנישט ניט געקאָנט נעמען אין מויל אַרײַן.

די קאָנוואָירן האָבן זיך געביטן. און אַלעקסיי איז אַלץ געלעגן אויף דער פּאָלקע, און געקוקט און ניט געקאָנט זאַט אָנקוקן זיך...

דער צוג האָט זיך שוין געטראָגן איבער היימיש־באַקאַנטע ערטער. ער האָט באַ־מערקט, אַז מע איז דורכגעפאָרן די סטאַנציע מאַגאַטשאַ, נאָכדעם נערטשינסק, שילַ־קאַ, און אָט־אָט, באַלד וועט שוין זײַן טשיטאַ... אַלעקסיי איז געוואָרן אומרויִק. אים האָט זיך זייער פאַרוואָלט רייכערן, נאָר ער האָט שוין פון לאַנג ניט געהאַט קיין גרײַ־פּעלע מאַכאָרקע. יעדעס מאָל, ווען אין קאָרידאָר האָבן זיך דערהערט טריט, האָט זיך אים געדוכט, אַז אָט באַלד וועט מען אים הייסן קלײַבן זיך מיט די זאַכן. אָט באַלד וועט מען אָפּשליסן די טיר, אַרויספירן אים פון וואַגאָן און ער וועט דערזען פאַר זיך דעם באַקאַנטן וואָקזאַל. עפּשער האָט עלקע זיך דערוווּסט, אַז מע פירט אים אַהער, און זי איז שוין מיט סוועטקען אויפן פּעראָן, און אָט־אָט וועט ער כאַטש פונדערווײַטן זי דערזען... זיך איבערצײַגן, אַז זי איז דאָ, אַז מע האָט זי ניט גע־טשעפּעט...

אַלעקסיי האָט זיך אופגעהויבן, פאַריכט אויף זיך די אָפּגעבליאַקעוועטע לאַגער־קורטקע און זיך צוריק אַוועקגעזעצט. „נאָר רויִק. דײַן זאַך איז וואַרטן. אויב מע פירט דיך אַהער, וועסטו ווײַטער ניט פאָרן. רויִק, געדולד. ביז דער סטאַנציע איז נאָך, קאָנטיק, פאַראַן צײַט“. נאָר ער הייבט זיך ווידער אויף. ער הערט אַ טופּען אין עק קאָרידאָר, דער קאָנוואָי קלײַבט זיך שוין מיסטאָם. דער נאַטשאַלניק גיט עפּעס אַ פאַראָרדענונג. אַלעקסיי איז אָנגעשטרענגט. אָט־אָט וועט מען צוגיין און אויסרופן זײַן פאַמיליע.

דער צוג פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג, עס גייט דורך נאָך אַ רעגע, נאָך אַ רעגע. און דער צוג בלײַבט שטיין. ס׳איז טשיטאַ. זײַן סטאַנציע, זײַן שטאָט. אָט דאָ לעבט עלקע, סוועטקע. דאָ האָט ער געדינט. דאָ האָט מען אים גענומען.

פון דער פּלאַטפאָרמע דערטראָגט זיך אַ טומל. מע רופט עמעצן. מע לאַכט. עמע־צער וויינט. דוכט זיך, אַ פרוי. זאָל זײַן עלקע?

ער פילט, אַז דאָס האַרץ שפּרינגט באַ אים אַרויס. פאַרוואָס קומט ניט דער קאָנוואָי? פאַרוואָס שליסט מען ניט אויף די טיר? פאַרוואָס רופט מען אים ניט?.. „רויִק. האָב געדולד. דײַן זאַך איז וואַרטן. אויב מע האָט דיך געבראַכט אַהער, וועט מען דיך ווײַטער ניט פירן. זיי קערן וואַרטן אויפן אָרטיקן קאָנוואָי. אָן בילט, דוכט זיך, אַ הונט. אויב אַזוי, גייט מען שוין. מע גייט, מע גייט, רויִק“. נאָר דאָס בילן דערווײַטערט זיך. וואָס זאָל דאָס באַטײַטן? ס׳איז דאָך טשיטאַ... טשיטאַ...

מיטאמאָל דערהערט זיך אַ קלונג און נאָך אַ קלונג. דער לאָקאָמאָטיוו לאָזט ארויס אַ לאַנגן טרויעריקן פּיף, דער וואַגאָן גיט באַלד אַ ציטער, און עס הייבן אָן קלאַפּן די רעדער איבער די רעלסן... דער צוג איז אוועק. אוועק. אוועק...

אַלעקסיי שטייט אַ דערשיטערטער. ער פילט זיך שרעקלעך אָפּגענאַרט. האָט מען אים געפירט, הייסט עס, ניט אהער, ניט קיין טשיטא. וווּהין זשע? און עלקע? און סוועטקע?.. וועט ער זיי טאַקע קיינמאָל מער ניט זען?

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, זיך צוריק אויפגעהויבן, אַרופגעקראָכן אויף דער מיטלסטער פּאָליקע, זיך אויסגעצויגן, איינגעזויגן זיך מיט ביידע אויגן אין שטיקל ליכטיקן שויב. די פּלאַטפאָרמע איז שוין פאַרשוווּנדן, אָט איז דער פּאַרק ארום וואָקזאַל. אָט דאָ, איבער דער אַליי, פלעגט ער שפּאַצירן מיט עלקען. אָן אויף יענער באַנק פלעגן זיי זיצן... און אָט איז דער וואַסער־טורעם, די אײַזערנע בריק... הינ־טער דער דעפּאָ, בײַ אַ בערגל איבערגעברענטע קוילן, האָט אַ קליין בלאָנד מיידעלע זיך געשפּילט. מיטאמאָל האָט זי זיך אויסגעגלײַכט, זיך אומגעקוקט און מיט אַ געלעכטער אַ שלײַדער געטאָן אַ זשוושעליצע אינעם לעצטן וואַגאָן, אין דעם „סטאָ־ליפּין־וואַגאָן".

אַלעקסיי האָט דערשראָקן פאַנאַנדערגעעפנט די אויגן און שיר ניט אויסגעשריִען. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס איז זײַן טעכטערל, זײַן סוועטקע... סוועטקע? ווי קומט זי אהער? פאַרוואָס מיינט ער גאָר, אַז דאָס איז זי? ער האָט זיך אַ רוק געטאָן פאָרויס, אַ זוך געטאָן מיט די אומרויִקע אויגן, נאָר דאָס מיידעלע האָט מען שוין ניט געזען. דאָס האַרץ האָט בײַ אים שטאַרק געקלאַפּט. איז עס טאַקע געווען סוועטקע? און עלקע... מיט איר איז עפּעס געשען?.. זי איז דאָ ניטאָ? און דאָס קינד איז אַליין? ניין, ניין. פאַרוואָס זאָל ער גאָר אַזוי טראַכטן? פאַרוואָס זאָל ער אַלץ אויסלייגן צום בייזן?

פאַר די פיר יאָר האָט ער פיל איבערגעטראַכט, זיך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אומ־געקערט צו יענעם טאָג, ווען עס איז געשען דאָס שרעקלעכסטע אין זײַן לעבן.

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, און פאַר אים איז אויפגעשווומען דאָס בילד, וואָס וועט שוין קיינמאָל ניט אויסגעמעקט ווערן פון זײַן זיקאָרן:

דער קוריער־צוג מאָסקווע—וולאַדיוואָסטאָק דערנעענטערט זיך צו דער סטאַנציע טשיטא. ער שטייט אַ פרייִדיקער באַם פענצטער פון וואַגאָן, דעם פּראָיעקט פונעם נײַעם אוויִאַמאָטאָר האָט מען מאָסקווע באַשטעטיקט. באַלד וועט ער אָנזאָגן עלקען די גוטע נײַס. אָט זעט ער זי שוין: זי שטייט אינעם בלויען מאַנטל, וואָס פּאַסט איר אַזוי, האַלט סוועטקען אויף די הענט, און לעבן זיי — זײַן כאַווער, דער מאַיאָר גרישקאַנאָוו.

און אָט שטייט שוין אַלעקסיי לעבן זיי. גרישקאַנאָוו איז אויפגעלייגט, און עלקע קוים, וואָס זי רעדט. ער פילט, אַז עפּעס איז געשען.

— וואָס האָט געטראָפן? — פרעגט ער בײַ עלקען, און גרישקאַנאָוו ענטפערט:

— בליוכער איז אַרעסטירט, אַ סוינע פון פאָלק. אַזאַ נידערטרעכטיקײַט.

איצט ערשט הייבט אַלעקסיי אָן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס גרישקאַנאָוו האָט אַזוי

אופמערקזאם אים געקוקט אין די אויגן, געוואַרט, וואָס ער וועט זאָגן. נאָר אויך איצט וואָלט ער געענטפערט ווי דעמאָלט:

— נייך, נייך, ס׳קאָן ניט זײַן. איך גלייב ניט! — און גרישקאַנאָוו האָט גלײַכ־גילטיק אזוי געזאָגט, אז ער ווייסט נאָר איינס: אומזיסט נעמט מען קיינעם ניט.

אַף מאָרגן שפּעט באַנאַכט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר. מע איז געקומען נאָך אים.

וויפל ער האָט ניט איבערגעטראַכט, האָט ער ניט געקאָנט באַנעמען, פאַר וואָ־סערע זינד ער קומט אָפּ? סײַדן דאָס געשפּרעך מיט גרישקאַנאָוון? און איז נאָכא־מאָל געקומען צום אויספיר, אז ער פאַרשטייט גאָרנישט ניט... ניט נאָר ער אַליין האָט עס ניט פאַרשטאַנען. אַף די עטאַפּ־פּונקטן און אין לאַגער האָט ער זיך גע־טראָפן מיט מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט א סאַך גרעסערע פאַרדינסטן, ווי ער, — אַלטע באָלשעוויקעס, קאָמאַנדירן, אַקאַדעמיקער, שרײַבער, — אויך זיי האָבן ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס און צוליב וואָס דאָס טוט זיך. אים האָט שוין לאַנג אזוי ניט געגאָגט דאָס הארץ, ווי איצט. אָט איז ער דורכגעפאָרן דאָס אָרט, וווּ ער האָט געלעבט, וווּ עס לעבט עלקע. ווען עלקע ווייסט, אז ער איז אָט ניט לאַנג געוועזן אַף דער סטאַנציע... און עפּשער איז גלײַכער, אז זי ווייסט ניט... פונדעסטוועגן, ווען ער קאָן איר אָנשרײַבן כאָטש עטלעכע ווערטער.

...הייסט עס, ניט קיין טשיטא... וווּהין זשע פירט מען אים?

און דער וועג האָט זיך געצויגן און געצויגן דורכן ווײַטן מיזרעך, דורך סיביר, דורך אוראַל. שוין וויפל טעג ווי מע פירט אים. ער האָט שוין פאַרלוירן דעם כעזשבן. ער ווייסט ניט קיין דאַטע. ער ווייסט ניט, וואָס פאַר א טאָג ס׳איז. מע לאָזט אים באַטאָג שוין ניט ליגן אין דער הייך. מע הייסט אים זיצן אונטן אין ווינקל. נאָר דאָך האָט ער אַף איינער א סטאַנציע געכאַפּט א קוק דורך זײַן קליין פענצטערל און דערזען שטיין א פּאַסאַזשיר־צוג. אַף די נײַע שיינע וואַגאָנעס זײַנען געווען פרייליכע שילדלעך: „סאָטשי — סווערדלאָווסק״.

שיין פאַרברוינטע פּרויען אין געקווייטלטע לײַכטע סאַראַפאַנען און מענער אין פּיזשאַמעס האָבן זאַרגלאָז־פריילעך אומגעשפּאַצירט לעבן די וואַגאָנעס, געלאַכט און געגעסן קאַרשן... און ער האָט גאָר געהאַט פאַרגעסן, אז עס זײַנען פאַראַן קור־אָרטן מיט זון, מיט יאַם. דער קאָנוואָיִר האָט באַמערקט, אז ער שטייט, און שטרענג באַפוילן אים זיך זעצן.

און דער צוג איז ווײַטער געגאַנגען און געגאַנגען. פון לאַנגווײַל, פון ניט האָבן וואָס צו טאָן, האָט אָרעשין באַטראַכט וווּ א דעטאַל אין קאַמער, און באַמערקט, אז איבער אים אַף דער פּאָלקע איז זייער דין, ווי מיט א שפּילקע, אויסגעקריצט: „ווען סטאַלין ווייסט״... „לעבן זאָל סטאַלין!״, „איך וועל שטאַרבן, ווי א קאָמוניסט!״

וועמען האָט מען דאָ געפירט? וווּהין?

דאָס, וואָס מע האָט אים פאַרווערט באַטאָג ליגן אַף דער פּאָלקע און ער האָט שוין ניט געקאָנט אַרויסקוקן דורך זײַן פּיצינקן פענצטערל, האָט אים שטאַרק געדריקט.

ווען עס האָט זיך געביטן דער קאָנוואָי, האָט אַלעקסיי דערזען אַרומשפּאַנען אין קאָרידאָר אַ יונגן בלאָנדן רויטאַרמייער. דער רויטאַרמייער האָט עטלעכע מאָל זיך פאַרהאַלטן לעבן דער קאַמער. יעדעס מאָל אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ פרעגנדיקן בליק און אַוועקגעשפּאַנט ווײַטער איבערן קאָרידאָר. אַלעקסיי האָט דערפילט, אַז דער יונגער רויטאַרמייער האָט צו אים מיטלײַד. פאַרנאַכט, ווען דער בלאָנדער קאָנוואָיר האָט ווידער פאַרנומען זײַן פּאָסטן פון דעזשורנעם, איז ער צוגעגאַנגען נאָענט צו דער קאַמער, זיך אַרומגעקוקט, ענדלעך אַנטשלאָסן זיך און זייער שטיל געפרעגט בײַ אַלעקסייען:

— פאַר וואָס?

דער רויטאַרמייער האָט מיט טיפן נײַגער געקוקט דורך די גראַטעס אַלעקסייען גלײַך אין די אויגן און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

אַלעקסיי איז געווען אין פאַרלעגנהײַט. אים האָט זיך זייער געוואָלט ענטפערן: „פאַר גאָרניט". אים האָט זיך אַפילו געוואָלט, אַז דער רויטאַרמייער זאָל וויסן, אַז ער איז אַ געוועזענער פּאָלקאָווניק, אַ קאָמוניסט פונעם אַכצעטן יאָר, אַן אָרדענ־טרעגער, אַז ער איז קיין שום פאַרברעכן ניט באַגאַנגען. ער האָט אים אָבער גאָר־נישט ניט געזאָגט. יענער איז נאָך אַזוי יונג, צוליב וואָס אַרײַנטראָגן ביטערקײַט אין זײַן האַרצן.

דער רויטאַרמייער איז געשטאַנען און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

— פאַר וואָס? — האָט ער נאָך שטילער איבערגעכאַזערט.

אַלעקסיי האָט ניט געוווּסט, וואָס צו זאָגן.

— צוליב אַ טאָעס, — האָט ער ניט גערן געענטפערט.

דער רויטאַרמייער האָט מיט גוטע אויגן אַ קוק געטאָן אויף אים און איז אַוועק. שפּעטער אַ ביסל איז ער ווידער צוגעגאַנגען.

— און ווער... ווער זײַט איר פריִער געווען? — האָט ער פאַרשטיקט אַ פרעג געטאָן.

אַלעקסיי וואָלט זיך מעכײַע געווען, ווען ער קאָן זיך דורכשמועסן אַ ביסל, — שוין אַזויפיל טעג קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז דעם קאָנוואָיר איז פאַרבאָטן צו ריידן מיט אים, און ניט געוואָלט, אַז דער רויטאַרמייער זאָל איבער אים לײַדן. דעריבער האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט זאָגן: ניט קעדײַ, מע דאַרף ניט.

דער רויטאַרמייער האָט גיך אַרויסגענומען פון קעשענע אַ קעסטעלע שוועבע־לעך, עטלעכע פּאַפּיראָסן און זיי אים דערלאַנגט דורך די גראַטעס. ער איז גלײַך אַוועק און גענומען אַרומשפּאַנען איבערן באַלויכטענעם קאָרידאָר.

אַלעקסיי האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל, פאַררייכערט און דורשטיק זיך פאַר־צויגן. ער האָט זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן, ווי ער האָט אויסגערייכערט דעם גאַנצן פּאַפּיראָס. די איבעריקע צוויי האָט ער באַהאַלטן אויף מאָרגן. ער האָט זיך געלייגט אויף דער אונטערשטער פּאָלקע, צוגעמאַכט די אויגן און דערפילט, אַז ס'איז אים עפּעס זייער לײַכט געוואָרן. פון וואָס? ער ווייסט אַליין ניט. ער האָט אָנגעטאַפּט

מיט דער האַנט די צוויי פּאַפּיראָסן און פאַרשטאַנען. ער האָט זיי געהאַלטן אין דער האַנט, ווי א טײַערע זאַך, ווי אַן איידעס פון מענטשלעכער גוטסקייט.

אף מאָרגן האָט דער רויטאַרמייער, פאַרבײַגייענדיק, אים אַרײַנגערוקט א האַלב פּעקעלע מאַכאָרקע, קאָנטיק פון זײַן פּאַיאָק, און אָנגעשניטענע פּאַפּירלעך פון אַן אַלטער צײַטונג. אָט די פּאַפּירלעך זײַנען אים געווען איצט זייער טײַער, ער האָט געהאָפט פון זיי זיך דערוויסן כאָטש עפּעס וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אף דער וועלט. אַלעקסיי האָט אין סאַמע ווינקל פון דער פּאָלקע צונויפגעלייגט די פּאַפּירלעך אַזוי, ווי זיי זײַנען געווען, ביז מע האָט צעשניטן די צײַטונג. מיטאַמאָל האָט ער דערזען פאַר זיך א פּאַטאָ — מאָלאָטאָוו מיט אַדאָלף היטלערן. אַלעקסיי האָט ניט געגלייבט די אייגענע אויגן.

מאָלאָטאָוו און היטלער? ער האָט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָס זאָל באַטײַטן.

אין אָוונט, ווען דער קאָנוואָיר האָט געמאָלדן „אָטבאָי״, האָט ער, אוועקגייענדיק, זייער שטיל געזאָגט: „א גוטע נאַכט״.

אַלעקסייען האָט זיך זייער געוואָלט מיט עפּעס גוטס אָפּדינען דעם רויטאַרמייער. נאָר מיט וואָס? ער האָט זיך געסטאַרעט ווייניקער דערקוטשען דעם בלוי־אויגיקן קאָנוואָיר, זיך שוין אײַנגאַנצן ניט געלייגט אף דער מיטלסטער פּאָלקע, אפילע ניט אַרויסגעקוקט דורך זײַן פענצטערל. אַלעקסיי איז געזעסן שטיל, אין סאַמע ווינקל, און ווען ער פלעגט דערהערן דעם קאָנוואָירס טריט, פלעגט ער מאַכן אַן אָנשטעל, אַז ער דרעמלט. אפילע ווען ער האָט געכאַלעשט א טרונק, האָט ער אים גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט געליטן און געוואַרט אף א צווייטן קאָנוואָיר.

נאָר וואָס ווייניקער ער האָט באַאומרויִקט דעם בלוי־אויגיקן, האָט ער אַרויסגערופן אַלץ מער מיטלײַד בא יענעם. אַלעקסיי האָט געפילט, ווי דער רויטאַרמייער שטעלט זיך אָפּ אנטקעגן, שטייט, וואַרט, קאָנטיק, אַז ער זאָל אופהייבן דעם קאָפּ, ער זאָל זיך אופכאַפּן. „נאָר ניין, טו עס ניט. ס'איז זייער א גוטער מענטש, טשעפּע אים ניט, באַנוץ זיך ניט מיט זײַן גוטסקײַט, ווײַל ער קאָן האָבן צאָרעס צוליב דיר״, — האָט אַלעקסיי געטײַנעט צו זיך אַליין. דאָך האָט דער קאָנוואָיר איינעם אַן איינדערפרי אים געטראָפן א וואַכעדיקן, זיך פאַרלוירן און שטיל א פרעג געטאָן:

— עפּשער דאַרפט איר עפּעס?

אַלעקסיי האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אף ניין. נאָר יענער האָט אים ווידער געבראַכט פּאַפּיראָסן.

א גאַנצן טאָג איז אַלעקסייען געווען גוט אפן האַרצן. זינט ער לעבט, איז ער נאָך קיינעם ניט געווען אַזוי דאַנקבאַר, ווי אָט דעם מענטשן.

אף איינער א סטאַנציע האָט מען דעם קאָנוואָי געביטן, און אַלעקסיי האָט דעם בלאָנדן שוין מער ניט געזען. בא אים איז פאַרבליבן א בענקשאַפט נאָך דעם יונגן רויטאַרמייער, נאָך זײַן קאָנוואָיר, וועמעס נאָמען ער האָט אפילע ניט געוווּסט.

איצט האָט אַלעקסיי זיך ווידער פאַרקליבן אף דער מיטלסטער פּאָלקע, געקוקט אף די פאַרבײַשווינדלענדיקע טעלעגראַף־סלופּעס, וועלדער, אײַזנבאַן־בודקעס, ראַכוועסדיקע ווייך־פעלדער און ברייט־פאַנאַנדערגעגאָסענע טײַכן. „גרויס ביסטו,

מייַן לאנד, און שיין ביסטו, און רייַך, און מעכטיק. נאָר צוליב וואָס טרייַבט מען איבער דייַנע ראכוועסן דעם סטאָליפּין־וואגאָן? — האָט ער געטראכט. — ווען מע זאָגט אים, ווּהין ער דארף זיך מעלדן, וואָלט ער אליין דאָך געקומען פּינקטלעך צו דער מינוט".

דער צוג איז געגאנגען און געגאנגען, און די רעדער האָבן, ווי שטענדיק, געקלאפּט מאָנאָטאָן.

אף איינער א סטאנציע, שוין נאָך סווערדלאָווסק, האָט אלעקסיי דערזען אן עשעלאָן מיט רויטארמייער. א סאך פּרויען ארום אים. דערהערט געשרייען און א געוויין. וואָס זאָל עס הייסן? — האָט ער א טראכט געטאָן. — וואָס איז דאָס געוויין?

אף דער צווייטער סטאנציע — דאָס זעלבע.

„עפּעס איז געשען", — האָט אים ארומגעכאפּט אן אומרו. און דאָ האָט ער דערהערט, ווי עמעצער פון די קאָנוואָירן האָט אין עק פון וואגאָן געזאָגט: „אָט האָסטו דיר א מילכאָמע"...

„א מילכאָמע?"

אלעקסיי האָט זיך שוין ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט. ער האָט זיך געלייגט, צוריק אופגעהויבן, געמאכט א שפּאן אהין און צוריק: „א מילכאָמע? מיט וועמען? פּלוצלינג?"

אף דער פּלאטפּאָרמע פון א גרויסער סטאנציע האָט געשפּילט מוזיק. מע האָט באגלייט פּריזיוניקעס. ווידער פּרויען, ווידער א געוויין. און מיטאמאָל האָבן זיך צו אים דערטראָגן אָפּגעהאקטע ווערטער פון א הויכריידער: די היטלערישע האָרדעס... אָן א וואָרענונג... אָנגעפאלן...

הייסט עס, א מילכאָמע מיט דייַטשלאנד, מיט היטלערן. און ער האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט אין דער פּאַטאָ — היטלער מיט מאָלאָטאָוון.

עס איז אוועק א רעגן. דער רעגן האָט געקלאפּט אין דאך, פארגאָסן די שויבן, איצט האָט מען שוין גאָרניט ניט געזען.

אף עפּעס גאָר א גרויסער סטאנציע האָט מען דעם „סטאָליפּין־וואגאָן" אָפּגעקיילט און איבערגעלאָזט ווייַט אף א זייַטיקער ליניע. א גאנצן טאָג איז דער וואגאָן, ווי מע וואָלט פארגעסן אין אים, געשטאנען אונטער דער ברענענדיקער זון. פון צייַט צו צייַט האָבן פארבייַ דורכגעשווינדלט פארשיידענע צוגן, עשעלאָנען מיט מיליטער, פּלאטפּאָרמעס מיט טאנקען, הארמאטן, זעניטקעס, איבערגעדעקטע מיט ברעזענטן, מיט סאניטאר־מאשינעס, פעלד־קיכן, שווערע שלעפּ־טראקטאָרן. אין אָוונט האָט זיך אופגעהויבן אן אליארעם. עס האָבן אָנגעהויבן וואָיען סירענעס, און ערגעץ גאָר נאָענט האָט זיך דערטראָגן א שארף און דראָענדיק גערויש פון עראָפּלאנען. און ווידער א צעצויגן וואָיען פון סירענעס, וואָס האָט געוואָרנט: פּייַנטלעכע באָמבארדירער דערנעענטערן זיך... מיטאמאָל האָט איבערן סאמע קאָפּ זיך עפּעס אופגעריסן. דער וואגאָן האָט א ציטער געטאָן. עס האָבן זיך אויסגעשאָטן די שויבן פון די פארגראטעטע פענצטער.

אלעקסיי איז געשטאנען אינמיטן דער קאַמער און זיך צוגעהערט צו די טריט אין קאָרידאָר. דער קאַנוואָיר האָט געשפּאַנט הין און צוריק, הין און צוריק.

עס האָבן זיך אופגעריסן נאָך עטלעכע באָמבעס, נאָר שוין ערגעץ ווײַטער, און אין א ווײַל ארום איז אינגאנצן שטיל געוואָרן.

אין אָוונט האָבן פון ערגעץ ווײַט זיך דערטראָגן איינציקע ווערטער פון א הויכ־ריידער, און אלעקסיי האָט פארשטאנען, אז די רויטע ארמיי האָט נאָך שווערע שלאכטן פארלאָזט ווילנע.

ווי א פארגעסענער פון אלעמען, איז דער וואגאָן געשטאנען שוין דעם צווייטן מעסלעס. פארטאָג, ווען אלעקסיי האָט זיך אופגעכאפּט פון שלאָף, האָט ער דער־פילט, אז ער פאָרט. דער וואגאָן הוידעט זיך אונטער.

דעם פינף־און־צוואנציקסטן יון, שפּעט באנאכט, איז צום אויסגעלאָשענעם מינסקער וואָקזאל אָנגעקומען א לאנגער צוג מיט פארשטויבטע פּאסאזשיר־וואגאָ־נעס, אָנגעשטאָפּט מיט מיליטער, אמערסטן יונגע אָפיצערן, וועלכע האָבן געאײַלט אפן פראָנט. צום סאָף פונעם צוג, אין סאמע עק, איז צוגעטשעפּעט געווען דער געהיימניספולער וואגאָן מיט די געדיכט־געפלאָכטענע גראטעס אף די שמאָלע פענצ־טער. נאָך עטלעכע און צוואנציק טעג האָט מען סאָפקאָלסאָף געבראכט דעם ארע־סטאנט אלעקסיי איוואנאָוויטש אָרעשין פון דער ווײַטער קאָלימא קיין מינסק, איבער וועלכן עס האָבן זיך שוין געריסן באָמבעס און סנאריאדן.

דעם „סטאָליפּין־וואגאָן" האָט מען אָפּגעטשעפּעט אף א זײַטיקער ליניע. דאָרט האָט שוין געוואַרט א „וואָראָנאָק", וואָס האָט אָפּגעפירט אָרעשינען אין דער אָר־טיקער טורמע. ווידער אן איינצלקאמער. ווידער איז ער פארבליבן אליין. נאָך וואָס האָט מען אים געבראכט אהער, האָט ער שוין לאכלוטן ניט פארשטאנען. אין מינסק איז ער ביכלאל קיינמאָל ניט געווען. ער האָט דאָ קיינעם ניט געקענט. איז וואָס זשע זאָל עס פאָרט באטײַטן?

אינמיטן נאכט האָבן דײַטשישע עראָפּלאנען שטארק באָמבארדירט די שטאָט. די סירענעס זײַנען זיך פארגאנגען אין א געוויין. ערגעץ ניט ווײַט פון דער טורמע האָבן זיך געריסן באָמבעס. עס האָבן געציטערט די ווענט. די פּאראשע איז אונטער־געשפּרונגען אפן דיל.

דאָס האָט געדויערט אוודע א האלבע שאָ, און עפּשער מער. נאָכדעם איז זייער שטיל געוואָרן. דורך דעם טורמע־פענצטערל, וואָס איז, ווי אומעטום, פארשטעלט געווען מיט א „קאָזיראָק", האָט זיך געזען א רויט פּאסיקל הימל.

די שטאָט ברענט.

שפּעט באנאכט האָט מען אים אוועקגעפירט צום אויספאָרשער. די פענצטער פונעם אויספאָרשערס קאבינעט זײַנען געווען זאָרגזאם פארהאנגען מיט שווארצע שטאָרעס. עס האָט געברענט איין לעמפּעלע. דער אויספאָרשער, א בלייכער מאיאָר מיט רויט־געשוואָלענע אויגן פון ניט שלאָפן די נעכט, האָט לאנג געבלעטערט א גראָבע פּאפּקע מיט פּאפּירן, איינע און א צווייטע. אלעקסייען האָט זיך געוואָלט שוין וואָס גיכער וויסן, נאָך וואָס האָט מען אים געבראכט אהער.

דער מאיאָר האָט עפּעס פאַרשריבן און נאָכדעם באַוויזן אַלעקסייען פאָטאָגראַ־פיעס פון פיר פאַרשיידענע מענטשן.

— וועמען קענט איר פון זיי? — האָט ער געפרעגט.

אויף איין פאָטאָגראַפיע האָט אַלעקסיי גלייך דערקענט זיין אַלטן פריינט, דעם פאָלקאָווניק פּאַלאַגאַוו, מיט וועלכן ער האָט פּונקט פאַרן ארעסט זיך צופעליק באַגעגנט אין מאָסקווע.

— פּאַלאַגאַוו אַנדריי אַנדרייעוויטש, — האָט אָרעשין אַנגעוויזן אויף איינער פון די פאָטאָס.

זיין באַלדיקער קלאָרער ענטפער האָט, קאָנטיק, ארויסגערופן באַם אויספאָרשער אַ געוויסן צוטרוי צו אַלעקסייען, און ער האָט אים גלייך געזאָגט, אַז פּאַלאַגאַוו אַנדריי אַנדרייעוויטש איז ארעסטירט, עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז ער איז אַן אַגענט פון אַן אויסלענדישער אויסשפּירונג, אַ מיטגליד פון אַ טעראָריסטישער גרופּע.

— דעריבער, — האָט געזאָגט דער אויספאָרשער, — וועט זיין בעסער פאַר אָרעשינען אָפנהאַרציק דערציילן אַלץ, וואָס ער ווייסט וועגן פּאַלאַגאַווס קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער אַנטיסאָוועטישער פאַרברעכערישער טעטיקייט.

„צוליב דעם האָט מען אים געפירט אַהער פון קאָלימאַ?.. טעלעכע און צוואַנציק טעג מיטן עטאַפּ פון איין עק לאַנד ביזן צווייטן"... ס'איז פאַר אים געווען אַ אומ־פאַרשטענדלעך, אַ ווילד. „מיט וואָס פאַרנעמען זיי זיך?" — האָט ער אַ דערשיטער־טער אַ טראַכט געטאָן, און, איינהאַלטנדיק די אופגערעגטקייט, געמאָלדן דעם אויס־פאָרשער, אַז וועגן קיין שום קאָנטררעוואָלוציאָנערער אַנטיסאָוועטישער פאַרברע־כערישער טעטיקייט ווייסט ער ניט. ער קען פּאַלאַגאַוון, ווי אַן אויסגעצייכנטן מיליי־טערמאַן און אַלטן קאָמוניסט, וועלכן לענין אַליין האָט געשעצט.

— דאָס אינטערעסירט מיך ניט! — האָט דער אויספאָרשער אומצופרידן אים איבערגעשלאָגן.

— וואָס זשע אינטערעסירט איך? — האָט אַלעקסיי אויסגערופן. — אפילו איצט, ווען עס גייט אַ מילכאָמע, אינטערעסירט איך דען אומצוברענגען די בעסטע מיליטער־קאַדרען?!.. — אים האָט זיך זייער געוואָלט דאַפקע איצט זאָגן עפּעס וועגן בליוכערן, נאָר דער מאיאָר האָט זיך צעשריִען און באַפוילן אים אָפּפירן צוריק אין דער איינצלקאַמער.

— זאָל ער זיך דאָרט אָפּרוען עטלעכע טעג, וועט ער קומען צו־זיך... דער זיקאָרן וועט זיך באַ אים אויסלייטערן.

דאָס איז געווען דעם 25 יון פאַרטאָג. און דעם 26־טן האָט אין דער סוואָדקע פון סאָווינפאָרמביוראָ זיך באַוויזן מינסקער ריכטונג. דער דייטש איז שוין געווען באַ די טויערן פון דער שטאָט. דעם 27 יון האָט מען אין גרויס אייַלעניש עוואַקוירט די לעצטע פּאַרטיע פון מינסקער טורמע. קיין טראַנספּאָרט איז ניט געווען. מע האָט זיי געטריבן צופוס מיטן מאַהילעווער שליאַך. צווישן די אויסגעבליבטע און אָפּגעשוואַכטע מענטשן איז אויך געווען אַלעקסיי איוואַנאָוויטש אָרעשין.

אפן אכצעטן קילאָמעטער איז גאָר נידעריק איבער דער קאַלאָנע אַרעסטירטע אַנגעפלויגן א דײַטשישער עראָפּלאַן און זיי באַשאָסן פון א קוילנוואַרפער. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן א פּאַניק. דער קאָנוואָי האָט אויך אָנגעהויבן שיסן. פּלוצלינג האָט בא אַלעקסייען פאר די אויגן א בלענד געטאָן א שטיק פײַער. א שטארקע כוואַליע האָט אים א הייב געטאָן, אָפּגעשליידערט אין א זײַט און א זעץ געטאָן אָן דער ערד — ניט ווײַט האָט זיך אופגעריסן א שווערע דײַטשישע באָמבע.

געקומען צו־זיך איז אַלעקסיי ערשט פארטאָג. ער האָט אופגעעפנט די אויגן און פארוווּנדערט זיך ארומגעקוקט. ווו איז ער? ווי קומט ער צווישן קאָרן? פארוואָס איז ניטאָ דער קאָנוואָי? אין רעגע איז געווען זייער שטיל, און מיטאמאָל האָט זיך אָנגעהויבן א שיסערײַ. ערגעץ רעכטס האָבן געשטעפּט עטלעכע קוילנוואַרפערס. עס האָבן זיך געריסן סנאַריאַדן. אַלעקסיי האָט ערשט איצט פארשטאַנען, וואָס מיט אים איז געשען. ער איז פארבליבן אליין. איינער אליין.

וואָס טוט מען איצט? וווהין גייט מען? עס טוט אים שרעקלעך וויי דער לינקער פוס. ס׳הלושעט אין די אויערן. ער האָט פארזאָרגט געקוקט אַף מײַרעוו. דער הימל איז געווען שטארק רויט. עס האָט געפלאַקערט א שרעקלעכע סרייפע. מינסק האָט געברענט פון אַלע זײַטן. די שיסערײַ האָט זיך דערנעענטערט. א קאַלאָנע מאָטאָ־ציקליסטן האָט מיט א גערויש זיך ארויסגעריסן פון הינטער א בערגל און געבליבן שטיין אפן טראַקט. עס האָבן זיך דערטראָגן צו אים הייזעריקע אויסגעשרייען, אומ־באַקאַנטע ווערטער.

דאָס הארץ איז בא אַלעקסייען פארקילט געוואָרן: „דײַטשן“.

אַלעקסיי האָט מיט די לעצטע קויכעס גענומען גיך־גיך פויזען צו מיזרעך, צום ניט ווײַטן בערעזע־וועלדל.

— נאָר ניט אַרײַנפאלן צו די דײַטשן, — האָט ער פארביסן די ליפן, — דער־קלײַבן זיך, אומבאַדינגט, אום יעדער פרײַז דערקלײַבן זיך צו אונדזערע...

קאַפּיטל צוויי

זעלדע האָט שוין פון לאַנג אָנגעגאָסן דעם באָרשטש אין די טעלער און מיט א שווער געמיט געוואַרט. וואָס מער ס׳האָט געדויערט און שעפּטל מיט עלקען האָבן זיך ניט אומגעקערט, האָט זי אַלץ מער געפּילט, ווי ס׳ציטערן איר די הענט. זי האָט זיך שוין ניט געקאָנט מויכל זײַן, וואָס זי האָט זיי געלאָזט גיין. ס׳איז איר געווען א ביזאָיען, נאָר דאָך האָט זי ניט אויסגעהאלטן און איז ארויס אין הויף א קוק טאָן, ווו זײַנען זיי.

אפן הויף זײַנען זיי ניט געווען.

— מאַמע, ווען זוכסטו? — האָט שמועלקע אויסגעשריען, ארויסקוקנדיק פון הינטער דער שטאַל.

איר האָט זיך ניט געוואָלט פרעגן באַם קינד, נאָר דאָך האָט זי אים א רוף געטאָן.

— דעם טאַטן האָסטו ניט געזען, שמועלקע? — און דערפילט, אז זי איז רויט געוואָרן.

— דעם טאַטן? דער טאַטע איז אוועק מיט דער טיאָטיען אהין־אָ, — האָט ער געוויזן אין גאָרטן און, דערזעענדיק הינטער דער סקירדע היי קורטן, זיך געלאָזט מיט א קוויטשעריי לויפן נאָך אים.

„אהין... אין גאָרטן?.. — אף דעם האָט זעלדע זיך שוין אינגאנצן ניט געריכט. — מע שעמט זיך גאָר ניט פאר מענטשן... דער כוטאָר וועט שוין האָבן וואָס צו ריידן"...

זי איז אָפּגעגאנגען אין א זייט, זיך געשטעלט אונטער דער סטריכע, אז מע זאָל זי ניט זען. אין גאָרטן איז קיינער ניט געווען. די קוקורוזע האָט זיך ניט גע־שאָקלט. ווו זשע זיינען זיי?

זעלדע איז צוריק אריין אין שטוב, אָפּגעשטעלט זיך בא דער טיר און זיך אָנגע־שפּאַרט מיטן קאָפּ אין וואנט.

„איצט... אינמיטן העלן טאָג... א טאַטע פון פיר קינדער... און זי... ווי שעמט זי זיך ניט... זי האָט דאָך א מאַן... א קינד... זי וואָלט עס אף איר קיינמאָל ניט גע־גלייבט... איצט פארשטייט זי שוין אלץ... פּאראכטאָגן האָט ער געגעכטיקט בא איר... און היינט איז זי געקומען צו אים... זיך אויסגעפּוצט... אין אזא צייט... אזא מילכאָמע אף דער וועלט..."

זעלדע האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. זי איז ווידער ארויס פון שטוב און דערזען פונדערווייטן גיין עלקען מיט שעפּטלען. זי איז אוועק צו א שכיינע, אבי ניט באגעגענען זיך מיט זיי.

פונקט דעמלט, ס'איז שוין געווען ווייט נאָך האלבן טאָג, האָט, אופהייבנדיק א געדיכטן שטויב, זיך באוויזן אף דער הויך־אָנגעשאָטענער הרעבליע די מאשין פונעם הולייפּאָליער מילך־זאוואָד און מיט א פריילעכער קלינגעריי פארקערעוועט ארוף בערגל צו דער פערמע.

— געקומען די מאשין, — האָט עלקע זיך א כאַפּ געטאָן, — קום גיכער, שעפּטל.

— ווּעסט באוויין... — שעפּטל האָט מיט א ברייטן שפּאַן זי קוים נאָכגעהאלטן.

— איך בעט דיך, — האָט זי אים אונטערגעיילט, — זי קאָן אוועקפאָרן... זי וועט דאָך ניט וואַרטן אף מיר...

— זי וועט ניט אוועקפאָרן. ביז זיי וועלן נעמען די סליוקעס, וועלן מיר נאָך באוויין אָפּעסן מיטיק... זעלדע וואַרט דאָך אף אונדז...

— ניין, ניין... — האָט עלקע דערוווידערט, כאָטש ס'האָט איר שטארק געצויגן באם הארצן און ס'איז געווען ניט אָנגענעם פאר זעלדען, — כ'וועל זיך געזעגענען און לויפן...

— קיין הונגעריקע וועלן מיר דיך פון שטוב ניט ארויסלאָזן... זעלדע!.. זעלדע!.. — האָט ער, עפענענדיק די טיר, א רוף געטאָן.

עלקע איז א צעטראָגענע אריינגעלאָפן אין צימער. נאָך איר איז אריין שעפּטל. אפן געדעקטן טיש זיינען געשטאנען די טעלער מיטן באָרשטש.

— זעלדע!.. וווּ ביסטו?.. — האָט שעפּטל העכער אַ רוף געטאָן. ער האָט אַרײַנ־געקוקט אין קיך און אין אַלקערל צו דער מאַמען, נאָר דאָרט איז אויך קיינער ניט געווען.

— וווּהין איז זי אַוועק?.. נו, זעץ זיך, עלקע... עס אָפּ... איך בעט דיך...— האָט ער זי אָנגענומען בא דער האַנט.

— ניין, ניין... כ׳ל גיין... וווּ זשע איז זעלדקע... כ׳וואָלט וועלן זיך געזעגענען מיט איר...— עלקע האָט געכאַפּט דאָס מאַנטעלע און אַפּגיך עס אָנגעטאָן. — באַ־דאַנק זי פונמײַנעטוועגן... וועסט איר זאָגן, אַז כ׳האָב זיך געאײַלט... זאָל זי קיין פאַ־ריבל ניט האָבן... נו, זײַ געזונט, שעפּטל... און אַז דו וועסט זײַן אין הולײַפּאָליע...— האָט זי אים אויסגעשטרעקט די האַנט.

— איך גיי אויך... כ׳ל דיך צופירן אַף דער בעדאַרקע...

— מע דאַרף ניט, שעפּטל... בלײַב אין דער היים... איך בעט דיך...

— בעט אַפילו ניט,— האָט ער געזאָגט. ער איז אַרויס מיט עלקען פון הויף און אַוועק צו דער בעדאַרקע.

די קינדער, וועלכע האָבן זיך געשפּילט אין דער פאַרוואַקסענער קאַנאַווע אונטער דעם מילבער־בוים, האָבן זיי דערזען און מיט אַ פריילעכן טומל זיך געלאָזט זיי אַנטקעגן.

— טאַטע, זע, וואָס די טיאָטיע האָט אונדז געשענקט, — האָט עסטערקע געוויזן די פאַרביקע פּושקע.

— וווּ איז די מאַמע? — האָט שעפּטל צעטראָגן געפרעגט, אָפּבינדנדיק די לייי־צעס פונעם פאַרקן.

— איך ווייס ניט, — האָט עסטערקע געענטפערט און איז אַוועקגעלאָפן מיט דער פּושקע אין האַנט.

— גייט אין ערגעץ ניט אַוועק... איר׳ט זאָגן דער מאַמען, אַז כ׳וועל באַלד קו־מען... — ער האָט זיך געזעצט מיט עלקען אַף דער בעדאַרקע און אַוועקגעשמיסן.

די שמאָלינקע בעדאַרקע האָט זיך האַסטיק געטראָגן בא דער זײַט וועג און אונטערגעשפּרונגען אַף די הרודעס ערד. שעפּטל האָט געפילט עלקעס אַקסל, איר הייסע האַנט, דעם שטײַפן פוס אירן, וואָס האָט פון מאָל צו מאָל זיך אָנגערירט אין זײַנעם, און ער האָט אַ פײַף געטאָן אינדערלופטן מיט דער בײַטש, גלײַך ער וואָלט וועלן עפּעס פאַרהלושען אין זיך.

עס האָט אים געקלעמט דאָס האַרץ פאַר איר.

די בעדאַרקע האָט זיך פאַרנומען פאַרבײַ דעם זאַהאָן צו דער הרעבליע. פון אייניקע הויפן האָבן אַרויסגעקוקט נײַגעריקע ווײַבער, וועלכע האָבן געוואָלט וויסן, מיט וועמען פאָרט עס דער בריגאַדיר.

עלקע האָט אַראָפּגערוקט נידעריקער דאָס טיכל איבערן שטערן. איר האָט זיך קיינעם ניט געוואָלט איצט זען.

שעפּטל האָט אַ ציאָסקע געטאָן, דער גניאַדער האָט אָנגעשפּיצט די אויערן און פריילעך זיך צעהירזשעט.

— זאָלסט ניט פאַרגעסן, שעפּטל, וואָס כ׳האָב דיך געבעטן, — האָט עלקע גע־זאָגט, ווען זיי זײַנען שוין געווען לעבן דער הרעבליע, — טאָמער וואָס... וועגן סווע־טען... נאָר זאָל עס זײַן צווישן אונדז... יאָ... זאָג מיר... — האָט זי זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, — האָסט זעלדען דערציילט, אַז דו ביסט געווען בײַ מיר?

— ניין... ניט דערציילט... — שעפּטל איז רויט געוואָרן. — וואָסי?..

— אַך, ס׳האָט זיך באַקומען ניט גוט, — האָט עלקע באַדויערט.

— כ׳האָב ניט באַוויזן... ניט געקאָנט... — האָט ער שטיל געזאָגט און אָנגענומען זי בײַ דער האַנט.

עלקע האָט פאַרזיכטיק איר האַנט צוגענומען.

שעפּטל האָט פאַרלוירן אָנגעצויגן די לייצעס. זיי זײַנען דורכגעפאָרן טראָט בײַ טראָט די הויך־אָנגעשאָטענע הרעבליע, אָן וועלכער עס האָבן, שטיל מורמלענדיק, געבויטעט די שוואַכינקע בלוילעכע כוואַליעס פונעם סטאַוואָק.

לעבן דעם ווײַס־געקאַלכטן סקלאַד פון דער מילך־פערמע, איבער וועלכן ס׳איז געהאַנגען דער רויטער לײַוונט מיט די גרויסע ווײַסע אויסיעס: „אַלץ פאַרן פראָנט!״, האָט מען נאָך געהאַלטן אין אָנלאָדן די שווערע בידאָנען מיט סליווקעס אויף דער הולײַפּאָליער מאַשין. דערבײַ זײַנען געשטאַנען עטלעכע באַיאָרטע קאָל־ווירטניקעס, וועלכע האָבן באַדינט די פערמע, און אויך יונגע און עלטערע קאָל־ווירטניצעס מיט סאַפּקעס אין די הענט. זיי האָבן מיט דעם וועג זיך אומגעקערט פון סטעפּ, ווו זיי האָבן געיעט די קוקורוזע. פאַרקערעוועט האָבן זיי אהער, קעדיי אָנ־טרינקען זיך. ווי נאָר די בעדאַרקע איז צוגעפאָרן, האָבן זיי זיך אַלע אומגעקוקט, דערקענט עלקען און, ווי זיי וואָלטן דערזען זייער אַ נאָענטן מענטשן, זיך געלאָזט צו איר.

— כאַווערטע רודנער!..

— ס׳איז דאָך עלקע רודנער...

— כאַווערטע עלקע... — האָבן זיי זי אַרומגערינגלט.

עלקע האָט מיט באַדויערונג אַ טראַכט געטאָן, אַז ס׳האָט זיך איר ניט אײַנגעגעבן אַוועקפאָרן אומבאַמערקט.

— אַזאַ גאַסט! — האָט קאַלמען זאַהאָט דערלאַנגט איר זײַן אויסגעהאָרעוועטע האַנט.

די קאָלווירטניקעס, און דעריקער די קאָלווירטניצעס, האָבן זיך געשטופּט, אָפּ־געשטויסן איינער דעם צווייטן מיט די אַקסלען, יעדערער פון זיי האָט געוואָלט צו־גיין נעענטער צו עלקען.

— האָסט פונדעסטוועגן זיך דערמאָנט אין אונדז! — קאַטערינע טראַסקון האָט זי אַרומגענומען און זיך צעקושט מיט איר. — ביסט אַזוי שיין ווי געווען... וויפל איז שוין, אַז דו ביסט אַוועקגעפאָרן פון אונדז?

— אין דרײַ־און־דרײַסיקסטן... — האָט עלקע ניט הויך געזאָגט.

— גאָט מײַנער, אַכט יאָר!.. — האָט קוקוויִכע אויסגערופן. — דערקענסט מיך כאָטש?..

— איך געדענק אפילע, ווי איר האָט ניט געלאָזט אײַער מאַן גיין אין קאָל־ווירט...

— טאַקע? — האָט קוקוייִכע אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן, און אלע, דערין אויך זי, האָבן זיך צעלאַכט.

— און מיך געדענקט איר, כאַווערטע רודנער? — האָט נעכאַמקע מיט איר קלינגענדיקער שטים געפרעגט.

עלקע האָט מיט באַוווּנדערונג א קוק געטאָן אף נעכאַמקעס פארפלאַמט פּאָנעם מיט די הייסע שוואַרצע אויגן און ניט זיכער א פיר געטאָן מיט די אַקסלען.

— ס'איז דאָך נעכאַמקע... נו, כאַנציע דעם פאַרזיצערס...

— פונוואַנען קאָן די כאַווערטע רודנער דיך געדענקען, — האָט עמעצער פון די פרויען געזאָגט, — דיר איז דאָך דעמלט געווען עפּשער אכט־ניַין יאָר, ניט מער...

— איך בין שוין דעמלט געווען א פּיָאָנערקע און די כאַווערטע רודנער איז געווען אונדזער וואָזשאַטע...

עלקע האָט מיט נאָך מער ניַיגער א קוק געטאָן אף איר. „סאַרא שטאַלטנע, סאַרא שיין מיידל עס איז געוואָרן“...

— ווען ביסטו עס געקומען? — האָט קאַטערינע געפרעגט. — אָט ערשט־אָ?.. וועסט גיין צו מיר... געדענקסט, האָסט דאָך אמאָל אויך געגעסן בא מיר...

— איך געדענק... איך פאָר אָבער שוין אוועק...

— וואָס רעדסטו?

אלע האָבן זי אָנגעקוקט פארוווּנדערט.

— וואָס הייסט, דו פאָרסט שוין אוועק, — האָט קאַלמען זאַהאַט געזאָגט, — ווילסט אפילע ניט א קוק טאָן אונדזער ווירטשאַפט?..

— כ'בין דאָ צופעליק... כ'ל אָן אנדערשמאָל...

— א שאָד... וועסט דעם קאָלווירט אונדזערן איצט ניט דערקענען... האָסט שוין דאַפקע געמעגט א קוק טאָן...

— כ'איַיל זיך... כ'פאָר מיט אָט דער מאַשין...

— לעמיַי זאָל איך זאָגן, — האָט דאָדיע בורלאַק מיד צוגעשאָקלט מיט דעם גראָוון קאָפּ, — מע וואָלט שוין איצט געקאָנט לעבן, ווען ניט די מילכאָמע... זאָג, כאַווערטע עלקע, וואָס וועט עס זיַין... וויפל וועט עס דויערן... דו ווייסט דאָך מער פאַר אונדז...

— איך ווייס דאָס, וואָס איר...

— נו, פונדעסטוועגן... דו ביסט דאָך דאָרט אין די הויכע פענצטער. ביזוואַנען וועלן זיי שפּאַרן. זיי זיַינען דאָך שוין לעבן מינסק...

— אלע טאָג אין אנדער ריכטונג, — האָט טריאַנדאַליס זיך געערגערט.

— זיי קאָנען נאָך כאָס־וועכאַלילע אהער אויך אָנשפּאַרן...

— אזוי שטאַרק זיַינען זיי טאַקע, אז מע קאָן זיי גאָר ניט אָפּשטעלן?

— און איך פֿארשטיי אזוי, — קאַלמען זאָהאָט האָט ארויסגענומען א שטרויעלע פֿון דער באָרד, — איך מיין, אז מע פֿארנארט זיי אין זאק אריַין און זיי וועלן גיך כאַפּן די מאַפּאָלע...

— האַלעוויַ... האַלעוויַ... — האָט קאטערינע צוגעשטימט, — נו, און וואָס הערט זיך בא דיר?.. דערציי כאָטש, ווי לעבסטו... ווער איז דײַן מאַן... א הוליי־פּאָליער?..

— נייך... פֿון אוראל...

— פֿונוואַנען? פֿון אָראַל?.. — האָט קוקוייכע איבערגעפֿרעגט. — אהא... מיסטאמע אויך א גרויסער נאַטשאַלניק...

עלקע האָט געפֿילט, ווי עס דרייט זיך איר דער קאָפּ, מעגלעך פֿון דעם, וואָס זי האָט פֿארן גאַנצן טאָג קיין ביסן אין מויל ניט געהאַט. זי האָט אומגעדולדיק זיך אומגעקוקט אַף דער מאשין. איר האָט זיך געוואָלט שוין וואָס גיכער אוועקפֿאָרן.

די בידאָנעס האָבן פֿארנומען דעם גאַנצן קוזאָוו. שעפֿטל איז געשטאַנען א פֿאר־זאָרגטער לעבן שאָפֿער, עפּעס גערעדט מיט אים און געקוקט פֿונדערוויַיטן אַף עלקען. דער אַלטיטשקער, זשוואַווער עקספּעדיטאָר האָט דערביַי אפֿן פֿליגל פֿון דער מאשין אונטערגעשריבן דינע ראָזלעכע פּאַפּירלעך.

— נו, זיַיט געזונט, — האָט עלקע גענומען זיך געזעגענען, — גריסט כאָנציען, כאָמען, אַלעמען... אַלעמען...

— איך האָב געוואָלט איַיך עפּעס בעטן, — האָט זייער שטיל זיך אָנגערופֿן דאָבע יודל פּיסקונס, נאָכגייענדיק נאָך איר, — יודל דאַרף זיך אומקערן פֿון לאַגער. וויל איך איַיך בעטן, רעדט זיך דורך מיט דער ראַיאָנער נאַטשאַלסטווע... זאָל מען אים דערלויבן לעבן דאָ אין קאָלכאָז...

— מע וועט אים אזוי אויך לאָזן, — עלקע האָט עס געזאָגט אזוי, ווי זי וואָלט ניט פֿארשטיין, וואָס איז זיך דאָ פֿאראַן צו באַאומרויִקן.

— מיט זיַין סטאַטיא, זאָגט מען, לאָזט מען ניט... נו, טוט א טויווע, זאָגט כאָטש איין וואָרט דעם פּרעדסעדאַטעל פֿון ראַיויספּירקאָם... מיט איַיער וואָרט וועט ער זיך רעכענען...

— אומזיסט מיינט איר אזוי, — האָט עלקע ביטער א שמייכל געטאָן.

— איך ווייס זייער גוט... איר זיַיט דאָך דער גלאַוונער פּרעדסעדאַטעל פֿון גאַנצן „זאַגאָטזערנאָ“... איך בעט איַיך...

דער שאָפֿער האָט איַינגעשלאָסן דעם מאָטאָר, און עלקע האָט אַפּגיך זיך געלאָזט צו דער מאשין.

— אָט אזוי ווערט מען גרויס בא זיך און מע וויל יענעם די מינדסטע טויווע ניט טאָן, — האָט דאָבע געבורטשעט, — ווען איר מאַן זאָל זיצן...

— מיר פֿאָרן שוין? — האָט עלקע, מיט א געפֿיל פֿון א מענטשן, וואָס וויל זיך ראַטעווען, א פֿרעג געטאָן באַם עקספּעדיטאָר.

— אהא, — האָט ער געענטפֿערט, פֿארייכערנדיק א פּאַפּיראָס.

עלקע האָט א טראכט געטאָן, אז ווען ער בעט זי איצט זיך זעצן אין קאבינע, וואָלט זי זיך ניט אָפּגעזאָגט. ס׳האָט איר ביכלאַל ניט געארט דאָס, וואָס זי דארף זיצן צווישן די בידאָנעס, נאָר דערבײַ זײַנען געשטאנען די קאָלווירטניקעס און דעריקער שעפּטל און ס׳איז איר איצט געווען עפּעס ניט אָנגענעם צו קריכן פאר זיי אין די אויגן אין קוזאָוו. נאָר דער עקספּעדיטאָר האָט איר ניט פאָרגעלייגט.

— נו, שעפּטל... — זי איז צוגעגאנגען צו אים, א דריק געטאָן די האנט, מער גאָרנישט ניט געזאָגט, זיך אָנגעכאפּט איבעם קוזאָוו, מיטן רעכטן פוס זיך געשטעלט אף דער שטײַפער ראָד און, צוהאלטנדיק מיט איין האנט דאָס קליידל בא די קני, ארופגעקראָכן אף דער פול־געלאָדענער מאשין, שמייכלענדיק־פארלוירן א מאך געטאָן מיט דער האנט צום אוילעם.

אין דער זעלבער רעגע איז דער מאָטאָר זיך פארגאנגען אין א שטארקער הודערײַ, די מאשין האָט האסטיק זיך א ריס געטאָן פון אָרט, עלקע האָט זיך א וואקל געטאָן, איז אומגעפאלן אף די אונטערטאנצנדיקע בידאָנעס און, פארטשעפּענדיק זיך אָן א דראָט, צעריסן פון פאָרנט ביז סאמע אראָפּ דאָס מאנטעלע.

„פונוואנען האָט זיך נאָך, צו אלדי רוכעס, גענומען דער דראָט אהער!״... — עלקע האָט זיך קוים אײַנגעמאָסטיעט צווישן די פאָדערשטע בידאָנעס, דאָ האָט ניט אזוי געטרייסלט, און אומגעקוקט זיך ערשט דעמלט, ווען די מאשין איז שוין געווען לעבן די זונרויזן. זי האָט פונדערווײַטן דערזען, ווי שעפּטל האָט אף דער בעדארקע זיך געלאָזט צוריק צום כוטאָר...

שעפּטל איז געפאָרן טראָט בא טראָט. אפן הארצן איז שוין לאנג ניט געווען אים אזוי קאלעמוטנע. „אָט איז זי דאָ געווען, עלקע, און שוין ניטאָ. אוועקגעפאָרן״...

לעבן הויף האָט ער איבערגעלאָזט די בעדארקע, מיט שווערע טריט ארײַן אין שטוב און געבליבן שטיין לעבן דער טיר מיט ברייט־פאנאנדערגעעפנטע אויגן. אף שמועלקעס בעטל איז א צונויפגעדרייטע געלעגן זעלדע, דעם קאָפּ אײַנגענורעט אין קישן און געוויינט הויך אף א קאָל. אף דער ערד זײַנען געזעסן די קינדער שווײַגנדיק, און נאָר קורט איז געשטאנען און געגלעט זעלדען דעם פוס.

— וואָסי... וואָס האָט געטראָפן?.. — האָט שעפּטל א פרעג געטאָן.

די קינדער האָבן דערשראָקן זיך אומגעקוקט אף אים, און זעלדע, דערהערנדיק זײַן שטים דאָ אין צימער, האָט נאָך שטארקער זיך צעוויינט.

— וואָסי... ס׳טוט שטארק ווי דער פינגער?.. — ער איז צוגעגאנגען צום בעטל און זיך איבערגעבויגן איבער זעלדען.

זעלדע האָט ניט אופגעהערט כליפּען.

— וואָס האָט איר זיך צונויפגעקליבן אהער, — האָט ער זיך צעשריִען אף די קינדער, — גייט אין הויף ארײַן... גייט שפּילט זיך...

— וואָס טרײַבסטו די קינדער פון שטוב, — האָט זעלדע זיך מיטאמאָל אופגעזעצט, — זאָלן זיי וויסן... איצט אין אזא צײַט... אזא מילכאָמע... מאָרגן, גאָט באהיט,

קאָן מען אים צונעמען... איבערלאָזן מיך מיט אזא מישפּאָכע... און אים... וואָס ליגט אים אין קאָפּ... איך וויל מער ניט לעבן... איך קאָן ניט... — האָט זי געכליפּעט.

שעפּטל האָט שטרענג א קוק געטאָן אף די קינדער, און זיי זיינען אַנגעכמורעטע, מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּלעך ארויס פון שטוב.

זעלדע איז צוריק אנידערגעפאלן אפן בעטל. זי האָט געוויינט שטיל, פארשטיקט, ווי זי וואָלט שוין קיין קויעך קיין ניט געהאַט.

— זעלדע... וואָסי... נו, וואָס האָב איך אזוינס געטאָן?.. — ער האָט פאָרזיכטיק זיך צוגעזעצט לעבן איר און זי א גלעט געטאָן איבערן אקסל.

— גיי אוועק פון מיר... כ'ווייס שוין, פארוואָס דו האָסט זיך דעמלט פאר־האלטן, — האָט זי וויינענדיק געטייַנעט, — איך האָב זיך שיר פון די געדאנקען ניט געריבט... ניט געוווסט, וואָס איבערצוטראכטן, און ער האָט זיך פארבראכט בא איר... א טאטע פון פיר פּיצלעך קינדער...

— וואָס רעדסטו, זעלדע... רעדסט דאָך נארישקייַטן, — שעפּטל האָט דערפילט, אז דאָס העמד איז אף אים נאס געוואָרן, — נו, איז וואָס, אז כ'בין אריַין צו איר?.. איך האָב ניט געטאָרט אריַין?..

— ס'איז דאָך שוין א וואָך צייַט אדורך, אז דו ביסט געווען בא איר, — פאר־וואָס זשע האָסטו מיר ניט דערציילט? — האָט זעלדע, אָנעמענדיק זיך מיט קויכעס, זיך אופגעזעצט. — פארוואָס האָסטו פון מיר אויסבאהאלטן?.. פארוואָס האָסטו מיר ניט דערציילט, אז דו האָסט געגעכטיקט בא איר?..

פון געוויין איז דאָס פּאָנעם בא זעלדען געווען פארקרימט, די אויגן געשוואָלן און די נאָז נאס און רויט. זי האָט אויסגעזען אומגליקלעך. ער האָט זי נאָך קיינמאָל אזא ניט געזען.

— וואָס רעדסטו?.. ווער האָט געגעכטיקט?.. דו ווייסט שוין אינגאנצן ניט, וואָס דו רעדסט. איך בין א ווילדע געזעסן, בין איך... און אוועק אין קאָלווירטישן אייַנפאָר־הויז, בין איך אוועק...

— איז נאָך וואָס איז זי געקומען צו דיר?.. ווו ביסטו מיט איר פארפאלן געוואָרן?..

— שריַי ניט... וואָס שרייַסטו?.. מיר זייַנען... זי האָט געוואָלט... זי האָט מיר געדארפט דערציילן עפּעס... — ער האָט געקוקט אראָפּ, זי זאָל ניט באמערקן זיַין פארלוירנקייַט.

— וואָס האָט זי דיר צו דערציילן?.. ווער ביסטו איר?..

— וואָס הייסט, ווער בין איך איר... מע איז דאָך מענטשן... ס'איז איר איצט זייער שלעכט... ס'האָט בא איר געטראָפן...

— וואָס האָט געטראָפן?

— נו, — האָט ער זיך א קנייטש געטאָן, — דאָס קאָן איך דיר ניט דערציילן...

— דעם אייגענעם ווייַב קאָנסטו ניט דערציילן... זי איז דיר טייַערער פון מיר!.. האָסט מיט איר סוידעס... בעסער וואָלט איך דאָס ניט דערלעבט, — איז זי ווידער זיך פארגאנגען אין א געוויין, — גיי אוועק... גיי אוועק פון מיר...

אין הויף האָבן זיך דערהערט טריט. עמעצער איז געגאַנגען אַהער.

שעפּטל האָט אומבאַהאָלפן זיך אומגעקוקט, ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן. זינט ער לעבט, איז נאָך מיט אים אַזוינס ניט געווען...

קאַפּיטל דריי

שוין אַף מאָרגן נאָך דעם, ווי מע האָט וואָוען מיט די איבעריקע מאָביליזירטע קאָלווירטניקעס אַרויסבאַגלייט פונעם כוטאָר אַף דער מילכאָמע, האָט נעכאַמקע אָנגעהויבן וואַרטן אַף אַ בריוו. נאָך דעם אַלעמען, וואָס עס איז געשען צווישן זיי פאַרן צעשיידן זיך, האָט זיך איר באַזונדערס געוואָלט וואָס גיכער באַקומען כאָטש עטלעכע שורעס פון אים.

פון פרייטאָג ביז אָוונט האָט זי געאַרבעט אין סטעפּ אונטער דער צעגליטער זון — אַ שטאַרק פאַרברוינטע, אַ פאַרפאַליעטע געיעט די קוקורוזע. דאָרט, צווישן די קאָלווירטניצעס, האָט זי זיך פאַרגעסן אַ ביסל.

אָבער אין די אָוונטן, ווען זי פלעגט זיך אומקערן פון סטעפּ, פלעגט איר אָנהייבן נאָגן דאָס האַרץ. פון דעם, וואָס וואָוען איז דאָ ניט געווען, האָט דער כוטאָר אויסגעזען אומעטיק און פוסט.

דער קלוב, וווּ זיי האָבן פריילעך פאַרבראַכט, איז געשטאַנען אַ פאַרמאַכטער. די גרויסע פענצטער, וואָס האָבן געקוקט צו דער שטילער גאַס, זיינען געווען פינצטער, און עס האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי ס׳וואָלט דאָרט גאָר קיינמאָל קיין פייער ניט געברענט. אינעם יונגן סעדל און באַם סטאַוואָק האָט זיך ניט געהערט קיין געזאַנג.

זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, האָט נעכאַמקע קימאַט ניט געזען דעם טאַטן. ער פלעגט אַוועקגיין זייער פרי און אומקערן זיך שפּעט באַנאַכט, ווען זי איז שוין געשלאָפן. דער שטענדיק פאַרנומענער קאָלווירט־פאָרזיצער האָט איצט ניט געהאַט קיין צייט אַפילו אַ טראַכט צו טאָן וועגן זיין טאָכטער און אירע יונגמיידלשע איבערלעבונגען.

נעכאַמקע איז געווען זיכער, אַז דעם זעלבן טאָג, ווי נאָר וואָוען איז געקומען קיין הוליי־פּאָליע, האָט ער איר גלייך אָנגעשריבן, און זי האָט אויסגערעכנט, אַז דעם ערשטן בריוו פון אים דאַרף זי באַקומען ניט שפּעטער, ווי מיטוואָך. אָנהייבנדיק פון אָט דעם טאָג, האָט זי מיט אַ באַזונדער אומגעדולד אַרויסגעקוקט אַפן בריווטרעגער, דעם אַלטן ראַכמיעל, וועלכער פלעגט יעדן פאַרנאַכט ברענגען צו טראָגן די פּאָטשט פון דאָרפראַט. נאָר ס׳איז אַדורך אי מיטוואָך, אי דאָנערשטיק, אי פרייטיק, אי שאַבעס, און קיין בריוו פון וואָוען איז ניט געווען. נעכאַמקע האָט שוין ניט געוווּסט, וואָס איבערצוטראַכטן.

אייניקע אַפן כוטאָר האָבן שוין געהאַט באַקומען די ערשטע בריוו פון די מאָביליזירטע, און נעכאַמקע האָט דערפאַר נאָך מער איבערגעלעבט. איר גאַנצע האָפענונג איז געווען אַף דער היינטיקער, זונטיקדיקער, פּאָטשט.

נאָך האַלבן טאָג האָט נעכאַמקע באַזונדערס גיך געיעט די קוקורוזע. זי האָט געוואָלט פריִער ענדיקן, קעדיי באַוויַיזן זיך אומקערן אין כוטאָר צו דער ציַיט, ווען מע ברענגט די פּאָטשט.

נעכאַמקע האָט די ערשטע פאַרענדיקט יעטן איר לאַנקע, געהאָלפן איר בעסטע כאַווערטע באַסיע, וואָס האָט געאַרבעט בישכיינעס מיט איר, אויך פאַרענדיקן, און ווען די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן, האָבן זיי איַיליק זיך געלאָזט אַראָפּ־באַרג, צום כוטאָר. נעכאַמקע איז שיר ניט געלאָפן.

איבער דער ברייטער גרין־פאַרוואַקסענער גאַס פונעם פאַרנאַכטיקן כוטאָר האָט די טשערעדע מיט א צעצויגענעם זאַטן מעקען זיך אומגעקערט פון דער פּאַשע און פאַנאַנדערגעטראָגן מיט זיך דאָס באַקאַנטע און אָנגענעמע גערוך פון פרישן זאַפּ־טיקן גראָז, וואַרעמער מילך און קיזיק. די בעהיימעס, מיט שווערע פולע איַיטערס, זיַינען מיד געגאַנגען, פאַמעלעך איבערשטעלנדיק די פיס, און מיט בענקשאַפט גע־מרוקעט, אויסציִענדיק די העלדזער אין דער הייך.

אין א וויַילע אַרום, ווי נאָר די בעהיימעס זיַינען זיך צעגאַנגען, יעדערע צו זיך אין הויף, האָט דער שטויב זיך אָפּגעזעצט אַפן אויסגעטראָטענעם וועג, און אין עק פון דער קרומלעכער, עטוואָס אַרוף־באַרגיקער גאַס, וואָס איז געווען באַגאָסן מיט רויטקיַיט פון דער פאַרגייענדיקער זון, האָט זיך באַוויזן ראַכמיִעל דער בריוו־טרעגער.

אין די הויפן האָט מען זיך צעפּאָלאָכעט, די וויַיבער האָבן איבערגעלאָזט אַלץ מיטאַנאַנדער און, ווישנדיק די הענט אין די פאַרטעכער, זיך געלאָזט לויפן אים אַנטקעגן.

נעכאַמקע איז שוין אויך גרייט געווען זיך לאָזן לויפן — זי וואָלט איצט אַלעמען אַריבערגעיאָגט, נאָר זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין א וויַינשלבוים און זיך אָפּגעשטעלט. און טאָמער איז היַינט ווידער קיין בריוו ניטאָ? וואָס וועט דעמלט זיַין? זי האָט מוירע געהאַט אפילע צו טראַכטן וועגן דעם און איז מיט אן אומרויִק געמיט אוועק צום ברונעם. זי האָט צוגעבונדן דעם עמער צו דעם שטריק און האַסטיק מיט א ראַש אָפּגעלאָזט דעם סקריפּענדיקן קאָלאָוואָראָט. זי האָט גיך אַרויסגעצויגן אן עמער וואַסער, אָוועקגעשטעלט מיט אים אין פּאַליסאַדניק און גענומען באַגיסן די אַגרעסן, קוקנדיק דערביַי אַרוף־גאַס.

דאָ און דאָרט זיַינען אַפן מיטן וועג און לעבן די פּאַליסאַדניקעס געשטאַנען רעד־לעך מענער און פרויען און געלייענט די אָקאָרשט אָנגעקומענע בריוו. און דער אַלטער ראַכמיִעל, עטוואָס אן איַינגעבויגענער, איז שוין געגאַנגען וויַיטער איבערן כוטאָר.

לויט דעם, וואָס קימאַט אַנטקעגן יעדן הויף האָט ער זיך פאַרהאַלטן, איז קאָנ־טיק געווען, אַז ער האָט היַינט געבראַכט א סאַך בריוו.

נעכאַמקע האָט ערשט איצט באַמערקט, אַז זי האָט אויסגעגאָסן דאָס וואַסער גאָר ניט אַרום די קוסטעס, נאָר אין דער זיַיט, דאָרט, וווּ מע האָט ניט געדאַרפט. דערפילט, אַז ס'איז איר באַס אין די פיס, איז זי א פאַרטראַגענע ווידער אוועק

מיטן עמער צום ברונעם. דורך דעם שיטערן פאַליסאַדניק האָט זי דערזען, אַז דער בריוטרעגער איז שוין ניט ווײַט פון זייער הויף. דאָס האַרץ האָט בא איר אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן, און זי האָט מוירע געהאַט זיך אומקוקן. זי האָט אָנגעשטרענגט געוואַרט. אויב ס'איז פאַראַן אַ בריוו, וועט ראַכמיִעל באַלד פאַרקערעווען אַהער, אין הויף אַרײַן. זי האָט זיך אָנגעבויגן איבערן ברונעם, געוויגט דעם שטריק, געקלונגען מיטן עמער.

נעכאַמקע האָט פאַרטראַכט: אויב זי וועט אַרויסציִען דעם עמער אַ פולינקן, ניט פאַנאַנדערפליוכענדיק קיין איין טראָפּן, איז אַ סימען, אַז ס'איז פאַראַן אַ בריוו פאַר איר...

זי האָט פּאַמעלעך גענומען דרייען דעם קאַלאָוואָראָט און אַרויסגעצויגן אַ פולינקן עמער מיט קילבלעכן וואַסער. זייער פאָרזיכטיק האָט זי אָוועקגעשטעלט דעם עמער אויפן סרוב, אָפּגעבונדן דעם נאַסן עטוואָס צעדרויבלטן שטריק, טראַכטנדיק וועגן דעם, וואָס, אַשטייגער, קאָן וואָווע שרײַבן אינעם בריוו. און מיטאַמאָל האָט זי דערהערט, אַז ראַכמיִעל רופט זי. נעכאַמקע האָט אַ ציטער געטאָן, אָפּגעלאָזט דעם עמער, און ער האָט מיט אַ דזליגגערײַ און ראַש זיך אַ טראָג געטאָן אַראָפּ, איבערגעקערט זיך עטלעכע מאָל אין דער טונקעלער טיפקײַט פונעם ברונעם און מיט אַ טראַסק זיך אַ פּליוכע געטאָן אין וואַסער.

— אוי! — האָט זי אַ געשריי געטאָן און זיך געלאָזט לויפן אַנטקעגן דעם אַלטן ראַכמיִעלן. אַ פאַרפלאַמטע האָט זי אַ כאַפּ געטאָן בא אים פון די הענט דעם בריוו, צוגעדריקט אים שטײַף צום האַרצן און, פאַרגעסנדיק אַפילע צו באַדאַנקען, אַ גליקלעכע אַוועקגעלאָפן אין שטוב. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן די טופליעס, פאַרקליבן זיך מיט די פיס אויף דעם שמאָלן אײַזערנעם בעטל, אומגעדולדיק אויפגעריסן דעם בלוילעכן קאָנווערט און געבליבן זיצן אַנטוישט. דער בריוו איז גאָר געווען פון איר עלטערער שוועסטער, פון קרוינען.

נעכאַמקע האָט זיך צעוויינט. זי איז דאָך זיכער געווען, אַז דער בריוו איז פון וואָווען.

אַ דערצאָרנטע איז זי געזעסן אַ היפּשע ווײַלע אויפן בעטל, נאָכדעם אויפגעהויבן דעם בריוו און מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ גענומען לייענען.

דער בריוו איז געווען פון 20 יוני. קרוינע האָט געשריבן, אַז זי בענקט זייער שטאַרק נאָכן טאַטן און נאָך איר אײַנציקער ליבער שוועסטערקע, וועלכע זי ווייל זייער זען, נאָר הײַנטיקן זומער וועט זי קאַניקול־צײַט שוין אַהיים ניט קומען, ווײַל זי קלײַבט זיך מיט אַ גרופּע סטודענטן אויף אַן עקסקורסיע. פון קיִעוו וועלן זיי פאָרן מיטן דניעפּער ביז כערסאָן. אין קאַניעוו וועלן זיי זײַן אויף שעווטשענקאָס קייווער. אין זאַפּאָראָזשיע וועלן זיי זען דניעפּראָהעס. פון יעווּפּאַטאָריע ביז אַלושטע וועלן זיי גיין צופוס לענגאויס דעם דאָרעם־ברעג פון קרים. אויף אײַ־פּעטרי וועלן זיי באַגעגענען דעם זון־אויפגאַנג איבערן יאַם. זיי וועלן זײַן אויף דעם העכסטן באַרג ראָמאַן־קאָש און אין קוזמאַ־דעמיאַנאָווער מאָנאַסטיר, אין „ניקיטסקי סאַד“, אין געוועזענעם קייסערלעכן פּאַלאַץ אין ליוואַדיע... קיין סאַך געלט וועט די עקסקורסיע ניט קאָסטן.

שלאָפן וועלן זיי אין ברעזענטענע פּאַלאַטקעס, וועלכע זיי נעמען מיט זיך אין די רוקזעק, עסן וועלן זיי אַליין זיך גרייטן, נאָר דאָך וועט די סטיפּענדיע איר ניט קלעקן, און דעריבער בעט זי, גלייך ווי זיי וועלן באַקומען דעם בריוו, אַרויסשיקן איר אַ ביסל געלט...

נעכאַמקע האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן:

— ערשט צוריק מיט אַ וואָך איז קרויגען געלעגן אין קאָפּ עקסקורסיעס, פּאַ־לאַטקעס... און איצט... וואָס איז מיט איר, ווו איז זי?

פונעם ברעג כוטאָר, ווו ס'האָט זיך געפונען די קאָלווירט־פאַרוואַלטונג, האָט זיך דערטראָגן אַ פאַרטויבט געקלאַנג איבער דער רעלס, וואָס איז געהאַנגען צוגע־בונדן צו אַ צווייַג פון אַן אַלטן אַקאַציע־בוים.

„וואָס איז שוין דאָרט ווידער?" — האָט נעכאַמקע צעשטרייט אַ טראַכט געטאָן, אַראָפּ פון בעטל און גענומען זיך איבערטאָן.

קעדיי קיינער זאָל ניט באַמערקן, אַז זי לעבט איבער, וואָס זי האָט פון וואָוועץ ניט באַקומען קיין בריוו, האָט זי זיך בעקיוון פאַרפּוצט אין דעם לייַכטן בלוי־גע־קווייטלטן קליידל, וואָס האָט איר זייער געפּאַסט, איבערגעפלאָכטן דעם צאָפּ, אָנגע־טאָן די נייַע טופליעס און איז אוועק.

ווען זי איז געקומען אויפן קאָלווירט־הויף, איז שוין דאָרט געווען פול מיט מענטשן. עלטערע קאָלווירטניקעס און קאָלווירטניצעס זייַנען געשטאַנען אין רעד־לעך לעבן טויער, איינמיטן הויף, געזעסן אויף די דישלעס פון די אויסגעשפאַנטע וועגענער, אויף די לאַנגע שווערע בענק, וואָס זייַנען געווען אויסגעשטעלט אין פּאָלי־סאַדניק. מע האָט גערעדט וועגן דער לעצטער סוואַדקע, וועגן עלקע רודנער, וועלכע אייניקע פון זיי האָבן געזען באַטאָג בא דער מילך־פערמע, און דעריקער וועגן די בריוו, וואָס מע האָט הייַנט באַקומען.

די מיידלעך, איבערגעטאָנענע, זייַנען געשטאַנען לעבן ברונעם אַרום דער יונ־גער לערערן, וועלכע האָט זייער אויפגעלעבט עפּעס דערציילט. מיט אַ קוויטשערייַ האָבן צווישן די וועגענער און הארבעס זיך אַרומגעיאָגט די קינדער.

נעכאַמקע האָט זיך שוין געלאָזט גיין צו די מיידלעך, נאָר דערזען דאָרט די לערערן און פאַרקערעוועט אין אַ זייַט.

אויפן הויף איז געשטאַנען אַ טומל, אַלע האָבן גערעדט, און צו נעכאַמקען האָבן זיך דערטראָגן אָפּגעריסענע פראַזעס:

— דאָדיע בורלאַק האָט הייַנט ווידער באַקומען פינף בריוו.

— און איר האָט ניט באַקומען?..

— מייַנער האָט אָנגעשריבן דעם זעלבן טאָג, ווי נאָר ער איז געקומען קיין הולייַפּאָליע...

— איך האָב דערוויַיל איין בריוו באַקומען... וואָס איז אַ מאַמע?..

— ווען ער האָט אַ מיידל, וואָלט ער געשריבן אַלע טאָג...

— אַלע האָבן, דאַנקען גאָט, הייַנט באַקומען...

„אלע"... — האָט נעכאַמקע מיט וויטעק א טראַכט געטאָן, פאַרבײַסנדיק די ליפּ. דאָס האַרץ האָט בא איר געגנאָגט פון קינע. זי האָט געוואָלט וויסן, צי האָבן וואָוועס עלטערן באַקומען א בריוו. „מיסטאַמע האָבן זיי אויך ניט באַקומען, — האָט זי זיך געפרוווט טרייסטן. — זייער מעגלעך, אז וואָוועס בריוו האָבן זיך ערגעץ פאַר־האַלטן".

נעכאַמקע האָט דערפילט, אז עמעצער האָט זי אָנגענומען בא דער פּלייצע. זי האָט זיך האַסטיק אומגעקוקט. לעבן איר איז געשטאַנען די כאַווערטע אירע, באַסיע.

— א גרוס דיר פון יאַסקען, — האָט זי א פרײלעכע געזאָגט, — כ'האָב באַקו־מען א בריוו... ער שרײַבט, אז ער איז צוזאַמען מיט וואָוועןֹ... און וואָס שרײַבט דיר וואָווע?

— איך האָב ניט באַקומען, — האָט נעכאַמקע שטיל געזאָגט.

— וואָס הייסט, — האָט באַסיע פאַרוווּנדערט אויסגערופן, — ווי קאָן עס זײַן... שלוימע־קאַלמען האָט דאָך הײַנט באַקומען...

— פונוואַנען ווייסטו?

— איך האָב אַליין געזען.

נעכאַמקע האָט דערפילט, ווי עפּעס האָט בא איר אינווייניק זיך אָפּגעריסן. „הייסט עס, זיי האָט ער געשריבן, און איר ניט... איך האָב עס קאָשער פאַרדינט..."

— לעב ניט אַזוי איבער... וועסט באַקומען. קום, וועלן מיר זיך זעצן נעענ־טער, — האָט באַסיע זי א שלעפּ געטאָן פאַר דער האַנט, — ווייסט ניט, וועגן וואָס איז די פאַרזאַמלונג?

— די פאַרזאַמלונג? — האָט נעכאַמקע צעטומלט איבערגעפרעגט. — נייך, איך וויים ניט...

פונעם קאָלווירט־הויז איז אַרויס כאַמע טראַסקון, דער באַפולמעכטיקטער פון דאַרפראַט און פאַרטאָרג פונעם קאָלווירט, צוזאַמען מיט טריאַנדאַליסן, דרוויאַנען און נאָך עטלעכע קאָמוניסטן פון כוטאָר.

— נו, לאָמיר, כאַווײרים, אָנהייבן, — האָט כאַמע הויך א זאָג געטאָן און זיך געלאָזט גיין צום פּאַליסאַדניק.

אַלע זײַנען באַלד אַוועק נאָך אים און זיך אויסגעזעצט ווער אף די בענק, ווער אפן גראָז. אייניקע זײַנען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן די ביימער.

כאַמע האָט פאַרנומען דאָס אָרט לעבן קליינעם טישל, וואָס איז געווען אַרײַנ־געגראָבן אין דער ערד, און, זשמורענדיק די אויגן, אופמערקזאַם באַטראַכט דעם עולעם.

— לאָמיר, כאַווײרים, אָנהייבן, — האָט ער איבערגעכאַזערט, — כאָנציע איז פאַרבליבן אין סאַנזשאַראָווקע. אף א באַראַטונג. דער ראַיפּאַרטקאָם האָט צונויפ־גערופן. אַזוי, אז וואַרטן אף אים איז ניט שײַעך. דער בריגאַדיר שעפּטל איז דאָ? — האָט ער א זוך געטאָן צווישן עולעם.

— בא אים אין שטוב איז פרײלעך, — האָט ריקליס א בורטשע געטאָן.

— וואָס פרייליך?.. — האָט כאָמע, וועלכער האָט זייער ניט ליב געהאַט ריקליסן, אומצופרידן געפרעגט.

— כ'וויס וואָס... איר האָט סיידן ניט געהערט, ווי זעלדע האָט געכליפּעט... פונוואַנען זאָל איך וויסן, — האָט ריקליס אויסגעשפּיגן.

— שאַ. אָט גייט שעפּטל, — האָט קאַלמען זאָהאָט, אומקוקנדיק זיך צום טויער, זיך אָנגערופן. כאָמע האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג. ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע די אינדערפריִקע סוואָדקע, ניט געאײַלט איבערגעלייענט, זיך גוט אויסגעהוסט און אָנגעהויבן דערקלערן, וואָס פאַרא אויפגאַבן עס שטייען איצט פאַר זייער קאָלווירט. מע דאַרף אַראָפּנעמען אָן פאַרלוסטן די גערעטעניש, אַרויספירן וואָס פריִער דאָס ברויט, וואָס עס פאָדערט דער פראָנט, און פאַרשטאַרקן די וואַכזאַמקייט. כאָמע האָט דערציילט, אַז עס זיינען פאַראַן ידיִעס וועגן דעם, אַז פאַשיסטישע עראָפּלאַנען וואַרפן אַראָפּ באַנאַכט פאַראַשוטיסטן, באַזונדערס אין די ראַיאָנען, וווּ עס געפינען זיך די דייטשישע קאָלאָניעס; דעריבער האָט דער שטאַב פון דער דרוזשינע, וועלכע זיי האָבן אָרגאַניזירט, באַשטימט: אויסטיילן יעדע נאַכט צוויי פּאָסטנס אַף צו היטן די פעלדער און נאָכקוקן נאָכן הימל... היינט באַנאַכט וועלן טראָגן די וואַך אין דער קאָוואַלעווסקער באַלקע מיקיטע דרוזיאַן און ריסע קוקוי — אַן עלטערער מיט אַ ייִנגערן, און אַפן הולייפּאָליער וועג, ביז דער דייטשישער קאָלאָניע זאָנענטאַל, — דאָדיע בורלאַק און נעכאַמקע כאָנציע דעם פאַרזיצערס.

נעכאַמקע איז צופרידן געווען, וואָס זי וועט היינט באַנאַכט ניט דאַרפן זיין אַליין אין שטוב. ווען מע האָט זיך שוין גענומען פאַנאַנדערגיין, האָט זי דערהערט, ווי ריקליס האָט צו עמעצן געזאָגט, אַז אויב מע וועט אים אויסטיילן, וועט ער סיִיוויי ניט גיין כאַפּן קיין פאַראַשוטיסטן. ער וועט ניט איינשטעלן דאָס לעבן.

און נעכאַמקען האָט זיך דאַפקע איצט געוואָלט איינשטעלן דאָס לעבן. ס'איז איר איצט קיין שום זאַך ניט שרעקלעך געווען. ווען מע שיקט זי איינע אַליין אין סטעפּ, וואָלט זי זיך אויך ניט אָפּגעזאָגט.

פון דער פאַרזאַמלונג איז דאָדיע בורלאַק צוגעגאַנגען אַהיים נאָך דער בורקע. ער האָט געייצעט נעכאַמקען אויך עפּעס מיטנעמען מיט זיך. נאָר נעכאַמקע האָט זיך איינגעשפּאַרט און ניט געוואָלט. אָט אַזוי, ווי זי איז געגאַנגען, אָן אויסגעפּוצטע, איז זי אַוועק אַף נאַכט אין סטעפּ, ווי זי וואָלט געטאָן מיט דעם עמעצן אַפּצולאָכעס.

דאָדיע בורלאַק איז שווער געגאַנגען, אָנשפּאַרנדיק זיך אַף זיין סוקעוואַטן שטעקן. אַ גאַנצן טאָג האָט ער אָפּגעאַרבעט אין קוזניע און זיך געפילט מיד. נאָר דאָס האָט אים ניט געשטערט אויסדערציילן נעכאַמקען, וואָס עס שרייבן די זין, די איידעמס און אייניקלעך אין די בריוו, וועלכע ער האָט היינט באַקומען. זיי זיינען אַלע איצט אין דער אַרמיי, און ער האָט זיך געגרייסט מיט דעם.

אין סטעפּ איז צוביסלעך געוואָרן טונקל, נאָר דער אויסגעפאָרענער זאַמדיקער וועג האָט זיך בוילעט געזען. ניט געאײַלט האָבן זיי זיך דערנעענטערט צו דער אָפּ־

געקאָסיעטער היי־לאַנקע, וואָס האָט געגרענעצט מיט דער דײַטשישער קאָלאָניע זאָנענטאַל. דאָ זײַנען זיי געבליבן שטיין.

— לאָמיר, טאַכטערקע, זיך צוזעצן... מירן זיך אָפּרוען א ביסל, — האָט דאָדיע בורלאַק געזאָגט צו נעכאַמקען.

דער אַלטער האָט זיך צוגעזעצט הינטער א קאָפּיצע היי. דאָס היי, וואָס האָט פאַרהיט אין זיך די וואַרעמקייט פון דער באַטאָגיקער זון, האָט זייער שאַרף און מעכײַעדיק געשמעקט, געשיקערט.

דאָדיע בורלאַק האָט אַראָפּגעלאָזט דעם שווערן קאָפּ אף דער ברוסט און אין א ווײַלע אַרום אָנגעהויבן דרעמלען.

„זאָל ער שלאָפן", — האָט נעכאַמקע א זאָג געטאָן צו זיך אַליין. זי איז אוועק צו דער שכיינעסדיקער הויכער קאָפּיצע, אַרופגעקראָכן אף איר, ווי אף א טורעם, און געגנומען קוקן אין אַלע זײַטן. איר האָט זיך דאַפקע געוואָלט, אז עפּעס זאָל גע־שען. זי האָט פאַרהויבן דעם קאָפּ און זיך אײַנגעקוקט אין הימל.

אַרום, אינעם גראָז, האָבן דין געגרילצט די צירקונען. נעכאַמקע האָט א פּאַר־גאַפטע זיך צוגעהערט צו דער מוזיק פון דער נאַכט, און ס'האָט בא איר פון דעם צוביסלעך זיך אײַנגעשטילט דאָס האַרץ.

מיטאַמאָל האָט זיך צו איר דערטראָגן א הודערײַ. נעכאַמקע האָט אָנגעשטרענגט זיך אײַנגעהערט, געזוכט מיט די אומרויִקע אויגן אין הימל, צי פליט ניט אהער קיין עראָפּלאַן. זי האָט גאָרנישט ניט געזען. די הודערײַ האָט זיך אָבער אַלץ דערנענטערט.

נעכאַמקע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער קאָפּיצע, צוגעלאָפן צו דאָדיע בורלאַקן און אים אופגעוועקט.

— זיידע, שטייט אוף... שטייט אוף, גיכער... איר הערט?

דאָדיע בורלאַק האָט א צעטומלטער זיך אופגעהויבן, א ווײַל זיך אײַנגעהערט, און מיט א פאַרשלאָפן קאָל געזאָגט:

— ס'איז א מאַשין...

— און עפּשער אַן עראָפּלאַן?..

— אַן עראָפּלאַן הודעט ניט אזוי... — ער האָט אופגעהויבן פון דער ערד דעם שטעקן און זיך געלאָזט גיין.

— קום, טאָכטערקע, מירן א קוק טאָן, ווער פאָרט עס באַנאַכט צו אונדז?..

זיי זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען עטלעכע קאָפּיצעס און אַרויס צו דעם גוט־אויסגע־פאָרענעם וועג. מיטאַמאָל האָט אופגעהערט הודען.

— וואָס קאָן עס זײַן? — האָט נעכאַמקע שטיל א פרעג געטאָן.

— שאַ... וואַרט צו א ווײַל...

ס'איז געווען שטאָק פינצטער.

— איר הערט... עמעצער רעדט, דוכט זיך...

פון הינטערן בערגל האָבן זיך אהער דערטראָגן ניט קיין דײַטלעכע שטימען.

— יאָ, טאַקע...

דאַדיע בורלאַק און נעכאַמקע זײַנען מיט גיכע טריט אוועק אַרויף־בערגל און האָבן דערזען אַ מאַשין. ווען זיי זײַנען צוגעגאַנגען נעענטער, האָבן זיי באַלד דער־קענט דעם סעקרעטאַר פון ראַיפּאַרטקאָם מיקאָלע סטעפּאַנאָוויטש איוואַשטשענקאָ.

— ווער איז? — האָט ער אויסגערופן און געמאַכט עטלעכע טריט אַנטקעגן זיי.

— בוריאַנאָווקער... און מיר האָבן שוין געמיינט, מיקאָלע סטעפּאַנאָוויטש, אַז מיר האָבן געפּאַקט אַ שפּיאָן, — האָט דאַדיע בורלאַק גוטמוטיק אַ שפּאַס געטאָן און דערלאַנגט איוואַשטשענקאָן די האַנט, — מיר, ווי איר זעט, היטן דאָ... איך און אָט, כאַנציעס טאָכטער... — האָט ער מיטן קאָפּ אַ וויַז געטאָן אויף נעכאַמקען, — און וואָס האָט געטראָפן בײַ אײַך?..

— דער מאָטאָר איז קאַליע געוואָרן, — האָט איוואַשטשענקאָ פאַרזאָרגט גע־ענטפערט, — און איך אײַל זיך פּונקט... אַ בעראַטונג אין דאָרפראַט... אין ווערסיאַ־לאָקוט שנײַדט מען שוין. און בײַ אײַך?..

— מיר הייבן שוין אויך אָן... מיקאָלע סטעפּאַנאָוויטש, ווי לאַנג קאָן עס דויערן די מילכאָמע, האַ?

— ווער ווייסט, — האָט איוואַשטשענקאָ אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען, — דערווײַל איז ניט פרייליך...

— אַלע מײַנע פיר זין זײַנען דאָרט, אין פײַער...

— און בײַ מיר די טאָכטער... אָן איין־און־איינציקע, — האָט איוואַשטשענקאָ טויבלעך געזאָגט, — פרײַוויליק אוועק... פון דריטן קורס... — ער האָט מיטאַמאָל זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו דער מאַשין. — סעמיאָן, מירן לאַנג שטיין?

דער שאָפער, וואָס האָט זיך געפּאָרעט אין מאָטאָר, האָט געענטפערט:

— כ'האָב מוירע, אַז לאַנג, מיקאָלע סטעפּאַנאָוויטש.

— נו, אויב אַזוי, וועל איך גיין צופוס... ביזן דאָרפראַט איז אַ קילאָמעטער פינף, ניט מער... נאָר ס'איז אַ פינצטערניש... און מיט מײַנע אויגן...

— איך וועל אײַך באַגלייטן, — האָט דאַדיע בורלאַק פאַרגעלייגט, — מירן גיין פאַרבײַ די באַשטאַנען, פאַראַן דאָרט אַ סטעזשקע, אַזוי וועט זײַן נעענטער...

— און דאָס מיידל? — האָט איוואַשטשענקאָ אַ פרעג געטאָן.

— ביז דער שאָפער וועט פאַריכטן דעם מאָטאָר, וועל איך זיך אומקערן... זי איז בײַ אונדז ניט פון די שרעקעוודיקע...

— נו, גוט, — האָט איוואַשטשענקאָ געזאָגט, — סעמיאָן, קום נאָר אַהער...

דער שאָפער, אַ יונגער, בלאָנדער און זייער שיינער יאַט, אָנגעטאָן אין אַ נײַעם בלויען קאָמבינעזאָן, איז צוגעגאַנגען, געוואַלט, קאָנטיק, עפּעס זאָגן איוואַ־שטשענקאָן, נאָר מיטאַמאָל דערזען דאָס מיידל און געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטער.

— נעכאַמע?!.. — האָט ער אויסגערופן.

— —

איוואַשטשענקאָ מיט דאַדיע בורלאַקן זײַנען באַלד אוועק. פאַרשווונדן אין דער פינצטערניש. נעכאַמקע און סעמיאָן האָבן געקוקט איינער אויפן אַנדערן, ווי עס וואָלט זיך זיי ניט געגלייבט, אַז זיי האָבן טאַקע זיך באַגעגנט אָט דאָ אינמיטן סטעפּ.

קאַפּיטל פיר

נעכאַמקען איז געגאַנגען דאָס פופצעטע יאָר, זי איז געווען אין זיבעטן קלאַס, ווען סעניע, שוין אַ שילער פון צענטן קלאַס, האָט זי צום ערשטן מאָל באַמערקט. זי איז געווען אַ דאַר און בלייך מיידעלע, זייער אַן אומרויִקע, מיט גרויסע שיינע אויגן און מיט צוויי ווילד־סטאַרטשענדיקע צעפּלעך. בייס די איבערייַסן איז זי קיין איין מינוט ניט געשטאַנען אויף אַן אָרט: געשפּרונגען איבער די פּאַרטעס, גע־לאַכט, געשטיפט. פאַר קיינעם ניט ניספּאָעל געוואָרן. געשפּילט נאָר מיט די ייִנג־לעך. מיט אַלע ייִנגלעך, נאָר ניט מיט אים. סעניע פלעגט זען, ווי די ייִנגלעך יאָגן זיך נאָך איר, כאַפּן זי פאַר די צעפּלעך, און ער איז זיי שטאַרק מעקאַנע געווען. מיט אַלע איבעריקע מיידלעך פון שול האָט ער אויך געשטיפט, און ס'האָט זיך גע־טראָפן — אפילו אָנגעפּאַטשט, נאָר צו נעכאַמקען האָט ער ניט געוואַגט צוגיין נאָענט. ווען זי פלעגט נאָר פאַרבייַלויפן, פלעגט אים שוין אָנהייבן טיאָכקען דאָס האַרץ און ער האָט ניט געוווּסט ווו זיך אַהינצוטאָן.

נעכאַמקע האָט זיך וועגן דעם אפילו ניט אָנגעשטויסן, און פונוואַנען האָט זי עס געקאָנט וויסן?..

אָפן אַרויסלאָז־אָוונט, ווען דער אָרקעסטער האָט געשפּילט און די שילער פון די עלטערע קלאַסן האָבן זאַרגלאָז זיך געדרייט אין אַ פרייילעכן וואַלס, איז צו סעניען, וואָס איז געשטאַנען אייַנער אַליין באַ דער זייַט, צוגעלאָפן נעכאַמקע, פלינק, אַז קיינער זאָל ניט באַמערקן, אַרייַנגעשטופּט אים אין האַנט אַ צונויפגעלייגט איבפּירען שטיקל פּאַפּיר און אַרויסגעלאָפן אין דרויסן.

סעניע האָט עטלעכע מאָל איבערגעלייענט דאָס צעטעלע און ניט געגלייבט די אייגענע אויגן:

„איך וואַרט אויף דיר לעבן טאָפּאָל“, — איז דאָרט געשטאַנען אָנגעשריבן.

סענקען איז געוואָרן הייס. אים האָט זיך געדוכט, אַז זי מאַכט כויזעק פון אים. פונדעסטוועגן איז ער אין אַ ווייַלע אַרום אַרויס אין דרויסן און דערזען זי שטיין אונטער דעם הויך־פאַנאַנדערגעוואַקסענעם טאָפּאָל.

אינעם וויַיסן קעלנערל, וואָס האָט אַרומגענומען איר שלאַנקן האַלדז, איז זי געווען מאָלע־כיין.

— סעניע, — האָט זי געזאָגט, ווי זי וואָלט אים פאַרטרויט אַ סאָד, — איך האָב מוירע אַליין גיין אַהיים. וועסט מיך באַגלייטן?

ער האָט זיך פאַרלוירן. זי רעדט ערנסט, צי זי מאַכט כויזעק פון אים?

— ווילסט ניט? — האָט זי, באַמערקנדיק זייַן פאַרלוירנקייַט, דערשראָקן אַ פרעג געטאָן.

— פאַרוואָס?.. — האָט ער זיך פאַרויטלט.

נעכאַמקע האָט מיט דאַנקבאַרקייַט אַ שמייכל געטאָן צו אים מיט די שטיפע־ריש־פינקלענדיקע אויגן און לייַכט, ווי אויף די שפּיץ פינגער, זיך געלאָזט גיין. סעניע איז אַוועק נאָך איר.

אין שול האָט נאָך אַלץ געשפּילט דער אָרקעסטער. מע האָט געטאַנצט. דורך די פאַנאַנדערגעעפנטע פענצטער האָט זיך דערטראָגן אינעם ווארעמען דרויסן א פריי־לעכער טומל. נעכאַמקע מיט סעניען זײַנען געגאַנגען אראָפּ מיט דער שוואַך־באַ־לויכטענער גרינלעכער גאַס, האַלטנדיק זיך נעענטער צו די שאָטנדיקע פּאַליסאַד־ניקעס, קעדיי מע זאָל זיי ניט באַמערקן. אינגיכן זײַנען זיי ארויס פון דאָרף אינעם אָפענעם פרישן סטעפּ, וואָס איז באַגאָסן געווען מיט לעוואָנע־שײַן. געדיכטע ווייץ־פעלדער און בליִענדיקע זונרויזן האָבן זיך געצויגן ווײַט ארויף־באַרג פון איין זײַט דאָרף, קוקורוזע־פעלדער און באַשטאַנעס האָבן זיך געשפּרייט פון דער צווייטער זײַט, פרישע סקירדעס היי זײַנען געשטאַנען אויף דער אָפּגעשניטענער לאָנקע, ביידע זײַטן וועג זײַנען געווען באַזעצט מיט יונגע אַקאַציעס. אויף דעם אַלעם האָט פון הויכן קלאָר־בלויען הימל פריילעך אראָפּגעקוקט די ווײַסע לעוואָנע.

— סאַראַ שיינקײַט! — האָט נעכאַמקע אויסגערופן און זיך געלאָזט לויפן.

סעניע האָט אָנגענומען א פּולע ברוסט מיט לופט און אוועקגעיאָגט נאָך איר. נעכאַמקע האָט מיט א קלינגענדיק געלעכטער לײַכט, ווי א נאַכט־באַבעלע, זיך געטראָגן צווישן די יונגע אַקאַציעס, פלינק אויסדרייענדיק זיך פון סעניעס ניט גענוג דרייסטע הענט.

— ווּעסט מיך ניט דעריאָגן, — האָט זי א פּאַרפּלאַמטע זיך געררייצט מיט אים, — וועסט מיך ניט כאַפּן...

נאָר סעניע האָט געקענט לויפן ניט ערגער פון איר. סאַמע ארויף־בערגל האָט ער זי דעריאָגט און אַפילע אַליין ניט באַמערקט, וויאַזוי ער האָט זי ארומגעכאַפּט מיט ביידע הענט און א ציִ געטאָן צו זיך.

פון אָט דער אומגעריכטער באַרירונג האָט נעכאַמקע אופגעציטערט. זי האָט זיך אינסטינקטיוו צוגעדריקט צו אים, ארומגענומען און מיט פאַרמאַכטע אויגן א קוש געטאָן אים אין די הייסע ליפּן. זי האָט זיך אָבער באַלד ארויסגעריסן פון זײַנע הענט און זיך האַסטיק געלאָזט לויפן אראָפּ־וועג, וואָס האָט געפירט קיין בוריאַ־נאָווקע, צו איר אהיים.

סעניע איז געבליבן שטיין, ווי א פאַרשיקערטער. „וואָס איז געשען?"... ער האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. נאָר אויף דער נעשאָמע איז אים געווען זייער ריין און ליכטיק.

אין שול האָט ער זיך שוין צוריק ניט אומגעקערט. ער איז אויך אוועק אהיים, צו זיך אין כוטאָר, וואָס האָט זיך געפונען זעקס קילאָמעטער פונדאַנען.

אין צוויי וואָכן ארום האָט דער ראַיקאָמיוג מאָביליזירט קאָמיוגיסטן אויף ארבעט קיין קאָמסאָמאָלסק־אַפן־אַמור. סעניען האָט מען אויך מאָביליזירט.

פאַרן אָפּפאָרן האָט זיך אים זייער געוואָלט זען מיט נעכאַמקען. צי וועט זי זיך דערפרייען מיט אים? וואָס וועט זי אים זאָגן?.. נאָר גיין קיין בוריאַנאָווקע צו איר אהיים האָט ער ניט געוואַגט. יענע ווײַסע לעוואָנע־נאַכט האָט אים אויסגעזען, ווי א כאָלעם, און אים האָט זיך שוין אַפילע געדוכט, אַז דעם כאָלעם האָט ער אויך אַליין צוגעטראַכט... זי איז גאָר קיינמאָל ניט געגאַנגען מיט אים זאַלבעצווייט אין סטעפּ,

ניט געיאָגט זיך צווישן די באַזילבערטע אַקאַציעס, ניט צוגערירט זיך צו אים מיט די ליפּן...

ער וואָלט פונדעסטוועגן צוגעגאַנגען קיין בוריאַנאָווקע, ווען ער האָט דערצו א טערעץ. נעכאַמקעס כוטאָר האָט זיך אים איצט פאָרגעשטעלט ווי דער שענסטער אָרט אין דער וועלט. אים האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ מוז דאָרט זײַן אַנדערש. אים האָט זיך זייער געוואָלט אַ קוק טאָן אויף דער שטוב, וווּ נעכאַמקע לעבט. און אפשר וועט ער זי טאַקע באַגעגענען אויף דער גאַס...

נאָר וויפל ער האָט ניט געדרייט זיך דעם קאָפּ, האָט ער קיין זאַך ניט געקאָנט צוטראַכטן. פּאַשעט דערפאַר, ווײַל ער האָט ניט געקאָנט זאָגן קיין ליגן...

דרײַ יאָר האָט סעניע געאַרבעט טיף אין דער טײַגע, אַ צוויי הונדערט קילאָ־מעטער פון קאָמסאָמאָלסק. ערשט ניט לאַנג, נאָכן אומגעריכטן טויט פונעם טאַטן, האָט די מאַמע, וואָס איז פאַרבליבן איינע אַליין, אים אַרויסגערופן צו זיך קיין הולײַפּאָליע, ווו זי האָט איצט געוווינט. אין דער אַרמיי האָט מען סעמיאָנען דער־ווײַל ניט גענומען צוליב דעם צעקאַליעטשעטן פינגער אויף דער רעכטער האַנט, און איוואַשטשענקאָ האָט אויף מאָרגן נאָך דעם, ווי מע האָט מאָביליזירט זײַן שאָ־פער, אים אָוועקגעזעצט צו זיך אויף דער אַלטער, צעהוידעטער „עמקע"...

— —

— און יענעם אָוונט... דעם אַרויסלאָז־אָוונט געדענקסטו כאָטש?.. — האָט סעניע ניט זיכער געפרעגט.

זיי זײַנען געשטאַנען זאַלבעצווייט לעבן דער מאַשין. פון די ניט אויסגעלאָשענע פּאַרעס איז געפאַלן אַ בלאַסע מינענדיקע שײַן אויף נעכאַמקען — אויף איר פאַר־ברוינטן פּאָנעם, אויף אירע נאַקעטע הענט, אויף דעם שוואַרצן צאָפּ, וואָס איז פאַר־וואָרפן געווען איבערן אַקסל און זיך באַוועגט צוזאַמען מיט איר שטײַפער ברוסט.

סעניע האָט מיט באַוווּנדערונג געקוקט אויף איר, און ס'האָט זיך אים אַלץ ניט געגלייבט, אַז דאָס איז זי, — זי, צוליב וועלכער ער האָט אַזויפיל איבערגעלעבט, וועגן וועלכער ער האָט אַזויפיל געטרוימט.

— נעכאַמע... — האָט ער זיך שטיל אָנגערופן.

— וואָס?

— און דו האָסט, געוויס, שוין מיך אינגאַנצן פאַרגעסן...

זי האָט געשוויגן.

— און איך געדענק אַלץ... דעם סטעפּ... דעמלט אין דער לעוואָנע־נאַכט... די אַקאַציעס באַם וועג... איך געדענק אַפילו דאָס ווײַסע קעלנערל, וועלכן דו האָסט יענעם אָוונט געטראָגן... און...

— וואָס און?.. — האָט זי מיט נײַגער אַ קוק געטאָן אויף אים.

סעניע איז פאַר די דרײַ יאָר, וואָס זיי האָבן זיך ניט געזען, געוואָרן העכער, קרעפּטיקער. נאָך אַ קאַפּעלע וואָלט זי אויסגעצויגן די האַנט און אים אַ צי געטאָן פאַר די קוטשעראַווע בלאָנדע האָר, וואָס זײַנען אים געפאַלן איבערן שטערן.

נעכאמקען איז דורכגעלאָפן א געדאנק, אז אַט די צופעליקע באגעגעניש, פונקט איצט, ווען איר איז אזוי שווער אפן הארצן, איז עפשער א באשערטע זאך. אין דער רעגע איז זי צופרידן געווען, וואָס זי קאָן זיך כאָטש אף א ווײַלע פארגעסן און ניט טראכטן וועגן וואָווען, וועלכער איז, קאָנטיק, בארויגעז אף איר. אָבער גלײַכצײַ־טיק האָט עפּעס זי געשראָקן.

נעכאמקע האָט זיך באגעגנט מיט סעניעס בליק און זיך פארויטלט.

— איז וואָס זשע שווײַגסטו? — האָט זי געפרעגט.

— גאָרניט.

— ווילסט ניט זאָגן?

— ווייסט אַליין... — האָט ער ניט דרייסט זי אָנגענומען בא דער האנט.

נעכאמקע האָט דערפילט אין זײַנע פינגער א שטילן אָנגענעמען ציטער, און ס׳איז איר געוואָרן ווארעם. זי האָט צוגענומען איר האנט.

— דערצייל נאָך עפּעס וועגן דער טײַגע, — האָט זי אים געבעטן.

סעניע האָט זיך אומגעקוקט אף דעם פינצטערן סטעפּ, וואָס האָט זיי פון אַלע זײַטן ארומגערינגלט, און זיך צוגעהערט, צי עס דערנעענטערן זיך ניט קיין טריט, צי קערט זיך ניט אום דער אַלטער, וואָס האָט באגלייט איוואשטשענקאָן. סעניען האָט זיך געוואָלט, קאָלזמאַן זיי זײַנען דאָ זאַלבעצווייט, דערוויסן זיך בא איר, פאר־וואָס איז זי דעמלט פלוצלינג אנטלאָפן פון אים, — ער האָט וועגן דעם א סאך מאָל איבערגעטראכט און ביז איצט ניט געקאָנט פארשטיין די סיבע, און דעריקער: צי וויל זי זיך באגעגענען מיט אים...

אָבער פרעגן וועגן דעם איז אים געווען ניט גרינג.

— נו, וואָס שווײַגסטו? — האָט נעכאמקע זיך אָנגערופן.

— וועגן דער טײַגע האָב איך שוין דערציילט... נאָר אָט וואָס... איך וויל פרעגן בא דיר...

— שאַ... — האָט נעכאמקע אים איבערגעשלאָגן, פארהייבנדיק דעם קאָפּ צום הימל, — הערסט?..

ערגעץ פון דער הייך האָט זיך דערטראָגן א פארהלושעטע הודערײַ. באלד האָט נעכאמקע באמערקט א שטערנדל, וואָס האָט זיך גיך באוועגט.

— אַן עראָפּלאַן, — האָט זי אויסגערופן, — ער פליט אהער... לעש אויס די פארעס... גיכער, סעניע...

— ס׳איז אונדזערער, — האָט ער זי בארויקט, נאָר די פארעס פונדעסטוועגן אויסגעלאָשן.

ארום איז געוואָרן שטארק פינצטער.

— און עפשער איז דאָס א פאשיסטישער, — האָט זי געזאָגט, ניט ארויסלאָזנ־דיק פון אויג דאָס זיך באוועגנדיקע שטערנדל.

די הודערײַ איז אָנגעוואקסן, געוואָרן אַלץ שטארקער. דאָס בלאסע שטערנדל האָט זיך דורכגעטראָגן איבערן סאמע קאָפּ און זיך פארנומען אין דער ריכטונג צו דעם דײַטשישן דאָרף זאָנענטאַל.

— זע, ער לאָזט זיך, דוכט זיך, דאָרט אראָפּ, — האָט נעכאמקע מיט דערשרעק אויסגעשריִען און זיך געלאָזט לויפן.

— ווארט צו... נעכאמע... וווהין לויפסטו, — האָט סעניע זי דעריאָגט.

— דער אעראָפּלאַן האָט זיך, דוכט זיך, אראָפּגעלאָזט אין דער באַלקע...

— ער איז אוועקגעפלויגן... ס'איז אונדזוערער.

— ביסט זיכער?

— פארשטייט זיך.

— און עפּשער... קום, מירן א קוק טאָן.

— נו, קום.

סעניע איז גרייט געווען גיין מיט איר, וווהין זי זאָל אים ניט רופן. ביז ס'וועט ווערן ליכטיק, וועט ער סײַווי ניט קאָנען פאַריכטן דעם מאָטאָר.

זיי זײַנען פארבײַגעגאנגען א פאַראיאָריקע הויכע סטערטע שטרוי. אײַנקוקנדיק זיך אין דער געדיכטער פינצטערניש, האָבן זיי פּאַמעלעך זיך אראָפּגעלאָזט אין דער זאָנענטאַלער באַלקע. אין דער טרוקענער באַלקע איז געווען שטיל, ס'האָט דאָ מעכײַעדיק געשמעקט מיט די געוּרוכן פון סטעפּ־קווייטן און רײַפנדיקע טווּעס.

נעכאמקען האָט זיך פארוואָלט צוזעצן זיך א ביסל אפן ווייכן גראָז, נאָר זי האָט עפּעס דערפילט אין סעניען, וועלכער האָט זי פּלוצעם א שטארקן נעם געטאָן פאר דער האנט.

— קום פונדאנען... — האָט זי אים א רוף געטאָן.

סעניע האָט געשוויגן.

— נו, קום! — האָט זי איבערגעכאַזערט.

— ווארט צו... — ער האָט זיך אראָפּגעלאָזט אף דער ערד און זיך צוגעזעצט אף דעם ווייכן ווארעמען גראָז. — איך וויל דיר עפּעס זאָגן, נעכאמע... זע, ווי גוט דאָ איז... זעץ זיך...

אינגאנצן אומגעריכט האָט פון ערגעץ נידעריק איבער דער ערד זיך אָנגעטראָגן א קאַלטער ווינט. אין איין אויגנבליק איז דער הימל דראָענדיק שווארץ געוואָרן.

— זע, וואָס עס טוט זיך, — האָט נעכאמקע אויסגערופן און זיך געלאָזט גיין.

שווערע צעשויבערטע וואָלקנס האָבן איינער נאָך דעם אנדערן זיך גיך גערוקט נעענטער אהער. א שארפער דינער בליץ האָט דורכגעשניטן זיגזאַגאַרטיק דעם הימל און אָנגעצונדן די וואָלקנס. ס'האָט אָנגעהויבן דונערן.

— גיכער, סעניע, — האָט זי אים צוגעײַלט, — עס וועט באלד א גאָס טאָן א רעגן...

דער ווינט איז געוואָרן אַלץ שטארקער, געשמיסן אין פּאָנעם ארײַן. דאָס קליידל האָט אף נעכאמקען זיך שטארק געפּאַלדעוועט, געפּאטשט איבער די נאקעטע פיס.

זיי זײַנען שוין געווען ניט ווײַט פון דער גרויסער סטערטע שטרוי. סאמע פאר־בײַ די אויגן האָט זיי א בלענד געטאָן א שטיק פײַער. איבערן קאָפּ האָט א קנאַל געטאָן א דונער און ס'האָט מיט א ראַש א שמיץ געטאָן א געדיכטער קאַלטער רעגן.

זיי האָבן מיט א געשריי זיך געלאָזט לויפן צו דער סטערטע, וואָס איז געשטאַנען אפן בערגל.

די פּאראיאָריקע סטערטע איז געווען אונטן היפּש אויסגעסמיקעט. נעכאמקע מיט סעניען האָבן, שווער עטעמענדיק, זיך פארקליבן אין איר, ווי אונטער א דעכל. זיי האָבן זיך פארוקט ווי מעגלעך טיפער אין דער ענגער טונקעלער שטרוי־נאָרע, קעדיי דער רעגן, וואָס האָט קרום געשמיסן, זאָל זיי ניט דערגרייכן.

ס׳האָט אָן אופהער געבליצט. די שווארצע וואָלקנס זײַנען אַלע ווײַלע ארומגע־כאפּט געוואָרן מיט פלאַמען, דאָ און דאָרט האָבן זיך געקײַקלט איינער נאָכן אנדערן שווערע דולע דונערס.

פון מינוט צו מינוט איז דער רעגן געוואָרן אַלץ שטארקער, גערוישט און גע־קלאַפּט מיט די גרויסע שווערע טראָפּנס איבער דער סטערטע, אָנפילנדיק די לופט מיט פרישער קילקײַט.

נעכאמקע האָט דערשפּירט, ווי די קילקײַט איז דורכגעדרונגען צו איר אונטערן העמד. זי האָט שטײַף פארוקט דאָס קליידל צווישן די נאקעטע פיס און, ווי זי וואָלט געזוכט א ביסל ווארעמקײַט, זיך צוגערוקט נעענטער צו סעניען.

— ס׳איז דיר קאַלט? — האָט ער זייער שטיל א פרעג געטאָן.

— ניין, ניין... — האָט זי זיך אליין ארומגענומען מיט די הענט און מיט א פארטײַעטן אָטעם זיך צוגעהערט צום צעבושעוועטן סטעפּ.

„אוי, וואָס עס טוט זיך, — האָט נעכאמקע מיט זאָרג געטראכט, — דער קוקורוזע און דעם באשטאָן וועט דער רעגן ניט שאטן, אָבער דער טוווע“...

סעניע איז דאפּקע צופרידן געווען, וואָס עס האָט זיי פארכאפּט דער רעגן. אים האָט זיך געוואָלט, אז ער זאָל גיין און גיין, אָן א סאָף. ער האָט אָט דאָ, אין דער טרוקענער פינצטערער באהעלטעניש, געפילט נעכאמקען גאָר נאָענט לעבן זיך, געשפּירט דאָס געדרוך, וואָס האָט געטראָגן פון אירע האָר, ווען עלכע האָבן זיך אָנגע־רירט אָן זײַן באַק. ער איז געזעסן זייער ניט באקוועם, נאָר מוירע געהאַט זיך א מינדסטן ריר טאָן, קעדיי זי זאָל זיך ניט אָפּרוקן פון אים.

וויפל האָט סעניע געטרוימט וועגן דער מינוט, ווען ער וועט זי ווידער באגעגע־נען און וועט כאָטש אויסריידן עטלעכע ווערטער מיט איר, און אָט זיצן זיי דאָ זאָל־בעצווייט אזוי נאָענט איינער לעבן אנדערן... אָף אזוינס האָט ער זיך אײַנגאנצן ניט געריכט. ס׳האָט זיך אים אפילע ניט געגלייבט. און ווי ער וואָלט זיך וועלן איבער־צײַגן, אז ס׳איז אָן עמעס, האָט ער זיך צוגערירט צו איר מיט דער האנט און לײַכט א גלעט געטאָן זי איבער דער פּלייצע.

— נעכאַ... מע...

זי האָט אופגעציטערט און זיך אָפּגערוקט פון אים.

דער כאשכעסדיקער סטעפּ האָט גערוישט, געבושעוועט, דער רעגן האָט גע־פּליוכעט אָט עטוואָס שטילער און אָט ווידער שטארקער. די אומופהערלעכע בליצן אין הימל האָבן געצונדן די וואָלקנס, וועלכע האָבן דראָענדיק זיך דערנעענטערט און ענדלעך זיך צעזויפגעשטויסן. איבערן סאמע קאָפּ האָט א קנאק געטאָן א שרעק־

לעכער דונער, און נעכאמקען האָט זיך געדוכט, אַז דער הימל האָט זיך צעשפּאָלטן אַף שטיקער.

— אוי, סעניע!.. — האָט זי אויסגעשריִען.

ער האָט זי אַרומגענומען און צוגעטוליעט צו זיך.

— מע דאַרף ניט, — האָט זי קוים אַרויסגערעדט.

נאָר סעניע האָט גאָרנישט ניט געהערט. עס האָט ווידער שטאַרק געדונערט. ער האָט אַ פאַרשיקערטער גענומען איר גלעטן די האָר, די פּלייצע, און מיט יעדן ריר פון זײַנע פינגער האָט ער איר פּאַרטרויט אַזוינס, וואָס מיט ווערטער וואָלט ער עס גאָר ניט געקאָנט איבערגעבן.

נעכאַמקע האָט אָנגענומען זײַן האַנט, אַ גלעט געטאָן און גלײַכצײַטיק געוואָלט אָפּפירן אין אַ זײַט, נאָר סעניע האָט זי צוגעדריקט נאָך שטײַפער צו זיך און דורש־טיק אָנגעהויבן זי קושן. זי האָט אַף איין רעגע זיך אַ צי געטאָן צו אים מיטן גאַנצן גוף און ציטעריק־דערשראָקן גענומען בעטן:

— לאָז אָפּ, סעניע... לאָז אָפּ...

— כ׳האָב דיך ליב... כ׳האָב די גאַנצע צײַט געטראַכט וועגן דיר... געבענקט נאָך דיר... — האָט ער זי נאָך שטאַרקער צוגעדריקט, אָנרירנדיק זיך מיט די הייסע הענט אין אירע יונגע שטײַפע בריסט. זי האָט אויפגעפלאַמט. אַ ציטער איז איר אַדורך איבערן גאַנצן לײַב. די באַקן האָבן בא איר געפלאַמט. ס׳איז איר געוואָרן שטאַרק הייס. זי האָט גיך און שווער געעטעמט, שיר ניט אַף דערשטיקט צו ווערן. מיט אַלע אירע קויכעס האָט זי אים אַ שטופּ אָפּ געגעבן און איז אַרויסגעשפּרונגען פון אונטער דער סטערטע. זי האָט געכאַפּט די טופליעס אין די הענט און אַ באָר־וועסע זיך געלאָזט לויפן אונטערן רעגן מיט דעם צעשווענקטן וועג אַהיים, צום כוטאָר.

דער רעגן האָט שנײַדנדיק געשמיסן אין פּאָנעם. דאָס נאַסע קליידל האָט זיך צוגעקלעפּט צום לײַב און אויסגעטיילט אירע שטײַפע גלידער. פון צײַט צו צײַט האָט אויפגעפלאַמט אַ בליץ, נאָר ס׳האָט שוין ניט געדונערט. דער ווינט איז שטילער געוואָרן.

איינגאַנצן אַ נאַסע, איז נעכאַמקע מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געקומען צו לויפן אַהיים. ס׳האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן. דער טאַטע איז נאָך ניט געווען. זי האָט קוים אַראָפּגעשלעפּט פון זיך די דורכגעווייקטע זאַכן, מיט אַ לײַלעך אויסגעווישט די האָר, דאָס לײַב, און אַ נאַקעטע, איינגאַנצן אַ צעבראָכענע, אַרײַנגעקראָכן אין דעם ווייכן בעט. צוגעדעקט זיך מיט דער וואַרעמער קאָלדרע, איז זי אין אַ ווײַלע אַרום אײַנגעשלאָפן.

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז דער רעגן שוין ניט געגאַנגען. דער הימל איז געווען ריין, און די זון, וואָס האָט אַרײַנגעקוקט אין פענצטער, האָט גוט געוואַרעמט.

נעכאַמקע האָט אָנגעטאָן אַ טרוקן העמד, אַן אַנדער קליידל, מיט פּאַנאַנדער־געלאָזטע האָר צוגעגאַנגען צום שפּיגעלע. איר האָט זיך געדוכט, אַז די באַקן פלאַ־מען בא איר און אַלע וועלן דערקענען, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען...

— אוי, מאַמעניו! — האָט זי אויסגעשריִען, כאַפּנדיק זיך פּאַרן האַרצן.

הינטערן פּענצטער האָבן זיך דערהערט טריט. זי האָט זיך אומגעקוקט און דער־זען גיין אהער דעם אַלטן ראַכמיִעלן. נעכאַמקע איז אַרויסגעלאָפן אין דרויסן.

— אַ גוט־מאָרגן... איך האָב דיר געבראַכט נאָך אַ בריוו, — האָט ראַכמיִעל אַרויסגענומען אַן אָנגעפּאַקעוועטן קאָנווערט פון דער בוזעם־קעשענע, — געפונען צווישן די צײַטונגען...

דאָס האַרץ איז בײַ נעכאַמקען פאַרשטאָרבן געוואָרן. זי האָט געכאַפּט דעם בריוו און גיך אַ קוק געטאָן אויפן קאָנווערט.

דער בריוו איז געווען פון וואַווען...

קאַפּיטל פינף

שוין עטלעכע טעג, ווי אויף דעם ווייץ־פעלד פונעם בוריאַנאָווקער קאָלווירט, וואָס האָט זיך געצויגן פון די הולײַפּאָליער מאָהילקעס קימאַט ביזן סאַמע האָריזאָנט, איז געווען לעבעדיק. מע האָט דאָרט געשניטן און גלײַכצײַטיק געדראָשן דעם זייער געראָטענעם ווייץ, וואָס האָט זיך שוין געהאַט גוט צוגעטריקנט.

נעכאַמקע האָט ליב געהאַט די טײַערע צײַט פון אַראָפּנעמען די געראָטעניש. קיינמאָל איז דער סטעפּ ניט געווען אַזוי אויפגעלעבט, ווי אין שניטצײַט. קיינמאָל האָט אַזוי ניט געהודעט דער אַרום, קיינמאָל האָבן אַזוי פריילעך ניט געטראַכקעט די וועגענער, די האַרבעס, די בעסטאַרקעס, קיינמאָל האָט מען ניט געזען אויפן סטעפּ אַזויפיל מענטשן — דערוואַקסענע און קינדער...

נעכאַמקע איז אין אַ לײַכט ציצן קליידל מיט אַ ווײַס טיכל אויפן קאָפּ געשטאַ־נען אין דער הייך אויף דער הודענדיקער דרעשמאַשין און דערלאַנגט מיט דער ווילע די זאַנגען צום בעראַבאַן. די דרעשמאַשין האָט זיך אונטערגעטרייסלט, צעשפּרייטנ־דיק אַ שטויב אַרום זיך.

בײַם אָפּשאַרן די אָפּגעדראָשענע שטרוי, בײַם אופראַמען די פּאָלאָווע, בײַם איבערוויִען דעם ווייץ, בײַם ווערשעווען די סטערטעס האָבן געאַרבעט דעריקער פרויען און מיידלעך. אַנגעטאָן זײַנען זיי געווען פאַרשיידן — ווער אין אַ געפּאַל־דעוועט קלייד, ווער אין אַן אונטערקליידל צי גאָר אין אַ געקוויטלטן סאַראַפאַן. דערפאַר אָבער זײַנען די קעפּ און די פּענעמער געווען בײַ אַלעמען אויף איין און דעם זעלבן אויפן אַרומגעבונדן מיט קלאָר־ווײַסע פאַטשיילקעס, פון אונטער וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט נאָר די אויגן.

די מיידלעך און די ווײַבער, פאַרפּאָראָשעטע מיט שטרוי און פּאָלאָווע, האָבן פלינק אַרודעוועט מיט די בלאַנקענדיקע ווילעס, מיט די האַבליעס, מיט די ברייטע הילצערנע לאָפּעטעס, מיט די גלאַנציקע באַסטערמאַקן, ווי זיי וואָלטן וועלן אַריבער־יאָגן איינע די אַנדערע.

בײַ דער דרעשמאַשין האָבן פון מאָל צו מאָל זיך געביטן די האַרבעס. די ליי־דיקע, מיט אַראָפּגעלאָזטע אונטערקלינגענדיקע דראַבינעס, האָבן אוועקגעטראַכקעט

צוריק אפֿן פֿעלד צו די צוגעטריקנטע קאָפּיצעס, און אהער זײַנען, אונטערהוידענדיק זיך, פֿאַמעלעך אָנגעפֿאָרן הויך־אָנגעלאָדענע מיט צעשויבערט־באַגילדעטע זאַנגען.

נעכאַמקע האָט דערלאַנגט די זאַנגען צום באַראַבאַן און געהאַט פֿאַרגעניגן, וואָס זי אײנע ספּראַוועט זיך דאָ פֿאַר צווייען. עטוואָס אַן אופֿגערודערטע האָט זי פֿון צײַט צו צײַט זיך אומגעקוקט אויף דעם בוריאַנאָווקער סטעפּ.

פֿונדאַנען, פֿון דער הייך, האָט זי, פֿאַרזשמורענדיק די אויגן אַנטקעגן דער זון, געזען, ווי אַרוף־באַרג זײַנען געגאַנגען די שניטער — די עלטסטע קאָלווירטניקעס פֿונעם כוטאָר דאַדיע בורלאַק, טריאַנדאַליס, מיקיטע דרויאַן און שיע קוקוי... מיט ברייטע טריט האָבן זיי זיך באַוועגט אײנער נאָכן אַנדערן, פֿאָכענדיק אין טאַקט מיט די בלאַנקענדיקע קאָסעס... זיי האָבן געשניטן דעם ווייץ, וואָס איז געוואַקסן לענגאויס דעם שלענגלדיקן וועג, וועלכן דער קאָמבײַן האָט ניט פֿאַרכאַפּט.

לינקס אינעם ברייטן טאָל האָט, איבערלאָזנדיק אַ שטויב הינטער זיך, מיט אַ זשומערײַ געפּויזעט צווישן דעם הויכן ווייץ דער קאָמבײַן, און ניט ווײַט פֿון די זונרויזן האָבן האַסטיק געדרייט מיט די פֿליגל און פֿריילעך געגראַגערט די נײַיִנקע שנײַדמאַשינעס...

דאָ און דאָרט, וווּ דער ווייץ איז שוין געווען אָפּגעשניטן, האָבן אויף דער געלב־לעכער סטערניע קאָלווירטניצעס מיט האַרבליעס צונויפֿגעשאַרט די פֿאַרשאָטענע זאַנגען און צונויפֿגעלייגט פֿרישע קאָפּיצעס. הינטער זיי, שוין אויפֿן רייך־אויפֿגעראַמטן פֿעלד, האָבן געטומלט די פּיאָנערן: ווער אין אַ שטרויענעם הוט, ווער אין אַ ווײַ־סער פּאַנאַמקע, ווער אין אַ פּאַפּירן מיצל. אין רויטע האַלדזטיכלעך, מיט קלינגענ־דיקע עמערס אין די הענט האָבן זיי זיך געיאָגט פֿון אײן אָרט צום צווייטן און צו־נויפֿגעקליבן די אײנצלנע זאַנגען, וואָס האָבן זיך פֿאַרלוירן ערגעץ צווישן דער שטעכיקער סטערניע.

פֿונעם קאָמבײַן, וווּ באַם שטורוואַל איז געשטאַנען אײן איין העמד כאָמע טראַס־קון, האָבן פֿון מאָל צו מאָל זיך אָפּגעטיילט פֿולע בעסטאַרקעס מיט אָקאָרשט אָפּגעדראָשענעם ווייץ און זיך פֿאַרנומען אהער, צום האַרמאַן. אין דער זעלבער צײַט האָבן מיט אַ טראַסקען פֿון די רעדער געיאָגט די שוין אויסגעלאָדענע בעסטאַרקעס צוריק אהין.

נעכאַמקע האָט זיך אײַנגעהערט מיט איר גאַנצן וועזן צום געזאַנג פֿונעם סטעפּ, צו דעם צעצויגענעם הודען פֿון קאָמבײַן, צום ווײַטן גראַגערן פֿון די שנײַדמאַשי־נעס, צום אונטערקלינגען פֿון די האַרבעס און מיט ווייטעק אַ טראַכט געטאָן, אַז אָט אין די זעלבע מינוטן קאָן וואָוועס זײַן אין סאַמע פֿײַער...

זי האָט פֿאַר די עטלעכע טעג שוין געהאַט באַקומען פֿון וואָווען דרײַ בריוו. אין יעדן בריוו האָט ער איר געשריבן, אַז פֿאַר אים זאָל זי זײַן רויִק, ער איז באַשיצט אינעם פֿאַנצער פֿונעם טאַנק. נאָר יעדעס מאָל, ווען זי האָט נאָר אַ טראַכט געטאָן וועגן אים, איז באַ איר אײַנגעפֿאַלן דאָס האַרץ... ווער ווייסט, וואָס איז איצט מיט אים...

אונטן, בא דער הויכער קופּע ווייץ, וועלכע מע האָט זיך געקליבן היינט נאָך מיטיק אָפּפירן מיט דער ערשטער ברויט־וואַלקע צום עלעוואַטאָר — א מאַטאַנע דער רויטער אַרמיי, — האָט נעכאַמקע צווישן די קאָלווירטניקעס דערזען שעפּטלען.

די לייַנענע קורטקע זייַנע איז געווען צעשפּיליעט. ער איז געווען אויפגערעגט. אָט האָט ער צוגענומען בא ריקליסן פון די הענט די הילצערנע לאָפּעטע און גיך ארומגעשאַרט דעם פאַרשאָטענעם ווייץ אפן פאַרשפּרייטן ברעזענט.

נעכאַמקע האָט געוווּסט, אז דער בריגאַדיר פאַרלייַדט ניט די מינדסטע אומ־אָרדענונג, און אייַליק צוגעקליבן די זאַנגען אפן בריקל. זי האָט געזען, ווי דער בריגאַדיר האָט מיט קאַס א וואָרף געטאָן ריקליסן די לאָפּעטע, א פאַרטראָגענער אוועק צו דער פּאַלאָווע, אָנגעשעפּט צוויי פולע הויפנס, פּאַנאַנדערגעבלאָזן, געזוכט, צי זייַנען דאָרט ניט פאַראַן קיין קערנער. לעבן דער סטערטע האָט ער א כאַפּ גע־טאָן א זשמעניע אויסגעדראָשענע זאַנגען, א דריבל געטאָן צווישן די דלאָניעס און נאָכדעם זיך פאַרנומען אהער צו דער דרעשמאַשין. א פאַרשטויבטער, א ניט גע־גאָלטער האָט שעפּטל זיך אופגעהויבן אפן בריקל.

— נו, נאָך א מענטשן אוועקשטעלן אהער? — האָט ער, איבערשרייַענדיק די ברומערייַ פון באַראַבאַן, א פרעג געטאָן.

— מע דאַרף ניט, — האָט נעכאַמקע געענטפערט, א פיר געבנדיק מיטן קאָפּ.

— וויפל הארבעס האָט איר שוין דורכגעלאָזט?

שעפּטלען האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער, קאָלזמאַן ס׳האָבן זיך ניט אָנגעהויבן די סוכאָווייען און ס׳האָט ניט אָנגעטראָגן ווידעראַמאָל קיין רעגן, אראָפּנעמען די גערעטעניש.

— עפּשער פונדעסטוועגן אוועקשטעלן דאָ נאָך א מענטשן, האַ?

— ניין, כ׳ל זיך אליין ספּראַווען.

— ניט שווער פאַר דיר?

— אפן פּראָנט איז שווערער, — האָט פון דער הארבע מיט פאַרביטערונג אָפּגע־ענטפערט א יונגע סאָלדאַטקע. שעפּטל האָט זיך אָנגעכמורעט. די ווערטער וועגן דעם, אז אפן פראָנט איז שווערער, האָט ער אָנגענומען אף זייַן כעזשבן. ניט דאָס ערשטע מאָל הערט ער דאָ אַזעלכע רייד. עס וואָלט אים ניכע געווען, מע זאָל שוין וואָס גיכער נעמען זייַן יאָר אף מילכאָמע.

— נו, און וואָס ביסטו אזא פאַרפלאַמטע? — האָט ער א פרעג געטאָן נעכאַמקען, קעדיי עפּעס זאָגן.

— גאָרניט, — זי האָט זיך אויסגעדרייט צו שעפּטלען מיט דער פּלייצע און געגומען גיכער אונטערוואַרפן די זאַנגען צום באַראַבאַן. שעפּטל איז אראָפּ פון דער דרעשמאַשין.

„אנטקעגן וואָס האָט ער עס געפרעגט? — האָט נעכאַמקע פאַרזאָרגט א טראַכט געטאָן. — אפילע איר בעסטע כאַווערטע ווייסט דאָך גאָרניט“.

גלייַך אף מאָרגן נאָכן שלאָקסרעגן האָט נעכאַמקע זיך צוגעטשעפּעט צו באַסיען, פאַרוואָס זי האָט איר ניט געזאָגט, אז וואָס מאַמע האָט זי געזוכט און געוואָלט

איר געבן איבערלייענען וואָוועס בריוו, אין וועלכן ער האָט געלאָזט איר גריסן. זי האָט זיך בעקיוון צעקריגט מיט באַסיען, קעדיי זי זאָל מיט איר ניט דאַרפן ריידן וועגן דעם, וואָס עס איז געשען מיט איר באַנאַכט אין סטעפּ.

פאַר די טעג, וואָס זײַנען אַדורך נאָך דער אומגעריכטער באַגעגעניש מיט סעניען, האָט נעכאַמקע ניט ווייניק איבערגעלעבט. באַזונדערס האָט זי זיך געפילט שולדיק פאַר וואָוועס מאַמען.

ס׳איז שוין געווען האַלבער טאָג. די זון, אַ ווײַס־צעגליטע, איז געשטאַנען הויך אין סאַמע מיט פון דעם קלאָרן הימל און געסמאַליעט אומבאַראַכמאָנעסדיק. די לופט איז געוואָרן וואָס ווײַטער אַלץ מער אָנגעגליט און באַזונדערס הייס זיך געכוואַליעט, אונטערגעציטערט און געבלענדט באַם סאַמע האָריזאָנט.

נעכאַמקען האָט זיך געדוכט, אַז אַפּן ראַנד סטעפּ, צווישן די באַגילדעטע טוועס, פליסט אַ לעבעדיק טײַכל מיט פריש־קלאָרן וואַסער. און כאָטש זי האָט געוווסט, אַז ס׳איז ניט וואָר, דאָך האָט זי זיך אומגעקוקט אַהין מיט דורשטיקע אויגן, ווי זי וואָלט וועלן אויפכאַפּן פון דאָרט כאָטש אַ ביסל פרישע לופט.

די הייסע ליפּן זײַנען בא נעכאַמקען געווען איבערגעטריקנט. זי האָט געכאַלעשט אַ טרונק. זי האָט זיך געקליבן אַ געשריי טאָן צו עמעצן פון די מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט אונטן, בעטן, מע זאָל איר דערלאַנגען אַ קוואָרט קאַלט וואַסער פון דער דייזשקע, וואָס איז געשטאַנען צוגעדעקט מיט אַ ברעזענט אַף אַ וואָגן. נאָר ביז זי האָט זיך אויסגעקליבן, איז דער וואָגן מיט דער שוין קאָנטיק ליידיקער דייזשקע אוועקגעפאָרן אין באַלקע צום ברונעם אָנשעפּן פריש וואַסער. אַהער איז פון כוטאָר געפאָרן אַן אַנדער וואָגן, אַף וועלכן קאַטערינע טראַסקון האָט שוין געפירט דעם מיטיק. ריקליס האָט גלײַך אָנגעהויבן קלינגען אין עמער. באַלד האָבן זיך אָפּגעשטעלט דער קאָמבײַן, די שנײַדמאַשינעס און די דרעשמאַשין.

די קאָלווירטניצעס און קאָלווירטניקעס האָבן אָפּגעטרייסלט פון זיך די פּאָלאָווע און דעם שטויב, אויסגעוווישט דעם געדיכטן שווייס פונעם פּאָנעם און זיך פאַרנומען הינטער דער סטערטע, וווּ קאַטערינע האָט שוין געטיילט די האַלעשקעס, אײַבערגעמישט מיט שטיקער שאָפּן־פלייש.

נעכאַמקע האָט באַשטימט בא זיך גיין עסן שפּעטער, ווען די מיידלעך וועלן שוין דאָרט ניט זײַן. גלײַך נאָך מיטיק האָבן די מיידלעך זיך געקליבן גיין צום סטאַוואָק. נעכאַמקע האָט זיך אויך געוואָלט אויסבאָדן. נאָר ניט מיט אַלעמען צוזאַמען. איר האָט זיך געוואָלט בלײַבן אַף אַ צײַט אַליין.

אַלע האָבן שוין געהאַט אָפּגעגעסן און, ביז ס׳וועט אַ ביסל פאַלן די היץ, זיך צוגעלייגט אַף אַ שאָ אָפּרוען אַף דער שטרוי אין דער שאָטנדיקער זײַט פון דער שוין הויכער סטערטע.

נעכאַמקע האָט אָפּגעגעסן די לעצטע און איז אוועק מיטן אָפּגעשניטענעם פעלד צו די זונרויזן. איר האָט זיך פאַרוואָלט ליגן דאָרט אַ ביסל אינעם שאָטן אַף דעם פרישן גראָז.

אינעם אָנגעגליטן סטעפּ איז געווען אומנאַטירלעך שטיל. עס האָט זיך נאָר גע־הערט א צוויטשערן פון צוויטערלעך, א דינער זשום פון היישעריקלעך, א גרילץ פון אן איינציקן צירקון... די הייסע לופט איז אָנגעזאפּט געווען מיט דעם געדיכט־שי־קערנדיקן גערוך פון די פּריש־אָפּגעשניטענע טוועס, פון די צוגעטריקנטע קאָפּי־צעס, איבערגעמישט מיטן דופטיקן אָטעם פון די יונגע שפּראָצונגען, וואָס האָבן זיך באוויזן נאָכן רעגן אין די קאַנאוועס און אף די בערגלעך באם וועג...

ווײַט פון דעם הארמאן זײַנען ארומגעלאָפן צווישן די הויכע קאָפּיצעס פּיאָנערן. פאר די קינדער, וועמעס טאטעס זײַנען שוין איצט עפּשער געווען אין מילכאָמע־פײַער, איז דער זומער געבליבן א זומער. זיי האָבן געזוכט פייגל־נעסטן, נאָרעס פון יאָזשיקעס, געכאפּט פארשיידנקאָליריקע באבעלעך, זיך געיאָגט נאָך די פלינקע יאשטשערקעס, נאָך די לענגלעכע היישעריקלעך מיט די דורכזיכטיקע, ווי פון דינסטן גלאָז, פליגעלעך, געקליבן פארשיידענע סטעפּ־זשוקלעך.

נעכאמקע איז געווען שוין ניט ווײַט פון די הויך־צעוואקסענע זונרויזן, וואָס האָבן מיט די גרויסע שווערע קעפּ זיך געבוקט צו דער צעפּאליעטער זון, צע־שפּרייטנדיק זייער געלבלעכן בליִונגס־שטויב איבער דעם ארומיקן פעלד.

מיטאמאָל האָט אין דער אָנגעגליטער שטילקײַט זיך ארײַנגעריסן אן אליץ אָנ־וואקסנדיקער זשום. אפּן שליאך הינטער די מאָהילקעס האָט זיך אופגעהויבן א שטויב, און נעכאמקע האָט באלד דערזען יאָגן אהער די באקאנטע מאשין פון ראי־פּארטקאָם. נעכאמקע איז געבליבן שטיין, ניט ווייסנדיק וואָס צו טאָן: צי פארנעמען זיך צוריק אפּן הארמאן, צי באהאלטן זיך צווישן די זונרויזן. זי האָט ניט באוויזן זיך ארומצוקוקן, ווי די פארשטויבטע „עמקע“ האָט מיט א ווינט און מיט א גערויש זיך דורכגעטראָגן פארבײַ מיטן וועג און פלוצלינג, שיר ניט איבערקערנדיק זיך, האסטיק פארקערעוועט צוריק, זיך לײַכט א גליטש געטאָן איבער דער געלבלעכער סטערניע, געמאכט א קרײַז, אופגעציטערט מיטן גאנצן קאָרפּוס און געבליבן שטיין. פון דער מאשין איז ארויסגעשפּרונגען סעניע. ער איז געווען איבערראשט, וואָס ער האָט אזוי צופעליק געטראָפן נעכאמקען.

— זע, נעכאמקע! — האָט ער פריידיק אויסגערופן און א שמייכלענדיקער זיך געלאָזט צו איר.

נעכאמקע האָט א דערשראָקענע זיך אומגעקוקט אף דער אונטערסאָפּענדיקער „עמקע“, טאָמער וועט באלד נאָך עמעץ ארויס פון דער מאשין. דאָרט איז אָבער קיינער ניט געווען. זי האָט זיך אויסגעדרייט און זיך געלאָזט גיין צוריק מיטן פעלד.

— נעכאמע... נעכאמעלע... — האָט סעניע אויסגעשריִען, — איך בין דאָך גע־קומען צו דיר...

— צו מיר? — זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און אומצופרידן אים אָנגעקוקט, — פארוואָס צו מיר?

— איך... זע, וואָס איך האָב דיר געקויפט, — האָט ער רויט ווערנדיק געזאָגט און ארויסגעשלעפּט פון קעשענע א שנירל גרויסע העל־בלויע קארעלן.

— באהאלט דיר דיינע קארעלן... און גיי אפילע ניט צו נאָענט צו מיר... — האָט זי אופגערעגט געזאָגט.

— וואָסי... וואָסי מיט דיר... — האָט ער פארלוירן געשטאמלט.

נאָך יענער נאכט אינעם שלאקסרעגן איז וואָס ער האָט ניט געטאָן, האָט ער געפילט לעבן זיך נעכאמען, אירע הענט, אירע האָר, איר ברוסט, זי אינגאנצן... ס'האָט אים אָן אופהער געצויגן צו איר... און איצט, ווען איוואשטשענקאָ האָט זיך פארהאלטן אין קאָוואלעווסק, האָט ער, אפילע ניט פרעגנדיק בא אים, זיך צוגעכאפט אָף דער „עמקע" אהער, כאָטש א קוק טאָן אָף איר, און זי...

— נעכאמעלע, — האָט ער שטיל געזאָגט, — איך קאָן ניט אָן דיר... איך וועל זיך בעטן צו אייך אין קאָלווירט... איך האָב זיך שוין עטלעכע מאָל שיר ניט איבערגעקערט מיט דער מאשין... איך קאָן ניט אזוי... איך מוז דיך זען... איך וועל גיין פאר א טראקטאָריסט צו אייך...

סעניע איז געווען איצט זייער שיין, שענער נאָך, ווי זי האָט אים פארגעדענקט פון די שול־יאָרן. די ווייכע בלאָנדע האָר זיינען צעשויבערט אים געפאלן איבערן שטערן און זיך געבעטן, אז זי זאָל זיי אָנרירן. נעכאמקע האָט זיך באגעגנט מיט זיין הייסן בליק, דערשראָקן זיך מיטאמאָל פאר עפעס און זיך געלאָזט גיין מיט דער סטערניע צום הארמאן.

— נעכאמע, ווארט צו, — איז סעניע אוועק נאָך איר.

— וואָס גייסטו מיר נאָך? — האָט זי אויסגערופן און גענומען גיין נאָך גיכער.

— ווארט צו... שטיי א ווײַלע, — האָט ער זיך געבעטן.

— איך וויל ניט שטיין מיט דיר...

— פארוואָס?

— אָן א פארוואָס...

סעניע האָט ניט אָנגעהויבן צו פארשטיין, וואָס קומט פאָר מיט איר. אָט ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק זיינען זיי דאָך געזעסן צוזאמען אונטער דער סטערטע, ער האָט זי ארומגענומען, געקושט... און איצט רעדט זי מיט אים, ווי אינגאנצן א פרעמדע...

— נעכאמע... וואָס איז מיט דיר?.. פארוואָס ביסטו אין קאַס אָף מיר?.. — ער איז איר פארלאָפן דעם וועג און ניט געלאָזט גיין ווײַטער.

נעכאמקע האָט ניט געוווסט, וואָס אים צו זאָגן. וועגן דעם, וואָס זי האָט איבערגעלעבט פאר די טעג, האָט זי ניט געקאָנט און ניט געוואָלט דערציילן.

— וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפעט צו מיר? — האָט זי מיט הארץ געזאָגט און, אליין ניט באמערקנדיק, פאריכט דאָס טיכל אפן קאָפּ, — כ'האָב דאָך צוליב דיר זיך אפילע ניט אָפּגערוט, און אָט שטעלט מען זיך שוין ווידער צו דער ארבעט.

— איז וועל איך קומען אין אָוונט.

— וווהין וועסטו קומען? — האָט נעכאמקע פארכידעשט אים אָנגעקוקט.

— אהער... אָט דאָ וועל איך ווארטן אָף דיר...

— טראכט אפילע ניט...

— איך בעט דיך, נעכאמעלע...

— בעט ניט... ניין, ניין... דו הערסט?..

— און איך וועל סײַווי קומען... איך וועל אָט דאָ שטיין א גאנצע נאכט און ווארטן אף דיר...

— ניין, ניין... איך וועל ניט ארויס צו דיר, — האָט זי אויסגעשריִען און, צוהאלטנדיק מיט איין האנט דעם צאָפּ, זיך געלאָזט לויפן.

נעכאמקע איז געקומען אפן הארמאן, פונקט ווען מע האָט ווידער געלאָזט די דרעשמאשין. זי איז געשווינד ארופגעקראָכן אין דער הייך אפן הייסן בריקל, בעסער פארבונדן דאָס פּאָנעם און אָנגעהויבן אָרודעווען מיט דער ווילע. דאָך האָט זי זיך ניט געקאָנט אײַנהאלטן און אין א ווײַלע ארום אומגעקוקט זיך צו די זונרויזן. סעניע איז שוין דאָרט ניט געווען.

באַגלײַך מיט דער דרעשמאשין האָבן אָנגעהויבן ארבעטן דער קאָמבײַן און די שנײַדמאשינעס, אָנפילנדיק ווידער דעם סטעפּ מיט א גערויש.

טומלדיק איז געווען בא דער קופּע ווייץ.

אף די פארשפּרייטע ברעזענטן האָט מען איבערגעווייעט אף עטלעכע פּוך־מילן די צוגעטריקנטע טוווע און גלײַכצײַטיק געשאָטן דעם ריינעם ווייץ אין זעק. די פּיִאָנערן האָבן אויך דאָ געהאָלפן. זיי האָבן צוגעהאלטן די ליידיקע זעקלעך באַם אָנפילן זיי, דערלאנגט דעם שפּאגאט, צוגעקערט דעם טויק.

די פולע זעקלעך ווייץ האָט מען געלייגט אף דער גרויסער וואָג און נאָכדעם שוין אָנגעלאָדן אף די וועגענער, וואָס זײַנען איינער נאָכן אנדערן צוגעפאָרן אהער.

די וועגענער זײַנען געווען באַפּוצט מיט רויטע פענדלעך, בא די פערד אין די גריוועס זײַנען געווען אײַנגעפלאָכטן פארשיידנקאָליריקע שמאָלינקע סטענגעס. אפן ערשטן וואָגן איז אף צוויי דרענגלעך געווען אָנגעצויגן א רויטער לײַוונט, אף וועלכן ס'איז מיט ווײַסע אויסיִעס געווען אָנגעשריבן: „אונדזער מאטאָנע דעם פראָנט!“

כאָנציע דער קאָלווירט־פּאָרזיצער איז ארומגעלאָפן א פארהאוועטער, מע האָט אויסגעריכט די ערשטע ברויט־וואָלקע.

צען הויך־אָנגעלאָדענע וועגענער זײַנען שוין געשטאנען אפן וועג און געווארט אף די איבעריקע. אף די פולע זעק זײַנען געזעסן די אָנטרײַבער. מיינסטנס זײַנען עס געווען סאָלדאטקעס. פון צײַט צו צײַט האָט זיך בא זיי ארויסגעכאפּט א זיפץ. אף צוויי פורן האָבן געהאלטן די לייצעס אין די הענט יִינגלעך פון עלטערע קלאסן, צופרידענע פון דעם קאָוועד, וואָס מע האָט זיי אָנגעטאָן. אף איין וואָגן איז אין א צעדריבלטן שטרויענעם הוט געזעסן ריקליס מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געדרעמלט.

כאָנציע, א ווײַסער ווי א טויב, האָט זאָרגזאם באַטראכט, צי די פערד זײַנען גוט געשפּאנט, באַזונדערס אין די וועגענער, וווּ עס האָבן אָנגעטריבן די יִינגלעך, צי זײַנען אָנגעשמירט די רעדער, צי זײַנען ווי ס'דארף צו זײַן צונויפגעלייגט די

זעק. אלץ איז געווען אין פולער אָרדענונג. די וועגענער זײַנען געווען צוגעפוצט און ריין ארומגעוואשן, און נאָר דער נײַער גריך־געפארבטער וואָגן, אף וועלכן ריקליס האָט געדרעמלט, איז געווען ארום און ארום פארשפריצט מיט צוגעטריקנטער בלאָטע.

— היי, ריקליס! — האָט כאַנציע, אײַנהאלטנדיק די אופגערעגטקײַט, א געשריי געטאָן.

— האָ?.. רופסט מיך?.. — האָט ריקליס צעטומלט אופגעהויבן דעם קאָפּ.

— זאָג מיר נאָר, — האָט כאַנציע בייז א קוק געטאָן אף אים מיט דעם אייך־איינציקן אויג, — אָט אף אזא וואָגן קלײַבסטו זיך פירן דאָס ברויט?..

— וואָסי? — האָט ריקליס זיך אופגעפודלט.

— קריך אראָפּ פון וואָגן און גיב א קוק.

— וואָסי... זאָג...

— גיב א קוק אליין, מיט די אייגענע אויגן.

ריקליס איז אָן כיישעק אראָפּ און, פויל קראצנדיק זיך אונטער דער פאכווע, באטראכט דעם וואָגן.

— כ'ווייס ניט, וואָס דו ווילסט... וואָס דו טשעפּעסט זיך שטענדיק צו מיר, — האָט ער אומצופרידן געבורטשעט, — כ'הייב ניט אָן צו פארשטיין, וואָס געפעלט דיר דאָ ניט? וואָס, די רעדער שטייען ניט אפן אָרט, דער דישל איז אין א זײַט?..

— און דאָס, וואָס דער וואָגן איז פארליאפּעט מיט בלאָטע, ארט דיך ניט?.. שעמסט זיך ניט פאָרן אזוי?.. וואָס וועלן מענטשן זאָגן, האָ?

ריקליס האָט עפּעס א בורטשע געטאָן, גענומען דעם עמער און, שלעפנדיק פויל די פיס, אוועק צו דער דייזשקע נאָך וואסער.

אין א ווײַלע ארום האָבן די שווער אָנגעלאָדענע וועגענער, אונטערסקריפּענדיק, זיך פארנומען איינער נאָכן אנדערן אף דעם גוט־אויסגעפּאָרענעם הולײַפּאָליער שליאך. נעכאמקע האָט פון דער דרעשמאשין געזען, ווי די ערשטע ברויט־וואלקע דערווײַטערט זיך אלץ מער און מער. עפּעס האָט זיך איר פארוואָלט זינגען, זי האָט אָבער באלד א טראכט געטאָן וועגן וואָוועס און איז שטיל געבליבן.

ניט נאָר נעכאמקע האָט זיך ניט פארגונען זינגען איצט. קיינער. קימאט יעדערער פון די בוריאנאָווקער האָט שוין געהאט עמעצן אף דער מילכאָמע — און מע האָט איצט, אין אָט דער סאמע פריילעכער צײַט פון שניט, ווען דער סטעפּ פלעגט געווײנלעך פול זײַן מיט געזאנג, אינגאנצן ניט געהערט קיין לידער.

אפילע די מיידלעך האָבן איצט ניט געזונגען. מע האָט אלץ פארזאָרגט גערעדט וועגן די סוואָדקעס און ווידעראמאָל איבערדערציילט, וואָס מע שרײַבט פונעם פראָנט.

אין אָנגעשטרענגטער ארבעט איז קימאט ווי אומבאמערקט אדורך די אנדערע העלפט טאָג. דאָס אָפּגעשניטענע ווייץ־פעלד איז געוואָרן אלץ גרעסער, און דער קאָמבײַן מיט די שנײַדמאשינעס האָבן זיך דערווײַטערט אלץ מער צום האָריזאָנט.

די זון האָט זיך גענומען זעצן נידעריקער און נידעריקער, אָנצינדנדיק אין פֿלאַמיקן פּורפּור דעם ברעג הימל און די אַרומיקע פֿעלדער. א צונטער־רויטע, אַן אומגעווײנלעך גרויסע, איז די זון ניט געאײַלט פֿאַרשווינדן הינטער די גאָר ווײַטע באַגילדעטע קאָפּיצעס.

דער מײַרעוודיקער הימל־ראַנד, וואָס האָט אָקאָרשט געפֿלאַקערט, ווי אין א העלישער סרייפֿע, האָט צוביסלעך זיך אָנגעהויבן לעשן. אַף די קאָפּיצעס, אַף דער סטערניע און אַף די נאָך ניט אָפּגעשניטענע פֿעלדער האָבן שטיל און אומבאַמערקט זיך אויסגעלאָשן די לעצטע גאָלד־פֿלעקן און די לופֿט האָט אָנגעהויבן פֿאַרפֿולט ווערן מיט דורכזיכטיקער פֿרישער בלויקײַט. שפּעטער האָט אַפֿן זייער קלאָרן הימל זיך אַרויסגעשניטן די יונגע לעוואָנע, און דער אַרומיקער סטעפּ, דער האַרמאַן, דער קאָמבײַן, די שנײַדמאַשינעס זײַנען באַגאָסן געוואָרן מיט קלאָרער ווײַסקײַט.

ס׳איז שוין לאַנג צײַט געווען אָפּשטעלן די דרעשמאַשין, נאָר די קאָלווירטניקעס האָט זיך געוואָלט אָפּדרעשן כאָטש נאָך עטלעכע האַרבעס.

שפּעט אין אָוונט, ווען מע האָט פֿאַרענדיקט די אַרבעט און אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפֿן אַף דער שטרוי, איז נעכאַמקע איינע אַליין אומבאַמערקט אַוועק צום סטאַוואָק זיך אויסבאָדן.

לעבן סטאַוואָק איז קיינער ניט געווען. זי האָט זיך אויסגעטאָן, אַרומגעבונדן די האָר, אַז זיי זאָלן ניט פֿאַרנעצט ווערן, און א נאַקעטע אַרײַנגעלאָפֿן ביזן האַלדז אין שטילן וואַסער. דאָס וואַסער איז געווען קילבלעך. נעכאַמקע האָט דערפֿילט א כײַעסדיקע פֿרישקײַט אין אַלע גלידער. נאָכן שלאַקסרעגן איז דער סטאַוואָק געוואָרן פֿולער. דאָס וואַסער האָט דערגרייכט קימאַט ביז איבער דער הויך־אָנגעשאָטענער הרעבליע און אָפּגעשפּיגלט אין זיך די יונגע לעוואָנע. נעכאַמקע איז זייער לײַכט געשווומען, פֿאַנאַנדערטרײַבנדיק אַרום זיך די כוואַליעס, אין וועלכע ס׳האָבן אונטערגעטאַנצט און זיך איבערגעגאָסן פֿלעקן פֿון לעוואָנע־שײַן.

זי איז געווען שוין לעבן דעם גרין־באַזילבערטן אָטשערעט, ווען זי האָט דערזען אַף דער הרעבליע עמעצן גיין. יאָ, דאָס איז געווען סעניע. פֿאַרטײַענדיק דעם אָטעם, האָט נעכאַמקע זיך ניט גערירט פֿון אָרט, קעדיי ער זאָל זי ניט באַמערקן. סעניע איז גיך דורכגעגאַנגען די הרעבליע און אַראָפּגעלאָפֿן אַפֿן נידעריקן ברעג.

„אוי, ער וויל זיך דאָ אויך באָדן, — באַ נעכאַמקען איז פֿאַרקילט געוואָרן דאָס האַרץ, — ווו וועט זי זיך דעמלט אַהינטאָן?“

סעניע איז געבליבן שטיין ניט ווײַט פֿון אירע זאַכן, וואָס זײַנען געלעגן אַפֿן צוגעטאָפּטשעטן נידעריקן גראָז. זי האָט מוירע געהאַט, ער זאָל זיי ניט דערזען. „געדאַרפֿט זיך אויסטאָן ווײַטער פֿון דער הרעבליע, — האָט זי פֿאַרביסן די ליפּן, — גיי ריכט זיך“...

נעכאַמקע האָט ניט געוואַגט זיך אומקוקן אַהין. עפּשער טוט ער זיך שוין אויס. ער ווייסט דאָך ניט, אַז עמעצער איז דאָ פֿאַראַן. ס׳איז איר שווער געוואָרן צו עטעמען. זי האָט דערפֿילט, אַז זי קאָן מער זיך ניט האַלטן אַפֿן וואַסער. אָט־אָט ציט עס זי אַראָפּ. נאָר אין דער זעלבער מינוט האָט זי דערהערט טריט. נעכאַמקע האָט

פאַרזיכטיק זיך אומגעקוקט און דערזען, אז סעניע האָט זיך געלאָזט גיין מיטן ווײַס־לעכן וועג צו די זונרויזן.

ווען סעניע איז פארשוווּנדן אין דער סטעפּ־בלויקײַט, איז נעכאמקע שטיל ארויס פון סטאוואָק און אוועקגעלאָפן צו אירע זאכן. איר שטײַפער קלאָר־ווײַסער קער־פער האָט געגלאַנצט אנטקעגן דער לעוואָנע, וואָס האָט געקוקט גלײַך אף איר, אף איר נאקעטקײַט. נעכאמקע האָט זיך גיך אָנגעטאָן און איז אוועק. איר האָט מיט־אמאָל זיך פארוואָלט דעריאָגן סעניען און זאָגן אים, אז ער זאָל ניט גיין צו די זונ־רויזן, ער זאָל ניט ווארטן אף איר. צוליב וואָס זאָל ער זיך דאָרט ארומדרייען איי־נער אליין באנאכט... און וואָס וואָלט, אשטייגער, געווען, זי זאָל ארויסגיין צו אים אף א ווײַלע. ער איז דאָך געקומען צופוס אזש פון קאָוואַלעווסק צוליב איר... ער איז דאָך איר שול־כאווער... איז וואָס, אז ער האָט זי ליב?.. דעריבער דאַרף זי זײַן אין קאס אף אים און טאָן אים שלעכטס? ניין, ניין... ער וויל ווארטן, זאָל ער ווארטן... זי האָט דאָך אים געזאָגט, אז ער זאָל ניט קומען, געזאָגט, אז זי וועט ניט ארויסגיין צו אים.

אָן אופגערודערטע פון די אלע אומקלאָרע געפילן, האָט נעכאמקע מיט אײַנגע־שפּארטקײַט, ווי זי וואָלט געגאנגען קעגן א כוואַליע, וואָס האָט זי געצויגן אף צו־ריק, פארנומען זיך אפן הארמאָן.

„טראכט אפילע ניט, — האָט זי גערעדט צו זיך אליין, — איך האָב אים גע־זאָגט, ער זאָל ניט קומען... און ווײַטער איז זײַן זאך". זי איז אוועק צו דער סטערטע, ארופגעקראָכן אף דער פריש־אויסגעדראָשענער שטרוי און, פארוקנדיק דאָס קליידל צווישן די קני, זיך צוגעליגט. די ניט אײַנגעטאָפּטשעטע שטרוי האָט אונטער דער לאסט פון איר קערפּער זיך אראָפּגעזעצט. די ווייצן־שטרוי, וואָס האָט אײַנגעהיט אין זיך די ווארעמקײַט פון דער זון און דאָס גערוך פון פּאָלאָווע, האָט ארומגענומען נעכאמקען פון אלע זײַטן. זי האָט דערפילט א מידקײַט.

ארום אין באנאכטיקן סטעפּ איז געווען רויִק. עס האָט זיך נאָר פון מאָל צו מאָל געהערט, ווי ערגעץ צווישן די קאָפּיצעס האָט געקוקעט א קוקו, ווי די גע־פענטעטע פערד, וואָס האָבן זיך געפּאשעט דערבײַ אף דער אָפּגעשניטענער היי־לאָנקע, האָבן געפּאָרשקעט מיט די נאָזלעכער און געשמיסן מיט די עקן. פון די זײַטיקע דאָרפישע וועגן, וואָס האָבן זיך געשלענגלט אין די באַלקעס און אף די בערגלעך, האָט זיך דערטראָגן אהער א ווײַט־פארטויבט טראכקען פון שווער־אָנגע־לאָדענע וועגענער. די קאָלווירטן האָבן באטאָג און באנאכט געפירט דאָס ערשטע אויסגעדראָשענע ברויט צום עלעוואטאָר.

נעכאמקע האָט דערשפּירט, אז די לעוואָנע קוקט איר גלײַך אין פּאָנעם ארײַן. זי האָט עטוואָס פאנאנדערגעפירט די וויִעס. דער הימל איז איבער איר געווען זייער הויך, די צעשויבערטע שטרוי — באזילבערט. ס'איז איר אָן אווירע געווען צו שלאָפן אין אזא וווּנדערלעך־שיינער נאכט.

ערגעץ דערבײַ, פון דער שטרוי, האָט זיך דערטראָגן א קרעכץ. ס'איז, דוכט

זיך, וואָוועס מאמע. קאָנטיק, אז זי שלאָפט ניט. אזוי זיך אָנגעהאָרעוועט און קאָן ניט אנשלאָפן ווערן...

נעכאמקע האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם אראָפּ, זיך טיפער אײַנגעגנורעט אין דער שטרוי און צוגעמאכט די אויגן.

וואָוועס מאמע האָט ווידעראמאָל א קרעכץ געטאָן, נאָר נעכאמקע האָט שוין מער גאָרנישט ניט געהערט.

— —

...נעכאמקע שטייט אין קווייטלדיקן סאראפאן מיט די נאקעטע הענט בא זיך אין הויף לעבן ברונעם און שלעפט פון דאָרט א פולן עמער מיט ריינעם ווייץ. מיט־אמאָל האָט אפן עק כוטאָר זיך באוויזן א קאָמבײַן.

דער קאָמבײַן יאָגט גיך אראָפּ־גאַס און ווערט פּלוצלינג פאַרוואַנדלט אין א גרוי־גרינעם טאנק. דער טאנק פארקערעוועט אין הויף, און עס שפּרינגט פון אים ארויס וואָווע. די ברוסט איז בא אים באהאנגען מיט מעדאלן. די לינקע האנט פאר־באנדאזשירט. זי כאפּט אים ארום באַם האלדז, טוליעט זיך צו אים און קושט אים.

— זע, וואָס איך האָב דיר געבראכט, — זאָגט ער און דערלאַנגט איר א שנירל, אָנגעסילעט מיט פינקלענדיקע טראָפּנס טוי.

זי נעמט מיט די שפּיץ פינגער פאַרזיכטיק די קארעלן, די טראָפּנס טוי צאפּ־לען זיך אפן זילבערנעם שנירעלע, זי וויל עס אָנטאָן אפן האלדז, נאָר מיטאמאָל דערמאָנט זי זיך אין סעניען, אין דער נאכט בייס דעם שטורעם, דערשרעקט זיך און ווייסט ניט, ווו זיך אהינצוטאָן.

— טו אָן, — זאָגט ער און קוקט מיט ליבשאפט אף איר.

— שפּעטער, — זאָגט זי און ווערט רויט.

— די קארעלן דארף מען אָנטאָן גלײַך אפן האלדז, דעמלט לעבן זיי... — זאָגט וואָווע. — אויב ניט, טריקענען זיי אויס.

זי ווייסט ניט, פאַרוואָס, נאָר זי איז זיכער, אז אפן האלדז איז בא איר א סי־ניאק. זי פילט, ווי ס'ציטערט איר דאָס לײַב. זי וויל אים עפּעס זאָגן און קאָן ניט. די טראָפּנס טוי, זעט זי, הייבן זיך שוין אָן אָפּטיילן פון שנירל. וואָס זאָל זי טאָן? עס שרעקט זי איצט איינס — ער זאָל אף איר גאָרנישט ניט באמערקן.

— וואָסי מיט דיר, נעכאמעלע? — גלעט ער איר צארט די האָר.

זי ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן. זי וויל אים ניט נארן און קאָן אים ניט זאָגן דעם עמעס.

— וואָס איז בא דיר דער האלדז פארבונדן? — גיט ער מיטאמאָל א פרעג.

— ס'איז גאָרניט, וואָווע... פארוואָס האָסטו מיך איבערגעלאָזט אליין?.. איך האָב דאָך אזוי געבענקט, אזוי געוואָרט אף דיר... — טײַנעט זי.

— נעם אראָפּ דאָס טיכעלע פון האלדז, — בעט ער זי שטיל.

— איך קאָן ניט, — ענטפערט זי.

— פאַרוואָס? — פרעגט ער, ניט פארשטייענדיק גאָרניט, — לאָז, וועל איך אָפּבינדן.

— נייך, נייך, וואָווע... מע דאַרף ניט, — שרײַט זי אויס, און אין די אויגן שטעלן זיך באַ איר טרערן.

— פאַרוואָס דאַרף מען ניט? — פאַרשטייט ער אַלץ ניט.

זי בייגט זיך אָן און וויל אַנטלויפן פון אים, נאָר ער שטרעקט אויס די האַנט, רײַסט אַראָפּ דאָס טיכעלע און ווערט שטאַרק בלייך.

— וואָס איז דאָס באַ דיר אַפּן האַלדז? — פרעגט ער, קוים איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, און די אויגן זײַנע קוקן אַף איר צעטומלט־דערשראָקן.

זי שווײַגט. זי קאָן אים גאָרנישט ניט זאָגן.

— ווי קאָן עס זײַן? דו, נעכאַמעלע מײַנס... דו?.. — טײַנעט ער מיט שרעקלעכן ווייטעק. — האָסט ניט געוואָרט אַף מיר?..

— איך בין ניט שולדיק, וואָווע... — זי פּילט, ווי אָט רײַסט זיך באַ איר אָפּ דאָס האַרץ, — איך האָב געוואַרט... איך האָב ליב נאָר דיך...

— וואָס זשע ביסטו געגאַנגען מיט אַ צווייטן הינטער דער סטערטע? — ציטערט באַ אים די שטים פון ביטערער באַליידיקונג.

— וואָס זשע האָב איך געזאָלט טאָן? — פאַרענטפערט זי זיך. — ס'האָט דאָך אונדז פאַרכאַפּט אַ גוסרעגן... ס'האָט שרעקלעך געדונערט...

— און איך בין דעמלט פונקט געווען אין שלאַכט. אַרום מיר האָבן זיך געריסן סנאַריאַדן...

— רייד ניט אַזוי, — בעט זי זיך באַ אים.

— איך בין דעמלט פונקט אָפּגעגאַנגען מיט בלוט און געפירט דעם טאַנק אין פײַער...

— וואָווע... מע דאַרף ניט... — טײַנעט זי.

— און דו האָסט זיך דעמלט פונקט געוואַלגערט מיט אים הינטער דער סטערטע, דעמלט ווען איך האָב געשריִען פון ווייטעק...

— הער אויף, וואָווע... הער אויף, — כליפּעט זי.

— אַפּן פראָנט וויל ער ניט גיין. וואַרט ער איצט אַף דיר לעבן די זונרויזן... איך וועל זיך באַלד אָפּרעכענען מיט אים פאַר דיר...

וואָווע לאָזט זיך לויפן. נעכאַמקע כאַפּט אים אָן פאַר דער פאַרווונדעטער האַנט, קלאַמערט זיך אײַן אין אים. ער גיט זי אַ שטופּ אָפּ, און זי פאַלט אום, ציט זיך אויס אַף דער ערד, וויינט און שרײַט ניט מיט איר קאָל, אָט ווערט זי דערשטיקט...

וואָוועס מאַמע האָט דערהערט נעכאַמקעס געוויין, זיך דערקליבן צו נעכאַמקען אַף דער שטרוי און אָנגעהויבן זי וועקן.

— נעכאַמע... נעכאַמעלע... — האָט זאַהאַטיכע זי געטרייסלט פאַר די דינע אַקסלען, — כאַפּ זיך אויף, נעכאַמעלע...

נעכאַמקע האָט, שווער אָטעמענדיק, זיך אופגעזעצט, ברייט פאַנאַנדערגעעפנט די אויגן, צעטומלט זיך אַרומגעקוקט, ווי זי וואָלט ניט פאַרשטיין, ווו זי איז, אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט איבערן האַלדז. דערזען פאַר זיך וואָוועס מאַמע, האָט זי מיטביידע הענט זי אַרומגעכאַפּט, זיך צוגעטוליעט צו איר און זיך צעוויינט.

זאַהאַטיכע האָט זי ארומגענומען און שטיל קרעכצנדיק צוגעלייגט זיך לעבן איר...

לאנג זײַנען די טעג אין הייסן כוידעש יול. קורץ זײַנען דעמלט די נעכט. די קאָלווירטניקעס האָבן אין זיסן שלאָף זיך געהאט ערשט איבערגעדרייט אף דער צווייטער זײַט, ווי ס'האָט שוין גענומען גרויען אף טאָג.

אלץ ארום — די סטערטע, די הארבעס, די סטערניע — איז באדעקט געוואָרן מיט א דורכזיכטיק־קלאָרן קילבלעכן טוי.

דער מיזרעכדיקער הימל־ראנד האָט אָנגעהויבן צוביסלעך פארגאָסן ווערן מיט ראָזקײַט, און נאָך איידער די יונגע לעוואָנע האָט באוויזן פארשווינדן פונעם אויסגעבלייכטן הימל, האָט פון הינטער די פריש־באגילדעטע באשטאנען זיך שוין גענומען אויספיקן די נאָך קילבלעכע, געל־רויטע זון.

די פעלדער, באפארבט מיט דער ראָזקײַט, וואָס האָט זיך אָפגעשפיגלט אף זיי פונעם ראנד הימל, האָבן אָנגעהויבן אופוואכן.

אפן סטעפ איז איצט געווען שטיל, ווי שטענדיק אין א זומערדיקן פארטאָג. נאָר באלד איז די קאַיאָריקע שטילקײַט פול געוואָרן מיט רוישיקן, לעבעדיקן טומל. עס האָבן זיך אופגעכאפט די קאָלווירטניקעס, גענומען זיך וואשן, פרישטיקן. קאַטערינע האָט געטיילט שטיקער ברינדזע מיט ברויט און הייסער מילך, מע האָט צוגעראמט דעם הארמאן, דורכגעקוקט די זיפן, אונטערגעצויגן, וווּ מע דארף, א הײַקע... און ווען די זון האָט זיך עטוואָס אופגעהויבן איבערן באשטאן, האָט דער קאָמבײַן מיט א הודערײַ זיך ווידער ארײַנגעשניטן אינעם הויכן ווייץ. ארוף־בארג האָבן אָנגעהויבן דרייען מיט די פליגל און גראגערן די שנײַדמאשינעס. נעכאמקע איז שוין ווידער געשטאנען אף דער אונטערטרייסלענדיקער דרעשמאשין און גיך־גיך דערלאנגט מיט דער ווילע די זאנגען צום באראבאן...

קאפיטל זעקס

שוין דעם פינפטן מעסלעס, ווי אלעקסיי איוואנאָוויטש אָרעשין גייט מיטן געדיכטן וואלד אף מיזרעך. פון קאַיאָר ביז שפעט אין דער נאכט פארגינט ער זיך ניט צוזעצן, כאָטש ער איז זייער שוואך. בעשאס די אופרײַס־כוואליע האָט אים פארשלײַדערט פונעם טראקט אין דערבײַיקן קאָרן, איז פארפאלן געוואָרן דאָס טאָרבעלע מיט דעם גאנצן פארמעגן זײַנעם — דער פײַקע ברויט, צוויי שטיקלעך צוקער און עטלעכע טאראנקעס, וואָס ער האָט באקומען, ווען מע האָט אים ארויסגעפירט פון דער מינסקער טורמע. געגעסן האָט ער בלויז די שווארצע זויערלעכע יאגעדעס, וועלכע ער האָט צונויפגעקליבן צווישן דיביימער. דער הונגער האָט אים פון טאָג צו טאָג אלץ מער געפײַניקט, אָבער נאָך מער האָט אים געפײַניקט דער געדאנק, וואָס ער ווייסט ניט, ווו ער געפינט זיך און וויפל ער דארף נאָך גיין, קעדיי דערקלײַבן זיך צו דער פראָנט־ליניע, צו דער רויטער ארמיי.

די ערשטע פּאָר טעג האָט אמאָל גאָר נאָענט און אמאָל פון ווײַט, פארדומפּט, געהילכט פון דאָרעם־מיזרעך א קאַנאָנאַדע פון הארמאטן, און ער האָט אומגעפּער זיך פאָרגעשטעלט, ווו עס גייט די שלאכט. אפן דריטן טאָג האָט ער שוין מער קיין שיסערײַ ניט געהערט, ווײַזט אויס, דער פראָנט האָט זיך איבערגערוקט ערגעץ ווײַט פונדאנען. פון צײַט צו צײַט האָבן איבערן שאָסיי, וואָס האָט זיך געצויגן לינקס פון וואלד, גערוישט און גערודערט טאנקען, מאשינעס, מאָטאָציקלען. ער האָט געטראכט: זײַנען דאָס אונדזערע אָפּטרעטנדיקע טיילן אָדער די דײַטשן? וואָס קומט דאָ פאָר?..

באָמבארדירער מיט שווארצע האקנקרייצן אף די פליגלען האָבן צוויי מאָל א טאָג, אין איין און דער זעלבער צײַט, גאנצפרי און פארנאכט, מיט א ראש זיך דורכ־געטראָגן נידעריק איבערן וואלד. נאָר קיין איין סאָוועטישער פארניכטלער האָט אין הימל זיך ניט געוויזן. אלעקסיי האָט ניט אָנגעהויבן צו פארשטיין, וואָס איז געשען, ווו זײַנען אונדזערע? ער איז אָבער אײַנגעשפּארט געגאנגען פאָרויס און פאָרויס, צווישן דעם געדיכטן ביימער־געפלעכט, געקלעטערט איבער אומגעוואל־גערטע אלטע שטאמען, אויסגעמיטן זומפּן... די האָפענונג, אז ער וועט סאָפקאָלסאָף זיך דערקלײַבן צו דער רויטער ארמיי, האָט אים צוגעגעבן מוט. נאָר דעם מויעך האָט ניט אופגעהערט צו עגבערן דער געדאנק: וואָס וועט ער זאָגן, אז ער וועט שוין קומען צום ציל? דערציילן דעם גאנצן עמעס? ווער וועט אים גלייבן? מיט וואָס קאָן ער דערווײַזן? ער האָט דאָך בא זיך קיינע דאָקומענטן ניט. ער וועט ארויס־רופן נאָר א פארדאכט, באזונדערס איצט, מילכאָמע־צײַט, אף די פאָדערשטע פאָ־זיציעס... פארשטייט זיך, אז מע קאָן זיך פארבינדן, לאָמיר זאָגן, מיט טשיטא, פעסטשטעלן, אז ער איז ווירקלעך פון אכצעטן ביזן אכט־און־דרײַסיקסטן, ביזן ארעסט, געווען א מיטגליד פון דער פארטיי, אז ער האָט אָנטיילגענומען אין ביר־גערקריג, זיך געשלאָגן קעגן קאָלטשאקן, דעניקינען, מאכנאָ און באלויַנט געוואָרן מיט אָן אָרדען, אז ער איז אן אינזשעניער־פאָלקאָווניק... ווער וועט אָבער באשטע־טיקן, אז מע האָט אים רעפּרעסירט אָן א שולד? מיט וואָס וועט ער דערווײַזן, אז נאָך דעם, ווי מע האָט אים ארויסגעפירט פון מינסקער טורמע, איז אלץ פאָרגעקו־מען אזוי, ווי ער דערציילט? ניין, קיינער וועט אים אוודע ניט גלייבן, מע וועט אים גלײַך איבערגעבן אין קריגס־טריבונאל, ווי א פארדעכטיקע פערזאָן. און וואָס וועט דעמלט זײַן? אין בעסטן פאל וועט מען אים אָפּשיקן צוריק אף קאָלימא. ניין, דער־ציילן איצט דעם עמעס טאָר ער ניט... שפּעטער, ווען ער וועט זיך שוין האָבן בא־טיילִיקט אין שלאכטן... דעמלט וועט עס אלץ אויסזען אנדערש... נו, און איצט?.. וואָס טוט מען איצט? מע וועט דאָך פרעגן אים, ווער ער איז, פונוואנען? ניט זאָגן דעם עמעס איז אים לויט דער נאטור געווען זייער שווער.

ער האָט אָבער קיין אנדער ברייִרע ניט. וואָס איז דער אומגליק, אז ער וועט דערווײַל ניט דערציילן אלץ וועגן זיך? ווּעמען קאָן עס שאָדן ברענגען? ער וועט גייין אין סאמע פײַער, ער איז גרייט אויספילן דאָס געפערלעכסטע, און אויב מע וועט דארפן, אָפּגעבן דאָס לעבן. שרעקלעך איז אומקומען, ווען מע ווייסט ניט,

פאר וואָס... און אויב ער וועט דאָך בלײַבן לעבן, וועט ער אין דער געהעריקער צײַט אליין זיך מעלדן אין טריבונאל... ער האָט זיך געסטאַרעט באַרויִקן, נאָר פונדעסטוועגן האָט אים עפּעס געטאָטשעט, און ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט זיך געקליבן באַגיין א פאַרברעכן...

עס האָט אים פאַרקוועטשט באַם האַרצן, אַזוי שטאַרק האָט זיך אים פאַרוואָלט רייכערן. ווען ער פאַרציט זיך גוט, האָט זיך אים געדוכט, וואָלט אים עפּשער גרינגער געוואָרן.

אין קעשענע פון בושלאַט האָט ער אָנגעטאַפּט דאָס קעסטעלע שוועבעלעך, וועלכע דער בלאָנדער רויטאַרמייער האָט אים געגעבן אין „סטאָליפּין־וואַגאָן". עטלעכע שוועבעלעך האָבן זיך פאַרהיט. ווען ער האָט א פּיצל פּאַפּיר, וואָלט ער פאַרדרייט א ציגאַר, כאָטש פון צוגעטריקנטן מאָך. ער האָט געריסן בלעטער פון בערעזעס, געקײַט זיי, אײַנגעזויגן די ביטערקײַט און געגאַנגען, געגאַנגען אָן אָפּרו, ביז ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט. ווען עס באַווײַזט זיך די לעוואָנע, וואָלט ער געגאַנגען נאָך ווײַטער, נאָר די לעוואָנע האָט זיך באַהאַלטן הינטער שווערע כמאַרעס. אַלעקסיי האָט אויסגעשפּרייט אונטער א יאָדלע דעם בושלאַט, זיך אויסגעצויגן און באַלד דערפילט, ווי מיד ער איז. די פיס האָבן געבראָכן, די פּיאַטעס האָבן געברענט, דאָך האָט ער די שיך ניט אויסגעטאָן: ס'איז אים פּאָשעט שווער געווען זיך צוריק אָנפּוצן. ער האָט א ווײַלע זיך צוגעהערט צום באַנאַכטיקן כאַשכעסדיקן וואַלד און איז באַלד אַנשלאָפן געוואָרן.

אינמיטן נאַכט האָט אַלעקסיי זיך אויפגעכאַפּט פון א דונערנדיקן קנאַל. פאַר די אויגן האָט עפּעס א בלענד געטאָן. „הייסט עס, דער פראָנט איז שוין נאָענט", — האָט ער א טראַכט געטאָן. נאָר באַלד האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עס קלײַבט זיך פּאָשעט אַף א רעגן. די ביימער האָבן זיך געוויגט און גערוישט. א שאַרפער פלאַם האָט אָנגעצונדן דעם וואַלד, אין דער הייך איבערן קאָפּ האָט געפּלאַצט א דונער און ס'האָט א פליוכע געטאָן א שלאַקסרעגן. אַלעקסיי האָט זיך גיך אויפגעהויבן, אַרופגעוואָרפן דעם בושלאַט אַף די אַקסלען און זיך צוגעטוליעט צו א בערעזע. די פּאַסמעס פון דעם רעגן האָבן זיך אָבער דורכגעריסן אויך אַהער און ביז געשמיסן אין פּאָנעם אַרײַן.

אַלעקסיי האָט זיך ביטער אויסגעזידלט, אַרופגעצויגן דעם בושלאַט העכער און זיך איבערגעדעקט מיט אים. אַפן קאָפּ האָט איצט ניט געגאָסן, דערפאַר זײַנען אָבער פּיטש־נאַס געוואָרן די דינע לאַגער־הויזן. אין די גרויסע שיך איז אָנגערונען וואַסער. דער רעגן איז פון מינוט צו מינוט געוואָרן אַלץ שטאַרקער. צײַטנווײַז האָט געגומען פאַלן א דריבנער האָגל און ראַשיק געקלאַפּט איבער די בלעטער, איבער די צווײַגן, איבער די שטאַמען, אָנפילנדיק דעם וואַלד מיט א קעלט. אַלעקסיי האָט דערפילט, אַז דער בושלאַט נעצט דורך, עס קאַפּעט אים אין קאָלנער, איבערן שטערן, איבער דער נאָז. דינע ריטשקעלעך האָבן, ווי גליטשיקע קאַלטע יאַשטשערקעס, זיך פלינק אַוועקגעשלענגלט איבערן באַקעטן האַלדז און זיך צעלאָפן איבער

דער נאָך ווארעמער פּלייצע. עס האָט אים אָנגעהויבן שוידערן פון קעלט, ער האָט אַרייַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסלען און זיך אָנגעבויגן.

עס האָט געדונערט זעלטענער, נאָר דער רעגן האָט ווי פריִער געפּליוכעט.

אַלעקסיי איז שוין געווען דורכגעווייקט אַף דורך און דורך — דער קאָפּ, די האָר, די געדיכטע בלאָנדע באָרד, וואָס איז בא אים אָנגעוואַקסן פאַר דער לעצטער צייַט. דאָס העמד האָט זיך צוגעקלעפּט צום לייַב, דער בושלאַט האָט איצט געווויגן אוואדע צען פּוד. מער שטיין אָט אזוי אַף איין אָרט האָט אַלעקסיי ניט געקאָנט. ווען ער גייט, וואָלט אים עפּשער געווען גרינגער... ער האָט זיך אָנגענומען מיט קויעך און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם בושלאַט. ארום איז געווען אזוי פינצטער, אַז ער האָט ניט געזען פאַר זיך אַפילע די נאָענטסטעביימער. ער האָט נאָר געהערט, ווי זיי האָבן גערוישט. אַלעקסיי האָט אויסגעשטרעקט די הענט, ווי א בלינדער, און מיט ניט זיכערע טריט זיך געלאָזט גייַן, אבי ניט שטיין אַף איין אָרט. אָפּגעגאנגען עטלעכע שפּאַן, האָט ער זיך אויסגעגליטשט אין א קאַליוזשע, אָנגעשטויסן זיך אָן א בוים און צעקלאַפּט א פוס. גייַן ווייַטער איז געווען אומעגלעך. וואָס זשע טוט מען? ער האָט געפילט, ווי עס ציטערט בא אים דער גאנצער קערפּער. „נו, נו, אָן סאַקאָנעס... דער רעגן וועט באַלד אופהערן. אייביק וועט ער דאָך ניט גיסן... מע דאַרף צולייַדן נאָך א ביסל. נישקאָשע. ניט שרעקלעך. געווען ערגערס. נאָך ווי! דעריקער טראַכטן וועגן עפּעס אנדערס. די נאַכט וועט זיך דאָך ניט ציִען אָן א סאָף".

אַלעקסיי האָט פאַרשטשעמעט די צייַן, זיי זאָלן ניט קלאַפּן, זיך צוגעדריקט מיט דער ברוסט צום שטאַם פון א בערעזע, ווי ער וואָלט וועלן לעבן איר זיך דער־ווארעמען.

ערשט קאַיאָר איז דער וואַלד פאַרשטילט געוואָרן. דער רעגן האָט שוין ניט געגאָסן, נאָר שטיל און נודנע מאַראָקעט. די ביימער האָבן, ווי טונקעלע שאָטנס, זיך אָנגעהויבן אויסשנייַדן אינעם נעפּל, וואָס איז נאָך געשטאַנען אין וואַלד. מע האָט שוין געקאָנט גייַן. אַלעקסיי האָט א פּיר געטאָן מיט די פאַרגליווערטע גלי־דער, אופגעשוידערט פון דער נאַסער קעלט, וואָס האָט אים דורכגענומען, און, קוים רירנדיק מיט די פאַרקאָטשענייעטע פיס, זיך געלאָזט גייַן, צעבויטענדיק די קאַליוזשעס וואַסער, וואָס האָבן פאַר דער נאַכט זיך אָנגעקליבן צווישן די ביימער. ער איז געגאנגען פּאַמעלעך, טראָט בא טראָט. דער הימל איז געווען פאַרנעפּלט, און ס'איז אַפילע קיין האָפענונג ניט געווען, עס זאָל זיך אַמאָל אויסלייַטערן...

וואָס ווייַטער, איז דער וואַלד געוואָרן אַלץ שיטערער. עס האָבן געסטאַרטשעט אַלטע שווארצגעוואָרענע פּניאַקעס און אויך פרישע, זאַפטיק־געלע. אַף א פרישן אויסגעהאַקטער דעליאַנקע זייַנען געלעגן אין הויכע שטאַבעלן בערעזעס, יאָדלעס און סאָסנעס. א סימען, אַז ניט ווייַט פונדאַנען דאַרף זייַן א יִישעוו. און טאַקע אין א ווייַלע אַרום האָט ער דערהערט א פאַרדומפּט בילן. אַלעקסיי איז געבליבן שטיין, זיך צוגעהערט. נו, יאָ, עס האָט געבילט א הונט. אַלעקסיי האָט זיך פאַרנומען לינקס,

אוועק אין דער ריכטונג, פונוואנען עס האָט זיך דערטראָגן די בילעריי. ער איז אָפּגעגאנגען עפּשער אַ האַלבן קילאָמעטער, ניט מער, און ארויס צום ראַנד וואַלד.

דער רעגן האָט נאָך אַלץ מאַראַקעט, און דורכן גרויען נעפּל האָט אַלעקסיי דער־זען אַרויף־בערגל אַן איינזאַם הילצערן שטיבל. הינטערן שטיבל האָבן זיך געצויגן גערטענער, אַרומגעצאַמטע מיט זשאַרדיעס, און נאָך ווייטער אַ ביסל עטלעכע שטי־בער און סעדער. פונעם געדאַנק, אַז ער וועט עפּשער באַלד אַריין אין אַ שטוב, אונטער אַ דאַך, האָט באַ אַלעקסייען פריידיק אויפגעצאַפּלט דאָס האַרץ. דאָך האָט ער זיך ניט געאיילט. ער האָט אָנגעשטרענגט אַרויסגעקוקט פון צווישן די נאַסעביימער אַהין, צום כוטאָר, געוואָלט זיך פריִער איבערצייגן, צי זיינען דאָרט ניטאָ קיין דייטשן.

פונעם קליינעם הילצערנעם שטיבל, וואָס אַרויף־בערגל, איז אַרויס אַ פרוי, אָנגעשפּאַרט אַן עמער וואַסער פון ברונעם און זיך אומגעקערט צוריק אין שטיבל. מער האָט מען קיין איין נפש אין ערגעץ ניט געזען. „דער כוטאָר, האָט ער געטראַכט, איז קליין און צו נאָענט צום וואַלד, אַז דייטשן זאָלן זיך דאָ אָפּשטעלן און פאַר־האַלטן”. עס האָט זיך אַפילע געקאָנט דוכטן, אַז אויסער אָט דער פרוי איז אין כוטאָר ביכלאַל מער קיינער ניטאָ. אַלעקסיי האָט זיך געלאָזט גיין מיט דעם אויסגעהאַקטן וואַלד, ווו עס זיינען פאַרבליבן סטאַרטשען נאָר איינציקע דינינקע סאָסנעס און יאָדלעס. ווען ער איז שוין געווען אַפן בערגל, גאָר נאָענט פונעם שטיבל, איז אַרויס־געלאָפן פון הויף אַ ווייסער צעפּודלטער הונט און זיך פאַרגאַנגען אין אַ בילעריי.

אַלעקסיי האָט, קוים איבערשטעלנדיק די פיס, וואָס זיינען אַרומגעקלעפּט געווען מיט געדיכטער בלאָטע, געמאַכט נאָך אַ פּאָר טריט און געבליבן שטיין לעבן נידע־ריקן געפלאָכטענעם פּלויט. די באַלעבאָסטע האָט אים דערזען דורכן פענצטער. זי האָט אָרופגעוואָרפן די שאַל אַפן קאָפּ און איז אַרויס אין הויף.

— האָט קיין מוירע ניט, ער בילט נאָר, ער טשעפּעט ניט, — האָט זי געזאָגט, אוועקטרייבנדיק דעם הונט, — איי, איי, איי, ווי דורכגעווייקט איר זייט... געווען לאַנג אונטערן רעגן?..

— די גאַנצע נאַכט, — האָט ער געפּרוווט איינהאַלטן דעם ציטער.

— גאָט מיינער, — האָט זי אויסגערופן, — קומט אַריין אין שטוב...

— קיין דייטשן זיינען דאָ ניטאָ? — האָט ער, אומקוקנדיק זיך, אַ פרעג געטאָן.

— ניין, דאָ זיינען זיי ניט געווען. און איר... פונוואַנען גייט איר?

— פון מינסק... נו, יאָ, פון מינסק, — האָט ער געזאָגט.

— נעכטן זיינען דאָ אויך דורכגעגאַנגען מינסקער... קומט, קומט גיכער אין שטוב. איר זייט דאָך אַזוי דורכגעווייקט. איך וועל אייך געבן עפּעס אָף איבערטאָן זיך...

זי האָט גאַסטפריינטלעך געעפנט די נידעריקע טיר און אַריינגעפירט אַלעקסייען דורך דער קיך אין אַ קליין ניט איבעריק ליכטיק צימערל. דאָ איז געווען זייער וואַרעם. ס'האָט געשמעקט מיט געבראָטענע קאַרטאָפל און מיט רויך פון שטרוי, מיט וועלכער עס האָט זיך געהייצט אין קיך די פּליטע.

די פרוי האָט פלינק דערלאַנגט אַלעקסייען א בענקל. פאַרגעסנדיק אַראָפּנעמען פון קאָפּ די שאַל, האָט זי זיך אָנגעבויגן ביז איבער העלפט איבערן גרויסן קופערט, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל, און גענומען זיך ראַיען דאָרט.

אַלעקסיי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי זוכט עפּעס פאַר אים אָף איבערטאָן זיך. ס׳איז אים געווען ניט באַקוועם צו באַומרויִקן זי, אָבער אָפּזאָגן זיך פון דעם האָט ער איצט ניט געקאָנט.

די באַלעבאָסטע האָט אַרויסגענומען אַ האַנטעך, אַ פּאָרל וועש, אוועקגעלייגט אַלץ אָף דער קאַנאַפּע און ווידער גענומען זוכן אין קופערט.

— איר זײַט אַליין אַ מינסקער? — האָט זי פאַרטראַכט אַ פרעג געטאָן.

— ניין... איך בין ניט קיין מינסקער, — האָט אַלעקסיי עטוואָס פאַרלוירן געזאָגט, צוקוקנדיק זיך, ווי זי פּאָרעט זיך אין קופערט. ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אָף דער מינוט, ווען ער וועט שוין קאָנען אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס דורכגעווייקטע אָנטאָן.

— פונוואַנען זשע זײַט איר? — האָט זי מיט נײַגער געפרעגט.

— ווײַט פונדאַנען... פון טשיטאַ...

— געווען דאָ צוגאַסט צי אין אַ קאָמאַנדירונג... — האָט זי אַ זאָג געטאָן, ווי צו זיך אַליין. זי האָט ענדלעך געפונען דאָס, וואָס זי האָט געזוכט: אַלטע כאַקי־הויזן און אַ זעלנערישע גימנאַסטיאָרקע.

— און די מישפּאָכע אײַערע?

— אין טשיטאַ...

— און ווייסט איצט ניט, ווו איר זײַט, — האָט זי מיט מיטלײַד געזאָגט.

— נו, יאָ...

— וווּהין זשע גייט איר?

— איך וויל זיך דערקלײַבן צו אונדזערע...

— איך פאַרשטיי... איך פאַרשטיי...

זי איז אַ רעגע געשטאַנען פאַרטראַכט. מעגלעך, געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן.

— נו, טוט זיך איבער, איך וועל אַרויסגיין. אָף דער קאַנאַפּע ליגט אַלץ. און אַ האַנטעך אויך... — זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַראָפּגעלאָזט דאָס פאָרהענגל און אַרויס אין קיך.

אַלעקסיי האָט מיט מאַטערניש אַראָפּגעשלעפּט פון זיך די דורכגעווייקטע זאַכן, וואָס זײַנען צוגעקלעפּט געווען צום לײַב, זיך גוט אויסגעווישט מיטן האַנטעך און מיט פאַרגעניגן אָנגעטאָן דאָס טרוקענע גרעט.

זײַנע נאַסע זאַכן האָט ער אוועקגעלייגט אין ווינקל אָף דער טאַבורעטקע, די שיך איבערגעקערט מיט די פּאָדעשוועס אַרוף און אוועקגעשטעלט טריקענען. נאָכדעם האָט ער אַרופגעצויגן אָף זיך די כאַקי־הויזן און די גימנאַסטיאָרקע, זיך צוגערוקט מיטן בענקל צו דער וואַנט, וואָס האָט זיך אָנגעוואַרעמט פון דער קיך־פּליטע, צוגעשפּאַרט זיך מיט דער פּלייצע, צוגעמאַכט די אויגן און באַלד אָנגעהויבן

דרעמלען. אָן אָפּגעשוואַכטער, האָט ער זיך אַ וויִג געטאָן, און דער קאָפּ איז שווער אַראָפּגעפאַלן אַף דער ברוסט.

— איר ווילט שלאָפן, איר זײַט מיד, — האָט די אַרײַנגעקומענע באַלעבאָסטע געזאָגט מיט מיטגעפיל און אָוועקגעשטעלט אַפן טיש אַ פּלאַטשיקן טעלער מיט הייסע צעריבענע קאַרטאָפּל, פון וועלכער ס'האָט צוזאַמען מיט דער לײַכטער פּאַרע געזעצט אַ געשמאַק גערוך פון איבערגעפּרעגלטער ציבעלע. — עסט. איך האָב קיין סאַך ניט געגעבן. מע טאָר ניט מיטאַמאָל... נאָר דאָס עסט אויף אינגאַנצן, דערנאָך וועט איר זיך צולייגן אָפּרוען.

— ניין, מע דאַרף ניט... איר האָט שוין זיך אַזוי אויך גענוג פאַרנומען מיט מיר...

— דאָס איז נאָך צו דערלײַדן... — האָט זי שטיל באַמערקט. זי האָט גענומען פון פאַרבעטן בעט דעם אייבערשטן קישן אין אַ ראָז ציכל און אַוועקגעלייגט אַף דער קאַנאַפּע.

אָפּגעגעסן און אויסגעטרונקען אַ גלאָז הייסע שטאַרקע טיי, האָט אַלעקסיי נאָך מער דערפילט די מידקײַט. ער האָט ניט געהאַט קיין קויעך זיך אָפּזאָגן און זיך געלייגט אַף דער קאַנאַפּע, צוגעדעקט מיט דעם לײַלעך, וואָס די באַלעבאָסטע האָט אים געגעבן, און טייקעף אײַנגעשלאָפן.

די באַלעבאָסטע האָט גענומען אַלעקסייס נאַסן אָנטאָן און איז אַף די שפּיץ פינגער אַרויס אין קיך. אָנגעגאָסן וואַסער אין אַ הילצערנער מולטער, האָט זי געשטעלט זיך וואַשן.

איבערקערנדיק דאָס העמד אַף דער רעכטער זײַט, האָט זי באַמערקט אַ קאַזיאָנעם אָפּגעריבענעם שטעמפּל. נאָר מע האָט נאָך געקענט פאַנאַנדערקלײַבן די בוכשטאַבן ИТЛ[1].

קאַפּיטל זיבן

אויפגעכאַפּט זיך האָט אַלעקסיי שוין שפּעט אין אָוונט. דאָס קליינע צימער איז געווען בלאָס באַלויכטן פון דער פולער לעוואָנע, וואָס האָט אַרײַנגעקוקט דורכן פענצטער. ס'איז געווען זייער שטיל. ער האָט דערפילט, אַז ער איז אין צימער איינער אַליין. נאָר באַלד האָבן זיך הינטערן פענצטער דערהערט לײַכטע טריט. דאָס איז געגאַנגען די באַלעבאָסטע. אין אַ ווײַלע אַרום איז זי פאָרזיכטיק, ווי זי וואָלט זיך געהיט ניט אויפצוּוועקן אים, אַרײַן אין צימער און געבליבן שטיין לעבן טיר.

— איר שלאָפט נאָך? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— ניין, ניין, — האָט אַלעקסיי זיך אויפגעזעצט.

— נו, ווי פילט איר זיך? אָפּגערוט אַ ביסל?..

[1] Исправительно-трудовой лагерь — אַרבעטס־לאַגער פאַר אַרעסטירטע.

— אויסגעצייכנט. א גרויסן דאנק אײַך. איר האָט מיך פּאַשעט גערַאטעוועט. ס׳איז שוין, קאָנטיק, ניט פרי. וויפל קאָן זײַן דער זייגער?

— באַלד צען. איר זײַט אָפּגעשלאָפן עלף שאָ. איך האָב זיך שוין געײַלט... געווען אַף דער מיל... איר קערט דאָך זײַן הונגעריק... אָט וועל איך נאָר אָנצינדן דאָס לעמפל און געבן אײַך עפּעס עסן...

זי האָט אָנגעצונדן דאָס קליינע נאַפט־לעמפל. פאַרהאַנגען דאָס איינציקע פענצ־טער מיט א טונקעלער בײַקאָווער קאָלדרע, האָט זי דערנאָך ארויסגעדרייט דעם קנויט פונעם לעמפל.

אינעם צימער איז געוואָרן ליכטיקער. אַלעקסיי האָט ערשט איצט, קומענדיק צו־זיך נאָכן שלאָף, דערזען, אַז די באַלעבאָסטע איז א יונגע און שיינע פרוי, ניט קיין הויכע, די קופּער־רויטע האָר קורץ אונטערגעשאָרן אַפן שטאָטישן מאניר. ער האָט באַמערקט איר הויכן, ווײַסן האַלדז, די גרויסע טרויעריקע שווארצע אויגן.

דערפון, וואָס זיי זײַנען דאָ געווען זאַלבעצווייט אינעם באַנאַכטיקן צימערל מיט דעם איינציקן פאַרהאַנגענעם פענצטער, ער און זי, מער קיינער ניט, האָט בא אַלעקסייען א טיאָכקע געטאָן דאָס הארץ. שוין פיר יאָר, ווי ער האָט קיין פרוי ניט געזען.

ער האָט געוואָלט, נאָר ניט געקאָנט אָפּווענדן דעם בליק פון דער באַלעבאָסטע. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי האָט עס באַמערקט: ווען זי איז דורכגעגאַנגען פאַרבײַ אים, צו דער שאפע, האָט זי פאַרשנעלערט דעם טראָט און, דוכט זיך, אומצו־פרידן א קוק געטאָן אַף אים.

אַלעקסיי האָט זיך דערפילט שולדיק און א טראַכט געטאָן, אַז זי וויל אוואדע, ער זאָל שוין אוועקגיין. זי זאָגט עס אים ניט דערפאַר, ווײַל ס׳איז איר ניט באַק־וועם. ער דארף עס אַליין פאַרשטיין. זי איז דאָך דאָ איינע אַליין... ס׳איז א פּיצינק דערפל... מע וועט זי נאָך באַריידן.

ער האָט זיך האַסטיק אופגעהויבן פון דער קאַנאַפּע.

— נו, איכ׳ל גיין, — האָט ער זיך אָנגערופן צו דער באַלעבאָסטע, וואָס האָט גענומען גרייטן צום טיש.

זי איז געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און פאַרכידעשט אים אָנגעקוקט.

— וווּהין וועט איר גיין באַנאַכט?

— איך וועל אײַך זאָגן דעם עמעס, — האָט ער א קוק געטאָן איר גלײַך אין די אויגן, — איך וויל אײַך מער ניט מאכן ענג...

— נישקאָשע... אָן סאַקאָנעס. איר וועט איבערנעכטיקן, — האָט זי רויק געזאָגט און איז ארויס אין קיך.

אַלעקסיי האָט זיך צוריק אוועקגעזעצט אַף דער קאַנאַפּע. פונעם געדאַנק, אַז ער פאַרבלײַבט מיט דער פרוי אַף נאַכט אין איין צימער, האָט אים פאַרכאַפּט דער אָטעם. ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט, זי זאָל צוריק ארײַן, ער זאָל זי זען, ער זאָל זי הערן, ער זאָל פילן, אַז זי איז דאָ...

באַלד איז זי ארײַן, טראָגנדיק א טעלער זופּ און עטלעכע סוכארעס.

— עסט, — האָט זי געזאָגט און זיך צוגעזעצט דערבײַ אױף א בענקל.

— און איר?

— איך האָב שוין געגעסן.

ער האָט ניט געקאָנט אראָפּנעמען פון איר די אויגן. ער האָט אַליין ניט געוווּסט וואָס, נאָר עפּעס אין איר האָט אים באַזונדערס גערירט, צי דער שמייכל, דורך וועלכן עס האָט דורכגעלויכטן א ווייטעק, צי איר רויִקייַט.

„דיר טאָר אפילו ניט קומען קיין שלעכטער געדאַנק וועגן איר, — האָט ער זיך געזאָגט, — טאָרסט אפילו ניט קלערן, אז וויבאַלד זי האָט דיך איבערגעלאָזט בעכ־טיקן, איז זי עפּעס אויסן דערמיט. זי איז פּאָשעט זייער א גוטע פרוי... זײַ א מענטש... קוק ניט אזוי אויף איר, זי פילט דאָך, אז דו קוקסט די גאַנצע צײַט"...

ער האָט זיך געסטאַרעט באַהערשן און געגומען זיך פּאַנאַנדערפרעגן בא איר וועגן דער מילכאָמע, וועגן די לעצטע סוואָדקעס. ער האָט דאָך גאָרנישט ניט גע־ווּסט, אויסער די עטלעכע ווערטער, וואָס ער האָט צופעליק געהערט, בעשאַס מע האָט אים געפירט קיין מינסק.

— דערציילט, דערציילט... — האָט ער זי געבעטן. ער האָט מוירע געהאַט, אז זי וועט זיך אופהייבן און ווידער אוועקגיין אין קיך. אים האָט זיך זייער געוואָלט, אז זי זאָל זיצן אָט אזוי, ווי זי זיצט איצט אַנטקעגן אים, ער זאָל קאָנען קוקן אויף איר, זען אירע שווארצע טרויעריקע אויגן, שפּירן די פרישקייט אירע, הערן, ווי זי אָטעמט...

— נו, דערציילט, — האָט ער זיך צוגערוקט עטוואָס נעענטער צו איר.

— וואָס קאָן איך דערציילן? — אירע קלײנע פולבלעכע ליפּן האָבן ביטער זיך א בראָך געטאָן. — וואָס ווייסן מיר דאָ, מיר לעבן דאָך ווי אױף אן אינדזל, שוין אכט טעג, ווי עס זײַנען קיין צײַטונגען ניט אָנגעקומען. דער כוטאָר ליגט דאָך דרײַ און פופציק קילאָמעטער פון דער אײַזנבאַן, אינמיטן וואַלד און ווײַט פונעם שליאַך...

— און אן אלטע צײַטונג?.. — האָט ער זייער שטיל א פרעג געטאָן. — עפּשער האָט זיך פארהיט?

— אוועקגעגעבן די בעזשענצעס. אױף רייכערן האָבן זיי געבעטן. נעכטן, ווען זיי זײַנען פארבײַגעגאַנגען... צו אָרשע־צו.

— אין אָרשע זײַנען אונדזערע?

— אזוי האָבן זיי געזאָגט.

אלעקסיי האָט א פיר געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט באַדויערט, וואָס ער האָט זיך מיט זיי ניט געטראָפן, און, א טראַכט געבנדיק וועגן דעם ווײַטערדיקן וועג, וואָס אים שטייט פאָר, האָט ער א פרעג געטאָן:

— וויפל איז פונדאַנען ביז אָרשע?

— מיטן שליאַך, דוכט זיך, הונדערט מיט צוואַנציק.

— און א נעענטערער וועג? מיטן וואַלד? — ער האָט מיט אלע קויכעס זיך גע־סטאַרעט ריידן רויִק.

— דאָס ווייס איך ניט.

— וואָסי, איר זײַט ניט קיין היגע?

— ניין, — האָט זי, פאַרטראַכטנדיק זיך, געזאָגט, — איך וווין דאָ ניט לאַנג... קיין האַלב יאָר ניטאָ.

— און פריִער? — ער האָט געפילט, אַז נאָך אַ רעגע, און ער וועט ניט אויס־האַלטן און זיך צורירן צו איר האַנט.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, ווי געקווענקלט זיך, צי זאָל זי פאַרזעצן מיט אים אָט דאָס געשפּרעך.

— אין מינסק... עפּשער וועט איר עסן נאָך עפּעס? — האָט זי מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן.

— אַ דאַנק. ווי זשע קומט איר אַהער?.. וואָס טוט איר דאָ?

— וואָס איך טו דאָ?.. — האָט זי מיט אַ געפּאַלענער שטים איבערגעכאַזערט, און אין אירע אויגן האָבן זיך מיטאַמאָל געשטעלט טרערן. זי איז גיך אופגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום פאַרהאַנגענעם פענצטער און געבליבן שטיין.

זי האָט זיך אַ רעגע פאַרטראַכט. אין קאָפּ זײַנען אַנטשטאַנען מעטושטעשע גע־דאַנקען וועגן דעם אומבאַקאַנטן. ווער איז ער? און זי האָט אַ פרעג געטאָן:

— איך ווייס דאָך אַפילע ניט, ווי איר הייסט? ווער איז זײַט?

— אָרעשין, אַלעקסיי איוואַנאָוויטש, הייס איך. אַן אינזשעניער, אַן אוויִא־קאָנ־סטרוקטאָר.

איצט האָט זי זיך פּלוצעם דערמאָנט אָן דעם שטעמפּל אפן גרעט, דער בליק איז געפאַלן אף זײַנע גראָבע, שווערע שיך אין ווינקל, און איר איז אַלץ קלאָר געוואָרן.

— און מיך רופט מען ליובאָוו מיכײַלאָווגאַ, — האָט זי שטיל געזאָגט. מיטאַמאָל, ווי זי וואָלט עפּעס באַשלאָסן, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פּאָנעם, צוגע־גאַנגען און זיך געזעצט צוריק אפן בענקל.

— איר האָט געפרעגט, ווי קום איך אַהער? גוט, איך קאָן אײַך דערציילן.

ער איז מער ניט בעיעכוילעס געווען בײַקומען זיך. ער האָט זיך אָנגעבויגן צו איר און לײַכט אָנגערירט איר האַנט.

זי איז געווען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז זי האָט עס אַפילע ניט באַמערקט.

— אָט זיצט אַנטקעגן אײַך אַ פרוי, און איר שטעלט זיך אַפילע ניט פאָר, ווי אומגליקלעך זי איז, — האָט זי פאַרטראַכט געזאָגט. — פאַראַן פאַרשיידענע אומגליקן אף דער וועלט... עס גייט איצט אַ מילכאָמע. מענטשן ווערן דערהאַרגעט... נאָר מיט מײַן מאַן... ניין, ניין, ערגערס קאָן ניט זײַן... אַן אומשולדיקן... אַן ערלעכן און איבערגעגעבענעם...

אַלעקסיי איז געבליבן דערשטוינט. ער האָט אַ פאַרשעמטער צוגענומען זײַן האַנט.

— ווען? — האָט ער, פול מיט מיטלײַד צו איר, געפרעגט.

— אין זיבן־און־דרײַסיקסטן... איר זײַט ניט קיין מינסקער. אין מינסק האָבן אַלע אים געקענט. געווען סעקרעטאַר פון שטאָטישן קאָמיטעט פון פּאַרטיי... און

אָט אין איינער א נאכט... — זי האָט זיך ארומגעכאַפּט מיט די הענט, ווי זי וואָלט וועלן אײַנהאַלטן דעם ציטער, וואָס איז איר אדורך איבערן לײַב. — אין איינער א נאכט האָט מען אָנגעקלאַפּט...

מיט א פאַרטײַעטן אָטעם האָט אַלעקסיי זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס זי האָט ווײַטער דערציילט, און פאַר אים איז אופגעשווומען דאָס בילד, ווי מע איז געקומען נאָך אים...

— ווען זיי האָבן אים שוין אוועקגעפירט, — די פרוי האָט מיט א טיכעלע זיך אויסגעווישט די פײַכט געוואָרענע אויגן, — האָט ער פון דער שוועל זיך אומגעקוקט צו מיר, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר זיי האָבן אים ארויסגעשטופּט און פאַרהאַקט נאָך זיך די טיר. בא מיר האָבן זיך אונטערגעשניטן די פיס, און איך בין אומגעפאַלן אף די ביכער, וואָס זײַנען געווען צעוואָרפן אפן דיל. זײַן אַלטע מאמע האָט מיך אָפּגעמינטערט, איך בין ארויסגעלאָפן אין דרויסן, געהאָפּט כאָטש נאָך איין מאָל א קוק טאָן אף אים, נאָר ער איז שוין ניט געווען...

זי האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז אנשוויגן געוואָרן.

— מער האָט איר אים טאקע ניט געזען? — האָט אַלעקסיי מיט א פאַרשטיקטער שטים א פרעג געטאָן.

— אין א פּאָר כאַדאָשים ארום האָט מיר עמעצער געזאָגט, אז עס גרייט זיך אן עטאַפּ. איך בין אוועקגעלאָפן אף דער סטאַנציע. א גאַנצע נאכט געשטאַנען אף דער פּלאַטפאָרמע. ס'איז געווען א שטאַרקער פראָסט. איך בין פאַרקאַליעט געוואָרן. געוואַרט. עפשער וועל איך אים כאָטש פונדערווײַטן זען. נאָר קיין עטאַפּ איז ניט געווען... אין עטלעכע טעג ארום איז געשטאָרבן זײַן אַלטע מאמע. איך בין איינמאָל געקומען אהיים און געטראָפן זי ליגן א טויטע אף דער ערד. פון דעם טאָג, ווען מע האָט אים גענומען, איז זי געשלאָפן אף נאַקעטע ברעטער און זיך געשפּײַזט מיט טרוקענעם ברויט. „אָט אזוי ווי ער לעבט דאָרט, וועל איך לעבן דאָ“, — האָט זי געזאָגט, און איז אויסגעגאַנגען ווי א ליכט. איך בין פאַרבליבן אַליין. אינגאַנצן אַליין. אָן קיינעם. אונדזערע פרײַנט און באַקאַנטע האָבן געווײַכט פון מיר. די, וועלכע פלעגן מיך פריִער באַגעגענען מיט א ליב שמייכעלע, האָבן זיך געמאַכט, אז זיי קענען מיך ניט. איך האָב צו זיי קיין טײַנעס ניט. מיר האָט זיך געדוכט, אז אַלע קוקן אף מיר מיט פאַראַכטונג.

„עלקע קער אויך זײַן אָט אזוי עלנט“, — האָט אַלעקסיי מיט ווייטעק א טראַכט געטאָן.

— אז די מאמע איז געשטאָרבן, — האָט די פרוי פאָרגעזעצט, — האָט מען מיר איבערגעלאָזט איין צימערל. אין די איבעריקע צימערן האָבן זיך ארײַנגעקליבן שכיינים, שלעכטע מענטשן, ספּעקוליאַנטן. אין דעם צימער, פונוואַנען מע האָט צוגענומען דעם מאַן, איז קימאַט אַלע נאכט בא זיי געווען הוליאַנקעס. מע האָט דאָרט געטאַנצט, געהוליעט, געפרייט זיך, און בא מיר האָט גערונען בלוט פון הארצן.

אָט אַזוי איז אַדורך אַ יאָר, און נאָך אַ יאָר, און נאָך אַ יאָר... וועגן אים האָב איך גאָרנישט ניט געוווּסט. קיין שום האָפענונג אַפילע. איר, קאָן זײַן, ווערט עס פאַרשטיין... ס׳איז געקומען אַ טאָג, ווען עס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַזאַ פאַרצווייפלונג, כאָטש הענג זיך, טרינק זיך, טו זיך אָן אַ מיסע־מעשונע. איך בין אַרויסגעלאָפן פון שטוב און זיך געלאָזט גיין, וווּהין די אויגן טראָגן. ס׳האָט געשאָטן אַ שניי, כ׳האָב זיך אויסגעגליטשט און בין אומגעפאַלן. עס איז צוגעקומען אַן אומבאַקאַנטער מאַנצביל, האָט מיך אויפגעהויבן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר אַזוי, ווי ער וואָלט געוווּסט, ווער איך בין. ס׳האָט מיך גערירט זײַן מענטשלעכע באַציִונג. אַז ער האָט אָנגעהויבן ריידן צו מיר, האָב איך אים געענטפערט...

בײַ אַלעקסייען האָט אַ ציטער געטאָן דאָס האַרץ, עפּעס האָט אים באַאומרויִקט. וואָס — האָט ער אַליין ניט געוווּסט.

די באַלעבאָסטע האָט ניט באַמערקט, אַז אַלעקסיי האָט זיך געענדערט אין פּנים, זי איז געווען איצט אינגאַנצן פאַרנומען מיט זיך.

— מיר זײַנען אַוועק... מיר זײַנען לאַנג געגאַנגען, — האָט זי פאָרגעזעצט, — און ס׳איז מיר געוואָרן עפּעס לײַכטער אויף דער נשמה. קיין זאַך דערמוטיקט ניט אַזוי אַ מענטשן, ווי אַ גוט וואָרט... בײַם געזעגענען זיך האָט ער געבעטן, מיר זאָלן זיך באַגעגענען, איך האָב געזאָגט „ניין“, און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט וואַרטן אויף מיר...

אַלעקסיי האָט דערפילט, אַז דאָס בלוט ווערט פאַרקילט אין אים.

— די גאַנצע נאַכט בין איך ניט געשלאָפן, — האָט זי, ווי איבערלעבנדיק אַלץ אָפּסנײַ, געזאָגט, — איך האָב זיך געמאַטערט, געזידלט זיך אַליין און זיך אַליין פאַרטיידיקט, און ווידער זיך געזידלט. „ניין, וועסט ניט גיין“, — האָב איך זיך געזאָגט. „וועסט ניט גיין“, — האָב איך זיך געבעטן בײַ זיך. „ווי קאָנסטו גאָר טראַכטן וועגן דעם!“ — כ׳האָב אָבער געפילט, אַז עס וועט מיר גאָרנישט ניט העלפן, איך קאָן מער ניט זײַן אַליין. כ׳האָב געדאַרפט, אַז עמעצער זאָל מיר מיטפילן, זאָל זיך באַציִען צו מיר ווי צו אַ מענטשן...

אַלעקסיי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט אַזעלכע אויגן, ווי ער וואָלט געבעטן בײַ איר רחמים, זי זאָל ניט גיין. איר מאַן איז אַוודאי אויף קאָלימאַ אָדער אין נאָרילסק, שלעפּט דאָרט שטיינער. ווי זשע קאָן זי גאָר אַפילע טראַכטן גיין זיך באַגעגענען מיט אַן אַנדערן!

— און... איך בין אויף מאָרגן אין אָוונט אַוועק, — האָט זי, ווי בײַקומענדיק עפּעס אין זיך, געזאָגט, — איך בין אַוועק אַהין, וווּ ער האָט געוואַרט אויף מיר... כ׳בין געגאַנגען, און ס׳האָט געברענט די ערד אונטער מײַנע פיס. כ׳האָב זיך געפילט אַזוי, ווי איך וואָלט זיך געקליבן באַגיין אַ פאַרברעכן. נאָר וואָס פאַר אַ פאַרברעכן בין איך באַגאַנגען, זאָגט? כ׳האָב דאָך פאַר די דרײַ יאָר, זינט מע האָט צוגענומען דעם מאַן, קיין איין בריוו ניט באַקומען. כ׳האָב דאָך שוין געוווּסט, אַז פון „דאָרט“ קערט מען זיך ניט אום. וואָס זשע האָב איך געזאָלט טאָן? נו, זאָגט, — האָט זי זיך ווי פאַרענטפערט. — איך האָב מער ניט געקאָנט זײַן אַליין. אומעטום און שטענדיק

איינע אליין. און איך האָב אָנגעהויבן זיך באַגעגענען מיט אים... ער האָט אלץ געוווּסט וועגן מיר... ס'איז זייער א ווילער מענטש. ער איז עלנט, ווי איך. די פֿרוי זײַנע איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן. אין מינסק איז ער געווען אף קורסן פֿון מעכאניקער, און ער...

יעדעס מאָל, וואָס זי האָט ארויסגעבראכט דאָס וואָרט „ער", איז בא אלעקסייען פֿארלאָפֿן געוואָרן דאָס הארץ מיט בלוט. ער האָט ניט געקאָנט הערן, ווי „ער" פֿלעגט ווארטן אף איר, ווי „ער" האָט איר פֿאָרגעלייגט כאסענע האָבן, ווי „ער" האָט זי געזשאלעוועט...

אלעקסייען האָט זיך געוואָלט, אז עפּעס זאָל געשען און זי זאָל אופהערן דערציילן, ווײַל אָט־אָט רײַסט זיך אָפּ בא אים אין הארצן. און זי האָט אלץ גערעדט, ווי זי וואָלט זיך אויסגעטײַנעט מיט זיך אליין...

— איר האָט געפֿרעגט, ווי קום איך אהער... וואָס טו איך דאָ... — די ליפּן האָבן בא איר ווידער א בראָך געטאָן זיך אין א ווייטעקדיקן שמייכל, וואָס האָט באשײַנט איר פּאָנעם. — אָט וויאַזוי... שוין באלד א האלב יאָר, ווי איך בין מיט אים... אף מילכאָמע האָט מען אים ניט גענומען. ער האָט א שוואכע ריָע, און די יאָרן... ער איז הײַנט פּונקט אף צוויי סמענעס. אין מעכאניקער פֿון דער מיל האָט מען מאָביליזירט, פֿארבײַט ער אים... אינדערפֿרי וועט ער קומען, וועט איר זיך באקאנען מיט אים...

אלעקסיי האָט זיך מיטאמאָל אופגעהויבן. ער האָט זיך געפֿילט טיף באליידיקט. אָן אָנגעכמורעטער איז ער מיט שווערע טריט זיך דורכגעגאנגען איבערן ענגן צימער און, ניט זאָגנדיק איר קיין איין וואָרט, זיך געלייגט אף דער קאנאפּע, זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו דער וואנט. ער איז געווען אין אזא צושטאנד, אז ער האָט אפֿילע ניט פֿארשטאנען, וואָס ער טוט. אפֿן הארצן איז אים געווען זייער שווער, עפּעס האָט אים געטאָטשעט. ער האָט ניט געוואָלט איצט טראכטן וועגן עלקען. נאָר ס'האָט זיך געטראכט.

„וואָס איז איר אויסגעקומען פֿאר אָט די יאָרן אויסצושטיין..."

באנאכט האָט אלעקסיי זיך אופגעכאפּט. אין קיך האָט שטיל געוויינט די באלעבאָסטע. מיט א שווער געמיט האָט ער זיך אופגעזעצט. ער האָט געפֿילט, אז זײַן כויוו איז באַרויִקן זי, נאָר ער איז ניט בעיעכוילעס געווען עס צו טאָן. ער האָט אי ראכמאָנעס געהאט אף איר, געזשאלעוועט און גלײַכצײַטיק פֿאראכטעט. זאָל זי וויינען. פֿאראן אזוינס, וואָס עס איז אומעגלעך, אפֿילע באַם בעסטן ווילן, צו באַרעכטיקן, מויכל זײַן. קיינמאָל ניט. און קיינעם ניט. ער האָט זיך צוריק געלייגט און זיך געסטארעט ניט צוהערן צו איר פֿארשטיקט געוויין. אים האָט זיך געוואָלט, אז עס זאָל שוין וואָס גיכער אָנהייבן טאָגן, ער זאָל קאָנען אוועקגיין פֿונדאנען, ניט זען זי מער, פֿארגעסן אָן איר, ניט טראכטן וועגן דעם...

ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן שאַריִען, האָט אלעקסיי זיך אופגעכאפּט. די באלעבאָסטע איז אין שטוב ניט געווען, און ער איז געווען צופֿרידן דערמיט. ער האָט א טראכט געטאָן, אז מע דארף איר אומקערן דאָס, וואָס זי האָט אים געגעבן אף

איבערטאָן זיך. ער האָט אַ זוך געטאָן זײַנע זאַכן, ניט געפונען. קעדיי זיך ניט פאַר־האַלטן אַפּילו אויף אַ רעגע, — ער האָט ניט געוואָלט זען זי און דעריקער „אים", וועלכער האָט געקאָנט באַלד אָנקומען, — איז ער אַוועק אַזוי ווי ער איז געווען אָנגעטאָן.

ער איז דורכגעגאַנגען די גערטענער, וועלכע זײַנען נאָך באַדעקט געווען מיט אַ ווײַסן פּאַרטאָגיקן נעפּל, און אַרײַן אין עקסטן שטיבל אַ פרעג טאָן, ווי בעסער דערקלײַבן זיך מיטן וואַלד קיין אָרשע.

די באַלעבאָסטע, אַ נידעריטשקע אַלטינקע פּויערטע, האָט אים דערקלערט. באַ־מערקט, אַז ער האָט מיט זיך גאָרניט, האָט זי אים מיטגעגעבן ברויט און נאָך עפּעס צום עסן אויפן וועג.

באַם אַוועקגיין האָט אַלעקסיי מיטאַמאָל דערזען אויפן פענצטער אַ שטיק צײַטונג, מיט וועלכן עס איז געווען איבערגעדעקט אַן עמער מיט וואַסער. ער האָט זיך דער־פרייט מיט איר, און די באַלעבאָסטע האָט זי אים אַוועקגעגעבן. די צײַטונג איז געווען שוין אַן אַלטע, אין אייניקע ערטער פאַרסמאַליעט און אויסגעריבן, דאָך האָט אַלעקסייען זיך אײַנגעגעבן איבערצולייענען אַ טייל פון דער סוואָדקע פאַרן 25 יוני. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דער סוינע זעצט פאָר דעם אָנגריף אויף שאַוולער, גראָדנע—וואָלקאָוויסקער, קאָברינער, וולאַדימיר־וואָלינסקער און בראָדער ריכטונ־גען... „דאָס איז געווען מיט אַכט טעג צוריק. און וואָס טוט זיך איצט?.."

ווען אַלעקסיי איז געווען שוין נאָענט פון וואַלד, האָט ער זיך עטוואָס פאַרהאַלטן און זיך אומגעקוקט אויף דעם קליינעם אָפּגעזונדערטן שטיבל, וווּ ער האָט גענעכ־טיקט, און ס'האָט אים ווידער אַ טיאָכקע געטאָן דאָס האַרץ. ער איז אַוועק גיכער און באַלד פאַרשוווּנדן אין וואַלד...

קאַפּיטל אַכט

אויפן דריטן טאָג האָט אַלעקסיי זיך באַגעגנט אין וואַלד מיט עטלעכע רויטאַר־מייער, וועלכע זײַנען געגאַנגען אויף מיזרעך. ער איז אַוועק צוזאַמען מיט זיי.

וואָס ווײַטער זיי זײַנען געגאַנגען, אַלץ מער האָט זיך געפילט די נאָענטקייט פונעם פראָנט.

פאַרטאָג זײַנען זיי אַרויס פון וואַלד און מיט דעם קאָרן־פעלד זיך דערקליבן צו דער פאַרטיידיקונגס־ליניע, וועלכע האָט זיך געצויגן צאָפן־מײַרעווודיקער פון אָרשע.

נאָך דער רעגיסטראַציע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין אַ דערבײַיִקן דערפל, האָט מען אַלעקסייען צוזאַמען מיט די איבעריקע פאַרעכנט אין ערשטן וווזוואָד.

פאַרנאַכט זײַנען זיי שוין געווען אין די שוצגראָבנס אויף די פאָדערשטע פּאָ־זיציעס.

אַלעקסייען האָט זיך געוואָלט אָנשרײַבן עלקען, וואָס פריִער איר צו וויסן געבן וועגן זיך, ווי ער וואָלט מוירע האָבן עפּעס צו פאַרשפּעטיקן. קיין סאַך וועט ער

דערוויַיל ניט שרײַבן. נאָר עטלעכע ווערטער, ער ווייסט דאָך, אייגנטלעך, וועגן איר גאָרנישט ניט. עפּשער וואַרט זי שוין ניט אויף זײַנע בריוו. ער וועט אָנשרײַבן, אַז ער לעבט, אַז ער איז אויפֿן פֿראָנט, אָנווײַזן דעם נומער פֿון דער פֿעלד־פּאָטשט, — און גאָר... אַז ער וועט באַקומען אַן ענטפֿער פֿון איר, דעמלט... ניין, ער וועט נאָך צוּוואַרטן, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — נאָך דער ערשטער שלאַכט... דעמלט וועט ער אָנשרײַבן, דעמלט וועט ער זיך פֿילן פֿעסטער בײַ זיך, זיכערער.

אַלעקסיי האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין דער וואַנט פֿון דעם שוץ־גראָבן און צוגעמאַכט די אויגן. אין קאָפּ זײַנען אים געקראָכן פֿאַרשיידענע געדאַנקען. אָט האָט ער געזען פֿאַר זיך די „ווײַסע סאָפּקע", ער מיט דער „באָרד" שלעפּן דעם שליטן מיט שטיינער און דער ווינט שמײַסט מיט שניי אין פּנים אַרײַן; אָט — די פֿאַרגראַטעוועטע קאַמער אין „סטאַליפּין־וואַגאָן", דעם בלאָנדן רויט־אַרמייער; אָט — דעם אויספּאַרשער אין מינסקער טורמע; אָט — דעם מאָהילעווער שליאַך און דעם דײַטשישן אַעראָפּלאַן איבער דער קאָלאָנע; אָט — די פֿרוי פֿונעם געוועזענעם סעקרעטאַר פֿון מינסקער שטאָטקאָם פֿון פּאַרטיי און דאָס אײנזאַמע שטיבל אין דעם פֿאַרוואָרפֿענעם קליינעם כוטאָר. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער הערט נאָך אַלץ, ווי זי ווײַנט דאָרט אין קיך, און ער האָט צעשפּיליעט דעם קאָלנער פֿון דער גימנאַסטיאָרקע, וועלכע זי האָט אים געגעבן. אים האָט זיך געוואָלט איצט אײנס — אַ שלאַכט, אַ שטורמישע, אַ פֿאַרביסענע שלאַכט, אַ שלאַכט, אין וועלכער ער זאָל קאָנען אויסלאָדן אַלץ, וואָס אין אים האָט זיך אָנגעזאַמלט: דעם פֿאַרדראָס, דעם ווייטעק, דעם ווילן צו זײַן אַ גלײַכער צווישן גלײַכע. אין הינטערבאַוווּסטזײַן איז, מעגלעך, געווען דער פֿאַרלאַנג צו פֿאַרגעסן זיך, פֿאַרגעסן אין אַלץ, וואָס האָט, ווי אַ שאָטן, אים פֿאַרפֿאָלגט.

„יאָ, נאָך דער ערשטער שלאַכט וועל איך איר אָנשרײַבן", — האָט ער ווידער אַ טראַכט געטאָן וועגן עלקען און זיך אפֿילו פֿאָרגעשטעלט, ווי זי וועט זיך פֿאַרווּנדערן, ווען זי וועט אומגעריכט באַקומען אַ בריוו פֿון אים און זיך דערוויסן, אַז ער איז אויפֿן פֿראָנט.

ער האָט בעשום־אופֿן, אין קיין פֿאַל ניט געוואָלט עלקען אין עפּעס כוישעד זײַן. נאָר ביטערע ספֿייקעס האָבן זיך אָנגעהויבן פֿאַרגאַנווענען אין האַרצן. ער האָט ניט געוואָלט זיך צוהערן צו זיי, געטריבן זיי פֿון זיך. ער האָט צו גוט געקענט עלקען. ניין, עלקע וואַרט אויף אים... יאָ, אָבער די פֿרוי פֿון כוטאָר האָט דאָך אויך ליב געהאַט איר מאַן און האָט אים ביז איצט ליב, און דאָך...

„נו, גענוג, גענוג", — איז ער אין קאַס געוואָרן אויף זיך אַליין.

אין שוצגראָבן איז געווען הייס און דושנע. די ערד, אַן אָנגעגליטע, האָט אַרויסגעאָטעמט איצט פֿון זיך די וואַרעמקײַט. אַלעקסיי האָט גענומען די ביקס, איז אַרויסגעקראָכן פֿונעם שוצגראָבן אויף דער פֿרישער לופֿט און זיך אויסגעצויגן אויפֿן גראָז.

עס האָט אים אפֿילו אויסגעזען מאָדנע. ערשט ניט לאַנג האָט מען אים געפֿירט אונטער דער ביקס, און אָט האַלט ער זי שוין אַליין, אין די אייגענע הענט.

ערגעץ גאָר נאָענט, איינגעהילט אין טונקלקייט, זיינען געלעגן צוויי רויטאַר־מייער. זיי זיינען אויך ניט געשלאָפן. אלעקסיי האָט געהערט, ווי זיי האָבן גערעדט צווישן זיך:

— וואָס איז פון אונדזער פאָלק, פון דער דיוויזיע פארבליבן?.. גאָרנישט מיט נישט. מע וועט אונדז דאָ ניט האַלטן.

— וואָס זשע?

— מע וועט אונדז אָפּפירן אין הינטערלאנד.

— פונוואַנען ווייסטו?

— אָט וועסטו זען...

אלעקסייען איז פון די רייד שווער געוואָרן. דאָס, וואָס מע קאָן זיי אָפּפירן אין הינטערלאנד אף איבערפאָרמירן זיך, איז אים געווען זייער ניט צום הארצן. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים אהין, ווו עס זיינען געלעגן די רויטאַרמייער, געוואָלט הערן, עפּשער וועלן זיי נאָך עפּעס זאָגן וועגן דעם. נאָר זיי האָבן שוין גערעדט וועגן גאָר עפּעס אנדערש. איינער האָט דערציילט, ווי ער האָט אין א דאָרף געגנעכטיקט בא א סאָלדאטקע, און דער צווייטער האָט שטיל געלאכט. אלעקסיי האָט זיך האַסטיק אָפּגעקערט.

„נייך, עס קאָן ניט זיין. ביז עס וועט ניט קומען א פרישער טייל אף פארבייטן, וועט מען אונדז פון די פאָדערשטע פּאָזיציעס ניט אראָפּנעמען".

די נאכט איז געווען א פינצטערע. די רויטאַרמייער זיינען געשלאָפן ווי גע־הארגעטע.

ווי ס'האָט נאָר אָנגעהויבן שאַריען, האָט מען לויט א קאָמאנדע דעם ווזוואָד אופּ־געהויבן. דער קאָמאנדיר, נאָך גאָר א יונגער לייטענאנט, ערשט ניט לאנג פון א מיליטער־שול, האָט געמאָלדן, אז דער ווזוואָד האָט באקומען א באפעל אום יעדער פּרייז פארנעמען דאָס כוטאָרל, וואָס געפינט זיך לעבן קרייץ־וועג, פיר הונדערט מעטער פונדאַנען. דער ווזוואָד דארף אומבאמערקט זיך באוועגן מיט דער פאר־וואַקסענער באלקע ביז דעם הילצערנעם בריקל. דאָרט עפּענען א פייער, אריינ־רייסן זיך פון דאָרעם־מייַרעוו אין כוטאָר און פארפעסטיקן זיך.

ארום איז געווען זייער שטיל. ס'האָט זיך אין ערגעץ ניט געהערט קיין איין שאָס. צובייגנדיק זיך צו דער ערד, האָט דער ווזוואָד אוועקגעפויזעט מיט דער באלקע. אלעקסיי האָט זיך געהאַלטן ניט ווייט פון דעם קאָמאנדיר, וועלכער האָט ניט לויטן אוסטאַוו געפויזעט צווישן די ערשטע. זיי זיינען שוין געווען לעבן בריקל. פונדאַנען איז פארבליבן ניט מער ווי הונדערט טריט ביזן כוטאָר, וואָס איז באשטאַנען איינ־גאנצן פון עטלעכע שטיבער.

— נאָך מיר! — דער קאָמאנדיר איז אופגעשפּרונגען און עטוואָס אָן איינגעבויי־גענער זיך געלאָזט לויפן פאָרויס. אין דער זעלבער רעגע זיינען אופגעשפּרונגען די רויטאַרמייער. פון כוטאָר האָט זיך דערהערט א ביקסן־שיסעריי. דער יונגער לייט־טענאנט מיטן פּיסטאָליעט אין דער פאָרהויבענער האַנט איז צוזאַמען מיט די רויט־

ארמייער געלאָפן ווײַטער. די שיסערײַ איז געוואָרן העפטיקער. ערגעץ האָט אָנגעהויבן שטעפן א קוילנוואַרפער. דער לייטענאנט איז געלאָפן נאָך עטלעכע טריט און מיטאמאָל, ווי ער וואָלט זיך פארטשעפעט אָן עפּעס, אומגעפאלן מיטן פּאָנעם צו דער ערד. איינס נאָך איינס זײַנען אומגעפאלן נאָך עטלעכע רויטארמייער. די איבעריקע האָבן זיך צוגעדריקט צו דער ערד. אייניקע האָבן אָנגעהויבן פּויזען אף צוריק. אלעקסיי האָט דערפילט, ווי א קויל האָט דורכגעפײַפט לעבן סאמע אויער. ער איז אויך צוגעפאלן צו דער ערד און אָנגעשטרענגט אײַנגעהערט זיך, צוגעקוקט זיך. אים איז קלאָר געוואָרן, אז דער קוילנוואַרפער באשיסט זיי פון רעכטס. יאָ, פון אָט יענעם הויז, וואָס שטייט אין א זײַט. אלעקסיי האָט מיטאמאָל זיך א ריס געטאָן פון אָרט. איבערן סאמע קאָפּ האָבן דורכגעפײַפט עטלעכע קוילן. ער האָט זיך אָנגעבויגן און צווישן די קוסטעס זיך געלאָזט אהין, ווו ס׳האָט זיך געפונען דער פארפעסטיקטער דײַטשישער פונקט. מיטאמאָל האָט אים עפּעס ווי א שטויס געטאָן און ער איז אומגעפאלן. ער האָט אָבער באלד פלינק זיך אופגעהויבן און אָפּגעלאָפן נאָך עטלעכע טריט. ער איז געווען שוין גאָר נאָענט פון דעם הויז, ווו עס האָט זיך געפונען דער קוילנוואַרפער. אלעקסיי האָט א ריס געטאָן די גראנאטע פון רימען און מיט אלע קויכעס זי א שלײַדער געטאָן אין פענצטער ארײַן. די ערד האָט א ציטער געטאָן פונעם אופרײַס. דאָס הילצערנע הויז האָט ארומגעכאפּט א פלאם, עס איז פארהילט געוואָרן אין א געדיכטן שווארצן רויך. דער קוילנוואַרפער איז אנשוויגן געוואָרן. פון דעם פלאקערנדיקן הויז איז ארויסגעשפרונגען מיט אן אווטאָמאט אין האנט א הויכער דארער היטלעריסט און זיך געלאָזט לויפן צו דער שכיינעסדיקער שטוב. אלעקסיי האָט פארביסן די ליפּן און אויסגעשאָסן. דער היטלעריסט האָט אומגעלומפּערט פארוואָרפן די הענט און איז אומגעפאלן אף דער פלייצע.

דער ווזוואָד איז אוועק אין אטאקע. אלעקסיי האָט געוואָלט זיך פארייניקן מיט אים, געמאכט עטלעכע טריט און ערשט איצט באמערקט, אז די גימנאסטיאָרקע און די הויזן זײַנען בא אים נאס פון בלוט.

נאָך א קורצער שלאכט האָט דער ווזוואָד פארנומען דעם כוטאָר. די רויטארמייער האָבן פארבײַגייענדיק מיט נײַגער באטראכט דעם טויטן דײַטש, וועלכער איז געלעגן מיטן פּאָנעם ארוף, די געקאָוועטע שטיוול אײַנגעגראָבן אין דער ערד. די קאסקע האָט זיך אראָפּגערוקט בא אים איבער די אויגן. עס האָט געשטארצט א שפּיציק־קלײַענדיקע נאָז. פון דעם האלב אָפענעם אויסגעקרימטן מויל האָבן ארויסגעקוקט גרויסע שיטערע ציין.

„אָט דאָס איז ער, דער „אומבאזיגבארער“ פאשיסט?..“

אין אָוונט האָט דער ווזוואָד באקומען א באפעל פארלאָזן דעם כוטאָר. דער פּאָלק איז אָפּגעטראָטן.

אלעקסייען, זייער א בלייכן, האָט מען געבראכט אין פעלד־שפּיטאָל. דער שפּיטאָל האָט זיך געפונען אין א שול־געבײַדע, אין א גרויס דאָרף אפן רעכטן ברעג דניעפּער.

אלעקסיי האָט פאַרלוירן אַ סאַך בלוט, נאָר די ווונדן זייַנען געווען ניט קיין געפערלעכע. מע האָט אים אוועקגעלייגט אין אַ גרעסערן „פּאַלאַטע“ אויף אונטערגעבעטער שטרוי.

אין דער „פּאַלאַטע“ האָט שאַרף געשמעקט מיט יאָד, מיט ספּירט און קאַלעראַי רעפּוסע, פון דעם ריח האָט בײַ אַלעקסייען זיך געדרייט דער קאָפּ.

אויף מאָרגן אינדערפרי, נאָכן פרישטיק, האָט דער סאַניטאַר געבראַכט אין דער „פּאַלאַטע“ עטלעכע צײַטונגען און צעטיילט צווישן די פאַרוווּנדעטע. אַלעקסייען האָט ער געגעבן די דיוויזיע־צײַטונג. יענער האָט איבערגעלייענט די ערשטע זײַט און דערוווּסט זיך ניט קיין פרײַלעכע נײַס — די שלאַכטן גייען שוין אויף אָסטראָווער, באָריסאָווער, באָברויסקער, נאָוואָגראַד־וואָלינסקער ריכטונגען. אויף דער צווייטער זײַט, סאַמע פון אויבן, האָט ער באַמערקט אַ נאָטיץ אונטערן קעפּל „העלדנטאַט פונעם רויטאַרמייער אַלעקסיי אָרעשין“. „וועגן מיר?“ מיט אַ שווער געפיל האָט ער איבערגעלייענט די נאָטיץ, אין וועלכער ס'איז געווען באַשריבן, ווי אין דעם סאַמע קריטישן מאָמענט בײַם אָנגרײַפן אויפן כוטאָר האָט דער רויטאַרמייער אַלעקסיי אָרעשין אַרויסגעוויזן איניציאַטיוו און געוואַגטקײַט, זיך דערקליבן אונטער אַ האָגל קוילן צום דעם סוינעס קוילנוואַרפער־נעסט, אויפגעריסן זי מיט אַ גראַנאַטע און געהאָלפן אַזוי־אַרום אויספילן מיט דערפאָלג די שלאַכט־אויפגאַבע.

„אָט האָסטו דיר... מע וועט עס איבערלייענען אין שטאַב, אין פּאָליט־אָפּטייל און מע וועט זיך אָנהייבן פאַנאַנדערפרעגן — ווער, וואָס, פונוואַנען...“

אַן אומצופרידענער האָט אַלעקסיי פאַרוקט די צײַטונג צוקאָפּנס. אים האָט זיך ניט געוואָלט, אַז מע זאָל זי זען. ער האָט זיך געפילט זייער אָפּגעשוואַכט, ס'האָט אים געשווינדלט אין קאָפּ, און ער האָט אײַנגעדרעמלט. ער איז געשלאָפן לאַנג. אויפגעכאַפּט האָט ער זיך מיט אַ פאַרשטיקט געשריי. ס'האָט זיך אים געכאָלעמט, אַז ער איז צוריק אויף דער „ווײַסער סאָפּקע“.

„ניין, ניין, ווי קומט ער צו זײַן אין לאַגער. ער איז דאָך געווען אין שלאַכט. ער איז דאָך פאַרוווּנדעט. ער ליגט דאָך אין פעלד־שפּיטאָל! אינגיכן, האָט געזאָגט דער דאָקטער, וועט ער זיך אומקערן צוריק אין טייל“. — אַלעקסיי האָט לײַכטער אָפּגעאָטעמט, און אים האָט זיך פאַרוואָלט שוין איצט, טייקעף אָנשרײַבן עלקען.

אַלעקסיי האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבן, געוואָלט בעטן בײַם סאַניטאַר, וואָס איז געזעסן אינמיטן „פּאַלאַטע“ בײַם טישל, אַ בלײַפעדער מיט אַ שטיקל פּאַפּיר. נאָר ס'האָט זיך געעפנט די טיר און אין „פּאַלאַטע“ זײַנען אַרײַן אַ הויכע פולבלעכע פרוי און אַ נידעריקער מאַנצבל. דער סאַניטאַר איז אויפגעשפּרונגען און זיך געלאָזט זיי אַנטקעגן. זיי האָבן אויסגעהערט זײַן ראַפּאָרט, און דער מאַנצבל האָט עפּעס אומצופרידן אַ בורטשע געטאָן.

דער סאַניטאַר איז אוועקגעלאָפן צום טישל, גענומען די פּאַפּירן, וואָס זײַנען דאָרט געלעגן, און אוועקגעײַלט צוריק צו זיי.

— ווער זײַנען עס? — האָט אַלעקסיי אַ פרעג געטאָן בײַ דעם פאַרוווּנדעטן פּיסאַר פונעם שטאַב, וואָס איז געלעגן רעכטס פון אים.

— זי איז נאַטשאַלניק פונעם שפּיטאָל... אַ זעלטענע פרוי... און יענער... דער מאַיאָר, איז דער אָסאָביסט, — האָט דער שאָכן שטיל געזאָגט, — אַ ביטערע ציבעלע... אַ וואָך, ווי ער איז אַראָפּגעקומען, און ניט איינעם שוין אָנגעזאָלצן...

אַלעקסיי האָט אַ קוק געטאָן אויפן מאַיאָר, וואָס האָט מיט לאַנגזאַמע טריט זיך דערנעענטערט צו דעם ווינקל, וווּ ער איז געלעגן, און איז מיטאַמאָל בלייך געוואָרן.

„דעריוגין?.. נו, יאָ... ער... זײַן געוועזענער־אויספאָרשער"...

קאַפּיטל נײַן

ס'איז שוין אַדורך העכער אַ וואָך, זינט עלקע איז געווען אויפן כוטאָר, און זעלדע האָט אַלץ ניט געקאָנט קומען צו־זיך.

אויפן שטערן האָבן זיך באַ איר באַוויזן נײַע קנייטשעלעך און די אויגן זײַנען געווען רויט און געשוואָלן פון וויינען דורך די נעכט.

פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט איז זי, ווי געוויינלעך, געווען אויף די פיס. ניט גרינג איז געווען אין דער היץ דרײַ מאָל אַ טאָג מעלקן די בעהיימעס אויף דער פערמע. און ווען זי האָט נאָר געהאַט פרײַע צײַט, האָט זי זיך געייסעקט אין שטוב, אויפן הויף, פאַרנומען זיך מיט די קינדער, וועלכע זײַנען פאַר אָט די טעג אינגאַנצן צעבאַלעוועט געוואָרן. זי האָט געקאָכט, געראַמט, געוואַשן. געטאָן האָט עס זעלדע גיך, פלינקער ווי שטענדיק, נאָר שווײַגנדיק, מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. מיט שעפּטלען האָט זי פאַר אָט דער צײַט ניט אויסגערעדט קיין וואָרט.

שעפּטל האָט פאַרשטאַנען, אַז ביז ער וועט איר ניט דערציילן, וועגן וואָס עלקע האָט גערעדט מיט אים, וועט זי זיך ניט באַרויִקן. נאָר ווי האָט ער עס געקאָנט טאָן? עלקע האָט דאָך אים געבעטן קיינעם וועגן גאָרנישט ניט זאָגן.

זעלדעס אויסזען האָט אים פאַרשאַפט האַרצווייטיק. ער האָט זיך געסטאַרעט וואָס ווייניקער זײַן אין דער היים. אוועקגיין אויף דער אַרבעט נאָך פריִער ווי געוויינלעך און אומקערן זיך גאָר שפּעט, ווען אַלע זײַנען שוין אין שטוב געשלאָפן.

פאַרטאָג פלעגט זעלדע צוגרייטן פאַר שעפּטלען דעם פרישטיק און גלײַך אוועקגיין אויף דער פערמע.

מיטיק עסן פלעגט שעפּטל אַהיים איצט ניט קומען. אַ שטאַרק פאַרברוינטער, אַ פאַרוואַקסענער, אַ פאַרפאַראַשעטער מיט שטויב און פאַלאָווע, האָט ער פאַרטראָגן אַרומגעפאָדעט איבערן ווייץ־פעלד, וווּ מע האָט געדראָשן די טוווע. ער האָט זיך געזאָרגט, אַז דער ווייץ זאָל זײַן ריין דורכגעווייעט, די סטערטעס ריכטיק געוואָרשעוועט, אַז דער מיטיק פאַר די קאָלווירטניקעס זאָל גרייט זײַן צו דער צײַט, אין דייזשקע זאָל שטענדיק זײַן פריש וואַסער צום טרינקען. און נאָך פיל אַנדערע זאָרג האָט ער דאָ, באַ זיך אין בריגאַדע, געהאַט, און, זײַענדיק פאַרטראָגן דערמיט, פאַרגעסן אַ ביסל אָן די שטוב־דײַגעס.

שוין גאָר שפּעט אין אָוונט פלעגט ער קומען אַהיים זייער אַ מידער און טרעפן אין קיך אויפן טיש צוגעגרייט דאָס עסן, איבערגעדעקט מיט אַ ריינעם האַנטעך.

געבעט האָט זיך זעלדע באַזונדער אויף דער קורצער און האַרטער קאַנאַפּע — אָן א קישן, אָן אַן אונטערבעט. געלעגן אויפן שטרויענעם סעניקל צונויפגעדרייט אין דעם אָנטאָן, איבערגעדעקט מיט דער שווּגערס אַלטער שאַל.

מיט יעדן טאָג איז זעלדע אַלץ מער כּוישעך געוואָרן. שעפּטל האָט שוין פּאַשעט ניט געקאָנט צוזען, ווי זי מאַטערט זיך.

ער האָט באַשלאָסן היינט זיך אומקערן אַהיים פריִער, זיך דורכריידן מיט איר און מאַכן אַ סאָף צו אָט דעם באַרויגעז.

ער האָט אָבער געמוזט זיך פאַרהאַלטן באַם אָפּשיקן אַ נייַע ברויט־וואָלקע צום עלעוואַטאָר. ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון סטעפּ, איז זעלדע שוין געלעגן אויף דער קאַנאַפּע לעבן פאַנאַנדערגעעפנטן פענצטער און געדרעמלט.

שעפּטלען האָט זיך געוואָלט צוגיין צו איר, זאָגן איר, אַז זי זאָל זיך לייגן אין בעט און ניט מאַטערן זיך, ניט דערגיין אומזיסט און אומנישט זיך און אים די יאָרן, נאָר ער האָט מוירע געהאַט, אַז ווען ער וועט צוגיין צו איר, קאָן זי נאָך אופהייבן אַ געוויין און אופוועקן די קינדער.

שעפּטל איז אַ ווײַלע אומבאַהאָלפן געשטאַנען, מיט אַ שווער געמיט צוגעגאַנ־גען צום בעט און זיך גענומען אויסטאָן.

אין דעם ברייטן גוט־אויסגעבעטן ווייכן בעט האָט ער, ליגנדיק איינער אַליין, זיך געפילט אומהיימלעך און, ווי מיד ער איז ניט געווען, ניט געקאָנט אַנשלאָפן ווערן. ער האָט זיך צוגעהערט, ווי זעלדע קרעכצט שטיל צעצויגן, און פון יעדן קרעכץ אירן האָט שעפּטלען, ווי מיט אַ נאָדל, אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן.

„נו, וואָס האָב איך איר אַזוינס געטאָן, — האָט ער געפּרווט זיך פאַרענטפערן פאַר זיך אַליין, — ניט דערציילט וועגן עלקעס איבערלעבונגען, וועגן די צאָרעס, וועלכע זי האָט... דעריבער דאַרף מען אײַנלייגן אַזוי די וועלט?..״ — נאָר גלײַכ־צײַטיק האָט ער געפילט, אַז ס׳איז ניט גאָר אַזוי, אַז ער איז יאָ שולדיק פאַר זעל־דען, ער איז באַגאַנגען אַן אַוולע קעגן איר. דאָס, וואָס ער האָט ניט דערציילט וועגן עלקעס איבערלעבונגען, איז איין זאַך, אָבער וועגן דעם, אַז ער איז געווען בא איר, זיך געזען מיט איר, האָט ער געדאַרפט זעלדען זאָגן גלײַך, ווי ער איז געקומען פון הולײַפּאָליע... פאַרוואָס זשע האָט ער איר ניט דערציילט? ער ווייסט אַליין ניט. מעגלעך, ווען זעלדע באַגעגנט אים דעמלט ניט מיט דער שרעקלעכער נײַס וועגן דער מילכאָמע, וואָלט ער איר געזאָגט. נאָר אַזוי, ווי ער האָט עס גלײַך ניט געטאָן, האָט ער נאָכדעם אַלץ אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. „גיי ווייס, אַז פון דעם וועט זיך באַקומען אַזאַ פאַרדרייעניש...״ — שעפּטל האָט זיך אופגעזעצט, זיך אײַנגעהערט. זעלדע האָט נאָך אַלץ געקרעכצט, נאָר שטילער, קוים־קוים, ווי מיט די לעצטע קויכעס.

ער איז אַראָפּ פון בעט, אַ באָרוועסער צוגעגאַנגען צו דער קאַנאַפּקע, אויף וועלכער זעלדע איז געלעגן, און פאַרזיכטיק זיך צוגעזעצט אויפן סאַמע ברעג.

זעלדע האָט העכער אַ צי אַרויף געטאָן די שאַל, זיך אָפּגערוקט און אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט.

שעפטל איז שווײַגנדיק געזעסן א ווײַלע און נאָכדעם זייער שטיל זי א רוף געטאָן:

— זעלדע...

זי האָט א טיפן קרעכץ געטאָן און גאָרנישט ניט געענטפערט.

— זעלדע... — האָט ער איבערגעכאַזערט.

זי האָט ווידער ניט געענטפערט. זי איז געלעגן, ווי א פארשטיינערטע, זיך קיין ריר ניט געטאָן.

— זעלדע... איך רייד דאָך צו דיר... — האָט ער מיט פארדראָס געזאָגט און זיך צוגערירט מיט דער האנט צו אירע האָר.

בא זעלדען איז אדורך א שטילער ציטער איבערן לײַב. זי האָט שוין לאנג גע־ווארט אף דעם, געווארט, ער זאָל זי איבערבעטן, עס זאָל צעווייעט ווערן דער כשאַד, וואָס האָט, ווי א וואָרעם, זי געטאָטשעט און אָפּגעסאמט דאָס לעבן.

— נו, זעלדע... וואָס מאטערסטו זיך אומזיסט... קום... לייג זיך אין בעט...

זי האָט זיך נאָך מער צונויפגעקאָרטשעט, צוגעדריקט די הענט צום הארצן און ניט געענטפערט.

שעפטל איז געווען אין פארלעגנהײַט. פאר די אכט יאָר זינט זייער כאסענע האָט ער זי נאָך קיינמאָל אזא ניט געזען און זיך ניט פאָרגעשטעלט, אז זי קאָן זײַן אזוי אײַנגעשפארט.

— זעלדע... נו, קום... — האָט ער געפּרוווט זי ארומנעמען.

— גיי אוועק... גיי אוועק פון מיר!.. — האָט זי אופגערעגט אויסגערופן.

— וואָס האָב איך דיר געטאָן אזוינס? — האָט שעפטל שטיל געזאָגט. ער האָט ניט געוואָלט, אז די מאמע זאָל הערן.

— ווייניק? ס'איז דיר נאָך ווייניק?.. — האָט זי פארצווייפלט אויסגעשריִען.

פונעם ערשטן טאָג אָן פון זייער צוזאמענלעבן האָט זעלדע געגלייבט שעפטלען ווי זיך אליין. ס'איז איר קיינמאָל אפילע ניט געקומען אפן זינען, אז ער קאָן זי אָפּ־נארן, פארבײַטן אף אן אנדערער. דעריבער איז איצט דער וויטעק בא איר געווען באזונדערס גרויס.

נייך, נייך... זי וועט עס אים קיינמאָל ניט מויכל זײַן... ווי קאָן זי לעבן מיט אים נאָך דעם, וואָס איז געווען צווישן אים מיט עלקען?.. וואָס זשע וועט זײַן מיט איר, מיט די קינדער? וואָס וועט זי טאָן?.. — זי איז איצט ניט אימשטאנד געווען אפילע טראכטן וועגן דעם.

— וועגן וואָס רעדסטו?.. כ'ווייס דאָך אפילע ניט, וועגן וואָס דו רעדסט, — האָט שעפטל זיך א בייזער געטאָן.

— ער ווייסט ניט. בעקיוון פארבליבן נעכטיקן אין הולײַפּאָליע... פארבליבן, קעדיי נעכטיקן בא איר... שיין... זייער שיין... א טאטע פון פיר קינדער...

— ווער האָט סײַדן גענעכטיקט?.. וואָס זוכסטו זיך פון געפייגערטע פערד פּאָדקעוועס...

— איז פאַרוואָס האָסטו ניט דערציילט, אויב אַזוי?.. פאַרוואָס האָסטו אַפילו ניט געזאָגט, אַז דו ביסט געווען בײַ איר?.. פאַרוואָס האָסטו דאָס אויסבאַהאַלטן פון מיר?..

שעפּטל האָט זיך אַ קנייטש געטאָן. ער האָט ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. זאָגן איר דעם עמעס האָט ער ניט געקאָנט. ער האָט געפּרוּווט עפּעס צוטראַכטן, נאָר אויף זינען איז אים גאָרנישט ניט געקומען.

— און נאָך וואָס... נאָך וואָס איז זי געקומען צו דיר?.

— וואָס הייסט נאָך וואָס? — האָט שעפּטל עטוואָס אויפגעהויבן דעם קאָפּ. — זי איז פּשוט געקומען... וואָסי, זי האָט ניט געטאָרט קומען אין כוטאָר?..

— זי איז געקומען ניט אין כוטאָר... צו דיר איז זי געקומען... ווען וואָס האָט איר זיך געסוידעט, וועגן וואָס?..

דאָס האַרץ האָט בײַ זעלדען אומרויִק געטיאַכקעט. מער פאַר אַלץ האָט זי איצט, אין אָט דער מינוט, מוירע געהאַט פאַר זײַן ענטפער, ווי פון דעם וואָלט באַלאַנגט איר ווײַטערדיק לעבן, דאָס לעבן פון זייערע קינדער, פון דער גאַנצער שטוב זייערער... זי האָט געפּאָדערט פון אים, ער זאָל איר דערציילן דעם עמעס, און אין דער זעלבער צײַט האָט זי מער פאַר אַלץ זיך געשראָקן פאַרן עמעס.

זעלדע איז געלעגן צונויפגעדרייט און שווער געאָטעמט. זי האָט געוואַרט... זי האָט דאָך געהאָפט, געוואָלט האָפן, אַז ער וועט איר באַלד זאָגן עפּעס אַזוינס, פון וואָס זי וועט זיך סאַפּקאָלסאָף באַרויִקן. איר וואָלט איצט, דוכט זיך, גענוג געווען, ווען ער זאָגט איר כאָטש צוויי ווערטער, אַז צווישן אים און עלקען איז גאָרנישט ניט געווען. מער וויל זי גאָרניט.

נאָר שעפּטל איז געזעסן אויף סאַמע ברעג קאַנאַפּקע ווידער מיט אַן אַראָפּגע-לאָזטן קאָפּ און געשוויגן. און וואָס לענגער ער האָט געשוויגן, האָט זעלדע אַלץ מער געפילט, אַז זי עקט זיך מיטן לעבן.

— שווײַגסט... האָסט ניט וואָס צו זאָגן?!

זעלדע האָט זיך האַסטיק אויפגעזעצט, אָנגענומען זיך מיט דער האַנט אין אַ בײַשטידל פונעם פּענצטער. פּלוצלינג האָבן זי פאַרלאָזט די קויכעס, זי האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דער קאַנאַפּע, זיך אײַנגעגראָבן מיטן קאָפּ אין אַ שטרויע-נעם סעניק און פאַרשטיקט אָנגעהויבן וויינען. שעפּטל האָט צעטראָגן זיך אויפגע-הויבן און איז אַרויס פון שטוב.

„אָט האָסטו דיר אַזאַ געשיכטע... איך אַזאַ צײַט... אויף דער וועלט טוט זיך אַזוינס... אַזעלכע ביטערע סוואָדקעס... און זי... שוין בעסער ניט באַדאַרפט צוגיין צו איר"...

שעפּטל האָט זיך אַרומגעדרייט אין איינע גרעט איבערן הויף. ער האָט געוואָלט אַרײַן צוריק אין שטוב, נאָר זי קאָן דעמלט אָנהייבן וויינען נאָך שטאַרקער. עס פעלט נאָך, אַז די שכיינים זאָלן דערהערן און זיך צונויפלויפן — וועט ער שוין אינגאַנצן ניט קאָנען זיך ווײַזן אויפן כוטאָר. ניט אַרײַן — איז וויפל קאָן ער זיך אָט אַזוי אַרומדרייען? ער וואָלט אַוועק אין סטעפּ, זיך צוגעלייגט דאָרט אַ ביסל אויף דער סטערטע, האָט ער מוירע איבערלאָזן זי אַליין. מאַלע וואָס. און דערצו ווי קאָן

מען זיך לאָזן אין סטעפּ אין איינע גרעט. לעכאַטכילע ניט געדאַרפט זיך אויסטאָן, אָדער... ער ווייסט שוין אַליין ניט, וואָס ער האָט געדאַרפט טאָן.

שעפּטל האָט אַ מידער געשפּאַנט פון ברונעם ביזן פאַליסאַדניק און צוריק.

„ווען עלקע זעט, ווי ער דרייט זיך איצט דאָ אַרום, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — ווען זי ווייסט, וואָס עס טוט זיך בא אים אין שטוב פון יענעם טאָג אָן, זינט זי איז געווען דאָ"...

די לעצטע טעג האָט ער וועגן עלקען געטראַכט ווייניקער. די דייַגעס, וואָס ער האָט געהאַט צוליב זעלדען, האָבן געדריקט אַף אים, און דעריבער איז אים דער קאָפּ ניט געווען דערבייַ.

שעפּטלען איז דערעסן געוואָרן אָט אַזוי־אָ, אָן אַ זין זיך אַרומדרייען. ער איז צוגעגאַנגען נעענטער צום פענצטער, זיך אייַנגעהערט: עפּשער האָט זי שוין אופגעהערט וויינען.

אין דער זעלבער מינוט האָט פון ערגעץ אין דער הייך זיך דערטראָגן אַן אָנוואַקסנדיקע הודערייַ, וועלכע האָט זיך שנעל דערנעענטערט אַהער. אַ באַומרויִקטער האָט שעפּטל פאַריסן דעם קאָפּ צום גרויען הימל. דאָס הודען איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. איבער דעם שלאָפנדיקן כוטאָר האָבן מיט אַ דראָענדיק שאַרף גערויש זיך דורכגעטראָגן כוואַליעסווייַז איינע נאָך די אַנדערע צו עטלעכע פאַרניכטלער. די פאַרניכטלער האָבן דורכגעשניטן דעם הימל בליצשנעל, ווי זיי וואָלטן פאַרפאָלגט עמעצן, און באַלד פאַרשוווּנדן אין דער נאַכט־פינצטערניש.

קנייטשנדיק דעם שטערן, האָט שעפּטל זיך צוגעהערט צו אָט דעם דראָענדיקן גערויש, וואָס האָט זיך דערווייַטערט, און פאַרגעסן אָן די דייַגעס, וועלכע האָבן אים אָקאָרשט געמאַטערט.

„וואָס איז געשען... וווהין האָבן זיי זיך אַזוי האַסטיק אוועקגעטראָגן... צי האָבן זיך ניט באַוויזן דאָ קיין דייַטשישע אַעראָפּלאַנען?.."

שעפּטל איז אַרופגעקראָכן אַף דער שטאַל, זיך אייַנגעקוקט, נאָר גאָרנישט ניט געזען. די גרויזאַמע פאַרניכטלער זייַנען שוין, קאָנטיק, געווען ווייַט. די הודערייַ איז אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען. שעפּטל איז אַראָפּ פונעם שטאַל און זיך געלאָזט גיין אין שטוב.

זעלדע האָט נאָך אַלץ געוויינט.

„וואָס טראַכט זי זיך סאָפּקאָלסאָף... זיך אַרייַנגענומען אַ מעשוגאַס אין קאָפּ"... — אַלע אירע טייַנעס און די איבערלעבונגען אירע האָבן אים איצט אויסגעזען נאַריש און נישטיק, און ער איז אַף אָן עמעס אין קאַס געוואָרן אַף איר. „אַזאַ שרעקלעכע מילכאָמע... וויפל שטעט פאַרלאָזט, דערפער... האָב און גוטס... און ער זיצט זיך דאָ אין כוטאָר בא דעם ווייַב לעבן קליידל און האָט צו טאָן מיט ווייסיך וואָס"...

מיט אַנטשיידענע טריט איז ער צוגעגאַנגען צו זעלדען.

— האָסט כאָטש געהערט... האָסט געהערט, וויפל סאַמאָליאָטן עס זייַנען דורכגעפלויגן, — האָט ער אופגערעגט, עטוואָס פאַרשטיקט געזאָגט, — און דיר וואָס ליגט אין קאָפּ... עס גיסט זיך בלוט... טויזנטער ווערן דערהאַרגעט יעדן טאָג... אַף

די סטאַנציעס... אַף די וואָקזאַלן, דערציילט מען, איז פול מיט בעזשענצעס... מע עוואַקויִרט זיך שוין פון קיִעוו... מע ווייסט ניט, וואָס מאָרגן וועט זײַן... וועגן אַ נײַער מאָביליזאַציע רעדט מען... און דו...

בא אַנדערע אומשטענדן וואָלט ער איר עס ניט געזאָגט, באַזונדערס וועגן מאָ־ביליזאַציע, קעדיי ניט מאַכן איר שווער אַפן האַרצן. נאָר איצט איז דאָס געוועזן זײַן געווער, וויבאַלד ער האָט ניט געקאָנט מיט עפּעס אַנדערש ווירקן אַף איר.

פון שעפּטלס ווערטער איז בא זעלדען פאַרקילט געוואָרן דאָס האַרץ. ווי ס׳איז איר די לעצטע טעג ניט ביטער געוועזן, האָט זי מער פאַר אַלץ מוירע געהאַט, אַז מע זאָל אים ניט צונעמען אַף דער מילכאָמע.

זעלדע האָט אופגעהערט וויינען. די קאַנאַפּקע האָט אַ סקריפּע געטאָן. זי האָט זיך אופגעזעצט און דערשראָקן אָנגענומען אים פאַר אַ האַנט.

שעפּטל האָט שוין איצט כאַראָטע געהאַט אַף דעם, וואָס ער האָט עס איר געזאָגט. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ ראַכמאָנעס צו זעלדען, און קעדיי זי זאָל זיך אופהערן מאַטערן, האָט ער דערציילט אַלץ וועגן עלקען, וועגן איר מאַן, וואָס איז שוין פיר יאָר ערגעץ אין אַ לאַגער און זי ווייסט אפילע ניט ווו, וועגן איר טעכ־טערל, וואָס איז צו צוויי יאָר פאַרבליבן אָן אַ טאַטן, וועגן דער לאַגע, אין וועלכער עלקע געפינט זיך איצט, ווען זי איז געבליבן אָן אַרבעט (וועגן זײַנע געפילן צו איר האָט ער, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט ניט געזאָגט). ער האָט דערציילט, נאָך וואָס זי איז געקומען און וועגן וואָס זי האָט גערעדט מיט אים.

— וועגן טעכטערל האָט זי געבעטן... טאָמער וואָס, זאָלן מיר אין זינען האָבן סוועטקען...

— אוי, ווי איז מיר, סאַראַ אומגליק! פאַרוואָס האָסטו מיר דעמאָלט ניט דער־ציילט... ווען זי איז געוועזן דאָ... — האָט זעלדע זיך צוגעטוליעט צו אים.

שעפּטל האָט דערפילט איר הייסן אָטעם. ער האָט זי גענומען אַף די הענט און אַוועקגעטראָגן אין בעט.

נאָכן באַרויִגעז, נאָך די האַרץ־קלעמענישן איז אָט איצט, אין דער ערשטער מינוט פון איבערבעטן זיך, דאָס געפיל צו איר שטאַרקער געוואָרן, און פון דער באַרירונג צו איר קערפּער האָט אים פאַרכאַפּט דער אָטעם.

אים האָט זיך פאַרוואָלט איר זאָגן עפּעס גוטס, אַזוינס, וואָס ער האָט איר שוין לאַנג אָדער נאָך קיינמאָל ניט געזאָגט, נאָר ער האָט ניט געקאָנט איצט אַרויס־ברענגען קיין איין וואָרט. מיט דער ברייטער דלאָניע האָט ער איר געגלעט די האָר פון קאָפּ, דעם האַלדז, די אַקסלען.

— שעפּ־טל... — האָט זעלדע שטיל אַ קרעכץ געטאָן.

ס׳האָט שוין גענומען טאָגן.

שעפּטל איז אופגעשטאַנען, אָפּגעזוכט אין פירהויז אַף דער ערד אַ קריגל מיט קאַלטע זויערמילך און דורשטיק געכליאָפּטשעט, עס איז אים אויש גערונען איבערן נאַקעטן האַלדז.

צוריק אין בעט האָט ער זיך שוין ניט געלייגט. ער איז א באַרוועסער ארומגע־גאנגען, באטראכט די שטוב, די קינדערלעך, וועלכע זײַנען נאָך געשלאָפן, ווי ער וואָלט זיך אָקאָרשט אומגעקערט פון א ווײַטער רײַזע אהיים...

זעלדע איז אויך גלײַך אופגעשטאנען און, ווי זי וואָלט נאָך א שווערער קרענק פּלוצלינג געזונט געוואָרן, אופגעלייגט־צופרידן גערעדט צו שעפטלען, וועלכער האָט זיך געזעצט לעבן פענצטער גאָלן. זי האָט בעקיוון גערעדט אף א קאָל. איר האָט זיך געוואָלט, קאָלזמאן ער איז נאָך דאָ, קאָלזמאן ער איז נאָך ניט אוועק אין סטעפּ, זאָלן די קינדער זיך אופכאפּן. ס'מאכט ניט אויס, אויב זיי וועלן הײַנטיקס מאָל אופשטיין פריִער. איר האָט זיך געוואָלט, אז זיי זאָלן זען דעם טאטן אָט איצט דאָ, אין שטוב. ס'איז דאָך שוין העכער א וואָך, ווי זיי האָבן אים ניט געזען.

די קינדער זײַנען אָבער זיס געשלאָפן און אפילע ניט געטראכט זיך אופכאפּן. זעלדע האָט נאָכאמאָל עפּעס הויך געזאָגט און איז אוועק אין קיך צוגרייטן פרישטיק פאר שעפטלען.

שעפטל האָט גיך אָפּגעגאָלט די שטעכיקע באָרד, וואָס איז בא אים אָנגעוואקסן פאר דער צײַט, זינט ער איז אוועקגעפאָרן, נאָכדעם איז ער אוועק צום ברונעם, לעבן וועלכן ער האָט באנאכט זיך ארומגעדרייט, ארויסגעצויגן א פולן עמער מיט קאַלטן וואסער און גוט זיך אײַנגעוואשן.

געגעסן האָט ער אײַליק, ווי ער וואָלט מוירע האָבן פארשפּעטיקן אין סטעפּ, און זעלדע איז די גאנצע צײַט געשטאנען לעבן טיש מיט אזא אויסזען, פונקט ווי זי וואָלט זיך געפילט שולדיק פאר אים.

— שעפטל... איך בעט דיך... זאָלסט הײַנט... דו הערסט... זאָלסט קומען עסן מיטיק... — האָט זי שטיל געזאָגט.

— גוט, — האָט שעפטל קורץ געענטפערט.

— קום הײַנט כאָטש צו דער צײַט... וועלן מיר עסן צוזאמען מיט די קינדער...

— כ'האָב דאָך שוין געזאָגט. כ'ל קומען... — ער האָט זיך אופגעהויבן, געכאַ־מען די אָפּגעבליאקעוועטע קעפקע און אוועק.

זעלדע איז ארויס נאָך אים, באגלייט ביז דער קאליטקע.

זי האָט פארזאָרגט אים נאָכגעקוקט. עפּעס האָט זי נאָך געכאָגט. זי האָט אלייך ניט געוווסט וואָס. און מיטאמאָל זיך דערמאָנט: ער האָט גערעדט וועגן א נײַער „מאָבילליזאציע"... זי האָט מוירע געהאט איצט אפילע טראכטן וועגן דעם, נאָר דאָס האָט זי שוין צורו ניט געלאָזט. איר האָט זיך געוואָלט פרעגן בא אים, פון ווענען האָט ער עס געהערט, נאָר דאָס מויל האָט זיך בא איר ניט געעפנט.

— שעפטל... — האָט זי דאָך זיך אָנגערופן, ווען ער איז שוין ארויס פון הויף.

— וואָס? — האָט שעפטל, פארהאלטנדיק זיך, א פרעג געטאָן.

— ניין, גאָרניט... גאָרניט... — האָט זעלדע געזאָגט און אוועק אין שטוב.

שעפטל האָט געזען, אז זי האָט געוואָלט אים עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט זיך שוין ניט אומגעקערט און ניט איבערגעפרעגט, וואָס זי וויל.

דעמלט, אין יענער מינוט, ווען ער האָט זי איבערגעבעטן, איז ער גרייט געווען

טאָן פאר איר אַלץ, וואָס זי זאָל ניט וועלן, אבי נאָר זי זאָל זיך בארויִקן. נאָר איצט, ווען ער האָט זי שוין געהאַט איבערגעבעטן, איז אים שווער געוואָרן אפילו אירע זאָרג וועגן אים. אפֿן געדאנק איז אים איצט ווידער גלײַך געקומען עלקע...

„וואָסי מיט איר? ס'איז דאָך שוין העכער א וואָך, זינט זי איז געווען דאָ... צי איז פאר אָט דער צײַט מיט איר כאָטש גאָרנישט ניט געשען?..“

אין קאָלווירט־הויף האָט שפּעטל אײַנגעשפּאַנט דעם היגנסט אין דער בעדארקע און אוועקגעפאָרן אין אופוואכנדיקן פאַרטאָגיקן סטעפּ, ווו מע האָט הײַנט באדארפט פאַרענדיקן דרעשן דעם ווייץ.

ווען ער איז שוין געווען ארוף־בערגל, האָט ער מיט בענקשאַפט זיך פאַרקוקט אף דעם הולײַפּאָליער שליאַך און מיטאמאָל א טראַכט געטאָן, אז מאָרגן וועט ער גאָר מיט דער ברויט־וואָלקע צופאָרן קיין הולײַפּאָליע, ער דארף דאָך סײַווי זײַן דאָרט אין מטס און פאריינס וועט ער כאָטש אף עטלעכע מינוט זיך אראָפּכאַפּן צו עלקען, זיך דערוויסן, וואָס איז מיט איר...

פון דעם געדאנק אַלײן איז ער געוואָרן אומרויִקער, זיך אומגעקוקט אהינטער און אומדערוואַרט דערזען, ווי לענגויס דעם סטאַוואָק גייט זעלדע מיטן מעלק־שעפל אין האַנט צו דער פערמע. און ווי ער וואָלט זיך איצט ווידער דערפילט שולדיק פאר איר, האָט ער פאַרהויבן די בײַטש אין דער הייך און א פײַף געטאָן מיט איר איבערן אונטערטאַנצנדיקן היגנסט, סאמע איבער זײַנע אָנגעשפּיצטע אויערן...

קאפיטל צען

נאָך דעם אינדערפריִקן ערשטן געמעלק האָט זעלדע אָנגעריסן אף דער לאָנקע, ניט ווײַט פון דער פערמע, א פולן פאַרטעך מיט פרישן צאַמבער און קאָלערליי שאַרף־שמעקנדיקע סטעפּ־קוויטן, קעדיי פאַרשפּרייטן דעם דיל אין שטוב. איר האָט זיך זייער געוואָלט צוקלײַבן די שטוב, ביז שפּעטל וועט קומען עסן מיטיק, אזוי ווי ער האָט ליב. נאָך באַם איבערזײַען די מילך האָט זי, סטארענדיק זיך ניט ארויסווײַזן איר אומרויִקײַט, פאַרזיכטיק א פרעג געטאָן בא די מעלקערנס, צי האָבן זיי געהערט ריידן עפּעס וועגן א נײַער מאָביליזאציע.

קיינער פון זיי האָט גאָרנישט ניט געהערט, און זעלדען האָט עס בארויִקט. אהיים האָט זי זיך אומגעקערט מיט א גרינג האַרץ, מיט אזא געפיל, ווי ס'וואָלט זי דערוואַרט הײַנט, נאָך אַלע אירע איבערלעבונגען, א ביסל נאַכעס.

באקומען האָט זיך אָבער ניט אזוי. דער טאָג האָט זיך שוין פון אינדערפרי אָן אָנגעהויבן מיט נײַע דײַגעס און זאָרג. ווען זעלדע איז געקומען פון דער פערמע און נאָר געעפנט די טיר פון דער שטוב, האָט זי דערהערט א גוואַלד. די שוויגער האָט מיט די דאַרע ציטערנדיקע הענט אראָפּגעצויגן פון דער פאַרוויינטער טײַבע־לען דאָס דורכגעווייקטע קליידעלע, וואָס איז געווען צוגעקלעפּט צום לײַב, און האָט מיט טויטע קלאָלעס געשאָלטן קורטן:

— אזא ווירע אָדאָק... אזא ניוועניק... כײַ וואָלט ער, גאָטעניו, געגעזיקט געוואָרן,

אײדער זי האָט אים איבערגעלאָזט דאָ אַף מײַן אלטן קראַנקן קאָפּ... קרענקען זאָל ער צוזאַמען מיט היטלערן... נאַ, האָב פאַרגעניגן, — האָט זי בײז אַ קוק געטאָן אַף זעלדען, — זע, וואָס ער האָט געטאָן מיטן קינד...

— וואָס איז מיט דיר, טײַבעלע? — האָט זעלדע געכאַפּט דאָס קינד אַף די הענט. — וואָס איז דאָ פאָרגעקומען?..

— קורט האָט... קורט האָט געמאַכט אַף מיר אַ רעגן, — האָט טײַבעלע, וואָס איז נאָך געווען איבערגעשראָקן פון דער באַבעס געשריי, געכליפּעט.

— קורט?.. פאַרוואָס?.. פאַרוואָס האָט ער דאָס געטאָן? — האָט זעלדע געפרעגט, ארומווישנדיק זי מיט א האַנטעך.

— דערפאַר, ווײַל... ווײַל איך האָב געוואָלט גיכער וואַקסן...

— וואַקסן?.. וואָס וואַקסן? ווען וואַקסן?.. — זעלדע האָט ניט אָנגעהויבן צו פאַר־שטיין, וואָס דאָ איז געשען.

און געשען איז אָט וואָס: באַלד ווי זי איז אוועק אַף דער פערמע, האָבן די קינ־דער זיך פאַרקליבן אין פּאַליסאַדניק און געשפּילט לעבן די מאַלוועס.

— פון וואָס זײַנען די קווייטן אזוי הויך אויסגעוואַקסן? — האָט טײַבעלע, פאַר־הייבנדיק דאָס קעפּל מיט די סטאַרטשענדיקע צעפּלעך צו די ראָזלעכע און ווײַסע בלומען, געפרעגט.

— פונעם רעגן, וואָס איז געגאַנגען, — האָט געזאָגט דער שכיינעס מיידעלע.

— וואָסי, דער רעגן האָט פּיס, וואָס ער איז געגאַנגען? — האָט טײַבעלע זיך צעלאַכט.

— וואָס פאַרשטייסטו ניט? — האָט קורט געזאָגט. — ס'האָט געגאָסן אַ רעגן, דערפאַר איז עס אויסגעוואַקסן.

— און אַז דער רעגן וועט מיך באַגיסן, וועל איך אויך גיך אויסוואַקסן?

— אַהאָ, נאָך וויִאַזוי!.. איך שטעל זיך שטענדיק מיטן קאָפּ אונטערן רעגן, דער־פאַר וואַקס איך גיך...

— איך וויל אויך, — האָט טײַבעלע אויסגעשריִען. — עס גייט דאָך אָבער קיין רעגן ניט...

— איך קען אַליין מאַכן אַ רעגן. ווילסטו?

— איך וויל, — האָט טײַבעלע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

קורט האָט אויסגעגראָבן אַ גריבל, אוועקגעשטעלט טײַבעלען אהין, פאַרשאָטן אירע באָרוועסע פיסלעך מיט ערד, ווי מע פאַרשיט אַ געוויקס באַם פאַרפלאַנצן, אָנגענומען אַ קריגל וואַסער פון דער דייזשקע, וואָס איז געשטאַנען דערבײַ אונטער דעם ווײַנשלבוים, און אָנגעהויבן גיסן דורך דעם צעבראָכענעם דורכשלאַג טײַבע־לען אפן קאָפּ.

— זעסט, האַ?.. אַן עמעסער רעגן!..

— אוי, — האָט טײַבעלע אַ ציטער געטאָן, ווען דאָס וואַסער האָט גענומען רינען באַ איר איבערן לײַב. — אוי, אוי!..

— שטיי. מע טאָר זיך ניט רירן פון אָרט. דעמלט וועסטו וואַקסן... דאָס איז נאָך א קלײנער רעגן. איך וועל מאַכן א גרעסערן.

ער האָט אָנגענומען איין קריגל וואַסער נאָכן אַנדערן און געגאָסן אַף טײַבעלען.

טײַבעלע איז שוין געווען אינגאַנצן נאַס. דאָס רויטע קלײדעלע אין ווײַסע אַרבעסלעך האָט זיך צוגעקלעפּט צו איר דאַרינקן לײַב, די דורכגעווייקטע צעפּלעך זײַנען אַראָפּגעהאַנגען ווי שנירלעך, פון פּאָנעם האָט בא איר געקאַפּעט, ווי זי וואָלטווירקלעך געשטאַנען אונטער א רעגן.

— איך בין שוין א ביסל אויסגעוואַקסן? — האָט זי געפרעגט, פּרוּווּנדיק אַרויס־ציִען דאָס נאַסע פּיסל פון דער בלאָטע.

— וואַרט, איך וועל נאָך רעגענען, — האָט קורט פאַרהויבן דאָס פולע קריגל מיט וואַסער.

צופעליק האָט די אַלטע געכאַפּט א קוק דורכן פענצטער און אויפגעהויבן אַזא געשריי, אַז די קינדער, איבערגעשראָקענע אַף טויט, זײַנען זיך צעלאָפן, ווי די שפּערלעך, אין אַלע זײַטן און נאָר איין טײַבעלע איז געבליבן שטיין מיט די פּיס־לעך אין דער בלאָטע. די באָבע האָט זי מיט גוואַלד אַוועקגעפירט אין שטוב.

— וויפל איז עס דער שיר צו לײַדן פון אים, — האָט די אַלטע געטײַנעט, — ער האָט דאָך, לאָזט זיך אויס, א מומע אין בלומענטאַל... פאַרוואָס פירסטו אים ניט אָפּ צו זײַן מומען... וואָס האָט איר צו מײַן לעבן...

— ס׳וועט זיך מאַכן א פור, וועל איך אים אָפּפירן, — האָט זעלדע געזאָגט. זי האָט איבערגעטאָן טײַבעלען אין א ריין קלײדעלע און געלאָזט זי גיין זיך שפּילן אין הויף.

— ווען זשע וועט זיך עס מאַכן? אַז איך וועל שוין ליגן אונטערן בערגל אַפן בעסוילעם?.. ווען ארט עס?.. וועמען גייט עס אָן?..

— כ׳ל אָפּפירן... ס׳איז דאָך אַהין דרײַסיק ווערסט עפּשער... נו, נאָך א פּאָר טעג... ווי נאָר עס וועט גיין א פור, וועל איך אים אָפּפירן... — האָט זעלדע זיך געסטאַרעט זי באַרויקן. נאָר די אַלטע האָט זיך שוין באַרויִקן ניט געקאָנט. זי איז נאָכגעגאַנגען זעלדען און ניט אויפגעהערט צו וואָרטשען.

— שוין וויפל טעג, אַז איך האָב, נאָר דאַנקען דעם אייבערשטן, זיך דערוווּסט, אַז ער האָט א מומע און איך בעט זיך — פירט אים אָפּ צו איר... פירט אָפּ דאָס דײַטשל... וויפל איז דער שיר האַלטן בא זיך אין שטוב א קעסטקינד, וואָס פרעסט פאַר דרײַען... א פולע שיסל מיט קאַרטאָפל הײַנט אויפגעפרעסן... גיי זיי פּאַר אים, גיי גראָב, גיי האָרעווע... איך פאַרגין זיך ניט, און ער...

דער אַלטערס רייד האָבן געשניטן זעלדען איבערן האַרצן. זי האָט עס ניט גע־קאָנט אַריבערטראָגן. טאָמער האָט קורט אויפגעגעסן עטלעכע קאַרטאָפליעס, הייסט עס שוין בא איר „א פולע שיסל״... און זי אַליין פאַרגינט זיך ניט... פאַרוואָס פאַר־גינט זי זיך ניט? וואָסי, ס׳איז סײַדן ניטאָ, צי עמעצער זשאַלעוועט איר?.. ווי קאָן א מענטש גאָר ריידן אַזוי...

זעלדע האָט געפּילט, אז אָט־אָט וועט זי ניט אויסהאַלטן און ענטפערן דער אַל־טער, אָבער, ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, האָט זי פאַרביסן די ליפּן. „גיב, גאָט, געדולד, — האָט זי אין זיך געטייַנעט, — גיב, גאָט, געדולד“.

שעפטל איז געקומען אין דער סאַמע היץ.

זעלדע האָט אים דערזען דורכן קיך־פענצטער, ווען ער האָט פאַרקערעוועט צום הויף די בעדהאַרקע, און זיך דערפרייט, פונקט ווי אין די ערשטע טעג נאָך זייער כאַסענע. זי האָט אינדערגיך אויסגעווישט די הענט אינעם פאַרטעך און ארויס אים אנטקעגן.

שעפטל איז שווייַגנדיק אריַין אין שטוב. ער האָט אויסגעזען זייער מיד. דאָס רויטע פאַרפּאַליעטע פּאָנעם איז באַדעקט געווען מיט שטויב, באַזונדערס אונטער די אויגן און בא ביידע זייַטן נאָז, די ליפּן זייַנען געווען איבערגעטריקנט און צע־שפּאָלטן.

— כ'זאָל שוין גרייטן צום טיש אָדער וועסט זיך אָפּרוען א ביסל?.. — האָט זעלדע שטיל געפרעגט, דערלאַנגענדיק אים א קריגל קאַלט וואַסער אף איַינוואַשן זיך.

— האָ?.. — האָט ער פאַרזאָרגט איבערגעפרעגט.

בא שעפטלען איז געווען א שווערע שטימונג. ערשט ניט לאַנג, ווען ער איז דורכגעפאָרן דעם האַרמאַן, האָט ער זייער רויִק געזאָגט לייע־דוואָסיען, אז זי זאָל אוועקלייגן אף אַן אָרט די האַבליע, וועלכע זי האָט א וואָרף געטאָן, האָט יענע געעפנט אף אים אזא פּיסק, אז ס'איז אים א ביזאָיען געווען פאַר די מענטשן, וואָס זייַנען געשטאַנען דערבייַ.

ווען ער האָט געהאַט שוין היפּש אָפּגעפאָרן, האָט ער נאָך געהערט, ווי זי האָט געשריִען:

— ער גייט מיך לערנען, קוקט אים נאָר אָן, וווהין איך זאָל אוועקלייגן די האַבליע... ווו איכ'ל וועלן, וועל איך לייגן... מייַן מאַן גייט דאָרט אָפּ אף דער מיל־כאָמע מיט בלוט, און ער קאָמאַנדעוועט דאָ, מיט די ווייַבער קאָמאַנדעוועט ער... אהין אפּן פראָנט זאָל ער גיין קאָמאַנדעווען...

אירע ווערטער זייַנען, ווי שאַרפע שטיינער, אים נאָכגעפלויגן, און אין דער מינוט האָט זיך אים געדוכט, אז ניט נאָר זי, נאָר אַלע ווייַבער, וואָס זייַנען פאַר־בליבן דאָ אָן מענער, אַלע סאָלדאַטקעס, וואַרפן אין אים אָט די שטיינער...

זעלדע איז געווען אזוי פאַרטראָגן, אז זי האָט גאָרנישט ניט באַמערקט אף שעפטלען. זי איז ארויס אין הויף און צווישן די זונרויזן אָפּגעזוכט די קינדער.

— דער טאַטע איז געקומען, — האָט זי א פרייַלעכע זיי א רוף געטאָן.

עסטערקע און טייַבעלע זייַנען באַלד פאַרסאָפּעטע אריַינגעלאָפן אין שטוב און זיך אָנגעהאַנגען אף שעפטלען.

פאַר דער גאַנצער צייַט, וואָס האָט זיך געצויגן זעלדעס באַרויִגז, האָט שעפטל ניט געזען די קינדער און זיך שטאַרק אויסגעבענקט נאָך זיי. באַזונדערס איצט האָט

ער דערפילט א באַדערפעניש צוטוליען זיי צו זיך, איצט, ווען ס׳איז אים, נאָך דער געשיכטע אפן הארמאן, אזוי שווער געווען אפן הארצן.

שעפּטל האָט מיד זיך אראָפּגעלאָזט אף דער באנק און אוועקגעזעצט די קינדער צו זיך אף די ברייט־פאנאנדערגעשטעלטע קני.

— טאַטע... טאַטע... — האָט טײַבעלע אים ארומגענומען, — דו ווייסט, טאַטע... די מאַמע האָט נאָך אינדערפרי געזאָגט, אז ווען דו וועסט קומען, וועלן מיר אלע צוזאמען עסן מיטיק...

— נו, גוט, — האָט שעפּטל געזאָגט, — און ווו זשע איז שמועלקע?

— ער וועט שוין קומען...

— און קורט ווו איז?

טײַבעלע האָט א קוק געטאָן אף עסטערקען מיט אזא בליק, ווי זי וואָלט גע־בעטן גאָרנישט ניט דערציילן.

— טאַטע, דו ווייסט, וואָס די מאַמע האָט הײַנט אָפּגעקאָכט? — האָט זי זייער הויך, ווי פארשרײַענדיק עפּעס, אויסגערופן. — א שטשאַוועל־באָרשטש און א מערן־צימעס און וואַרעניקעס פון וויַנשל...

— מיר האָבן אלע־אלע געוואַרט אף דיר, — האָט עסטערקע ארומגעכאַפּט דעם טאַטן מיט די הענטלעך.

זעלדע האָט א פארשמײַעטע, ווי הײַנט וואָלט געווען א באַזונדערס ליבער טאָג אין איר לעבן, גיך געגרייט צום טיש.

— נו, גיי, שעפּטל... גייט, קינדער, זעצט זיך, — האָט זי מיטן פארטעך אויס־געווישט די בענקלעך.

— און די מאַמע... — האָט שעפּטל זיך אופגעהויבן. — זי האָט שוין געגעסן?

— נו, ווי רעכנסטו?.. זי האָט אָפּגעגעסן און זיך צוגעלייגט...

— ווו זשע איז שמועלקע?

— איך וועל אים שוין א רוף טאָן.

— רוף זשע קורטן אויך.

— דו ווייסט, שעפּטל, — האָט זעלדע עטוואָס פארלוירן געזאָגט, — כ׳רעכן די טעג אים אָפּפירן צו זײַן מומען אין בלומענטאַל... ער האָט דאָך א מומע... די מאַמע איז גערעכט...

— וואָסי, ס׳האָט שוין עפּעס געטראָפן?

— נייך, גאָרניט... ס׳האָט גאָרניט געטראָפן. — זעלדען האָט שוין פארדראָסן, וואָס זי האָט איצט גאָר פארפירט א רייד וועגן דעם, און גענומען גיך דערלאַנגען צום טיש.

שעפּטל האָט געפילט, אז זעלדע וויל אים עפּעס ניט דערציילן, נאָר מער האָט ער ניט געפרעגט און א פארזאָרגטער זיך געזעצט צווישן עסטערקען און טײַבעלען באַם טיש. ס׳איז אים געווען שווער. ער האָט אלץ ניט געקאָנט פארגעסן לייע־דוואָ־סיעס ווערטער, און דאָס עסן איז אים שוין ניט געקראָכן אין האַלדז. קעדיי אָבער ניט פארשאַפן זעלדען קיין אגמעס־נעפעש, האָט ער צוגערוקט נעענטער צו די

קינדער און צו זיך די טעלער מיטן קאַלטן באָרשטש און, ניט דערוואַרטנדיק זיך אַף שמועלקען און קורטן, גענומען זיך פּאַרן לעפל. ער האָט געדאַרפט זיך צוויילן. ער האָט זיך דאָך צוגעכאַפּט אַהיים אַף אַ ווײַלע, קאַלזמאַן די קאָלווירטניקעס האָבן אָפּן סטעפּ נאָכן מיטיק אַ ביסל אָפּגערוט.

ווען מע האָט אָפּגעגעסן, האָט שעפטל זיך אופגעהויבן און מיטאַמאָל דערזען בא דער שוועל שמועלקען. ער איז געווען אינגאַנצן צעביילט. די נאָז בלוי און געשוואָלן, די ליפּן צעבלוטיקט. דאָס נײַע העמדל, וואָס זעלדע האָט אים היינט אָנגעטאָן, איז געווען צעריסן פונעם קאָלנער ביז אַראָפּ.

— אוי, ווי איז מיר, — האָט זעלדע אויסגעשריִען, — וואָסי, קינד מײַנס?.. וואָס איז געשען מיט דיר?.. — זי האָט צעטומלט געכאַפּט דעם האַנטעך, אײַנגענעצט אין עמער מיט וואַסער און אַ דערשראָקענע זיך געלאָזט צו אים.

— וואַרט צו... — האָט שעפטל זי לײַכט פאַרהאַלטן מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט. ער איז מיט פּאַמעלעכע טריט צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צו שמועלקען.

— ווער האָט דיר צעבײַלט דאָס פּאָנעם? — האָט ער אָנגעכמורעט געפרעגט.

שמועלקע האָט נידעריקער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— מיט וועמען האָסטו זיך געשלאָגן, האַ?

דאָס ייִנגל האָט געסאָפּעט מיט דעם בלוי־געשוואָלענעם נעזל און געשוויגן.

— איך פרעג דאָך בא דיר... ווו ביסטו געווען?.. מיט וועמען האָסטו זיך געשלאָגן?.. וואָס שווייגסטו?.. — איז שעפטל אופגעקאָכט געוואָרן און אַראָפּגעלאָזט אים אַ פראַסק איבער דער באַק.

— אוי, שעפטל... וואָס טוסטו... דאָס קינד דיכעט דאָך קוים... האָב ראַכמאָנעס, — האָט זעלדע אויסגערופן.

— מיש זיך ניט, — איז שעפטל געוואָרן נאָך מער אופגעקאָכט, — אַ ראַכמאָנעס וועט זײַן אַף אים, ווען ער וועט אויסוואַקסן אַ הינטשלעגער, אָט דעמלט וועט זײַן אַ ראַכמאָנעס...

— פאַרוואָס שווײַגסטו?.. פאַרוואָס ענטפערסטו ניט?.. — האָט שעפטל אַראָפּגענומען דעם אַלטן צערעפּעטן פאַס פון די הויזן.

— שעפטל... איך בעט דיך... שלאָג בעסער מיך...

שעפטל איז געווען אויסער־זיך פון שמועלקעס אויסזען און גרייט געווען דעם גאַנצן קאַס איצט אויסלאָזן צו אים.

— ענטפער שוין, די מינוט, דו הערסט?.. ווער האָט עס... מיט וועמען האָסטו זיך געשלאָגן? — האָט שעפטל פאַרהויבן דעם רימען.

— מיט... מיט זו... זוזיקן... — האָט שמועלקע, קוים באַוועגנדיק מיט די געשוואָלענע ליפּן, פאַרשטיקט אַרויסגערעדט.

— מיט זוזיקן? פאַרוואָס האָסטו זיך געשלאָגן מיט אים?.. פאַרוואָס האָט ער דיר צעקאַליעטשעט דאָס פּאָנעם? צעריסן אַף דיר דאָס נײַע העמדל?

שמועלקע האָט געקוקט אַף דער ערד און ניט געענטפערט.

— פאַרוואָס, פרעג איך דיך? — שעפטל איז אַרײַן אין גרימצאָרן און אַ שמיץ

געטאָן מיטן רימען שמועלקען איבערן לײַב. — רייד, אויב ניט, וועל איך שינדן פון דיר פאסן...

— בארויק זיך, שעפטל... וואָס טוסטו?.. — האָט זעלדע אָנגעכאפּט דעם רימען.

— מיש זיך ניט, האָב איך געזאָגט, — האָט שעפּטל אויסגעשריִען, און זעלדע איז אָפּגעטראָטן, — פארוואָס ביסטו געקראָכן זיך שלאָגן מיט אים, פארוואָס, פרעג איך דיך?..

— דערפאר... — האָט שמועלקע, ניט אופהייבנדיק דעם קאָפּ, א בורטשע געטאָן.

— פארוואָס דערפאר?..

— דערפאר... ווײַל... דערפאר... וואָס ער האָט זיך געררייצט...

— און אז ער האָט זיך גערייצט מיט דיר, דארפסטו קריכן זיך שלאָגן מיט אים, האַ? — האָט שעפּטל ווידער פארהויבן דעם רימען.

— וועגן דיר... וועגן דיר האָט ער זיך גערייצט... אז זײַן טאטע... זײַן טאטע איז אף מילכאָמע... און דו... — שמועלקע האָט קוים גערעדט, ווי ער וואָלט זיך גע־שטיקט מיט די ווערטער, — און אז דו... — און מיטאמאָל זיך צעוויינט הויך אפן קאָל.

שעפּטלען האָט א שלאָג געטאָן א היץ אין פּאָנעם, און ער איז מיט שווערע טריט ארויס אין דרויסן. ס'איז אים א ביזאָיען געווען זײַן איצט בא זיך אין שטוב. א ביזאָיען פאר די קינדער און א ווייטעק פאר שמועלקען, וואָס ער האָט אים אומ־זיסט געשלאָגן.

שעפּטל האָט זיך געזעצט אף דער אָנגעווארעמטער פון דער זון בעדארקע און אוועקגעפאָרן אין סטעפּ. די מיט גראָז פארוואקסענע גאס איז ער דורכגעפאָרן גיך מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט זיך געפילט שולדיק פאר זוזיקן און פאר די איבעריקע קינדער פונעם כוטאָר, וואָס ער איז דאָ, אין דער צײַט, ווען זייערע טאטעס זײַנען דאָרט אף דער מילכאָמע...

„מע דארף וואָס גיכער פארענדיקן מיטן דרעשן, — האָט ער פארדײַגעט גע־טראכט. — און טאָמער וועט מען ביז יענער צײַט מיך ניט רופן, וועל איך אליין... פרײַווויליק וועל איך אוועקגיין"...

די זון האָט נאָך אלץ שטארק געסארפּעט. ס'האָט געפּארעט אף א רעגן.

ווען שעפּטל איז צוגעפאָרן צום הארמאן, האָט מען גלײַך זיך ווידער געשטעלט דרעשן.

צו פארנאכט־צו איז דער הימל צוביסלעך פארלאָפן געוואָרן מיט וואָלקנס. אין סטעפּ איז געוואָרן טינקעלער און ס'האָט אָנגעהויבן רעגענען. דער רעגן איז אוועק זייער דריבנע און שטיל, ווי ער וואָלט זיך געקליבן גיין אָט אזוי אָן אופהער א גאנצע נאכט...

מע האָט אָפּגעשטעלט די דרעשמאשין, באדעקט מיט ברעזענטן דעם ווייץ, און די קאָלווירטניקעס האָבן זיך געלאָזט אראָפּ־בערגל צום כוטאָר. זיי האָבן געאײַלט אהיים. באלד האָט ראכמיעל שוין געדארפט ברענגען די פּאָטשט.

די, וועלכע זײַנען געווען פון פריִער אין דער היים, זײַנען שוין געשטאנען בא

די אָפענע טירן, אונטער די סטרעכעס, בא די פענצטער און ארויסגעקוקט מיט אומגעדולד צום עק גאס. זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, האָט מען יעדן אָוונט אָף קיינעם אזוי ניט געווארט, ווי אָף דעם אַלטן ראַכמיִעלן. אויך זעלדע האָט יעדן אָוונט, ווען ראַכמיִעל האָט געדאַרפט קומען, שטאַרק איבערגעלעבט. ס'האָט בא איר געציטערט דאָס האַרץ, צי טראָגט ער ניט קיין פּאָוועסטקע פאַר שעפּטלען.

זי האָט קוים מיט צאָרעס אָפּגעזוכט קורטן, וואָס איז געלעגן באַהאַלטן, טיף פאַרנוּרעט הינטער דעם סטויג היי, אוועקגעפירט אים פאַר דער האַנט אין שטוב און אָנגעהאָדעוועט מיטן מיטיק, וועלכן זי האָט פאַר אים איבערגעלאָזט. נאָכ־דעם האָט זי ווידער געלייגט א קאַלטן קאָמפּרעס שמועלקען אָפן פּאָנעם, צוגעגאַנ־גען ניט דרייסט צום פענצטער און דערזען, אז אָף דער מיט גאַס שטייען פיל און פול מענטשן ארום ראַכמיִעלן און, ניט געקוקט אָפן רעגן, גייט מען זיך ניט פאַ־נאַנדער.

זעלדע האָט ארופגעוואָרפן אָף זיך שעפּטלס אַלטן פּידזשאַק און ארויסגעלאָפן פון שטוב.

דער אוילעם איז געוואָרן אַלץ גרעסער. מע איז געשטאַנען פאַרומערט־דער־שלאָגן אונטער דעם נודנעם רעגן און שטיל גערעדט צווישן זיך.

— וואָסי געשען? — האָט זעלדע קוים איבערגעכאַפּט דעם אָטעם.

— אוי, פרעג בעסער ניט, — האָט העניע־ריווע זיך פאַנאַנדערגעכליפּעט, — א פּאָכאַראָנע... יאָסקע דאָבע פּיסקונס איז אָף דער מילכאָמע דערהאַרגעט געוואָרן... ווײ איז דער מאַמען זײַנער...

— יאָסקע?! — האָט זעלדע, כאַפּנדיק זיך מיט די הענט באַם האַרצן, אויסגע־שריִען.

— שאַ, אָן גייט דאָך דאָבע אַהער.

— זי ווייסט נאָך ניט?..

— פונוואַנען זאָל זי, נעבעך, וויסן?..

דער אַלטער ראַכמיִעל, אײַנגאַנצן א דורכגעווייקטער, האָט אומבאַהאָלפן זיך אומגעקוקט און באַהאַלטן די פּאָכאַראָנע טיפער אין דעם פּאָטשט־טאַש. ער האָט אַפילע מוירע געהאַט צו טראַכטן וועגן אָפּגעבן זי מיט די אייגענע הענט דאָבען. זינט ער לעבט אָף דער וועלט, האָט ער קיין שלעכטע בסורעס קיינעם קיינמאָל ניט אָנגעזאָגט. ער האָט געמיינט, עפּשער וועט עמעצער פון די קאָלווירטניקעס מאַסקים זײַן אָפּגעבן די פּאָכאַראָנע. קיינער האָט אָבער ניט געוואָלט אָנזאָגן דער מוטער די פינצטערע בסורע.

א גאַנצע נאַכט האָט אָן אופהער געמאַראַקעט דער רעגן און אָנגעוואָרפן נאָך א גרעסערע מאָרעשכוירע אָפן פאַרטײַעטן פינצטערן כוטאָר.

קיינער איז ניט געשלאָפן, אויסער דאָבען. נאָר זי איינע איבעם גאַנצן כוטאָר האָט ניט געוווּסט, אז ס'איז אָנגעקומען א פּאָכאַראָנע, ווו ס'איז מיטגעטיילט גע־וואָרן, אז איר איין־איינציקער זון, יאָסיף יודעלעוויטש פּיסקון, איז מיט א העלדנ־טויט געפאַלן אין שלאַכט.

...אין א וואָך אַרום, דעם 17 יול, ווען צום כוטאָר איז דערגאַנגען די שווערע נײַס, אַז דער דײַטש האָט פּאַרנומען סמאָלענסק און קעשענעוו, האָט שעפּטל, אַז קיינער, און דעריקער זעלדע, זאָל ניט וויסן, אַנגעשריבן אַ מעלדונג און זי אָפּגעגעבן דעם פאַרשטייער פונעם הולײַ־פּאָליער ראַיוואַיענקאָמאַט. ער האָט געבעטן, ניט וואַרטנ־דיק, ביז עס וועט קומען זײַן ריי, נעמען אים אַלס אַ פרײַוויליקן אין דער אַרמיי און שיקן אַפן פראָנט.

פון אָט דער מינוט אָן האָט שעפּטל אומדערמידלעך זיך אָנגעהויבן גרייטן. ער האָט זיך געסטאַרעט וואָס גיכער פאַרענדיקן די וויכטיקסטע אַרבעטן אין בריגאַדע און ברענגען אין אָרדענונג די שטוב־באַלעבאַטישקײַט. אין די פרײַע מינוטן, פאַר־טאָג אָדער שוין גאָר שפּעט אין אָוונט, בא דער לעוואָנע־שײַן, האָט ער צורעכט געמאַכט דעם סרוב פונעם ברונעם, אַרומגעקלאַפּט אים מיט נײַע ברעטער, פאַר־ריכט די דרויסן־טיר, זי זאָל זיך גוט פאַרמאַכן און ס'זאָל ווינטער ניט אַנוויען קיין שניי אין פירהויז, ער האָט אויסגערייניקט דעם קעלער, צוגעגרייט אָרט, וווּ צו האַלטן די קאַרטאָפל, די בוריקעס, די מערלעך, די דייזשקעס מיט אוגערקעס און פּאָמידאָרן, קעדיי זעלדע מיט די קינדער און די מאַמע זאָלן זײַן באַזאָרגט ביז דער נײַער געראָטעניש.

זעלדע האָט שוין לאַנג ניט געפילט אַזויפיל זאָרג פון אים צו דער שטוב. זי האָט זיך געפרייט מיט זײַן איבערגעגעבנקײַט צו איר, צו דער מישפּאָכע און איז געווען גליקלעך. זי האָט ניט געוווּסט, אַז שעפּטל האָט פון טאָג צו טאָג איצט גע־וואַרט אַף אַ פּאָווּעסטקע פון ראַיוואַיענקאָמאַט...

קאַפּיטל עלף

די לעצטע טעג איז די אַלטע געלעגן צו בעט בא זיך אינעם קליינעם זײַטיקן צימערל. קוים באַוועגנדיק מיט די אויסגעטריקנטע ליפּן, האָט זי שטיל געטײַנעט:

— איך שטאַרב...

זעלדע, אַ מידע פון האָרעווען אַ גאַנצן טאָג, האָט שווײַגנדיק צוגעלייגט דער קראַנקער אַ קאַלטן קאָמפּרעס צום האַרצן.

„מע וועט דאַרפן זאָגן שעפּטלען, ער זאָל מאָרגן אָפּלייגן אַלע אַרבעטן און צו־פאָרן נאָך אַ דאָקטער"...

זעלדע האָט פאָרזיכטיק פאַריכט בא דער שוויגער דעם קישן צוקאָפּנס און, שטיל פּאַכענדיק מיטן האַנטעך, אַרויסגעטריבן די פליגן פון צימערל.

פון הויף האָבן זיך דערטראָגן טריט. עמעצער איז געגאַנגען אַהער, און זעלדע האָט אָן איבערגעשראָקענע זיך געלאָזט אַנטקעגן. די לעצטע צײַט פלעגט איר באַם דערהערן, אַז מע גייט, אײַנפאַלן דאָס האַרץ, ווי זי וואָלט קעסיידער דערוואַרט עפּעס אַ שלעכטע בסורע.

אינעם טונקעלן פירהויז האָט אַ פאַרשמײַעטע זיך אַרײַנגעשטעלט הינדע סמע־קונס עלטערע געשטופּלטע שנור, וועלכע מע האָט אין כוטאָר גערופן „אַנטענע".

זי איז געווען הויך און דאַר, טאַקע ווי דער שטעקן פון אַן אַנטענע, און געוווּסט אַלע נײַס פונעם כּוטאָר. כאָטש זי האָט זיך געאײַלט — בײַ איר האָט זיך געקאָכט דער פּאַסאַליעס־סוף אָפּן דרײַפוס און זי איז געקומען אויף איין רעגע אַנטלײַען אַ ביסל זאַלץ (שטענדיק פלעגט זי עפּעס־וואָס אַנטלײַען), נאָר דאָך האָט זי זיך ניט געקאָנט אָפּזאָגן פונעם פאַרגעניגן צו ריידן אַ ביסל.

— געהערט... אין קאָוואַלעווסק זײַנען נעכטן דרײַ פּאָכאָראָנעס אָנגעקומען... דעם פּאַרזיצערס זון איז דערהאַרגעט געוואָרן, דער קאָוואַל זייערער און דער בריגאַדיר... דעם בריגאַדיר איז נאָך קיין דרײַסיק יאָר ניט געווען... איבערגעלאָזט אַ ווײַב מיט דרײַ פּיצלעך קינדער...

מיט אירע נײַס האָט הינדע צעקאַלעמוטשעט זעלדען דאָס האַרץ, און ווען זעלדע איז פאַרבליבן אַליין, האָט זי שוין ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן די יונגע אַלמאָנעס און וועגן די יעסוימימלעך, וועגן די יעלאָלעס, וואָס קערן שטיין דאָרט אין די שטיבער...

זי האָט געוואָלט פאַרגעסן זיך און גענומען גרייטן וועטשערע צו שעפּטלס קומען. זי וועט גאָר אָפּבאַקן בלינצעס. שעפּטל האָט ליב בלינצעס מיט סמעטענע. אַראָפּגענומען פון פּאָליצע אַ קריגל מיט זויערמילך, קעדיי פאַרקנעטן אויף דעם דאָס טייג, האָט זי מיטאַמאָל דערזען דורך דעם אָפענעם גאַס־פענצטער גיין אהער דעם קוריער פון דאָרפראַט מיט אַ פּאַפּירל אין האַנט.

דאָס האַרץ איז בײַ איר פאַרשטאָרבן, דאָס שווערע קריגל האָט זיך אַ קער געטאָן אין האַנט, און די זויערמילך האָט זיך אויסגעגאָסן איבערן טיש.

זעלדע האָט ניט באַוויזן צוקלײַבן, ווי ס'איז אַרײַן דער קוריער, שוין ניט קיין יונגער מענטש, מיט איין האַנט, אַן אינוואַליד פון דער פאַריקער מילכאָמע.

— אַ גוטן־אָוונט, — האָט ער אויסגעווישט מיט דער קעפּקע דעם שווייס פונעם פּאָנעם, — דער באַלעבאָס איז דאָ?

— וואָס? — האָט זעלדע ניט מיט איר קאָל געפרעגט.

— אַ פּאָוועסטקע אָט... שעפּטל קאָבילעצן... כ'האָב אהער געטראָפן?.. קיין טאָעס ניט געהאַט?..

— אַ פּאָוועסטקע? — זעלדע האָט דערפילט, ווי די פיס האָבן בײַ איר זיך אונטערגעבראָכן.

— ווו איז ער?.. איך אײַל זיך. גיט אים אַ רוף.

— ער איז אין סטעפּ, — האָט זעלדע צעטומלט געזאָגט.

— איז שרײַבט איר זיך אונטער, — האָט ער איר דערלאַנגט די פּאָוועסטקע. זעלדע האָט ניט געוווּסט, וואָס מיט איר טוט זיך, האָט, אַפילו ניט איבערלייענדיק, זיך אונטערגעשריבן.

דער קוריער איז אוועק. זעלדע איז מיט דער פּאָוועסטקע צוגעגאַנגען צום פענצטער, ווו ס'איז געווען ליכטיקער. קוים פאַנאַנדערקלײַבנדיק די אויסיעס, וועלכע האָבן איר געשווינדלט פאַר די אויגן, איבערגעלייענט און דערפילט, אַז די ערד האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער אירע פיס.

אין דער פּאָוועסטקע איז געווען אָנגעוויזן, אַז מאָרגן, דעם 21 יולי, דאַרף שעפּטל זיך מעלדן אין הוליי־פּאָליער ראַיוואָיענקאָמאַט...

זעלדע האָט ווי אין אונטערגעשניטענע זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער קאַנאַפּקע און געבליבן זיצן אָנמעכטיק.

„מאָרגן... מאָרגן“...

פון דעם ערשטן טאָג מילכאָמע האָט זעלדע די גאַנצע צייט מיט ציטער גע־וואַרט אויף אָט דער שרעקלעכער פּאַר איר מינוט, נאָר דאָך האָט זי זיך ניט געריכט, אַז מע זאָל אים אַזוי גיך נעמען. מע האָט דאָך ערשט ניט לאַנג מאָביליזירט אַזויפיל מענטשן... און שוין ווידער... מע קאָן זיך דערוויילע ניט באַגיין אָן אים?.. ער איז דאָך אַ טאַטע פון פיר קליינע קינדער. דערצו נאָך אַ פּרעמד קינד. און אַ קראַנקע מאַמע... וויאַזוי וועט זי איצט פאַרבלייבן מיט אַזאַ מישפּאָכע?..

זעלדע האָט זיך אָנגענומען מיט קויכעס און זיך אופגעשטעלט. „וואָס זיץ איך? מע דאַרף צולויפן אָפּזוכן שעפּטלען. ער קאָן זיך דאָרט פאַרהאַלטן ביז שפּעט בא־נאַכט, און זי וועט אפילע ניט באַווייזן זיך אָנקוקן אויף אים“...

אַ צעטומלט־פאַרטראָגענע האָט זעלדע זיך שוין געלאָזט גיין, נאָר די אַלטע האָט אָנגעהויבן קרעכצן און זעלדע איז אַריין צו איר.

— ווער איז דאָ געווען?.. — האָט די אַלטע מיט אַ כריפּ געפרעגט.

— קיינער... — זעלדע האָט זיך געסטאַרעט ענטפערן רויק.

— כ׳האָב געהערט... געהערט ריידן...

— דאָס האָב איך גערעדט... כ׳ל באַלד אַריין, — האָט זעלדע צעשטרייט געזאָגט.

— גיי ניט אוועק... גיב אַ ביסל טיי... ווו איז שעפּטל? ס׳איז מיר ניט גוט...

— שוין... שוויגער... איך מאַך שוין טיי...

איבערלאָזן איצט די שוויגער און אוועקגיין האָט זעלדע שוין ניט געקאָנט. זי האָט גענומען פאַנאַנדערצינדן דעם פּרימוס. אַלץ איז בא איר געפאַלן פון די הענט. זי האָט זיך אויף אַ רעגע אַרויסגעכאַפּט אין הויף צום טויער, זען, צי שעפּטל גייט ניט. זי האָט געפרעגט בא די פאַרבייגייענדיקע, ווו איז ער, נאָר קיינער פון זיי האָט איר ניט געקאָנט קלאָר ענטפערן. אייניקע האָבן אים געזען אויפן הארמאַן, אַנדערע בא די סילאָס־גריבער, אַ דריטער — באַם שוואַרצבראָך.

זעלדע האָט געפילט, אַז זי עקט זיך מיטן לעבן. שוין עטלעכע שאָ אוואַדע ליגט די פּאָוועסטקע אין שטוב, און ער ווייסט אפילע ניט. זי האָט מיט אומגעדולד אַרויס־געקוקט, אַז ער זאָל שוין וואָס גיכער קומען, און גלייכצייטיק האָט זי געשראָקן: „וויאַזוי וועט זי אים עס גאָר אָנזאָגן?“

די אַלטע האָט אַ זופּ געטאָן עטלעכע לעפעלעך טיי און באַלד איינגעדרעמלט. זעלדע האָט גענומען שאָלעמקען אויף די הענט און אוועקגעלאָפן אין קאָלווירט־הויף. שעפּטל איז דאָרט ניט געווען.

— וואָסי געשען? — האָט געפרעגט אַ קאָלווירטניק, וועלכער איז געשטאַנען לעבן שטאַל מיט אַ צייטונג אין די הענט.

— די שוויגער איז ניט געזונט... ווי נאָר שעפּטל וועט קומען, זאָגט אים, זײַט אזוי גוט, ער זאָל גלײַך קומען אהיים...

וועגן דער פּאָוועסטקע האָט זי גאָרנישט ניט געזאָגט.

ווען זעלדע האָט זיך אומגעקערט אין הויף, זײַנען איר אנטקעגן געלאָפן די קינדער, וועלכע זײַנען נאָרוואָס געקומען פונעם סטאַוואָק.

— מאַמע!..

— מאַמע, ווו ביסטו געווען?..

— גיב עסן, מאַמע!..

— עסן...

— עסן!.. — זײַנען זיי זי באַפאַלן פון אַלע זײַטן, געשלעפּט פאַר די אַרבל, פאַר דעם קלייד, געשטופּט זיך.

— שאַ... וואָסי די סימכע אף אײַך אזוי גרויס, — האָט זי מיט ווייטעק געזאָגט די קינדער. — מאָרגן... מאָרגן גייט אוועק דער טאַטע אף דער מילכאָמע...

— אף דער מילכאָמע? — האָט שמועלקע זיך דערפרייט. — טאַקע, מאַמע?.. אן עמעס?..

אז מע האָט גענומען זוזיקס טאַטן און די טאַטעס פון פיל אַנדערע אין כוטאָר אף דער מילכאָמע און זײַן טאַטן ניט, האָט שמועלקע זייער איבערגעלעבט. די ייִנגלעך האָבן זיך געריצט מיט אים, מע פלעגט זיך ניט וועלן שפּילן מיט אים און אז שוין יאָ, איז נאָר ווען עמעץ פלעגט אויספעלן צו דער צאָל.

איצט האָט שמועלקע א צופרידענער, א פרייליכער געקײַט אף בײדע באַקן. מיטאמאָל האָט ער באמערקט, אז בא דער מאַמען זײַנען פײַכט די אויגן, און ער איז שטיל געוואָרן.

די קינדער האָבן אָפּגעגעסן און געבליבן זיצן באַם טיש, געוואַרט אפן טאַטן. אין דרויסן איז שוין געווען גוט טונקל, און שעפּטל איז נאָך אַלץ ניט געווען. די קינדער האָבן איינציקווײַז זיך צוגעלייגט אין אַנטאָן אף א ווײַלע אין גרויסן בעט און זײַנען אנשלאָפן געוואָרן.

זעלדע האָט פאַרהאַנגען מיט שעפּטלס בורקע דאָס פענצטער, אָנגעצונדן א קליין לעמפּל און ארויס פון שטוב.

„ווו איז ער? — זי האָט זיך ארומגעדרייט אף דער סטעזשקע לעבן הויף. — ווו גייט מען אים זוכן?.. געדאַרפט גלײַך, די מינוט, ווי נאָר מע האָט געבראַכט די פּאָ־וועסטקע, לויפן אין סטעפּ... ער וועט דאָך ניט באַווײַזן אפילע צוגרייטן זיך אין וועג... וואָס זשע טוט מען?..“

מיטאמאָל האָט זי דורך דער נאַכט־בלויקײַט דערזען אים גיין.

— שעפּטל! — האָט זי אויסגעשריִען און זיך געלאָזט צו אים.

— זעלדע? — האָט שעפּטל פאַרכידעשט געפרעגט. — וואָסי?.. וואָס טוסטו דאָ?.. ס׳איז עפּעס געשען?..

— איך... כ׳האָב... איך בין...

— רייד שוין... וואָסי? — האָט שעפּטל דערשראָקן געזאָגט, פאַרגיכערנדיק די טריט. — מיט דער מאַמען עפּעס, האַ?

— ניין, ניין... גאָרניט... די מאַמע שלאָפט... וואָס אַזוי שפּעט?.. ווו ביסטו געווען ביז איצט?..

— וואָס הייסט ווו? — האָט שעפּטל, באַרויִקנדיק זיך, געזאָגט. — כ׳בין ערשט פון סטעפּ. אַריבערגעפירט די דרעשמאַשין אַפן נייַעם האַרמאַן... מאָרגן פאַרטאָג שטעלן מיר זיך דרעשן דעם גערשטן פון דער באַלקע...

שעפּטל איז אַרייַן אין שטוב, שטיל געעפנט די טיר פון דעם זייַטיקן קליינעם צימערל, זיך צוגעהערט. די מאַמע איז געשלאָפן. ער האָט צוריק פאַרזיכטיק צוגע־מאַכט די טיר, אויסגעטאָן די פאַרשטויבטע קורטקע און ערשט איצט באַמערקט די קינדער אין בעט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ נייַעס? — האָט ער אומצופרידן געזאָגט.

— זיי האָבן געוואַרט אויף דיר, — האָט זעלדע מיט אַ געדריקטער שטים זיך אָנגערופן.

— וואָסי? וואָסי געשען? — האָט ער ווידער אַ באַומרויִקטער אַ קוק געטאָן אויף איר.

— פון דאָרפראַט איז מען געווען, — האָט זעלדע שטיל געזאָגט און האָט פאַר־שטיקט אין זיך אַ כליפּ.

— כ׳פאַרשטיי ניט. וואָס פון דאָרפראַט?.. ווער איז געווען?..

— אָט דער... נו, וואָס אָן דער האַנט, — זעלדע האָט זיך באַמיט, דאָס קאָל זאָל בא איר ניט ציטערן, ס׳האָט איר פאַרכאַפּט דער אָטעם. — אַ פּאָוועסטקע...

— אַ פּאָוועסטקע? — שעפּטל האָט איבערגעפרעגט אַזוי, ווי ער וואָלט זיך ניט געריכט, אַז מע וועט אים אַזוי גיך אַרויסרופן.

כאָטש נאָך דעם, ווי ער האָט אָפּגעגעבן די מעלדונג דעם פאַרשטייער פון ראַי־וואָיענקאָמאַט, האָט ער יעדן טאָג געוואַרט, מע זאָל אים רופן, דאָך האָט ער איצט, אין דער ערשטער מינוט, זיך פאַרלוירן.

„שוין מאָרגן"... — האָט ער אַ ריב געטאָן דעם פייַכט געוואָרענעם שטערן. ער האָט פאַרייכערט, זיך שטאַרק פאַרצויגן און צעטראָגן זיך דורכגעגאַנגען איבער דעם שוואַך־באַלויכטענעם צימער. ער האָט פאַרזאָרגט זיך אומגעקוקט אויף זעלדען, וועלכע איז געשטאַנען אַ בלייכע לעבן טיש, און אויף די קינדער, וועלכע זייַנען געשמאַק געשלאָפן.

— שעפּטל... פאַר אונדז זאָרג זיך ניט, — איז זעלדע צוגעגאַנגען צו אים און ניט דרייסט אַ גלעט געטאָן אים איבער די געדיכטע שוואַרצע האָר, — און וועגן דער מאַמען... כ׳ל אַליין צופאָרן נאָך אַ דאָקטער... דו... — דאָס קאָל האָט בא איר אַ ציטער געטאָן. — געדענק... אַז דער איקער ביסטו בא אונדז...

אין יענער מינוט, ווען שעפּטל האָט אָנגעשריבן און אָפּגעגעבן די מעלדונג, אַז ער בעט שיקן אים אַפן פראָנט, האָט ער ניט באַנומען אַזוי קלאָר, ווי איצט, וואָס הייסט איבערלאָזן אַזאַ מישפּאָכע, איבערלאָזן זעלדען מיט פיר קינדער, איינס

קלענער פונעם אנדערן, מיט דער קראנקער מאמען און דערצו נאָך מיט א פרעמד קינד... זעקס נעפּאשעס אף זעלדעס פּלייצעס... וויאזוי וועלן זיי לעבן אָן אים?..

ער האָט ארומגענומען זעלדען און ארויסגעזאָגט אלץ, וואָס האָט אים איצט געמאטערט.

— וואָס רעדסטו, שעפּטל, — זעלדע איז געווען גערירט פון זײַן איבערגעגעבנקייַט, — סײַדן נאָר איך איינע פארבלײַב מיט קליינע קינדער?.. קער זיך נאָר אום געזונטערהייט...

פון זעלדעס רייד האָט שעפּטל זיך א ביסל בארויִקט, זיך צוגעזעצט אף דער באנק, ווידער פארייכערט און מיטאמאָל א טראכט געטאָן, אז ער האָט א וועלט מיט ארבעט ביזן אָפּפאָרן. מע דארף נאָך עפּעס טאָן אין שטוב, אז זעלדע זאָל נאָכדעם זיך ניט דארפן פארנעמען מיט דעם. נאָר פריִער פאר אלץ דארף מען זיך צוכאפּן אין קאָלווירט־קאָנטאָר, איבערגעבן די בריגאדע. שעפּטלען האָט פון דעם א נאָג געטאָן דאָס הארץ. ער האָט זיך אופגעהויבן און גענומען צוריק אָנטאָן די קורטקע.

— ווּהין איז, שעפּטל? — האָט זעלדע דערשראָקן געפרעגט.

— כ׳ל צוגיין אין קאָנטאָר...

— איצטער־אָ?..

— ווען זשע?.. טו אויס די קינדער... לייג זיי שלאָפן...

— האָסט דאָך אפילע נאָך ניט געגעסן... ס׳איז פארבליבן אינגאנצן עטלעכע שאָ אונדז זײַן צוזאמען...

— נו, זאָג אליין, איך דארף דאָך צוגיין...

— איז גיי און פארהאלט זיך ניט.

— כ׳ל באלד קומען... כ׳ל זיך ניט פארהאלטן... — און ער איז אוועק.

ווי נאָר שעפּטל איז ארויס פון הויף, האָט זעלדע זיך צוגעשפּארט מיטן קאָפּ צו דער וואנט און פארשטיקט, אז קיינער זאָל ניט הערן, זיך גוט אויסגעוויינט.

אין דער שטארק אָנגערייכערטער קאָלווירט־קאָנטאָר האָט שעפּטל נאָך געטראָפן כאָנציען, כאַמע טראסקונען און קאלמען זאָהאָטן. פון די נײַס, וואָס ער האָט געבראכט, זײַנען זיי געבליבן זיצן פארזאָרגט, באזונדערס כאָנציע.

קאָלזמאן שעפּטל איז געווען בריגאדיר, איז ער געווען רויִק פאר דער ארבעט אין פעלד. די פאָרזיצערס פון די שכיינעסדיקע קאָלווירטן זײַנען אים אפילע מעקאַנע געווען. „מיט שעפּטלען האָט דיר אָפּגעגליקט״, — האָט ער ניט איין מאָל געהערט פון זיי. און וואָס וועט איצט זײַן? ווען מען שטעלט מען אוועק אף שעפּטלס אָרט? סײַדן קאלמען זאָהאָטן. אים וועט שוין אויסקומען שלעפּן צוויי וועגענער — אי די פערמע, אי די פעלד־בריגאדע.

ווי שעפּטל האָט זיך ניט געײַלט, האָט ער זיך דאָך לאנג פארהאלטן אין קאָנטאָר. צוזאמען מיט קאלמען זאָהאָטן, מיט כאָנציען און כאַמע טראסקונען האָט ער צונויפגעשטעלט א פּלאן, וועלכע ארבעטן מע דארף פריִער אָפּטאָן אין סטעפּ.

ס׳איז שוין געווען שפּעט, ווען כּאַנציע, כאַמע און קאַלמען זאַהאַט האָבן צוגע־פירט שעפּטלען צו זײַן הויף און זיך געזעגנט מיט אים ביז מאָרגן אינדערפרי.

גאַנצפרי וועט גיין א וואָלקע ברויט צום עלעוואַטאָר, און, קעדיי ניט טרײַבן קיין איבעריקן וואָגן, וועט שעפּטל שוין מיט דער ברויט־וואָלקע צופאָרן ביז הור־לײַפּאָליע...

— א גוטע נאַכט...

— א גוטע נאַכט...

— א גוטע נאַכט, — האָט שעפּטל געענטפערט און איז אוועק אין שטוב.

— וואָס אזוי לאַנג? — האָט זעלדע שטיל א פרעג געטאָן. זי איז געווען אינ־גאַנצן פאַרפלאַמט פון שטיין לעבן אויוון, זי האָט געבאַקט שמעקנדיקע קיכעלעך. די קינדער, אויסגעטאָנענע, זײַנען שוין געשלאָפן בא זיך אין די בעטלעך.

— ווּעסט עסן? כ׳ל שוין געבן...

— ניין, איך וויל ניט.

— האָסט דאָך ניט געגעסן.

— כ׳וויל ניט... איצט וויל איך ניט...

— וואָסי... וואָסי דאָרט?.. — האָט זי אומרויִק אף אים א קוק געטאָן.

— וואָס זאָל זײַן... זעקס אזייגער אינדערפרי פאָר איך...

— זעקס אזייגער?.. אזוי פרי?..

— מיט דער ברויט־וואָלקע...

— איז וואָס, אז מיט דער ברויט־וואָלקע... סײַדן זי קאָן ניט גיין שפּעטער א ביסל?.. דו פאָרסט דאָך מיסטאמע ניט אליין... ווער פאָרט נאָך?..

— האַ? — האָט שעפּטל איבערגעפרעגט, ווי ער וואָלט ניט געהערט.

— ס׳האָט נאָך עמעצער באַקומען א פּאָוועסטקע?

— א פּאָוועסטקע?.. כ׳ווייס ניט... ניין... כ׳האָב ניט געהערט... דוכט זיך, ניין...

— נאָר דו?

— וואָס איז דיר דער אונטערשייד?.. וואָס טוסטו? וואָס באַקסטו? — האָט ער א פרעג געטאָן.

— קיכעלעך דיר אין וועג, — האָט זי זיך א וויש געטאָן דעם שווייס פונעם פּאָנעם.

— צוליב וואָס?.. איך דאַרף ניט קיין קיכעלעך...

— וואָס זשע געבן דיר מיט זיך?

— א שטיקל ברויט, א פּאָר אוגערקעס, א ביסל זאַלץ, און פאַרטיק. מער דאַרף איך גאָרניט. מער וועל איך מיט זיך גאָרנישט ניט נעמען.

— דו ווילסט מיר אָפּעסן דאָס האַרץ?..

— איך וויל, אז דו זאָלסט זיך שוין אָפּרוען...

— ווי קאָן איך איצט רוען, אז מאָרגן אין דער צײַט... מאָרגן אין דער צײַט... — זי האָט זיך אָפּגעקערט און גיך אויסגעווישט די אויגן, ער זאָל ניט זען, און באַלד, ווי זי וואָלט וועלן מאַכן אים און זיך גרינגער אפן האַרצן, געזאָגט:

— און עפשער וועט די מילכאָמע זיך גיך ענדיקן און דו וועסט זיך גאָר־גאָר איינגיכן אומקערן, האַ, שעפּטל?..

— עפשער... — האָט שעפּטל געענטפערט, כאָטש ער האָט ווייניק געגלייבט אין דעם. פון טאָג צו טאָג זיינען די סוואָדקעס געוואָרן אַלץ ערגער. דער דייטש האָט געשפּאַרט אַף אַלע פראָנטן.

שעפּטל האָט דערפילט די מידקייט פון דער האָרעוואַניע פאַרן טאָג. ס׳האָט אים א צי געטאָן צום געלעגער, נאָר קאַלזמאַן זעלדע איז געווען אַף די פיס און זיך געייסעקט באם אויוון, האָט ער זיך ניט געלייגט. ער האָט זיך צוגעשפּאַרט אַף דער הארטער קאַנאַפּע, און עס זיינען אים באַלד ווידער באַפאַלן די זאָרגן וועגן דער מישפּאָכע. „מאָרגן אין אָט דער צייט וועט ער שוין דאָ ניט זיין... ווי וועט דעמלט אויסזען די שטוב?.. זעלדע?.. די קינדער?..” ער האָט עס אַפילע ניט גע־קאָנט זיך פאָרשטעלן. אז ער איז דאָ, איז איר גאָר ניט גרינג מיט די קינדער, און אז זי וועט פאַרבלייבן אַליין מיט זיי, ווי וועט איר דעמלט זיין? נאָך גוט, וואָס ער האָט געבראַכט א ביסל אין אָרדענונג די שטוב־באַלעבאַטישקייט, וואָס ער האָט פאַריכט דעם סרוב פונעם ברונעם, צוגעדעקט די שטאַל, אויסגערייניקט דעם קעלער...

— כ׳מיין, האַ, זעלדע, כ׳רעכן, אז קאַרטאָפל וועט זיין געגוג... ס׳וועט אייך קלעקן אַפן ווינטער... הייצונג, מיין איך, וועט אייך סטייען... נו, און דאָס איבעריקע וועט שוין דער קאָלווירט... דעריקער, דו הערסט, זאָלסט אַכטונג געבן אַף זיך, אַף די קינדער, נו, און אַף דער מאמען... האָסט איר געזאָגט?.. זי ווייסט?..

— צוליב וואָס איר איצט אָפּעסן דאָס האַרץ?..

— יאָ, ביסט גערעכט, אָבער...

שעפּטל האָט זיך פאַרטראַכט. וואָס הייסט ניט זאָגן? ווי קאָן ער אַוועק אַף דער מילכאָמע און זיך ניט געזעגענען מיט דער מאמען? ביפראַט אז ווער ווייסט, צי ער וועט זי נאָך אַמאָל זען...

— ביין, מע דאַרף איר זאָגן... ווי זשע אַנדערש? — ער האָט ווידער פאַררייכערט א פאַפּיראָס, גערעדט נאָך א ווייל מיט זעלדען און מיט דעם ניט דערייכערטן פאַפּיראָס אין האַנט אַנדרעמלט געוואָרן.

און זעלדע האָט נאָך אַלץ ארומגעפּאַדעט. זי האָט אָפּגעבאַקן די קיכעלעך, אָפּ־געבראָטן א הון, אָפּגעקאָכט אייער און נאָכדעם גענומען צונויפלייגן דאָס אַלץ אין דער טאָרבע, וועלכע זי האָט אופגענייט פאַר שעפּטלען. זי האָט אריינגעלייגט צוויי פּאָר אינגאַנצן ניי גרעט, וואָס זי האָט געקויפט ערשט ניט לאַנג אין „סעלפּאָ”, א ליילעך, א האַנטעך, צוויי פּאָר פּאָרטיאַנקעס, שווארצע און וויסע קניילכלעך פּאָ־דעם מיט א נאָדל, דאָס גאָלמעסער, זייף און נאָך קליינינקייטן. באַזונדער, אין פּער־גאַמענט־פּאַפּיר, האָט זי איינגעוויקלט א שטיק פרישן פּוטער, עטלעכע גאָמלקעס, די הון. די טאָרבע איז געווען שוין קימאַט פול, און זי האָט נאָך אריינגעשטופּט א צענדליק אייער, א שקאַרמיץ מיט צוקער, א לאַבן ברויט און די פריש־שמעקנדיקע קיכעלעך. איר האָט זיך געוואָלט נאָך מיטגעבן אים א קריגעלע מיט הינער־שמאַלץ,

א סלאָיקל מיט האָניק, פרישע אוגערקעס, עפל... ווען זי וואָלט געהאַט וווהין איינ־פּאַקן, וואָלט זי אים מיטגעגעבן אַלץ, וואָס ס'איז געווען אין שטוב.

דרעמלענדיק האָט שעפטל אַרויסגעלאָזט דעם אויסגעלאָשענעם פּאַפּיראָס פון דער האַנט, ער האָט געעפנט די אויגן און דערזען די אָנגעפּאַקטע טאָרבע אויפן טיש.

שעפטל האָט זיך אויפגעהויבן, גענומען די טאָרבע אין די הענט און אַזש א קרעכץ געטאָן.

— נישקאָשע פון א טאָרבע! — און אויסגעשאָטן אַלץ אויף דעם טישטעך.

— וואָס טוסטו? — האָט זעלדע אויסגעשריִען.

— נו, זאָג אַליין, וואָס האָסטו מיר דאָ אָנגעלייגט.

— שעפטל... איך בעט דיך...

— אויף וואָס דאַרף איך עס? ווי איך קום אַהין, נעמט מען מיך דאָך גלייך אויף „דאָוואָלסטוויע".

— דאָרט וועסטו דאָך אָבער אַזאַ עסן ניט האָבן. איך בעט דיך... אַז איך וועל וויסן, אַז דו עסט דאָס, וואָס איך האָב פאַר דיר צוגעגרייט, וועט מיר פון דעם אַליין שוין זיין גרינגער...

— ניין, ניין, — האָט שעפטל א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

אים האָט זיך גאָרנישט ניט געוואָלט נעמען מיט זיך. זאָל דאָס בעסער בלייבן אין שטוב פאַר די קינדער, פאַר איר, פאַר דער מאַמען... איצט, ווען ער גייט אַוועק אויף מילכאָמע, וועט אַלץ אין שטוב צוניץ קומען...

— פאַרוואָס ווילסטו מיר אָפּעסן דאָס האַרץ, — האָט זעלדע מיט א ציטערנדי־קער שטים געזאָגט, און שעפטל האָט דערפילט, אַז אָט־אָט צעוויינט זי זיך.

— נו, שאַ... נו, גוט... נאָר צוליב וואָס דאָס גרעט?

— כ'האָב דאָך געקויפט פאַר דיר... דו האָסט דאָך עס אפילו ניט אָנגעטאָן.

— כ'ל אָנטאָן, אַז איך וועל זיך אומקערן...

— האַלעווײַ... קער זיך וואָס גיכער אום, — האָט זי שטיל א זיפץ געטאָן, — קער זיך אום געזונטערהייט...

זעלדע האָט אַרייַנגעלייגט אַלץ צוריק אין דער טאָרבע, זיך אַרומגעוואַשן, פאַר־לאָשן די שײַן און זיך געלייגט שלאָפן.

שפּעטער א ווײַלע האָט זעלדע, גלעטנדיק שעפטלען דעם קאָפּ, פאַרזאָרגט גע־שעפּטשעט:

— מאָרגן אין דער צײַט, שעפטל... ווו? ווו וועסטו זײַן?..

— איך ווייס? — האָט שעפטל געענטפערט און בעשאַס־מײַסע א טראַכט גע־טאָן, אַז מאָרגן אין דער צײַט וועט ער עפשער נאָך זײַן אין הוליײַפּאָליע. ער האָט אַרומגענומען זעלדען און זי א קוש געטאָן.

— לאָמיר שלאָפן, — האָט זעלדע אים א גלעט געטאָן איבערן שטערן, — מע דאַרף שוין באַלד אופשטיין...

— גוט, זעלדע...

— שלאָף, שלאָף, שעפּטל... — זי האָט אים אויך שטיל אַ קוש געטאָן.

שעפּטל האָט צוגעמאַכט די אויגן. ער האָט זיך געסטאַרעט אַנשלאָפֿן ווערן, נאָר אין קאָפּ זײַנען אים געקראָכן פֿאַרשיידענע געדאַנקען. ס'איז אים אַ שאָד געווען, וואָס ער האָט ניט באַוויזן אָפּדרעשן דעם גערשטן און ניט פֿאַרלייגט די נײַע פּינף צעמענטירטע גריבער מיט סילאָס... און דעם שוואַרצברויך אין דער הינטישער באַלקע האָט מען נאָך אויך ניט איבערגעוואַלויטשעוועט, ס'האָט זיך דאָרט שוין באַוויזן בוריאַן. און די זיפּן דאַרף מען בײַטן אין דער דרעשמאַשין, ניט פֿאַרגעסן זאָגן מאָרגן קאַלמען זאַהאָטן וועגן דעם... נו, און די שטוב... וואָס דאַרף ער נאָך טאָן אין שטוב?... ער וועט אופּשטיין, ווי ס'וועט נאָר אָנהייבן שאַריִען, וועט ער שוין זען... ניט גרינג וועט זײַן זעלדען, — האָט ער ווידער מיט זאָרג אַ טראַכט געטאָן און אָנגעשטויסן געוואָרן אַף זיך אַליין. — האָסט איר ניט דערציילט אַפֿילע, אַז דו גייסט פֿרײַוויליק, זי ווייסט דאָך ניט. פֿאַרוואָס באַהאַלטסטו עס פֿון איר? שעפּטל האָט זיך דערפֿילט שולדיק, געוואָלט איר זאָגן, נאָר ער האָט געזשאַלעוועט זי וועקן, זאָל זי שלאָפֿן. זי האָט זיך געגנוג אָנגעהאָרעוועט.

נאָר זעלדע איז אויך ניט געשלאָפֿן. זי איז געלעגן אײַנגענורעט דעם קאָפּ אין קישן. דאָס האַרץ האָט באַ איר געגנאָגט, געוווייבט אָן טרערן. „אָט ליגט ער לעבן איר. זי הערט, ווי ער אָטעמט. און מאָרגן?.. מאָרגן וועט זי שוין ניט דאַרפֿן גרייטן פֿאַר אים קיין פֿרישטיק, ניט וואַרטן אַף אים מיטן מיטיק, ניט וואַשן און פּרעסן זײַנע העמדער, ניט זאָרגן יעדע מינוט, יעדע רעגע וועגן אים... ווי וועט זי לעבן אָן דעם?"... זי האָט מיטאַמאָל זיך דערמאָנט, ווי זי איז נאָך דער כאַסענע געפֿאָרן מיט אים אַף דער האַרבע אַף נאַכט אין סטעפּ, ווי זיי זײַנען געלעגן דאָרטן אונטער דער אָנגעוואַרעמטער קאָפּיצע ביזן זון־אופֿגאַנג. ער האָט ניט געקאָנט זײַן אָן איר קיין איין רעגע, שטענדיק האָט ער געוואָלט, אַז זי זאָל זײַן לעבן אים, און זי האָט אויך אָן אים ניט געקאָנט זײַן. און איצט ווי? איר איז קיינמאָל אַפֿילע ניט געקומען אַפֿן זינען, אַז זיי וועלן זיך דאַרפֿן צעשיידן. און אָט זײַנען פֿאַרבליבן איינגאַנצן עט־לעכע שאָ...

ווי ס'האָט נאָר אָנגעהויבן גרויען אַף טאָג, איז שעפּטל אופֿגעשטאַנען און אַרויס אינעם פֿרישן קילבלעכן דרויסן. ער האָט אַרומגעשפּאַנט איבער דעם באַגרינטן הויף, געזוכט, וואָס דאַרף מען נאָך צורעכט מאַכן, וואָס קאָן ער נאָך ברענגען אין אָרדענונג ביז זײַן אוועקפֿאָרן. ס'איז אים ניט געפֿעלן געוואָרן, ווי דער ערשט ניט לאַנג צונויפֿגעלייגטער סטויג היי איז געוואַרשעוועט. ער איז מיט אַ ווילע אַרופֿגע־קראָכן אין דער הייך און פֿאַריכט אים, אַז דער ווינט זאָל גאָרנישט ניט פֿאַנאַנדער־ווייען. נאָכדעם האָט ער אײַנדערגיך צונויפֿגעלייגט דאָס הייצוואַרג הינטער דער שטאַל, אַז דער רעגן זאָל עס ניט נעצן, אַרומגעגראָבן די געדיכט פֿאַנאַנדערגע־וואַקסענע ווײַנשלבביימער, אָנגעגאָסן די דייזשקע, וואָס איז געשטאַנען לעבן ברונעם, אַ פֿולע מיט וואַסער און די לעצטע צוויי עמער אַרײַנגעטראָגן אין קיך.

— צוליב וואָס, שעפּטל, — האָט זעלדע צוגענומען באַ אים די עמער פֿון די

הענט. זי האָט זיך שוין געהאט אומגעקערט פון דער פּערמע און זיך געייסעקט באַם אויוון.

— איכ׳ל אַרײַנטראָגן נאָך א פּאָר עמער.

— איכ׳ל אַליין. רו זיך אָפּ. זעץ זיך אַוועק. לאָז כאָטש צוזאַט זיך אָנקוקן אויף דיר... אוי, איך האָב דאָך פאַרגעסן געבן דיר זאַלץ מיט זיך, — האָט זעלדע מיט־אַמאָל זיך א כאַפּ געטאָן און גענומען זוכן הינטערן פּאַרהענגל.

— מע דאַרף ניט. איך וועל נעמען באַ עמעצן.

— כ׳וויל, זאָלסט האָבן אייגענע. כ׳האָב נאָך נעכטן באַנאַכט צוגעגרייט. — זעלדע האָט אָפּגעזוכט דאָס טיכעלע מיט זאַלץ און אַרײַנגעשפּאַרט עס אין דער טאָרבע.

— און וואָס צו רייכערן האָסטו?

— כ׳האָב.

— און שוועבעלעך?

— שוועבעלעך אויך.

— דערמאָן זיך, שעפּטל, וואָס דאַרפסטו נאָך... עפּשער געבן דיר די קאָלדרע?..

— און עפּשער די פּערענע? — האָט ער זיך א וויצל געטאָן.

— נו, שאַ... — זי האָט אים געהאָלפן פאַרבינדן די פולגעפּאַקטע טאָרבע און דערבײַ נאָכאַמאָל דערמאָנט, וווּ וואָס עס ליגט, אין וואָס אײַנגעוויקלט, און אָנגע־זאָגט אים ווידעראַמאָל, ער זאָל אַלץ אופעסן.

— גוט... גוט... די קינדער שלאָפן נאָך?.. כ׳ל זיך נאָך צוכאַפּן אויף א ווײַלע אין קאָלווירט־הויף... כ׳ל זיך ניט זאַמען... באַלד קום איך...

— שעפּטל, ס׳איז דאָך געבליבן עפּשער אינגאַנצן א שאָ, — האָט זעלדע מיט א בעטנדיקער שטים געזאָגט.

— איך קום שוין... איכ׳ל זיך ניט זאַמען. וועק דערווײַל אויף די קינדער...

מיט גיכע טריט איז שעפּטל אַרויס פון שטוב און זיך געלאָזט צום קאָלווירט־הויף. איצט, פאַר זײַן אַוועקפאָרן, האָט ער מיטאַמאָל דערפילט, ווי שווער ס׳איז אים זיך צעשיידן מיט דער שטוב, מיט די קינדער, מיט זעלדען, מיט דער מאַמען, מיט זײַן בריגאַדע, מיטן כוטאָר — מיט דעם אַלעמען, וואָס רינגלט אים דאָ אַרום. ער האָט איצט, ווי נאָך קיינמאָל, דערזען און דערפילט, ווי שיין ס׳איז דאָ אַלץ, — אי די געדיכטע אַקאַציעס־אַליי באַ ביידע זײַטן גאַס, אי די ווײַס־אַרומגעקאַלכטע שטי־בער מיט די גריך און בלוי־אַרומגעפּירטע ווינקלען, אי דער שטיל־שלענגלדיקער וועג, דאָס גראָז און די קאַנאַוועס. אַלץ איז אים געווען ליב און טײַער: דאָס מע־כײַעדיק־שיקערנדיקע גערוך, וואָס האָט געטראָגן פון דעם אַרומיקן סטעפּ, די פרישע גרינקײַט פון די יונגעביימער אין די סעדלעך, די שמאָלע אויסגעטראָטענע סטעזשקעלעך... יעדער שפּאַן אָט דאָ, אויף דער היימישער ערד, און דער הימל, וואָס איז זייער הויך און בלוי, ווי ער וואָלט זײַן אַזאַ נאָר דאָ, איבער זייער כוטאָר...

אינעם קאָלווירט־הויף איז געווען טומלדיק. מע האָט די זעק מיט דעם אָפּגע־

רייניקטן און גוט־צוגעטריקנטן ווייץ פונעם צענטראלן אמבאר אָנגעלאָדן אָף די אײַנגעשפּאנטע צוועלף וועגענער, וועלכע האָבן באלד געדארפט גיין צום עלעוואטאָר.

געבאלעבאטעוועט האָט שוין דער נײַ־באשטימטער בריגאדיר — קאלמען זאָהאָט. דערזען שעפּטלען, האָט ער זיך געלאָזט צו אים. שעפּטל איז מיט אים אוועק איבער דער ווירטשאפט און נאָכאמאָל דערקלערט, וועלכע ארבעט מע דארף דאָ אָפּטאָן אין דער ערשטער ריי. נאָכדעם האָבן זיי זיך געזעצט אָף דער בעדארקע און אוועקגעשמיסן אין סטעפּ צום נײַעם הארמאן, ווו מע האָט הײַנט זיך געדארפט שטעלן דרעשן דעם גערשטן פון דער באלקע. שעפּטל האָט צוזאמען מיט קאלמען זאָהאָטן איבערגעשטעלט די זיפּן אין דער דרעשמאשין און אויסגערעגולירט דעם בארא־באן, ער זאָל גוט נעמען דעם זאנג. פון דאָרט האָבן זיי זיך צוגעכאפּט צום אָפּגעשניטענעם גערשטן־פּעלד, צו די זונרויזן און אָפן שווארצברוך. שעפּטלען האָט זיך געוואָלט, אז קאלמען זאָהאָט זאָל מיט זײַנע אייגענע אויגן זען, ווו און וואָס מע דארף דאָ נאָך טאָן.

אומגעקערט האָט זיך שעפּטל אהיים, ווען מע האָט שוין געדארפט אָט־אָט זיך לאָזן אין וועג. זעלדע איז געווען אויסער־זיך. זי האָט ניט געוווּסט, וואָס פריִער צו טאָן. אין שטוב איז געשטאנען א טומל. שאָלעמקע האָט געוויינט אין וויגל. די שוויגער האָט בא זיך אין צימערל געקרעכצט און זיך אויסגעטײַנעט מיט זיך אליין. זי האָט שוין געוווּסט, אז שעפּטל פאָרט באלד אוועק. די קינדער זײַנען ארומגעלאָפּן היין און הער און געשטיפּט, ווי ערעוו א כאסענע. און לעבן טויער האָבן זיך שוין געקליבן קאָלווירטניצעס און קאָלווירטניקעס. פארן אוועקגיין אין סטעפּ אָף דער ארבעט זײַנען זיי געקומען זיך זעגענען מיט זייער בריגאדיר.

— עפּשער וועסטו זיך שוין זעצן עסן, — האָט זעלדע געזאָגט, — עס וועלן דאָך שוין באלד צופאָרן די פורן...

— שוין... איין מינוט... — האָט שעפּטל געענטפערט און ארײַן צו דער מאמען.

ער האָט זיך אומגעקערט א צעשטרייטער און זיך געזעצט צום פארשפּרייטן טיש. די קינדער האָבן זיך אָנגעהויבן שטופּן ארום אים. יעדערער פון זיי — סײַ שמועלקע, וועלכער האָט שוין געהאט אָנגעזאָגט זוזיקן און די איבעריקע ייִנגלעך די סימכע, אז דער טאטע גייט הײַנט אוועק אָף דער מילכאָמע, סײַ עסטערקע און טײַבעלע האָבן געוואָלט זיצן לעבן טאטן. קורט האָט אויך געוואָלט זיך זעצן נאָר לעבן שעפּטלען.

זעלדע האָט אוועקגעשטעלט אָפן טיש א פּאָלומעסעק מיט קארטאָפל־לאטקעס, פולע גלעזער מיט קאלטער זויערמילך, א הייסע פּרעזשעניצע — דאָס, וואָס שעפּטל האָט באזונדערס ליב געהאט.

— נו, זעץ זיך שוין אויך אוועק, — האָט שעפּטל זיך אָנגערופן.

— עס... עס... אָף מיר ווארט ניט, — זי האָט אוועקגעװיגלט אין קיך, געבראכט שמעקנדיקע קאווע, פארווײַסט מיט מילך, און זיך צוגעזעצט אָף דער ברייטער באנק אנטקעגן שעפּטלען.

— זאָלסט ניט פאַרגעסן, זעלדע, ווי נאָר מע וועט ברענגען אין קלייט די לערנביכער, קויפן שמועלקען אַ בוקוואַר, — האָט שעפטל געזאָגט, צורוקנדיק נעענטער צו די קינדער די פּרעזשעניצע, — נאָך אַ כוידעש, און ער גייט דאָך שוין אין שול... ניי אים איבער אַ ווינטער־מאַנטל פון מײַנעם... פונעם אַלטן... ס'וועט זײַן פאַר אים אַ גוטער, וואַרעמער מאַנטל... נו, וואָס נאָך?.. כ'האָב, דוכט זיך, אַלץ אָנגעזאָגט... זאָלסט ניט פאַרגעסן דעם טאָפּאָל, אָט דעם, וועלכן כ'האָב האַיאַר פאַרזעצט אַנטקעגן פענצטער... זאָלסט שרײַבן... און טאָמער וועסט עפּעס דאַרפן, איז זאָג כאָנציען אָדער כאַמען...

— גוט, — האָט זעלדע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך אומגעקוקט צום פענצטער. זי האָט געציטערט, אַז עס זאָל זיך ניט באַווײַזן די ברויט־וואָלקע, מיט וועלכער שעפטל דאַרף פאָרן. זאָל כאָטש געדויערן נאָך אַ ביסל. זאָל ער זײַן נאָך אַ ווײַלע אין דער היים, מיט די קינדער.

מיטאַמאָל האָט זעלדע דערהערט אַ הילכיק טראַכקען פון וועגענער און דערשראָקן צוגעלאָפן צום פענצטער. אַנטקעגן זייער הויף האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ הויך־אָנגעלאָדענער וואָגן מיט זעקלעך ווייץ, הינטער אים נאָך אַ וואָגן, נאָך איינער און נאָך איינער.

די גאַנצע וואָלקע — צוועלף הויך־אָנגעלאָדענע וועגענער מיט טוווע זײַנען געבליבן שטיין אַף דעם אויסגעפאָרענעם וועג, וואָס האָט זיך געשלענגלט אין דער מיט גאַס.

זעלדע האָט דערפילט, אַז ס'האָבן באַ איר אָפּגענומען די פיס. ערשט איצט האָט זי אָפּדערעמעסן פאַרשטאַנען, אַז שעפטל לאָזט זיי איבער און פאָרט באַלד אוועק.

— נו, די ברויט־וואָלקע איז שוין דאָ, — האָט שעפטל האַסטיק זיך אופגעהויבן, — הייסט עס, שוין צײַט... ווו איז, האַ, זעלדע, דער פּידזשאַק?..

באַ זעלדען האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ, אין די אויגן האָבן זיך געשטעלט טרערן, זי האָט זיי גיך אויסגעווישט, דערלאַנגט דעם פּידזשאַק און געהאָלפן אים אָנטאָן.

שעפטל האָט באַהאַלטן אין בוזעם־קעשענע די פּאָוועסטקע, דאָס מיליטערביכל און איז אַרײַן צו דער מאַמען זיך געזעגענען מיט איר.

לעבן דעם טויער און אַף דער מיט גאַס אַרום דעם ערשטן וואָגן מיטן טראַנספּאַראַנט „אַלץ פאַרן פראָנט!" האָט זיך געקליבן אַלץ מער אוילעם — עלטערע מאַנצבלען, קינדער און דעריקער פרויען. די סאָלדאַטקעס, וועלכע זײַנען נאָך ערשט נעכטן געווען אָנגעשטויסן אַף זעלדען דערפאַר, וואָס שעפטל איז דאָ מיט איר, אין דער צײַט, ווען זייערע מענער זײַנען אַפן פראָנט, זײַנען געשטאַנען פאַרומערטע און געווישט זיך די אויגן.

די קאָלווירטניקעס האָבן גערייכערט און פאַרזאָרגט גערעדט צווישן זיך וועגן דער לאַגע אַף די פראָנטן.

— ניט גוט. ווידער ניט פריילעך, — האָט שיִע קוקוי געשאָקלט מיטן פּליכע־וואטן קאָפּ, — אונדזערע זײַנען ווידער אָפּגעטראָטן...

— מאָרגן ווערט ערשט א כוידעש, ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, — האָט סמעקון זיך געערגערט, — און דער דײַטש איז שוין אין סמאָלענסק...

— אין סמאָלענסק איז ער געווען נאָך דעם זעכצעטן...

— ניט אנדערש, אז עפּעס איז געשען... עפּעס טוט זיך ניט אזוי...

— ס'איז ניט גוט... זייער ניט גוט...

די פערד, וואָס זײַנען געווען געשפּאַנט אין די וועגענער, האָבן אָן אופהער גע־שמיסן מיט די עקן, געטריבן פון זיך די אײַנגעגעסענע פליגן.

ארומגערינגלט פון די קינדער, איז שעפטל ארויס פון שטוב אינעם פּידזשאק און אין די נײַע יוכטאָווע שטיוול. אף די הענט האָט ער געהאלטן שאַלעמקען. זעלדע איז געגאנגען הינטער זיי און געטראָגן די טאָרבע.

— זאָג אָן פארן אוועקפאָרן... וואָס דארף איך נאָך טאָן?.. — האָט זי מיט א ציטערנדיקער שטים געבעטן אים.

— דוכט זיך, אלץ...

— נו, לאָמיר זיך געזעגענען, — האָט כאָנציע, וועלכער האָט זיך שוין געײַלט אין סטעפּ, זיך אָנגערופן, ווען שעפטל איז ארויס פון זײַן הויף און צוגעמאכט הינטער זיך די קאליטקע.

זעלדע האָט אוועקגעלייגט די טאָרבע אפן ערשטן וואָגן, פון פאָרנט, לעבן דאָ־דיע בורלאקן, און גענומען בא שעפטלען פון די הענט שאַלעמקען.

שעפטל האָט זיך געזעגנט מיטן קאָלווירט־פּאָרזיצער, מיט כאָמע טראסקונען, מיט קאלמען זאָהאָטן, מיט אלע איבעריקע. ער איז אויך צוגעגאנגען צו לייע־דוואָ־סיען, וועלכע איז געשטאנען באזונדער, איינע אליין פון יענער זײַט פּארקן, און געגעבן איר די האנט.

— פּארבלײַבט געזונט... און האָט אף מיר קיין פאריבל ניט, — האָט שעפטל געזאָגט.

— וואָס איז שוין איצט פאראן צו פאריבל האָבן...

שעפטל האָט זיך גענומען זעגענען מיט די קינדער. ער האָט זיך געזעגנט מיט שמועלקען, מיט עסטערקען און נאָכדעם אופגעהויבן אף די הענט טײַבעלען.

— זאָלסט פאָלגן די מאמע, — האָט ער זי א גלעט געטאָן איבערן קעפּל, — גוט?

טײַבעלע האָט געשוויגן.

— נעם ארום דעם טאטן... נעם ארום... גיב א קוש, — האָט זעלדע שטיל גע־זאָגט, — ווער ווייסט, ווען מיר וועלן אים זען...

— מע דארף ניט, טאטע, — האָט טײַבעלע מיטאמאָל זיך צעוויינט, — פאָר ניט אוועק...

זי האָט ארומגעכאפּט אים מיט די הענטלעך און זיך צוגעדריקט צו אים.

— נו, אַט האָסטו דיר... איך וועל זיך דאָך אינגיכן אומקערן... — האָט שעפטל הויך מיט אַ געמאַכטער פריילעכקייט אויסגערופן, — וועסט וואַרטן אויף מיר, האַ?.. וועסט וואַרטן?..

— כ'ל וואַרטן, — זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים און אַ קוש געטאָן.

ווען שעפטל האָט אַראָפּגעלאָזט טײַבעלען אויף דער ערד, האָט ניט דרייסט זיך צוגערוקט נעענטער צו אים קורט. אַ באַרוועסער, אין די קורצע הייזלעך אויף שלייקעלעך, איז ער געבליבן שטיין אַנטקעגן שעפטלען מיט די פאַרהויבענע בלויע אויגן, וואַרטנדיק, אַז שעפטל זאָל אויך מיט אים זיך זעגענען.

שעפטל האָט זיך עטוואָס פאַרלוירן, גענומען אים אויף די הענט. קורט האָט מיט די הענטלעך אַרומגעכאַפּט שעפטלען באַם האַלדז פּונקט אַזוי, ווי ס'האָבן פריִער געטאָן די איבעריקע קינדער, און אַ קוש געטאָן אים אין באַק. שעפטל האָט אים אויך אַ קוש געטאָן, פּאָטערלעך אַ גלעט געטאָן איבער דער פּלייצקע און איבערן קעפּל, פּונקט אַזוי ווי זײַנע אייגענע קינדער, אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און צוגעגאַנגען צו זעלדען, וואָס איז געשטאַנען, ווי אַ פאַרשטיינערטע, מיט שאָלעמקען אויף די הענט.

שאָלעמקע, אָנגעטאָן אין אַ געקווייטלט העמדעלע, האָט געשמייכלט מיט פאַרמאַכטע ליפּן, און דער שמייכל האָט אויסגעזען זייער קלוג און פאַרשטאַנדיק. וואָס האָט ער איצט געשמייכלט? וואָס האָט דאָס יאָריקע קינד געוווּסט?.. וואָס האָט עס פאַרשטאַנען?..

שעפטל האָט זיך אײַנגעקוקט אין דעם מיזיניק, אים עטלעכע מאָל אַ קוש געטאָן און, פילנדיק, אַז ס'איז פאַרבליבן דאָס שווערסטע, געזעגענען זיך מיט זעלדען, בעקיוון זיך צוגעײַלט.

— נו, זײַ געזונט... גיב אַכטונג אויף זיך, אויף די קינדער, אויף דער מאַמען, — האָט ער זי אַרומגענומען.

— פאַר אונדז, בעט איך דיך, זאָרג זיך ניט, — באַ זעלדען זײַנען געשטאַנען טרערן אין האַלדז, נאָר זי האָט זיך געשטאַרקט מיט אַלע קויכעס, — פאַר אונדז זאָל דיך ניט קימערן... איך בעט דיך, שעפטל, זאָלסט שרײַבן כאָטש יעדע וואָך... דו הערסט, וואָס איך בעט דיך?.. — האָט זי קוים איבערגעכאַפּט דעם אָטעם.

— איך הער... איך הער...

— כאָטש צוויי ווערטער. נאָר יעדע וואָך, געדענק...

— גוט, כ'ל שרײַבן. נו, אַלץ... — האָט ער זי נאָכאַמאָל אַ קוש געטאָן. — גיי אין שטוב... די מאַמע איז אַליין... זײַט געזונט... זײַט געזונט...

שעפטל האָט מיט גיכע טריט זיך געלאָזט צו דער וואָלקע, אַרופגעכאַפּט זיך אויף דעם ערשטן וואָגן און אַ שטורכע געטאָן דאָדיע בורלאַקן, ער זאָל פאָרן.

— אין אַ גוטער שאָ... — האָט דאָדיע בורלאַק געזאָגט און אַ ציִ געטאָן די לייצעס. די אויסגעפּאַשעטע פּאָר גניאַדע פערד האָבן שטײַף אָנגעצויגן די פאָסטראָמקעס, און דער וואָגן האָט זיך גערירט.

זעלדע, אַ בלייכע, האָט זיך צוגעשפּאַרט מיט שאַלעמקעס אַף די הענט צום ברייטן מילבערבוים.

— קער זיך אום געזונטערהייט... קער זיך אום גאַנצערהייט... — האָט זי געשעפּטשעט אין זיך, ווי אַ טפילע, נאָכקוקנדיק נאָך דעם זיך דערווײַטערנדיקן וואָגן, אַף וועלכן שעפּטל איז געזעסן אין דער הייך אַף אַ זעקל ווייץ. גלײַך פון אָרט זײַנען די פערד אוועק אין שנעלן געלויף, און די ברויט־וואָלקע — די צוועלף וועגענער מיטן רויטן טראַנספּאַראַנט פון פאָרנט האָבן געשווינד אוועקגעטראָכקעט אַראָפּ מיט דער גאַס און פאַרקערעוועט פאַרבײַ דעם זאַהאָן.

די קאָלווירטניקעס זײַנען נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען, נאָכגעקוקט די וועגענער און זיך גענומען פאַנאַנדערגיין.

זעלדע מיט די קינדער זײַנען אַרײַן צו זיך אינעם פּוסט־געבליבענעם הויף.

שמועלקע האָט אַ רוף געטאָן אויך זוזיקן. ער האָט זיך געפילט איצט, ווי אַ גלײַכער מיט אים.

דער ערשטער וואָגן איז שוין געווען אַפן סאַמע אַרויף־באַרג. פון הינטן, אָפּשטייענדיק ניט קיין סאַך איינער פונעם אַנדערן, האָבן זיך געצויגן די איבעריקע.

שעפּטל האָט זיך אומגעקוקט פונדאַנען אַפן כוטאָר, וואָס איז פאַרבליבן שוין ווײַט, אָפּגעזוכט מיט די אויגן זײַן שטוב און דערזען, ווי אַפן מיט הויף שטייט דאָרט זעלדע מיט די קינדער און קוקן אַהער, אַרויף־באַרג.

„צי איז מיר באַשערט זיך אומקערן אַהער, צי וועל איך זיי נאָך ווען־ס׳איז זען?..“ — האָט שעפּטל אַ טראַכט געטאָן...

דער וואָגן האָט מיט אַ קלינגערײַ, מיט אַ טראַכקען זיך אוועקגעטראָגן אַראָפּ־באַרג, און די ווײַס־אויסגעקאַלכטע שטוב זײַנע, דער הויף, דער כוטאָר צוזאַמען מיטן סטאַוואָק און מיט דער הרעבליע זײַנען פאַרשוווּנדן פון זײַנע אויגן...

קאַפּיטל צוועלף

די ערשטע העלפט וועג ביז הולײַפּאָליע איז שעפּטל, וואָס איז אַ שווײַגנדיק פאַרזאָרגטער געזעסן אַפן הויך־אָנגעלאָדענעם זיך אונטערטרייסלענדיקן וואָגן, געווען מיט זײַן גאַנצן וועזן, מיט אַלע זײַנע געפילן און געדאַנקען נאָך אַלץ דאָרט, בא זיך אין כוטאָר, אין דער היים. דאָס האַרץ האָט אים גענאָגט. ער האָט געטראַכט וועגן די קינדער און וועגן זעלדען. ערשט איצט, אוועקפאָרנדיק פון דער היים, האָט ער אין דער פולער מאָס פאַרשטאַנען, וויפל גוטסקײַט און געטרײַשאַפט זעלדע פאַרמאָגט אין זיך. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז ער זעט פאַר זיך דאָס בילד, ווי זי שטייט אינמיטן הויף אַרומגערינגלט מיט די קינדער און מיט שאַלעמקעס אַף די הענט און קוקט אומבאַוועגלעך אַרויף־באַרג... און וואָס טוט זעלדע איצט, אין אָט דער מינוט?.. זי איז מיסטאַמע איצט אַף דער פערמע, מעלקט די בעהיימעס... און די קינדער?.. די קינדער לויפן מיסטאַמע, ווי געוויינלעך, אַרום

איבערן הויף, שפּילן זיך... געדאַרפֿט ברענגען אַ דאָקטער צו דער מאַמען... ניט באַוויזן... וואָס האָט ער נאָך געדאַרפֿט טאָן? ער האָט זיך דאָך געקליבן פֿאַרקיטעווען די שויבן, אַז ס׳זאָל ווינטער ניט בלאָזן, און פֿאַרגעסן. אײַנגאַנצן פֿון קאָפּ אַרויס. איצט וועט זעלדע שוין דאַרפֿן אַלץ טאָן אַליין... ווי אַזוי האָט ער עס פֿאַרגעסן?.. און קאַלמען זאַהאַטן האָט ער אויך פֿאַרגעסן זאָגן, אַז אין דעם נײַעם אַמבאַר ליגט אַ קאָמפּלעקט שנײַדמעסערס... נאָר כאָמע ווייסט וועגן דעם... וואָס האָט ער עס געזאָגט מיר לעבן וואָגן?.. קאַטערינע האָט אָוועקגעפֿירט דעם פֿרישטיק די טראַקטאָריסטן און דעריבער ניט געקאָנט קומען זיך זעגענען... מיט וועמען נאָך האָט ער זיך ניט געזעגנט?.. דוכט זיך, געזעגנט זיך מיט אַלעמען. ניין, מיט דאָבע יודל פּיסקונס... זי ליגט קראַנק. נעכטן ערשט זיך דערוווּסט וועגן דער פּאַכאַראָנע. געדאַרפֿט אַרײַנגיין צו איר... און יודל?.. ער דאַרף שוין אײַנגיכן אַרויס פֿון לאַגער... און אַף באַסיען איז אויך אַ ראַכמאָנעס. אַ צאַר געווען צו קוקן אַף איר... זי האָט זייער ליב געהאַט יאָסקען... ווען ניט די מילכאָמע, וואָלטן זיי אין האַרבסט, נאָכן אַראָפּנעמען די גערעטעניש, כאַסענע געהאַט. אַוועקגעפֿאָרן איז יאָסקע אַ פֿרײַלעכער. ניט אַרויסגעלאָזט די האַרמאָניק פֿון די הענט... און פֿון וואָווען איז שוין אויך צוויי וואָכן קיין בריוו ניטאָ... ניט גרינג וועט איצט זײַן קאַלמען זאַהאַטן באַלעבאַטעווען אי אַף דער פֿערמע, אי אין דער פֿעלד־בריגאַדע... וואָס טוט זיך דאָרט איצט?.. ווי גייט אָן אים די אַרבעט אין דער בריגאַדע?.. — בא שעפּטלען האָט אַ טיאָכקע געטאָן דאָס האַרץ. אַזוי בוילעט האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט דעם נײַעם האַרמאַן: די דרעשמאַשין הודעט, קלאַפּט מיט די זיפּן, פֿולע האַרבעס מיט זאַנגען ציִען זיך פֿון דער גערשטן־באַלקע. עס בלענדן אַנטקעגן דער זון ווילעס, באַסטערמאַקעס... נאָר ער איז דאָרט ניטאָ...

נאָר וואָס מער די ברויט־וואַלקע האָט זיך דערווײַטערט פֿון כוטאָר, פֿון דער היימישער בוריאַנאָווקער ערד און זיך דערנעענטערט צום ראַיצענטער, צו הולײַפּאָליע, ווו שעפּטל האָט געדאַרפֿט נאָך הײַנט זיך מעלדן אין ראַיוואָיענקאָמאַט, האָבן אים אַלץ מער אָנגעהויבן קריכן און באַומרויִקן געדאַנקען וועגן דעם, וואָס עס דערוואַרט אים...

די זון האָט זיך גענומען שוין צוביסלעך אַראָפּזעצן, זיך פּאַמעלעך געקײַקלט אַלץ נידעריקער אַראָפּ פֿונעם הימל און האָט שוין ניט אַזוי געסמאַליעט.

די לופֿט אין סטעפּ איז געוואָרן עטוואָס געדיכטער. פֿון דער באַלקע האָט געצויגן אַהער מיטן גערוך פֿון דעם אָפּגעשניטענעם גוט־צוגעטריקנטן גערשטן, וואָס איז נאָך געלעגן אין די געל־באַגילדעטע קאָפּיצעס, פֿון די פּאַסטראַמקעס און רעדער האָט געטראָגן מיט דזעגעכץ, פֿון די פֿול־אָנגעלאָדענע זעקלעך האָט געשמעקט מיט דעם ניט לאַנג צוריק אָפּגעדראָשענעם פֿרישן ווייץ.

שעפּטל האָט דורשטיק אײַנגעאָטעמט אין זיך אָט די ליבע און מעכײַעדיקע רייכעס, פֿילנדיק, אַז אָט־אָט צעשיידט ער זיך מיט זײַן ליבער היים און ווער ווייסט אַף וויפֿל...

„קוק זיך אײַן אין אָט די גרינענדיקע באַלקעס, קוק, קוק אױף די בערגלעך, אױף די אַרומיקע פעלדער מיט די זונרויזן, מיט דער קוקורוזע, מיט די צוויי טאָפּאָלן, שפּיגל זיך גוט אין אָט דער ערד, אין אָט דעם הימל, ווײַל מאָרגן וועסטו עס שוין ניט זען און ווער ווייסט, ווען דו וועסט ווידער פאָרן אָט דאָ, מיט אָט דעם וועג..." — האָט שעפּטל ווי גערעדט צו זיך אַליין.

די פערד האָבן נידעריק געפּאָכעט מיט די קעפּ און, שוין מידע, נאָך אַלץ גיך געלאָפן איבער דעם ברייטן אויסגעפאָרענעם וועג.

דאָדיע בורלאַק, וואָס איז מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געזעסן פון פאָרנט, אַ ביסל נידעריקער פון שעפּטלען, האָט זעלטן־ווען אַ צי געטאָן די לייצעס אָדער אַ נוקע געטאָן די גניאַדע. קימאַט דעם גאַנצן וועג האָט ער געשוויגן. פון זינט זײַן עלטסט און באַליבט אייניקל זאַרעך, דער לייטענאַנט, וואָס האָט אים אָנגעטאָן דעם קאָוועד און איז געקומען צו פליִען אױף דער גאָלדענער כאַסענע און גלײַך, אינעם ערשטן טאָג פון דער מילכאָמע, אוועקגעפאָרן, קעדיי וואָס גיכער זיך דערקלײַבן צו זײַן טייל ערגעץ לעבן דווינסק, — פון יענעם טאָג אָן איז פון אים ניט געווען קיין אײן בריוו.

אין שטוב האָט מען זייער איבערגעלעבט, ניט געוווּסט וואָס איבערצוטראַכטן. קסעניע האָט געצאַנקט ווי אַ ליכט, כאַנע־איטקע איז אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָ־גענע, און נאָר ער, דאָדיע, האָט פאַר זיי אין די אויגן זיך געמאַכט האַרץ, זיך גע־סטאַרעט זיי באַרויִקן.

— מאַלע וואָס... עפּשער האָט זאַרעך אין אײַלעניש ניט ריכטיק אָנגעשריבן דעם אַדרעס, אָדער דער בריוו איז אויפן וועג פאַרפאַלן געוואָרן... ער וואַרט אױף אַן ענטפער און שרײַבט דערווײַל ניט... און עפּשער האָט דער בריוו זיך ערגעץ פאַר־האַלטן און וועט מאָרגן אָדער איבערמאָרגן אָנקומען...

באַרויִקנדיק קסעניען און כאַנע־איטקען, האָט דאָדיע בעשאַס־מײַסע זיך אַליין אויך עטוואָס באַרויִקט. אָבער איצט, ווען ער האָט פאַר קיינעם ניט געדאַרפט זיך מאַכן האַרץ, איז פאַר אים קלאָר געווען, אַז ער נאַרט אי זיי, אי זיך... אַז מע שרײַבט, קומט אָן. עפּעס האָט געטראָפן מיט זאַרעכן... אָדער ער איז כאַס־וועשאַלעם שווער פאַרווונדעט און ווײל ניט און קאָן ניט שרײַבן, אָדער, גאָט באַהיט, ער איז שוין ניטאָ אױף דער וועלט, אָדער... — און דאָס האָט דעם אַלטן בורלאַקן געשראָקן מער פאַר אַלץ — אָדער ער איז אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די דײַטשן, צו די היטלעריסטן אין די הענט... אָט די שווערע געדאַנקען האָבן אים אַ גאַנצן וועג גע־מאַטערט. נאָר ער האָט געשוויגן, מוירע געהאַט אין דער הייך עס אַפילע אַרויס־ברענגען פאַרן מויל. פון מאָל צו מאָל האָט ער פון דער זײַט געכאַפּט אַ קוק אױף שעפּטלען, וועלכער איז געזעסן באַ אים אויפן וואָגן, און יעדעס מאָל טרויעריק אַ טראַכט געטאָן: „אָט פאָרט ער אויך אַהין אין פײַער, ווער ווייסט, צי וועט ער זיך אומקערן?.."

מיטאַמאָל האָט דאָדיע בורלאַק אַ צי געטאָן די לייצעס, און די פערד זײַנען

אוועק גיכער. זיי זײַנען פֿאַרבײַגעפֿאָרן דעם ניט לאַנג צוריק אויסגעבויטן ציגל־זאַוואָד, די ליים־גריבער און זיך פֿאַרנומען מיט דער אַלטער בריק. דער שווער־אָנגעלאָדענער וואָגן האָט טראַכקענדיק זיך אוועקגעקײַקלט איבער דעם שלעכט־ברוקירטן אַרופּבאַרגיקן געסל.

דאָס איז שוין געווען דער ראַיצענטער. נאָכן ערשטן וואָגן האָבן איבערן שטיי־נערנעם ברוק זיך אוועקגעצויגן אַלע איבעריקע, באַגלייט מיט דער בילערײַ פֿון די היַנט אין די גרין־אַרומגעצוימטע הויפֿן.

פֿונדערווײַטן האָט שעפּטל אַף דער סטעזשקע דערזען אַ פֿרוי אין אַ ווײַס קאָפּ־טעלע און האַסטיק זיך אַ הייב געטאָן פֿון אָרט. אַף אַ רעגע האָט זיך אים אויסגע־וויזן, אַז ס׳איז עלקע. ניין, ניט זי. נאָר שעפּטל האָט זיך שוין ניט געקאָנט באַרויִקן.

„אָט איז ער אין הולײַפּאָליע, און עלקע איז דאָך דאָ“... — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. אים האָט זיך זייער פֿאַרוואָלט זי זען, באַזונדערס איצט, פֿאַר זײַן אוועקגיין אַף דער מילכאָמע, דערוויסן זיך, וואָס איז מיט איר, צי האָט מען זי מער ניט אַרויסגערופֿן, צי אַרבעט זי שוין און צי האָט זי עפּשער באַקומען אַן ענטפֿער וועגן אַלעקסייען... אויב מע וועט נאָר פֿון וואָיענקאָמאַט אים גלײַך ניט אוועקשיקן אין טייל, וועט ער אומבאַדינגט, כאָטש אַף עטלעכע מינוט זיך אַראָפּכאַפּן צו איר... זי וווינט דאָך ניט ווײַט פֿון דער פּאָטשט, ער דאַרף סײַווי דאָרט זײַן. ער וועט אָנ־שרײַבן אַ קאַרטל אַהיים, צו וויסן געבן וועגן זיך, זאָל זעלדע זיך ניט באַומרויִקן.

דער ערשטער וואָגן, אַף וועלכן שעפּטל איז געזעסן, האָט זיך פֿאַרנומען מיט דער לאַנגער גאַס, וואָס האָט געפֿירט צום עלעוואַטאָר.

דער ראַיוואָיענקאָמאַט האָט זיך געפֿונען עטוואָס רעכטס, אויפֿן סטאַלין־פּלאַץ.

דאָדיע בורלאַק האָט אויפֿן ראָג פֿאַרהאַלטן די פֿערד. שעפּטל איז אַראָפּגעשפּרונ־גען פֿון וואָגן, זיך געזעגנט מיט דאָדיען און מיט די איבעריקע קאָלווירטניקעס, וועלכע האָבן אָנגעטריבן די וועגענער. אַ קורצע ווײַלע איז שעפּטל נאָך געשטאַנען אויפֿן ברוק, נאָכגעקוקט די היימישע פֿורן, וואָס האָבן זיך דערווײַטערט, נאָכדעם פֿאַרוואָרפֿן די שווערע טאָרבע איבערן אַקסל און מיט ברייטע טריט זיך געלאָזט גיין צום ראַיוואָיענקאָמאַט.

דאָ, אין צענטער פֿון הולײַפּאָליע, זײַנען קיין פּאַליסאַדניקעס ניט געווען. די איינשטאָקיקע און ערטערווײַז צווייִשטאָקיקע שטיבער האָבן אַרויסגעקוקט מיט די פֿענצטער גלײַך צו דער גאַס, און שעפּטל האָט ערשט איצט באַמערקט, אַז אַלע שויבן פֿון די פֿענצטער זײַנען פֿאַרקלעפּט מיט לאַנגע און שמאָלע פּאַסן פּאַפּיר, איבערגעקרייצט איינער איבערן אַנדערן, ווי אַף יעדער שויב וואָלט מען געהאַלטן אין איין קייפֿלען.

די שויבן פֿון די הויכע פֿענצטער פֿון דער איינשטאָקיקער רויט־געמויערטער געבײַדע, ווו עס האָט אַמאָל געלעבט דער פּריסטאַוו און ווו ס׳האָט זיך איצט גע־

פונעם דער ראַיוואָיענקאָמאַט, זײַנען אויך געווען דורכויס איבערגעקרייצט מיט לאַנגע ווײַסע פּאַסן פּאַפּיר.

ארום ראַיוואָיענקאָמאַט איז געווען טומלדיק. שעפּטל איז גלײַך אוועק צום וואָיענקאָם. דער וואָיענקאָם האָט זיך געגריסט מיט אים, צוגענומען די פּאַוועסטקע, דאָס מיליטער־ביכל און געהייסן גלײַך, קאָלזמאַן די דאָקטוירים זײַנען ניט אוועק, דורכגיין די מעדיצינישע קאָמיסיע. „צוליב וואָס, — האָט שעפּטל געפּרוווט דער־ווידערן, — אז איך בין געזונט ארום און ארום"... נאָר ס'האָט אים ניט געהאָלפן. ער האָט געמוזט זיך אויסטאָן און ווײַזן זיך די דאָקטוירים.

נאָך דער קאָמיסאָוועקע האָט מען אים געמאָלדן: „גאָדיען"[1] און געהייסן ווארטן צוזאמען מיט אַלע איבעריקע אין הויף.

אין געראַמען הויף איז שוין געווען היפּש אוילעם, — נאָך יונגע, עטלעכע־און־צוואנציקיאָריקע כעוורע, און שוין מיטליאָריקע מאַנצבלען. זיי זײַנען געווען פאַר־שיידן געקליידט: ווער האַלב־מיליטעריש — אין אַן אַלטער כאַקי־גימנאַסטיאָרקע אָדער אין גאַליפע־הויזן, ווער ציוויל־וואָכעדיק — אין אַן אַלטן פּידזשאַק, און ווער יאָמטעוודיק, ווער אין אויסגעטראָטענע פאַרלאַטעטע שיך און ווער אין נײַע גלאַנ־ציקע שטיוול. אַלע מיט טאָרבעס אָף די פּלייצעס אָדער אין די הענט. דער אוילעם, ווי שעפּטל האָט זיך באַלד דערוווּסט, איז אין גרונט באַשטאַנען פון מיליטערפּליכ־טיקע. זייער יאָר איז שוין געווען מאָביליזירט, נאָר זיי האָבן זיך ניט געקאָנט מעלדן פריער צוליב פאַרשיידענע סיבעס: אייניקע זײַנען געווען ניט געזונט, אַנדערע ווײַט פון דער היים, די דריטע האָבן געהאַט אַ קורצווײַליקע אָטסראָטשקע[2] צוליב פאַ־מיליען־אָנגעלעגנהײַטן.

אומגעריכט האָט שעפּטל באַגעגנט צווישן דעם אוילעם זײַן נאָענטן פרײַנט, דעם בריגאַדיר פון וועסיאָלאָקוטער קאָלווירט, מיט וועמען ער האָט אין מעשעך פון עטלעכע יאָר געהאַט אַן אָפּמאַך פון סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג, — אַלעס יאַנ־קאָווענקאָ. אַלעס איז געווען עטוואָס ייִנגער פון שעפּטלען, געהאַט דרײַ קינדער. דער פאָרזיצער האָט זיך אויסגעסטאַרעט פאַר אים בראָן[3], נאָר ער האָט פון בראָן זיך אָפּגעזאָגט. זיי האָבן זיך ביידע דערפרייט מיט דער באַגעגעניש און זיך שוין געהאַלטן צוזאמען. זיי האָט זיך געוואָלט איצט איינס — מע זאָל זיי שיקן אין איין טייל.

דאָ זײַנען געווען נאָך אייניקע אין זייערע יאָרן און אפילע אַ ביסל עלטער, וואָס האָבן זיך אויך געמאָלדן פרײַוויליק. אַמערסטן זײַנען עס געווען דאָרף־קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אין די אומפאַרגעסלעכע נײַן־און־צוואנציקסטן און דרײַסיקסטן יאָרן דורכגעפירט די קאָלעקטיוויזאַציע.

דער אוילעם האָט געוואַרט אָפן וואָיענקאָם, וועלכער האָט געדאַרפט מעלדן,

---

1 טויג צו מיליטער־דינסט.

2 פּראָלאָנגאַציע פון דער מיליטער־דינסט.

3 באַפרײַונג פון מיליטער־דינסט צוליב דער וויכטיקײַט פון דער געגעבענער ארבעט.

ווער אין וואָס פאַר אַ טייל איז פאַרעכנט און ווען, מיט וואָס פאַר אַ צוג מע וועט זיי אָפּשיקן.

מע האָט ארומגעשפּאַצירט איבערן הויף, געררייכערט, אגדערע האָבן זיך אויסגע־זעצט אַפן קאַסטן מיט זאַמד, וואָס איז געשטאַנען באַם אַרײַנגאַנג אין וואָיענקאָמאַט, פאַנאַנדערגעבונדן די טאָרבעס און איבערגעבּיסן. ניט ווײַט פון קאַסטן מיט זאַמד איז געשטאַנען אַ פּעסל מיט פאַרשימלטן וואַסער און אַף אַ גרויסן רויט־אָפּגע־פאַרבטן ברעט זײַנען צוגעפּעסטיקט געווען לאָזונגען, לאָזונגען, לאַמען, לאַפּעטעס, פאַרשיידענע מאַכשירים אַף לעשן אַ סרייפע בעשאַס אַ באָמבאַרדירונג. ארום און ארום און באַ־זונדערס לעבן דעם קאַסטן מיט זאַמד האָט זיך געוואַלגערט שאָלעכץ פון אייער, פון אוגערקעס, שטיקלעך רויטע פּאָמידאָרן, ווײַדלען און קעפּ פון הערינג, אָקורקעס[1] און שטיקלעך פּאַפּיר.

שעפּטל האָט ארומגעשפּאַצירט איבערן הויף זאַלבענאַנד מיט אָלעסן און פּונקט ווי אַלע איבעריקע און עפּשער נאָך מער געוואַרט אַפן וואָיענקאָם. אים האָט זיך געוואָלט וויסן, ווען וועט מען אים אָפּשיקן, וועט ער עפּשער קאָנען זיך צוכאַפּן אַף עטלעכע מינוט צו עלקען. פון ראַיוואָיענקאָמאַט ביז דעם הויז אינעם נײַעם געסל, ווו עלקע האָט געוווינט, איז געווען ניט איבעריקס ווײַט, נאָר אוועקגיין איצט אָן אַ דערלויבעניש האָט ער שוין ניט געקאָנט. מיטאַמאָל האָט איבערן הויף אַ הילך גע־טאָן אַ קאָמאַנדע:

— סטראָיסיאַ!..[2]

די, וואָס זײַנען געזעסן, זײַנען אופגעשפּרונגען פון די ערטער; די, וואָס האָבן געררייכערט, האָבן אוועקגעוואָרפן די פּאַפּיראָסן און גיך זיך אויסגעשטעלט אין איין ריי אין מיט הויף.

עס איז ארויס דער וואָיענקאָם — אַ הויכער, זייער אַ דאַרער, מיט אַ פּאָרטופּיי איבער דער פלאַכער ברוסט. מיט אים אַ נידעריטשקער, אַ פּולבלעכער, אין גרויסע ברילן.

— ווער איז דער? — האָט שעפּטל שטיל אַ פרעג געטאָן באַ אָלעס יאַנקאָווענקאָ, וועלכער איז געשטאַנען פון רעכטס לעבן אים.

— דער נײַער סעקרעטאַר פון ראַיפּאַרטקאָם...

— און מיקאָלע סטעפּאַנאָוויטש? — האָט שעפּטל פאַרכידעשט געפרעגט.

— ליגט אין שפּיטאָל... מיט אַ האַרץ־שלאָג...

— וואָס רעדסטו?.. ווען?.. וויאַזוי?..

אָלעס האָט געוואָלט אים נאָך עפּעס זאָגן, נאָר ס'האָט זיך דערטראָגן אַ קאָ־מאַנדע „סמירנאָ!“

דער וואָיענקאָם האָט געמאָלדן, אַז די גאַנצע גרופּע, וועלכע באַשטייט פון זעקס און צוואַנציק מאַן, ווערט געשיקט אין איין טייל. אַלס עלטסטער פון דער גרופּע

[1] פּאַפּיראָסן־אָפּשניצלעך.

[2] אויסשטעלן זיך! (מיליטערישע פאַראָרדענונג).

ווערט באשטימט אנטאָן איוואנאָוויטש שעלעסטאָוו, דער געוועזענער בודיאָנאָוועץ און סעקרעטאר פון דער היגער קאָלווירטישער פארטיי־אָרגאניזאציע. נאָכדעם האָט דער וואָיענקאָם געגעבן א וואָרט דעם סעקרעטאר פון ראיפארטקאָם.

שעפטל איז געווען שטארק צערודערט פון דער נייס, אז איוואשטשענקאָ ליגט מיט א האַרץ־שלאָג, און ער האָט קימאט ווי ניט געהערט, וואָס דער נייער סעקרעטאר פון ראיפארטקאָם האָט גערעדט, ער האָט אפילו ניט באמערקט, ווי יענער האָט פארענדיקט זיין קורץ באגלייטונגס־וואָרט. דער וואָיענקאָם האָט א רוף געטאָן צו זיך שעלעסטאָוון, וועלכער איז אָנגעטאָן געווען אין דער פארהיטער בודיאָני־פאָרם, געגעבן אים א גרויסן פארכאסמעטן פאקעט און געמאָלדן, אז אין א שאָ ארום דארפן אלע זיין אפן וואקזאל באם מיליטער־קאָמענדאנט, ווייל אכצן נאָל־נאָל גייט אָפ דער צוג אף סיבעלניקאָווא...

„שוין אין א שאָ ארום? — בא שעפטלען האָט שווער א טיאָכקע געטאָן דאָס האַרץ. — און עלקע?..“

אין דער זעלבער רעגע האָט שעלעסטאָוו געגעבן א קאָמאנדע און די שערענגע האָט זיך איבערגרופירט צו פיר אין א ריי.

און גלייך נאָך א קאָמאנדע:

— נא־פראַ־וואָ!.. שאגאָם ארש!..[1]

די קאָלאָנע האָט זיך לייכט א וויג געטאָן, ארויסגעמארשירט פון הויף און זיך פארנומען מיט דער גאס, וועלכע האָט געפירט פארביי דעם וואסער־טורעם גלייך צו דער אייזנבאַן־סטאנציע.

אף דעם, אז מע וועט זיך ניט פארהאלטן אפילו אף א האלב שאָ דאָ, האָט שעפטל זיך אינגאנצן ניט געריכט. נאָר וואָס האָט ער שוין איצט געקאָנט טאָן? שפאנענדיק אין דער ריי אין מיט פון דער קאָלאָנע, האָט ער צעטראָגן זיך אומ־געקוקט איןביידע זייטן גאס מיט דער האָפענונג, עפשער וועט ער צווישן דעם אוי־לעם, וואָס איז געגאנגען איבער די טראָטוארן, דערזען עלקען.

ווען זי וויסט, וואָלט זי געוויס ארויס כאָטש פונדערווייטן זיך זעגענען מיט אים. נאָר פונוואנען זאָל זי וויסן?

דאָס געסל, וווּ עלקע האָט געוווינט, איז איצט שוין געווען גאָר נאָענט, עפשער הונדערט שפאַן פונדאנען. דאָס האָט שעפטלען נאָך מער געערגערט. ער איז דאָך קימאט לעבן איר שטוב...

פון פאָרנט האָט עמעצער פארצויגן א ליד. די קאָלאָנע האָט אוועקגעשפאנט גיכער, דערוויטערנדיק זיך אלץ מער און מער.

„אויס... איצט וועל איך זי שוין ניט זען“... — האָט שעפטל זיך אויסגעגעסן דאָס האַרץ.

צו דער אייזנבאַן־סטאנציע איז די קאָלאָנע א צעהיצטע געקומען באצייטנס.

---

[1] מיליטערישע קאָמאנדע־פאַראָרדענונגען.

דער עלטסטער, אנטאָן שעלעסטאָוו, איז אוועק צום קאָמענדאנט און זיך דערוווּסט, אז דער צוג, וואָס גייט אַף סינעלניקאָווא, פארשפּעטיקט אַף א שאָ.

שעפּטל האָט שוין ניט אויפגעהערט צו ערגערן זיך. די שאָ צײַט האָט ער דאָך געקאָנט זיך פּארהאלטן דאָרט. גיי ווייס.

דער עלטסטער האָט דערלויבט דער גרופּע דערוויַיל זיך אָפּרוען און אָנגעזאָגט: פּינקטלעך נײַנצן נאָל־נאָל זײַן אנטקעגן דער טיר פון מיליטער־קאָמענדאנט.

שעפּטל איז גלײַך אוועק צום קיִאָסק, געקויפט א קארטל און, אָנשפּארנדיק זיך אינעם שטייַנערנעם פּארקן, מיט א בלײַפעדער אָנגעשריבן זעלדען עטלעכע שורעס. ער האָט איר געשריבן, אז ער האָט דאָ, אין וואָיענקאָמאט, זיך געטראָפן מיט זײַן אלטן גוטנפרײַנט פון וועסיאָלאָקוט — מיט אָלעס יאנקאָווענקאָ, און אז מע שיקט זיי אין איין טייל, אזוי אז זיי וועלן זײַן צוזאמען.

שעפּטל האָט געוווּסט, אז זעלדע וועט זײַן צופרידן פון דעם און דאָס וועט זי בארויִקן א ביסל.

שעפּטל האָט קוים ארײַנגעשטופּט דאָס קארטל אין דעם פּול־אָנגעפּאקטן פּאָטשט־קעסטל און אוועקגעשפּאנט איבער דער טומלדיקער פּלאטפּאָרמע.

אַף דער פּלאטפּאָרמע און אין וואָקזאל־סעדל איז פול געווען מיט עוואקויִרטע — פרויען, קליינע קינדער, עלטערע מענטשן. עס איז געשטאנען א טומל — א געמיש פון פארשיידענע שפּראכן. מע האָט הויך גערעדט אַף אוקראַיִניש, מאָלדאוויש, ייִדיש און רוסיש.

שעפּטלען האָט א צי געטאָן צום אוילעם. מיט אייניקע פון זיי האָט ער זיך פאַ־נאנדערגערעדט און זיך דערוווּסט, אז דאָס זײַנען עוואקויִרטע פון ראָווּנע, לוואָוו, טיראספּאָל, טשערנאָוויץ... איגדערפרי האָט מען זיי ארויסגעזעצט דאָ פונעם עשע־לאָן, און זיי וואַרטן אַף פורן פון די דערבײַיִקע קאָלווירטן, ווו זיי וועלן, ווי עס האָט זיי געמאָלדן די ראַיאָנע אָנפירונג, זיך באזעצן.

שעפּטל האָט מיט זאָרג געקוקט אַף די אויסגעמאטערטע היימלאָזע מענטשן, וואָס האָבן פארפולט דאָס סעדל, זײַנען געזעסן אַף די פּעקלעך און געלעגן אַף די פארשפּרייטע קאָלדרעס און מאנטלען.

„יעדערער פון זיי האָט דאָך נאָך ערשט ניט לאנג געהאט א היים, און אָט וואַל־גערן זיי זיך מיט קליינע קינדער אונטערן אָפענעם הימל... וויפל היימען זײַנען צעשטערט געוואָרן פאַר דער צײַט"...

גאָר נאָענט האָט זיך דערטראָגן א צעצויגענער פײַף פון א לאָקאָמאָטיוו, און באלד האָט פארבײַ דעם סעדל, פארבײַ דעם וואָקזאל זיך דורכגעטראָגן מיט ראַש אַן אײַלנדיקער פּראכטצוג מיט פארפּלאָמבירטע רויטע פולמאן־וואגאָנעס און אָפענע גרויסע פּלאטפאָרמעס, וועלכע זײַנען געווען אָנגעלאָדן מיט טאָקער־ און פרעזער־ווערקשטעלן, מיט מאָטאָרן, מיט הייבקראנען, מיט פארשיידענע אויסשטא־טונג פון אַן עוואקויִרטן זאוואָד.

און אין דער זעלבער צײַט האָט פון מיזרעך זיך ארײַנגעשניטן אַן אנטקעגנדי־קער אײַלנדיקער פּראכטצוג. פון די האלב־אָפענע טעפּלושקעס האָבן ארויסגעקוקט

יונגע רויטארמייער, פון אונטער די גרויסע ברעזענטן, מיט וועלכע עס זײַנען גע־וועז איבערגעצויגן די הויך־אַנגעלאָדענע פּלאַטפאָרמעס, האָבן זיך ווו־ניט־ווו ארויסגעזען דראָענדיקע רערן פון טאנקען, פון שווערע הארמאטן, ווײַסע קאסטנס מיט סנאריאדן, זעניטקעס... איין צוג האָט געיאָגט אין הינטערלאנד, דער צווייטער אהין, וווּ ס'האָט זיך געפונען די פראָנט־ליניע.

שעפטל האָט ניט באוויזן אָפּזוכן צווישן דעם אוילעם אַלעסן, ווי ס'האָבן ווידער אָנגעהויבן הודען די רעלסן. פון מײַרעוו איז מיט א צעצויגענעם פײַף אָנגעקומען א לאנגער צוג מיט שטויב באדעקטע פּאסאזשיר־וואגאָנעס. אנטקעגן דער רויטער איינשטאָקיקער וואָקזאל־געבײַדע האָט דער לאָקאָמאָטיוו א לעצטן סאָפּע געטאָן און מיט ראש ארויסגעלאָזט געדיכטע קנוילן דאמף. עס האָט זיך דערטראָגן א געקלאנג פון די בופערן, וועלכע האָבן זיך אָנגעשטויסן איינער אינעם אנדערן, און דער אָנ־געקומענער צוג איז געבליבן שטיין. אין די אָפענע פענצטער האָבן זיך באוויזן פאר־באנדאזשירטע קעפּ, אויסגעבלייכטע פּענעמער, אף די טאמבורן זײַנען געשטאנען פארוווּנדעטע, אין איינע גרעט, איי̆ניקע — אָנגעשפּארט אף מיליצעס, אנדערע מיט אראָפּגעהאנגענע פוסטע ארבל...

דער אוילעם, וואָס איז געווען אף דער פּלאטפאָרמע, האָט זיך געלאָזט לויפן צו דעם עשעלאָן פון די פארוווּנדעטע. בא די וואגאָנעס האָבן זיך געשטופּט אי די אָר־טיקע, די הולײַפּאָליער, אי די, וועלכע זײַנען געקומען פון די ארומיקע קאָלווירטן, און אויך די עוואקוירטע. ווער האָט דען ניט געהאט עמעצן אף דער מילכאָמע — א מאן, א זון, א ברודער, — און יעדן האָט אין דער מינוט זיך געדוכט, עפּשער איז גראָד עמעצער פון זײַנע אייגענע פאראן צווישן די פארוווּנדעטע. די פרויען זײַנען צעפּאַלאָכטע געלאָפן לענגויס דעם לאנגן עשעלאָן, פון וועלכן עס האָט גע־טראָגן מיט היץ און מיט דעם ניט אָנגענעמענעם גערוך פון יאָדאָפאָרם און קאר־באָלקע, און אויסגעשריען די פאמיליעס פון זייערע נאָענטע:

— קאראבוטענקאָ!.. איוואן קאראבוטענקאָ!..

— באָגראטשאָוו!..

— ראבונסקי!..

— קאבלונאָוו!.. נאום!..

— דאנטשענקאָ!..

— מייעראָוו מיכאיל!..

שעפטל איז געשטאנען מיט דער טאָרבע אפן אקסל עטוואָס אין א זײַט און גע־קוקט אף דעם, וואָס עס האָט זיך געטאָן לעבן צוג.

„יעדערער פון זיי איז שוין געווען אין פײַער, — האָט ער געטראכט מיט אָפּשײַ וועגן די פארוווּנדעטע, — יעדערער פון זיי האָט שוין געזען דעם טויט פאר די אויגן“...

ווען דער עשעלאָן מיט די פארוווּנדעטע איז אָפּגעגאנגען, האָט שעפטל גענומען זוכן אַליעס יאנקאָווענקאָן און געפונען אים לעבן פאָטשט־קעסטל. ער האָט אויך

אָפּגעשיקט אַ קאַרטל אַהיים. דער וואָקזאַל־זייגער האָט געוויזן אָן צען מינוט זיבן. זיי זײַנען אַוועק אַהין, ווו ס'האָט זיך שוין געקליבן זייער קאָמאַנדע.

אײַנגיכן איז אָנגעקומען דער צוג. ער איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט מיליטערלײַט. אַפילע אַף די בופערן איז געווען פֿול. אַנטאָן שעלעסטאָוו צוזאַמען מיט דער קאָמאַנדע איז נאָכגעגאַנגען נאָכן קאָמענדאַנט, געפֿאָדערט אַרײַנזעצן אין צוג.

— ווו... ווו זאָל איך אײַך זעצן... אַף די רעדער רײַטנדיק?.. — האָט דער קאָמענדאַנט זיך צעשריִען. — איר'ט צוואַרטן. אין דרײַ שאָ אַרום וועט זײַן נאָך אַ צוג...

„נאָך דרײַ שאָ וואַרטן? — האָט זיך שעפּטל דערפֿרייט. — אויב אַזוי... אויב אַזוי, קאָן איך זיך נאָך צוכאַפּן צו עלקען"...

שעפּטל האָט זיך אָפּגעבעטן באַם עלטסטן אַף אָנדערהאַלבן שאָ אין שטאָט אַרײַן. ער האָט איבערגעלאָזט זײַן טאָרבע אָלעסן און איז אַרויס אַפֿן שאָסיי.

אַ שטיק וועג איז שעפּטל אונטערגעפֿאָרן אַף אַ טרעפּל פֿון אַ לאַסטמאַשין. ס'איז געווען אַ שטילער פֿאַרנאַכט, און מע האָט ווײַט אַרום געהערט, ווי אַפֿן סטאַלינפּלאַץ האָט דער הויכריידער הייזעריק איבערגעגעבן די סוואָדקע פֿון סאָווינפֿאָרמביוראָ:

„אונטער דעם דרוק פֿונעם סוינעס איבערוועגנדיקער קראַפֿט זײַנען אונדזערע טיילן אָפּגעטראָטן אַף נײַע פּאָזיציעס"...

ניט ווײַט פֿונעם פּלאַץ איז שעפּטל אַראָפּגעשפּרונגען און זיך פֿאַרנומען צו דעם נײַעם געסל. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט אַ געשריי:

— אַ שפּיִאָן!..

— אַ שפּיִאָן געכאַפּט!..

פֿון ביידע זײַטן געסל איז מען געלאָפֿן צו דעם שוין היפּשן רעדל, וואָס האָט אַפֿן סאַמע ראָג אַרומגערינגלט אַ הויכן דאַרן מענטשן מיט אַ געל בערדל און אין שפּאַקולן.

— געפּאַקט!..

— געפּאַקט אַ שפּיִאָן!..

— ווו איז דער וואָקזאַל, האָט ער זיך פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט...

— קוקט אים נאָר אָן, אַ בערדל זיך צוגעקלעפּט.

— רײַסט אַראָפּ פֿון אים דאָס בערדל...

— ער זאָגט, אַז ער איז פֿון די עוואַקויִרטע...

— נייך, וואָס וועט ער זאָגן?.. גיט אַ קוק אַף זײַנע שפּאַקולן, מע זעט גלײַך, אַז ס'איז אַ שפּיִאָן...

— שאַ... אָט איז שוין דער מיליציִאָנער... — האָט אויסגעשריִען אַן עלטערע פֿרוי.

ווי שעפּטל האָט זיך ניט געײַלט, האָט ער דאָך זיך פֿאַרהאַלטן אַף אַ רעגע. דער

מיליציאָנער איז מיט ברייטע הוידענדיקע טריט צוגעגאנגען. דערזען דעם פּארשוין מיטן געלן בערדל, האָט ער מיט קאַס אויסגעשפּיגן.

— ווידער געכאַפּט אים... לאָזט אים גיין... ס'איז דאָך אַן עוואַקויִרטער...

„אומזיסט געפּאַטערט צײַט", — האָט שעפּטל מיט פאַרדראָס אַף זיך א טראַכט געטאָן און איז גיך אַוועק איבער דעם נײַעם געסל. ער איז שוין געווען נאָענט פון דער באַקאַנטער שטוב, ווו עלקע האָט געווױנט. „צי איז זי כאָטש אין דער היים?.. צי וועט ער זי טרעפן איצט?.."

ער האָט באַמערקט, אַז דאָס פענצטער פון איר צימער איז אָפן. הייסט עס — זי איז דאָ...

אין קאָרידאָר האָט שעפּטל א ווײַלע זיך פאַרהאַלטן, קעדיי איבערכאַפּן דעם אָטעם, און מיטאַמאָל דערהערט, ווי פון עלקעס צימער טראָגט זיך זייער האָפערדיק און זאָרגלאָז־פריילעך:

У самовара я и моя Маша...[1]

אַף אַזוינס האָט שעפּטל זיך בעשום־אופן ניט געריכט און דעריבער עטוואָס אָפּגערעגט הויך אָנגעקלאַפּט.

דער פּאַטעפאָן האָט גלײַך אויפגעהערט שפּילן. עס האָט זיך געעפנט די טיר, און שעפּטל האָט דערזען פאַר זיך א יונגע פרוי, א פאַרפּוצטע, שטאַרק דעקאָל־טירטע, מיט אונטערגעפירטע אויגן און געדיכט־אָנגעפאַרבטע ליפּן.

— וועמען דאַרפט איר? — האָט זי א קאָסיע געטאָן מיט די אויגן אַף אים.

שעפּטל האָט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָס באַטײַט, און איבער איר אַקסל געכאַפּט א קוק אין צימער. די ווענט זײַנען געווען דורכויס באַהאַנגען מיט פאַרביקע טעפּעכער.

„צי דען האָב איך א טאָעס געהאַט? ניט אַהין אָנגעקלאַפּט?.."

— איך דאַרף צו דער כאַווערטע רודנער... — האָט ער צעטומלט געזאָגט.

— וואָס זשע באַאומרויִקט איר אונדז? — האָט זי אומצופרידן זיך אָנגערופן. — אײַער כאַווערטע וווינט שוין דאָ ניט...

— ווו זשע?.. — האָט ער דערשראָקן א פרעג געטאָן, און אין קאָפּ איז בא אים דורכגעפלויגן א געדאַנק, צי איז ניט געשען עפּעס שרעקלעכס.

— פונוואַנען זאָל איך וויסן, — האָט די פרוי געענטפערט, געוואָלט שוין צו־מאַכן די טיר, נאָר איבערגעטראַכט.

— סאַשאָק, דו ווייסט ניט, וווהין האָט זיך אַריבערגעקליבן אָט די, וועלכע האָט געווױנט דאָ?..

— אַף דער ציגײַנער־גאַס... ווו ס'איז געווען דער פערד־מאַרק, — האָט פון צימער געענטפערט א זאַטע מענער־שטים, — אין דעם הויף, וואָס אַנטקעגן דער קוזניע...

---

[1] באַם סאַמאָוואַר עס זיצן איך און מאַשע (פון א ליד, וואָס מע האָט געזונגען אין די 30־ער יאָרן).

שעפּטל האָט געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן, נאָר ער האָט זיך אויסגעדרייט און, ניט באַדאַנקענדיק, וואָס גיכער אוועק פונדאַנען. די טיר האָט זיך פאַרמאַכט, און פונעם צימער האָט ווידער זייער האָפערדיק זיך דערטראָגן:

У самовара я и моя Маша...

מיט האַסטיקע טריט האָט שעפּטל זיך געלאָזט גיין צו דער ציגײַנער־גאַס. צײַט האָט ער געהאַט ווייניק און געמוזט זיך צוײַלן.

דער הויכרייִדער אַפּן פּלאַץ האָט מיט דער זעלבער הייזעריקער שטים נאָכאַמאָל איבערגעגעבן די סוואָדקע פון סאָווינפאָרמביוראָ:

„אונטער דעם דרוק פונעם סאָוועטישן איבערוועגנדיקער קראַפט זײַנען אונדזערע טיילן אָפּגעטראָטן אַף נײַע פּאָזיציעס“...

אַפן ראָג, לעבן זומער־גאָרטן, האָט אַן עלטערע פרוי צוגעקלעפּט אַ גרויסע אַפישע:

גאַסטראָלן פונעם זאַפּאָראָזשער טעאַטער
„דער אומקום פון דער עסקאַדרע“

„פאַרוואָס האָט זי זיך אַרויסגעקליבן פון צימער, — האָט שעפּטל פאַרזאָרגט געטראַכט, — ווער ווייסט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען פאַר די דרײַ וואָכן, וואָס זיי האָבן זיך ניט געזען“.

מיט אומגעדולד האָט ער פאַרקערעוועט אַף דער ניט אויסברוקירטער שטוי־ביקער ציגײַנער־גאַס און איז אַרײַן אינעם ענגן פאַרלאָזטן הויף, וואָס אַנטקעגן דער קוזניע.

אין אַן אַלטן צעבראָכענעם פאַעטאָן האָבן זיך געשפּילט קינדער. ער האָט צווישן זיי דערקענט סוועטקען און זי אַ רוף געטאָן. סוועטקע איז פלינק אַראָפּגע־שפּרונגען פונעם פאַעטאָן, וואָס איז געשטאַנען אָנגעבויגן אין אַ זײַט, און זיך גע־לאָזט לויפן אים אַנטקעגן.

— איר זײַט געקומען צו אונדז, האַ, דיאַדיע? — האָט זי אַ צופרידענע אים אַרומגעכאַפּט מיט די הענטלעך.

שעפּטל האָט באַמערקט, אַז דאָס מיידעלע איז פאַר דעם כוידעש צײַט, וואָס ער האָט זי ניט געזען, כוישעכער געוואָרן.

— און וווּ איז די מאַמע? — האָט ער געפרעגט.

— די מאַמע איז אָקאָרשט אוועק אין מיל. איר ווייסט ווו? וואָס באַם טײַך. ס'איז זייער ווײַט פונדאַנען...

— נאָך וואָס איז זי אוועק אַהין?

— די מאַמע איז דאָרט אַ פּרײַאָמשטשיצע. אַף דער באַנאַכטיקער סמענע...

שעפּטל האָט גוט געוווּסט די אַלטע, צעטרייסלטע מיל. דאָרט איז שטענדיק געשטאַנען אַ ווילדער געררויש און די לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט אַזאַ געדיכטן

שטויב, אַז ס'איז ניט געווען מיט וואָס צו עטעמען. און דאָך איז אים לײַכטער געוואָרן אויפֿן הארצן. „אבי זי ארבעט... ס'איז איר דאָרט, פאַרשטייט זיך, ניט גרינג, נאָר ווײַבאלד זי ארבעט, איז שוין גוט...“

גיין איצט צו דער מיל איז געווען אומעגלעך. שוין צײַט געווען אומקערן זיך אויפֿן וואָקזאל. ער וועט נאָר א קוק טאָן, ווי זיי וווינען דאָ. סוועטקע האָט אים ארײַנגעפֿירט דורך א שמאָל קיכל אין א נידעריק קליין צימערל, ווו, ארײַנגעשפּארט צווישן צוויי ווענט, איז געשטאנען א בעט און דערבײַ א טישל מיט איין בענקל. מער גאָרניט. אויף דער וואנט אנטקעגן דער נידעריקער אויסגעקרימטער טיר איז געהאנגען סטאלינס א באַרעליעף און אין א שיין געשניצט רעמל אלעקסייס פאָטאָגראפֿיע.

שעפּטל איז צוגעגאנגען בעענטער און האָט זייער אויפֿמערקזאם זיך אײַנגעקוקט אין אלעקסייס גוטמוטיקן פּנים.

„ווען מע האָט באנאכט אים ארויסגעפֿירט פֿון שטוב, האָט עלקע דערציילט, האָט ער זיך אויסגעדרייט און געזאָגט: זאָלסט וויסן — איך בין ניט שולדיק. איך גאָרנישט ניט שולדיק“.

בא דער טיר איז געשטאנען סוועטקע אין אלטע סאנדאלן. זי איז זייער ענלעך געווען אויפֿן טאטן. שעפּטל האָט זי אויפֿגעהויבן אויף די הענט, א גלעט געטאָן איבערן קעפּל און אראָפּגעלאָזט.

— נו, — האָט ער געעפֿנט די טיר, — וועסט זאָגן דער מאמען, אַז איך בין געווען.

— גייט ניט אוועק, דיאַדיע, — האָט זי אים זייער שטיל א בעט געטאָן.

— איך מוז גיין...

— איר האָט דאָך צוגעזאָגט מיך אויסלערנען פֿאָרן רײַטנדיק... און ווײַזן די כאזיירימלעך... איר געדענקט?..

— איך געדענק, — האָט שעפּטל פֿארלוירן א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — אוודאי געדענק איך... אַז דו וועסט פֿאָלגן די מאמע...

— די מאמע פֿאָלג איך. אָט האָט די מאמע מיר איבערגעלאָזט, איך זאָל עסן, — האָט זי אויפֿגעהויבן דעם האנטעך, וואָס האָט איבערגעדעקט א טעלער. אויפֿן טעלער זײַנען געלעגן עטלעכע שטיקלעך ברויט, אַן אוגערקע און אַן איי, — און איך וויל נאָך ניט עסן. שפּעטער, ווען איך וועל ווערן גוט הונגעריק...

שעפּטל האָט זיך אָנגעבויגן, זי א קוש געטאָן און ארויס.

סוועטקע איז אים נאָכגעלאָפֿן.

— איר וועט נאָך קומען?

— כ'ל קומען. כ'ל קומען...

ווען שעפּטל איז שוין היפּש אָפּגעגאנגען, האָט ער זיך אומגעקוקט. סוועטקע איז נאָך געשטאנען לעבן טויער. ער האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט, זי זאָל ארײַן אין הויף.

דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט. עס האָט אים ווי געטאָן פאַר עלקען, פאַר איר טעכטערל. ער האָט זיך ניט געקאָנט מוחל זײַן, וואָס ער איז ניט געקומען פריִער. ווען ער קומט אַ ביסל פריִער, טרעפט ער זי נאָך...

איבערן ראַיצענטער האָט צוביסלעך זיך אָנגערוקט דער אָוונט. די לופט האָט אָנגעהויבן ווערן בלוילעך. שעפטל האָט גענומען שפאַנען גיכער. ער האָט שוין גע־פילט אַ מידקײַט, נאָר ס'האָט אים ניט פאַרדראָסן, וואָס ער איז געגאַנגען אַהער. כאָטש ער האָט עלקען ניט געטראָפן, פונדעסטוועגן האָט ער זיך דערוווּסט עפּעס און געזען איר קינד. געדאַרפט איבערלאָזן אַ צעטעלע. עלקע ווייסט דאָך אפילו ניט, אַז ער גייט אַוועק אין דער אַרמיי... וויאַזוי איז עס אים אפן זינען ניט געקומען.

שעפטל האָט פאַרקערעוועט איבער דער הילצערנער בריק. גיך געשפאַנט. און פלוצלינג זיך דערמאָנט, אַז אָט דאָ, אויף דער בריק, איז ער דאָך דעמלט געשטאַנען מיט עלקען... טאַקע דאָ לעבן פאַרענטשע זײַנען זיי געשטאַנען... ס'איז געווען פונקט מיט אַ כוידעש צוריק, דעם איין־און־צוואַנציקסטן יוני, שאַבייסעגאַכטס. האָבן זיי דען געקאָנט וויסן, וואָס עס דערוואַרט זיי?..

ער איז אויף איין רעגע געבליבן שטיין לעבן פאַרענטשע, ווי ער וואָלט אַזוי זיך געזעגנט מיט עלקען.

אין דער זעלבער רעגע האָט אויף דער בריק מיט פעסטע טריט אַרופגעשפאַנט אַ ראָטע סאָלדאַטן. אַלע נײַ געקליידט, מיט ביקסן אויף די אַקסלען. און באַלד האָט איבער דעם אַרום זיך צעהילכט די מעכטיקע ליד:

Вставай, страна огромная,
Вставай на смертный бой
С фашистской силой темною,
С проклятою ордой!

Пусть ярость благородная
Вскипает как волна,
Идет война народная,
Священная война...[1]

שעפטל האָט אָוועקגעשפאַנט אין טאַקט מיט דער ליד. ער האָט געאײַלט צו זײַן קאָמאַנדע. אינגיכן וועלן זיי זיך זעצן אין צוג, וועלכער וועט זיי ברענגען אין זייער מיליטער־טייל.

ערגעץ אין אַ זײַט, אויפן שאָסיי, האָבן געטראַכקעט פורן מיט ברויט צום עלע־וואַטאָר און עס האָבן אונטערגעקלונגען וועגענער, מיט וועלכע די עוואַקויִרטע זײַנען זיך צעפאָרן איבער די קאָלווירטן. אינעם הימל האָבן דראָענדיק דורכגע־

[1] אַ פּאָפּולערע ליד פון די ערשטע מילכאָמע־טעג. זי רופט דאָס סאָוועטישע פאָלק צו העלדנ־מוטיקן קאַמף קעגן די פאַשיסטישע האָרדעס.

רוישט איינע נאָך דער אנדערער עטלעכע כוואליעס פארניכטלער און פון דער אײַזנבאן־סטאנציע האָט זיך דערטראָגן אן אומרויִק פײַפן פון אן אײַלנדיקן לאָ־קאָמאָטיוו...

שעפטל איז שוין געווען ניט ווײַט פון וואָקזאל. ער האָט געשפאנט מיט ברייטע טריט, און אין די אויערן האָבן אים ניט אופגעהערט צו קלינגען די ווערטער פון דער ליד:

Пусть ярость благородная
Вскипает как волна.
Идет война народная,
Священная война...

●

דריטער טייל

קאפיטל איינס

גאנצפרי, נאָך פארן „ראזוואָד"[1], ווען יודל פּיסקון איז געלעגן בא זיך אָף דער אייבערשטער נארע אין דעם האלב־טונקעלן באראק, האָט מען אים ארויסגערופן אין ספּעצאָפּטייל פון לא־גער און געמאָלדן, אז ער איז באפרייַט.

דער נאטשאלניק פון ספּעצאָפּטייל, א באיאָרטער און זייער רוִיקער סטארשינא, האָט אים א דריק געטאָן די האנט און באגריסט, צוגעווונטשן מער קיינמאָל אין לאגער ניט אומקערן זיך. אין א קורצער ווײַלע ארום האָט יודל באקומען א צײַגעניש, ווו עס איז געווען אָנגעוויזן, אז פון 30 אפּרעל 1933 ביז 15 סענטיאבער 1941 האָט ער זיך געפונען אין קאראגאנדער לאגער — ИТЛ. אין דער לאגער־בוכהאלטעריע האָט מען אים ארויסגעגעבן דעם שוין צוגעגרייטן בי־

[1] דאָס פאנאנדערפירן די ארעסטאנטן אף די ארבעטס־באצירקן.

לעט אין אן אלגעמיינעם פּאַסאַזשיר־וואַגאָן פון דער אײַזנבאַן־סטאַנציע קאַראַגאַנדע ביז הולײַפאָליע און מעסלעס־געלט לויטן כעזשבן, אַז דער וועג פון קאַראַגאַנדע ביז בוריאַנאָווקע דאַרף געדויערן אַ וואָך צײַט.

העכער אַכט יאָר האָט יודל פּיסקון געוואַרט מיט האַרץ־קלעמעניש אויף אָט דעם טאָג. עס האָט זיך אים גאָר ניט געגלייבט, אַז אַזאַ טאָג וועט ווען־עס־איז קומען. ער האָט לאַכלוטן פאַרלוירן דערויף די האָפענונג, ווען צום לאַגער איז דערגאַנגען די ידיעה, אַז עס איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע. צווישן די „זעקאַ" זײַנען אַוועק פאַרשיידענע „פּאַראַשעס"[1]. מע האָט גערעדט, אַז איצט, מילכאָמע־צײַט, וועט מען שוין קיינעם ניט אַרויסלאָזן. יודל פּיסקונס שאָכן אויף דער נאַרע, נאָך אַ יונגער און געזונטער מאָלדאַוואַנער, וועלכער איז געזעסן דערפֿאַר, וואָס ער פלעגט צומישן וואַסער צום קאָלווירטישן ווײַן, וועלכן ער האָט געפירט אויפן מאַרק פאַרקויפן, איז אפילע געווען צופרידן פון די קלאַנגען. ווי דאָס לעבן אין לאַגער איז געווען ניט גרינג, האָט ער דאָך געוואָלט בעסער איבערקומען די מילכאָמע דאָ און ניט דאַרפן גיין אויפן פראָנט. יודל אָבער האָט ניט מוירע געהאַט, אַז מע וועט אים שיקן אויפן פראָנט: ער איז געווען שוין אַריבער די פופציקער, געקאָסיעט מיטן לינקן, עטוואָס קלענערן אייגל און, כוץ דעם, געהאַט אַ צווייענדיקע גריזשע. אפילע בעשאַס דער פאַריקער מילכאָמע מיט דײַטשלאַנד, ווען ער איז נאָך געשטאַנען צום פּריזיוו, האָט מען אים געגעבן אַ ווײַסן בילעט און אין דער אַרמיי ניט גענומען.

לויט יודלס כעזשבן האָט זײַן „סראָק" געדאַרפט זיך ענדיקן מיט אָנדערהאַלבן כאָדאָשים שפּעטער. לאָזט זיך אויס, אַז מע האָט אים פאַרעכנט „זאַטשאָטנע טעג" פאַר דער אַרבעט אין ציגל־זאַוואָד.

אַ פאַרשמײַעטער, אין אַ פאַנאַנדערגעשפּיליעטער פאַרשמאָלצעוועטער קורטקע, איז יודל אַרויס פון דער בוכהאַלטעריע. אויסגעווישט מיטן אַרבל דעם שווייס פון דעם צעקנייטשט־אײַנגעדאַרטן פּאָנעם, האָט ער מיט ציטערנדיקע הענט אַרויסגענומען פון קעשענע די צײַגעניש און וואָרט בײַ וואָרט ווידער איבערגעלייענט זי, ווי ער וואָלט וועלן נאָכאַמאָל איבערצײַגן זיך, אַז ער איז טאַקע באַפרײַט. ער האָט צונויפגעלייגט די צײַגעניש אײַנפירען, אײַנגעוויקלט זי אין דאָבעס לעצטן בריוו, באַהאַלטן טיף אין דער צוגענייטער בוזעם־קעשענע פון דער קאָרטעגער קורטקע און מיט גיכע טריט אַוועקגעײַלט אין באַראַק צונויפקלײַבן די זאַכן זײַנע, וועלכע ער האָט געהיט בײַ זיך צוקאָפּנס אויף דער אייבערשטער נאַרע.

אין דעם נידעריקן און זייער לאַנגן באַראַק איז אויסער דעם דנעוואַלנעם, וואָס האָט מיט אַ שוואַכרע געדרײַעט דעם אָנגענעצטן דיל, שוין קיינער ניט געווען. די „זעקאַ" זײַנען שוין אַלע ביז איינעם אַוועקגעפירט געוואָרן אויף דער אַרבעט.

— נאָך וואָס האָט מען דיך אַרויסגערופן? — האָט דער פליכעוואַטער דנעוואַלנער, ניט אויפהערנדיק רײַבן דעם דיל, אַ פרעג געטאָן בײַ יודלען. יודל האָט זיך

[1] אַ מין זשאַרגאָן־אויסדרוק פון די אַרעסטירטע. „פּאַראַשע" הייסט אַ צעבער, ווו די אַרעסטירטע טוען אָפּ זייערע נאַטירלעכע באַדערפענישן. דאָ — קלאַנגען.

געמאַכט ניט הערנדיק, גאָרנישט ניט געענטפערט. ביז ער וועט ניט אַרויס פון דער זאָנע, האָט ער ניט געוואָלט, אַז עמעצער זאָל וויסן, אַז מע האָט אים באַפרײַט. מאַלע וואָס... ער איז אַרופגעקראָכן אין דער הייך אויף דער נאַרע און גיך גענומען צונויפקלײַבן אין טאָרבע זײַן פאַרמעגן — דעם האַנטעך, די שווייסיקע אָנעטשעס, די אָפגעשפּאָרטע עטלעכע פּײַקעס ברויט און דאָס, וואָס בא אים האָט זיך נאָך פאַרהיט פון דעם פּעקל, וועלכן ער האָט באַקומען פון דאָבען, — כאַזער־שמאַלץ, היימישע קיכלעך, צוקער, כאַלוואַ, אַ גאָמלקע און מאַכאָרקע. אין אײַלעניש האָט אַ ביסל מאַכאָרקע זיך פאַרשאָטן אויף דעם צוגעפּלעטשטן שטרויענעם מאַטראַץ. יודל האָט גענומען עס צונויפקלײַבן און מיטאַמאָל זיך דערמאָנט אין קאָנדריען. ער האָט דאָך געגעבן אים, דעם שאָכן זײַנעם אויף דער נאַרע, דרײַ פּולע באַנקעס מאַכאָרקע און יענער האָט צוגעזאָגט בײַטן זיך דערפאַר מיט אים מיט די שיך. ערשט מיט אַ וואָך צוריק האָט קאָנדריע באַקומען אַ פּאָר גוטע שיך, קימאַט נײַע, עמעס זייער שווערע, אָבער שטאַרקע. ווי זשע פּאַקט מען איצט קאָנדריען, אַז יענער איז שוין אויסער דער זאָנע, אין דער שאַכטע ערגעץ... פון פאַרדראָס האָט יודל ביז ווייטעק זיך אַ צופּ געטאָן די וואָנץ. באַדאַרפט גלײַך, ווי ער האָט זיך נאָר דערוווּסט, אַז ער איז באַפרײַט, לויפן אין באַראַק, וואָלט ער קאָנדריען נאָך געפּאַקט. ער וואָלט די שיך מיט די צײַן בא אים אַרויסגעריסן. דרײַ פּולע באַנקעס מאַכאָרקע אים אַרײַנגעפּערעט. פאַרוואָס זאָל ער עס אים שענקען?.. פון צעטומלונג איז בא יודלען אַלץ געפאַלן פון די הענט. די מאַכאָרקע, וואָס ער האָט צונויפגעקליבן, האָט זיך ווידער צעשאָטן. ער האָט זיך נאָך געייסעקט אין דער הייך אויף דער נאַרע, ווען ס'איז אַרײַן אין באַראַק דער געשטופּלטער „באַדזיראַטעל"[1] און מיט אַ הייזעריקער שטים אַ געשריי געטאָן:

— פּיסקון יודל קערלעוויטש...

יודל האָט אופגעציטערט. „עפּעס איז שוין געשען?"

— פּיסקון!.. — האָט דער „באַדזיראַטעל" ווידער אויסגערופן.

— האַ?.. וואָס... וואָסי?.. איך בין דאָ... אָט בין איך... — האָט יודל אָפגעהאַקט געענטפערט.

— וואָס קלײַבסטו זיך אַזוי לאַנג? — האָט דער „באַדזיראַטעל" שטרענג געפרעגט. — מע האָט דיך באַפרײַט, איז מאַרש... גיב אָפּ דעם מאַטראַץ מיט די איבעריקע בעבעכעס און הײַדאַ פונדאַנען...

„ווערט קאָנדריע פאַרבריענט מיט זײַנע שיך"... — האָט יודל אַ טראַכט געטאָן און זיך אַראָפּגעגליטשט פון דער אייבערשטער נאַרע.

אין אַ האַלב שאָ אַרום איז יודל פּיסקון שוין געווען אויסערן לאַגער. אַ נידעריטשקער, אַן אײַנגעדאַרטער, אַ געהויקערטער, האָט ער מיט דער טאָרבע אונטער דער פּאַכווע געשפּאַנט אַרויף דעם לײַמיקן בערגל צו דעם דערבײַיִקן שליאַך, וואָס האָט געפירט קיין קאַראַגאַנדע. די טריט זײַנען געווען ניט קיין זיכערע, שוין דער־

---

[1] אַן אופזעער אין טפיסע אָדער לאַגער.

פֿאַר, וואָס הינטער אים גייט ניט נאָך קיין וואַכמאַן מיט אַ ביקס. ער האָט געציטערט איצט פֿאַר איינס: מע זאָל אים כאָטש ניט אומקערן.

ווען יודל איז שוין אַרויף אויף דעם ברייט־אויסגעפּאָרענעם שליאַך, האָט ער זיך ערשט אומגעקוקט, אויפֿגעהויבן אַ הרודע ערד און אַ שלײַדער געטאָן אַהין, אין דער ריכטונג צום פֿאַרבלײַבענעם לאַגער, וואָס איז געווען אַרומגעצאַמט מיט הויכע שוואַרצע זשערדײַעס[1] און געדיכט אַרומגעפֿלאָכטן מיט שטעכלדראָט. אַ וואָרף טאָן אַ שטיין אָדער אַ הרודע ערד באַם אַוועקגיין פֿון לאַגער האָט זיך גערעכנט צווישן די „זעקאַ" פֿאַר אַ סגולה, מע זאָל אַהין מער ניט אומקערן זיך.

איצט איז יודל אַוועק גיכער. אַראָפּ פֿון בערגל, האָט ער זיך נאָכאַמאָל אומגעקוקט. דער לאַגער האָט זיך שוין ניט געזען. דער שליאַך איז געווען פּוסט. יודלען האָט זיך נאָך אַלץ ניט געגלייבט, אַז ער איז אויף דער פֿרײַ, ער האָט ווידעראַמאָל אָנגעטאַפּט אין בוזעם־קעשענע די צײַגעניש און דעם בילעט ביז דער סטאַנציע הולײַפּאָליע...

נאָך ערשט ניט לאַנג, מיט עטלעכע כאָדאָשים פֿריִער, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, האָט יודל פּיסקון ניט געטראַכט אַפֿילע, ער זאָל נאָכן אָפּקומען זײַן טערמין אומקערן זיך צוריק קיין בוריאַנאָווקע, ווו יעדער איינער איז אים אַ סוינע. אַפֿילע דער אייגענער, דער איין־איינציקער זון זײַנער. איצט אָבער, געהערט, אַז די דײַטשישע אַרמיי פֿאַרנעמט איין שטאָט נאָך דער אַנדערער, האָט באַ יודלען זיך דערוועקט אַ האָפֿענונג, אַז די דײַטשן וועלן אַרײַן אויך אין בוריאַנאָווקע. ווײַבאַלד אַזוי, וועט ער זיך אומקערן דאַפֿקע צו זיך אין כוטאָר, ווו כאַנציע, כאָמע טראַסקון און זיי, עלקע רודנער, האָבן זיך איזדיעקעוועט איבער אים, געמישפּעט פֿאַר די עטלעכע זעקלעך ווייץ, וועלכע מע האָט געפֿונען באַגראָבן באַ אים אין שטאַל, און פֿאַרשיקט אויף אַכט מיט אַ האַלב יאָר אין דעם וויסטן לאַגער...

„זיי האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן אייביק זיצן רײַטנדיק אויפֿן פֿערד. איז ער דאַפֿקע אַ באַלן צו זען, וואָס פֿאַר אַ פּאָנעם זיי וועלן האָבן איצט..."

אָפּגעגאַנגען פֿינף קילאָמעטער, האָט יודל פּיסקון דערזען פֿון לינקס פֿונעם זאַמדיקן שליאַך דעם בײַ־אויסגעבויטן זאַוואָד מיט די הויכע געמויערטע קאָרפּוסן און פֿילצאָליקע וווינונגס־הײַזער, וועלכע זײַנען פֿאַר די לעצטע עטלעכע יאָר אויסגעוואַקסן אָט דאָ, אין מיט פֿונעם באַקעטן סטעפּ.

„אָט וואָס זיי האָבן דאָ מיט אונדזער שווייס אויסגעבויט", — האָט יודלען אַ שניט געטאָן איבערן האַרצן. קאָסיענדיק מיטן לינקן אייגל, האָט ער מיט פֿאַרביטערונג געקוקט אויף דעם זאַוואָד און זיך אויסגעגעסן דאָס האַרץ, וואָס ער האָט אויך געמוזט האָרעווען אויף זיי, געפֿורעמט און געברענט פֿאַר זיי ציגל. אים האָט זיך געוואָלט, אַז עס זאָל טרעפֿן עפּעס אַן אומגליק, און אָט די מאַכינע, וואָס זיי האָבן דאָ אויסגעבויט, זאָל זיך אײַנוואַלגערן. אין אים האָט געברענט אַ סינע צו דעם אַלעמען, וואָס האָט אים דאָ אַרומגערינגלט: צום זאַוואָד, צו די נײַע הײַזער,

---

[1] לאַנגע דינע אָפּגעזעגטע ביימער־שטאַמען, אָפּגערייניקטע פֿון די צווײַגן.

צו די יונג־פארפלאנצטע ביימער, אפילע צו דעם גראָז, וואָס איז געוואקסן בא די זייַטן וועג, צו אָט דער ערד און צו אָט דעם הימל...

אונטערסאָפּענדיק מיט דער נאָז, האָט יודל געשפּאנט מיט די קורצע קרומ־לעכע פיס. מיטאמאָל האָט ער דערהערט הינטער זיך א הודערייַ פון אן אויטאָ, א געלעכטער און אויסגעשרייען.

„דאָס יאָגט מען זיך נאָך מיר...״ — די געהויקערטע פּלייצע האָט זיך בא אים נאָך נידעריקער אָנגעבויגן.

די הודערייַ און דער טומל זייַנען געוואָרן שטארקער. דער אויטאָמאָביל איז שוין געווען גאָר נאָענט. יודלען האָט באשלאָגן א געדיכטער שוויס. ער האָט זיך ניט אומגעקוקט, מוירע געהאט. אין א רעגע ארום האָט דער אויטאָמאָביל מיט א גערויש זיך דורכגעטראָגן פארבייַ אים. דער קוזאָוו איז געווען פול מיט פרויען, אָרבעטערנס פון זאוואָד. זיי האָבן עפּעס געשריִען צו אים, געמאכט מיט די הענט, געלאכט און אראָפּגעוואָרפן אים עטלעכע גרויסע ראָזע עפּל.

— עס טראָגט זיי דאָ, א פינצטערע מאפּאָלע אף זיי, — האָט יודל אופגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אויסגעזידלט. ער האָט צונויפגעקליבן פונעם שטויביקן שליאך די עטלעכע עפּל, אריַינגעפּערעט זיי ביט אויסגעווישטערהייט אין דער טאָרבע און זיך געלאָזט גיין נאָך האסטיקער. אים האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער קומען אף דער אייַזנבאן־סטאנציע און אוועקפאָרן. אָט דעמלט, ווען ער וועט שוין זייַן אין וואגאָן, וועט ער ערשט גלייבן, אז ער האָט זיך ארויסגעריסן פון זייערע הענט.

דער הייסער טרוקענער ווינט, וואָס האָט א בלאָז געטאָן איבער דעם אָנגעגליטן סטעפּ, האָט אונטערגעקערט דעם שטויב פונעם שליאך, געשמיסן מיט אים יודלען אין פּאָנעם אריַין, ווי ער וואָלט אים וועלן פארטרייַבן צוריק אין לאגער.

שוין היפּש נאָך האלבן טאָג האָט יודל זיך דערקליבן צו דער סטאנציע קארא־גאנדע. אפן צוג האָט ער נאָך געדארפט היפּש ווארטן און האָט ניט געוווסט, ווו אהינצוטאָן זיך דערווייַל. מענטשן זייַנען דאָ געווען ווייניק. עלטערע מאנצבלען, אמערסטן קאזאכן מיט שיטערע בערדלעך, און פרויען אין בונטע סאראפאנען זייַנען געזעסן מיט פּעקלעך און געפלאָכטענע קוישן אינעם דערבייַיִקן סקווערל. אף דער פּלאטפאָרמע זייַנען געשטאנען עטלעכע אייַזנבאנער און געשמועסט. ניט ווייַט האָט ארומגעשפּאנט א הויכער און דארער מיליציִאָנער. יודל האָט פארזאָרגט זיך אומגעקוקט, געזוכט, ווו זיך פריטוליען, קעדיי ניט ווארפן זיך אין די אויגן. וווהין ער זאָל ניט מאכן קיין טראָט, האָט זיך אים געדוכט, אז מע קוקט אים נאָך מיט כשאד. דערזען פונדערווייַטן דעם געמויערטן טואלעט, האָט ער אוועקגעייַלט אהין. „דאָס בעסטע איז איבערווארטן דאָ“, — האָט יודל באשלאָסן. נאָר שפּעטער א ביסל איז אריַין אהין איינער פון די אייַזנבאנער, און יודל האָט פארלאָזט זייַן „באהעלטעניש“. עטוואָס אונטערהינקענדיק, האָט ער זיך פארקליבן אין סאמע עק פון סקווערל, זיך צוגעזעצט דאָרט אונטער א פארדארטן אקאציע־בוים, אָנשפּארנ־דיק זיך מיט דער פּלייצע צום שטאם. ער האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אף די קני, צוגעמאכט די אויגן און געזעסן אזוי צונויפגעדרייט, ניט א ריר געבנדיק זיך פון

אָרט. נאָר ער איז ניט געשלאָפן. ניט געדרעמלט אפילע. די אויערן זײַנען בא אים געווען אָנגעשפּיצט, ווי בא א כאַרט, און האָבן אופגעכאַפּט דעם מינדסטן שאָרך. אפן הארצן איז אים געווען איצט אומרויִקער, איידער אין לאַגער. דאָרט, אין לאַגער, האָט ער כאָטש ניט מוירע געהאַט, אז מע וועט אים צונעמען. און אהער קאָן מען באַלד אראָפּקומען נאָך אים, אָפּזוכן דאָ אונטער דעם אַקאַציע־בוים און אָפּפירן מיט א וואָך צוריק אין לאַגער.

יודל האָט קוים דערלעבט, ביז עס איז געוואָרן טונקל. דעמלט האָט ער זיך דערפילט זיכערער און איז אוועק אף דער פּלאַטפאָרמע, וועלכע איז שוין געווען פול מיט פּאַסאַזשירן. ערגעץ ניט ווײַט האָט זיך דערטראָגן דאָס פּײַפן פונעם לאָקאָמאָטיוו.

„נאָך עטלעכע מינוט, און אַן עק...“

אף דער פּלאַטפאָרמע איז געוואָרן אַלץ טומלדיקער. פרויען מיט קוישן אף די קעפּ זײַנען געלאָפן היין און הער.

ווי נאָר דער צוג איז אָנגעקומען און, אונטערקלינגענדיק מיט די בופערס, גע־בליבן שטיין, האָט יודל זיך דורכגעשטופּט צווישן דעם געדיכטן עולם און ארײַנ־געכאַפּט זיך אין סאַמע לעצטן וואַגאָן. א באַגאַסענער מיט שווייס, האָט ער זיך פאַרקליבן אין דער הייך אף דער דריטער פּאָלקע, זיך אויסגעצויגן און צוגעדריקט צום סאַמע ווענטל, אז מע זאָל אים ניט ארויסזען. עס האָט אים נאָך אַלץ געשראָקן, אז אָט איצט, אין דער לעצטער מינוט, זאָל עפּעס ניט טרעפן. ער האָט אומגעדול־דיק געוואַרט, אז דער צוג זאָל שוין וואָס גיכער אוועק.

אינעם שוואַך־באַלויכטענעם וואַגאָן איז געשטאַנען א טומל, א געפּילדער. מע האָט גערעדט אף פאַרשיידענע לעשוינעס. עס האָבן זיך געשטופּט אַלע בײַ־ע און נײַ־ע פּאַסאַזשירן, און יעדערער פון זיי האָט זיך געסטאַרעט פאַרכאַפּן אַן אָרט.

אינגיכן האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט, צעלייגט לעבן זיך די פּעק מיט די קאָשע־קעס, און אין וואַגאָן איז געוואָרן רויִקער.

„וואָס שטייט דער צוג אזוי לאַנג, — האָט יודל זיך געערגערט, — צי פאַרהאַלט מען דאָס ניט בעקיוון צוליב אים?..“

נאָר מיטאַמאָל האָט ער דערפילט, ווי דער וואַגאָן האָט א ציטער געטאָן און דער צוג איז אוועק.

„אַן עק... פּאָטער געוואָרן... ארויסגעריסן זיך, א מאַפּאָלע אף זיי...“

מיט די לענגלעך־סטאַרטשענדיקע אויערן האָט ער אָנגעשטרענגט זיך צוגעע־הערט צו דער האַסטיקער קלאַפּערײַ פון די רעדער. „אויס לאַגער... אויס קאַראַ־גאַנדע“...

יודל האָט דערפילט א שטורכע אין זײַט. דערשראָקן זיך א כאַפּ אוף געטאָן, האָט ער דערזען פאַר זיך דעם שמאָל־אויגיקן קאָנדוקטאָר, וואָס האָט ארופגעקוקט אהער צו אים.

— וואָס האָסטו, טײַערינקער, זיך פאַרקליבן אזש אף דער דריטער פּאָלקע... עס איז דאָך דאָ הייס דערשטיקט צו ווערן... אנו, ווײַז אָקאָרשט דײַן בילעט...

יודל האָט פון דערשרעק קוים אָפגעזוכט דעם בילעט אין דער צוגעניטער בוזעם־קעשענע. דער קאָנדוקטאָר האָט דעם בילעט לאנג און מיט כשאד באטראכט און אומגעקערט אים יודלען. ער האָט געייצעט אראָפקריכן און פארנעמען אָן אונטערשטע פּאָלקע, וועלכע וועט זיך איבגיכן באפרייען.

יודל האָט זיך געמאכט, ווי ער וואָלט ניט פארשטיין, וואָס מע רעדט צו אים. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צום ווענטל און בעקיוון גלייך אָנגעהויבן כראָפּען.

דער קאָנדוקטאָר האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט און איז אוועק.

אין דעם זיך אונטערהוידעוודיקן וואגאָן איז איבגיכן געוואָרן זייער שטיל. די פּאסאזשירן האָבן זיך געלייגט שלאָפן. עס איז איצט דייטלעכער געוועזן דאָס קלאפּן פון די רעדער. פון צייט צו צייט האָט זיך דערטראָגן די פייפעריי פונעם לאָקאָמאָטיוו. יודל האָט זיך צוגעהערט, ווי עס האָט זיך שנעל געטראָגן דער צוג. הייסט עס, ער פאָרט... צו זיך אהיים, קיין בוריאנאָווקע, אהין אין כוטאָר, ווו זיי האָבן אים געמישפּעט און פונוואנען ער איז שוין אכט מיט א האלב יאָר... פאר די אויגן קומט אים אוף זיין ארומגעצאמטער מיט קוקורוזע־שטענגלעך הויף אין סאמע עק כוטאָר, דאָס שטיבל מיט די בידעריקע פענצטער און זי, דאָבע... זי איז דאָרט איצט איינע אליין...

אינעם בריוו, וועלכן דאָבע האָט געשיקט צוזאמען מיטן פּעקל, האָט זי געשריבן, ווי זי האָט ארויסבאגלייט יאָסקען, וועלכן מע האָט גענומען אף דער מילכאָמע. יודל איז געוועזן צופרידן, וואָס יאָסקע איז שוין ניטאָ אין כוטאָר. דאָס האָט ער דאָך, דער אייגענער זון, אים פארמאסערט פאר זיי... אָפּגעטאָן אים אזוינס, וואָס אפילע דער גרעסטער סוינע וואָלט אים ניט געטאָן. געלאָפן — צו וועמען? צו דער קאָמוניסטקע, צו עלקע רודנער, אָנזאָגן איר די סימכע, אז אין שטאל בא אים איז פארגראָבן ווייץ... א האלב לעבן האָט ער בא אים צוגענומען...

פאר די העכער אכט יאָר, וואָס יודל האָט זיך געפונען אין לאגער, האָט ער קיין איין מאָל זיך ניט נאָכגעפרעגט וועגן יאָסקען, און אויך יאָסקע האָט אים קיין איין וואָרט ניט אָנגעשריבן.

דער צוג האָט פארלאנגזאמט דעם גאנג און איז אין א ווײַלע ארום געבליבן שטיין בא דער סטאנציע. דאָס איז געוועזן די ערשטע גרעסערע סטאנציע נאָך קאראגאנדע. אין וואגאָן־פענצטער האָט ארייַנגעלויכטן פון דער פּלאטפאָרמע א בלאסע שיין. אין דער באנאכטיקער שטילקייט האָט יודל דערהערט, ווי ערגעץ דאָ דערבײַ האָט דער הויכריידער איבערגעגעבן די מיטיילונג פון סאָווינפאָרמביוראָ, אז דעם 14 סענטיאבער האָט די רויטע ארמיי פארלאָזט די שטאָט קרעמענטשוג.

בא יודלען אפן הארצן איז געוואָרן אזוי, ווי מע וואָלט אים אָנגעזאָגט זייער א גוטע בסורע. קיין שום זאך האָט אים איצט אזוי ניט געפרייט, ווי די שלעכטע מיטיילונגען פון סאָווינפאָרמביוראָ.

דער צוג איז אוועק. די רעדער האָבן ווידער מאָנאָטאָן געקלאפּט, און דער וואָ־

גאָן האָט ווידער זיך אונטערגעוויגט. די פּאַסאַזשירן זײַנען געשלאָפֿן, ווי פֿריִער. אײן יודלען האָט דער שלאָף ניט גענומען.

„די דײַטשן שפּאַרן... אַך, ווי זיי שפּאַרן...“ איצט האָט ער מורא געהאַט, ער זאָל כאָטש ניט פֿאַרשפּעטיקן קיין בוריאַנאָוקע. ער האָט געהערט, עמעס, זאָגן, אַז די היטלעראָווצעס קוילען אויס די ייִדן. ער איז אָבער זיכער געווען, אַז דאָס קער זיך אָן נאָר די קאָמוניסטן, די סאָוועטישע אַקטיוויסטן... און ער?.. פֿאַרקערט, ער וועט נאָך זײַן אַ מעיוכעס באַ די דײַטשן. ער האָט זיך דאָך גענוג אָנגעליטן באַ דער סאָוועטסקער וולאַסט. פֿון דעם ערשטן טאָג אָן האָבן זיי אים געטרייבערט די אָדערן. און איצט, אַלס צוגאָב, האָט ער העכער אַכט יאָר זיך אָפּגעמוטשעט באַ זיי אין לאַגער... וואָסי שײַעך, ער האָט דערפֿאַר שוין דאַפּקע אַ גוטע ספּראַווקע. קיין בעסערע אַף ווײַזן די דײַטשן דאַרף ער ניט...

גאַנצפֿרי האָט יודל דערהערט, ווי אַף דער אונטערשטער פּאָלקע האָבן די פּאַ־סאַזשירן געריעדט צווישן זיך וועגן די לעצטע יעדיִעס:

— קרעמענטשוג אָפּגעגעבן... אַזאַ שטאָט...

— וואָס וועט עס זײַן?.. ביזוואַנען וועלן אונדזערע אָפּטרעטן?..

— איצט וועט מען אים פֿאַרהאַלטן, — האָט פֿאַרזיכערט אַ מענערישע שטים, — אָט וועט איר זען, ווײַטער וועט ער שוין ניט גיין...

יודל האָט ניט געזען, ווער עס האָט דאָס געזאָגט, נאָר דערפֿילט אַ סינע צו דעם מענטשן.

אַ גאַנצן טאָג איז יודל, אַ צעפּאַרעטער, אַ נאַסער פֿון שוויס, געלעגן אַף דער אייבערשטער פּאָלקע. דאָרט איז געווען דערשטיקט צו ווערן פֿון היץ, וואָס האָט געטראָגן פֿון דעם אָנגעגליטן דאַך. נאָר יודל איז ניט אַראָפּ אונטן.

ערשט באַנאַכט, ווען מע האָט אויסגעלאָשן די שײַן און אינעם טונקעלן וואַגאָן האָט זיך דערהערט אַ כראָפּען פֿון די שלאָפֿנדיקע פּאַסאַזשירן, איז יודל פֿאָרזיכטיק אַראָפּגעקראָכן און, אונטערהינקענדיק, אוועקגעײַלט מיט פֿאַרשטשעמעטע ציין אין סאַמע עק פֿון דעם אונטערהוידענדיקן וואַגאָן — אין טואַלעט. אומגעקערט זיך, איז ער ניט געקראָכן באַלד ווידער אין דער הייך. ער האָט שטיל זיך דערקליבן צו דעם בלאָוון וואַגאָן־פֿענצטער, זיך אײַנגעקוקט אין דער באַנאַכטיקער כאַשכעס און דערזען שימערירן ערגעץ גאָר נאָענט צעזייטע עלעקטרישע פֿײַערלעך. דער פּאַרסאָפּעט־אײַלנדיקער צוג האָט זיך דערנעענטערט צו אַ סטאַנציע און אין אַ ווײַלע אַרום זיך אָפּגעשטעלט אנטקעגן אַ קנאַפּ־באַלויכטענער פּוסטער פּלאַט־פֿאָרמע.

יודל האָט אָנגעשטעלט די אויערן, געוואַרט, עפּשער וועט ער ווידער דערהערן אַ סוואַדקע. נאָר אַרום וואַקזאַל איז געשטאַנען, ווי געווינלעך אין די שפּעט־נאַכ־טיקע שאָען, אַ פֿאַרגליווערטע שטילקײַט. דער הויכריידער האָט געשוויגן. אַ שוואַ־כער קלונג פֿונעם גלאָק האָט אומעטיק אָפּגעהילכט איבער דער ליידיקער פּלאַט־פֿאָרמע. דער לאָקאָמאָטיוו האָט געענטפֿערט מיט אַ צעצויגענעם פֿײַף, און דער צוג האָט זיך גערירט.

אַן אומצופרידענער איז יודל אַרופגעקראָכן צוריק אויף זײַן אָרט. אַ גאַנצן טאָג איז ער דאָרט געלעגן און באַנאַכט ווידער אַראָפּגעקראָכן, געשטאַנען איינער אַליין אין דער פינצטער באַם וואַגאָן־פענצטער, אַרויסגעקוקט אינעם כאַשכעסדיקן דרויסן. אַזוי יעדע נאַכט.

עס האָט זיך געמאַכט, אַז אויך באַטאָג האָט ער געמוזט אויף אַ קורצער ווײַלע אַראָפּגיין אונטן. דעמלט האָבן זײַנע שכיינים פון די אונטערשטע פּאָלקעס געכאַפּט אַ קוק אויף אים און לויט זײַן הוילעך און אויסזען זיך אָנגעשטויסן, פונוואַנען ער פּאָרט. אייניקע פון זיי האָבן זיך גענומען רײַען אין זייערע קאָשעקעס.

ווען יודל האָט זיך אומגעקערט און איז, ניט אומקוקנדיק זיך אויף קיינעם, אַרויף צוריק אויף דער פּאָלקע, האָט ער דאָרט געפונען אויף אַ פאַרשפּרייט פּאַפּיר אַ האַלב לעבל ברויט, אייער, שטיקער געבראָטן פלייש און עפּל.

יודל האָט עס צוגענומען, דערבײַ עטלעכע מאָל ביטערלעך־צעצויגן אַ קרעכץ געטאָן אַזוי, אַז די פּאַסאַזשירן, וואָס זײַנען געזעסן אונטן, זאָלן הערן.

אַן עלטערע אודמורטקע, וואָס איז געפאָרן קיין אָמסק צו איר פאַרוווּנדעטן זון, וועלכער איז געלעגן דאָרט אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל, האָט אויך אַ קרעכץ געטאָן, ווי זי וואָלט מיט דעם זאָגן, אַז זי פאַרשטייט, ווי ביטער עס איז אים. זי האָט אַרויסגענומען פון קאָשעק אַ שטיק שאָפּנפלייש און אויסגעשטרעקט עס אין דער הייך צו יודלען.

— נעמט... עסט... — האָט זי שטיל געזאָגט, — עס איז ניט קיין געקויפטס...

יודל האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן. ער האָט גענומען און ווידער אַ קרעכץ געטאָן. ער האָט דאָס אַלץ באַהאַלטן אין טאָרבע, ווו עס זײַנען נאָך געלעגן די היימישע קיכעלעך און כאַזער־שמאַלץ. איצט האָט ער שוין ניט געדאַרפט שפּאָרן מיטן עסן. נאָר אים האָט געערגערט דאָס, וואָס די קאָלווירטניצע איז אַזוי רײַך. אויב זי האָט אים אין אַזאַ צײַט געקאָנט געבן אומזיסט אַ גרויסן שטיק שאָפּנפלייש, פעלט דאָך איר דאָס גוטס ניט אויס, אַ כוואָראַבע אויף איר.

אויף די סטאַנציעס האָבן די פּאַסאַזשירן זיך געביטן, אייניקע זײַנען אַראָפּגעשטיגן, אַנדערע האָבן זיך אַרײַנגעזעצט, און דער צוג איז געגאַנגען און געגאַנגען, איבערלאָזנדיק הינטער זיך אומענדלעכע ראַכוועסן.

יעדעס מאָל, ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַנציע, האָט יודל זיך צוגעהערט. ער האָט געכאַלעשט הערן אַ נײַע שלעכטע סוואָדקע. יעדער נאַכט איז ער אַראָפּ אונטן, געשטאַנען איינער אַליין אין טונקעלן וואַגאָן באַם פענצטער און, קאָסיענדיק מיטן לינקן אייגל, זיך אײַנגעקוקט אין דער כאַשכעס. קיין עלעקטרישע פײַערלעך האָבן שוין איצט אין ערגעץ ניט געלויכטן. אויף די סטאַנציעס איז געווען פינצטער.

אין עטלעכע טעג אַרום, ווען יודל האָט אויף דער איבערפולטער און רוישיקער פּלאַטפאָרמע פון וואָראָנעזשער וואָקזאַל געוואַרט אויף אַ צוג, מיט וועלכן ער האָט געדאַרפט פאָרן ווײַטער, האָט די ראַדיאָ איבערגעגעבן, אַז נאָך דויערנדיקע פאַרביטערטע שלאַכטן האָט די רויטע אַרמיי דעם 21 סענטיאַבער פאַרלאָזט קיִעוו...

א צופרידענער פון אָט די נײַס, האָט יודל אופגעגעסן א שטיק געבראָטן פלייש און פארביסן מיט אן עפל.

באלד איז אָנגעקומען דער פּאסאזשיר־צוג און זיך אָפּגעשטעלט אנטקעגן דעם לאנגן מיליטער־עשעלאָן. יודל האָט געכאפּט די טאָרבע און איז אװעקגעלאָפן אהין. די קאָנדוקטאָרן האָבן אָבער ניט געלאָזט אים זעצן זיך. ער איז געלאָפן פון איין װאגאָן צום צװייטן און מיטאמאָל דערהערט, װי עמעצער האָט א געשריי געטאָן: „פּיסקון“. ער האָט זיך דערשראָקן אומגעקוקט און דערזען, װי עס לויפט צו אים א מיליטער־מאן מיט אן אװטאָמאט. בא יודלען האָבן זיך אונטערגעבראָכן די פיס. די געהויקערטע פּלייצע האָט זיך נאָך מער אײַנגעבויגן, און ער איז געװאָרן קלענער.

— פּיסקון?.. יודל?.. װי קומט איר אהער?.. — האָט דער מיליטער־מאן אויסגערופן אף יידיש און אויסגעשטרעקט אים די האנט. — װאָס, איר דערקענט מיך ניט?..

דאָס איז געװען שעפטל קאָבילעץ.

שעפטל האָט זיך געאײַלט. אין צען מינוט ארום האָט געדארפט אָפּגיין דער מיליטער־עשעלאָן, מיט װעלכן ער האָט זיך אומגעקערט אפן פראָנט. שוין אין דער ערשטער הייסער שלאכט, אין װעלכער ער האָט זיך באטייליקט, איז ער פארװונדעט געװאָרן פון א באָמבע־שפּליטער אין דער רעכטער זײַט, עטװאָס נידעריקער פון דער אונטערשטער ריפּ. בא א כוידעש צײַט איז ער אָפּגעלעגן אין פּענזער שפּיטאָל, און אָט קערט ער זיך אום צוריק. כאָטש שעפטל האָט געהאט צו יודלען א װידערגעפיל, דאָך האָט ער זיך דערפרייט, װאָס ער האָט אים דאָ באגעגנט. װי־ניט־װי איז יודל פאָרט געװען מיט אים פון איין כוטאָר, און דאָס אליין האָט שוין עפּעס באטײַט, ביפראט נאָך, אז יודל פאָרט קיין בוריאנאָװקע און װעט איבערגעבן פון אים א לעבעדיקן גרוס אין דער היים.

װעגן דעם, אז ער איז געװען פארװונדעט און געלעגן אין שפּיטאָל, האָט שעפטל געבעטן יודלען, ער זאָל דאָס זעלדען ניט דערציילן. זאָל יודל באַר זאָגן, אז ער האָט אים געזען, אז ער איז געזונט. און אָט נאָך װאָס: ער האָט ארויסגענומען פון זײַן טאָרבעלע צװיי באנקעס מיט פלייש־קאָנסערװן און א פּעקעלע צוקער — דעם פּאיאָק, װאָס ער האָט באקומען, — און דערלאנגט יודלען.

— איין באנקע נעמט זיך. עס װעט אײַך צוניץ קומען אין װעג. און די צװייטע מיטן פּעקעלע צוקער װעט איר איבערגעבן זעלדען מיט די קינדער...

שעפטל האָט צוגעפירט יודלען צום לעצטן װאגאָן פונעם פּאסאזשיר־צוג און א װוּנק געטאָן צום קאָנדוקטאָר, ער זאָל אים דורכלאָזן.

— לאדנאָ[1], — האָט דער קאָנדוקטאָר א מאך געטאָן מיט דער האנט.

שעפטל האָט געהאָלפן יודלען ארופגיין אף די טרעפּלעך.

— דאָבע װארט שוין מיסטאמע אף אײַך, איך שטעל זיך פאָר... — האָט ער

---

[1] רעכט, גוט.

געזאָגט און מיטאמאָל זיך דערמאָנט אָן יאָסקען. שעפטל האָט זיך פארלוירן. יודל קאָן נאָך א פרעג טאָן. ער ווייסט דאָך מיסטאמע אפילע ניט, אז יאָסקע איז דערהארגעט געוואָרן אף דער מילכאָמע. שעפטל האָט זיך גיך געזעגנט און מיט דעם אווטאָמאט אף דער ברוסט אײַליק אוועק צו זײַן עשעלאָן.

ווי נאָר דער צוג האָט זיך גערירט, האָט יודל געעפנט א פושקע קאָנסערוון און אופגעגעסן. די צווייטע פושקע האָט ער אופגעגעסן אף מאָרגן. אפן געמיט איז אים געווען גוט. ווען דער צוג איז פארבײַגעפאָרן זאפאָראָזשיע, האָט די שטאָט געברענט. דער הימל איז געווען שטארק רויט. יודל איז געלעגן און געסמאָצקעט דעם צוקער.

קיין הולײַפאָליע איז יודל אָנגעקומען פארטאָג. א צעקנייטשטער איז ער ארויסגעקראָכן פון וואגאָן. דורך דעם קילבלעכן ווײַסן נעפל, וואָס האָט זיך געהויבן פון דער ערד, האָט ער דערזען דעם גוט־באקאנטן רויט־געמויערטן וואָקזאל. „אָט פונדאנען האָט מען אים דעמלט אוועקגעפירט, און אָט איז ער צוריק דאָ... געקומען... און פונקט צו דער צײַט...“

אויסגעמיטן דעם פארטאָגיק־שטילן וואָקזאל, האָט יודל זיך פארנומען לינקס, אין דער ריכטונג צו בוריאנאָווקע. געגאנגען איז ער ניט מיט דעם שליאך, נאָר א ביסל ווײַטער, מיט דער קאנאווע, וואָס איז געווען געדיכט באוואקסן מיט בוריאן, מיט זײַטיקע פארוואקסענע שטעגלעך. ערשט פארנאכט־צו, ארומגעקלעפט מיט שטעכיקע בודזיקעס, האָט ער זיך דערקליבן צו די מאָהילקעס, פונוואנען עס האָבן זיך שוין ארויסגעזען די דעכער און ביימער־שפיצן פונעם כוטאָר. ער האָט ארויסגעקוקט פון צווישן דעם הויכן פאָלין. אף די רייך־צוגעקליבענע פעלדער האָט זיך קיינער ניט געזען, נאָר פונעם בערגל, ווו עס האָבן זיך געשווארצט די שוין פון לאנג אָפגעבליטע זונרויזן, האָבן זיך דערטראָגן אהער איינצלנע פרויען־שטימען. קאָנטיק, אז מע האָט דאָרט נאָך געארבעט.

יודל האָט באשלאָסן צוווארטן.

עס איז שוין געווען גוט טונקל, ווען ער איז ארויסגעקראָכן פון צווישן דעם פאָלין און זיך געלאָזט צום כוטאָר. אוועק איז ער מיט דער אויסגעטריקנטער באלקע, וועלכע האָט זיך געצויגן לענגויס די קארטאָפל־גערטענער, פארקערעוועט בא דער אויסגעטאָפּטשעטער טאָלאָקע און ארויס אפן עק כוטאָר.

דורך דער טונקלקײַט האָט יודל באלד דערקענט זײַן שטיבל, וואָס איז געשטאנען, ווי פריִער, אָפגעזונדערט, אין סאמע סאָף גאס, אראָפּ דעם צאָמבער־בערגל.

אין כוטאָר איז געווען זייער שטיל.

שארנדיק זיך פארבײַ דעם אלטן, שוין אויסגעקרימטן פארקן, איז יודל ארײַן צו זיך אין הויף. ער האָט זיך ארומגעקוקט אין אלע זײַטן און באמערקט א פאסיקל שײַן אינעם דרויסן־פענצטער, וואָס איז פון אינווייניק געווען פארהאנגען. שטיל צוגעגאנגען גאָר נאָענט, האָט ער זיך אופגעהויבן אף די שפיץ פינגער און ארײַנגעקוקט. אין שוואך־באלויכטענעם צימער איז דאָבע, א געבויגענע, א פארומערטע, געשטאנען לעבן דעם הילצערנעם בעט און זיך געווישט מיטן קאָפּטיכל די אויגן.

יודל האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אין טונקעלן פּירהויז. פֿאַרטשעפּעט זיך אין אַ הראַבליע, וואָס איז געווען אָנגעשפּאַרט אין וואַנט, איז ער שיִר ניט אומגעפֿאַלן.

— ווידער דער הונט... אײַנגעהנאַדיעט זיך... פּאַשאָל... פּאַשאָל וואָן!.. — האָט דאָבע מיט אַ ווײַנענדיקער שטים אַ געשריי געטאָן פֿון שטוב.

אין דער זעלבער רגע האָט יודל געעפֿנט די טיר, און אַף דעם מיט ליים אויס־געשמירטן דיל פֿונעם צימער איז געפֿאַלן זײַן שאָטן.

— ווער איז?.. — דאָבע איז דערשראָקן אָפּגעטראָטן צו דעם פֿאַרהאַנגענעם פֿענצטער און מיטאַמאָל געבליבן שטיין, ווי געפּלעפּט. — יודל?.. דאָס ביסטו?.. — האָט זי ניט מיט איר קאָל אויסגעשריִען.

קאַפּיטל צוויי

באַלד נאָך דעם, ווי שעפּטל האָט געהאָלפֿן יודל פּיסקונען זיך אַרײַנזעצן אינעם פֿולגעפּאַקטן פּאַסאַזשיר־צוג, האָט ער אַף דער ראַשיק־טומלדיקער פּלאַטפֿאָרמע לעבן דעם צײַטונגס־קיאָסק אָנגעשריבן עטלעכע שורעס אַהיים... אַראָפּגעלאָזט דעם בריוו אין פּאָטשט־קעסטל, איז ער אָוועקגעלאָפֿן צו זײַן עשעלאָן, וועלכער האָט מיט אַ ליאַזגערײַ פֿון די זיך צונויפֿשטויסנדיקע בופֿערס זיך שוין גערירט פֿון אָרט. מיטן אויטאָמאַט אַף דער ברוסט האָט שעפּטל פֿלינק זיך אַרופֿגעכאַפּט אַפֿן צוגע־פּעסטיקטן הויכן אײַזערנעם טרעפּל פֿון דעם ערטערווײַז אַרומגעסמאַליעטן רויטן וואַגאָן, זיך אַ ציִ אונטער געגעבן און איז געבליבן שטיין בײַ דער זײַט פֿון דער ברייט צעעפֿנטער טעפּלושקע־טיר, זײַענדיק נאָך אינגאַנצן אונטערן אײַנדרוק פֿון דער אומגעריכטער באַגעגעניש. ער איז געווען, שעפּטל, ביז גאָר צופֿרידן, וואָס ער האָט פּונקט איצט, ווען ער קערט זיך אום צוריק אַפֿן פֿראָנט, איבערגעגעבן אַ לע־בעדיקן גרוס אַהיים און געשיקט דערצו נאָך אַפּילע אַ קלייניקע מאַטאָנע. אַוואַדע, ווען ער האָט, וואָלט ער געשיקט נאָך עפּעס, כאָטש אַ פּאָר העפֿטן און אַ בלײַער... שמועלקע גייט דאָך שוין געוויס אין שול... נאָר אויסער די קאָנסערוון און דעם פּעקעלע צוקער האָט ער מער גאָרנישט ניט געהאַט. דאָס האָט אים באַנק געטאָן. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז שוין אויך אָט די קלייניקע מאַטאָנע, וועלכע ער האָט געשיקט ניט פֿון ערגעץ־ווו, נאָר קימאַט פֿון סאַמע פֿראָנט, וועט שטאַרק דער־פֿרייען אי זעלדען, אי די קינדער, אי די מאַמע... „וואָס טוט זיך דאָרט איצט בײַ זיי?.. — האָט שעפּטל מיט בענקשאַפֿט און זאָרג געטראַכט. — ווי ספּראַוועט זיך זעלדע איינע אַליין, אָן אים?.. ווי פֿילט זיך די מאַמע?..“ אין די בריוו, וועלכע ער האָט באַקומען פֿון זעלדען, האָט זי אים געשריבן יעדעס מאָל איינס און דאָס זעלבע, אַז וועגן איר, וועגן די קינדער און דער מאַמען זאָל ער ניט זאָרגן, זיי זײַנען אַלע געזונט, און אַלץ איז בײַ זיי אין דער בעסטער אָרדענונג. שעפּטל האָט אָבער גוט געוווּסט זעלדעס כאַראַקטער, געוווּסט, אַז ווי שווער איר זאָל ניט זײַן און וואָס עס זאָל ניט טרעפֿן דאָרט בײַ זיי, וועט זי אים סײַווי גאָרנישט ניט שרײַבן וועגן דעם, קעדיי ניט אָפּעסן אים דאָס האַרץ. און דעריבער, ניט געקוקט אַף די גוטע בריוו,

וועלכע ער האט באקומען פון איר, איז ער דאך קיינמאל ניט געווען רויק פאר דער היים. ער האט איצט, שטייענדיק בא דער אפענער טעפלושקע־טיר, געקוקט ווייט אף די נאקעטע פעלדער, פארביי וועלכע דער צוג האט זיך געטראגן, און זיך פארגעשטעלט זיין הויף אין מיט פונעם כוטאר, דעם ווייַנשל־פאליסאדניק, די שטוב מיט די בלאו־ארומגעפירטע ווינקלען, די שפעט־בליִענדיקע כריזאנטעמעס אנטקעגן די פענצטער; אים האט זיך געוואלט דערזען דארט כאטש אף איין רעגע זעלדען מיט די קינדער... שוין דאס וויפלטע מאל, זינט ער איז פון דער היים, כאלעמט זיך אים איין און דער זעלבער כאלעם: איבערן כוטאר פליוכעט א שלאקסרעגן און בא אים אין פארטונקלטן הויף, וואס איז באלייגט פון אלע זייטן מיט כמארעס, שטייט עלקע, א שלאנקע און א ליכטיקע, ארומגעריגלט מיט זיינע קינדער, און מאכט צו אים מיט דער האנט פונקט אזוי, ווי דעמלט זעלדע, ווען זי האט אים ארויסבאגלייט אף דער מילכאמע... פארוואס כאלעמט זיך אים ווידער און נאכאמאל אט דער זעלבער כאלעם?.. פארוואס זעט ער יעדעס מאל שטיין ארומגעריגלט מיט זיינע קינדער ניט זעלדען, נאר עלקען?.. וואס זאל דאס באטייטן?.. צי האט ניט געטראפן עפעס אין דער היים?.. פון אט די געדאנקען איז שעפטלען מיטאמאל שווער געווארן אפן הארצן. ער איז א פארזארגטער אפגעגאנגען עטלעכע טריט, געבליבן שטיין אין מיט פון דעם פראכט־וואגאן און זיך אומגעקוקט, ווי ער וואלט געזוכט עמעצן. דער וואגאן איז געווען פול מיט רויטארמייער, יעפרייטארס און סערזשאנטן, וועלכע האבן שוין באוויזן אי מילכאמע האלטן, אי פארווונדעט ווערן, אי זיך אויסהיילן. פון פארשיידענע שפיטאלן זיינען זיי געשיקט געווארן אין איין און דעם זעלבן רעזערוו־פאלק, ווו מע האט זיי פארמירט אין א מארש־ראטע. איצט פארן זיי אפן פראנט. אמערסטן זיינען דאס געווען נאך גאר יונגע כעווריע, אלנפאלס א סאך יינגער פון אים, שעפטלען. לויט זייער האלטן זיך, לויט די געשפרעכן, לויט זייער האפערדיקער זארגלאזיקייט האט ער געזען, אז זיי זיינען ניט קיין באווייבטע און האבן ניט אזעלכע דייגעס, ווי ער, וועגן דער היים, וועגן דער מישפאכע. דאס האט אים אפגעטיילט און אפילע אפגעפרעמדט פון זיי. זיי האבן אן אופהער געשפאסט, געלאכט, דערציילט ליבע־געשיכטעס, געזונגען. צווישן די אלע, וועלכע האבן פארפולט דעם וואגאן, איז געווען נאר איינער אין זיין עלטער, אפילע עלטער פון אים. אלעקסיי ארעשין. יענער האט זיך געהאלטן אפגעזונדערט פון אלעמען, קימאט ווי ניט גערעדט. שעפטל האט אפגעזוכט מיט די אויגן אט דעם שוין מיטליארן אומבאקאנטן רויטארמייער. „ער האט מיסטאמע אויך א מישפאכע, א ווייב און קינדער...“ — האט ער א טראכט געטאן, און שוין מיט דעם אליין איז יענער אים געווארן עפעס באזונדערס נאענט. שעפטלען האט א ציִ געטאן צו אים. אים האט זיך פארוואלט דערוויסן, ווער ער איז, פונוואנען, ווו איז זיין מישפאכע, וואס שרייבט מען אים פון דער היים, און ביכלאל זיך דורכריידן, דורכשמועסן, אפפירן א ביסל דאס הארץ.

דורכקלייבנדיק זיך צווישן די רויטארמייער, איז שעפטל צוגעגאנגען צו דער נארע, ווו אלעקסיי ארעשין איז געזעסן.

— מירן פֿאַרייכערן, — האָט שעפּטל אַ זאָג געטאָן, אויסשטרעקנדיק דאָס הייִמיש־אויסגענייטע זעקעלע מיט מאַכאָרקע.

— אָקאָרשט געריכערט, — האָט אַלעקסיי געענטפֿערט. נאָר קעדיי ניט באַליידיקן אָט דעם שוין אויך ניט איבעריקס יונגן רויטאַרמייער, אין וועמען ער האָט דערקענט אַ ייִדן, האָט ער גענומען און פֿאַרדרייט פֿון שעפּטלס זעקעלע אַ ציגאַרער.

שעפּטל האָט זיך צוגעזעצט, ניט געאײַלט פֿאַרייכערט און אָנגעהויבן זיך פֿאַנאַנדערפֿרעגן באַם נײַעם באַקאַנטן, ווו און אין וואָס פֿאַר אַ שפּיטאָל ער איז געלעגן, אַף וועלכן פֿראָנט ער איז געווען, ווען פֿאַרוווּנדעט געוואָרן.

אַלעקסיי האָט געענטפֿערט ניט גערן. די לעצטע עטלעכע כאָדאָשים, זינט ער האָט אַזוי אומגעריכט זיך דערזען אַף דער פֿרײַ, און באַזונדערס זינט עס האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו דערקלײַבן און אָנשליסן זיך אין אַ רויטאַרמייִשן טייל, האָט ער אויסגעמיטן צו ריידן וועגן זיך. דערצו איז די שטימונג באַ אים געווען אַ ביז גאָר געדריקטע. דער בריוו זײַנער צו עלקען, וועלכן ער האָט, ענדלעך, שוין ליגנדיק אין שפּיטאָל, געהאַט געשיקט קיין טשיטאַ, האָט מיט עטלעכע טעג צוריק זיך אומגעקערט מיט אַן אויפֿשריפֿט אַפֿן קאָנווערט „דער אַדרעסאַט ניטאָ“. ער האָט פֿון יענער מינוט אָן ניט געקאָנט קומען צו־זיך. „וואָס איז געשען מיט זיי?..“ — האָט ער געהאַלטן אין איין טראַכטן און איבערטראַכטן. פֿון מאָל צו מאָל האָט זיך פֿאַרגאַנוועט אַ שרעקלעכער געדאַנק: „צי האָט מען ניט צוגענומען עלקען?.. און סוועטע?.. ווו איז סוועטע?..“ דאָס האָט אים געשראָקן מער פֿון אַלץ. ער האָט זיך געסטאַרעט צו פֿאַרטרײַבן פֿון זיך אָט דעם אײַנגעגעסענעם געדאַנק. „וואָס זשע איז אָבער פּאָרט געשען?.. עפּשער... עפּשער האָט עלקע זיך פּאָשעט ניט דערוואַרט אַף אים, אָט אַזוי, ווי יענע פּרוי פֿונעם סעקרעטאַר פֿון מינסקער שטאָטקאָם, וועלכע ער האָט געטראָפֿן אין וואַלד־שטיבל?.. אָדער... וואָס נאָך האָט געקאָנט פּאַסירן?.. באַ וועמען דערוויסט מען זיך? וווּהין שרײַבן? ווו זוכן זיי?..“

ווײַל ער האָט ניט געטראַכט וועגן דעם, האָט ער קיין זאַך ניט געקאָנט צוטראַכטן. ער האָט זיך אָבער געסטאַרעט מיט גאָרנישט ניט אַרויסצובאַווײַזן פֿאַר דעם סאָלדאַט, וואָס האָט זיך צוגעזעצט צו אים, זײַנע דײַגעס, קעדיי ניט אַרויסרופֿן קיין איבעריקע פֿראַגן. נאָר באַ שעפּטלען האָבן אַזוי אויך קיין פֿראַגן ניט אויסגעפֿעלט.

— און אין שפּיטאָל, וואָס?.. געלעגן לאַנג? — האָט שעפּטל מעיושעוודיק זיך פֿאַרצויגן מיטן רויך פֿונעם מאַכאָרקע־ציגאַרער.

— העכער אַ כוידעש... נו, יאָ... קימאַט פֿינף וואָכן, — האָט אַלעקסיי צעשטרייט געענטפֿערט.

— און איך האָב זיך אָפּגעוואַלגערט דרײַ און צוואַנציק טעג... קוים דערוואַרט זיך, מע זאָל מיך אויסשרײַבן. ליגסט, טוסט גאָרנישט, טראַכסט וועגן דער היים. וואָסי דאָרטן? וויאַזוי קומען זיי אויס אָן דיר?.. דאָס לעבן גייט דיר ניט אײַן... אָט זיי... זיי איז גוט, — האָט שעפּטל אַ ווײַז געטאָן אַף די נאָך גאָר יונגע רויטאַרמייער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט אַ סערזשאַנט מיט אַ קלײַענדיק פּאָנעם, וועלכער איז

געשטאַנען אין דער מיט פון דער טעפּלושקע און, אונטערהוידענדיק זיך, וווּ לי־ונגעריש געשפּילט אַף דער האַרמאָשקע. — זיי האָבן אָט די דייַגעס ניט... וואָס ווייסן זיי?.. און בא מיר איז דאָס האַרץ קיינמאָל ניט רויִק. אין דער היים איז פאַרבליבן א ווייַב מיט פיר קינדער, איינס קלענער פון דעם אנדערן. און א שוואכע מאַמע דערצו... און איר?.. בא אייַך איז מיסטאמע אויך פאַראַן א מישפּאָכע, — האָט ער מיט נייַגער א פרעג געטאָן, צוזעצנדיק זיך נעענטער צו אַלעקסייען.

אַלעקסיי האָט ניט ווילנדיק אַנגעטאַפּט אין קעשענע דעם קאָנווערט מיט דער צושריפט: „דער אַדרעסאַט ניטאָ", און דערפילט, ווי עס האָט אים באַשלאָגן א קאַלטער שווייס.

— א מישפּאָכע?.. יאָ... פאַראַן... — האָט ער פאַרשטיקט געענטפערט.

— אזוי האָב איך טאַקע געטראַכט, — האָט שעפּטל זיך אָנגערופן. — ווי איך האָב אייַך נאָר דערזען, האָב איך גלייַך פאַרשטאַנען... און איר אַליין... כ'מיין, פונוואַנען זייַט איר?

— פון ווייַט... — האָט אַלעקסיי זיך געפּרוּווט אַרויסדרייען פון א קלאָרן ענטפער.

— וואָס הייסט, פון ווייַט?

אַלעקסיי האָט א ווייַל געשוויגן, ניט וויסנדיק וואָס צו זאָגן.

— פון טשיטא, — האָט ער, ענדלעך, אָן איבעריקן כיישעק אָנגערופן די שטאָט, ווו ער האָט געלעבט ביזן אַרעסט. — געהערט?

— טשיטא... טשיטא... — האָט שעפּטל א שעפּטשע געטאָן, א קנייטש געבנדיק דעם שטערן, און מיטאמאָל זיך דערמאָנט, אז עלקע האָט געלעבט אין טשיטא. — אוואדע האָב איך געהערט, — האָט ער זיך א כאַפּ געטאָן, — אין טשיטא דאָרט בא אייַך האָט געלעבט מייַנע א באַקאַנטע...

אַלעקסיי האָט מיטאמאָל זיך געענדערט אין פּאָנעם. אָן אומגעריכטע האָפענונג האָט פּלוצלינג זיך דערוועקט אין אים: עפּשער איז מעגלעך דורך אָט דער באַקאַנטער זיך דערוויסן, וואָס איז געשען מיט עלקען און סוועטען?.. עפּשער וועט זי אים העלפן אָפּזוכן זיי?..

— איצט לעבט די באַקאַנטע אייַערע אויך אין טשיטא? — האָט ער מיט אָן אומרויִק האַרץ א פרעג געטאָן.

— ניין... וואָסי דען?

— גאָרניט, אזוי... פּאָשעט אזוי... — האָט אַלעקסיי אַנטוישט א שטאַמל געטאָן.

— עס האָט זי דאָרט בא אייַך אין טשיטא געטראָפן אַן אומגליק... א גרויסער אומגליק... — האָט שעפּטל אין א ווייַל אַרום פאַרזאָרגט זיך אָנגערופן.

לויט דעם, ווי שעפּטל האָט דאָס אַרויסגערעדט, האָט אַלעקסיי זיך אָנגעשטויסן, אז די פרוי האָט, קאָנטיק, א נאָענטע שייַכעס צו אָט דעם סאָלדאַט. דעריבער האָט ער פאָרזיכטיק א פרעג געטאָן: וואָס איז דאָרט געשען מיט איר?

— פרעגט בעסער ניט, — האָט שעפּטל א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — א גרויסע צאָרע... און אזא מענטש... און אומגליקלעך... ביז איצט... אָט

ווי... און אײַער מישפּאָכע?.. לעבט דאָרט, אין טשיטאַ?.. און איר אַליין, וואָס האָט איר ביז דער מילכאָמע געטאָן? וווּ האָט איר געאַרבעט, אין אַ זאַוואָד מיסטאַמע?

אַלעקסיי האָט זיך אַ קנייטש געטאָן. אים איז שווער געווען זאָגן אַ ליגן, ער האָט פּאָשעט ניט געקענט.

— וואָס איז דער אונטערשייד? — האָט ער, ווי אומצופרידן מיט עפּעס, זיך אופגעהויבן. — געאַרבעט... איך האָב געאַרבעט... — ער האָט געמאַכט עטלעכע ניט זיכערע טריט און געבליבן שטיין לעבן דער ברייט־צעעפנטער טעפּלושקע־טיר.

אַלעקסיי האָט זיך געפילט געדריקט. עס האָט אים געמאַטערט דאָס, וואָס ער קאָן ניט דערציילן דעם עמעס וועגן זיך. שוין פון דעם אַליין האָט ער זיך געפילט אַזוי, ווי ער וואָלט ווירקלעך באַגאַנגען עפּעס אַ פאַרברעכן. די אומנאַטירלעכע און פאַלשע לאַגע, אין וועלכער ער האָט שוין העכער צוויי כאָדאָשים זיך געפונען, איז אים נימעס און שרעקלעך דערווידער געווען.

נאָך זײַענדיק אין שפּיטאָל, האָט אַלעקסיי בײַ זיך באַשלאָסן, אַז ווי נאָר ער וועט באַקומען פון עלקען און סוועטען אַן ענטפער אויף זײַן בריוו און וועט זיך דערוויסן, אַז מיט זיי איז אַלץ קעשורע, וועט ער אַליין זיך מעלדן צום קאָמיסאַר, דערציילן אַלץ, וואָס מיט אים איז געשען. אַלץ, פון אָנהייב ביז סאָף. אָבער קיין ענטפער פון עלקען און סוועטען איז ניט געווען. שוין אין לעצטן טאָג, ווען ער האָט געדאַרפט פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, האָט ער באַקומען צוריק זײַן בריוו, וועלכן ער האָט גע־שיקט קיין טשיטאַ. אַלעקסיי איז פון דעם געווען אַזוי דערשלאָגן, אַז ער האָט נישט געהאַט ניט קיין קויעך, ניט קיין מוט, ניט קיין ווילן צו גיין צום קאָמיסאַר. נאָר ווי שווער אים איז ניט געווען, האָט ער בײַ זיך סײַווי באַשטימט, אַז ער וועט מאַכן אַ סאָף צו דער צעצווייטקייט זײַנער. „גלײַך נאָך דער ערשטער שלאַכט, אויב איך וועל נאָר אַרויס אַ לעבעדיקער, — האָט ער זיך געגעבן דאָס וואָרט, — וועל איך אומבאַדינגט זיך מעלדן אין פּאָליטאָפּטייל... און זאָלן זיי טאָן מיט מיר, ווי זיי פאַרשטייען...“

דערמאָנענדיק זיך איצט אין דעם באַשלוס, האָט אַלעקסיי זיך דערפילט פעסטער און ווירדיקער, אים איז אפילע עטוואָס לײַכטער געוואָרן אויפן האַרצן און ער האָט אַ זאָג געטאָן צו שעפּטלען:

— לאָמיר איצט פאַררייכערן מײַן מאַכאָרקע. — ער האָט דאָס אַרויסגערעדט אַזוי, ווי ער וואָלט מיט דעם פאַר עפּעס זיך אַנטשולדיקט.

— לאָמיר, — האָט שעפּטל ניט דערווידערט. כאָטש יענער איז געווען ווייניק באַריידעוודיק און, קאָנטיק, זייער אײַנגעשלאָסן אין זיך, האָט שעפּטלען זיך גע־וואָלט זײַן לעבן אים, האַלטן זיך אין וואַגאָן נעענטער צו אים.

זיי האָבן פאַררייכערט, זײַנען געשטאַנען איינער לעבן אַנדערן און געקוקט אויפן וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן לענגאויס דער אײַזנבאַן־ליניע, טראַכטנדיק יעדערער וועגן זײַנס.

אויסער די שווערע געדאַנקען וועגן עלקען און סוועטען, איז אַלעקסייען געווען ביטער אויפן האַרצן אויך דערפון, וואָס די רויטע אַרמיי האָט געהאַלטן אין איין צוריק־

טרעטן, דער פּראָנט האָט זיך אַלץ מער דערנעענטערט צו מאָסקווע. „וואָס איז גע־שען?.. ווו ליגט די סיבע דערפון?.. — האָט ער ווידער און נאָכאַמאָל זיך געפרעגט מיט אַנגסט. — צי ניט אין די יאָרן זיבן און דרייסיק און אַכט און דרייסיק?.. מיט די אייגענע הענט גענומען און אומגעבראַכט די בעסטע, די דערפאַרנסטע, די טאַ־לאַנטפולסטע מענטשן פון דער מיליטערישער אָנפירונג... פאַר וואָס?.. ווען איז עס נייטיק געווען?.. ווען, אויב ניט אונדזערע סאָנים, און פריִער פאַר אַלעמען טאַקע היטלערן... ווי קומט עס, אַז סטאַלין זאָל עס דערלאָזן?.. עס קאָן דאָך ניט זיין, אַז אַזעלכע זאַכן זאָלן געטאָן ווערן אָן זיין וויסן...״ דאָס אַלץ איז אַלעקסייען געווען לאַכלוטן אומפאַרשטענדלעך, פּונקט ווי אומפאַרשטענדלעך עס איז אים גע־ווען, צוליב וואָס מע האָט געדאַרפט נעמען און צושרייבן אים ווילדע פאַרברעכנס, פאַרשיקן אויף קאָלימאַ, ווי אַ „סוינע פון פאָלק״.

קלאַפּנדיק מיט די רעדער, האָט דער עשעלאָן זיך געטראָגן אויף מיירעוו אַלץ נעענטער צום פּראָנט. דער וואַלד האָט זיך מיטאַמאָל פאַרענדיקט. פאַר די אויגן האָט דורכגעשווינדלט אַ קליינער קאַרטאָפל־גאָרטן, נאָכדעם אין איינזאַם ארומגע־צאַמט הייפל מיט אַ שיין הילצערן שטיבל אינמיטן, אַ שמאָלער זאַמד־אָנשיט, אויף וועלכן עס איז מיט ווייסע שטיינדלעך אויסגעלייגט געווען: „רום דעם גרויסן סטאַלין!״ באַלד האָט זיך ווידער פאַרנומען אַ געדיכטער סאָסנע־וואַלד. די הויכע שלאַנקע סאָסנעס, אייגנגעהילט אין שאָטן, האָבן זיך קיין מינדסטן ריר ניט געגעבן, זיינען געשטאַנען שטיל, ווי פאַרגליווערט, און עס האָט געשמעקט פון זיי מיט שאַרפע סמאָלע־רייכעס.

— דאָ איז וואַלד און וואַלד... אַרום און אַרום וואַלד, — האָט שעפטל פאַרטראַכט געזאָגט, — און בײַ אונדז איז סטעפּ און סטעפּ... הוילער סטעפּ... און אָט אַזעלכע סאָסנעס צי יאָדלעס וואַקסן אינגאַנצן ניט בײַ אונדז...

אַלעקסיי האָט איצט, בײַ אָט דער שטימונג זיינער, ניט געהאַט קיין איבעריקן כיישעק צו פאַרפירן ווידער אַ געשפּרעך, נאָר ער האָט געפילט, אַז יענער וואַרט, ער זאָל עפּעס זאָגן, און ער האָט אים נאָכגעגעבן:

— וואָס הייסט בײַ אונדז? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— בײַ אונדז... נו, אויף זאַפּאָראָזשיע...

— איר זייט אַ זאַפּאָראָזשיער?! — האָט אַלעקסיי מער אויסגערופן, ווי גע־פרעגט, דערמאָנענדיק זיך, אַז הוליַיפּאָליע, וווּ עלקע האָט פריִער געלעבט און וווּ ער איז געווען בײַ איר, האָט געהערט צו זאַפּאָראָזשיער געגנט.

— ניט פון זאַפּאָראָזשיע גופא... פון אַ כוטאָר בין איך.

— פון וואָס פאַר אַ כוטאָר?

— פון בוריאַנאָוואָקע.

— און הוליַיפּאָליע איז ווייט פון אייַך?

— הוליַיפּאָליע? — איז שעפטל אופגעלעבט געוואָרן, ווי מע וואָלט אים אָנגע־רופן עפּעס זייער נאָענטס. — עס איז דאָך אונדזער ראַיִאָנצענטער... זעקס און דריי־

סיק קילאָמעטער פון אונדז... וואָסי, פונוואַנען ווייסט איר הולייַפּאָליע?.. איר האָט דאָרט עמעצן?

— ניין, איצט ניט... — דער הויכער שטערן בא אַלעקסייען האָט זיך אָנגעכמורעט. — איצט האָב איך דאָרט קיינעם ניט.

— און פריִער?.. וועמען האָט איר דאָרט געהאַט? — האָט שעפּטל מיט נייַגער געפרעגט. — עפשער האָב איך עמעצן פון זיי געקענט?

אַלעקסיי האָט זיך א וואקל געטאָן — זאָל ער זאָגן וועגן עלקען, צי ניט? ווי־באַלד ער איז פון הולייַפּאָליער ראַיאָן, איז מעגלעך, אז ער האָט געהערט וועגן איר. זי האָט דאָך געאַרבעט דאָרט אין ראַיקאָם און געהאַט צו טאָן מיט די קאָלווירטן. און, צוריקגערעדט, אויב ער האָט דעמלט יאָ געהערט וועגן איר, איז וואָס?.. אָט, וועט ער ווייסט, וואָס מיט איר איז איצט, ווו איז זי מיטן קינד... נאָר אז אזוינס איז מעגלעך, איז אַלעקסייען אפילע אפן זינען ניט געקומען.

— ניין, איר האָט זי ניט געקענט... עס וועט, דוכט זיך, גיין א רעגן, — האָט ער זיך אָנגערופן, ווייַזנדיק אפן וואלד, וואָס איז אלץ מער טונקל געוואָרן.

— קיין רעגן וועט ניט גיין, — האָט שעפּטל א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — איר זעט, די שוועלבעלעך פליִען הויך... און אייַך אליין איז אויסגעקומען צו זייַן אין הולייַפּאָליע?

— אויסגעקומען, — אַלעקסיי האָט זיך שטארק פארצויגן. פאר אים איז מיט־אמאָל אופגעקומען עלקעס קליין ציכטיק צימערל, ווו ער האָט פארבראכט מיט איר עטלעכע טעג נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך פארשריבן. „ווען ער ווייסט דעמלט, — האָט ער א טראכט געטאָן, — וואָס עס וועט געשען מיט אים, וואָלט ער בעשום־אויפן ניט כאסענע געהאט און וואָלט זי ניט צוגענומען מיט זיך קיין טשיטא... זי וואָלט פארשפּאָרט איצט לייַדן צוליב אים...“

— גיי ריכט זיך... זייַט איר, הייסט עס, געווען בא אונדז... — האָבן בא שעפּטלען זיך א מינע געטאָן די שוואַרצע פּאסליאָן־אויגן, — אז מע רעדט, זעט איר, דערעדט מען זיך... ווען זייַט איר געווען?

— לאנג... נאָך אין דרייַ־און־דרייַסיקסטן...

— אָהאָ, אין דרייַ־און־דרייַסיקסטן... מיט אכט יאָר צוריק, — האָט שעפּטל ווי באַדויערנדיק אויסגערופן. — איר וואָלט איצט הולייַפּאָליע ניט דערקענט... פּונקט יענע נאכט, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, האָב איך זיך פארהאלטן דאָרט. פארבליבן נאָך דער ראַיאָנער בעראטונג. גיי ווייס... אזא שטילע נאכט געווען... א ווונדערלעכע נאכט, — האָט שעפּטל אָפּגעזיפצט, דערמאָנענדיק זיך, ווי ער איז געשטאנען מיט עלקען אף דער הילצערנער בריק און אונטן האָט זיך קוים־קוים געזילבערט דער טייַך, — ווער האָט זיך געקאָנט גאָר ריכטן דעמלט, אז אין א פּאָר שאָ ארום וועט היטלער אָנפאלן אף אונדז...

„עפשער פונדעסטוועגן א פרעג טאָן וועגן עלקען, — האָט אַלעקסיי א טראכט געטאָן, — עס קאָן זיך מאכן, אז מע האָט דאָרט, אין הולייַפּאָליע, עפּעס געהערט וועגן איר. — נאָר ער האָט גלייַך איבערגעטראכט. — ניין, בא אים אלנפאלס איז

ניטאָ וואָס צו פרעגן. אויב זי האָט אפילו געשריבן אהין צו עמעצן פון אירע אלטע פרײַנט, איז פונוואַנען קאָן ער וויסן וועגן דעם?..״

דער עשעלאָן האָט דערווײַל, פאַרלאַנגזאַמענדיק דעם גאַנג, זיך דערנעענטערט צו א סטאַנציע און באלד געבליבן שטיין אנטקעגן א צעבאָמבירטן צווייַשטאָקיקן וואָקזאַל, פון וועלכן עס זײַנען פאַרבליבן נאָר די ווענט מיט שוואַרצע כאָלעם אַנשטאָט טירן און פענצטער.

אויף דער פלאַטפאָרמע איז געווען פול מיט מיליטער.

— דער פראָנט איז, קאָנטיק, שוין ניט ווײַט פונדאַנען, — האָט שעפּטל געזאָגט, — גוט וואָלט געווען, ווען מע שיקט אונדז אין איין טייל, ווען מיר זײַנען דאָרט אויך צוזאַמען...

אלעקסיי האָט געוואָלט אים עפּעס ענטפערן, נאָר מיטאַמאָל דערהערט, ווי אויף דער פלאַטפאָרמע האָט עמעצער אויסגעשריִען זײַן פאַמיליע. ער האָט צעשטרייט זיך אומגעקוקט און דערזען אנטקעגן דער וואַגאָן־טיר א נידעריטשקן סטאַרשינאַ.

— אָרעשין אלעקסיי איוואַנאָוויטש!.. — האָט דער סטאַרשינאַ ווידער אויסגעקרייעט.

— איך!.. — האָט אלעקסיי געענטפערט, אויסגלײַכנדיק זיך.

— דער קאָמיסאַר רופט... אין פינפטן וואַגאָן, וווּ די שטאַביסטן... שנעל! איינס און צוויי!..

בא אלעקסייען האָט א טיאַכקע געטאָן דאָס האַרץ. ער האָט אינדערגיך פאַרצויגן דעם רימען, פאַריכט די גימנאַסטיאָרקע, פאַרלוירן זיך אומגעקוקט אויף שעפּטלען, ווי ער וואָלט זיך געזעגנט מיט אים אויף שטענדיק, און אַרויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן...

קאַפּיטל דרײַ

אין אָט דעם טאָג האָט עלקע שפּעטער, ווי שטענדיק, זיך אומגעקערט פון דער שוועַרער באַכט־אַרבעט אין דער אַלטער מיל. זי איז געווען זייער מיד און צעבראָכן. אין קאָפּ האָט געזשומעט. געגאַנגען איז זי פאַמעלעך, קוים איבערגעשטעלט די פיס. שוין ניט ווײַט פון זייער הויף האָט זי דערזען סוועטען, וואָס איז אַרויסגעלאָפן פון טויער. סוועטע האָט פריידיק עפּעס אויסגעשריִען און זיך געלאָזט איר אנטקעגן.

— מאַמע, זע... דאָס האָט א טיאָטיע געבראַכט... — האָט זי איר אויסגעשטרעקט א צונויפגעלייגטן פאַפּיר, — די טיאָטיע האָט געזאָגט, אַז ווי דו וועסט קומען, זאָל איך דיר גלײַך אָפּגעבן...

„וואָס שוין ווידער?..״ — האָט עלקע מיט אומרו פאַנאַנדערגענומען דאָס ביי־געלע פאַפּיר, גיך איבערגעלייענט, און איר אָפּגעצערט פּנים האָט עטוואָס אויפגעלויכטן.

— און דו ביסט שוין לאַנג אופגעשטאַנען, טאָכטערקע? — האָט עלקע זיך אָנגעבויגן און א קוש געגעבן זי אין שטערן. — האָסט שוין געגעסן?

— איך האָב נאָך קיין צײַט ניט געהאַט, — האָט סוועטע זייער ערנסט געענט־פערט, א פיר געבנדיק מיט דעם בלאָנדן קעפל.

— פאַרוואָס האָסטו קיין צײַט ניט געהאַט? — האָט עלקע לײַכט א פרעג געטאָן.

— ווײַל איך האָב געוואַרט אף דיר.

— איך האָב דאָך דיר אָנגעזאָגט, אז ווי דו וועסט אופשטיין און זיך אײַנוואַשן, זאָלסטו אָפּעסן. איך האָב דאָך אַלץ פאַר דיר צוגעגרייט אפן טיש...

— און מיר ווילט זיך ניט עסן אָן דיר...

— פאָלגסט מיך ווידער ניט, — האָט עלקע מיט פאַרדראָס געזאָגט, — דו ווייסט דאָך, אז דו עסט ניט צו דער צײַט, קאָסט עס מיך געזונט.

— נו, גוט. איך וועל מער ניט מאכן, אז עס זאָל דיך קאָסטן געזונט, — האָט סוועטע שטיל געזאָגט, — און וואָס האָט עס די טיאָטיע געבראַכט?

— האָסט דאָך געזען.

— ס'איז א גוטער פּאַפּיר?

— א גוטער... ווען האָט זי עס געבראַכט?

— פריִער נאָך... נאָך א סאַך, א סאַך פריִער... ווען איך בין געשטאַנען גאַר, גאַר אינדערפרי לעבן טויער.

— וואָס ביסטו געשטאַנען גאַר אינדערפרי לעבן טויער?

— איך האָב דאָרט געוואַרט אף דיר.

— דו ווייסט דאָך, אז איך קום שפּעטער.

— און מיר האָט זיך פאַרוואָלט נאָך גאַר, גאַר אינדערפרי וואַרטן אף דיר א ביסל, דערפאַר האָב איך איצט שוין געדאַרפט וואַרטן וויבציקער...

— אָך, דו באַריש מיידעלע מײַנס, — האָט עלקע זי א כאַפּ געטאָן אף די הענט, צוגעדריקט צו זיך און אַרײַן מיט איר אין ענג־אַרומגעשטעלטן הויף.

— סוועטקע!.. סוועטקע!.. — האָט זיך דערטראָגן א געשריי פון די קינדער, וועלכע זײַנען געזעסן צונויפגעקוועטשט אין אן אַלטן צעבראָכענעם פאַעטאָן. — סוועטקע... גיכער... קום זיך שפּילן...

— איך וויל ניט... איך וויל זיך איצט ניט שפּילן.

— דאָס קעפּעלע טוט דיר ניט וויי? — האָט עלקע איר א טאַפּ געטאָן דעם שטערן.

— ניין... איך וויל זײַן א ביסינקע מיט דיר, — האָט סוועטע זי אַרומגעכאַפּט באַם האַלדז.

ווען זיי האָבן אָפּגעגעסן און סוועטע איז אַוועקגעלאָפן אין הויף צו די קינדער, האָט עלקע אַרויסגענומען פון קעשענע דאָס בייגעלע פּאַפּיר און נאָכאַמאָל איבער־געלייענט. דאָרט איז געווען געשריבן, אז הײַנט, דעם 22 סעפּטיאַבער, דרײַ אַזייגער באַטאָג וועט אינעם רויטן ווינקל באַם ראַיויספּירקאָם פאַרקומען א פאַרמאַכטע פאַרטיי־פאַרזאַמלונג, אף וועלכער זי דאַרף קומען פּינקטלעך צו דער אָנגעוויזענער צײַט. געכאַסמעט: פאַרטרעטער פונעם סעקרעטאַר פון דער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע יוכים כאַריטאָנאָוויטש גאָלדמאַן.

„הייסט עס, פונדעסטוועגן זיך דערמאָנט וועגן מיר... געשיקט אפילע ספּעציעל א מענטשן... צו וויסן געגעבן... — האָט עלקע א טראַכט געטאָן, לײַכט פאַרוואָרפנ־דיק די האָר. — דאָס ערשטע מאָל פאר דער לעצטער צײַט געשיקט רופן... עפּעס איז, קאָנטיק, געשען. מעגלעך, אז עס איז אָנגעקומען אַן אָנווײַזונג אין ראַיקאָם, מע זאָל זי אופשטעלן צוריק אף דער פריערדיקער ארבעט אין „זאגאָטזערנאָ"... און עפּשער עפּעס וועגן אלעקסייען..."

א דערמוטיקטע פונעם אָנוואקסנדיקן געפיל, אז עס דערוואַרט זי עפּעס גוטס, האָט עלקע פאַרגעסן אין דער מידקײַט און וועגן דעם, אז זי איז די נאַכט ניט גע־שלאָפן. עס האָט זיך אין איר דערוועקט א שלאָל ענערגיע. זי האָט גיך צוגעקליבן דאָס צימערל, אָנגעצונדן אין פּיצינקן קיכל דעם פרימוס, אָפּגעקאָכט א הירזשענעם סופּ און פאַרפּראַוועט אים מיט איבערגעפּרעגלטע אין בוימל רויט־פאַרברוינטע, שטאַרק שמעקנדיקע ציבעלעס, אָפּגעבאַקן אויסער דעם פּאָר סוועטען עטלעכע בלינצעס מיט דעם ביסל קעז, וואָס איז נאָך געווען. נאָכדעם האָט זי אויסגעצוואָגן דעם קאָפּ, ארויסגענומען פון טשעמאָדאַן און אויסגעפּרעסט דאָס באַטיסטענע ווײַסע קאָפטעלע, וועלכעס זי האָט ניט אָנגעטאָן זינט מע האָט זי אָן א פּאָר וואָס אראָפּ־גענומען פון איר פריערדיקער ארבעט, אויסגעלופטערט און אויסגעפּרעסט דאָס בלאָווע שעוויאָטענע קליידל און דאָס זשאַקעטל... זי האָט דאָס אלץ געטאָן פלינק, אומקוקנדיק זיך אלע ווײַלע אפן הייזעריקן „כאָדיק", ווי זי וואָלט מוירע האָבן פאַרשפּעטיקן אף דער פאַרזאַמלונג. האַלב דרײַ אַזייגער, ווען זי האָט זיך שוין גע־האַט ספּראַוועט מיט אלע אירע ארבעטן, האָט זי מיט א באַזונדערער זאָרגעוודיקײַט זיך אָנגעטאָן און א קוק געגעבן אף זיך אינעם קליינעם שפּיגעלע, וואָס איז גע־האַנגען איבערן טישל, ווי זי וואָלט זיך געקליבן אף עפּעס א יאָמטעוו. זי איז ארויס אין הויף. סוועטע איז גלײַך אראָפּגעשפּרונגען פונעם פּאַטאָן און א פאַרפלאַמטע זיך געלאָזט צו איר.

— גייסט אוועק?.. וווהין גייסטו, מאַמע?..

— אפן טיש האָב איך פאר דיר איבערגעלאָזט בלינצעס מיט קעז, ווי דו האָסט ליב. — עלקע האָט זיך אָנגעבויגן און פאַריכט אף איר די זעקעלעך. — איך גיי אין ראַיוּיספּירקאָם... אף א פאַרזאַמלונג... ווי עס וועט זיך ענדיקן, וועל איך גלײַך קומען און מיר וועלן עסן מיטיק... גוט?.. וואָס קוקסטו אזוי?..

— אוי, מאַמע, ביסט איצט אזא שיינע!.. — האָט סוועטע א פּאַטש געטאָן מיט די הענטלעך.

— גיי, גיי, שפּיל זיך, — האָט עלקע שטיל געזאָגט, א גלעט געבנדיק זי איבערן קעפּל.

— זאָלסט גיך קומען, — האָט סוועטע איר א ווײַז געטאָן מיטן פינגערל און אוועקגעלאָפן צו די קינדער.

לעבן טויער האָט עלקע זיך אומגעקוקט. סוועטע האָט, האַלטנדיק זיך מיט איין הענטל פאר דער הינטערשטער ראָד, געקלעטערט אפן אלטן ארומגעשקראַבעטן פּאַטאָן.

„ווער ווייסט, עפשער ווארט דאָרט א גוטע בסורע אויך פאר איר“, — האָט עלקע מיט האָפענונג א טראכט געטאָן און מיט גיכע טריט זיך פארנומען ארויף־גאס.

ווען עלקע איז פינקטלעך דרײַ אזייגער ארײַן אינעם קילבלעכן קאָרידאָר פון ראיויספירקאָם, איז מיט א פאפיר אין האנט איר פונקט אָנגעגאנגען אנטקעגן יוכים כאריטאָנאָוויטש גאָלדמאַן.

— אָ, איר זײַט דאָ... איר זײַט געקומען. גוט. זייער גוט... — האָט ער זיך ווי דערפרייט, דערזעענדיק זי. — גוט, וואָס איר האָט ניט פארשפעטיקט. ביטע... גייט ארײַן. פארנעמט אן אָרט, מיר הייבן באלד אָן... די פארזאמלונג וועט פאָרקומען דאָ, אין רויטן ווינקל... — האָט ער א ווײַז געטאָן מיט די אויסגעבאָלעכטע אונטער־שמייכלענדיקע אויגן אף דער זײַטיקער טיר און, אונטערהוידענדיק זיך, אוועקגע־שפאנט אין עק קאָרידאָר.

„ניט צו דערקענען... איינגאנצן אן אנדער פאָנעם אף אים, — האָט עלקע מיט באהאלטענער צופרידנקײַט באמערקט בא זיך, — גאָר ניט יענער גאָלדמאַן... ניט לאנג ערשט פון קאבינעט ארויסגעטריבן, און איצט „ביטע... זייער גוט, וואָס איר זײַט געקומען...“ יאָ, עפעס איז... אנדערש וואָלט ער זי אזוי ניט באגעגנט...“

עלקע האָט מיט דער לינקער האנט פאריכט די האָר און מיט לײַכטע טריט, אין דינינקע טופליעס אף הויכע אָפצאסן, איז זי, א שלאנקע, א שטאלטנע, א ליכטיקע, ארײַן אין רויטן ווינקל. אף די פאנאנדערגעשטעלטע אין עטלעכע רייען בענקלעך אנטקעגן לאנגן טיש, וואָס איז באדעקט געווען מיט אן אָפגעבליאקעוועטן און ער־טערווײַז פארפלעקטן רויטן לײַוונט, זײַנען געזעסן א מענטשן צוועלף. עלקע האָט א בייג געטאָן מיטן קאָפּ, מיט זייער געלאסענע טריט צוגעגאנגען צו דעם זײַטיקן פרײַען בענקל און זיך צוגעזעצט. נאָך דער איצטיקער באגעגעניש מיט גאָלדמאנען האָט זי געהאָפט, אז מע וועט באלד צוגיין צו איר און אָנזאָגן עפעס גוטס. נאָר קיינער איז צו איר ניט צוגעגאנגען, אפילע זיך ניט אומגעקוקט, ווי מע וואָלט זי איינגאנצן ניט באמערקט. „גאָלדמאַן, קאָנטיק, ווייסט שוין, און זיי ווייסן נאָך ניט“, — האָט זי א טראכט געטאָן. אפן געמיט איז בא איר געווען לײַכט. דאָס גאנצע ווען אירס איז באהערשט געווען פון א גוט פאָרגעפיל. זי האָט זיך געסטארעט זיצן רויִק, זי האָט געדולדיק געוואַרט.

באלד איז מיט שווערע טריט ארײַן גאָלדמאַן, האלטנדיק א פאפקע אין האנט, און פארנומען אן אָרט באם פרעזידיום־טיש. קנייטשנדיק דעם שטערן, האָט ער א פיר געטאָן מיט די אויסגעבאָלעכטע אויגן, אופמערקזאם באטראכט די פארזאמלטע.

— עס פעלן פינף קאָמוניסטן. צוליב וויכטיקע סיבעס, — האָט ער מיט א נידער־ריקער שטים זיך אָנגערופן. — איך רעכן, אז מיר וועלן אָנהייבן. וואָס פארא פאָרשלאָגן זײַנען פאראן וועגן א פאָרזיצער און סעקרעטאר פון דער הײַנטיקער פארזאמלונג?

דער פארוואלטער פון ראיאָנעם ערד־אָפטייל, א געזונטער ברונעט, וואָס איז פון דעם ערשטן מילכאָמע־טאָג געווען אף בראָן, האָט פלינק, ווי ער וואָלט נאָר געוואַרט אף דעם, זיך אופגעהויבן און מיט פײַערלעכקײַט אין דער שטים פאָרגע־

לייגט אויסקלייַבן אַלס פאַרזיצער יוכים כאַריטאָנאָוויטש גאָלדמאַנען און אַלס סעקרעטאַר די פאַרוואַלטערן פון ספּעצאָפּטייל נעטשייַעווא.

— נאָך פאַרשלאָגן זייַנען פאַראַן? — האָט גאָלדמאַן, אַרייַנקוקנדיק אין דער פּאַפּקע, אַ פרעג געטאָן. — ניין? קיין אַנדערע פאַרשלאָגן זייַנען ניטאָ... אויב אַזוי, כאַווערטע נעטשייַעווא, ביטע, פאַרנעמט אייַער אָרט, — האָט ער איר אָנגעוויזן אַפן בענקל לעבן זיך. — אַף דער טאָג־אָרדענונג, כאַווײרים, שטייען הייַנט בא אונדז צוויי פראַגן. די ערשטע פראַגע איז, — ער האָט פאַרזאָרגט זיך אַ קנייטש געטאָן, — וועגן אָרעשינאַ, וועלכע געפינט זיך אַף דיסקאָנט אין אונדזער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. די צווייטע געהערט צו די לויפנדיקע פראַגן. וועלכע פאַרשלאָגן זייַנען פאַראַן וועגן דער טאָג־אָרדענונג?

— אָנעמען!.. באַשטעטיקן!.. — האָט הויך אויסגערופן ווידער דער פאַרוואַלטער פון ראַיאָנעם ערד־אָפּטייל.

„ספּעציעל אַ פראַגע וועגן מיר?..“ — האָט עלקע פאַרוווּנדערט זיך אומגעקוקט אַף גאָלדמאַנען. עס האָט זי געכידעשט. אַף קיין שלעכטס האָט זי זיך אָבער ניט געריכט. זי האָט אַליין ניט געוווּסט פאַרוואָס, עפּשער דערפאַר, וואָס שלעכטס האָט זי שוין געגוּג און איבערגעגוּג געהאַט.

— עס איז אַרייַנגעטראָגן געוואָרן אַ פאַרשלאָג וועגן אָנעמען, — האָט גאָלדמאַן אופגעהויבן די אויגן פון די פּאַפּירן. — אַנדערע פאַרשלאָגן זייַנען פאַראַן?.. ניין?.. קיין אַנדערע פאַרשלאָגן זייַנען ניטאָ... אויב אַזוי, איז די טאָג־אָרדענונג איינשטימיק אָנגענומען. און איצט דערלויבט מיר נעמען אַ וואָרט וועגן ערשטן פונקט...

גאָלדמאַן איז אופגעשטאַנען, פאַריכט אַף זיך דעם קיטל און אַ גלעט געטאָן זייַן נידעריקן שטערן.

— די פראַגע, כאַווײרים, וועלכע שטייט איצט בא אונדז אַף דער טאָג־אָרדענונג, דאַרף מען אָנערקענען, באַהאַנדלען מיר מיט אַ פּערשפּעקטיקונג. אונדזער כויוו איז געווען אַ סאַך פריער זיך פאַרנעמען מיט דער פראַגע. מיר האָבן דאָס ניט געטאָן. און דאָס איז אונדזער שולד. מיר טראָגן פאַר דעם די פאַראַנטוואָרטלעכקייַט. יעדער איינער פון אונדז. און אונדזער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אינגאַנצן גענומען...

עלקע, וואָס איז געזעסן עטוואָס אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, האָט זיך קיין מינדסטן ריר ניט געגעבן. מיט ברייט־צעעפנטע אויגן האָט זי געקוקט אַף גאָלדמאַנען, ווי זי וואָלט דערוואַרט, אַז אָט וועט ער זאָגן עפּעס זייער וויכטיקס, וואָס האָט אַ שייַכעס צו איר. און געוואַרט האָט זי איצט נאָר אַף גוטס. זי איז שוין געווען בא זיך אַפילע זיכער אין דעם. אַנדערש וואָלט ער אַזוי ניט אָנגעהויבן זייַן וואָרט...

— מיר דאַרפן, כאַווײרים, מיט דער גאַנצער באָלשעוויסטישער פּרינציפּיעלקייַט אָנערקענען אונדזער פעלער, — האָט גאָלדמאַן אויסגערופן, פאַרהייבנדיק דעם פאַרקוועטשטן פויסט איבער זיך, — מיר האָבן אַף אַן אומדערלאָזבאַרן אויפן אַרויסגעוויזן פּאָליטישע קורצזיכטיקייַט. צו אונדזער אַלעמענס שאַנדע, דאַרפן מיר אָפן אָנערקענען, געפינט זיך ביז הייַנט־צו־טאָג אין אונדזער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אַ מענטש, וואָס האָט קיין רעכט ניט צו טראָגן דעם נאָמען קאָמוניסט... אָט ליגט פאַר

מיר, כאווירים, א שענדלעכער דאָקומענט, א בריוו, וועלכער איז אדרעסירט גע־וואָרן קיין מאָסקווע... עס איז שווער, כאווירים, צו גלייבן, אז דעם דאָזיקן העס־לעכן בריוו האָט געשריבן א מענטש, וואָס טראָגט נאָך ביז דער מינוט, צו אונדזער אלעמענס גרויסן באדויערן, בא זיך אין קעשענע א פארטיי־בילעט. אָבער עס איז א פאקט. און געשריבן האָט אָט דעם העסלעכן בריוו אָרעשינא...

עלקען איז מיטאמאָל געוואָרן זייער הייס. אף אזוינס האָט זי זיך לאכלוטן ניט געריכט.

— איך געדענק זי, אָרעשינא, אָדער, ווי זי האָט דעמלט געהייסן, רודנער, נאָך, צום באדויערן, פון 33־טן יאָר, — האָט גאָלדמאן פארגעזעצט, — ווען זי האָט, קאָן מען זאָגן, דעזערטירט פון אונדזער ראיאָן קלוימערשט אונטערן אויסרייד, אז זי האָט כאסענע. ריכטיק, זי האָט טאקע כאסענע געהאט. נאָר פאר וועמען? פאר א סוינע פון פאָלק, לאָזט זיך אויס... איך ווייס ניט אף זיכער, צי זי האָט שוין דעמלט געוווסט, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר. אָבער באכדעם?.. אָפּלעבן מיט א סוינע פון פאָלק פינף יאָר אונטער איין דאך, שלאָפן מיט אים אין איין בעט און ניט וויסן, מיט וואָס ער אָטעמט?..

— איר האָט ניט קיין רעכט צו ריידן אזוי, — האָט עלקע, ניט זײַענדיק בע־קויעך מער אויסהאלטן, אויסגערופן.

— שלאָגט מיך ניט איבער, אָרעשינא!.. — האָט גאָלדמאן דראָענדיק אופגעהויבן די שטים.

— כאווערטע אָרעשינא... — האָט עלקע אים פאריכט.

— לערנט מיך ניט, אָרעשינא, וויאזוי אײַך אָנצורופן. — בא גאָלדמאנען האָבן זיך אופגעבלאָזן בלאָווע אָדערן אפן האלדז. — דרײַ יאָר, כאווירים, אז אָרעשינעס מאן איז רעפּרעסירט. רעפּרעסירט אלס א סוינע פון פאָלק... און זי... ביז איצט האָט זי זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אים. ביז איצט האָט זי אים ניט דעמאסקירט. ביז איצט האָט זי אים ניט פארורטיילט. אן אומדערהערטע זאך, כאווירים!.. נאָך מער. זי שרײַבט אָנקלאָגעס. זי פארטיידיקט דעם סוינע פון פאָלק. עס איז ניט צו גלייבן, נאָר עס איז א פאקט. אָט ליגט פאר מיר אן אָנקלאָגע, — גאָלדמאן האָט א נעם געטאָן פון דער צעעפנטער פאפקע עטלעכע אויסגעשריבענע בלעטלעך, א זוך געטאָן דאָרט מיט די אויגן און עס צוריק אוועקגעשלײַדערט. — א ביזאָיען!.. א שאנדע צו לייענען!.. איר מאן זיצט אומזיסט, שרײַבט זי. א כוצפּע!.. וואָס וויל זי, כאווירים, זאָגן מיט דעם? זי וויל זאָגן, אז אונדזערע אָרגאנען האָבן רעפּרעסירט אן אומשולדיקן מענטשן. אָט צו וואָס פאר אן אומדערהערטער פרעכקײַט אָרעשינא האָט זיך דערקײַקלט... זי פארנעמט זיך, כאווירים, מיט טרײַבן העסלעכע רעכי־לעס. אן אומדערהערטע זאך. א שאנדע. ווו איז אונדזער וואכזאמקײַט? גע־דארפט שוין לאנג שטעלן די פראגע וועגן אָט דער אָרעשינא. נאָר מיר האָבן פארזען. און מיר טראָגן די פולסטע פאראנטוואָרטלעכקײַט פאר דעם. ביז ניט לאנג האָבן מיר אפילע ניט געוווסט, אז איר מאן איז רעפּרעסירט אלס א סוינע פון פאָלק.

נאָר פונוואַנען, כאַווירים, האָבן מיר עס געקאָנט וויסן? אַרעשינא האָט דאָך וועגן דעם קיינעם ניט געזאָגט. דער פּאַרטבּיוראָ ניט געמאָלדן. זי האָט אויסבאַהאַלטן...

— ווי שעמט איר זיך ניט צו ריידן אַזוי... אָפּנאַרן די פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג, — האָט עלקע, האַסטיק אופהייבנדיק זיך, מיט צאָרן אויסגערופן. — איר ווייסט זייער גוט, אַז איך האָב אָנגעוויזן וועגן דעם אין דער אַנקעטע, וועלכע געפינט זיך בא אייַך... וויאַזוי זשע האָב איך עס אויסבאַהאַלטן? — האָט בא איר געציטערט די שטים. — און אין דער אָנקלאָגע, וועלכע ליגט אָט דאָ בא אייַך אַפן טיש, האָב איך דאָך אויך געשריבן וועגן דעם... און אין די בריוו צו מאַלאַטאָוון, צו מאַלענקאָוון, צו בעריִאַן... וויאַזוי עפנט זיך נאָך דעם אַלעמען בא אייַך דאָס מויל צו זאָגן דער פאַרזאַמלונג, אַז איך האָב אויסבאַהאַלטן...

— איך רוף אייַך צו אָרדענונג, אַרעשינאַ! — האָט גאָלדמאַן מיט אַן אויסגעקרימט פּאָנעם אויסגעשריִען. — דערציילט ניט קיין באָבעמייַסעס!.. קיינער וועט אייַך סייַווי ניט גלייבן. איר וועט די פּאַרטיי ניט אָפּנאַרן. אייַך וועט זיך עס ניט אייַנגעבן. און פאַרגעסט זיך ניט... פאַרגעסט ניט, ווער איר זייַט...

בא עלקען האָט שטאַרק געקלאַפּט דאָס האַרץ. אָט־אָט וועט עס אַרויסשפּרינגען. פון גאָלדמאַנס רייד האָט עלקע געפילט אַ פיזישן ווייטעק. זי האָט פאַרלוירן און צעשטרייט זיך אומגעקוקט אַף די, וועלכע זייַנען געזעסן ניט ווייַט פון איר, ווי זי וואָלט געזוכט שטיצע בא זיי. ווי זי וואָלט געוואַרט, אַז עמעצער כאָטש וועט זיך פאַר איר אָננעמען.

— כאַווירים, — האָט גאָלדמאַן פאַרגעזעצט, — איך פרעג, ווי קאָן זי, — ער האָט שאַרף אַ וויַיז געטאָן מיטן אויסגעשטרעקטן פינגער אַף עלקען, — ווי קאָן אַט אַזאַ־אָ... אַ פרוי פון אַ סויבע פון פאָלק טראָגן דעם נאָמען קאָמוניסט? ווי קאָנען מיר זי דולדן אין אונדזערע רייען?.. ניין, מיר קאָנען ניט און טאָרן ניט דולדן. איך לייג פאָר דער פאַרזאַמלונג אויסשליסן אַרעשינאַ פון דער פּאַרטיי! און לאָמיר, כאַווירים, אַף ווייַטער פאַרטאָפּלען און פאַרצענפאַכן אונדזער וואַכזאַמקייַט. דאָס איז אונדזער הייליקע אופגאַבע, כאַווירים!.. — גאָלדמאַן האָט שווער אָפּגעאָטעמט, אַ וויש געטאָן דעם שווייס פונעם שטערן און זיך אַוועקגעזעצט.

— פראַגן זייַנען פאַראַן?

אַלע האָבן געשוויגן, אַפילע דער פאַרוואַלטער פון ראַיאָנעם ערד־אָפּטייל. אין רויטן ווינקל איז געווען זייער שטיל, און עלקען האָט זיך געדוכט, אַז אַלע הערן, ווי עס קלאַפּט בא איר אומבערואַכמאָנעסדיק שטאַרק דאָס האַרץ.

— קיין פראַגן זייַנען ניטאָ? אויב אַזוי, וועלן מיר צוטרעטן צו די דעבאַטן. ווער בעט אַ וואָרט? — האָט גאָלדמאַן מיט די אויסגעבאָלעכטע אויגן באַטראַכט דעם עולם.

עלקע האָט מיט אַ פאַרשטאָרבן האַרץ געוואַרט, ווער וועט אַרויסטרעטן, וואָס וועט מען זאָגן. צי דען וועלן זיך דאָ געפינען אַזעלכע, וועלכע וועלן אונטערהאַלטן גאָלדמאַנען? נאָר קיינער האָט קיין וואָרט ניט געבעטן. אַלע זייַנען געזעסן ווי דערדריקטע, מערסטנטייל מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, און געשוויגן. אין סאַמע ווינקל

איז געזעסן ניט קיין געגאָלטער, אין ברילן דער בוכהאַלטער פון „זאַגאָטזערנאָ" האַלושקענקאָ. ער האָט שטענדיק געהאַט א טעווע זיך האַלטן פון דער זייַט. אַף קיין איין פאַרזאַמלונג האָט ער ניט ארויסגעבראַכט קיין איין וואָרט, אַף קיין איין מינוט ניט ארויסגעלאָזט די ליולקע פון מויל. מיטאַמאָל האָט עלקע דערפילט, אַז ער האָט א קוק געטאָן אַף איר. „פאַלט באַ זיך ניט אַראָפּ", — האָבן געזאָגט זייַנע שטילע, גוטמוטיקע אויגן, און זי איז איבערפולט געוואָרן מיט דאַנקבאַרקייַט צו אים.

— נו, כאַווײרים, ווער בעט א וואָרט? — גאָלדמאַן איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט ביידע פויסטן אין טיש און געהאַט אַזאַ אויסזען, ווי אַף זייַנע פּלייצעס נאָר וואָלט געלעגן די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייַט פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען. — קיינער בעט קיין וואָרט ניט?.. הייסט עס, אַז אַלץ איז קלאָר. זייער גוט. אויב אַזוי, וועלן מיר שטימען...

— עפּשער וויל זאָגן עפּעס אָרעשינאַ? — האָט האַלושקענקאָ שטיל, ניט ארויסלאָזנדיק די ליולקע פון מויל, זיך אָנגערופן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע און איינציקע מאָל, וואָס ער האָט זיך ארויסגעזאָגט אַף א פאַרזאַמלונג.

גאָלדמאַן האָט אומצופרידן זיך א כמורע געטאָן און מיט א בייז פייַערל אין די אויגן א קוק געטאָן אַף עלקען.

— וואָס האָט איר צו זאָגן דער פאַרזאַמלונג? אויב איר האָט עפּעס וויכטיקס... — האָט ער מיט פאַראַכטונג און ביטל א בורטשע געטאָן. — אויב איר האָט, איז רעדט...

עלקע האָט געפילט און פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז איר גורל שוין פאַרפריער באַשטימט, אַז זי וועט מיט אירע רייד איצט גאָרנישט ניט ענדערן, דאָך האָט זיך איר געוואָלט כאָטש ארויסזאָגן דאָס, וואָס זי טראַכט. זי האָט זיך אָנגענומען מיט קויעך און, אָנהאַלטנדיק זיך אינעם בענקל, זיך אופגעהויבן.

— גאָלדמאַן, — האָט עלקע זיך א קרים געטאָן, ווי עס וואָלט איר געווען פריקרע און עקלדיק אָנרופן זייַן נאָמען, — גאָלדמאַן האָט מיך דאָ, איר האָט געהערט, באַשולדיקט אין וואָס איר ווילט, — האָט זי שווער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. — וואָס קאָן איך זאָגן וועגן דעם?.. איר אַליין, כאַווײרים, ווייסט די ווערט פון זייַנע רייד... נאָר איינס איז ריכטיק, — האָט עלקע פאַנאַנדערגעשפּיליעט די קנעפּלעך פונעם זשאַקעטל, — איך האָב פון מייַן מאַן זיך ניט אָפּגעזאָגט און איך וועל זיך ניט אָפּזאָגן. קיינמאָל ניט!.. — האָט זי ענערגיש פאַרהויבן דעם בלאָנדן שיינעם קאָפּ, — יאָ, איך האָב געשריבן אָנקלאָגעס. דאָס איז אויך ריכטיק. און איך וועל נאָך שרייַבן!.. איך וועל שרייַבן, ביז איך וועל זיך ניט דערשלאָגן, אַז מע זאָל איבערקוקן זייַן איניען, ביז עס וועט ניט אופגעשטעלט ווערן די גערעכטיקייַט בענעגייע אים. מייַן מאַן איז א קאָמוניסט. אַן ערלעכער מענטש. ער איז אין גאָרנישט ניט שולדיק. איך גלייב אין אים, ווי אין זיך אַליין. אַזאַ מענטש, ווי ער, האָט ניט געקאָנט ווערן א סוינע פון פאָלק. קיינמאָל אין דער וועלט ניט. איך גלייב, אַז די פּאַרטיי וועט זיך פאַנאַנדערקלייַבן. אַנדערש קאָן עס ניט זייַן. איך גלייב אין דער פּאַרטיי... און וואָסי שייַעך... — זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר א

הייסער קנויל האָט מיטאמאָל זיך געשטעלט בא איר אין האַלדז, אָנגעהויבן שטיקן און זי האָט מער ניט געקאָנט ארויסברענגען קיין איין וואָרט.

— כאוויירים, איר האָט געהערט? — האָט גאָלדמאַן באַדויערנדיק א שאָקל געטאָן מיט דעם שווערן קאָפּ. — זי האָט פאַרלוירן דאָס מינדסטע ביסל געוויסן, אויב זי האָט עס ביכלאַל אמאָל געהאַט... נאָך דעם, ווי אונדזערע אָרגאַנען האָבן דעמאַסקירט איר מאַן, זיך דערלויבן זאָגן וועגן אים, אז ער איז אן ערלעכער מענטש... מע דאַרף דאָך קאָנען זײַן אזוי אומפאַרשעמט!.. אַלץ איז קלאָר, כאוויירים, מיר טרעטן צו צום שטימען. ווער איז פאַר דעם, אז מע זאָל אָרעשינאַ פון פּאַרטיי אויסשליסן? איך בעט אופהייבן די הענט...

עלקע האָט געהערט, ווי עס האָבן א סקריפּע געטאָן די בענקלעך, און דאָס האַרץ האָט בא איר אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער צו קלאַפּן. זי איז געשטאַנען, ווי אין א נעפּל. זי האָט גאָרנישט ניט געזען — ניט ווער עס האָט געשטימט, ניט וויפל עס האָבן געשטימט. און מיטאמאָל האָט אַלץ אין איר אופגעציטערט. צו איר האָט זיך דערטראָגן גאָלדמאַנס פאַרביסן־אופגערעגטע שטים:

— וואָס שטייט איר נאָך דאָ?!. איר זײַט פון פּאַרטיי אויסגעשלאָסן!.. פאַרלאָזט די פאַרזאַמלונג!..

עלקע איז געוואָרן שטאַרק בלייך. די ליפּן האָבן בא איר א ציטער געטאָן, ווי זי וואָלט וועלן עפּעס זאָגן, נאָר זי קאָן ניט. זי איז ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. א ווײַלע איז זי געשטאַנען לאַכלוטן אן אומבאַהאָלפענע. נאָר באַלד האָט זי זיך גענומען אין די הענט. זי האָט פאַרשפּיליעט דאָס זשאַקעטל אף אַלע קנעפּלעך, פאַריכט די האָר און זיך געלאָזט צו דער טיר. לעבן שוועל שוין האָט זי זיך פאַרהאַלטן און זיך א דריי אויס געגעבן צו גאָלדמאַנען. איר בליק איז געווען פול מיט פאַראַכטונג צו אים.

— איר האָט דאָ גערעדט אין נאָמען פון דער פּאַרטיי, נאָר זײַט וויסן און געדענקט, אז איר זײַט ניט די פּאַרטיי... — האָט זי אויסגערופן. — עס וועט נאָך קומען א צײַט, ווען די פּאַרטיי וועט זאָגן איר וואָרט וועגן אזעלכע, ווי איר... — עלקע האָט קוים איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. — און וואָסי שײַעך מײַן מאַן, אָרעשינען, בין איך זיכער, אז די פּאַרטיי וועט נאָך אופשטעלן זײַן ערלעכן נאָמען...

מיט א ציטערנדיקער האַנט האָט זי געעפנט די טיר און איז א פאַרפלאַמטע ארויס אין קאָרידאָר.

— שוין?.. די פאַרזאַמלונג האָט זיך שוין געענדיקט? — האָט בא איר א פרעג געטאָן א מיטליאָריקע פולבלעכע פרוי, וואָס איז האַסטיק אָנגעגאַנגען אנטקעגן.

— די פאַרזאַמלונג?.. ניין... איך ווייס ניט ... ניין, נאָך ניט פאַרענדיקט, — האָט עלקע צעשטרייט געענטפערט.

— שוין העכער א שאָ, ווי איך וואַרט, — האָט די פרוי זיך באַקלאָגט, — איך בין געקומען ספּעציעל צו פאָרן... איך דאַרף צום שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פון ראַיוספּירקאָם... צו גאָלדמאַנען... עפּשער וועט איר מיר טאָן א טויווע און אים א רוף טאָן, — האָט זי א בעט געטאָן עלקען און מיטאמאָל, באַגעגענדיק זיך מיט איר בליק, זי אָנגעכאַפּט פאַר די הענט.

— כאָוועטע רודנער!.. — האָט זי אויסגערופן אזוי, ווי זי וואָלט באגעגנט זייער א נאָענטן מענטשן. — דאָס זייַט איר דאָך... עלקע רודנער... נו, יאָ... אונדזער העלדן... נו, יאָ... דאָס זייַט איר... און מיך דערקענט איר ניט?.. די דאָקטערשע פון סאַנדזשאַראָווקער שפּיטאָל... אַנאַ דמיטראָוונאַ... איך האָב דאָך אייַך געהיילט... הא, דערמאָנט זיך?.. דערקענט?.. איך האָב פאַר דער צייַט זיך שטאַרק געעלטערט... קיין וווּנדער ניט. וויפל יאָר איז אַדורך? עס איז געווען, דוכט זיך, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, אין נייַן־און־צוואַנציקסטן... יאָ... צוועלף יאָר אַדורך... צוועלף יאָר... און איך געדענק, ווי איצט, ווי מע האָט אייַך געבראַכט צו פירן אף א וואָגן א פאַרוווּנדעטע. איינגאַנצן אין בלוט. באַנאַכט איז דאָס געווען... אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, האָט מען געשאָסן אין אייַך אין דער קאָוואַלעווסקער באַלקע... וואָס זשע מאַכט איר?.. ווי לעבט איר?..

— א דאַנק... אָט... אָט, ווי איר זעט... — עלקע האָט געפילט, אז זי דאַרף מיט אָט דער גוטער און ווויליער דאָקטערשע שטיין כאָטש א ווייַל, א פרעג טאָן, ווי זי לעבט. נאָר אפן האַרצן האָט בא איר זיך געטאָן אַזוינס, אז זי איז ניט בעיכוילעס געווען. — אַנטשולדיקט מיך... — האָט זי שטיל א זאָג געטאָן, — איך מוז גיין... — און מיט זייער גיכע טריט ארויס פון ראַיִוּספּירקאָם.

זי איז אַוועק גלייַך אהיים.

איבער דער גאַס, קלאַפּנדיק מיט די רעדער איבערן ברוק, האָבן זיך געצויגן פיל וועגענער מיט פּליטים. נאָר עלקע האָט איצט גאָרנישט ניט געזען פאַר זיך.

„אויסגעשלאָסן... אויסגעשלאָסן...“ — האָט איר אָן אופהער געפּיקט אין קאָפּ.

ווען זי איז אַרייַן צו זיך אין הויף, איז סוועטע מיט א קוויטש און מיט א געלעכטער ארויסגעלאָפן פון היִנטערן טויער.

— און אָט בין איך, מאַמע!.. — איז זי פריילעך אונטערגעשפּרונגען מיטן מאָנפאַסיע־שאַכטל, וועלכן שעפּטל האָט איר געשענקט.

בא עלקען האָט פאַרקוועטשט דאָס האַרץ, קוקנדיק אפן קינד. „פאַרוואָס קומט עס איר? פאַר וועלכע זינד? דעם טאַטן צוגענומען, ווען איר איז נאָך קיין צוויי יאָר ניט געווען. זי געדענקט אים דאָך אַפילע ניט... און איצט...“ — עלקע האָט גענומען סוועטען פאַר דעם דאַרינקן הענטעלע, אַרייַן מיט איר אין דעם זייער פּיצינקן שוואַך־באַלויכטענעם צימערל און א מידע, א צעבראָכענע זיך אַראָפּגעלאָזט אפן בעטל.

— וואָס ביסטו געווען דאָרט אזוי לאַנג? דו האָסט געזען די טיאָטיע? וואָס האָט די טיאָטיע דיך גערופן, הא, מאַמע?

עלקע האָט צוגעמאַכט די אויגן און גאָרנישט ניט געענטפערט.

— וואָס ביסטו אַזאַ אומעטיקע, הא, מאַמע?.. — האָט סוועטע שטילערהייט זיך צוגעטוליעט צו איר.

— איך בין מיד, — האָט עלקע מיט א שוואַכער שטים געזאָגט. — איך וויל זיך א ביסל אָפּרוען... גיי, טאָכטערקע, שפּיל זיך נאָך אין הויף.

— איך וויל בעסער זײַן מיט דיר, — האָט סוועטע געענטפערט, אײַנקוקנדיק זיך מיט אירע גרויסע בלויע אויגן אין דער מאַמעס זייער בלייכן געזיכט.

— גיי שפּיל זיך... גיי... — עלקע האָט געפילט, אַז די טרערן שטייען איר אין האַלדז. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אַפן קישן און זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט.

סוועטע איז שווײַגנדיק אַ ווײַל נאָך געשטאַנען לעבן דער מאַמען און אַף די שפּיץ פינגער אַרויס אין הויף.

מער האָט בא עלקען קיין קויכעס ניט געקלעקט. זי האָט אײַנגעגורעט דעם קאָפּ אין קישן און זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— אַלעקסיי... אַליאָשע, טײַערער מײַנער... — האָט זי פאַרשטיקט געשעפּטשעט, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן. — פאַר וואָס?.. פאַר וואָס קומט עס אונדז?.. פאַר וועלכע זינד?.. נו, זאָג, וואָס קומט עס פאַר?.. וויאַזוי איז עס גאָר מעגלעך?.. פאַר וואָס?..

זי איז לאַנג געלעגן מיט אָפענע אויגן אַפן נאַס געוואָרענעם קישן, געוואָלט כאָטש אַף אַ ווײַל אַנשלאָפן ווערן, פאַרגעסן זיך און ניט געקאָנט. אַ בודנע, אומדער־טרעגלעכע שווערקײַט איז, ווי אַ קאַלטער שטיין, געלעגן בא איר אַפן האַרצן און געדריקט, געדריקט...

ווען אין דרויסן האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל, האָט עלקע, ניט געקוקט אַפן שרעקלעכן קאָפּווייטעק, זיך אופגעהויבן. זי האָט אַרײַנגערופן סוועטען, אַרומגע־וואַשן זי, אָנגעהאָדעוועט און געלייגט שלאָפן. נאָכדעם האָט זי זיך איבערגעטאָן און איז אוועק אַף דער באַנאַכטיקער אַרבעט אין דער אַלטער מיל, וואָס האָט זיך געפונען אַף דעם סאַמע לעצטן זײַטיקן געסל, לעבן טײַך...

קאַפּיטל פיר

אַ גאַנצע נאַכט האָבן פאַרבײַ בוריאַנאָווקע זיך געצויגן מיט דעם ברייטן שליאַך מיליטער־טײלן. עס האָבן אָן אופהער געכריפּעט מאָטאָרן, געטראַסקעט מיט די רע־דער שווערע האַרמאַטן. פאַרכלינענדיק זיך האָבן געהודעט אווטאָמאַשינעס, גע־רוישט מאָטאָציקלען, געהירזשעט פערד, אונטערגעקלונגען וועגענער און פון צײַט צו צײַט האָבן זיך דערטראָגן פאַרטויבט־מידע שטימען.

די רויטע אַרמיי איז אָפּגעטראָטן.

באַאומרויִקטע פון דעם אומופהערלעכן גערויש און גערודער, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון דעם פינצטערן שליאַך, זײַנען די בוריאַנאָווקער שוין די נאַכט ניט געשלאָפן.

אינדערפרי האָט כאַנציע, אַ פאַרוואַקסענער מיט אַ גראָוו־שיטער בערדל, אַ מידער זיך אומגעקערט רײַטנדיק פון דער דרינגענדיקער באַראַטונג אין דאָרפס־ראַט. ער האָט באַלד צונויפגערופן די קאָלווירטניקעס און קאָלווירטניצעס אינעם

קלוב, וואָס איז זינט דעם אָנהייב פון דער מילכאָמע געשטאַנען פאַרלאָזט, און געמאָלדן די ניט פריילעכע נײַס, אַז די דײַטשן זײַנען שוין אין זאַפּאָראָזשיע...

— מעגלעך, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלן זיי זײַן אויך דאָ, — האָט ער מיט אַ געדריקטער שטים געזאָגט, — אַזאַ, ברידער, איז די לאַגע... פאַראַן אַן אָנווײַזונג פון ראַיאָן, מע זאָל זיך עוואַקויִרן... וואָס מע קאָן, דאָס סאַמע ניטיקסטע, נעמען מיט זיך. דאָס איבעריקע פאַרברענען, פאַרניכטן, הערטעריבקען אין סטאַוואָק... דער עיקר — דעם דײַטש גאָרנישט ניט איבערלאָזן...

אַף דעם, אַז אויך זיי וועט אויסקומען פאַרלאָזן דאָס היים־אָרט, האָבן די בוריאַנאָוועקער זיך ניט גערעכנט. זיי האָבן געהאָפט און געגלייבט, אַז מע וועט דעם דײַטש סאָפּקאָלסאָף פאַרהאַלטן און ער וועט ביז זייער כוטאָר ניט דערגיין. ווי שטענדיק, האָבן זיי באַאַרבעט די פעלדער, אופגעהויבן באַצײַטנס דעם פריר־אַקער, פאַרזייט דעם ווינטער־ווייץ, פאַרגרייט סילאָס פאַרן פי... און מיטאַמאָל נאַ דיר: זיך עוואַקויִרן? וווהין? און אָט אַזוי־אָ, שוין מאָרגן? ראַפּטאָם?

אין קלוב האָט זיך אופגעהויבן אַ טומל, אַ געוויין פון די ווײַבער. די סאָלדאַטקעס האָבן אַרומגערינגלט כאָנציען, וועלכער האָט פון מידקײַט, פון ניט דערשלאָפן קוים געהאַלטן זיך אַף די פיס, און באַפאַלן אים מיט טײַנעס, ווי ער און נאָר ער וואָלט געווען שולדיק אין דעם אַלעמען.

— ווי קאָן מען אָט אַזוי נעמען און לויפן? — האָט געגוואַלדעוועט דאָדיע בוראַקס שנור לייע־דוואָסיע. — פאַרוואָס האָט איר פריִער ניט געטראַכט וועגן דעם? איר האָט דאָך געזאָגט, אַז דער דײַטש וועט אַהער ניט דערגיין... אַף דער לעצטער מינוט האָט איר געוואַרט...

זעלדע האָט זיך אומגעקערט אַהיים זייער אַ צעטראָגענע. מאָרגן, האָט כאָנציע געזאָגט, פאָרט מען שוין, און זי דאַרף זיך ערשט שטעלן וואַשן, אָפּבאַקן אין וועג עפּעס פאַר די קינדער, זיך נעמען פּאַקן די זאַכן. וואָס פּאַקן? אַלץ קאָן מען דאָך ניט מיטנעמען. מע גייט אין פור אַף צוויי מישפּאָכעס. און בײַ זיי אַליין איז, קיין אײַנהאָרע, זיבן נעפּאַשעס... וואָס טוט מען מיט די זאַכן, וועלכע זי וועט ניט קאָנען מיטנעמען? באַגראָבן?.. וווּ? וויִאַזוי, אַז זי איז אײנע אַליין. ניטאָ ווער עס זאָל איר העלפן, און אַף דער פערמע האָט זי נאָך אויך אַרבעט. ווען און וויִאַזוי וועט זי גאָר דאָס אַלץ באַווײַזן...

אינעם צימער מיט די פאַרהאַנגענע פענצטער איז שאָלעמקע געלעגן אַן אָפּגעדעקטער אין וויגעלע און צעריסן געוואָרן פון געוויין. די עלטערע קינדער זײַנען דאָ ניט געווען. די באָבע אויך ניט. זעלדע האָט געכאַפּט שאָלעמקען אַף די הענט און זיך געלאָזט אין קיך. די שוויגער, אַ קליינינקע, אַן אײַנגעדאַרטע, איז דאָרט געשטאַנען אַרומגעבונדן דעם גראָוון קאָפּ מיט אַן אַלטער אָפּגעבליאַקעוועטער פאַטשיילקע און געקאָכט דעם אויוון.

— מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך איצט? — האָט זעלדע מיט פאַרדראָס איר פאָרגעוואָרפן. — איר הערט גאָר ניט, ווי דאָס קינד שרײַט... אפן כוטאָר טוט זיך אַזוינס, און איר...

— וואָסי... וואָס טוט זיך אפֿן כוטאָר? — האָט די אַלטע זי מעוווּלבל אָנגעקוקט.

כאָטש זעלדע איז געווען אַף איר אויפֿגעבראַכט, וואָס זי איז ניט צוגעגאַנגען צום וויינענדיקן קינד, דאָך האָט זיך איר ניט געוואָלט מעצאער זײַן זי. אָבער דערציילן האָט זי געמוזט. קיין אַנדער ברייִרע איז ניט געווען.

פֿון די נײַעס איז בא דער אַלטער אײַנגעפֿאַלן דאָס האַרץ. מיטן בערשטל אין דער אונטערציטערנדיקער האַנט האָט זי אַ בלייכע זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער אויסגעשמירטער אין קאַלך טאַבורעטקע און טרויעריק־פֿאַרזאָרגט אַ פֿיר געטאָן מיט די אײַנגעפֿאַלענע, אויסגעלאָשענע אויגן איבער די ווענט, איבער דעם מיט ליים אויסגעשמירטן דיל, איבער דעם באַלקן. „איבערלאָזן די שטוב?.. אָט דאָ אין שטוב איז זי דאָך געבוירן געוואָרן, דאָ איז זי אויסגעוואַקסן, דאָ האָט מען זי כאַסענע געמאַכט, דאָ האָט זי געהאַט שעפּטלעך, און פֿונדאַנען האָט זי אַרויס־באַגלייט דעם מאַן אירן אין זײַן לעצטן וועג הינטערן סטאַוואָק אַפֿן בעסוילעם. יעדע קלייניקייַט, יעדע מינדסטע זאַך איז איר דאָ געווען טײַער און ליב. וויאַזוי זשע קאָן זי עס איבערלאָזן?..“

— איך וועל אין ערגעץ ניט פֿאָרן, — האָט זי זיך אָנגערופֿן.

— וואָס הייסט, איר וועט ניט פֿאָרן? — האָט זעלדע צעטומלט זי אָנגעקוקט.

— וווּהין וועל איך אַף דער עלטער זיך שלעפּן?.. טרעט נאָר אַריבער די אייגענע שוועל, האָסטו שוין ניט ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן... איך האָב שוין געזען, וואָס פֿאַר אַ פּאָנעם עס האָבן געהאַט די בעזשענצעס, וועלכע זײַנען פֿאַרבײַ אונדזער כוטאָר דורכגעפֿאָרן. אַזאַ יאָר אַף היטלערן... איידער שטאַרבן ערגעץ אין דער פֿרעמד, איז שוין גלײַכער דאָ, כאָטש בא זיך אין שטוב, אַף דעם אייגענעם געלעגער... ניין, ניין, איך וועל אין ערגעץ ניט פֿאָרן...

— ווי קאָנט איר גאָר ריידן אַזוי? — האָט זעלדע זיך אָנגעהויבן ערגערן. — אַלע עוואַקויִרן זיך דאָך, דער גאַנצער כוטאָר. דאָ וועט דאָך קיינער ניט בלײַבן. קיין איין מענטש ניט...

— זאָל מען זיך וועקויִרן... איך וועל די שטוב ניט איבערלאָזן, — האָט די אַלטע געטײַנעט אירס.

— און וואָס וועט זײַן, אַז די דײַטשן וועלן קומען אַהער?.. וועגן דעם האָט איר כאָטש אַ טראַכט געטאָן?..

— זיי קומען נאָך ניט, — האָט די אַלטע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— איר הערט דאָך, זיי זײַנען שוין אין זאַפּאַראָזשיע. אין אַ פּאָר טעג אַרום קאָנען זיי זײַן דאָ... די שטוב איז אײַך, וואָס, טײַערער פֿונעם לעבן?

— און וואָס איז מיר דאָס לעבן אָן אָן אייגן שטיקל ווינקל? — האָט די אַלטע מיט האַרץ זיך אָנגערופֿן. — אייביק לעבט קיינער ניט. אָט דאָ אין שטוב בין איך געבוירן געוואָרן, און דאָ, ווען עס וועט מיר באַשערט זײַן, וועל איך שטאַרבן...

— איך הייב אײַך ניט אָן צו פֿאַרשטיין, — האָט זעלדע אַ זאָג געטאָן.

— אוואַדע... איר איז גרינג צו זאָגן... נעמען און איבערלאָזן אַלץ אַף העפֿקער און לויפֿן, — האָט די אַלטע, אוועקלייגנדיק אין אַ זײַט דאָס בערשטל, געבורטשעט

שוין צו זיך אליין, — וואָס אַרט עס זי... וואָס גייט עס איר אָן... וואָסי, זי האָט סײַדן די שטוב געבויט?.. זי איז דאָך אַף אַלעם גרייטן געקומען...

זעלדע איז גיך אַרויס מיט שאַלעמקען אַף די הענט צו זיך אין האַלב־טונקעלן צימער און אָנגעהויבן אָן אויפגערעגטע אַרומשפּאַנען הין און צוריק. דער שוויגערס ווערטער האָבן זי ווי מיט באַדלען געשטאָכן אין האַרצן, נאָר דאָך האָט זי ראַכמאָנעס געהאַט אַף איר. אָן עלטערער מענטש, קוים וואָס זי דיכעט. וואָס זשע טוט מען איצט? ווי קאָן זי איבערלאָזן די שוויגער איינע אַליין אין כוטאָר און אַוועקפאָרן? אָדער זי זאָל צוליב איר אויך ניט פאָרן, פאַרבלײַבן דאָ מיט די קינדער און שטעלן אין סאַקאָנע זייער לעבן?

פון אָט די דײַגעס, וועלכע האָבן זיך אומגעריכט אַף איר אַרופגעוואַלגערט, אַלס צוגאָב צו די איבעריקע, וואָס האָבן איר ניט אויסגעפּעלט, זיינט שעפּטל איז אַוועק אַף דער מילכאָמע, האָט בא זעלדען זיך אָנגעהויבן דרייען דער קאָפּ. זי האָט זיך צוגעזעצט אַף דער האַרטער קושעטקע, אַוועקגעלייגט שאַלעמקען אין וויגעלע און, שוואַך פירנדיק מיט דער האַנט, פאַרוויגט אים.

„וואָס טוט מען?.. וואָס טוט מען?..“ — האָט איר געפּיקט אין מויעך. מיטאַמאָל האָט זי דערהערט דער אַלטערס געשריי:

— זעלדע!.. זעלדע!.. ווו ביסטו, זעלדע, ווי איז מיר!..

אַ דערשראָקענע איז זעלדע אופגעשפּרונגען און זיך געלאָזט אין קיך. אופּ־פּראַלנדיק די טיר, האָט זי דערזען די שוויגער שטיין לעבן שוועל.

— וואָסי?.. וואָסי געשען?.. וואָס שרײַט איר?..

— זע!.. זע, סאַרא סרייפע!.. — האָט די אַלטע פאַרבראָכן די הענט.

זעלדע איז אַרויסגעלאָפן אין הויף און געבליבן שטיין אונטער דעם טאָפּאָל.

אַף יענער זײַט סטאַוואָק האָבן געברענט די הילצערנע אַמבאַרן מיט דער קאָל־ווירטישער טוווע, און העכער אַ ביסל, אַרוף־בערגל, האָבן געפלאַקערט די גרויסע סטערטעס היי. אַ געדיכטער ווײַסער רויך האָט זיך געקנוילט פון דאָרט אין דער הייך צום הימל.

— וואָס שטייסטו?.. פאַרוואָס לויפט מען ניט ראַטעווען?! — איז די אַלטע געווען אויסער־זיך.

— וואָס ראַטעווען?.. פאַר וועמען ראַטעווען?.. פאַר די היטלעראָווצעס?.. פאַר די פאַשיסטן?.. מע האָט דאָך אַליין, בעקיוון דאָס אונטערגעצונדן... אָן־אָ.. איר זעט?.. — האָט זעלדע געוויזן אַף דער הרעבליע, איבער וועלכער עס האָבן גיך געשפּאַנט כאָנציע, דאָדיע בורלאַק און טריאַנדאַליס. — דאָס האָבן זיי... דאָס איבע־ריקע וועט מען באַלד אויך אונטערציינדן...

— גאָט מײַנער, אַליין מיט די אייגענע הענט נעמען און פאַרברענען דאָס פאַר־האָרעוועטע גוטס... כּײַ וואָלט איך עס בעסער ניט דערלעבן, — האָט זי זיך ביטער צעוויינט.

די סרייפע האָט דערווײַל זיך צעפלאַקערט נאָך שטאַרקער. דער הימל איבער יענער זײַט כוטאָר איז געוואָרן רויט, ווי ער וואָלט אויך געברענט. עס האָבן

אופגעפלאמט פון אלע זייטן די איינצלנע שוועבנדיקע וואָלקנס. אין די הויפן האָבן דערשראָקן געבילט די הינט. איבער דער שטויביקער גאס האָבן געטראכקעט הויך־אָנגעלאָדענע וועגענער מיט קוקורוזע, וועלכע מע האָט אין איילעניש געפירט צום סטאַוואָק, קעדיי דאָס אלץ ארייַנוואַרפן אין אים, דערטרינקען. די אָנטרייַבער האָבן מיט פארביטערונג געזידלט זיך, געשריִען, און דאָס קליינוואַרג האָט מיט טומל זיך נאָכגעיאָגט באָרוועסע נאָך די וועגענער. זעלדע האָט צווישן די פארמורזעטע כעוורע דערזען אויך עסטערקען און קורטן. זי איז צוגעגאנגען צו דער קאַליטקע און א געשריי געטאָן צו זיי. זיי זייַנען געבליבן שטיין אין פארלעגנהייַט, זיך איבערגעקוקט און נאָכדעם זיך געלאָזט לויפן אהער צו איר.

— מאמע! מאמע... מירן אויך פאָרן?.. זוזיק האָט געזאָגט, אז אלע, אלע וועלן פאָרן... אוי, מאמע, זע, ווי עס ברענט!.. — איז עסטערקע אונטערגעשפרונגען.

— שא, וואָס שפרינגסטו?.. וואָס איז די סימכע אף דיר?.. — האָט זעלדע זיך א בייזער געטאָן. — ווו האָט איר איבערגעלאָזט טייַבעלען?.. און שמועלקע ווו איז?..

— בא זוזיקן. זוזיק זאָגט, אז מיר פאָרן אויך... איאָ, מיר פאָרן?.. נו, זאָג, מיר פאָרן? — האָט עסטערקע ארומגעכאפט מיט די הענטלעך די מאמע.

— איך ווייס ניט... איך ווייס נאָך גאָרניט, — האָט זעלדע פארזאָרגט געזאָגט, א פיר געבנדיק מיט דער האנט איבער עסטערקעס קעפל מיט די צעשויבערטע שווארצע צעפעלעך.

— פארוואָס ווייסטו ניט?.. אלע פאָרן דאָך. זוזיקס מאמע פאָרט. און זוזיק פאָרט. איך וויל אויך פאָרן. זיי פאקן זיך שוין. איך וויל זיך אויך פאקן...

— און איך וויל אויך, — האָט קורט, קוקנדיק זעלדען גלייַך אין די אויגן, שטיל געזאָגט.

— וואָס זשע קאָן איך טאָן, — האָט זעלדע ווי פארענטפערט זיך פאר די קינדער, — די באָבע וויל ניט. ווי קאָנען מיר פאָרן, אז די באָבע וויל ניט...

— זאָל זי בלייַבן דאָ, די באָבע!.. זאָל די באָבע ניט פאָרן. און מירן פאָרן, — האָט קורט א צופרידענער אויסגעשריִען מיט זייַן הילכיק קעלכל.

זעלדע האָט פארלוירן זיך אומגעקוקט צו דער שוויגער, וועלכע איז געשטאנען, ווי פריִער, לעבן דער פריזבע. זי האָט פון איר אזוי אויך אויסגעריסענע יאָר צוליב קורטן. צום גליק, האָט די שוויגער גאָרנישט ניט געהערט. זי האָט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, געקוקט אלץ אף דער סרייפע, וואָס האָט זיך נאָך מער צעפלאקערט, — איצט האָבן שוין געברענט די קוזניע און אויך און די נייַע בריזארניע. די שוויגער האָט א פארומערטע עפּעס געשעפּטשעט, און איינצלנע שוואכע טרערן האָבן פארמעלעך אראָפּגעקאפּעט פון איר געלבלעך־צעקנייטשט געזיכט אף אירע דארע, אויסגעטריקנטע הענט, וועלכע זי האָט געהאלטן צונויפגעלייגט באם הארצן, ווי בעשאס א טפילע.

און איבער דער קרומלעכער גאס האָבן ניט אופגעהערט צו טראכקען די פורן. מיט א הודערייַ האָט זיך אָנגעטראָגן דער אווטאָמאָביל פון מטס, אין וועלכן עס

זײַנען געזעסן עטלעכע פֿאַרשטויבטע קאָלווירטניקעס. צווישן זיי האָט אַרויסגעקוקט נעכאַמקע.

— וווּהין איז? — האָט זעלדע אַ געשריי געטאָן צו איר.

נעכאַמקע האָט אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט ערגעץ אַרויף כוטאָר.

אין דער זעלבער צײַט האָט פֿון הינטער די מילבער־ביימער זיך דערטראָגן אַ קנאַל. מע האָט אויפֿגעריסן די קאָלווירטישע עלעקטראָסטאַנציע. פֿון קאָלווירט־הויף האָבן אַ יאָג געטאָן רײַטנדיק קאַלמען זאַהאַט און מיקיטע דרוּיאַן. איבערלאָזנדיק אַ הויכן שטויב הינטער זיך, זײַנען זיי אַוועקגעריטן צו דער פֿערמע.

„וואָס שטיי איך?! — האָט זעלדע פּלוצלינג זיך אַ כאַפּ געטאָן. — מע דאַרף דאָך מעלקן די בעהיימעס... באַלד וועט מען זיי דאָך שוין אַוועקטרײַבן ווער ווייסט וווּהין...“ זי האָט אָנגעזאָגט עסטערקען און קורטן, זיי זאָלן אַכטונג געבן אויף שאָלעמקען. גענומען פֿונעם פּאַרקן דאָס רייניקע מעלקשעפֿל, האָט זי געמאַכט אַ טראָט צו דער שווּגער, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען פֿאַרומערט לעבן דער פּריזבע, געוואָלט איר עפּעס זאָגן, נאָר איבערגעטראַכט און גיך אַוועק מיט דער זײַטיק־אויסגעטראָטענער סטעזשקע, וועלכע האָט געפֿירט צו דער הרעבליע. אין די דערבײַיקע ווײַנשלפּאַליסאַדניקעס און בײַ די גרינע קאַליטקעס, לעבן די נידעריקע פּריזבעס און לעבן די אָפֿענע טירן זײַנען געשטאַנען עלטערע קאָלווירטניקעס און קאָלווירטניצעס מיט איינגעקלעך אויף די הענט. מיט פֿאַרומערטע פּנימער און רויטלעך־פֿאַרטרערטע אויגן האָבן זיי געקוקט אַהין, וווּ עס האָט געברענט זייער פֿאַרהאָרעוועט גוטס...

קאַפּיטל פֿינף

אין דער זעלבער צײַט האָט יודל פּיסקון זיך אַרומגעדרייט איינער אַליין אין זײַן עק־גאַסיקן שטיבל, אַלע ווײַלע צוגעכאַפּט זיך צום האַלב־פֿאַרהאַנגענעם פֿענצטער און אַרויסגעקוקט אַהין, וווּ עס האָבן געברענט די אַמבאַרן מיט טווּע. פֿון פֿאַרגעניגן האָבן בײַ אים אויש געציטערט די הענט.

„געלוינט... עס האָט געלוינט אָפּקומען, זיך אָנבידעווען, אַבי דערלעבן זייער מאַפּאָלע... זיי האָבן געמיינט, אַז די סאָוועטסקע וולאַסט וועט פֿאַר זיי זײַן אייביק... נישקאָשע, זיי צינדן שוין אַליין די אַמבאַרן... זיי וועלן נאָך אַליין אויך פֿאַרברענט ווערן... עס קומט שוין אַ סאָף אויף זיי...“

פֿון דרויסן האָט זיך דערטראָגן אַ קנאַל. עס האָבן אויש גענומען טרייסלען זיך די שויבן אין די פֿענצטער. יודל האָט אָנגעשפּיצט די לענגלעכע אויערן, זיך צוגעהערט: „זאָל זײַן, אַז דאָס שיסט מען שוין אָט דאָ ערגעץ ניט ווײַט?..“ ער האָט געוואַרט און זיך געעקט מיט די קויכעס, אַז די דײַטשן זאָלן שוין וואָס גיכער, הײַנט נאָך פֿאַרנעמען דעם כוטאָר, אַז קיינער פֿון די בוריאַנאָווקער זאָל ניט קאָנען אַוועקפֿאָרן, אַלע ביז איינעם זאָלן בלײַבן דאָ. דעמאָלט וועט ער זיי ווײַזן, ווער יודל פּיסקון איז... זיי האָבן געמיינט, אַז אויס, ער וועט זיך שוין ניט אומקערן, ער וועט

דאָרט אויסציִען די פּיס... העכער אכט יאָר איז ער דאָרט אויסגעריסן געוואָרן, און זיי זײַנען זיך דאָ געשלאָפּן מיט די ווײַבער... נײַע הײַזער זיך אויסגעבויט... בישקאָשע, זיי וועלן דאָס איצט אויסקרענקען... פֿונעם געדאַנק, אַז די דײַטשן זײַנען שוין נאָענט און קאָנען נאָך הײַנט זײַן דאָ אין כוטאָר, האָט אין אים נאָך מער אופֿגעיווירט און זיך צעפֿלאַקערט דאָס בעקאָמע־געפֿיל, עס האָט אין אים געבריענט דער פֿאַרלאַנג זיך אָפּרעכענען מיט די אַלע, וועלכע האָבן זיך איזדיעקעוועט איבער אים. און דעריקער מיט כאָנציען. דאָס האָט כאָנציע דעמלט געצויגן פֿון אים די אָדערן. איצט וועט ער פֿון כאָנציען א צי טאָן. מיט די אייגענע הענט וועט ער פֿאַסנווײַז שינדן די הויט פֿון אים. ער וועט אים דערמאָנען אַלץ פֿון אָנהייב ביזן סאָף... א שאָד, וואָס דער צווייטער צאַדיק, כאָמע טראַסקון, איז אוועק אין דער אַרמיי... און נאָך מער שאָד איז, וואָס זי, דעם באָנדערס טעכטערל, די פֿאַרברענטע קאָמוניסטקע, עלקע רודנער, איז דאָ ניטאָ... מיט איר וואָלט ער גאָר אַף א באַזונדער אויפֿן א רעד געטאָן. עך, ווען זי פֿאַלט אַרײַן איצט צו אים אין די הענט, — האָט ער מיט א פֿאַרביסענעם פֿאַרגעניגן זיך א צופּ געטאָן די וואָנץ, — ער וואָלט שוין גוט מיט איר א לערן געטאָן די סעדרע קאָלעקטיוויזאַציע... ער וואָלט איר געוויזן דעם פֿאַסעק קאָמוניזם...

אין פּירהויז האָבן זיך דערהערט טריט. יודל האָט דערשראָקן זיך אָפּגערוקט פֿונעם פֿענצטער. א מידע, א דערשלאָגענע איז אַרײַן דאָבע. איר גיך אַלט געוואָרן פּנים איז אויסגעשמירט געווען אין סאַזשע. זי האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט מיט איר קרענקלעך־פּולבלעכן קערפּער אַף דער הינקעדיקער טאַבורעטקע, וואָס איז געשטאַנען לעבן דעם אָפּגעדעקטן טיש, און אָנגעשפּאַרט דעם גראָו־געוואָרענעם קאָפּ אַף די פֿאַרהאָרעוועטע הענט. זי האָט שטיל געכליפּעט.

— וואָס שוין ווידער?! — האָט יודל א קאָסיע געטאָן מיטן לינקן אייגל אַף איר.

דאָבע האָט גאָרנישט ניט געענטפֿערט. זי האָט נאָך ביטערער אָנגעהויבן כליפּען.

— רייד שוין!.. וואָסי?.. — האָט יודל זיך א שלײַדער געטאָן.

— און אַליין זעסטו ניט?.. אַזויפֿיל האָרעוואַניע... אַזויפֿיל גוטס אוועקגעלאָזט מיטן רויך... ער... ער, ווי איז מיר, האָט דאָך דעם ווייץ געזייט... — האָט זי מיט די פֿאַרגאָסענע רויט־געשוואָלענע אויגן זיך אומגעקוקט אַף יאָסקעס פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס איז אין א רעמל געהאַנגען אַנטקעגן אַף דער וואַנט, — טאָג און נאַכט האָט ער דאָך געהאָרעוועט... ניט אַראָפּגעגאַנגען פֿונעם טראַקטאָר... זיך געפֿרייט, בעשאַס דער ווייץ האָט געבליט... געמייַנט... געהאָפּט, נעבעך... און וווּ?.. וווּ ליגן זײַנע ביינער איצט?..

— נו, שאַ, שאַ!.. — יודל האָט ניט געקאָנט פֿאַרלײַדן, ווען זי האָט דערמאָנט יאָסקעס נאָמען. אַפֿילע איצט, נאָך זײַן טויט, האָט ער אים ניט מויכל געווען פֿאַר דעם, וואָס ער האָט אים דעמלט פֿאַרמאַסערט פֿאַר איר, פֿאַר עלקע רודנער.

— פֿאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שטראָף?.. מיט וואָס האָב איך זיך עס אַזוי פֿאַרזינדיקט? — האָט דאָבע, שלינגענדיק די טרערן, אַלץ געטײַנעט. — כײַ וואָלט איך דאָס בעסער ניט דערלעבן... וואָס ווילסטו נאָך פֿון מיר? פֿאַרוואָס נעמסטו ניט צו־

נויף די זאכן?.. אַף ווען וואַרטסטו?.. זעסט דאָך, אַז איך פֿאַל שוין פֿון די פֿיס... נעם טו עפּעס, לייג צונויף די עדרוויַיל, פּאַקעווע...

— האָב צײַט... טרײַב מיך ניט... — האָט יודל אופֿגערעגט אַ בורטשע געטאָן.

— ווען זשע וועלן מיר פּאַקן די זאכן?

— וואָסי, מאָרגן פֿאַרט מען שוין טאַקע?.. — האָט יודל אַ פֿרעג געטאָן אַזוי, ווי ער וואָלט געהאַפּט, אַז מע האָט איבערגעטראַכט.

— ווען זשע דען?.. אַוודאי מאָרגן... מאָרגן באַטאָג... מיר וועלן זיך ניט באַווײַזן אַרומקוקן, ווי מע וועט זיך דאַרפֿן, ווײַ איז מיר, זיך זעצן אַף דער פֿור...

— אַזאַ מײַסע... — איז יודל צעטראָגן געוואָרן. — וואָס איז די יאָגעניש אַזוי?.. וואָס איז די כאַפּעניש?..

— ניין, ווען וועלן מיר פֿאָרן?.. נאָך דעם, ווי די דײַטשן וועלן שוין קומען אַהער?.. באַטאָג, צו צוועלף אַזייגער, האָט כאַנציע געזאָגט, זאָלסטו שוין זײַן אין שטאַל... דו וועסט אָנטרײַבן. מיר מיט זעלדען פֿאָרן אַף איין פֿור...

— מיט וועלכער זעלדען?.. וואָסער זעלדען?..

— געדענקסט ניט זעלדען? שעפּטלס ווײַבל.

יודל האָט גלײַך זיך דערמאָנט אין דער באַגעגעניש מיט שעפּטלען, אין דער פּושקע פֿלייש־קאָנסערוון און פּעקעלע צוקער, וועלכע שעפּטל האָט אים געגעבן פֿאַר זעלדען מיט די קינדער, און עס האָט אים, יודלען, אָנגענומען אַ פֿאַרדראָס און אַ קאַס אַף דאָבען, וואָס זי האָט מיט איר רייד אים גאָר דערמאָנט וועגן דעם. ביין, ער ווייסט ניט... ער געדענקט ניט... וואָס איז ער, סאָפּקאָלסאָף, שעפּטלס אַ מעשאָרעס? ער איז מעכויעוו צו שלעפּן זײַנע מאַטאָנעס פֿאַר עמעצן?..

— כ׳ווייס ניט... כ׳געדענק ניט... — האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן. — און וואָס איז כאַנציע איצט פֿאַר אַ באַלעבאָס איבער מיר?.. פֿאַרוואָס עפּעס דאַרף איך שפּאַנען די פֿערד?.. פֿאַרוואָס דאַרף איך אָנטרײַבן?.. — יודל האָט דערפֿילט די געפֿאַר זייער באַענט. ער מוז גלײַך, שוין עפּעס צוטראַכטן, קעדיי זיך ראַטעווען פֿון זיי, ניט פֿאָרן. — וואָסי, כאַנציע ווייסט ניט, אַז איך בין ניט געזונט, אַז קוים וואָס איך דיכע, אַז איך קאָן אַף די פֿיס ניט שטיין? — האָט יודל אָנגעהויבן זיך היצן. — און דו, וואָס, ביסט בלינד, זעסט ניט, אַז קוים וואָס איך לעב?.. אָט שווידערט מיך... עס ברענט אינווייניק, ווי אַ פֿײַער... עס שווינדלט מיר, עס דרייט זיך מיר דער קאָפּ... אוי, אוי, גיכער... — האָט יודל מיטאַמאָל פֿאַרגלאָצט די אויגן און איז מיט פֿאַרשטשירעטע ציין אומגעפֿאַלן אַף דער ערד, איבערקערנדיק די באַנק, וואָס איז געשטאַנען דערבײַ.

— גאָט מײַנער! — האָט דאָבע אויסגעשריִען און זיך געלאָזט צו אים. אָנשטרענגענדיק אירע שוואַך־געוואָרענע קויכעס, האָט זי גענומען אים אופֿהייבן. — וואָס איז מיט דיר?.. וואָס פּלוצלינג?..

קוים מיט צאָרעס האָט זי אַרײַנגעלייגט יודלען אין בעט און אײַנגעדעקט אים גוט מיט דער וואַטאָווער קאָלדרע.

יודל האָט שווער געסאָפּעט, געטרייסלט זיך, ווי עס וואָלט אים געוואָרפן אין קאדאָכעס.

— נו, שא, שא... באלד וועט דורכגיין, — האָט דאָבע בארויִקנדיק געזאָגט און אוועקגעלייגט פון אויבן אף דער קאָלדרע די בורקע.

אין צימער איז אזוי אויך געווען הייס, און יודל איז באדעקט געוואָרן מיט א געדיכטן שוויס. ער האָט שלאבעריק פארוואָרפן דעם קאָפּ אין א זייַט און געפּרווט מיט דער נאסער האנט אראָפּשארן פון זיך די בורקע.

— ריפּע זיך ניט, ווארעם זיך גוט אויס, — האָט דאָבע פאריכט אף אים די בורקע, נאָכדעם האָט זי נאָך געגומען די פוכאָווע קישן און אוועקגעלייגט אים אף די פיס.

— וואָס פערעסטו אף מיר, — האָט יודל, שטשירענדיק די צעפוילטע ציין, זיך פארקרימט, — ס'איז מיר ניט גוט... ס'איז מיר מלאָשנע...

— נישקאָשע, אָן סאקאָנעס, טערפּע צו א ביסל, שוויץ זיך גוט דורך. ס'איז די בעסטע רעפוּע, צוזאמען מיטן שוויס וועט ארויס די כוואָראָבע פון דיר... וועסטו כאָטש קאָנען פאָרן...

— וואָס?.. — איז יודל אופגעקאָכט געוואָרן. — ווילסט, אז קראנקערהייט זאָל איך פאָרן?.. עס ווילט זיך דיר, מיך באגראָבן אין וועג, ערגעץ אין א קאנאווע?.. א מאקע!.. וועסט עס ניט דערלעבן!.. קיינער וועט עס ניט דערלעבן!.. — ער האָט א כאפּ געטאָן דעם קישן און מיט רוגזע א שלייַדער געטאָן אף דער ערד.

— עס ווארפט שוין מיט אים... ער איז שוין מעשוגע געוואָרן, — האָט דאָבע זיך צעשריִען, — ס'איז דאָך א ריין ציכל... איך האָב עס דאָך אָקאָרשט געוואשן...

עמעצער איז גיך אדורך פארבייַ סאמע פענצטער. יודל איז געוואָרן טויט־בלאס און אָנגעהויבן מאכן מיט די הענט צו דאָבען, אז זי זאָל אנשוויגן ווערן.

— ש־ש־ש... — האָט ער פארשטיקט געשיקעט, — ש־ש־ש...

דאָבע האָט פארביטערט, בורטשענדיק עפּעס אין זיך, אופגעהויבן דעם קישן און ניט באוויזן אוועקלייגן אים צוריק אפן אָרט, ווי עס האָט זיך האסטיק געעפנט די טיר און אין שטוב איז א פארפאליעטע אריינגעקומען הינדע די לאנגע.

יודל האָט גלייַך אָנגעהויבן כראָפּען, זיך געמאכט שלאָפנדיק.

— איר האָט שוין געהערט וועגן דעם אומגליק, וואָס כאָנציען האָט געטראָפן? — האָט הינדע די לאנגע אויסגערופן. זי איז געווען אינגאנצן פארכאפּט פון די נייַעס, וועלכע זי האָט געבראכט מיט זיך.

— גאָט מייַנער, וואָס האָט געטראָפן? — איז דאָבע א פארשטאָרבענע געבליבן שטיין מיטן קישן אין די הענט.

— דאָס טעכטערל זייַנס, בעכאמקע, איז דאָך שיר אף טויט ניט דערהארגעט געוואָרן... מע האָט זי אָקאָרשט געבראכט צו פירן אהיים אף א וואָגן קוים א לעבעדיקע...

— וואָס רעדט איר!.. נעכאמקע כאַנציע דעם פּאַרזיצערס?.. איך האָב זי דאָך נאָרוואָס געזען פאָרן אפן אווטאָמאָביל פון מטס... אָט ערשט, עפּשער מיט א האַלבע שאָ צוריק... וואָס זשע איז געשען? וואָס האָט פּלוצלינג געטראָפן מיט איר?..

— דער מאָטאָר פונעם טראַקטאָר האָט זי צוגעקוועטשט.

— דער מאָטאָר? ווי קומט זי צום מאָטאָר?

— וואָס פרעגט איר, איך בעט אייַך, אזעלכע קאשעס, אז ס'איז באשערט, איז דאָך ניט שייַעך... דער רועך האָט געדאַרפט פונקט אָנטראָגן דעם אווטאָמאָביל פון מטס... נאָכן מאָטאָר פון דעם קאַליע געוואָרענעם טראַקטאָר געקומען. כאַנציע אליין האָט ארויסגערופן, ניט געוואָלט דעם מאָטאָר איבערלאָזן...

— נו, דעריבער, איז ווי קומט נעכאמקע צום טראַקטאָר? — האָט דאָבע זיך געערגערט.

— איך דערצייל דאָך אייַך. מע האָט דעם מאָטאָר פון דעם קאַליע געוואָרענעם טראַקטאָר אופגעהויבן און גענומען ארופלייגן אף דער מאשין, האָט ער זיך א גליטש־אויס געטאָן פונקט אף איר, אף נעכאמקען, צוגעקוועטשט זי צום סאמע קוזאָוו...

— גאָט מייַנער! — האָט דאָבע אויסגערופן און זיך אראָפּגעלאָזט אפן טאבורעט.

— אזא מיידל! אזא שיינהייַט! עס איז דאָך געווען נאָר א כּיעס צו קוקן אף איר, — האָט הינדע גערעדט וועגן נעכאמקען, ווי וועגן שוין ניט קיין לעבעדי־קער. — הייַנט סארא בעריע זי איז געווען, גאָלדענע הענט האָט זי דאָך געהאַט. אלץ געוווסט, אלץ געקענט... די ערד פלעגט ברענען אונטער אירע פיס, ווי בא איר מאמען, אָלע־האשאָלעם...

— און וועלכער שלאק האָט עס זי געשיקט שלעפּן דעם מאָטאָר, וויי איז מיר, — איז דאָבע געווען אויסער־זיך, — עס איז סייַדן אן ארבעט פאר א מיידל? פאר אירע קויכעס איז דאָס?

— קיינער האָט זי ניט געשיקט. זי האָט זיך אליין אָנגעבעטן, געוואָלט העלפן, אף דעם טראַקטאָר האָט דאָך פריִער וואָווע געאַרבעט... איצט פארשטייט איר?

דאָבע האָט טיף א זיפץ געטאָן און גענומען ווישן מיטן עק קאָפּטיכל די אויגן.

— און כאָנציע? ווו איז ער, כאָנציע, געווען?..

— פרעגט בעסער ניט. ער איז געקומען צו לויפן, ווען זי איז שוין געלעגן אפן וואָגן. א שרעק געווען צו קוקן אף אים. שווארץ ווי די ערד... קומט, לאָמיר כאָטש צוגיין צו זען, וואָס טוט זיך דאָרט... זאָל ער... זאָל ער שלאָפן, — האָט זי א וויַיז געטאָן אף יודלען.

ווי נאָר דאָבע מיט הינדע דער לאנגער האָבן צוגעמאכט די טיר הינטער זיך, איז יודל א צעפּארעטער ארויסגעקראָכן גיך פון בעט.

„וויבאלד אזוי, וועט מען שוין מאָרגן ניט פאָרן, — האָט ער צעטראָגן אָנגע־הויבן זיך ארומדרייען איבערן צימער. — מער דאַרף איך ניט... דעריקער זיך פאר־האלטן... כאָטש נאָך אף איין טאָג...“

קאפיטל זעקס

פארנאכט אָבער האָבן געפּלאַצט יודלס האָפענונגען.

באַלד נאָך דעם, ווי קאַלמען זאַהאַט און מיקיטאַ דרוויאַן מיט זייערע מישפּאָ־כעס און אויך די יונגע לערערן האָבן אוועקגעטריבן דאָס קאָלווירטישע פי, איבער־לאָזנדיק נאָך זיך אַ געדיכטן שטויב, האָבן אין כוטאָר אומגעריכט און האַסטיק זיך אָנגעטראָגן אַ פּאָר צעהיצטע רײַטער פון אַ מיליטער־טייל, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווײַט פונדאַנען, און איבערגעגעבן דעם באַפעל פון דער קאָמאַנדשאַפט: ביז מאָרגן 6.00 זאָל קיין איין מענטש ניט פארבלײַבן דאָ.

קיינער פון די בוריאַנאָווקער האָט ניט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס האָט אַרויס־גערופן אַזאַ באַפעל פון דער קאָמאַנדשאַפט בענעגייע זייער כוטאָר. צי מע קלײַבט זיך דאָס אָרט פארוואַנדלען אין אַ פּאַרפעסטיקטן פונקט, צי מע וואַרט דאָ אָף גרויסע שלאַכטן, צי עפּעס אַנדערס וואָס, נאָר צווישן דעם אוילעם, באַזונדערס צווישן די ווײַבער, האָט זיך אויפגעהויבן אַ מעהומע, מע האָט גענומען גיכער גרייטן זיך אין וועג אַרײַן, צונויפלייגן די זאַכן, פּאַקן זיך.

פון אַט דער אומגעריכטער נײַס איז די אַלטע, שעפּטלס מאַמע, אינגאַנצן פרי־טשמעליעט געוואָרן. זי האָט ניט אויפגעהערט כליפּען און קרעכצן. זי איז געווען אויס מענטש. נאָר וואָס האָט זי שוין איצט געקאָנט טאָן? קיין אַנדער ברייַרע האָט זי ניט געהאַט, ווי מיט אַ צעוויטעקט האַרץ זיך נעמען צונויפקלײַבן די זאַכן, גרייטן זיך אין דעם אומבאַוווסטן וועג.

— איצטערט מעגסטו זיך שוין פרייען, האָסט דײַנס אויסגעפירט, — האָט זי געטײַנעט צו זעלדען, אַרומדרייענדיק זיך איבער דעם ענג אַרומגעשטעלטן צימער. זי האָט ניט געוווסט, פאַר וואָס פריִער זיך נעמען. — איבערלאָזן די שטוב און לויפן... כיי וואָלט איך דאָס בעסער ניט דערלעבן... און ווי וועט זײַן מיט די זאַכן?.. זאָגסט, מיר פאָרן אָף איין פור מיט דעם שיינעם נעפעש, מיט יודקע פיסקון?.. איך האָב זיך טאַקע שטאַרק פאַרבענקט נאָך אים. וויאַזוי וועלן מיר זיך אײַנמאָסטיען אף איין וואָגן?

— וואָס מיר וועלן קאָנען, דאָס וועלן מיר נעמען, — האָט זעלדע שטיל געזאָגט.

— אַ מאַשל גערעדט... וואָס הייסט, וואָס מיר וועלן קאָנען? איך זאָג דיר פאַר־פריִער, אַז איך וועל דאָ גאָרנישט ניט איבערלאָזן. איך וועל אַלץ נעמען מיט זיך.

— נו, וואָס רעדט איר, שוויגער? ווי קאָנען מיר אַלץ נעמען? מיר וועלן האָבן אַ האַלבע פור, און מיר אַליין זײַנען דאָך זיבן נעפּאַשעס.

— וועלכע זיבן נעפאַשעס? וואַסי, דאָס קעסטקינד קלײַבסטו זיך אויך שלעפּן מיט זיך? — האָט די אַלטע זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי מע וואָלט זי אָפּגעבריט מיט אָקרעפּ.

— וואָס זשע זאָל איך מיט אים טאָן? איך וועל דאָך אים ניט איבערלאָזן דאָ אַליין.

— וואָס זאָל זי טאָן? — האָט די אַלטע זיך אַ קרים געגעבן, — בײַ דיר אַזאַ שלאַק, אַזאַ צוגאָב צו די צאָרעס אַף מײַן קאָפּ... זי וועט אים ניט איבערלאָזן!.. די דײַטשן, זאָגט מען, הארגענען אויס די ייִדן... די ייִדן ברענגען זיי אום, די ראָצ־כים... אָבער ער איז דאָך אַליין אַ דײַטשישער מאַמזער...

— וואָס שרײַט איר?.. ער וועט דאָך דערהערן, — האָט זעלדע אַ באַמרויִקטע זיך אומגעקוקט צום פענצטער, הינטער וועלכן עס האָט זיך געשפּילט דאָס קליינ־וואַרג.

— איז וואָס, אַז ער וועט דערהערן?.. וואָס ווער איך ניספּאָעל? דערווײַל האָב איך נאָך, דאַנקען גאָט, ניט מוירע פאַר אים. אַז ער וועט אויסוואַקסן, ער מעג עס ניט דערלעבן, אָט דעמאָלט וועל איך דאַרפן פאַר אים מוירע האָבן, — האָט די אַלטע זיך נאָך העכער צעשריִען, — הערט נאָר אַ מײַסע, מע לאָזט איבער די שטוב מיט דעם הויף, מיט דער בעשאָמע, מיט לײַב־און־לעבן און מע לויפט זיך ראַטעווען פון די דײַטשן, ניט ווויסנדיק, וווהין מע לויפט, ווײַל זי באַך שלעפּן אַ דײַטשל מיט זיך. עס איז דאָך הימלשרײַענדיק!

— נו, שאַ, שרײַט ניט, איך בעט אײַך. איך וועל אים אָפּפירן צו זײַן מומען, און אַן עק...

— האָסט נאָך ווען געזאָגט, אַז אָט־אָט פירסטו אים אָפּ... וויִאַזוי וועסטו אים איצט אָפּפירן, וויִאַזוי?..

— מיר וועלן דאָך פאָרן פאַרבײַ בלומענטאַל, וועל איך אים דאָרט בײַ דער מו־מען זײַנער איבערלאָזן.

— אַזאַ אומגליק אַף מײַן קאָפּ, אַזאַ שלאַק... ווי דערלעב איך עס שוין... ווי דערלעב איך פאָטער ווערן פון אים... געדענק, טאָמער לאָזטו אים דאָרט ניט אי־בער, ווייס איך ניט, וואָס עס וועט זײַן. הימל און ערד וועל איך איבערקערן... קיין איין רעגע מער וועל איך ניט טערפּען פון אים... וואָס קוקסטו אַזוי אַף מיר? וואָס שטייסטו? ווו איז די געפּלאַכטענע קאָרזינע? גיב מיר די קאָרזינע, ווײַ איז מיר, לאָמיר, אַן עק, וויבאַלד עס איז אַזאַ פּינצטערע גזירע, זיך אָנהייבן פּאַקן. זיי קאָ־נען נאָך באַנאַכט הייסן פאָרן... נו, גיכער, — האָט שוין איצט די אַלטע אָנגעהויבן אונטערײַלן זעלדען.

זעלדע האָט אַרײַנגעטראָגן די גרויסע געפּלאַכטענע קאָרזינע, וועלכע האָט זיך געלופּטערט אַפן הויף, און גענומען צוזאַמען מיט דער שוויגער צונויפלייגן אַהין דאָס וועש. מיטאַמאָל האָט זי דורך דעם פענצטער דערזען אַפן גאַס ראַכמיִעל דעם בריוו־טרעגער, און עס איז בײַ איר אײַנגעפאַלן דאָס האַרץ. זינט שעפּטל איז אַוועק אַף דער מילכאָמע, האָט זי יעדע רעגע געהאַלטן אין טראַכטן און איבערטראַכטן, צי האָט מיט אים, כאָליִע, גאָרנישט ניט געטראָפן. זי האָט אַרויסגעקוקט יעדן טאָג אַף אַ בריוו פון אים און איבערגעלעבט, געציטערט פאַר אַ שלעכטער בסורע.

זעלדע האָט איבערגעלאָזט אַלץ מיטאַנאַנדער, און, ווי זי איז געשטאַנען ניט קיין פאַרקעמטע, אַרויסגעלאָפן אין שוין קימאַט אָוונטיקן דרויסן. דער אַלטער ראַכ־מיִעל, וועלכער האָט געבראַכט הײַנט דאָס לעצטע מאָל די פּאָטשט, איז געשטאַנען

אינמיטן גאַס אַרומגערינגלט פֿון די ווײַבער און פֿאַנאַנדערגעטיילט די בריוו. זעלדע איז צוגעלאָפֿן, צעשטרייט זיך אומגעקוקט, מוירע האָבנדיק צו פֿרעגן, צי עס איז פֿאַראַן עפּעס פֿאַר איר. דער אַלטיטשקער ראַכמיִעל האָט, קוקנדיק איבער די שפּאַקולן, זי באַלד באַמערקט, אַ ראַיע געטאָן זיך אין פּאָטשט־רענצל און, אַ צופֿרידענער שוין פֿון דעם, וואָס ער דאַרף זי ניט מעצאַער זײַן, דערלאַנגט איר אַ בריוו צוזויפֿגעלייגט אין אַ דרײַעק, ווי אַ האָמענטאַש. זעלדע האָט געכאַפּט שעפּטלס בריוו, מיט ציטעריקע הענט אַפּגיך געעפֿנט און דאָס ערשטע אַ קוק געטאָן אַף דער דאַטע. דער בריוו איז געשריבן געוועזן דעם 23 סעפּטעמבער. זי איז אָפּגעגאַנגען אין אַ זײַט און, לויפֿנדיק מיט די אויגן איבער די ניט גלײַכע שורעס, אײַליק גענומען לייענען:

„טײַערע מײַנע זעלדע מיט אונדזערע ליבע קינדערלעך שמועלקע, עסטערקע, טײַבעלע און שאָלעמקע און די מאַמע זאָל לעבן! איך אײַל זיך אָנשרײַבן אײַך דערווײַל כאָטש עטלעכע ווערטער. איך שרײַב אַף דער פּלאַטפֿאָרמע שטייענדיק. באַלד, אין עטלעכע מינוט אַרום, גייט אוועק דער עשעלאָן. אָקאָרשט האָב איך איבערגעגעבן אײַך אַ לעבעדיקן גרוס און אויך אַ קליינינקע מאַטאָנע. דאָס, וואָס איך האָב געהאַט בײַ זיך. עסט עס געזונטערהייט. ווי איך וועל קומען אָפּן אָרט, וועל איך אײַך גלײַך צושיקן מײַן נײַעם אַדרעס. איך קוש אײַך אַלעמען צוזאַמען און יעדן באַזונדער אַ סאַך, אַ סאַך מאָל. אײַער שעפּטל".

זעלדע איז געוועזן אַזוי אויפֿגערודערט, אַז פֿונעם ערשטן מאָל לייענען האָט זי ניט אַלץ באַנומען, וואָס אין בריוו איז געשריבן. פֿאַר איר איז גענוג געוועזן איינס:

„אַבי ער לעבט... אַבי ער איז געזונט..." — האָט זי געשעפּטשעט.

— אַ בריוו פֿון שעפּטלען!.. — האָט זעלדע אַ פֿאַרפֿלאַמטע אויסגערופֿן, אַרײַנקומענדיק אין שטוב.

— אַנו, ווײַז! — האָט די אַלטע זיך אַ כאַפּ געטאָן, — לייען, לייען איבער. וואָס שרײַבט ער?

זעלדע האָט זיך צוגעזעצט אָפּן ברעג קושעטקע, אַף וועלכער עס איז געלעגן אָנגעוואַלגערט דאָס וועש, און גענומען נאָכאַמאָל לייענען. ווען זי האָט פֿאַרענדיקט, האָט זי ווידער אַ קוק געטאָן אַף דער דאַטע און עס איז איר שווער געוואָרן אָפּן האַרצן: „שוין עלף טעג אַדורך..."

— נו, וואָס האָסטו זיך אָפּגעשטעלט? — האָט די אַלטע אומגעדולדיק אַ פֿרעג געטאָן. — לייען ווײַטער.

— דאָס איז אַלץ, — האָט זעלדע שטיל געזאָגט.

— אָט דאָס איז דער גאַנצער בריוו? ער שרײַבט דאָך, אַז ער האָט עפּעס געשיקט. מיט וועמען האָט ער געשיקט? גיב אַ קוק, עס קאָן דאָך ניט זײַן, מיסטאַמע האָסטו דורכגעלאָזט.

— איך האָב גאָרנישט ניט דורכגעלאָזט.

— ווי זשע קאָן עס זײַן? וואָס הייסט, ער שרײַבט ניט, ווער איז דער מענטש, מיט וועמען ער האָט געשיקט?

— ער האָט זיך דאָך געײַלט. קאָנטיק, פאַרגעסן.

— ווי פאַרגעסט מען אַזאַ זאַך! — איז די אַלטע געוועז אויסער־זיך, — גיי ווייס איצט, מיט וועמען ער האָט געשיקט דעם גרוס און וואָס ער האָט געשיקט. שיקן און ניט שרײַבן מיט וועמען.

דער שוויגערס רייד האָט זעלדען געשניטן דאָס האַרץ. עס זײַנען דאָך שוין עלף טעג אַדורך, ווי שעפטל האָט געשריבן דעם בריוו. ווער ווייסט, וואָס מיט אים איז פאַר דער צײַט געשען. און ווי וועט ווײַטער זײַן? אויב ער וועט שרײַבן אַהער, וועלכן די בריוו דאָך פאַרפאַלן ווערן. ווי וועט זי איצט און ווײַטער לעבן אָן זײַנע בריוו? און אים וועט זי אויך ניט קאָנען שרײַבן. ער וועט אפילו ניט וויסן, ווו זיי זײַנען און וואָס מיט זיי איז...

— ניט אָנשרײַבן, מיט וועמען ער האָט געשיקט, — האָט די אַלטע נאָך אַלץ געבורטשעט, — איך וועל באַקומען די פּאָפּלעקציע.

זעלדע האָט מער ניט געקאָנט הערן דער שוויגערס רייד און איז גיך אַרויס אין הויף, אַ קוק טאָן, ווו זײַנען די קינדער.

— שמועלקע! עסטערקע! — האָט זי פאַרזאָרגט אַ רוף געטאָן, אַריבערטרעטנ־דיק די שוועל.

אין דרויסן איז שוין געווען טונקל. הינטערן סטאַוואָק האָט נאָך עפּעס געסמאַ־ליעט און די לופט האָט געשמעקט מיט רויך. פון מאַרזשפאַליער שליאַך האָט זיך אָפּסגײַ, ווי אין דער פאַבריקער באַכט, דערטראָגן אָן אומופהערלעכע און אומרויִקע הודערײַ פון מאָטאָרן און אַ שווער, צעצויגן טראַכקען פון רעדער...

קאַפּיטל זיבן

פונקט ווי אַלע בוריאַנאָווקער, האָבן זעלדע און די שוויגער אַ גאַנצע נאַכט באַ פאַרהאַנגענע פענצטער זיך געפּאַקעוועט, אין אײַלעניש געגרייט זיך אין וועג אַרײַן. אין שטוב, שוואַך באַלויכטן מיט אַ טשאַדענדיק לעמפּל, פון וועלכן זיי האָבן זיך שוין געהאַט אָפּגעוווינט, איז געווען אַן איבערקערעניש. אויף די טאַבורעטקעס, אויף דער ברייטער באַנק, אויף דער קושעטקע און אויף דער ערד זײַנען געלעגן אָנגעוואָרפן פאַרשיידענע זאַכן. דאָס ברייטע ניקלנע בעט, וואָס זיי האָבן ערשט ניט לאַנג, צום מײַ־יאָמטעוו, געקויפט, און די קלענערע און גרעסערע קינדער־בעטלעך זײַנען געשטאַנען צונויפגערוקט אײנס צום אַנדערן, און דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט — די פּערענעס, די קאָלדרעס און קישנס — איז געלעגן אַרומגעבונדן מיט שטריק אין זוינקל לעבן דער טיר. אויף דעם זײַנען אין די זאַכן געשלאָפן אײנס לעבן ס׳אַנדערע די ניט אַרומגעוואַשענע, פאַרמורזעטע און מידע קינדער, וועלכע זעלדע האָט שפּעט באַנאַכט קוים מיט צאָרעס באַלייגט. קיין איין זאַך איז איצט אין שטוב ניט געשטאַ־נען אויף אָן אָרט. אַלץ איז געווען איבערגערוקט — דער טיש, די בענקלעך, דער טאָפּטשאַן. מיט צעעפנטע טירלעך איז אינמיטן צימער געשטאַנען אַ ליידיקע די

ברוינע פּאַניר־שאַפֿע. די שופֿלאָדן פֿונעם קאָמאָד זײַנען געווען ארויסגעשלעפּט. די אויסגעבייטע סאַלפעטקעס, די גראַמאָטעס און פאָטאָגראַפיעס — אראָפּגענומען פון די ווענט. אף יענע ערטער, ווו זיי זײַנען געהאַנגען, זײַנען פאַרבליבן ווײַסע פלעקן און עס האָבן ארויסגעסטאַרטשעט אײנצלנע פאַרזשאַווערטע טשוועקלעך. פון דעם אומגעווײנלעכן אויסזען, וואָס די שטוב האָט איצט געהאַט, פון דעם, וואָס די קינדער זײַנען געשלאָפן אף די פּעק ניט קיין אויסגעטאָנענע, ווי פאַרוואָרלאָזטע, און דעריקער פון דעם, וואָס אָט קלײַבן זיי זיך אין וועג ארײַן, ניט דערוואַרטנדיק זיך אף שעפּטלס בריוו מיט זײַן נײַעם אדרעס, וועלכן ער האָט צוגעזאָגט צושיקן די טעג, האָט זעלדען געקלעמט און געווייטעקט דאָס האַרץ. זי האָט זיך אָבער געסטאַרעט ניט ארויסווײַזן דאָס פאַר דער שוויגער, וועלכע האָט אזוי אויך די גאַנצע צײַט געהאַלטן אין איין קרעכצן און קלאָגן. קוים פלאָנטערנדיק מיט די אויסגעטריקנטע דאַרע פיס, האָט די אַלטע ארומגעפּאַדעט פון איין צימער אין צווייטן, צונויפגעקליבן די נאָך פאַרבליבענע דאָרט זאַכן: דאָס זאַלצבערעטל, דאָס האַקמעסער, די סטופּע און דאָס לאָקשנברעט, די בענטשלײַכטער, וועלכע זי האָט נאָך באַקומען אַלס דראָשעגעשאַנק צו איר כאַסענע, דאָס שווערע קופּערנע קענדל, וואָס דער מאַן, אָלעוו־האַשאָלעם, האָט געבראַכט פון יאַריד, ווען שעפּטל איז געבוירן געוואָרן... יעדע זאַך, וואָס האָט זיך געפונען דאָ אין שטוב, איז איר געווען ליב און טײַער, יעדע זאַך האָט איר אין עפּעס דערמאָנט, געווען א שטיק לעבן אירס, א טייל פון איר. מיט זיי, האָט זי געפילט, איז זי נאָך עפּעס, אָבער אָן זיי — וואָס איז זי? פון דער פּאָליצע איבער דער אַלקער־טיר האָט זי קרעכצנדיק אראָפּגענומען די פאַרשטויבטע ספאָרים, וועלכע זײַנען דאָרט געלעגן זינט דער יאַדישלעווער זיידע איז געשטאָרבן, פון דעם ענגן פּינצטערן קאַטוך האָט זי ארויסגעשלעפּט דעם ראָהאַטש און די קאָטשערע אף די לאַנגע ארומגעסמאַליעטע שטעקנס, אָפּגעזוכט טיף אונטערן פריפּעטשיק דעם אויסגעקרימטן דרײַפוס, צונויפגעקליבן די טעפלעך, די קריגלעך.

— וואָס שלעפּט איר יעס? מיר וועלן דאָך סײַווי אַלץ ניט קאָנען מיטנעמען, — האָט זעלדע מיט א שוואַכער שטים זיך אָנגערופן.

זי האָט שוין קיין קויעך ניט געהאַט צו אַמפּערן זיך מיט דער שוויגער. צונויפגעבונדן דאָס לעצטע פּעקל מיטן עסנוואַרג, האָט זי זיך אראָפּגעלאָזט אף דעם אײַנגעפּאַקטן בעטגעוואַנט לעבן די קינדער, און, ווי זי האָט נאָר צוגעמאַכט די אויגן, איז זי אַנשלאָפן געוואָרן.

— געפונען א צײַט צו שלאָפן, — האָט די אַלטע געוואָרטשעט, — וואָס גייט איר אָן, וואָס אַרט זי? באַ איר איז רעכט איבערלאָזן אַלץ מיטאַנאַנדער. אָט וועגן דעם קעסטקינד, וועגן דעם דײַטשל וועט זי זיך דאַפקע זאָרגן.

די אַלטע האָט זיך געוואָזשעט מיט די זאַכן, ביז עס האָט אָנגעהויבן שאַרײַען אף טאָג. דעמלט האָט זי זיך דערמאָנט, אַז זי דאַרף נאָך צוגיין אפן הייליקן אָרט, וואָס האָט זיך געפונען אף יענער זײַט סטאַוואָק, זיך געזעגענען מיטן מאַנס קייווער און מיט די שוין פון לאַנג פאַרוואַקסענע קוואָרים פון אירע עלטערן, מיט דער ערד.

ווו עס ליגן אירע זיידעס און עלטערזיידעס — די ערשטע קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן זיך דאָ באַזעצט... זי האָט אַרופגעוואָרפן אַפן קאָפּ די טונקעלע שאַל און איז אַרויס פון שטוב. דורך דער פּאַרטאַגיקער בלויקייט האָט זי דערזען גיין פאַרביי זייער הויף דעם פאַרזיצער.

— אַ גוט־מאָרגן, — האָט זי, פאַרגיכערנדיק די טריט, זיך באַגריסט מיט אים, — נו, וואָס?

— טראָגט אַרויס די זאַכן. באַלד, אין עטלעכע מינוט אַרום, וועט צופאָרן די פור, — האָט כאַנציע צעטראָגן געענטפערט, — מאַכט עס נאָר גיך, — האָט ער אַ געשריי געטאָן, שוין דערווייטערנדיק זיך, — מיר וועלן זיך אַף קיין איין איבעריקער רעגע ניט פאַרהאַלטן.

פון כאַנציעס ווערטער האָט די אַלטע זיך אינגאַנצן צעפּלאָכעט. זי האָט פאַרגעסן אָן דעם בעסוילעם, וווהין זי האָט זיך אָקאָרשט געקליבן, אַ פאַרשמייעטע זיך אומגעקערט אין שטוב און, אופהייבנדיק אַ גוואַלד, ווי עס וואָלט געברענט דער דאַך, אופגעוועקט זעלדען מיט די קינדער.

— וואָס שלאָפט איר? די פור קומט דאָך שוין באַלד, ווי' איז מיר.

זעלדע האָט אופגעריסן די אויגן און געכאַפּט אַף די הענט שאַלעמקעס, וועלכער איז פון איבערשרעק זיך פאַרגאַנגען אין אַ געוויין. שמועלקע און קורט און נאָך זיי — עסטערקע און טייבעלע זיינען צעפּודזשעטע אַרויסגעלאָפן אין דעם נאָך קילבלעכן דרויסן און באַלד דערזען טאַקע די פור, וועלכע האָט פאַרקערעוועט צו זיי אין הויף. מאָלע־סימכע האָבן זיי מיט אַ געפילדער זיך געלאָזט אַנטקעגן.

דער גרין־געפּאַרבטער וואָגן איז אַף העלפט שוין געווען אָנגעלאָדן מיט פּעק און קאָלערליי היימישע זאַכן. יודל פיסקון איז אָן אָנגעכמורעטער געזעסן פון פאָרנט. אָנגעטאָן איז ער געווען אין דער זעלבער נעבעכדיק־געמיינער קורטקע און אין די דורכגעריבענע שמאָלע הויזן, אין וועלכע ער האָט זיך אומגעקערט פון לאַגער. די קורצע קרומלעכע פיס זיינען בא אים אַראָפּגעהאַנגען איבערן דישל. דאָבע איז אַ דערשלאָגענע געזעסן צונויפגעדרייט פון הינטן. אַנטקעגן דער ברייט־צעעפנטער טיר האָט דער וואָגן זיך אָפּגעשטעלט. דאָבע איז שוויַגנדיק אַראָפּגעקראָכן און אַוועק אין שטוב העלפן אַרויסטראָגן די זאַכן. יודל, דורכויס אַ פאַרביטערטער, איז געבליבן זיצן מיט די לייצעס אין די הענט. ער האָט זיך געפילט, ווי אַ פאַרפאָלגטער און פאַריאָגטער וואָלף, וואָס האָט געהאַלטן אָט־אָט באַם ראַטעווען זיך און איז פּאָרט אַריינגעפאַלן אין נעץ, ניט קענענדיק זיך אַרויסרייסן פון איר. ער איז געווען אופגעבראַכט אַף זיך, זיך אויסגעגעסן דאָס האַרץ און ניט געקאָנט זיך מויכל זיין, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אַזאַ שרעקלעכע, אַזאַ ווילדע נאַרישקייט און זיך אומגעקערט פונקט איצט צו דער עוואַקואַציע אַהער אין כוטאָר. געדאַרפט פאַרבלייבן ערגעץ ניט ווייט, אַף אַ סטאַנציע צי אין אַ דאָרף, ווו מע קען אים ניט, און דערוואַרטן זיך דאָרט, ביז די דייטשן וועלן קומען. ווען ער קאָן נאָך איצט בעטעם ווערן... נאָר וווהין לויפט מען, ווו באַהאַלט מען זיך אויס? געדאַרפט עס טאָן באַנאַכט. גיי ווייס! ער האָט געמיינט, געהאָפט, אַז ביז מע וועט זיך אויסקלייבן

פֿאָרן, װעלן די דײַטשן נאָך באַװײַזן פֿאַרנעמען דעם כוטאָר. „װאָס טוט מען איצט? װי ראַטעװעט מען זיך?“ — האָט זיך אים געדרייט דער מויעך, און ער האָט ניט געװוּסט, װאָס צוטראַכטן. איין האָפֿענונג איז בײַ אים פֿאַרבליבן, אַז דער דײַטש װעט זיי איבערשנײַדן דעם װעג. „אַװאַדע, װאָסי שײַעך, ער װעט געװיס איבער־שנײַדן, — האָט ער זיך געטרייסט, — װײַט פֿון כוטאָר װעלן מיר סײַװי ניט אַװעקפֿאָרן...“

א דערמוּנטערטער פֿון אָט דער האָפֿענונג, האָט ער מיט אַ פֿאַרבאָרגן נעקאָמע־געפֿיל זיך אומגעקוקט אויף זעלדען און דער אַלטער, װעלכע האָבן געשלעפּט די זאַכן פֿון שטוב און געלייגט זיי אויפֿן װאָגן. די קינדער, באָרװעסע און צעפּאַטלטע, זײַנען מיט אַ ראַש זיי נאָכגעלאָפֿן.

— איך װעל דער ערשטער... איך װעל פֿריִער פֿאַר אַלעמען זיך זעצן אויפֿן װאָגן, — איז קורט אונטערגעשפּרונגען.

— און איך װעל נאָך פֿריִער, איך װעל שוין אַרופֿקריכן, — האָט שמועלקע זיך אָנגעטשעפּעט פֿון הינטן.

— און איך װיל אויך.

— און איך... — האָבן עסטערקע און טײַבעלע אויפֿגעהויבן אַ געפּילדער.

יודל האָט זיך אַ קאָסיע געטאָן אויף זיי. אים האָט זיך פֿאַרװאָלט אָט אַזוי נעמען און אַ שינד טאָן זיי מיט דער בײַטש. „שעפּטלס װיװאָדאָק... װען איך בין דאָרט אין קאַפּעקאַל אויסגעריסן געװאָרן, איז ער זיך דאָ געשלאָפֿן מיט זײַן װײַב... געקינדלט... אַ גאַנצן טאַבון אָנגעפּלאָדיעט...“ — האָט ער געליק אַ טראַכט געטאָן, און עס האָט זיך אָנגעצונדן אין אים די סינע צו אָט די קינדער שוין נאָך דערפֿאַר, װאָס אין דער צײַט, װען ער איז אויסגעריסן געװאָרן אין לאַגער, זײַנען זיי דאָ געבוירן געװאָרן...

געבויגן אינדרײַען האָט זעלדע אַרויסגעטראָגן פֿון שטוב אַ גרויסן פּאַק, אײַנ־געװיקלט אין אַ פֿאַרביקער רעדנע, און, אָנשטרענגענדיק שוין די לעצטע קויכעס, קוים אויפֿגעהויבן אים אויפֿן װאָגן.

„ער זאָל כאָטש עטװאָס העלפֿן! זיצט, װי אַ געליימטער, — האָט דאָבע, װאָס האָט זיך געייסעקט מיטן קלענסטן קינד, מיט שאָלעמקען, געװאָרפֿן אַן אומצופֿרי־דענעם בליק אויף יודלען. — װער האָט זי נאָך אַזוי געשטיצט און אונטערגעהאַלטן אָט די אַלע יאָרן, װען ער איז דאָ ניט געװען, אויסער זעלדען מיט שעפּטלען?“ נאָר זאָגן יודלען, ער זאָל העלפֿן, האָט זי איצט ניט געװאָלט. זי האָט מוירע געהאַט זיך צו פֿאַרטשעפּען מיט אים. פֿאַר די טעג, װאָס ער האָט זיך אומגעקערט, האָט זי שוין גענוג געהאַט פֿון אים אויסצושטיין. דאָבע האָט נאָר אַ זיפֿץ געטאָן, אַװעקגע־לייגט שאָלעמקען אויף דעם דערבײַיִקן שוין געלבלעכן גראָז, אַרופֿגעקראָכן אויפֿן װאָגן און, שװער סאָפּענדיק, גענומען דאָרט צונויפֿלייגן די פּעק.

װען דער װאָגן איז שוין געװען אָנגעלאָדן מיט די קאָלערליי שטוביקע כפֿיי־צים, מיט די אַלטע קוישן, מיט די גרעסערע און קלענערע פּעק, מיט קעסטלעך געפֿעס, מיט קישנס און פֿערענעס, האָט זעלדע דערלאַנגט דאָבען אײַנציקװײַז די קינדער — שאָלעמקען, טײַבעלען, עסטערקען, שמועלקען און אויך קורטן. נאָכ־

דעם איז זי אַליין אַרופֿגעקראָכן און אײַנגעמאָסטיעט זיי אַלע אין סאַמע מיט אָפּן בעטגעוואַנט, אַז בעשאַס פֿאָרן זאָל קיינער פֿון זיי כאָלילע זיך ניט אַראָפּגליטשן.

— נו, שוין אַלץ? — האָט דאָבע, אַ רוק געגעבנדיק זיך נענטער צו זיי, אַ פֿרעג געטאָן.

זעלדע האָט פֿאַרזאָרגט זיך אומגעקוקט אויף דער שטוב מיט די נידעריקע פֿענצטער, אויף דער פּריזבע, וווּ זי פֿלעגט ליב האָבן זיצן אין די זומער־אָוונטן מיט שעפּטלען, אויפֿן ווײַנשל־פּאַליסאַדניק, אויף די ראָזלעכע כריזאַנטעמעס אַנטקעגן די פֿענצטער, אויפֿן הויכן טאָפּאָל אין מיט הויף, פֿון וועלכן עס איז געפֿאַלן אַ לאַנגער שאָטן ביז דער סאַמע שוועל. און פּונעם געדאַנק, אַז זי דאַרף עס אַלץ באַלד איבערלאָזן, איז איר אַדורך אַ ציטער איבערן גאַנצן לײַב. אָט דאָ, אין דער שטוב, האָט זי אָפּגעלעבט אירע שענסטע יאָרן מיט שעפּטלען, דאָ האָט זי אים געבוירן די קינדער, יעדע זאַך האָט דאָ דערמאָנט אין אים, און זי האָט באַזונדערס איצט, אין די לעצטע רעגעס, דערפֿילט, ווי שווער עס איז איר זיך צעשיידן מיט דעם. אָבער מע האָט געמוזט. זי האָט זיך אָנגענומען מיט קויעך און אַ רוף געטאָן די שוויגער:

— וווּ זײַט איר? זעצט זיך שוין. אַלע זיצן שוין אויף די וועגענער.

די שוויגער האָט אַפֿילע ניט געהערט, ווי זעלדע האָט זי גערופֿן. זי איז געשטאַנען איינע אַליין אין איר פּאָסט־פֿאַרבליבענעם צימערל און שטיל, מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ, זיך געזעגנט מיט די נאַקעטע ווענט, מיט דער שטוב.

— ווי קאָן איך דיך איבערלאָזן, — האָט זי שטיל געשעפּטשעט, — ווי וועל איך קאָנען לעבן אָן דיר?..

זעלדע האָט זי ווידער אַ רוף געטאָן.

אָן אײַנגעבויגענע, אַ צעבראָכענע, איז די שוויגער אַרויס, געמאַכט עטלעכע טריט און געבליבן אָנמעכטיק שטיין. מיט דעם אָפּגעשוואַכט־דאַרלעכן קערפּער האָט זי זיך צוגעשפּאַרט צום שטוב־ווינקל, אַרומגענומען מיט די געל־אויסגעטריקנטע הענט די וואַנט, ווי דאָס וואָלט געווען אַ לעבעדיקע באַשעפֿעניש; דאָס פּאָנעם האָט זיך באַ איר פֿאַרקרימט. זי האָט ביטער געוויינט.

די שטוב זייערע איז געווען די עלטסטע אין כוטאָר. פֿאַרלייגט דעם פֿונדאַמענט און אויסגעבויט זי האָט נאָך דער אורזיידע, בעשאַס ער האָט מיט די ערשטע קאָלאָניסטן זיך באַזעצט מיט העכער הונדערט פֿופֿציק יאָר צוריק אויף אָט דער דעמאָלט ווילדער ערד פֿון דער געוועזענער טאַווריִער גובערניע. וויפֿל וווּנדערלעכע מײַסעס האָט זי זיך אָנגעהערט וועגן יענער און אויך וועגן די שפּעטערדיקע צײַטן. פֿון קינדווײַז אָן האָט איר נעשאָמע זיך צונויפֿגעגאָסן מיט יעדן ווינקעלע פֿון אָט דער שטוב, עס זײַנען איר ליב און טײַער געווען דער צוגעפֿלעטשטער שטרויענער דאַך, וואָס איז פֿון די רעגנס און פֿון דער צײַט טונקל געוואָרן, די אויסגעטראָטענע שוועלן, די נידעריקע לענגלעכע לעזשאַנקע לעבן דער הרובע, וווּ מע פֿלעגט אין די זאווייענדיקע ווינטער־אָוונטן סמאַזשען[1] קערלעך, די שווער־אונטערסקריפּענ־

---

[1] פֿרעגלען (אוקר.).

דיקע טירן... ווי זשע קאָן זי דאָס אַלץ איבערלאָזן? דער אַלטער האָט פאַרקוועטשט דאָס האַרץ. זי האָט זיך דערפילט אַזוי, ווי זי וואָלט געדאַרפט אָט באַלד זיך צעשיידן מיטן לעבן, און האָט פּאַמעלעך זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּריזבע.

— שוויגער... — האָט זעלדע זי שוין צום דריטן מאָל אַ רוף געטאָן.

די אַלטע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

זעלדע איז אַראָפּגעקראָכן פונעם וואָגן.

— איר פאַרהאַלט דאָך אונדז... — האָט זי זיך געלאָזט צו איר. — קומט, זעצט זיך שוין.

— וואַרט, יאָג מיך ניט, — האָט די שוויגער קוים אַרויסגערעדט.

די קינדער, וועלכע זײַנען געזעסן אין דער הייך אויפן וואָגן, זײַנען געווען אין איינע שרעק. זיי האָבן געציטערט, אַז די באָבע זאָל ניט איבערטראַכטן און זיי וועלן צוליב איר אויך ניט פאָרן. דאָבע האָט זיך שוין אויך געערגערט, וואָס די אַלטע הייבט זיך ניט אויף פון דער פּריזבע. נאָר יודל איז צופרידן געווען. „זאָל געדויערן. זאָל וואָס מער געדויערן...“

לעבן דעם צעעפנטן טויער האָט זיך באַוויזן כאַנציע. אַ פאַרהאַוועטער, האָט ער הייזעריק אַ געשריי געטאָן צו יודלען, ער זאָל אַרויספאָרן פון הויף. יודל האָט אויפגעציטערט, אַ קאָסיע געטאָן אויפן הולײַפּאָליער שליאַך, פונוואַנען ער האָט אַלץ געוואַרט אויף עפּעס און ניט דערוואַרט זיך. און אומצופרידענער האָט ער ניט ווילנדיק אַ צי געטאָן די לייצעס. די פּאָר גלאַטע בולאַנע פערד האָבן זיך גערירט פון אָרט. אויסקערעווענדיק דעם וואָגן, האָט יודל פון אויפגערעגטקייט געמאַכט אַ צו גרויסן קרײַז און, ניט באַמערקנדיק, זיך אַרײַנגעשניטן מיט די רעדער אין די געדיכט־פאַנאַנדערגעבליטע, נאָך זייער זאַפטיקע כריזאַנטעמעס.

די אַלטע האָט עס באַמערקט און איז געוואָרן בלייך.

— וויי איז מיר! די כריזאַנטעמעס איז ער דאָך איבערגעפאָרן! — האָט זי ניט מיט איר קאָל אויסגעשריִען, כאַפּנדיק זיך פאַרן קאָפּ. זי האָט מיטאַמאָל, ווי עס וואָלטן זיך איר אומגעקערט די קויכעס, זיך גיך אויפגעהויבן און געלאָזט אַהין, וווּ עס זײַנען געבליבן ליגן די איבערגעפאָרענע צעבראָכענע שטענגלעך מיט די זייער דופטיקע שפּעט־האַרבסטיקע קווייטן, גענומען זיך אייסעקן דאָרט, געוואָלט זיי נאָך ראַטעווען.

— אוי, וויי און ווינד איז מיר, וואָס ער האָט צעמאַכט פון זיי! אָט ערשט, אָט אָקאָרשט האָבן זיי דאָך נאָך געלעבט, געאָטעמט! — האָט זי געטײַנעט. — ווען שעפּטל זעט עס!.. ער האָט דאָך אַזוי ליב געהאַט די כריזאַנטעמעס! נעמען אַזאַ שיינקײַט און אַוועקהאַרגענען!

— נו, שאַ, באַרויִקט זיך, — האָט זעלדע זיך געבעטן בײַ איר, — איר זעט דאָך, וואָס עס טוט זיך. סאַראַ אומגליק. נו, קומט שוין, קומט, — זי האָט גענומען די שוויגער אונטערן אָרעם, צוגעפירט צום וואָגן און געוואָלט איר שוין העלפן אַרופזעצן זיך.

— ווארט נאָר, וואַרט, — האָט די אַלטע מיטאמאָל זיך אַ כאַפּ געטאָן. — איך האָב דאָך פאַרגעסן, ווי איז מיר, די גרויסע מעשׂענע פּאַן אַף פּרעגלען ווארעניע... אַזאַ פּאַן! אַפן בוידעם ליגט זי דאָך.

זעלדע האָט ניט באַוויזן איר זאָגן עפּעס, ווי די אַלטע האָט אַ פאַרהאַוועטע זיך געלאָזט צוריק צו דער שטוב, קעדיי אַרופקריכן מיטן שטאַל־לייטער אַפן בוידעם נאָך דער פאַרגעסענער פּאַן. לעבן דער שטוב שוין איז זי אַף אַ רעגע געבליבן שטיין, מיט איין האַנט זיך אַ כאַפּ געטאָן באַם האַרצן, מיט דער צווייטער אין דער לופט, זיך אַ וואַקל געטאָן און אומגעפאַלן אַף דער ערד.

— שוויגער!.. — האָט זעלדע דערשראָקן אויסגעשריִען, צוגעלאָפן און אַראָפּ־געלאָזט זיך אַף דער ערד לעבן איר.

— שוויגער, וואָסי מיט אײַך?.. שוויגער!.. שוויגער!.. וואָס שווײַגט איר?

די אַלטע איז געלעגן מיט די אָפּגעדעקטע דאַרע פיס און זיך קיין ריר ניט געגעבן.

זעלדע האָט עטוואָס אופגעהויבן דער שוויגערס שוער־געוואָרענעם קאָפּ און אַ דריי אויס געטאָן אים צו זיך. די אויגן זײַנען באַ דער אַלטער געווען פאַרגלאָצט, דאָס אָנצייגערדיקע מויל צעעפנט, און זעלדען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי לאַכט פון איר. איר איז געוואָרן שרעקלעך פון דעם. זי האָט אַרויסגעלאָזט די שוויגער פון די הענט און זיך פאַרגאַנגען אין אַ געוויין.

אין אַ ווײַלע אַרום איז דער הויף פול געוואָרן מיט מענטשן. די קאָלווירטניקעס און קאָלווירטניצעס האָבן איבערגעלאָזט דאָס קליינוואַרג אַף די אָנגעלאָדענע וועגע־נער, וואָס זײַנען געשטאַנען אייבער הינטער דעם אַנדערן אין דער מיט פון דער ברייטער קרומלעכער גאַס, און צונויפגעלאָפן זיך אַהער.

די אַלטע, איבערגעדעקט מיט זעלדעס שאַל, איז געלעגן אַף דער ערד, אַף דעם זעלבן אָרט, ווו זי איז אומגעפאַלן, און זעלדע איז געזעסן לעבן איר און שטיל געוויינט. כאָנציע, אַ פאַרלוירענער, איז געשטאַנען באַ דער זײַט און מעיאשעוו געווען זיך מיטן אוילעם, וואָס מע טוט. וועגן אָפּציִען מיט דער קוורע האָט איצט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן. מע דאַרף שוין פאַרלאָזן דעם כוטאָר. אַפן בעסוילעם זי מעקאַבער זײַן איז איצט אויך ניט שײַעך. קיין צײַט אַף דעם ניטאָ. פירן דעם באַרמינען מיט זיך? וויאַזוי? ווּהין? מע איז געווען אין פאַרלעגנהײַט, ניט געוווּסט וואָס צו טאָן.

— איר ווייסט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, — האָט דאָדיע בורלאַק נאָך אַ קורצן יישעוו־האַדאַס זיך אָנגערופן, — זי וועט אונדז מוזן מויכל זײַן, און שעפּטל, מיין איך, וועט אַף אונדז אויך קיין פאַריבל ניט האָבן. קיין אַנדער ברירע האָבן מיר ניט. מיר וועלן מוזן זי מעקאַבער זײַן דאָ, אַפן הויף. דאָ איז זי געבוירן געוואָרן, און דאָ איז איר באַשערט קומען צו קוורע...

ליפּע זאַיקע, שיִע קוקוי, דער אַלטער טריאַנדאַליס און דאָדיע בורלאַק האָבן זיך גענומען פאַר די לאָפּעטעס. באַלד האָט אין הויף זיך אופגעהויבן אַ געוויין, אַ געיאָמער פון די ווײַבער.

איך מיט פון דער יעלאָלע און סומאַטאָכע האָט פון דער אויסגעטריקנטער קאָוואַלעווסקער באַלקע זיך אָנגעטראָגן רײַטנדיק אַף א יונג היציק פערד סעניע. דאָס פּאָנעם איז בא אים געווען פאַרפּאַליעט, די בלאָנדע האָר צעווייעט און צוגעקלעפּט צום פײַכטן שטערן. צווישן די פּיל פאַרשיידענע וועגענער, וואָס האָבן פאַרנומען א שטיק גאַס, האָט ער מיט די אויגן גלײַך אָפּגעזוכט די פור, אַף וועלכער עס איז געווען נעכאַמקע. ער האָט שוין געוווּסט, וואָס מיט איר איז געשען, און האָט האַסטיק פאַרקערעוועט צו איר.

נעכאַמקע איז א בלייכע געלעגן אַפן וואָגן, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אַף א הויך־אונטערגעלייגטן קישן, און געהאַט אַן אויסזען, ווי זי וואָלט זיך פילן אין עפּעס שולדיק. זי האָט איבערגעלעבט, וואָס זי קאָן ניט אַרײַן באַגלײַך מיט אַלעמען אין דעם אַנטקעגנדיקן הויף זיך אויך געזעגענען מיט שעפּטלס מאַמע. עס האָט זי פאַרדראָסן און באַנק געטאָן, וואָס אָנשטאָט דעם, זי זאָל איצט, אין אַזא צײַט, באַהילפיק זײַן, פאַרשאַפט זי נאָך כלאָפּאָטן.

דערזען פּלוצלינג סעניען, האָט זי פאַרלוירן און אומצופרידן אַראָפּגעלאָזט די לאַנגע שוואַרצע וויִעס און פאַרריכט מיט דער האַנט דעם צאָפּ, וואָס איז געלעגן פאַרוואָרפן בא איר אַף דער ברוסט.

— נעכאַמע... — האָט סעניע אײַליק געזאָגט, — זײַ אַף מיר ניט אין קאַס, וואָס איך בין געקומען... איך האָב פאַרקערעוועט אַף איין ווײַלינקע... איך האָב געמיינט... איך האָב געוואָלט... זאָג, ווי פילסטו זיך?..

— אָן סאַקאָנעס, — האָט זי שטיל און אײַנגעהאַלטן געענטפערט, סטאַרענדיק זיך ניט אַרויסווײַזן, אַז עס טוט איר נאָך שטאַרק וויי.

— גוט, גוט, נעכאַמע, וואָס דו פאָרסט אוועק. די דײַטשן זײַנען שוין לעבן הולײַפּאָליע. עפּשער וועלן מיר זיך נאָך אַמאָל זען, — האָט ער אויסגעשטאַמלט רויט ווערנדיק, — און איך... איך... — ער האָט זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער איז דערבײַ ניטאָ, און פאַרטרויט איר בעסאָד, אַז ער פאַרבלײַבט אין אונטערערד... אין דיבראָווקער וואַלד... סעניע האָט געוואָלט איר נאָך עפּעס זאָגן, נאָר דער אוילעם איז טומלענדיק אַרויס פון שעפּטלס הויף און, עטוואָס אונטערלויפנדיק, זיך געלאָזט צו די פורן.

— זײַ געזונט, נעכאַמע... — ער האָט א יאָג געטאָן דאָס פערד און אוועקגעגאַלאָפּירט אין דער אַנטקעגנדיקער ריכטונג, פאַרנומען זיך מיט דעם וועג, וואָס האָט געפירט פאַרבײַ דער קאָוואַלעווסקער באַלקע, צו דעם אייניציקן אין דעם גאַנצן אַרום דיבראָווקער וואַלד.

ווען נעכאַמע האָט אין א ווײַלע אַרום זיך אומגעקוקט, האָט זי דערזען אַפן עק כוטאָר נאָר א שטויב, וועלכן דער רײַטער האָט איבערגעלאָזט.

די שווער־געלאָדענע וועגענער, געדיכט און ענג באַזעצט מיט ווײַבער, מיט קינדער און שוין עלטערע מאַנצבלען, האָבן מיט א צעצויגענעם קרעכצן פון די אַקסן זיך גערירט פון אָרט און זיך אוועקגעקײַקלט איינער נאָכן אַנדערן אַראָפּ מיט דער ברייטער קרומלעכער גאַס. דורכגעפאָרן פאַרבײַ דער לעצטער שטוב מיט די

פאַרקלאַפּטע פּענצטער, האָבן זיי פאַרקערעוועט צום מאַריופּאָליער שליאַך, איבערלאָזנדיק הינטער זיך דעם פּוסט־פאַרבליבענעם כוטאָר מיט דעם פרישן קייווער באַ שעפּטלען אין הויף...

קאַפּיטל אַכט

א גאַנצן טאָג האָבן די איבער צוויי צענדליק פול געפּאַקטע בוריאַנאָווקער וועגענער, סקריפּענדיק און קלינגענדיק יעדערער אַף זײַן אויפן מיט די שוין אַלטע און ביי־געקאָוועטע רעדער, מיט די באָמבלדיקע אָרטשיקעס און אונטערגעהאַנגענע פּוסטע עמער, פּאַמעלעך און שווער זיך געצויגן איבער דעם שטאַרק אויסגעפאָרענעם שליאַך.

דער וואָגן, אַף וועלכן עס האָט אָנגעטריבן יודל פּיסקון, איז געגאַנגען אין סאַמע מיט. יודלען האָט שטאַרק געערגערט, וואָס עס האָט זיך באַקומען אַזוי. ער האָט זיך געפילט, ווי ער וואָלט זײַן ארומגערינגלט סײַ פון פאָרנט, סײַ פון הינטן מיט סאָנים, וועלכע קוקן אים נאָך. אים האָט זיך געדוכט, אַז מע האַלט אים די גאַנצע צײַט אין אויג. „ווי ראַטעוועט מען זיך?" — האָט אים אָן אופהער געעגבערט דער געדאַנק. ער האָט זיך געביסן די וואָנץ און ניט ארויסגעבראַכט קיין איין וואָרט. זעלדע און דאָבע האָבן אויך געשוויגן. זעלדע איז געזעסן פון הינטן, קימאַט אַפן סאַמע ברעג פון דעם הויכן וואָגן, מיט דעם אײַנגעשלאָפענעם שאָלעמקען אַף די הענט, און טרויעריק געקוקט אַף די איבעריקע קינדער, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין באַלעווען זיך. אַלץ נאָך א דערשיטערטע פון דער שוויגערס פּלוצלינגדיקן טויט, האָט זי מיט א פאַרקלעמט האַרץ געטראַכט וועגן דעם, אַז שעפּטל ווייסט נאָך גאָרנישט... ער ווייסט ניט, אַז די מאַמע לעבט שוין ניט, אַז באַ זיי אין פּאַליסאַדניק, ווו מע האָט זי מעקאַבער געווען, איז פאַרבליבן א קליין בערגל — דער קייווער אירער; אַז זי, זעלדע, מיט די קינדער האָבן איבערגעלאָזט די שטוב, דעם הויף און דעם כוטאָר, און פאָרן איצט מיט יודל פּיסקונען אַף איין וואָגן, אַליין ניט ווייסנדיק וווהין. און ער... ווו איז ער איצט, אין אָט דער מינוט, ווען זי טראַכט וועגן אים? ווען זי קאָן כאָטש מיט איין אויג פונדערווײַטן א קוק טאָן, זען, ווו ער איז איצט, וואָס טוט ער, וואָס מיט אים איז... דער איקער, ער זאָל נאָר זײַן גאַנץ, ער זאָל נאָר זײַן געזונט. מער וויל זי ניט. און א בריוו. כאָטש צוויי ווערטער. דעם נײַעם אַדרעס. און דעם גרוס. ווען זי נעמט אָפּ דעם גרוס פון אים, וואָלט זי זיך כאָטש בארויִקט א ביסל. זי וואָלט זיך שוין דערוווּסט באַ אָט דעם מענטשן, ווו, אַף וועלכער פּלאַטפאָרמע האָט ער אים באַגעגנט, וווהין איז געגאַנגען דער עשעלאָן, מיט וועלכן ער איז געפאָרן... זי וואָלט זיך דערוווּסט, ווי שעפּטל זעט אויס, ווי ער איז אָנגעטאָן, וואָס ער האָט דערציילט וועגן זיך, און עפּשער אויך אין וואָס פאַר א נײַעם טייל האָט מען אים אַריבערגעפירט... ווו זשע איז דער מענטש? ווער איז ער? פאַרוואָס איז ער ניט געקומען איבערגעבן דעם גרוס? און עפּשער וועט ער נאָך קומען? ווו וועט ער זי זוכן איצט?

עטוואָס אין אַ זײַט, אײַנגעצוירעט צווישן די פּעק, איז אַ פאַרומערטע געזעסן דאָבע און אונטערגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך אויסגעטײַנעט מיט זיך אַלײן. מיט אָט דעם זעלבן וועג איז זי דאָך געפאָרן מיט עטלעכע וואָכן צוריק, אײדער עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, געפאָרן דעמלט אין דער מטס געווירע ווערן איר אײן־אײנציקן זון, איר יאָסקען, וואָס האָט דאָרט רעמאָנטירט די טראַקטאָרן צום שניט. אָט ערשט, דוכט זיך, איז עס געווען. אָט ערשט איז ער אַ פרײלעכער, אַ שײנער געלאָפן איר אַנטקעגן, אַרומגעכאַפּט זי מיט די יונגע שטאַרקע הענט און פאַר פרײד ניט געוווסט, ווי בעסער אופצונעמען זי, וווהין פירן זי פריער, — זיך אָפּרוען בײַ אים אויפן בעטל אין צוזאַמענוווינונג, צי עסן מיטיק אין דער קיך, צי באַקאַנען זי מיט זײַנע כאַווײרים און פרײַנט? אָט ערשט, אָט ערשט, דוכט זיך, איז עס געווען... און ווו?.. ווו ליגן איצט די בײנער זײַנע?.. ווען זי ווײסט כאָטש, ווער איז געווען לעבן אים אין די לעצטע מינוטן. עפּשער האָט ער געבעטן איבערגעבן עפּעס איר, דער אומגליקלעכער מאַמען זײַנער? אָדער עפּשער האָט ער זי גאָר געשאָלטן, וואָס זי האָט אים געבוירן אויף דער וועלט, אַז צו צוואַנציק יאָר זאָל ער דערהאַרגעט ווערן... מיט וואָס איז זי שולדיק פאַר אים? פונוואַנען האָט זי געקאָנט וויסן דעמלט, ווען זי האָט אים געבוירן, אַז עס וועט קומען אַ היטלער, אַזאַ רעצײעך, אַזאַ האָמען, און עס וועט זיך פאַרקאָכן אַזאַ מילכאָמע? קינדער געבוירט מען, אַז זײ זאָלן לעבן. פאַרוואָס זשע, פאַר וועלכע זינד קומט איר אַזאַ שרעקלעכע שטראָף, ווי איבערלעבן דעם אײן־אײנציקן זון? מע טאָר ניט, מע טאָר ניט געבוירן קײן קינדער, אויב מע קאָן ניט מאַכן אַזוי, אַז עס זאָל זײַן שאָלעם אויף דער וועלט... ווער ווײסט, וואָס עס דערוואַרט זײ, — האָט זי פאַרומערט אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם קלײנוואַרג, וואָס האָט פאַרנומען דעם מיט וואָגן.

אײַנגעוויגט פון דער זיך אונטערהוידעדיקער פור און דערוואַרעמט פון דער נאָך מילדער האַרבסטיקער זון, האָבן די קינדער צוביסלעך אײַנגעדרעמלט. זײ זײַנען געלעגן אויף דעם אײַנגעטאָפּטשעטן בעטגעוואַנט צוגעטוליעט אײנס צום אַנדערן און שטיל געאָטעמט. נאָר קורט איז ניט געשלאָפן. ער איז געזעסן אין דער הייך אויף אַ גרויסן פּאַק, וואָס איז צוגעבונדן געווען מיט אַ גראָבן שטריק צום וואָגן, און פרײלעך געבאָמבלט מיט די פאַרברויבט־נאַקעטע פיסלעך. קײנמאָל איז אים נאָך ניט געווען אַזוי גוט, ווי איצט. וויפל האָט ער איבערגעלעבט, ביז ער האָט דערוואַרט, אַז דער וואָגן זאָל זיך שוין רירן פון אָרט, ער זאָל אַרויספאָרן פון הויף און פון כוטאָר. און אָט איז דער כוטאָר פאַרבליבן ערגעץ ווײַט, ער זעט זיך שוין לאַנג ניט, ווי ער וואָלט אינגאַנצן אויף דער וועלט ניט געווען. און די פערד לויפן, שאָקלען מיט די קעפּ, פאָרשקען און בלאָזן מיט די נאָזלעכער, די רעדער סקריפּען, דער וואָגן קלינגט אונטער פרײלעך, פאַרנעמט זיך אָט אַראָפּ־באַלקע, אָט אַרויף אַ בערגל, אָט רעכטס, פאַרבײַ די פריש־גרינענדיקע פעלדער, און אָט לינקס, קווער דער שוואַרץ־אויפגעאַקערטער ערד, ווו צווישן די האָנעס שפּרינגען אַרום פון אײן הרודע אויף דער צווייטער הויך־קראַקעדיקע קראָען און זוכן דאָרט עפּעס מיט די

שנאָבלען. און דער וועג שלענגלט זיך אַלץ ווײַטער און ווײַטער. און ער זיצט אַפן סאַמע גרעסטן פּאַק, העכער פון אַלעמען, זעט פאַר זיך דעם גאַנצן סטעפּ מיט די ווײַט־פאַנאַנדערגעוואָרפענע שײנע דערפער און כוטאָרס, מיט די טיפע באַלקעס און בלויע בערגלעך, מיט די שפּיגלענדיקע סאַזשלקעס און אײנצלנע זייער הויכע טאָפּאָלן. ער האָט נאָך קײנמאָל ניט געזען אַזויפיל הימל און אַזויפיל ערד. און אים איז איצט זייער גוט. גוט שוין פון דעם, וואָס ער פאָרט, פון דעם, וואָס די אַלטע באָבע פאָרט ניט מיט זיי. ראַק זי האָט זיך געטשעפּעט צו אים. טאָמער האָט עפּעס געטראָפן, האָט זי גלײַך אַרופגעוואָרפן די שולד אַף אים. נאָר ער, ער אײנער, איז שולדיק געווען אין אַלץ. ער עסט אוף דעם גאַנצן צוקער, ער צעברעקלט דאָס ברויט, ער טרינקט אויס די מילך. מילך האָט ער גאָר פײַנט. ווען די באָבע איז געווען באַם טיש, האָט ער מוירע געהאַט אַפילע צוגיין נאָענט. און גערופן האָט זי אים „קעסטקינד", אָדער „צוגאָב צו מײַנע צאָרעס", אָדער „דײַטשל". דאָס, וואָס זי האָט אים גערופן „צוגאָב צו מײַנע צאָרעס", צי „קעסטקינד", האָט אים ווייניק געאַרט. דערפאַר אָבער, ווען זי האָט אַף אים געזאָגט „דײַטשל", האָט זיך אים געוואָלט כאַפּן אַ שטיין און... ער איז ניט קײן דײַטשל. פריִער, אַמאָל איז ער געווען אַ ביסל אַ דײַטשל, און איצט וויל ער מער ניט. זאָל זוזיק זײַן. זוזיק שלאָגט זיך, שטעכט זיך מיט בודזיקעס. עסטערקע און טײַבעלע און אַלע־אַלע קינדער האָבן אים פײַנט. איז זאָל ער זײַן אַ דײַטשל. און ער, קורט, אַז ער וועט אויסוואַקסן, וועט ער זײַן אַ רויטאַרמייער מיט אַן עמעסער ביקס און מיט אַ גראַנאַטע און וועט פון אַ גרויסן טאַנק דערשיסן היטלערן. אַ צופרידענער האָט קורט פאַרהויבן דאָס בלאָנדע קעפּל און מיט זײַן הילכיק קעלכל פאַרצויגן:

— זוזיק־שמוזיק, גאָפּל־פּרעסער...

— קוקט אים נאָר אָן! אים איז פרייל'עך, — האָט דאָבע מיט פאַרביטערונג אַ וואָרטשע געטאָן, ווי ער וואָלט מיט זײַן לידל אַ שאָט געטאָן זאַלץ אַף אירע ווונדן.

— זאָל ער... וואָס אַרט עס אײַך, — האָט זעלדע שטיל מיט אַ געפּאַלענער שטים געזאָגט.

— טאַקע אַזוי... וואָס אַרט עס מיך... באַ מיר רינט בלוט פון האַרצן, און ער האָט זיך צעזונגען. פאַרוואָס זינגען אײַערע קינדער ניט? פאַרוואָס פרייען זיי זיך ניט?

די סינע צו די דײַטשן, צו די היטלעראָווצעס, צו די פאַשיסטן, וועלכע האָבן איר אַזויפיל אומגליק געבראַכט, דערהאַרגעט איר אײנ־אײנציקן זון, האָט זי איצט, ווען עס איז איר געווען אַזוי שווער און קורט האָט צו דעם זיך נאָך צעזונגען, אַריבערגעטראָגן אַף אים, ווי ער וואָלט געווען שולדיק אין אַלע אירע צאָרעס. וואָס העכער ער האָט געזונגען, אַלץ מער האָט זי אים איצט ניט געקאָנט פאַרלײַדן, אַלץ מער האָט זי אים פײַנט געקראָגן. זי האָט אַליין, אין זיך געפילט, אַז זי איז ניט גערעכט. וואָס האָט זי צום קינד, וואָס איז ער שולדיק? איר איז אָבער געווען זייער ביטער, און דעריבער איז פאַר איר גענוג געווען שוין דאָס, וואָס ער האָט זיך איצט צעזונגען, דאָס, וואָס ער הייסט קורט, אַז זי זאָל אים פײַנט קריגן. דאָס האָבן זיי,

די דײַטשן, דערהאַרגעט איר זון. ניט דער קורט, איז אַ צווייטער קורט. פאַר וואָס? וועמען האָט איר זון שלעכטס געטאָן?..

די וועגענער האָבן זיך אוועקגעקײַקלט גיכער און זיך פאַרנומען אַראָפּ־באַלקע. די רעדער האָבן געטראַכקעט, די אָרטשיקעס און די עמער האָבן אונטערגעקלונגען, און קורט האָט זיך נאָך פרײַלעכער צעזונגען. האָט בא זעלדען פאַרקוועטשט דאָס האַרץ פון ראַכמאָנעס צו אים. „ער ווייסט דאָך ניט, אַז הײַנט צעשיידן זיי זיך",— האָט זי אַ טראַכט געטאָן, קוקנדיק אויף אים. ווי נאָר זיי וועלן זיך אַרופהייבן אַרויף־באַרג, וועט זיך שוין זען דאָס דײַטשישע דאָרף בלומענטאַל. דאָרט בא זײַן מומען וועט זי אים איבערלאָזן. נאָר דערווײַל האָט זי אים נאָך גאָרנישט ניט געזאָגט. זי וויל אים ניט מעצאַער זײַן. ער איז דאָך שוין אַזוי צוגעוווינט אי צו איר, אי צו די קינדער, און זי מיט די קינדער זײַנען צוגעוווינט צו אים, ווי ער וואָלט זײַן אַן אייגענער... עסטערקע האָט אים מער ליב, ווי שמועלקען, און טײַבעלע אויך. אַוואַדע וועט איר איצט זײַן ניט גרינג זיך שיידן מיט אים, נאָר וואָס זאָל זי טאָן? ווי קאָן זי איצט, אין אַזאַ צײַט, פירן אים מיט זיך? זי ווייסט דאָך אַפילע ניט, וווּהין זיי פאָרן. זי האָט געהערט זאָגן, אַז זייער מאַרשרוט וועט זײַן אַזש ביז סאַמע אַסטראַכאַן. אויב אַזוי, וועלן זיי זיך דאַרפן שלעפּן מיט דער פור ניט ווייניקער, ווי אַ פּאָר וואָכן. ווער ווייסט, וואָס אויף אָט דעם לאַנגן און שווערן וועג דערוואַרט זיי נאָך, וויפל עס איז באַשערט זיך אָנמוטשען, ביז זיי וועלן זיך דערקלײַבן אין דעם ווײַטן און אומבאַקאַנטן אָרט, ווו מע וועט דאַרפן בא פרעמדע מענטשן קריגן כאָטש אַ שטיקל דאָך איבערן קאָפּ.

נאָר וואָס זאָלן זיי טאָן? זיי מוזן זיך ראַטעווען. אָבער קורט... ער איז דאָך אַ דײַטשיש קינד, וועלן די דײַטשן אים ניט טשעפּען. צוליב וואָס זאָל זי קורטן שלעפּן מיט זיך? זי האָט דאָך געגעבן אַ וואָרט דער שוויגער, אָלע־האַשאָלעם, אַז זי וועט אים ווײַטער פון בלומענטאַל ניט פירן מיט זיך, אַז זי וועט אים איבערלאָזן בא זײַן מומען. וועט זי אַזוי טאָן. קיין אַנדער ברירע האָט זי ניט. געדאַרפט אים פריִער עפּשער זאָגן, צוגרייטן, ער זאָל וויסן, אַז ער דאַרף דאָרט פאַרבלײַבן. ער ווייסט דאָך אַפילע ניט, אַז ער האָט דאָרט אַ מומע. זעלדע האָט פאַרזאָרגט געקוקט אויף קורטן און זיך פאָרגעשטעלט, וואָס עס וועט זיך טאָן, ווען מע וועט אים דאַרפן צעשיידן מיט די קינדער, וואָס פאַר אַ געוויין ער וועט אויפהייבן. זי האָט געהאַט אויף אים ראַכמאָנעס, און איר האָט זיך געוואָלט אַרומנעמען אים און צוטוליען צו זיך.

יודלען, וואָס איז געזעסן אײַנגעהויקערט פון פאָרנט מיט די לייצעס אין די הענט, איז נימעס געוואָרן אי זעלדע, אי די קינדער, אי דאָבע, אי די פערד, אי דער וואָגן, אי די אַלע, וועלכע זײַנען געפאָרן סײַ פאָרויס פון אים, סײַ הינטער אים. ער איז געווען פאַרביטערט פון דעם, וואָס מיט יעדער מינוט פאָרן דערווײַטערן זיי זיך אַלץ מער פון דער פראָנט־ליניע. ער האָט ניט באַמערקט, ווי עס האָט זיך פאַרנומען דער אַראָפּ־באַרג. דער וואָגן האָט מיטאַמאָל זיך גיך אוועקגעקײַקלט, אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די אונטערטאַנצנדיקע אָרטשיקעס די פערד איבער די הינטערשטע פיס,

און די בולאַנע האָבן צעפּודזשעטע, מיט פּאַריסענע קעפּ, זיך אָוועקגעטראָגן אין אַ זײַט פונעם וועג. דער וואָגן איז אונטערגעשפּרונגען, אַ בייג געטאָן זיך אָט אין איין זײַט, אָט אין דער צווייטער, שיר ניט איבערקערנדיק זיך. יודל האָט ארויסגעלאָזט די לייצעס פון די הענט און צעטומלט זיך אומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אַראָפּשפּרינגען.

— האַלט אײַן! האַלט די פערד! — האָט דאָבע ניט מיט איר קאָל געשריִען. די קינדער האָבן דערשראָקענע זיך אופגעכאַפּט. פון פאַרלוירנקײַט האָט זעלדע ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן. דער וואָגן איז נאָך עטלעכע מאָל אונטערגעשפּרונגען, די מידע פערד האָבן, שווער אונטערסאָפּענדיק, זיך דורכגעטראָגן איבער דער ברייטער באַלקע און, אָנציִענדיק שטאַרק די פּאָסטראָמקעס, פּאַמעלעך זיך פאַרנומען אַרויף־באַרג.

— ווי איז מיר! האָסט דאָך שיר דעם וואָגן ניט איבערגעקערט, — האָט דאָבע ניט געקאָנט זיך באַרויִקן.

„האַלעוואַי קערט ער זיך איבער, וואָלט מען פאַרשפּאָרט פאָרן ווײַטער, — האָט יודל אַ טראַכט געטאָן, אונטערקלײַבנדיק אומצופרידן די לייצעס. — געדאַרפט אַראָפּשפּרינגען...” ער האָט איצט זיך עס ניט געקאָנט מוחל זײַן און אַ שיינד גע־טאָן די פערד איבער די אויערן, אויסלאָזנדיק זײַן קאַס צו זיי.

זעלדע האָט קוים באַרויִקט די קינדער. ווען זי איז אַליין אויך געקומען צו־זיך, האָט זי באַמערקט, אַז זיי האָבן זיך שוין אופגעהויבן אַרויף־באַרג און דערנעענטערן זיך צו דעם דײַטשישן דאָרף בלומענטאַל. דאָס דאָרף, וואָס איז באַשטאַנען פון איין לאַנגער און ברייטער גאַס, האָט ניט אומזיסט געהייסן אַזוי. דאָס גאַנצע דאָרף איז געווען ווי אײַנגעטונקט אין בלומען. אין די גראַמע ציכטיקע הויפן, אַנטקעגן די פענצטער פון די גרויסע ווײַס־אויסגעקאַלכטע שטיבער, און די פּאַליסאַדניקעס צווישן די ביימער, און באַ די גרין־געפּאַרבטע פאַרקנס האָבן געדיכט און רוישיק געצוויטעט טונקל־סאַמעטענע, זאַפטיקע געאָרגינעס, ווײַס־באַזילבערטע און ראָז־לעכע שאַרף־שמעקנדיקע כריזאַנטעמעס און פּילפּאַרביקע אַסטרעס. דאָס פאַרשיי־קערנדיקע גערוך, וואָס זיי האָבן געדיכט אַרויסגעלאָזט פון זיך, האָט זיך צונויפ־געמישט מיטן עטוואָס פּײַכטלעך־ווײַניקן גערוך פון די וועלקנדיקע בלעטער אויף די ביימער אין די פּאַליסאַדניקעס, אין די סעדלעך און לענגאויס ביידע זײַטן פון דער ברייטער גלײַכער גאַס. די פּילצאָליקע בונטע בלומען האָבן באַצירט דאָס דאָרף מיט זייער שפּעטיקן בלײַען, אויך די פאַרשיידנאַרטיקסטע ביימער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין האַרבסטיקן וועלקן. אויף איטיקע ביימער זײַנען די בלעטער שוין געווען אינגאַנצן געל און באַשפּרענקלט מיט בראָנזע, אויף אַנדערע — ווייניקער. אַ טייל ביימער־קרוינען זײַנען געווען ברוין־באַקופּערט, די איבעריקע צונטער־רויט. די באַרנביימער זײַנען געשטאַנען קימאַט אינגאַנצן נאַקעט, נאָר איינצלנע בלעטלעך, אײַנגעטונקען אין גינגאָלד, האָבן זיך פאַרהיט אויף זייער שיטער געוואָרענע טונ־קעלע צווײַגן. די וועלקונג האָט שוין געהאַט אָנגערירט אויך די טאָפּאָלן, וועמעס

גרויסאַרטיקע קרויגען האָבן געגלאַנצט מיטן קאָליר פון זון־אונטערגאַנג. עס איז געשטאַנען אַ מישמאַש פון קאָלערליי האַרבסט־פאַרבן. וועלקנדיקע בלעטער זײַנען, ווי טונקל־געלע, בראָנזענע און באַגילדעטע באַבעלעך, אַרומגעפלויגן אין דער לופט און שטיל געפאַלן אַף דער שוין קילבלעכער ערד.

אין מיט פונעם דאָרף, אַפן פּלאַץ לעבן דעם אַרטעזיאַנישן ברונעם, האָבן די בוריאַנאָווקער זיך אָפּגעשטעלט אָנפּאָיען די פערד. זעלדע איז אַראָפּ פון וואָגן און אַוועק אָפּזוכן קורטס מומע, וועלכע האָט אויך געהייסן עלזע, ווי קורטס פאַרשטאָרבענע מאַמע. אינעם אַנטקעגנדיקן הויף, וווהין זעלדע איז אַרײַן, האָט זי קיינעם ניט געטראָפן. אין שכייניסדיקן צווייטן הויף און אין דריטן איז אויך קיינער ניט געווען. די טירן פון די שטיבער זײַנען געווען פאַרשפאַרט. די פענצטער־לאָדן צוגעמאַכט. זעלדע איז גיך געגאַנגען פון הויף צו הויף. דאָס דאָרף איז געווען פּוסט. עס האָט זיך ניט געהערט קיין מעקען פון אַ קו, קיין קוואָקען פון אַ הון, קיין בילן פון אַ הונט. אַף דער גאַס האָט זיך קיין לעבעדיקער מענטש ניט געזען. זעלדע האָט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָס זאָל באַטײַטן. „זאָל זײַן, אַז זיי האָבן זיך אויך עוואַקויִרט?" ערשט ווען זי האָט זיך אומגעקערט צו די וועגענער, וועלכע זײַנען נאָך געשטאַנען לעבן דעם אַרטעזיאַנישן ברונעם, האָט זי געטראָפן אַ פּאַר בײַפאַרנדיקן פויער פונעם באַנעבן דאָרף און זיך דערוווּסט, אַז מע האָט אַלע דײַטשן פונעם דאָרף, קליין און גרויס, ווי אויך פון די איבעריקע דײַטשישע דערפער, פאַריקע וואָך, אײַנגעמיטן דער נאַכט, אַרויסגעפירט צו דער אײַזנבאַן־סטאַנציע, אָנגעלאָדן אין טעפּלושקעס און אָפּגעשיקט, ווי מע זאָגט, ערגעץ זייער ווײַט, קיין סיביר. וואָס וועט איצט זײַן מיט קורטן? — האָט זעלדע זיך פאַרטראַכט. — ווו וועט זי אים אַהינטאָן? באַ וועמען איבערלאָזן? קורט האָט זאָרגלאָז זיך געבאַלעוועט מיט די איבעריקע קינדער אַפן וואָגן. זי, זעלדע, האָט זיך געפילט ווי שולדיק פאַר אים. זי האָט געהאַט אַגמעסנעפּעש, וואָס זי האָט אים פריִער ניט אָפּגעפירט צו זײַן מומען. די שוויגער, אַלע־האַשאָלעם, איז געווען גערעכט. געדאַרפט גלײַך אָפּפירן. איצט וועט זי שוין מוזן פירן אים מיט זיך. וואָס קאָן זי אַנדערש טאָן?

די פורן האָבן זיך ווידער גערירט אין וועג. די בוריאַנאָווקער האָבן פאַרזאָרגט געקוקט אַף די רייִך צוגעקליבענע פּוסטע הויפן, אַף די עלנט פאַרלאָזטע שטיבער מיט די פאַרמאַכטע לאָדנס און געטראַכט געוויס, אַז אָט אַזוי פּוסט און פאַרלאָזט זעט איצט אויס אויך זייער כוטאָר.

— אַזאַ דאָרף, אַזאַ שיינקײַט, און קיין איין מענטש איז ניט פאַרבליבן, — האָט זעלדע באַדויערנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— פאַרוואָס איז קיינער ניט פאַרבליבן? — האָט קורט מיט זײַן קלינגעוודיק קעלכל געפרעגט. — וואָסי, זיי זײַנען סײַדן אויך געווען ייִדן?.. — ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַל, מיטאַמאָל אויסגעדרייט זיך צו זעלדען און אַ פרעג געטאָן: — ייִדן... ייִדן... וואָס איז דאָס אַזוינס ייִדן, האַ?..

קאָפּיטל נײַן

א פײַכט אָקטיאבער־ווינטל האָט געדרייט און געטראָגן אינדערלופטן דאָס אש פון פארברענטן פאפיר און ווי מיט א שווארצן שניי באדעקט די וועלקנדיקע ביימער, די פארקנדלעך און דעם הארבסטיק־אָנגעכמורעטן פלאץ אין מיט פון הולײַ־פאָליע. באנאכט האָבן די ראיאָנע אנשטאלטן אין גרויס אײַלעניש פארברענט די ארכיוון, וואָס האָבן זיך בא זיי אָנגעזאמלט פאר העכער צוויי צענדליק יאָר, און דרינגענדיק זיך עוואקוירט, — ווער אף מאשינעס, וועלכע האָבן זיך געפונען נאָך אין זייער רעשוס, ווער אף וועגענער, אף בעדארקעס און ווער רײַטנדיק. די דרינגענדיקײַט פון דער עוואקואציע איז ארויסגערופן געוואָרן מיט דער אומגעריכט־געפערלעכער לאגע, וואָס האָט זיך געשאפן אפן פראָנט, וועלכער האָט זיך גיך דערנעענטערט אהער.

ווען דעם אלעם האָט עלקע זיך דערוווסט ערשט אינדערפרי, ווען זי האָט זיך אומגעקערט פון דער נאכט־ארבעט אין מיל. פון די פארזאָרגטע און פארומערטע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געזאמלט אף די ראָגן, האָט זי זיך אויך דערוווסט, אז די אײַזנבאן־ליניע הולײַ־פאָליע — פאָלאָגע איז איבערגעשניטן און קיין צוגן גייען שוין ניט. די ערשטע רעגע האָט עלקע זיך אינגאנצן פארלוירן. אז דער פראָנט זאָל אזוי גיך זיך דערנעענטערן אהער, האָט זי זיך ניט געריכט. זי האָט זיך אויך ניט געריכט, אז באם עוואקוירן זיך זאָל מען זי איבערלאָזן דאָ. „צי דען האָבן אלע שוין באוויזן אוועקפאָרן? עס קאָן דאָך ניט זײַן! עמעצער האָט זיך מיסטאמע נאָך פארהאלטן“. עלקע האָט אָנגעזאָגט סוועטען, אז זי זאָל ניט ארויסגיין פון צימער, און אליין איז זי אוועקגעלאָפן אפן צענטראלן פלאץ, ווו עס האָבן זיך געפונען די ראיאָנע אנשטאלטן, מיט דער האָפענונג צו קאָנען מיט עמעצן מיטפאָרן. קיינער איז אָבער דאָרט שוין ניט געווען. די טירן פון די קאבינעטן זײַנען געווען פארשלאָסן, אייניקע אפילע פארקלאפט מיט טשוועקעס. בא עלקען האָט ווייטעקדיק א צאפל געטאָן דאָס הארץ, און זי האָט אוועקגעאײַלט צוריק אהיים. אין די גאסן, ווו נעכטן איז געווען פול מיט מיליטער, האָט זי איצט ניט געטראָפן אפילע קיין איין רויטארמייער. זי האָט פארשטאנען, אז זי טאָר זיך דאָ ניט פארהאלטן, אפילע אף קיין איין רעגע, און אן אויסוועג איז פאראן נאָר איינער — אוועקגיין צופוס. עס האָט זי באומרויקט, וואָס סוועטען וועט זײַן ניט גרינג צו גיין. נאָר קיין אנדער בריירע איז איצט ניט געווען. געקומען אהיים, האָט זי זיך איבערגעטאָן, ארופגעצויגן אף סוועטען א פריש־אויסגעוואשן קליידעלע און אײַליק אָפגעקליבן אין וועג ארײַן דאָס נייטיקסטע פאר זיך און פארן קינד. אף דאָס איבעריקע האָט זי א מאך געטאָן מיט דער האנט.

אין א שאָ ארום האָט זי מיט סוועטען שוין געשפאנט מיטן דאָרפישן שליאך, וואָס האָט געפירט פון הולײַ־פאָליע אף ראָזאָווקע. האלטנדיק סוועטען פאר א הענטל, איז עלקע געגאנגען עטוואָס געבויגן אונטער דער שווערקײַט פון דער טאָרבע, וואָס האָט געדריקט איר די פלייצע. סוועטע האָט אף איר דארינקן פלייצקעלע אויך

געטראָגן א טאָרבעלע, ווו עס איז געלעגן אײַנגעוויקלט אין אן אויסגעניייטן האנטעך דאָס טײַערסטע — דעם טאטנס פאָטאָגראפיע אינעם געשניצטן רעמעלע, וואָס עלקע האָט אראָפּגענומען פון דער וואנט. אין רעכטן הענטל האָט סוועטע געהאלטן דאָס פארביקע מאָנפּאסיע־שאכטל, וואָס שעפטל האָט איר געשענקט. אין שאכטל זײַנען געווען אירע צאצקעס, מיט וועלכע זי האָט זיך בעשום־אויפן ניט געוואָלט שיידן. עלקע האָט, אויסער דער טאָרבע אף דער פּלייצע, נאָך געטראָגן אין דער פרײַער האנט א פּעקל עסנווארג. געגאנגען זײַנען זיי פּאמעלעך. און דאָך האָט סוועטע שוין אפן פערטן קילאָמעטער, ווען זיי האָבן זיך גענומען אראָפּלאָזן אין דער באלקע, אָנגעהויבן קלאָגן זיך, אז עס טוען איר ווי די פיסלעך.

— מיר וועלן גיין נאָך א ביסעלע, — האָט עלקע זיך א בעט געטאָן בא איר, — אָן זעסט, דאָרט אפן בערגל וועלן מיר זיך אָפּרוען. גוט?

— גוט, — האָט סוועטע א שאָקל געטאָן מיטן בלאָנדן קעפּל.

„שוין איצט איז איר שווער צו גיין. וואָס זשע וועט זײַן שפּעטער?“ — האָט עלקע א טיף־פארזאָרגטע א קוק געטאָן אפן קינד. סײַדן נעמען עס אף די הענט. באָר זי אליין, קוים וואָס זי שטעלט איבער די פיס. מיטאמאָל האָט זי דערהערט הינטער זיך א הודערײַ פון א לאסטמאשין, וואָס האָט זיך געטראָגן אהער.

— א מאשין!.. — האָט זי א דערפרייטע אויסגערופן. — עפשער, טאָכטערקע, וועלן מיר קאָנען מיטפאָרן...

זיי זײַנען געבליבן שטיין בא דער זײַט וועג — עלקע מיט דער גרויסער טאָרבע אף דער פּלייצע און סוועטע מיט דער קלייניקער. עלקע האָט אופגעהויבן די האנט. קוקנדיק אף איר, האָט אויך סוועטע אופגעהויבן איר דאר הענטל. זיי זײַנען גע־שטאנען ביידע מיט די פארהויבענע הענט און געקוקט אף דער מאשין, וואָס האָט זיך דערנעענטערט אהער, געווארט, אז אָט באלד וועט זי זיך אָפּשטעלן און מע וועט זיי הייסן זיך זעצן. באָר די הודענדיקע לאסטמאשין האָט אפילע אף א האָר ניט פארלאנגזאמט דעם גאנג. מיט א ווינט און ראש האָט זי זיך האסטיק דורכגעטראָגן פארבײַ. דער קוזאָוו איז געווען פול געלאָדן מיט היימישע זאכן — מיט בעטן, שאפעס און שיפאָניערקעס, מיט טישן און בענקלעך. צווישן די עטלעכע אומבאקאנטע מענטשן, וועלכע זײַנען דאָרט געזעסן צונויפגעטוליעט, האָט עלקע באמערקט יוכים כאריטאָנאָוויטש גאָלדמאנען...

„זיך געפּאקעוועט, קאָנטיק, ביז ניט לאנג... ער איז פון יענע, וואָס וועלן גאָר־נישט ניט איבערלאָזן“, — האָט עלקע מיט פאראכטונג און עקל א טראכט געטאָן וועגן אים. עס האָט איר באנק געטאָן און זי האָט זיך געפילט דערנידעריקט פון דעם, וואָס זי האָט זיך גאָר געבעטן צו אים אף דער מאשין. גלײַכצײַטיק איז איר געווען א ביזאָיען פאר די מענטשן, וואָס האָבן געזען שטיין באם וועג א קינד און האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט.

— קום, טאָכטערקע, — האָט זי אָנגענומען סוועטען פארן הענטל, און זיי האָבן זיך געלאָזט גיין ווײַטער.

װען זײ האָבן שױן געשפּאַנט אַרױף־בערגל, האָבן זײ װידער דערהערט אַ הורדערײַ פֿון אַ מאַשין. עלקע האָט שױן ניט געװוּסט, צי זאָל זי אױפֿהײבן די האַנט, צי ניט. מיט דער טאָרבע אױף דער פּלײצע האָט זי געמאַכט אַ טראָט אין אַ זײַט און געבליבן שטײן, שװער איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם. דערפֿאַר האָט סװעטע, ניט אומקוקנדיק זיך אַפֿילו אױף דער מאַמען, אַלײן אױפֿגעהױבן איר הענטל. די הודערײַ איז געװאָרן אַלץ שטאַרקער. די מאַשין האָט זיך האַסטיק געטראָגן און מיטאַמאָל, דערנענטערנדיק זיך צו זײ, פֿאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג און זיך אָפּגעשטעלט.

— זעצט זיך, — האָט פֿונעם קוזאָװ, װאָס איז געװען פֿול מיט דערצװיגליגע פֿונעם ראַיאָנעם קינדערהײם, אַ זאָג געטאָן דער פֿאַרװאַלטער אַלײניטשענקאָ.

באַלד זײַנען עלקע מיט סװעטען שױן געזעסן אין דער מאַשין.

אױף אַזאַ גליק האָט עלקע זיך שױן קימאַט װי ניט געריכט. ביז באַנאַכט, האָט זי געהאָפֿט, װעלן זײ זיך דערקלײַבן ביז ראָזאָװקע, און פֿון דאָרט װעט מען שױן קאָנען פֿאָרן װײַטער מיטן צוג. נאָר װען זײ זײַנען אָפּגעפֿאָרן קימאַט אַ העלפֿט װעג, האָט זיך אָנגעטראָגן זײ אַנטקעגן אַ צעהיצטער מאָטאָציקליסט, און זײ האָבן זיך דערװוּסט, אַז די דײַטשן האָבן ניט װײַט פֿונדאַנען אַראָפּגעװאָרפֿן אַ דעסאַנט. דער װעג אױף ראָזאָװקע איז איבערגעשניטן. פֿאַרבליבן איז דער װעג, װאָס פֿירט קײן סימפֿעראָפּאָל. ניט לאַנג געטראַכט, האָט אַלײניטשענקאָ געהײסן דעם שאָפֿער בײַטן דעם מאַרשרוט. די מאַשין האָט זיך האַסטיק אױסגעקערעװעט און אַװעקגעיאָגט אױף צוריק. אָפּפֿאָרנדיק אַ היפּשע שטרעקע, זיך פֿאַרנומען מיטן שליאַך, װאָס פֿירט אױף דאָרעם.

„אַ גליק... פּאָשעט אַ גליק...“ — האָט עלקע געטראַכט, טוליענדיק צו זיך סװעטען, װאָס איז אײַנגעשלאָפֿן בײַ איר אױף די הענט.

װאָס װײַטער זײ זײַנען געפֿאָרן, האָבן זײ אין װעג געטראָפֿן אַלץ מער פּלײטים. די מאַשין האָט אַריבערגעיאָגט אַ סאַך פֿורן, באַזעצטע מיט פּרױען, קינדער און אַלטע לײַט. אױף מאָרגן אינדערפֿרי איז זי אָנגעקומען קײן סימפֿעראָפּאָל. אַלײניטשענקאָ האָט דאָ געדאַרפֿט לײזן אַ רײ איניאָנים װעגן דעם עװאַקוירטן קינדערהײם, דערײַבער האָט ער באַשטימט צו פֿאַרהאַלטן זיך אױף עטלעכע טעג. עלקע האָט געװאָלט װאָס פֿריִער דערקלײַבן זיך קײן יאַלטע, פֿונװאַנען מע האָט געקאָנט פֿאָרן װײַטער מיט דער שיף. איר מיט סװעטען האָט װידער אָפּגעגליקט — זײ האָבן באַלד אָנגעטראָפֿן אױף אַ מאַשין, װאָס איז געגאַנגען גראָד קײן יאַלטע, און זײ זײַנען מיט איר אַװעקגעפֿאָרן.

אין קרים איז עלקע קײנמאָל ניט געװען. זי האָט אַ פֿאַרגאַפֿטע געקוקט אױף דער פּרעכטיקער שײנקײַט פֿון אָט דעם רײַכן קאַנט מיט זײַן פֿאַרביקער דאָרעם־לאַנדשאַפֿט, מיט זײַנע פּילצאָליקע װײַנגערטענער, נאָענטע און װײַטע בערג, װײַסינקע דערפֿעלעך און שלאַנקע קיפּאַריסן. זי איז געװען איבעראַשט פֿונעם גלאַנץ פֿון באַכטשיסאַרײַ מיט זײַנע אױסטערלישע מינאַרעטן, פֿונעם באַרג אײַ־פּעטרי מיט זײַנע גריבע פּאַשע־לאָנקעס אין סאַמע שפּיץ, פֿונעם װעג, װאָס האָט װוּנדערלעך זיך געדרײט, װי אַ זיגזאַג, אַרום דעם באַרג, אָט זיך געהױבן אין דער הײך

צום הימל, אַט אַראָפּגעלאָזט זיך איבערן סאַמע אָפּגרונט און אָט ווידער אַ שפּרײַז געטאָן אַרויף, פונוואַנען זי האָט צום ערשטן מאָל דערזען די אומענדלעכע בלויקײַט פונעם יאַם...

קיין יאַלטע זײַנען עלקע מיט סוועטען, פאַרפאַליעטע פון דער זון, געקומען צו פאָרן שוין נאָך האַלבן טאָג. אינעם האַפן זײַנען פונקט געשטאַנען צוויי גרויסע שיפן — „טשאַפּײַעוו" און „דונײַ", וועלכע האָבן געבראַכט צו פירן פון דער באַלאַגערטער און העלדיש־קעמפנדיקער אָדעס עוואַקוירטע און פאַרווונדעטע. אינעם מישמאַש און טומל, וואָס איז געשטאַנען אין האַפן, האָט עלקע זיך דערוווסט, אַז ביידע שיפן גייען באַלד אָפּ קיין נאָוואָראָסײַסק. דאָס איז געווען דאָס בעסטע, אַף וואָס זי האָט זיך געקאָנט ריכטן. נאָר קעדיי זעצן זיך אַף איינער פון די שיפן, האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ דערלויבעניש פונעם באַפולמעכטיקטן פאַר די עוואַקואַציע־איניאָנים. קריגן אַזאַ דערלויבעניש איז געווען ניט אַזוי לײַכט: דער באַפולמעכטיקטער האָט געהאַט אַף זיך הונדערטער איניאָנים, עס איז געווען אוממעגלעך צו דערשלאָגן זיך צו אים. עלקען האָט אויך דאָ אָפּגעגליקט. זי האָט זיך דורכגעריסן צו אים און אין דער לעצטער מינוט באַקומען אַ דערלויבעניש. דער באַפולמעכטיקטער האָט איר אַרויסגעגעבן צוויי טאַלאָנען אַף „טשאַפּײַעוו". האַלטנדיק סוועטען פאַרן הענטל, האָט זי מיט דער טאָרבע אַף דער פּלייצע אַוועקגעײַלט צו דער שיף. דער טראַפּ, וואָס האָט געפירט אין דער הייך אַף דער פּאַלובע, איז געווען פײַכט און זיך אונטערגעוויגט. עלקע האָט זיך אויסגעגליטשט. באַלד האָט זי אונטערגעכאַפּט אַ צעפּאַטלטער מיטליאָריקער מאַנצביל אין גרויסע שפּאַקולן. ער האָט בײַ איר גענומען די טאָרבע און געהאָלפן אַרופגיין מיטן קינד אַף דער שיף. די פּאַלובע איז געווען אָנגעשפּיקעוועט מיט מענטשן. ער האָט אָפּגעזוכט פאַר איר אַ שטיקל אָרט און אײַנגעאָרדנט זי מיט סוועטען.

— לאָמיר זײַן באַקאַנט. מײַן פאַמיליע איז לעוואַנדאָווסקי. באַפולמעכטיקטער פונעם אָדעסער ווערקשטעל־זאַוואָד, — האָט ער, אויסווישנדיק די ברילן, זיך פאָרגעשטעלט. — און ווי רופט מען דיך, דו קליינע שטיפערקע? — האָט ער זיך אָנגעבויגן צו סוועטען, וועלכע איז שוין געזעסן אַף דער טאָרבע.

— מיך רופט מען סוועטע, — האָט זי זייער פרײַנטלעך געענטפערט.

— און די פאַמיליע?

— אָרעשינאַ.

— אָ, זייער גוט. איצט זײַנען מיר באַקאַנט. ווען איר וועט עפּעס דאַרפן, ביטע. איך בין שטענדיק גרייט קומען אײַך צוהילף... — ער האָט צוגעזאָגט איניקן צוריקקערן זיך און איז אַוועק.

„טשאַפּײַעוו" האָט דערווײַל לאַנגזאַם, קוים צו באַמערקן, אָנגעהויבן אָפּגיין פון האַפן. די אײַזן־געקאָוועטע דעק פון דער פּאַלובע האָט ווי גענומען פיבערן, שטיל אונטערציטערן. פון אונטן ערגעץ, פון דער טיפעניש פון דער מעכטיקער שיף, פון דער מאַשין־אָפּטיילונג, האָט זיך דערטראָגן אַ דומפּ און אָנגעשטרענגט גערויש. צווישן דער אָפּשווימענדיקער שיף און דעם פאַרלאָזענעם ברעג האָט זיך באַוויזן

א בלויער פאס וואסער, וואָס איז צוביסלעך געוואָרן אַלץ ברייטער. דער פילקעפיקער אוילעם פאסאזשירן איז געשטאַנען אַף דער פאלובע און געקוקט אַפן ברעג, אַפן האַפן און אַף דער אַרופבאַרגיקער אויסטערליש שיינער קוראָרט־שטאָט. עלקע האָט אַף א ווייַל ווי פאַרגעסן אין אַלע אירע דייַגעס און זיך געקוויקט מיט דער צויבערנדיקער, נאָך קיינמאָל ניט געזעענער שיינקייַט. איבער דער באַנאַכטיקער יאַלטע האָט זיך געזעצט די זון א צונטער־רויטע און אָנגעצונדן די שויבן פון די פילצאָליקע גרויסע פענצטער אין די לופטיק־ווייַסע סאַנאַטאָריעס און אָפרו־הייַזער, וואָס האָבן, הייבנדיק זיך אַרוף־באַרג, אַרויסגעקוקט פון די נאָך גריגע סעדער.

„וועט דען דער דייַטש דערגיין אויך אַהער?“ — האָט עלקע א טיף־באַומרויִקטע א טראַכט געטאָן... מיטאַמאָל האָט זי דערהערט, ווי סוועטע רופט זי:

— מאַמע! מאַמע!

— וואָס?

— זע... — סוועטע האָט, זיצנדיק אַף דער טאָרבע, פאַרהויבן די פיסלעך אין די לאַנגע זעקעלעך. אַף איין פיסל איז געווען א סאַנדאַליעטקע, אַפן צווייטן ניט.

— ווו איז די צווייטע סאַנדאַליעטקע? — האָט עלקע א פרעג געטאָן.

— איך ווייס ניט.

— ווער זשע ווייסט?

— איך האָב ערשט א קוק געטאָן און דערזען, אַז זי איז ניטאָ.

— מיסטאַמע האָסטו זי אויסגעטאָן.

— איך האָב ניט אויסגעטאָן.

— ווו זשע איז זי אַהינגעקומען?

וויפל עלקע האָט ניט געזוכט, האָט זי די צווייטע סאַנדאַליעטקע ניט געפונען. קאָנטיק, אַז סוועטקע האָט זי פאַרלוירן נאָך אין האַפן.

— וויִאַזוי פאַרלירט מען עס א סאַנדאַל פון פוס און מע פילט ניט? — האָט עלקע געהאַט טייַנעס צו איר. — וויִאַזוי וועסטו איצט גיין מיט איין סאַנדאַל?

— איך וועל ניט גיין, איך וועל שפרינגען אַף איין פיסל, — האָט סוועטע זיך צעלאַכט.

עלקע האָט זיך אַליין פאַרגעוואָרפן, וואָס אין אַזא צייַט לעבט זי איבער צוליב אַזא קלייניקייַט. דאָך האָט די זאָרג, ווו וועט זי איצט קריגן א פאָר שיכלעך פאַר סוועטען, זי געקימערט מער פון אַלץ.

— ווייסטו וואָס, טאָכטערקע, — האָט עלקע מיטאַמאָל זיך אָנגערופן, — איך וועל מאָרגן אײַנדערפרי אופנייען דיר פון עפעס א פאָר טאַפּקעלעך.

— גוט, — האָט סוועטע א שאָקל געטאָן מיטן קעפעלע, — מאַמע, זע, אָט גייט דער דיאַדיע.

עלקע האָט אופגעהויבן די אויגן און דערזען לעוואַנדאָווסקין, וואָס האָט זיך דערנעענטערט צו זיי, פינקלענדיק מיט די שפאַקולן.

— עפשער ווילט איר אריבער אין טריום? — האָט ער געפרעגט, פארנעמענדיק מיט דער האנט די צעפּאטלטע האָר פונעם הויכן שטערן. — דאָרט איז, עמעס, זייער ענג און הייס... נאָר...

— ניין, מיר וועלן בעסער זײַן דאָ אויף דער פּאלובע. זאָגט, וואָס פאר א שיף גייט עס הינטער אונדז? — האָט עלקע זיך אומגעקוקט.

— דאָס איז „דוניַי"... זייער גוט, וואָס אײַך האָט זיך אײַנגעגעבן זעצן זיך אויף „טשאפּיַיעוו". „דוניַי" איז אן אלטער קאלאָש און ווער ווייסט, ווען ער וועט זיך דערשלעפּן קיין נאָוואָראָסיַיסק. עס האָט אײַך אָפּגעגליקט.

— יאָ, עס האָט אונדז ביכלאַל אָפּגעגליקט, — עלקע האָט זיך עטוואָס אָפּגעּ רוקט, קעדיי לאָזן פאר אים א מער באקוועם אָרט. — ווען מיר קומען קיין יאלטע אויף איין שאָ שפּעטער, וואָלטן מיר איצט דאָ ניט געווען... — זי האָט מיט א געפיל פון דאנקבארקײַט פאר זײַן אופמערקזאמקײַט דערציילט אים, ווי עס האָט זיי געגליקט אין מעשעך פונעם גאנצן וועג פון הוליַיפּאָליע ביז יאלטע. — איך וווּנדער זיך אליין, — האָט עלקע קוים באמערקבאר א פיר געטאָן מיט די אקסלען, — עס האָט מיר שוין לאנג אזוי ניט געגליקט, ווי אין די לעצטע צוויי טעג...

— איר זײַט אמאָל געפאָרן מיט א שיף? — האָט ער זיך פאראינטערעסירט.

— ניין, דאָס ערשטע מאָל.

— און פאר דער יאם־קרענק האָט איר קיין מוירע ניט?

— איך ווייס ניט. נאָר ווען עס הוידעט, איבלט מיך.

— נו, אויב אזוי, — האָט ער גוטמוטיק א שמייכל געטאָן, — האָט אײַך ווידער אָפּגעגליקט: דער יאם איז איצט רויִק.

דער יאם איז בעעמעס געווען זייער רויִק, מע האָט ניט געפילט אפילע, ווי די שיף שווימט. דער ברעג האָט זיך שוין ניט געזען. ארום איז געווען וואסער און וואסער. פונוויַיטן האָט געשימערט נאָר די שיף „דוניַי", וואָס איז געשווומען אין דער זעלבער ריכטונג.

— דער יאם געפעלט דיר? — האָט לעוואנדאָווסקי א פרעג געטאָן סוועטען.

— געפעלט, — האָט זי שטיפעריש א שאָקל געטאָן מיטן קעפּל, — און פישלעך זײַנען פאראַן אין יאם?

— אווואדע. אין יאם זײַנען פאראַן א סאך פיש.

— איז פארוואָס זע איך זיי ניט?

— ווי קענסטו זיי זען? זיי געפינען זיך דאָך אונטערן וואסער.

— די גאנצע צײַט?.. איז פארוואָס דערטרינקען זיי זיך ניט?

— דערפאר, ווײַל זיי זײַנען אזוי באשאפן.

— פארוואָס זײַנען זיי אזוי באשאפן?

— עפשער וועט זײַן גענוג, — האָט עלקע זיך אָנגערופן צו איר, — וועסט אויסוואקסן, וועסטו דעמלט וויסן.

— איך וויל איצט וויסן... איך וויל ניט ווארטן, ביז איך וועל אויסוואקסן... דיאדיע, און די פיש שלאָפן? — איז זי שוין ניט אָפּגעשטאנען.

— אוואדע.
— ווו שלאָפן זיי?
— אין יאם.
— ווי קאָנען זיי אין יאם שלאָפן? — האָט זי זיך צעלאכט. — זיי איז דאָך דאָרט נאס.
— זיי האָבן ליב, אז זיי זאָל זיין נאס. סיידן דו ווייסט ניט, אז פיש האָבן ליב וואסער. אָן וואסער קאָנען זיי ניט לעבן.
— פארוואָס קאָנען זיי אָן וואסער ניט לעבן?
סוועטע האָט אָן אופהער אים פארגעבן פראגן, אף וועלכע אים איז צייטנווייז געווען ניט גאָר גרינג צו ענטפערן. מיט פארגעניגן האָט ער פארבראכט מיטן קינד, ער האָט עס ליב געקראָגן פון דער ערשטער מינוט. סוועטע האָט זיך אויך גלייך צוגעבונדן צו אים. זי האָט אים דערציילט, אז דער טאטע אירער איז א פאָלקאָווניק, אז ער בויט גרויסע, זייער גרויסע סאמאָליאָטן, און וועט איינגיכן שוין קומען צו פליען צו זיי.
און עלקע, וואָס איז געשטאנען דערביי, האָט זיך געפילט שולדיק פארן קינד. פון קינדווייז אוף נארט זי עס, און דאָס קינד גלייבט. נאָר וואָס האָט זי געזאָלט טאָן? זי האָט דאָך איר ניט געקאָנט דערציילן דעם עמעס, וואָס מיט איר טאטן איז געשען...
די פאלובע איז צוביסלעך אלץ מער איינגעהילט געוואָרן אין א פריש־קילבלעכער בלויקייט, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער געדיכטער און טונקעלער בלויקייט פונעם יאם. ארום האָט זיך שוין גאָרנישט ניט געזען. עס האָט זיך נאָר געהערט, ווי דאָס וואסער האָט שטיל געמורמלט און געפליעסקעט. די שיף איז גיך געשווומען. די לופט איז געווען פריש. עס האָט געשמעקט מיט יאָד, מיט געזאלצנס, מיטן גערוך פון פרישער סקומבריע. דער אוילעם אף דער פאלובע האָט גענומען איינמאָסטיען זיך אף די פעק, זיך אויסגעבעט ענג איינער לעבן אנדערן און מידע זיך געלייגט שלאָפן. אף די זעק מיט פראָבקע, וועלכע זיינען געלעגן דערביי, האָט עלקע געמאכט א שטיקל געלעגער און באלייגט סוועטען. לעוואנדאָווסקי איז אוועק אין טריום, געבראכט פון דאָרט א קאָלדרע און איינגעדעקט זי.
— דיאדיע, ווען וועט איר מיר נאָך דערציילן? — האָט זי א פרעג געטאָן.
— מאָרגן. אינדערפרי. ווען דו וועסט אופשטיין. גוט?
— גוט.
מיטן מאָנפאסיע־שאכטל אין האנט איז סוועטע א שמייכלענדיקע גיך אנשלאָפן געוואָרן.
לעוואנדאָווסקי איז געבליבן שטיין מיט עלקען אף דער פאלובע. אים האָט זיך ניט געוואָלט גיין אין טריום. ער האָט איר דערציילט, אז זיין מישפּאָכע — א פרוי מיט צוויי קינדערלעך — געפינט זיך שוין אין קוסטאנײַ, וווהין זי האָט זיך עוואקוירט נאָך מיט אָנדערהאלבן כאדאָשים צוריק, צוזאמען מיטן אָדעסער ווערקשטעלזאוואָד. ער פאָרט טאקע אהין צו זיי. מע האָט אים געהאט איבערגעלאָזט אין אָדעס,

קעדיי דעמאָנטירן און ארויספירן די איבעריקע צעכן. ערשט איצט האָט זיך אים איינגעגעבן מיט גרויסע מאַטערנישן צו עוואַקוירן מיט אַט דער שיף די היפש־פארבליבענע אויסשטאטונג און אויך עטלעכע הונדערט מישפּאָכעס פון די זאַ־וואָד־ארבעטער.

— איר ווייסט שוין, הייסט עס, וווהין איר פאָרט? — האָט עלקע א פרעג געטאָן אזוי, ווי זי וואָלט אים מיט דעם מעקאַנע געווען.

— אוואַדע. מיר פאָרן קיין קוסטאַניי. דאָרט גייט שוין אין פולן גאַנג דער מאָנטאַזש פון אונדזער זאַוואָד. מע וואַרט שוין אף אונדז. דעם קומענדיקן כוידעש וועלן מיר שוין אָנהייבן געבן פּראָדוקציע פארן פראָנט... און וווהין רעכנט איר פאָרן פון נאָוואָראָסייסק? — האָט ער געפרעגט בא עלקען.

— וווהין?.. איך הייב דערווייל נאָך אליין ניט אָן צו ווייסן.

— אויב איר ווילט, קאָנט איר פאָרן מיט אונדז, — האָט ער איר פאָרגע־לייגט, — איך מיין אפילע, אז דאָס וועט זיין דאָס בעסטע פאַר אייַך... אליין וועט אייַך זיין ניט גרינג. מיט אונדז, מיטן זאַוואָד־קאָלעקטיוו, וועט אייַך זיין לייַכטער אין אלע היניזיכטן. איר וועט ניט דארפן זיך וואַלגערן מיטן קינד אף די וואָקזאַלן, ביז איר וועט זיך זעצן אין א צוג. אין נאָוואָראָסייסק באַקומען מיר אַן עשעלאָן. פאַ־ראַן שוין א פאראָרדענונג וועגן דעם. מיטן עשעלאָן פאָרן מיר גלייַך ביז קוסטאַניי... נו, און דאָרט... דאָרט וועט זיך געפינען פאר אייַך סיי ארבעט, סיי א ווױנונג. פונקט ווי פאר אלעמען.

— איך האָב דאָך אָבער קיין שום שייַכעס ניט צו אייַער זאַוואָד, — האָט עלקע פארטראַכט זיך אָנגערופן.

— וועט איר האָבן. זאָרגט זיך ניט. איך נעם עס אלץ אף זיך. דאָס איז מייַן כויוו אפילע, אויב איר ווילט ווייסן. פארפאָרן וועט איר קאָנען דערווייל צו אונדז. מייַן פרוי האָט שוין באַקומען דאָרט א צימער.

— צוליב וואָס זאָל איך אייַך ענג מאַכן? — האָט עלקע דערווידערט.

— איר וועט אונדז מיט גאָרנישט ניט ענג מאַכן. און אויב אפילע יאָ ענגלעך מאַכן, איז זאָגט מיר, וועער רעכנט זיך דערמיט אין אזא צייַט? און ביז מייַן מישפּאָכע האָט באַקומען דאָס צימער, האָבן סיידן מענטשן זי ניט אריינגענומען צו זיך, ניט ענג געמאַכט זיך? קימערט זיך ניט. די פרוי מייַנע וועט זיין צופרידן. זי איז זייער א ווױלע. זי האָט ליב מענטשן. און די קינדער וועלן זיין צוזאַמען. האָבן מיר אָפּגערעדט? פאָרט איר מיט אונדז?

— איך דארף נאָך א טראַכט טאָן.

— ביטע, גיט א טראַכט.

— אינדערפרי וועל איך אייַך זאָגן, — האָט עלקע פארשפּיליעט די אייבערשטע קנעפּלעך פונעם זשאַקעטל.

אף דער פּאַלובע איז געוואָרן קילער. דער נאָרד־אָסט, וואָס האָט זיך פון ערגעץ אָנגעטראָגן, האָט אָנגעיאָגט כמאַרעס. די צעפּודזשעטע כמאַרעס האָבן געדיכט באַ־דעקט א שטיק הימל. דער יאַם איז געוואָרן שוואַרץ און זיך אָנגעהויבן בייזערן.

— אײַך איז ניט קאַלט? — האָט ער אַ פרעג געטאָן. — איך קאָן אײַך ברענגען עפּעס פון טריום אָף אָנטאָן.

— מע דארף ניט, — האָט עלקע מיט דאנקבארקײַט זיך אָנגערופן. זי האָט שוין לאנג ניט געפילט צו זיך אזא באצײַונג, אזויפיל אופמערקזאמקײַט און זאָרג. און דאָס איז איר געווען אָנגענעם.

— די פארנאכטיקע „סוואָדקע" האָט איר ניט געהערט? — האָט עלקע געפרעגט אים.

— געהערט. אין קאיוט־קאָמפּאניע.

— נו, וואָס?.. וואָס האָט מען איבערגעגעבן? — האָט זי מיט אומגעדולד אין דער שטים געפרעגט.

— אָדעס האַלט זיך... פארטיידיקט זיך... זייער פארביסענע שלאכטן ווערן גע־פירט אָף וויאזמער און בריאנסקער ריכטונגען... — האָט ער ניט פרייליך צוגע־געבן. — איך דארף אײַך זאָגן, ווען איך גיב אַ טראכט, אז היטלער געפינט זיך עטלעכע הונדערט קילאָמעטער פון מאָסקווע, ציטערט בא מיר דאָס הארץ.

— ביז מאָסקווע וועט ער ניט דערגיין, — האָט זי זייער שטיל געזאָגט.

— איר מיינט אזוי? — האָט ער מיט האָפענונג אָף איר אַ קוק געטאָן.

— איך צווייפל ניט. לעבן מאָסקווע וועט היטלער ברעכן דעם קאָפּ. אָט וועט איר זען.

כאָטש די לאגע אָף די פראָנטן איז געווען ביז גאָר אַ שווערע, האָט עלקע גע־גלייבט און איז אפילע זיכער געווען, אז אינגיכן וועט קומען אַן איבערבראָך. זי האָט מיט איר גאנצן וועזן געגלייבט אין דער אומבאזיגבארער מעכטיקײַט פון דער רויטער ארמיי, פונעם סאָוועטישן פאָלק, פונעם לאנד.

— אונדזער זאך איז אַ גערעכטע, און מיר וועלן זיגן. אנדערש קאָן עס ניט זײַן!

— ווען וועט עס אָבער זײַן?

— עס וועט זײַן.

— און עס וועט קומען אַ צײַט, ווען מיר וועלן אָט אזוי אָף אַ שיף, אָף דער אָדער אָף אַן אנדערער, זיך אומקערן צוריק אהיים?

— געוויס.

זיי זײַנען נאָך היפּש געשטאַנען און גערעדט. ער האָט איר דערציילט, אז אינ־גיכן נאָכן אָנהייב פון דער מילכאָמע האָט ער אָנגעגעבן אַ מעלדונג, מע זאָל אים שיקן אָפן פראָנט. נאָר עס האָט אים ניט געהאָלפן. פון דער „בראָן" וויל מען אים ניט אראָפּנעמען. ער לעבט דאָס זייער איבער, כאָטש ער פארשטייט, אז אַלס ספּע־ציאַליסט איז ער נייטיק דעם זאַוואָד, באזונדערס איצט, ווען דער זאַוואָד וועט ארבעטן פארן פראָנט.

— און דאָך... דאָך ערגערט עס מיך... נאָר איך מיין, עפּשער... נו, איר ווילט שוין מיסטאמע שלאָפן, — האָט ער זיך אָנגערופן.

— וויפל קאָן איצט זײַן דער זייגער?

— שוין נאָך צוועלף.

עלקע האָט זיך אָנגעבויגן צו סוועטען, וועלכע האָט אין שלאָף זיך א דריי געטאָן, און בעסער אײַנגעדעקט זי מיט דער קאָלדרע.

— א זעלטן מיידעלע בא אײַך, — האָט ער מיט הארץ געזאָגט, — בא מיר זײַנען אויך ווילע, זייער ווילע כעוורע. נאָר אײַערע איז גאָר א בארדאס...

— א בארדאס... — האָט עלקע ניט אָן האנאָע איבערגעכאזערט. — און אָט האָט די בארדאס פֿארלוירן פֿונעם פּיסל א סאנדאל און ניט באמערקט אפֿילע.

— ווו האָט זי פֿארלוירן?

— אין יאלטע, קאָנטיק, אין האפֿן.

— און קיין אנדערע שיכלעך האָט זי ניט?

— איך וועל איבערפּרי אופֿנייען איר א פּאָר טאפּקעלעך. ביז נאָוואָראָסיײַסק וועל איך מיסטאמע באווײַזן. ווען דארפֿן מיר אָנקומען אהין?

— באטאָג, רעכן איך, וועלן מיר שוין זײַן דאָרט, — האָט ער געזאָגט און מיטאמאָל, ווי ער וואָלט עפּעס דערהערט, זיך אומגעקוקט אפֿן פֿארכמארעטן הימל.

ערגעץ פֿון דער הייך, פֿון דער כאשכעס האָט זיך דערטראָגן אן אומקלאָר ווײַט גערויש. עלקע האָט אויך פֿארהויבן דעם קאָפּ און אין א ווײַל ארום דערזען א פּיצינק שטערנדל, וואָס האָט צווישן די אָנגעלאָפֿענע שטיקער וואָלקנס זיך באוועגט אהער.

— אן עראָפּלאן, — האָט זי א באורויִקטע אויסגערופֿן.

— יאָ... אן עראָפּלאן.

בא עלקען האָט זיך אָפּגעריסן דאָס הארץ. זי האָט זיך דערמאָנט אין דער שרעקלעכער געשיכטע, וואָס זי האָט געהערט שוין דאָ אף דער פּאלובע, אז א פֿאשיסטישער עראָפּלאן האָט מיט עטלעכע טעג צוריק ניט ווײַט פֿון סעוואסטאָפּאָל אראָפּגעוואָרפֿן א באָמבע אף א גרויסער סאָוועטישער שיף און עטלעכע טויזנט פֿארווונדעטע זײַנען דערטרונקען געוואָרן.

— וואָס זשע שטייען מיר? — האָט זי צעטראָגן זיך אומגעקוקט, ניט ווויסנדיק, וואָס צו טאָן.

— באורויִקט זיך, — האָט ער זי אָנגענומען בא דער האנט, — עס איז מיסטאמע אן אונדזעריקער.

— פֿארוואָס מיינט איר אזוי? — האָט זי צעשטרייט צוגענומען די האנט.

— זייער אוויִא־באזע איז ווײַט פֿונדאנען.

— דעריבער?.. איר זעט?.. ער פֿליט אהער... איר זעט?..

ער האָט ניט באוויזן איר עפּעס נאָך צו זאָגן, ווי דאָס גערויש אין באנאכטיקן הימל האָט זיך דערנעענטערט און אָנגעוואקסן. מיט א גוואלדיקער שנעלקײַט האָט דער עראָפּלאן אָנגעיאָגט די שווימענדיקע שיף און, ווי א שפּארבער, וואָס גרייט זיך צו ווארפֿן אף זײַן רויב, מיט אָנוואקסנדיקער הודערײַ געמאכט א דראָענדיקן קרײַז איבער דער פּאלובע. עלקע האָט זיך א וואָרף געטאָן צו סוועטען, געכאפּט זי נאָך א שלאָפֿנדיקע אף די הענט און מיט אלע קויכעס זי צוגעדריקט

צו זיך, ווי זי וואָלט מיט דעם באשיצט זי פון עפעס שרעקלעכס. אין דער זעלבער רעגע האָט ערגעץ דאָ דערבײַ, גאָר נאָענט פאר אירע אויגן, שארף א בלענד געטאָן א פלאם פײַער. עס האָט א הילך געטאָן א שטארקער אופרײַס פון א באָמבע. די באָמבע האָט ניט געטראָפן אין שיף — זי איז געפאלן אין יאם. פונעם אָרט, ווו זי איז געפאלן, האָט א זעץ געטאָן אָף א גרויסער הייך א מעכטיקער פאָנטאן, וואָס האָט פארפלייצט די פאלובע. די שיף איז באלד פול געוואָרן מיט א געשריי, געיאָמער און געפילדער פון די פאסאזשירן. די מענטשן אָף דער פאלובע האָבן זיך געריסן צום טריום, פון טריום האָט מען זיך געשפארט ארוף צו דער פאלובע. עס האָט זיך אָנגעהויבן א מוירעדיקע פאניק. עלקע איז אויך געלאָפן מיט סוועטען אָף די הענט. אין דער זעלבער צײַט האָט דער פאשיסטישער אעראָפלאן ווידער געמאכט א קרײַז צו דער שיף. די פאניק אָף דער פאלובע איז געוואָרן נאָך שטארקער.

— מאמע, עס איז מיר קאלט, — האָט סוועטע זי ארומגעכאפט מיט די דארינקע הענטלעך באם האלדז.

עלקע האָט דערזען לעוואנדאָווסקין, וועלכער האָט זיך געשטופט צו זיי. ער האָט געמאכט מיט די הענט און עפעס געשריִען. נאָר זי האָט זײַנע רייד ניט געהערט. זי האָט פארשטאנען, אז באלד קאָן פאסירן דאָס שרעקלעכסטע, און דאָך האָט זי געהאָפט אָף עפעס. פלוצלינג האָט אפסנײַ א בליץ געטאָן א בלענדנדיק פײַער און עלקע האָט דערפילט א שטארקן זעץ אין זײַט. א לופט־כוואליע האָט ארויסגעריסן פון אירע הענט דאָס קינד, אופגעהויבן זיי ביידע אין דער הייך און מיט א ווילדער קראפט א שלײַדער געטאָן איבערן באָרט. וואָס ווײַטער איז געשען מיט סוועטען, האָט זי שוין ניט געזען. עלקע איז געפלויגן מיטן קאָפ אראָפ אין צעבושעוועטן יאם, וואָס איז גרייט געווען זי גלײַך אײַנשלינגען אין זיך. די זעלבע מעכטיקע כוואליע האָט א טראָג אוף און א שלײַדער געטאָן איבערן באָרט אָן א שיר מענטשן, וועלכע זײַנען פארהלושעטע געפלויגן אין וואסער. עס זײַנען אויך געפלויגן אין יאם שווערע קאסטנס מיט אויסשטאטונג, ווערקשטעלן, מאשינעס און אנדער גוטס, וואָס האָט זיך געפונען אָף דער פאלובע.

נאָך א באָמבע, די דריטע שוין, וועלכע דער אעראָפלאן האָט אראָפגעוואָרפן, האָט געטראָפן אין דער מאשין־אָפטיילונג. די ברענענדיקע שיף איז גיך פארפלייצט געוואָרן מיט וואסער, זיך געלייגט אָף א זײַט און אָנגעהויבן זינקען אין דעם זיך בייזערנדיקן יאם.

א פארצווייפלט געשריי האָט זיך געטראָגן פון טויזנטער מענטשן:

— ראטעוועט!!!

— ראטעוועט!!!

צווישן די, וועלכע האָבן זיך געראנגלט מיט די צעבושעוועטע כוואליעס, איז געווען אויך עלקע. סטארענדיק זיך ניט אָנעמען קיין וואסער אין מויל, האָט זי מיט אלע קויכעס, וואָס זײַנען פארבליבן אין איר, געהאלטן אין איין רופן:

— סוועטע!.. קינד מײַנס!.. סווע־טעלע!..

איר האָט זיך געדוכט, אַז צווישן דעם געשריי, וואָס האָט זיך געטראָגן צום הימל, הערט זי סוועטעס וויינענדיק קאָל. סוועטע רופט זי. נאָר ווו איז זי?.. ווו?.. פאַרוואָרפנדיק וואָס ווײַטער די רעכטע האַנט, איז עלקע מיט אַ פאַרקילט האַרץ געשווומען אַהין, ווו איר האָט זיך געדוכט, אַז עס שרײַט דאָס קינד, און אַליין האָט זי די גאַנצע צײַט ניט אויפגעהערט צו רופן:

— סוועטע!.. סווע־טעלע!..

— ראַטעוועט!.. ראַטעוועט!.. — האָבן זיך געטראָגן קולעס פון אַלע זײַטן.

די ברענענדיקע שיף איז גיך געזונקען. פאַנאַנדערטרײַבנדיק פון זיך די רוישיקע כוואַליעס, איז זי אײַנגאַנצן פאַרשוווּנדן אונטערן קאָכיקן וואַסער. אַרום איז גלײַך געוואָרן שטאַרק פינצטער. אײַנשלינגענדיק די גרויסע פּילטויזנטטאָניקע שיף, האָט דער יאַם זיך נאָך מער צעבושעוועט. שוימיקע קאַלטע כוואַליעס האָבן מיט אַ בייז געוואָי זיך געטראָגן איינע נאָך דער אַנדערער, פאַרפלייצנדיק און באַדעקנדיק מיט זיך די קעפּ פון די זיך טרינקענדיקע. די געשרייען פון די מענטשן זײַנען געוואָרן אַלץ שוואַכער און זעלטענער.

עלקע האָט געפילט, אַז באַ איר לאָזן זיך שוין אויס די לעצטע קויכעס. דער קערפּער אין די נאַסע זאַכן איז געוואָרן זייער שווער. עס האָט איר געפעלט אָטעם. אָט־אָט, נאָך איין רעגע, און אַן עק... „בייז, בייז, גיב זיך ניט אונטער!.. גיב זיך ניט אונטער!..״ — האָט זי ביז בלוט פאַרביסן די ציטערנדיקע ליפּן. צונויפגענומען מיטאַמאָל אין זיך דעם גאַנצן ווילן, האָט זי מיט די אויסגעשטרעקטע מידע הענט זיך אַ וואָרף געטאָן פאָרויס, אַרויסגעריסן זיך פון אונטער דער זיך שווער קײַקלענדיקער כוואַליע און ווי אַ פיש ברייט צעעפנט דאָס מויל. זי האָט אָבער ניט באַוויזן אָנצונעמען און אַרײַנציִען גענוג לופט אין ברוסט, ווי אַ נײַע כוואַליע האָט זי אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן איבערן קאָפּ. זי האָט זיך פאַרכלינעט מיט דעם געדיכט־געזאַלצענעם יאַם־וואַסער. עס האָט איר אָנגעהויבן שטאַרק איבלען. „אָט איצט איז דער סאָף... עס ציט זי אַראָפּ... זי גייט צו גרונט...״ זי האָט געוואָלט עפענען די אויגן, נאָר ניט געקאָנט. פּלוצלינג האָט זי דערפילט, ווי עס האָט איר אַ שטויס געטאָן אין זײַט. זי האָט אינסטינקטיוו אויסגעשטרעקט די הענט און זיך אײַנגעקלאַמערט אין דעם. דאָס איז געווען אַ ברעט, וואָס איז פאַרטראָגן געוואָרן אַהער פון דער דערטרונקענער שיף.

— סווע־טע!.. — האָט זי פאַרשטיקט, ניט מיט איר שטים, קוים אויסגעשריִען.

די קולעס פון די מענטשן זײַנען געוואָרן שטילער. בלויז געציילטע פון די עטלעכע טויזנט שיף־פּאַסאַזשירן האָבן זיך נאָך געראַנגלט מיט דער אומבאַראַכמאָנעסדיקער סטיכיי.

„דונײַ״, וואָס איז אויך געווען פול מיט עוואַקויִרטע, איז אָנגעקומען אָפן אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע דעמלט, ווען דער פאַשיסטישער אעראָפּלאַן איז שוין פאַרשוווּנדן און דער יאַם איז שוין געווען אײַנגעשטילט. צווישן די אָנגעבראָקניעטע וואָלקנס, וואָס האָבן דאָ און דאָרט באַדעקט דעם נידעריקן הימל, איז געשווומען אַ בלייכע איבערגעשראָקענע לעוואָנע און געוואָרפן אַ בלאַסע שײַן אויף די אומהיימ־

לעכע וואסערן, פונוואנען עס האָבן נאָך פון צײַט צו צײַט זיך געטראָגן איינצלנע שוואכע אויסגעשרייען. דער קאפיטאן פון „דונײַ" האָט באפוילן דרינגענדיק אראָפּלאָזן פון באָט־דעק די רעטונגס־שיפלעך. איינס פון זיי האָט, אָפּשווימענדיק גאנץ ווײַט, אָנגעטראָפן אפן ברעט, אין וועלכן עס איז געווען אײַנגעקלאמערט עלקע...

ווען מע האָט עלקען ארויפגעהויבן אף דער פּאלובע פון „דונײַ", איז זי געווען אָן באוווסטזײַן. עס האָט זי געטרייסלט, ווי אין קאדאָכעס. מע האָט זי געמוזט טיי־קעף דערוואַרעמען. צווישן די שיף־פּאסאזשירן האָבן זיך געפונען א סאך גוטע מענטשן, וואָס האָבן אוועקגעגעבן זייערע קאָלדרעס, קישנס, ווארעמע מאנטלען. עמעצער האָט געבראכט ספּירט, א צווייטער וואלעריאנקע. מיט מאטערניש האָט מען אראָפּגעצויגן פון איר די דורכגעווייקטע שווער־געוואָרענע בגאָדים, דאָס העמד, די זאָקן, אויסגעווישט איר פאַרקאַלייעט ציטערנדיק לײַב, גוט אָנגעריבן מיט ספּירט, אײַנגעוויקלט אין קאָלדרעס און צוגעדעקט מיט קישנס. סאָפּקאָלסאָף האָט עלקע א שוואכן קרעכץ געטאָן, צעעפנט אירע דערשראָקענע אויגן און זיך פארגאנגען אין א שרעקלעך ווײַ־געשריי:

— סוועטע!.. ווו איז מײַן קינד? סוועטע! אוי, קינד מײַנס!..

די מענטשן, וועלכע האָבן זיך געייסעקט ארום איר, האָבן געפּרוווט זי בארויִקן, געזאָגט, אז דאָס קינד איז אונטן אין קאיוטע, איז אויסער געפאר, אליין האָבן זיי אלע ווײַלע זיך אומגעקוקט אפן הימל און זיך אײַנגעהערט, צי פליִען ניט אהער קיין אעראָפּלאנען...

שטיקנדיק זיך מיט די אייגענע טרערן, איז עלקע צוריק ארײַנגעפאלן אין כא־לאָשעס. מיטאמאָל האָט זי ווידער זיך א כאפּ אויף געטאָן און גענומען פארצווייפלט שרײַען:

— ווו איז מײַן קינד?.. ווו איז זי?.. סוועטע!.. סווע־טע!.. קינד מײַנס...

— —

נאָך האלבן טאָג איז „דונײַ" בעשאָלעם ארײַן אין נאָוואָראָסיִיסקער האפן. עלקען האָט מען פאָרזיכטיק אראָפּגעטראָגן פון דער שיף אף א טראָגבעטל. זי איז געלעגן מיט פארמאכטע אויגן און ניט אופגעהערט וויינען. דאָס צעווייטעקטע הארץ האָט זיך בא איר געריסן אף שטיקער: „ווען זיי קומען אף איין שאָ שפּעטער קיין יאלטע... ווען זיי טרעפן ניט די שיף... ווען זיי זעצן זיך ניט אף „טשאפּײַעוו", נאָר אף „דונײַ"... פונוואנען האָט זי געקאָנט וויסן?.. פונוואנען?.."

אין האפן האָט שוין געווארט א קארעטע פון גיכער הילף, מיט וועלכער מע האָט עלקען אוועקגעפירט אינעם אָרטיקן נאָוואָראָסיִיסקער שפּיטאָל.

קאפּיטל צען

די בוריאנאָווקער האָבן זיך געשלעפּט מיט די הויך־אָנגעלאָדענע און שווערע וועגענער איבער דעם מאריִופּאָלער שליאך. געזעסן איז מען אף די פורן אין ענגשאפט, הארט איינער לעבן דעם אנדערן, אָדער אָנגעשפּארט א פּלייצע צו א פּלייצע. דער

אוילעם איז געווען זייער מיד און אויסגעשעפּט. ווער עס האָט געהאַט די מעגלעכ־קײַט, האָט זיך ווי־ניט־איז אויסגעצויגן, צונויפֿגעדרייט איינגעדרײַען און געדרעמלט. די ווײַבער האָבן געשריִען אויף די קינדער, געאַמפּערט זיך צווישן זיך. סיבעס פֿאַר דעם זײַנען געווען גענוג. אייניקע האָבן נאָכאַנאַנד געקרעכצט, זיך אויסגעטײַנעט מיט זיך אַליין און מיטן ריבוינע־שעל־אוילעם, געשאָלטן מיט טויטע קלאָלעס היטלערן און די מעכאַשייפֿע, וואָס האָט אים אין א פֿינצטערער שאָ געבוירן, קעדיי ברענגען אַזויפֿיל אומגליק און צאָרעס אויף דער וועלט.

אויף דעם ערשטן וואָגן, וווּ עס איז געווען ביז גאָר ווייניק זאַכן, איז געפֿאָרן דער קאָלווירט־פֿאָרזיצער כאָנציע, און צוזאַמען מיט אים נעכאַמקע, וועלכע האָט זיך נאָך געפֿילט שוואַך, קאַטערינע כאָמע טראַסקונס, דער אַלטער ראַכמיִעל מיט זײַן אַלטיטשקער.

אויפֿן צווייטן וואָגן איז געפֿאָרן דאָדיע בורלאַק, זײַן ווײַב כאַנע־איטקע, די טויבע זיבן־און־נײַנציקיאָריקע עלטערבאָבע ציפּוירע, וועגן וועמען מע פֿלעגט צווישן זיך זאָגן, אַז „זי האָט פֿאַרגעסן צו שטאַרבן“, און די צוויי שניר מיט די צוויי אייניקלעך — קסעניע מיט איר דרײַיאָריק מיידעלע, וואָס האָט געטראָגן א ווײַסרוסישן נאָמען ליוואָנעכע, און לייע־דוואָסיע „די סאַמאָקריטיקע“ מיט איר שטענדיק צעדראַפּעטן זוזיקן.

אויף דער דריטער פֿור, וואָס האָט מיט אירע ניט געשמירטע רעדער געטראַכקעט שטאַרקער, ווי אַלע אַנדערע, איז געפֿאָרן ריקליס מיט ריקליסיכען, היִנדע די לאַנגע און שיִע קוקוי מיט זײַן מישפּאָכע. היִנטער זיי האָבן זיך געצויגן פֿורן מיט די איבעריקע בוריאַנאָווקער, און צום לעצט שוין האָט, עטוואָס אָפּשטייענדיק, זיך נאָכגעשלעפּט פֿאַרקוטעט אין שטויב דער וואָגן, אויף וועלכן עס האָט אָנגעטריבן יודל פּיסקון.

די בוריאַנאָווקער האָבן אונטערגעיאָגט די פֿערד, גענוקעט און געפּײַפּט מיט די בײַטשן. מע האָט געדאַרפֿט זיך צוײַלן, קעדיי באַווײַזן אַריבערגיין מיטן פֿאַראָם דעם טײַך, ווײַל די דײַטשן האָבן געקאָנט איבערשנײַדן זיי דעם וועג. דאָס האָט באַאומרויִקט יעדן איינעם און באַזונדערס כאָנציען, וועלכער האָט געטראָגן די אַכרײַעס ניט בלויז פֿאַר זיך, נאָר פֿאַר אַלעמען. פֿאַר אָט די טעג, וואָס זיי האָבן פֿאַרלאָזט דעם כוטאָר, איז כאָנציע געוואָרן שטאַרק כוישעך און אויסגעזען א סאַך עלטער פֿון זײַנע קימאַט זעכציק יאָר. די גראָווע־פֿאַרוואַקסענע באַקן זײַנען בא אים געווען אײַנגעפֿאַלן און אײַנגעצויגן אַזוי, ווי ער וואָלט אין מויל ניט געהאַט קיין איין צאָן. דער האַלדז — זייער דאַר, די הויט — אין קנייטשן. דער פּידזשאַק איז געהאַנגען אויף אים, ווי ער וואָלט אים אָנגעטאָן נאָך א שווער־פֿאַרצויגענער קרענק. די בוריאַנאָווקער, וועלכע האָבן אים געקענט אַלס א שרעקלאָזן און אָפּט אַפילע צו האַרבן מענטשן, וואָס ווערט פֿאַר קיינעם און פֿאַר קיין שום זאַך ניט ניספּאָעל, וואָלטן ניט געגלייבט, אַז ער לעבט אַזוי איבער און קאָן אַליין ניט קומען צו־זיך פֿון דעם, וואָס זיי האָבן מיט די אייגענע הענט פֿאַרברענט אַזויפֿיל שווער־פֿאַרהאָרעוועט גוטס — די טווּע אין די אַמבאַרן. געקרענקט האָט אים אויך דאָס, וואָס זיי

האָבן איבערגעלאָזט אַף העפקער די געראָטענע פּעלדער מיטן גרינענדיקן ווינטערווייץ. כאַנציע האָט געהאַט אויך צו זאָרגן אי וועגן נעכאַמקען, וואָס האָט זיך נאָך געפילט שוואַך, אי וועגן דער עלטערער טאָכטער, וועגן קרויבען, פון וועמען, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, איז קיין איין בריוו ניט אָנגעקומען.

מיט אַן אומרויִקער הודערײַ האָבן אַריבערגעיאָגט די בוריאַנאָווקער פּורן גרינגעפאַרבטע, אין צווייַגן פאַרמאַסקירטע מאַשינעס, אָנגעלאָדענע מיט קריגס־אַמוניציע. באַ דער זײַט פון דעם ברייט־אויסגעפאָרענעם וועג זײַנען פאַרשטויבטע און אויסגעמאַטערטע געגאַנגען אין ניט גלײַכע צעשאָטענע רייען אָפּטרעטנדיקע רויטאַרמייער. זיי האָבן געשפּאַנט שווײַגנדיק מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי זיי וואָלטן זיך געפילט שולדיק פאַר אָט די אַלע אַף די וועגענער, וואָס האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען און שלעפּן זיך מיט פּיצלעך קינדער און מיטן ביסל סקאַרב אין אומבאַקאַנטע ערטער.

זיצנדיק אָנגעשפּאַרט אַף אַ קישן אין מיט פונעם וואָגן, האָט נעכאַמקע מיט דורשטיקע אויגן זיך אײַנגעקוקט אין די אָנגעכמורעטע און מידע פּענעמער פון די רויטאַרמייער. איר האָט זיך געדוכט, אַז אָט וועט זי צווישן זיי פּלוצלינג דערזען וואָווען. זײַן טייל האָט זיך דאָך געפונען, ווי ער האָט געשריבן אינעם לעצטן בריוו, ערגעץ גאָר נאָענט פון די היימישע ערטער. נעכאַמקע האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איינעם, זיך אײַנגעקוקט אין יעדן, און מיטאַמאָל האָט זי באַמערקט אַ הויכן און דאַרן רויטאַרמייער מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן בלאָנדן קאָפּ. באַ איר האָט אופגעצאַפּלט דאָס האַרץ. זי האָט פאַרגעסן, אַז זי דאַרף זיצן רויִק, און ראַפּטאָם זיך אַ הייב אוף געטאָן.

— וואָווע! — האָט זי מיט אַ פריידיקן ציטער אין קאָל אויסגעשריִען. — וואָווע!

ניט דער רויטאַרמייער מיטן פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ, ניט קיין אַנדערער צווישן זיי האָט זיך אַפילע ניט אומגעקוקט. פאַרוווּנדערט אומגעקוקט האָבן זיך אַף איר כאַנציע און אַלע איבעריקע, וועלכע זײַנען געזעסן אַפן וואָגן. נאָר זיי אַלע זײַנען איצט נעכאַמקען ניט אָנגעגאַנגען. זי האָט, ווי פריִער, ניט ביספּאָל ווערנדיק פאַר קיינעם, ניט אופגעהערט זיך אײַנקוקן אין יעדן רויטאַרמייער, עפּשער וועט זי דאָך צווישן זיי טרעפן וואָווען...

פאַרנאַכט־צו האָט זיך אָנגעהויבן דערטראָגן אַהער אַ קאַנאָנאַדע. כאַנציע האָט גיכער אונטערגעטריבן די גניאַדע שקאַפּעס, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צוביסלעך צושטיין. ער האָט איבערגעלעבט, כאַנציע, געפילט זיך שולדיק, וואָס ער האָט אַ ביסל פאַרצויגן מיטן עוואַקויִרן זיך. „ווי נאָר ער האָט באַקומען די אָנווײַזונג פון ראַיאָן, האָט מען געדאַרפט גלײַך, דעם זעלבן טאָג, זיך זעצן אַף די וועגענער און פאָרן. ניט געטאָרט פאַרהאַלטן זיך אַפילע קיין איין איבעריקע שאָ". עס האָט אים איצט אָנגעהויבן שרעקן, טאָמער וועט דער דײַטש איבערשנײַדן דעם וועג, ביז זיי וועלן באַווײַזן אַריבערגיין מיטן פּאַראָם דעם טײַך. וואָס וועט דעמלט זײַן? און ביז דעם פּאַראָם איז דאָך פאַרבליבן ניט ווייניקער, ווי נאָך אַ טאָג פאָרן.

יודל פּיסקונען ווידער האָט באומרויִקט דאָס, וואָס ביז דעם פּראָם איז פאַר־בליבן סאַכאַקל איין טאָג פאָרן. „אויב עס וועט גאָרנישט ניט געשען און זיי וועלן באוויַיזן אריבער דעם טיַיך, איז דעמלט אַלץ פאַרפאַלן“, — האָט ער געטראַכט. ער האָט צעטומלט ווידער און נאָכאַמאָל געטומען איבערקלערן, וואָס ער האָט צו טאָן. היַינט נאָך, קאַלזמאַן עס איז ניט שפּעט, מוז ער זיך ראַטעווען. איין אויסוועג: באַנאַכט, ווען אַלע וועלן שלאָפן, זאָל ער ניט סטיַיען. ביז אינדערפרי וועט מען אפילע ניט באַמערקן, אַז ער איז ניטאָ. און נאָכדעם זאָלן זיי אים זוכן. פאַר אַ פּאָר טעג ציַיט וועט ער דערגיין ביזן כוטאָר, און דעמלט... דעמלט... יודל האָט שטילער־הייט אַ טאַפּ געטאָן בא דער בוזעם־קעשענע, ווו עס איז געלעגן טיף באַהאַלטן די ציַיגעניש, וועלכע מע האָט אים אַרויסגעגעבן אין לאַגער. אָט די ציַיגעניש איז אים איצט געווען טיַיערער פון אַלץ. אַף איר האָט ער געלייגט זיַין גאַנצע האָפע־נונג. „יאָ, היַינט באַנאַכט... ווי נאָר זיי וועלן אַנשלאָפן ווערן...“

יודל האָט זיך נאָך מער איַינגעהויקערט און אַ הויכן קרעכץ געטאָן.

„וויפל איז אים, נעבעך, אויסגעקומען איבערצוליַידן, — האָט זעלדע, אומקוקנ־דיק זיך אַף זיַין געהויקערטער פּלייצע, אַ טראַכט געטאָן, — אַכט יאָר אָפּגעקומען ערגעץ אין אויסרייַסעניש... אַזויפיל ברויט האָט מען איצט פאַרברענט מיט די אייגענע הענט... און אים פאַר אַ פּאָר זעקלעך אַף אַכט יאָר פאַרשיקט...“ זי האָט מיט מיטליַיד געקוקט אַף זיַין געבויגענער פּלייצע און דערמאָנט זיך, ווי מע האָט אים דעמלט געמישפּעט. ער איז געזעסן אָפּגעזונדערט פון אַלעמען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, באַוואַכט פוןביידע זיַיטן... ביז איצט געדענקט זי, ווי עלקע רודנער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ פלאַמיקער באַשולדיקונגס־רעדע און דער גאַנצער קלוב האָט אַפּלאָדירט. זי, זעלדע, האָט אויך אַפּלאָדירט צוזאַמען מיט אַלעמען. נאָר איין דאָבע, וועלכע איז געזעסן פאַרוקט אין ווינקל מיט אַ נאַסן האַנטעך אַפן קאָפּ, האָט שטיל געכליפּעט. איצט, קוקנדיק אַף יודלען, האָט זעלדען אָנגעהויבן באַנק טאָן, וואָס זי האָט דעמלט אַפּלאָדירט. מע האָט ניט געדאַרפט זיַין אַזוי שטרענג און האַרב צו אים. וואָס פאַר אַ ווערדע האָט עס געהאַט פאַרן קאָלווירט אַ פּאָר זעקלעך ווייץ? עס וווּנדערט זי איצט, פאַרוואָס זי האָט דעמלט אַזוי ניט געטראַכט. פאַרוואָס זיַינען זיי געווען דעמלט אַזוי דערצאָרנט אַף אים? אַ קלייניקיַיט עפּעס, אַף גאַנצע אַכט יאָר פאַרשיקט!.. איצט האָט איר ווי געטאָן דאָס האַרץ פאַר יודלען. ער האָט געהאַט אַזאַ נעבעכדיק אויסזען, אַז עס איז אַ ראַכמאָנעס געווען צו קוקן אַף אים. זי האָט נאָך ניט געזען אַ מענטשן, וואָס זאָל זיַין אַזוי שטאַרק דערשלאָגן, ווי ער. און דעם גאַנצן וועג שוויַיגט ער. רעדט מיט קיינעם ניט. אַפילע מיט דאָבען רעדט ער קימאַט ניט. זעלטן ווען ער ענטפערט איר מיט אַ וואָרט. זעלדען האָט זיך פאַרוואָלט זאָגן אים עפּעס. זיך דורכריידן אַ ביסל מיט אים. זי האָט זיך אָנגעבויגן און, אַריבערשריַיענדיק די קינדער, וועלכע האָבן געטומלט, עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד אַ רוף געטאָן יודלען, ביז ער האָט סאָפּקאָלסאָף דערהערט.

— האַ?.. וואָסי?.. — האָט ער צעפּודזשעט אַ פרעג געטאָן, אומקוקנדיק זיך.

— איך זאָג... עפּשער וועט איר זיך זעצן אהער, — האָט זעלדע געוויזן אַפן מיט וואָגן לעבן דאָבען, וועלכע האָט, אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אַף אַ פּאַק, גע־דרעמלט. — זעצט זיך אהער... איך וועל האַלטן די לייצעס...

— וואָסי? וואָסי דען?.. — האָט ער מיט כשאַד זיך אַ קאָסיע געטאָן אַף איר.

— איר וועט זיך כאָטש אָפּרוען אַ ביסל. איר פילט זיך דאָך ניט וואָזשנע, זע איך...

— האַ־האַ... יאָ, אוואַדע, וואָסי שייעך... — האָט ער, אַ קרעכץ טועַנדיק, גע־זאָגט, — נאָר וואָס קאָן מען טאָן... איך וועל שוין ווי־ניט־איז... אַבי... אַבי איך זיץ שוין אַפן וואָגן...

די קינדער, וועלכע האָבן פון דער ערשטער מינוט פיינט געקראָגן יודלען פאַר זיין אָנגעכמורעטקייט און שווייגן, האָבן זיך איצט מיט פאַרוווּנדערונג אומגעקוקט אַף אים.

— וואָס מיינט איר, איך דאַרף אייך זאָגן, אַז עס איז טאַקע אַ נעס, וואָס איר זיצט אָט דאָ מיט אונדז אַפן וואָגן, — האָט זעלדע זיך איבערגערוקט נעענטער צו אים, — נאָך גוט, וואָס איר האָט באַוויזן זיך אומקערן אין כוטאָר, איידער מיר האָבן זיך עוואַקויִרט. עס איז נאָך אויך אַ גליק...

— פאַרשטייט זיך... נו, יאָ, אוואַדע. וואָסי שייעך... — האָט יודל אַ שטאַמל געטאָן. אים האָט זיך געוואָלט אָפּטשעפּען זיך פון איר. ער האָט זיך געפילט רויִקער זיצנדיק מיטן פּאָנעם צו די פערד. נאָר קאָלזמאַן זעלדע האָט גערעדט צו אים, האָט ער אָפּקערן זיך פון איר ניט געקאָנט און געמוזט ליידן.

— ווען איר קומט מיט עטלעכע טעג שפּעטער, וואָלט איר דאָך אַפילע ניט געוווּסט, ווו מיר זיינען. ווו וואָלט איר אונדז געזוכט? ווו וואָלט איר אונדז געפונען? דער איקער, מיר זאָלן איצט נאָר אריבער בעשאָלעם דעם טייך.

— דעם טייך?.. נו, יאָ... אוואַדע... וואָסי שייעך... מיר וועלן אריבער, נאָך ווי אריבער...

—האַלעווײַ, — האָט זעלדע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — און איר... איך בעט אייך... האָט קיין פאַריבל ניט אַף אונדז... די צייט איז געווען אזא... און איצט וויל אוואַדע קיינער אייך קיין שלעכטס ניט... דעמלט האָבן מיר אויך ניט געוואָלט. שעפּטל האָט אַף זיין לעבן קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן... ווער ווייסט... ווער ווייסט, וואָס מיט אים איז, — האָט זי אַ שטילן זיפץ געטאָן, — ווען איך זע כאָטש דעם מענטשן, מיט וועמען ער האָט דעם גרויס איבערגעגעבן. וואָס זאָגט איר, גע־דאַרפט קומען אַ מענטש איבערגעבן אַ גרוס פון אים און ניט געקומען.

יודל האָט געקוקט אַף איר אזוי, ווי ער וואָלט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וועגן וואָס זי רעדט.

— האַ?.. וואָסער מענטש?.. — האָט דאָבע אַ פרעג געטאָן, אויפכאַפּנדיק זיך פונעם דרעמל.

— איך האָב אייַך סייַדן ניט געזאָגט? — האָט זעלדע זיך פאַרוווּנדערט. און, וועלנדיק אויסריידן אַ ביסל דאָס האַרץ, האָט זי פאַרזאָרגט דערציילט וועגן דעם בריוו, וואָס זי האָט באַקומען פון שעפטלען מיט דער לעצטער פּאָטשט פאַרן פאַרלאָזן דעם כוטאָר און ווו עס איז געווען געשריבן, אַז ער האָט איבערגעשיקט אַ גרוס און אַ מאַטאָנע פאַר איר און פאַר די קינדער.

— איך הער ס׳ערשטע מאָל. וואָס האָט ער געשיקט? — האָט דאָבע, אונטערהוידענדיק זיך אַפן וואָגן, אַ פרעג געטאָן.

— פונוואַנען זאָל איך וויסן, וואָס ער האָט געשיקט? איך האָב דאָך דעם מענטשן ניט געזען. ער איז דאָך ניט געקומען.

— געקאָנט אוואַדע זיך עס איבערלאָזן, — האָט דאָבע געזאָגט, — אויסקרענקען זאָל ער עס.

— מיילע, כּיי וואָלט ער די מאַטאָנע ניט אָפּגעגעבן, — האָט זעלדע מיט האַרץ געזאָגט, — אָבער דעם גרוס. ווער ווייסט, ווען איך וועל גאָר איצט קאָנען באַקומען אַ בריוו פון שעפטלען.

„פאַרוואָס האָט זי מיטאַמאָל פאַרפירט אַ רייד וועגן דעם, — האָט יודל אומצופרידן אַ טראַכט געטאָן, — אַ גרוס ווילט זיך איר... זי וועט שוין איצט לאַנג וואַרטן. ער קאָן שוין, וואָסי שייַעד, ליגן דאָרט ערגעץ אונטער אַ בערגל...״ — ער האָט מיטן פאַרוואַקסענעם פּאָנעם זיך אויסגעדרייט צוריק צו די פערד, וועלכע האָבן מיד איבערגעשטעלט די פיס. עס איז שוין געווען ניט פרי. די קילבלעכע שפּעט־האַרבסטיקע זון האָט זיך שוין געהאַט געזעצט, איז פאַרשווּנדן הינטער אַ ווייַט בערגל, אָנצינדנדיק דעם הימל־ראַנד אין רויטקייַט, ווי עס וואָלט אַף דעם געפאַלן אָן אָפּגלאַנץ פון ווייַטע ברענענדיקע דערפער. אין אַ ווייַלע אַרום איז די רויטקייַט פאַרשווּנדן, דער הימל־ראַנד איז געוואָרן אָראַנזשעווע, באַכדעם ביסלעכווייַז פיאָלעטעווע און דורכויס בלוי. עס איז אומבאַמערקט צוגעפאַלן דער אָוונט. די פאָדערשטע פור, אַף וועלכער עס איז געפאָרן כאָנציע, האָט פאַרקערעוועט פונעם וועג און זיך פאַרנומען אין אַ זייַט מיט דער באַלקע. נאָך איר האָבן זיך אַוועקגעצויגן די איבעריקע פורן. אָפּשטייענדיק עטוואָס, האָט אהין פאַרקערעוועט אויך יודל פיסקון. די פורן האָבן זיך אָפּגעשטעלט איינע נאָענט פון דער אַנדערער אונטער די הויכע טאָפּאָלן, וועלכע האָבן ווי אַרומגערינגלט אַ סטעפּישע קרענעצע.

דער אוילעם איז אַראָפּגעקראָכן פון די וועגענער און איז גלייַך געקומען אין באַוועגונג. ווער עס האָט אויסגעשפּאַנט די פערד, געפּענטעט זיי און געלאָזט זיך פּאַשען אַף דער דערבייַיקער לאָנקע, ווער עס האָט קלינגענדיק מיטן עמער אַרויסגעצויגן קאַלט וואַסער פון דער טיפער קרענעצע, ווער עס האָט געשלעפּט פון אַרוף־בערגל קוקורוזע־שטענגלעך אַף אונטערצושפּרייטן די געלעגערס, ווער עס האָט פאַריכט דעם צעטרייסלטן וואָגן, צורעכט געמאַכט דאָס געשפּאַן. די ווייַבער האָבן זיך געייסעקט מיט די קינדער, אַרומגעווישט זיי די פאַרשטויבטע פּענעמער, אַרויסקריגנדיק פון די געפּלאָכטענע קוישלעך און פון די טאָרבעלעך די נאָך פאַרבלייבענע שפּייַז, — שוין אָלטגעבאַקענעם ברויט, טרוקענעם האַרטן קעז, פאַרגעלטן

פוטער, — געהאַדעוועט זיי. לעבן די וועגענער האָט מען הויך גערעדט, געאַמפּערט זיך פאַר די ערטער, אויסגעוואָרפן איינע דער אַנדערער פאַרשיידענע אוולעס, אָן וועלכע מע האָט זיך איצט דערמאָנט, און מיט טויטע קלאָלעס געשאָלטן היטלערן...

יודל פּיסקון איז קרעכצנדיק אַראָפּגעקראָכן פון וואָגן דער סאַמע לעצטער, ער האָט זיך לאַנג געייסעקט, ביז ער האָט אויסגעשפּאַנט די פערד און געלאָזט זיי זיך פּאַשען, נאָכדעם האָט ער, איַינבייגנדיק זיך אינדרייַען, פּאַמעלעך זיך געזעצט אויפן דישל.

— וואָסי מיט דיר? — האָט דאָבע, וועלכע האָט געבראַכט צו שלעפּן צום וואָגן א קופּע קוקורוזע־שטענגלעך, אים א פרעג געטאָן.

— אוי... עס איז מיר ניט גוט... — האָט ער זיך פאַרקרימט, — מאַך מיר אָן אָרט צום לייגן זיך...

— וואָס עפּעס מיטאַמאָל?.. — האָט זי פאַרזאָרגט־צעטראָגן אים אָנגעקוקט.

— די קריזשעס... די קריזשעס האָבן מיר געכאַפּט... קוים וואָס איך זיץ... מאַך מיר אָן אָרט... לאָז מיך זיך לייגן...

— שוין... שוין... — האָט דאָבע, מוירע האָבנדיק, ער זאָל זיך ניט אָנהייבן טשעפּען צו איר, גיך, א מיד־צעבראָכענע, געמאַכט לעבן וואָגן אויף די קוקורוזע־שטענגלעך א געלעגער פאַר אים. ווען יודל האָט זיך געלייגט, האָט זי אים גוט איַינגעדעקט מיט דער אַלטער בורקע.

— און עסן וועסטו עפּעס? — האָט זי, שטייענדיק איבער אים מיט צונויפגעלייגטע הענט, א פרעג געטאָן.

— איך ווייס?.. — האָט יודל פאַרשטיקט אַרויסגעכאָרכלט.

— נו, גוט. איך וועל דיר שוין געבן...

ביז דאָבע האָט זיך געייסעקט מיט יודלען, האָט זעלדע קוים מיט צאָרעס אָנגעהאַדעוועט די קינדער. נאָכדעם האָט זי אַראָפּגענומען פון וואָגן דאָס פאַרשטויבטע בעטגעוואַנט, אויסגעטרייסלט און דערבייַ אונטערן טאָפּאָל אויסגעבעט איין געלעגער פאַר אַלעמען. לעבן די איבעריקע וועגענער האָט מען זיך אויך געבעט, געטומלט, געראַשט, געשריִען אויף די קינדער, וועלכע זייַנען אַרומגעלאָפן הין און הער.

אינעם טונקעלן עטוואָס פּייַכטלעכן דרויסן האָט אָנגעהויבן צוביסלעך ווערן קיל, און ווי באַר זעלדע האָט איַינגעלייגט שלאָפן שאַלעמקען, האָט קורט זיך אויך גלייַך פאַרקליבן אונטער דער קאָלדרע און פאַרכאַפּט אַן אָרט, קעדיי לייגן לעבן זעלדען. צווישן די קינדער האָט זיך אָנגעהויבן א קריג, א טומל, א שטופּעניש. יעדעס פון זיי, אי טייַבעלע, אי עסטערקע, אי שמועלקע, האָט, ווייבאַלד אזוי, געוואָלט לייגן לעבן דער מאַמען. זעלדעס רייד צו זיי האָט גאַרנישט ניט געהאָלפן. דעמלט האָט זי גענומען צו זיך דעם שלאָפנדיקן שאַלעמקען, און זיי האָבן זיך באַרויִקט.

באַלד איז מיט איר פּאַק בעטגעוואַנט אונטערגעקומען דאָבע.

— נו, ווי פילט ער זיך? —האָט זעלדע א פרעג געטאָן.

— ער שלאָפט.

— זייער גוט. ער וועט זיך אויסשלאָפֿן, וועט אים ווערן גרינגער.

— האַלעוויַי, — האָט דאָבע פֿאַרדייַגעט געזאָגט, — ער איז פֿריִער אויך געווען א קנאַפּער גוואַר, איצט איז ער אינגאַנצן אויס מענטש. א שיוורע־קיילע...

— וואָסי דער וווּנדער? — האָט זעלדע באַדויערנדיק געזאָגט.

פֿאַרבײַ איז דורכגעגאַנגען כאָנציע. זיך אָפּגעשטעלט.

— ווו איז יודל? — האָט ער מיד א פֿרעג געטאָן.

— ער פֿילט זיך ניט וואַזשנע, — האָט דאָבע זיך באַקלאָגט, — די קריזשעס האָבן אים געכאַפּט. ער שלאָפֿט שוין.

כאָנציע האָט מער גאָרנישט ניט געזאָגט. דורכקלײַבנדיק זיך צווישן די געלע־גערס, וועלכע זײַנען דאָ און דאָרט צעשפּרייט געווען אַף דער ערד, איז ער אַוועק צו דעם פֿאַרהילטן אין טונקלקײַט וואָגן, פֿון וועלכן עס האָט זיך געהערט נעכאַמ־קעס יונגע שטים.

ליגנדיק איבערגעדעקט מיט דער בורקע, האָט יודל פֿיסקון מיט א פֿאַרטײַעטן אָטעם זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין טאַבאָר. דערהערט, ווי כאָנציע האָט עפּעס א פֿרעג געטאָן דאָבען וועגן אים, האָט בא יודלען אָנגעהויבן שרעקלעך טיאָכקען דאָס האַרץ. און כאָטש כאָנציע איז באַלד אַוועק, האָט יודל זיך שוין ניט געקאָנט באַרויִקן. „פֿאַרוואָס האָט ער פֿלוצלינג געפֿרעגט וועגן אים... עפּעס האָט ער דאָך געוואָלט... אומזיסט, וואָסי שײַעך, וואָלט ער דאָך ניט גע־פֿרעגט... זאָל זײַן, אז ער האָט עפּעס אָנגעשמעקט?..‟ יודלען האָט באַשלאָגן א גע־דיכטער שווייס. ער איז געלעגן ווי א פֿאַרגליווערטער, מוירע האָבנדיק א ריר צו טאָן מיט אן אייווער. צוביסלעך איז דער טומל אַרום די וועגענער אײַנגעשטילט געוואָרן. פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן האָט זיך דערטראָגן א צעצויגן פֿײַפֿן פֿון די נעז און א מיד כראָפּען.

דער טאַבאָר איז אײַנגעשלאָפֿן...

קאַפּיטל עלף

וויי עס האָט נאָר אָנגעהויבן גרויען אַף טאָג, איז כאָנציע, ווי שטענדיק דער ערשטער, שוין געווען אַף די פֿיס. ער איז געגאַנגען פֿון וואָגן צו וואָגן און מיט א פֿאַרקילט־הייזעריקער שטים געוועקט דעם שלאָפֿנדיקן אוילעם, אונטערגעײַלט, מע זאָל זיך וואָס פֿריִער לאָזן אין וועג, קעדיי באַוויַיזן נאָך הײַנט דערקלײַבן זיך ביזן פֿאַראָם און אַריבער דעם טײַך.

מיד־צעבראָכענע, צעקנייטשטע, פֿאַרקאָלייעטע, האָט מען, אומצופֿרידענע דער־פֿון, וואָס מע האָט זיי איבערגעריסן דעם פֿאַרטאָגיקן זיסן שלאָף, זיך אופגעזעצט אַף די מיט טוי־באַדעקטע געלעגערס, אַרויסגעקראָכן פֿון אונטער די פֿײַכט־געוואָ־רענע בורקעס, קאָלדרעס און אַלטע פּעלצן און, שווער איבערשטעלנדיק די פֿיס, אַוועק שפּאַנען די פֿערד. די ווײַבער האָבן וואַרעמער אָנגעטאָן די וויינענדיקע קינ־דער, צונויפֿגעלייגט די זאַכן און געשלעפּט צוריק אַף די וועגענער.

מיט אַ ווייטעק אין קאָפּ האָט זיך אופגעהויבן אויך דאָבע, און דאָס ערשטע איז זי אוועק אַ קוק טאָן, ווי פילט זיך יודל. לעבן וואָגן האָט זי אים ניט געטראָפן. „אַבי ער איז אופגעשטאַנען, — האָט זי צופרידן אַ טראַכט געטאָן, — אַ סימען, אַז ער פילט זיך בעסער. אוועק מיסטאַמע נאָך די פערד“.

אינגיכן זײַנען די ארומיקע וועגענער שוין געווען אײַנגעשפּאַנט און גרייט צו פאָרן, און יודל האָט נאָך אַלץ ניט געבראַכט צו פירן די פערד.

„וואָס געדויערט דאָס בײַ אים אַזוי לאַנג?“ — האָט דאָבע זיך אָנגעהויבן ערגערן.

אַף דער ניט ווײַטער לאָנקע, וועלכע איז פאַרהילט געווען אין אַ געדיכט־ווײַסלעכן נעפּל, האָבן די צוויי פאַרבליבענע בולאַנע פערד קוים וואָס זיך אַרויס־געזען. דאָבע האָט זיך אײַנגעקוקט אַהין, געזוכט מיט די אויגן יודלען, נאָר אים האָט זי ניט געזען. „עפּשער איז אים דאָרט געוואָרן ווידער ניט גוט“, — האָט זי אַ טראַכט געטאָן און אַ באַאומרויִקטע זיך געלאָזט אַהין. אַף דער לאָנקע איז יודל ניט געווען. „ווו זשע איז ער?“ — האָט דאָבע ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. מיט די אָפּגעכאַלעשטע פינגער האָט זי פאַנאַנדערגעפּענטעט די פערד און פאַרנומען זיי צום טאַבאָר.

דאָדיע בורלאַק, שיִע קוקוי, ריקליס און די איבעריקע קאָלווירטניקעס, אומצו־פרידענע, וואָס מע פאַרהאַלט זיך מיטן פאָרן, זײַנען שוין געשטאַנען מיט די בײַטשן אין די הענט און געוואַרט.

— און ווו איז יודל? — האָט כאָנציע מיט דער פאַרקילט־הייזעריקער שטים אַ פרעג געטאָן.

— אַף דער לאָנקע איז ער ניטאָ... — דאָבע האָט פאַרלוירן זיך און אומגעקוקט אַפן אוילעם, וואָס איז געשטאַנען דערבײַ. איר האָט זיך געדוכט, אַז זיי ווייסן עפּעס און ווילן איר ניט זאָגן. קיינער פון זיי האָט אָבער, פונקט ווי זי, ניט אָנגעהויבן צו ווייסן, וואָס עס איז געשען באַנאַכט מיט יודלען און ווהין ער איז אַנטרונען געוואָרן.

— אַ מאָדנע געשיכטע, — האָט דאָדיע בורלאַק פאַרטראַכט זיך אָנגערופן, — אַזאַ מײַסע... און קיינער האָט גאָרנישט ניט געהערט, ניט געזען...

— איך האָב דאַפּקע יאָ באַנאַכט זיך אופגעכאַפּט. קורט האָט געהוסט. האָב איך געהערט אַ טראַכקערײַ אַפן שליאַך. מיליטער... אַ סאַך מיליטער... — האָט זעלדע געזאָגט. און, ווי זי וואָלט וועלן באַרויִקן דאָבען, צוגעגעבן: — עפּשער איז ער אוועק מיט זיי, מיט דער אַרמיי...

— איך ווייס?..

— איר האָט דאָך געזאָגט, אַז ער האָט זיך געפילט ניט גוט, — האָט כאָנציע מיט כשאַד אַ קוק געגעבן אַף דאָבען.

— נו, יאָ... אַוואַדע... ער האָט זיך געקלאָגט. די קריזשעס האָבן אים ווײ געטאָן.

— וויִאַזוי זשע איז ער אוועק?

— פונוואַנען זאָל איך וויסן?

— אַ מאָדנע געשיכטע, — האָט דאָדיע בורלאַק איבערגעכאַזערט.

א ווײַל איז מען נאָך געשטאנען אין פארלעגנהײַט, זיך געבראָכן די קעפּ און ניט געקאָנט צו גאָרנישט זיך דערטראכטן.

— נו, געבנוג. ניטאָ וואָס צו הײַען די צײַט, — האָט כאָנציע אָן אָנגעכמורעטער א זאָג געטאָן, — זעצט זיך אף די וועגענער. לאָמיר פאָרן.

— וויאזוי קאָן איך פאָרן? ווי קאָן איך אָן אים? — האָט דאָבע אומבאהאָלפן זיך אומגעקוקט.

— וואָס זשע ווילט איר? איר ווילט בלײַבן דאָ?

— וואָס זשע זאָל איך טאָן? ווי קאָן איך זיך לאָזן פאָרן, אז איך ווייס ניט, וואָסי מיט אים, ווו ער איז אהינגעקומען...

— און אז איר וועט בלײַבן דאָ, פונוואנען וועט איר זיך דערוויסן? — האָט כאָנציע, סטארענדיק זיך אײַנהאלטן די אופגערעגטקײַט, געזאָגט און זיך געלאָזט צום וואָגן, וואָס איז געשטאנען אנטקעגן ברונעם. די איבעריקע האָבן זיך געלאָזט צו זייערע וועגענער. אײן זעלדע איז געבליבן שטיין לעבן דאָבען.

— קומט, זעצט זיך, — האָט זעלדע אָנגענומען דאָבען בא דער האנט, — אומזיסט עסט איר זיך אָפּ דאָס הארץ. איך קאָן אײַך שווערן, אז איר וועט אים טרעפן שוין דאָרט, בא דעם טײַך. נו, זאָגט אלײן, ווהין האָט ער געקאָנט אנדערש אהינקומען. מע האָט אים, אָט די, וואָס זײַנען פארבײַגעפאָרן, האָבן אים מיסטאמע גענומען, ער זאָל ווײַזן דעם וועג. וואָס זשע אנדערש? אָט וועט איר זען, אז ער וועט ווארטן אף אונדז לעבן פאראָם.

— אוי, וואָס האָט ער זיך אָנגעזעצט אף מײַן לעבן! פון דעם ערשטן טאָג אָן האָב איך נאָר צאָרעס פון אים. — קרעכצנדיק איז דאָבע ארופגעקראָכן אפן מיט טויבאדעקטן פײַכטלעכן וואָגן, ווו עס זײַנען שוין פון לאנג געזעסן די פארקאָלייטע קינדער, צונויפגעקאָרטשעט און צוגעטוליעט אײנס צום אנדערן. אינעם פארטאָגיקן דרויסן איז געווען קאלט. די שפעט־הארבסטיקע זון, וואָס האָט זיך ערשט געהאט אויסגעפּיקעוועט, האָט ארויסגעקוקט ווי מיט אײן בלוטיקן אויג פון אהינטער דעם גרוי־פארנעפּלטן ווײַטן בערגל און נאָך לאכלוטן ניט געוואַרעמט. זעלדע מיט שאָלעמקען אף די הענט האָט זיך אײַנגעמאָסטיעט פון פאָרנט, דאָרט, ווו עס איז ביז איצט דעם גאנצן וועג געזעסן יודל פיסקון, און א צי געטאָן די לייצעס. די דרעמלענדיקע פערד, וועלכע זײַנען געשטאנען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, האָבן אופגעשטעלט די אויערן און אָן כיישעק זיך גערירט פון אָרט.

דעם גאנצן טאָג האָבן די בוריאַנאָווקער זיך געשלעפּט מיטן שטויביקן שליאָך, וועלכער איז געוואָרן אלץ מער און מער פול מיט פליטים און מיט אָפּטרעטנדיקע צעשפליטערטע און צעזייטע טיילן פון דער רויטער ארמיי. פון פארשיידענע ערטער, פון ווײַטע שטעטלעך און אויך פון די ארומיקע דערפער און כוטאָרס האָבן זיך געצויגן אהער און זיך ארײַנגעגאָסן אין דעם ברויזיקן שטראָם, וואָס האָט פארפלייצט און פארפולט דעם ברייט־אויסגעפאָרענעם שליאָך, הויך־אָנגעלאָדענע, שווער־סקריפּענדיקע וועגענער, הארבעס און מאזשארעס. אייניקע וועגענער און הארבעס זײַנען איבערגעצויגן געווען, ווי ציגײַנער־בײַדלעך, מיט פארביקע

אוקראַיִנישע רעדנעס, אייניקע מיט אַלטע היימיש־געשטריקטע טעפּעכער, אייניקע מיט ברעזענטן, און עס האָט זיך דערטראָגן פֿון דאָרט אַ קרעכצן פֿון אַלטע לײַט און אַ געוויין פֿון פּיצלעך קינדער. באַ דער זײַט פֿון דעם איבערגעפֿולטן שליאַך האָבן געזשומעט און געגרילצט קאָלווירטישע טראַקטאָרן, וועלכע האָבן געשלעפּט הינטער זיך צעטרייסלטע קאָמבײַנען און נאָך נײַע רויט־געפֿאַרבטע זייעלקעס. איבערגעמישט מיט די קאָלווירטישע פֿורן, האָבן זיך געצויגן מיליטער־וועגענער מיט פֿוראַזש, אויסגעלאָשענע פֿעלדקיכן, סאַניטאַר־מאַשינעס, באַוועגלעכע ראַדיאָ־סטאַנציעס און פֿורלעך מיט פֿאַרוווּנדעטע רויטאַרמייער. דורך די ווײַסע בינטן, מיט וועלכע עס זײַנען פֿאַרבאַנדאַזשירט געווען די קעפּ, די אַקסלען און די אַראָפּגעהאַנגענע פּיס, האָבן זיך געזען פֿרישע בלוט־פֿלעקן... אין דעם דאָזיקן מישמאַש האָבן די בוריאַנאָווקער זיך דאָך געהאַלטן צוזאַמען. איין וואָגן איז געגאַנגען האַרט נאָכן אַנדערן, און ענדלעך, שוין היפּש נאָך האַלבן טאָג, האָבן זיי, אויסמײַדנדיק דעם אַרויף־באַרג, דערזען אונטן דעם ברייט־צעגאָסענעם טײַך.

דער נידעריקער ברעג טײַך איז שוואַרץ געווען פֿונעם האַמוין, וואָס האָט באַלאַגערט דעם צוגאַנג צום פּאַראָם. עס איז דאָרט געשטאַנען אַ שרעקלעכער טומל. יעדער איינער האָט זיך געסטאַרעט דורכרײַסן זיך נעענטער צו דעם צעהוידעטן בריקל, וואָס האָט געפֿירט אויפֿן פּאַראָם.

די בוריאַנאָווקער וועגענער זײַנען געבליבן שטיין עטוואָס אין אַ זײַט, און כאַנציע איז אַוועק זיך דערוויסן, וואָס עס טוט זיך דאָרט. זיצנדיק אין דער הייך אויפֿן וואָגן, האָט דאָבע צוזאַמען מיט זעלדען זיך אײַנגעקוקט אין דעם אוילעם, וואָס האָט, ווי אַ ריזיקער אויפֿגערודערטער בינשטאָק, געהישעט און געזשומעט אַרום און אַרום. זיי האָבן געמיינט און געהאָפֿט אָפּזוכן דאָרט יודלען. מיטאַמאָל האָבן זיי דערהערט פֿון אַלע זײַטן דערשראָקענע אויסרופֿן:

— פּאַראַשוטיסטן!

— פּאַראַשוטיסטן!

ניט אָנהייבנדיק נאָך צו פֿאַרשטיין, וואָס דאָס זאָל באַטײַטן, האָבן זיי דערזען לויפֿן צוריק כאַנציען. ער האָט הויך געסאָפּעט. דאָס פּאָנעם איז באַ אים געווען שוואַרץ, ווי די ערד. לויט זײַן אויסזען האָט זעלדע פֿאַרשטאַנען, אַז עס האָט געטראָפֿן עפּעס שרעקלעכס.

— וואָסי? וואָסי געשען? — האָט זי אַ געשריי געטאָן צו אים.

— דײַטשישע פּאַראַשוטיסטן. אויף יענעם ברעג טײַך. דעם וועג איבערגעשניטן...

— טאַטע!.. גיכער אַהער!.. — האָט נעכאַמקע, באַמערקנדיק עפּעס, געשריִען צו אים פֿונעם וואָגן.

נאָר כאַנציע איז מיטאַמאָל געבליבן שטיין און פֿאַריסן דעם גראָוון קאָפּ אין דער הייך. מיט אַן אָנוואַקסנדיקן גרויזאַם־דראָענדיקן גערויש האָבן פֿון הינטער אַ וואָלקן אומגעריכט זיך באַוויזן אין הימל דרײַ שווערע באָמבאַרדירער. אויסבילדנדיק אַ דרײַעק, האָבן זיי זיך פֿאַרנומען גלײַך צום פּאַראָם. זיי זײַנען געפֿלויגן נידעריק,

ווי זיי וואלטן זיכער געוועזן, אז עס דראעט זיי ניט קיין שום געפאר. דער פאראם, אנגעשפיקעוועט מיט די גליקלעכע, וועמען עס האט זיך איינגעגעבן זיך דורכרייסן און ארופכאפן אף אים, איז געווען אין מיט פונעם טייך, די באמבארדירער האבן באלד אים דערגרייכט, און אין דער זעלבער רגע איז דער גאנצער ארום אופגעטרייסלט געווארן פון א שרעקלעכן אופרייס. אף די וועגענער, הארבעס און מאזשארעס האט זיך אופגעהויבן א ווירוואר. פון אלע זייטן האט זיך דערטראגן א פארצווייפלט געשריי, א געוויין פון די ווייבער און קינדער. מע האט גיך גענומען פארקערעווען אף צוריק. איין וואגן האט געשפארט אפן אנדערן, איין מאשין — אף א צווייטער. מע האט זיך פארטשעפעט מיט די רעדער, מיט די ברייטע דראבינעס, זיך געשטויסן מיט די פאריסענע דישלען. די שאפערן האבן אן אופהער צעצויגן אומרויק געהודעט, עס האבן, פארכלינענדיק זיך, געררעוועט די מאטארן, די אנטרייבער האבן פארביטערט זיך געזידלט, גענוקעט, געפאכט און געשטשאבעט מיט די בייטשן. די צעפודזשעטע פערד האבן דערשראקן געהירזשעט, געביסן מיט די ציין די צוימען, ווילד געשליידערט מיט די הינטערשטע פיס, געשטעלט זיך דיבאם...

איבערן טייך האבן איינע נאך דער אנדערער זיך אופגעריסן נאך דריי באמבעס. און די מעהומע איז געווארן נאך שטארקער...

אין א וואך ארום האבן די בוריאנאוקער וועגענער, באוואכט פון עטלעכע עסעסלייט, זיך געשלעפט און דערנעענטערט צו זייער פארלאזענעם כוטאר. פון דעם ניטהיימלעכן גרויען הימל, וואס האט נידעריק זיך אראפגעלאזט איבער דער פארנעפלטער ערד, האט שוין דעם דריטן מעסלעס טאג און נאכט געמאראקעט א שפעטהארבסטיקער בודנער, שיטערער רעגן. אלץ, וואס האט זיך געפונען אף די וועגענער, איז געווען דורכגעווייקט אף דורך און דורך. פון די אויסגעדייוורטע פערד, וועלכע האבן שוין קוים איבערגעשטעלט די פיס, האט געשלאגן א געדיכטע פארע. די קאלווירטניקעס, פארוואקסענע פאר דער צייט מיט געדיכטע בערד, זיינען מידע און דערשלאגענע געגאנגען נאך די זיך אונטערוויגנדיקע וועגענער, און שטיקער בלאטע, וועלכע האבן זיך אפגעקלעפט פון די הינטערשטע רעדער, זיינען געפלויגן זיי אין די פענעמער אריין. קיינער האט קייןווארט ניט ארויסגעבראכט. די ווייבער זיינען פארקאלייעטע געזעסן אף די וועגענער מיט פארשטשעמעטע ליפן און געשוויגן. די איבערגעשראקענע קינדער האבן ניט געוויינט.

מע איז געפארן זייער פאמעלעך, ווי אף א לעווייע.

און אזוי איז מען אריינגעפארן אין דעם רעגנדיק־אנגעכמורעטן פוסטן כוטאר.

די שטיבער זיינען געשטאנען מיט פארקלאפטע פענצטער, אזוי ווי מע האט זיי איבערגעלאזט. אין די שוין אפגעוועלקטע שיטער־געווארענע פאליסאדניקעס מיט די טונקעלע נאקעטע ביימער האבן נאך ערטערווייז געבליט שפעטע צונטערראטע כריזאנטעמעס. און בא דאדיע בורלאקן אין הויף איז, ווי פריער, געשטאנען דער גרויסער לופטיקער באלאגאן, וועלכן מע האט געהאט אויסגעבויט צו דער גאלדענער כאסענע...

אינהאלט

	זײַט
ערשטער טײל	3
צװײטער טײל	113
דריטער טײל	227

Нотэ Лурье

НЕБО И ЗЕМЛЯ

(на еврейском языке)

• • •

Издательство «Советский писатель»

• • •

Редактор *М. Иткович*
Художник *Г. Кравцов*
Художеств.-техн. редакция: *А. Токер, И. Шустер*
Корректоры *А. Стрельник, Д. Грозовская*

• • •

Сдано в набор 5/VI 1965 г. Подписано к печати 17/VIII
Формат 60×84 1/16
19,25 п. л. (17,90+0,21 вкл.=18,11).
Уч.-изд. л. 19,20+1 вклейка =19,24. Тираж 10 000. Зак. 500.
Цена 83 коп.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Государственного Комитета Совета Министров СССР по печати.
Пер. Аксакова, 13.

4